STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09682

OYFN TSESHEYDVEG

Yitzhak Kahn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק קאַהאַן

✶

אויפן צעשיידוועג

יצחק קאהאן

אויפן
צעשיידוועג

ליטעראטור־קריטיק
עסייען
אימפרעסיעס

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"א — 1971

ITZHAK KAHN

OYFN TZESHEIDVEG

(ON THE CROSSROAD)

יצחק קאַהאַן / אויפֿן צעשיידוועג

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24 תל־אביב, ישראל
"Hamenora", Publishing House, 24 Zangwil St., Tel-Aviv, Israel

©
COPYRIGHT BY I. KAHN
42, Wilgah St. East St. Kilda
MELBOURNE, AUSTRALIA

נדפס בישראל תשל"א
Printed in Israel 1971

דפוס „מופת", י. ריזמן, ת"א, רח' עין־הקורא 6, טל. 32968

מיין **חנהן** און **שמואלן** — פאר
זייער הילף און דערמוטיקונג

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין זונעלע **דודל**,
מיין ברודער **צבי מרדכי**,
מיין שוועגערין **פייגע**.

אינהאַלט

צװישן תקופות

דער אומשטערבלעכער נביא 11
דער אײביקער קװאַל 18
מענדעלעס ירושה פאַר די אוראײניקלעך 29
דוד בערגעלסאָנס ניגון אין דער יידישער פּראָזע־קונסט . . . 44
דער פּוילישער ייד — דער װעלטייד — אין אַפּאַטאַשוס װערק . . 56
י. י. טרונקס „פּוילן" — דער עפּאָס פון פּוילישן יידנטום . . . 75
אברהם רייזען — דער עטיקער און בעל־רחמים 89
חיים גראַדעס „צמח אַטלאַס" 97

דיכטער און דיכטונג

פּאַטוס, גורל, גזר, באַשערטקייט —
בײ װיקטאָר הוגאָ און בײ ה. לייװיק 109
פון קורצשורהדיקן ליד ביז צו די דראַמאַטישע װערק . . . 117
ייד־מענטש־װעלט־קריזיסן אין לייװיקס װערק 127
דער קינסטלערישער גאַנג פון אַ יידיש־
דיכטערישער פּערזענלעכקייט 133
„כ'טו דערמאָנען" — יעקב גלאַטשטיינס חורבן־לידער . . . 143
צו נײע קינסטלערישע הױכן 151
ניגונים און פאַרבן־קאָמפּאָזיציעס פון ים־המוות 160
די דערשײנונג איציק מאַנגער 172
דער זינגפויגל — מאַנגער 187
אליעזר גרינבערג — דער לעבנסװעג פון אַ יידישן פּאָעט . . 197

חיים גראַדעס „אויף מיין וועג צו דיר"	208
רחל קאָרנס ליד פון היים און הימלאַז	216
רחל קאָרנס „די גנאַד פון וואָרט"	224
ישראל שטערן — א „סוד צווישן סודות"	231
יוסף פּאַפּיערניקאָוו — דער באַזינגער פון טרוים און טרויער	246
דער טראַגישער ראָמאַן מיטן אָקטאָבער	252
דאָס בשמים־הדסל אין יעקב פרידמאַנס דיכטונג	259
וועגן מאיר זימל טקאַטשס „האָב און גאָב"	266
אַ וועלט מיט פּאָעטישער שיינקייט	272
פּאָעטישע אויטענטישקייט	279
„דיכטער און דיכטונג" פון א. טאַבאַטשניק	284

שרייבער און ווערק

מענדל מאַן — דער מאָלער פון ישראל־פּייזאַזש	295
וועגן לייב ראָכמאַנס „מיט בלינדע טריט איבער דער ערד"	303
אברהם זאַקס „געוועזן אַ יידיש פּוילן"	309
יוסף אָקרוטניס „אָרעם גליק" און „אַ הויז אויף אַלטשטאָט"	315
ל. חן־שמעוניס „באַזאַלט"	322
אַ קינסטלערישער צוזאָג	327
אין זכות פון ליטערן וואָרט	335

אויסטראַליאַנאַ

פנחס גאָלדהאַר — דער פּיאָנער פון יידיש־קינסטלערישן וואָרט אין אויסטראַליע	343
י. ראַפּאַפּאָרט — דער קריטיקער און עסייִסט	355
הערץ בערגנער און זיין שאַפן	361
די אויסטראַלישע ליטעראַטור — איר אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג	368
פּעטריק ווהייט	385
הענרי לאָוסאָן — דער אויסטראַלישער טשעכאָוו	390

צווישן תקופות

דער אומשטערבלעכער נביא

„און קיין מאָל האָט דאָס בלוטנדיקע יידישע האַרץ נישט געבענקט אַזוי צום נביא, ווי היינט: צום נביא, וואָס זאָל זיך שטעלן אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג, די וועלט זען, און די יידישע נשמה אין איר אַנטפּלעקן" (י. ל. פּרץ).

דורך דעם האַלבן יאָרהונדערט, זינט פּרץ איז געשטאָרבן, זענען אין דער וועלט פאָרגעקומען אַזעלכע קאַלאָסאַלע ענדערונגען, וועלכע קיין שום נביא האָט נישט געקענט פאָרויסזען. און דאָך, ווען מען פאַרטיפט זיך אין פּרצעס ירושה, אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדזערע אויגן די שטרעבונגען, געראַנגלען און חלומות פון אונדזער צעבלוטיקטן דור. ער געהערט צו די אומשטערבלעכע דיכטער, וועלכע זענען פאַרבליבן די נביאים פון גייסט, זיי ווערן גייסטיק ביי יעדן דור פון דאָס ניי געבוירן און באַנייט.

פּרצעס אומשטערבלעכקייט איז נישט פאַרבונדן מיט עטלעכע קוואַלי־טאַטיווע גרויסע שאַפונגען. ער איז אין זיין גרויסקייט, אין זיין אויסווירקונג, ווי בכלל אין זיין גייסטיקער ירושה, נישט סתם אַ ליטעראַרישער פענאָמען, נאָר דער פאַרקערפּערער און געשטאַלטער פון דער יידישער, אומרויִקער נשמה. פון זיין שטורעמדיקן, הייסן האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן דער דורותדיקער יידישער צער, דער היסטאָרישער אומרו, וואָס וואַרצלט אין דער נאַציאָנאַלער יידישער פּסיכיק.

פּרץ איז דער עקספּרעסיווסטער און אַלזייטיקסטער אויסדרוק און אויסשטראַלונג פון יידישקייט, וואָס נעמט אַרום אַלע פאַזעס — אָרטאָ־דאָקסיע, השכלה און חסידות־ראָמאַנטיק — זוכנדיק דעם סינטעז פון אַלע דריי אין די הומאַנישע ווערטן פון יידישן שאַפן, וואָס זאָל דינען ווי אַ שוצוואַנט פאַר אונדזערע אומרויִקע, סכנותדיקע צייטן. ער האָט דער יידישער ליטעראַטור געגעבן ציל, באַוווסטזיין, שליחות, חשיבות, אידעען־געראַנגלען — די גאַנצע אַנקייטלונג פון אונדזערע געשיכטלעכע, גייסטיקע קאַמפן, אידעען, מיט זייערע נאָכפאָלגונגען.

ער האָט זיך אַרויסגעהויבן פון זיין צייט און דור מיט זיין טיפן אויסבליק און אַריינבליק אין דער יידישער וועלט, וואָס איז געשטאַנען על פרשת הדרכים, צווישן נעכטן און היינט. די משכילישע אינטעליגענץ האָט געבלאָנדזשעט אויף זייטיקע און פרעמדע וועגן ביים זוכן אייראָפּעישע קולטור און בילדונג פאַרן פאָלק. בעת די בלאָנדזשענישן האָט זיך פאַר די אבות פון דער יידישער ליטעראַטור אַוועקגעשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע: „וווהין גייט דאָס יידישע לעבן?" וויטער שפּינען דעם געשיכטלעכן פאַדעם, אָדער זיך אויפלעזן צווישן די פעלקער?

מענדעלע האָט געזען פאַר זיך גנילאָפּאָטעווקע: דאָס גאַנצע רייסן זיך אין דער וועלט אַריין וועט דאָס יידישע לעבן נישט אַוועקפירן וויטער פון טונעיאַדעווקע.

שלום-עליכם האָט שוין געזען דאָס יידישע לעבן אין אַ צושטאַנד פון באַוועגונג. ער האָט געגלויבט, אַז טוביהס סטאָיִשער אָפּטימיזם מיט מנחם מענדלס דינאַמישקייט וועט ערגעץ צופירן דאָס יידישע לעבן צו אַ ברעג. ער האָט דאָס מער דערשפּירט מיט זיין קינסטלערישער אינטויִציע, וויל אינטעלעקטועל האָט ער נישט געקענט דערזען אָט יענעם אומבאַקאַנטן לאַנד — דער געשיכטלעכער המשך פון כתרילעווקע.

פרץ האָט אין דעם געשיכטלעכן איבערברוך-מאָמענט געפונען דעם יסוד פאַר אַ רענעסאַנס אין יידישן לעבן. זיין קינסטלערישער טעמפּעראַמענט פון איין זייט, זיינע ברייטע אינטעלעקטועלע האָריזאָנטן פון דער צווייטער, האָבן אים געגעבן אַ קאַמפּאַס פאַר יידישן קיום דורך אַ סינטעז פון אַלט און ניי יידישקייט. זייענדיק אויסגעבונדן מיט דער געשיכטלעכער גאָלדענער קייט פון יידיש-גייסטיקער שעפערישקייט, האָט ער איז נאַציאָנאַל-וועלטלעכן קולטור-רענעסאַנס, מיט אַ פאָלקסטימלעכן נעאָ-ראָמאַנטיזם, געזען דעם וועג, וואָס פירט צו אויפלעבונג און באַנייונג פון דעם יחידישן און קאָלעקטיוון לעבן.

פרצעס שעפערישער גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך געשלענגלט דורך: רעאַליזם, ראָמאַנטישן אינדיווידואַליזם און סטיליזירטן קאָלעקטיוויזם פון געלייטערטער פאָלקסטימלעכקייט. ער האָט זיך געחברט מיט אַלע שטרעמונגען פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, אויסגעפּרוווט זייערע אינסטרומענטן, וועלכער פון זיי וועט אַמבעסטן קענען אַרויסברענגען דעם אינעווייניקסטן ניגון פון יידישן מענטש.

דער רעאַליזם פון „טויטן שטעטל" האָט אים נישט באַפרידיקט. קען דען דאָס מענטשלעכע לעבן ווערן קאַרדיאָגראַפירט דורך אַ נשמהלאָזן רעאַליזם, וואָס דערזעט נישט וואָס עס טוט זיך אונטער דער הויט? פרץ האָט דערזען, אַז דער רעאַליזם פון „טויטן שטעטל" איז קורצזיכטיק, ער פירט נישט צו זיך, נאָר פון זיך, קעגן זיך, אַפילו קעגן דער אייגענער נשמה.

צו באַפרייען זיך פון דער שווערער משא, וואָס דער רעאַליזם האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיין געמיט, האָט פרץ זיך אַוועקגעלאָזט מיט שווונג צום ראָמאַנטיש-סטיליזירטן אינדיווידואַליזם. אָבער ר' שלמהס גייסטיקער אומרו, וואָס איז באַהויכט מיט דער ראָמאַנטיק פון דער גרויסער אידעאַלער טאָט נאָך דערלייזונג, קען זיין שעפעריש נאָר ווען ער באַווייזט צו פּער־מענטירן די דרעמלענדיקע כוחות פון קאָלעקטיוו. יחידישע בונטאַרישקייט מעג זי זיין גרויס־פּאַרמאָסטן, איז פאַרמשפּט אויף דורכפאַל, אויב זי באַווייזט נישט מיטצורייסן מיט זיך די דינאַמישע כוחות פון קאָלעקטיוו. אין דעם שטעקט דאָך ר' שלמהס דורכפאַל! ביחידות איז ער נישט בכוח אַ טרייסל צו טאָן די ווענט פון יריחו... כדאי אָנצווייזן ביי דער געלעגנהייט אויף אַ נישט־פּאָסיקן פאַראַלעל: אייניקע שרייבער האָבן ר' שלמהן פּאַר־גליכן מיט זאַראַטוסטראַן, וועלכער איז לחלוטין אָפּגעריסן פון דער מאַסע. ר' שלמה איז ענג פאַרבונדן מיטן קאָלעקטיוו. ער וויל אים נאָר אויפהויבן צו די באַרגשפּיצן, ווו אָדלער נעסטן... ער סימבאָליזירט די אינזיכיסטישע ראָמאַנטיק, אָנגעלאָדן מיט וויזיע פון דער גרויסער הומאַנישער טאָט נאָך גאולה.

אויב ר' שלמהס ראָמאַנטיק איז דער אויסדרוק פון יחידישן גייסטיקן העראָיזם מיט זיין גלויבן אין דער גרויסער מענטשלעכער טאָט, איז לאהס ראָמאַנטיק — אַ פּראָטעסט־אויסדרוק קעגן ראַציאָנאַליזם מיט זיין שכלדיקן אַלצוויסנקייט.

„מיטן שכל אַליין קען מען נישט אויסקומען" זאָגט יוחנן מלמד אין זיינע מעשהלעך. לאה שפּירט, אַז די וועלט האָט אויך אַ האַרץ. אויב אין אונדז שלאָגט אַ האַרץ מוז די וועלט אויך האָבן אַ האַרץ! „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע באַשאַפן", האָט פרץ געוואָרנט. עס איז דער גרונט־געדאַנק פון קבלה, אַז אין דער וועלט איז פאַראַן אַן עטישער יסוד, און די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט שפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין דעם ענדגילטיקן נצחון פון דעם יסוד.

וואָס טיפער מיר דרינגען אַריין אין פּרציזם, אַלץ מער זעען מיר זיין טיפע וויזיע, נישט נאָר לגבי דער יידישער וועלט, נאָר אויך לגבי דער אַלגעמיינער מענטשלעכער צוקונפט. ער האָט פּונקט ווי דער נעאָ־ראָמאַנטיקער, מאָריס מעטערלינק, געאָנט, געשפּירט מיט אַלע זיינע וואַכיקע חושים, אַז ביי די אַלע טעכנאָלאָגישע װוּנדער און אַנטדעקונגען, שטייען מיר פאַר אַ גרויסן תהום.

מיר האָבן געהאַט אַ טרויעריקע דערפאַרונג אין אונדזער צייט מיט דעם טעכנישן „פּראָגרעס". דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד האָט אין זיין דערפינדערישקייט באַוויזן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט באַוויזן...

האָט פּרץ דורך זיין יוחנן מלמד אַראָפּגעוואָרפן זיין מאַיעסטעט פאַרשטאַנד פון זיין טראָן. „די וועלט איז גרויס אָן אַ שיעור, זאָגט יוחנן, טאַקע אין־סוף. און אונדזער מוח איז אַזוי קליין, אַזוי פּיצל, אַז מיר זעען אויס, ווי אַ מענטש, וואָס גייט אין אַ פינצטערער נאַכט, אין אַ וויסטן פינצטערן מדבר, מיט אַ גראָשעדיק ליכטל אין האַנט".

יעדעס פאָלק מאַכט דורך אין זיין אַנטוויקלונגס־וועג די פאַזעס פון מיטאָס, פאַבל, לעגענדע, סימבאָל און מיסטיק. אויב אין דער מיטאָלאָגיע פון אַ פאָלק אַנטפּלעקט זיך זיין לעגענדאַרער בראשית, ווערט אין דער סימבאָליש־מיסטישער פאָלקס־מעשהלע אַנטפּלעקט די פאָלקס־נשמה. אויך די פילאָזאָפיע פון אַ פאָלק איז איינגעהילט אין לבוש פון אַ פאָלקס־מעשה, דורך וועלכער עס ווערט געשטאַלטיקט דאָס רעליגיעז־דערהויבענע, ווי די אינטעלעקטועלע דערקענטעניש.

ביי פּרצן פאַרנעמט די פאָלקסטימלעכע געשיכטע דאָס אָרט פון מיטאָלאָגיע. אַנשטאָט מיסטיק און מיטאָס־סימבאָליק — די אַלעגאָרישע מעשה, דורך וועלכער עס ווערט קלאָרער דער באַהאַלטענער געדאַנק; דורך אַ שטאָף פון נישט־היינטיקייט, איינגעטונקען אין פאָלקלאָר — אויספּוּרעמען לעבעדיקע, ראָמאַנטישע געשטאַלטן, וועלכע פאַרקערפּערן עטישע שלימות, גייסטיקע גבורה, בענקשאַפט, האָפענונג נאָך אַ נייער ווירקלעכקייט.

פּרצס נעאָ־ראָמאַנטיזם איז טיף פאַרוואָרצלט אין נאַציאָנאַל־היסטאָרישן, ווי אין גייסטיק־אידעישן — ביידע האָבן געזוכט צו צוימען די וועלט פון אינסטינקטן דורך אַן עטישן באַוווּסטזיין. וואָס איז פאַר פּרצן חסידיש, אויב נישט אַ פּלאַסטישער אויסדרוק פאַר אידעען און ראָמאַנטיק־וויזיעס ?

אין זײַנע חסידישע מעשהלעך („אַ גלגול פֿון אַ ניגון", „צווישן צוויי בערג", „הכנסת־כּלה", „שמעיה גיבור" און אַנדערע) שטראַלן אַרויס די שענסטע פֿאַרבן פֿון גלײַכטערטן הומאַניזם. דורך דער חסידישער מעשה האָט ער באַלויכטן דעם ייִדישן מענטש אין זײַן דערהויבנקייט, נישט בלויז מאָראַלישע ווערטן, נאָר אויך עסטעטישע שײנקייטן.

פּונקט ווי בערדיטשעווסקי, האָט אויך פּרץ געשפּירט, אַז ראַציאָנאַליזם מאַכט פּרירן דאָס האַרץ. „ווער קען די גרענעץ צווישן חלום און לעבן?" פֿרעגט פּרץ. „אַ חלום ווערט אויך נישט אויסגעטראַכט... ער שטעלט איבער, דרייט אויס, אָבער אַלץ פֿון לעבן... וואָס שאַדט, אויב ער פֿאַרבט אַ מאָל שענער, מאָלט פֿאַנטאַסטישער?". חלום און וואָר מוז גיין צוזאַמען, אויב מען וויל גלויבן, ליבן, בויען. און זײַן חלום איז דאָך געווען: דערהויבן אונדזער זײַן, אַרויסרײַסן זיך פֿון דער באַגרענעצטער ווירקלעכקייט, מאָנען, אַרויספֿאָדערן. „איך וויל די שול זאָל זײַן הויך, זי זאָל שפּאַרן אין הימל אַרײַן; זי מוז זײַן העכער, ווײַל זי שטייט נידעריק" (דאָס קראַנקע ייִנגל").

אין זײַן ווערק „דער אוצר פֿון די אָרעמע", האָט מעטערלינק אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק, אַז אונדזער נשמה איז טיפֿער פֿון אונדז אַליין און זי איז נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אונדזערע מעשים. זי קען זײַן גרויס ווען אונדזערע מעשים זענען קלײנע און פֿאַרקערט: דער גוף קען זײַן שײן, ציכטיק, און די נשמה — זינדיק און שמוציק.

ביי פּרצן זאָגט דער אַלטער רבי צום בעל־תּפֿילה, חיים יונה וויטאַלס: „האָסטו הייסט עס, געזינדיקט אַ רגע מיט דער מחשבה? דער עפֿר ואפֿר, דער גוף זינדיקט נישט. מען זינדיקט מיט דער כּוונה, מיט דער מחשבה".

אויך אין „אַראָפּגעלאָזטע אויגן", בעת מלכּה האָט געזינדיקט מיט דער מחשבה אין אַ רײנעם גוף, האָט נחמה געטאָן דאָס פֿאַרקערטע. זי האָט אָפּגעלאָזן דעם גוף און ריין געהאַלטן די נשמה. און פּרץ פֿאַרענדיקט די געשיכטע: מלכּה איז פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר אַ צדקת, „וואָרעם אַזוי טראַכטן און זאָגן מענטשן, וואָס זעען נאָר מיט די אויגן אויף, און ווייסן קײן מאָל נישט, וואָס אין האַרץ טוט זיך, וואָס ביי עמעצן אויף דער נשמה איז...".

פּונקט ווי ראַפֿאַעל האָט געקענט דורך אַ שמיר מיטן פּענזל אײנפֿאַכע פּויערטעס פֿאַרוואַנדלען אין געטלעכע מאַדאָנעס, אַזוי האָט אויך פּרץ טראַנספֿאָרמירט דאָס פּשוטע, דאָס גראָע — אין הומאַנישער דערהויבנקייט.

דורך די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט ער געעפֿנט די שלוזן פֿון די קוואַלן, וואָס האָבן גענערט די יידישע געשיכטע. ער האָט די צאַרטע האַנט פֿון שרה בת טובים, דעם ניגון פֿון סעדיה פּישער, דאָס הימלישע שפּילן פֿון אברהמל באַס אַריינגענומען אין דער גרויסער סימפֿאָניע — דעם עפּאָס פֿון פֿאָלק. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם ניגון פֿון דער יידישער פֿאָלקס־נשמה, וואָס גייט דורך פֿאַרשידענע באַריערן, ביז זי געפֿינט איר וועג צו זיך אַליין. פֿאַראַן זריעהס, וואָס שטופּן זיך לייכט אַדורך אַלע שטערונגען און שיסן גלייך אַרויף צו דער זון. אַנדערע ווידער וואַקסן אַ לענגערע צייט אין דער פֿינצטערניש, ביז זיי קענען אַרויסקומען צו דער ליכט. אויך די מענטשלעכע נשמה, די אינדיווידועלע, די נאַציאָנאַלע, מאַכט דורך אַן ענלעכן פּראָצעס. וויכטיק, זאָגט פּרץ, איז די ריכטונג, דאָס שטרעבן, דאָס רייסן זיך צו די הויכקייטן פֿון מענטשלעכן גייסט.

פּרץ איז געווען דער טיפֿער אַריינדרינגער און זעער פֿון דער מענטש־לעכער נאַטור. ער האָט גוט געוווסט, אַז אירע מאָטיוון קענען נישט אַריינגעפּאַסט ווערן אין באַזונדערע אָפּטיילונגען. צעקריגטע מאָטיוון פֿון אונדזער פּסיכיק געפֿינען זיך אין קאָעקזיסטענץ און מוזן געזען און באַ־טראַכט ווערן איינער מיטן צווייטן. ער האָט „די בלוטיקע שיינקייט פֿון אונדזער גלות־לעבן" (פּרצעס אַן אויסדרוק) געגעבן אין אַלע אויסמעס־טונגען פֿון אונדזער גייסטיקער עקזיסטענץ. אין לירישע מאָטיוון ווי אין עפּישן דערציילן, אין אידילישער שילדערונג ווי אין רעפֿלעקס און סוגעסטיע: שטימונג, חלום, וואָרצלדיקייט, סימבאָליק, אַלעגאָרישקייט — דורך אַלע אינסטרומענטן אויסשפּילן דעם ניגון, וואָס האָט באַוועלטיקט זיין האַרץ.

✶

איינזאַם קיניגט היינט אויפֿן געגשער בית־עולם דער אוהל פּרץ — דער איבערגעבליבענער מאָנומענט פֿון אַ יידיש וואַרשע, פֿון אַ יידיש פּוילן... צו זיין קבר, חול־המועד פּסח, פֿלעגן די קינדער פֿון די יידישע שולן עולה־רגל זיין יעדעס יאָר. עס קען זיך גאָר נישט גלויבן, אַז צו זיין יאָרצייט וועט צום קבר קיינער נישט קומען פֿון זיינע שבת־יום־טובדיקע און וואָכעדיקע יידן... אויב אין די „דריי מתנות" האָט די נשמה געדאַרפֿט אַרומפֿליִען לאַנג נאָך עטלעכע טראָפּנס קידוש־השם־בלוט, וועט

איר דאָס הײנט אָנקומען אַ סך לײכטער אין די הונדערטער שטעט און שטעטלעך, אויסגעװײקטע אין בלוט פון ײדישן קידוש־השם.

אונטער דעם שײן פון זײַנע מאָנענדיקע אויגן, איז פאַרגעקומען דער גרויסער קולטור־רענעסאַנס און אויפשטײַג פונעם ײדישן לעבן אין אונדזער עפּאָכע. ער האָט מער, װי װעלכער עס איז קינסטלער פון דער תקופה, געלײגט זײַן חותם אויף די ריכטליניעס פון אונדזער שעפעריש לעבן: נישט בלײַבן אין אַ גײַסטיקן געטאָ (װי אין דער פאַרגאַנגענהײט), אַרויסגײן פון אים, אָבער מיט אײגענע גײַסטיקע אוצרות.

זײַן גײַסטיקע ירושה האָט איבערגעלעבט מלחמה און חורבן. אַריבער־געשפּרײזט קאָנטינענטן, אָקעאַנען. זײַן נאָמען איז געװאָרן אַ סימבאָל פון אונדזער דראַנג און װילן צו לעבן, צו שאַפן — אַ מאָנונג פאַרן ײדישן שרײַבער, לערער און קולטור־טוער.

אין די פינצטערע צײַטן, אין די געטאָס, האָט מען געלערנט זײַנע װערק, אַרײַנגעזאַפּט די שײנקײט פון זײַנע העלדן, די גבורה און קדושה פון זײַנע גרויסע געשטאַלטן. מען האָט געפײַערט זײַנע יאָרצײַטן מיט דעם פלאַמיקן גלויבן, אויסגעדריקט אין אַזעלכע װערטער:

„פּרץ װעט אײביק לעבן, װי לאַנג עס װעט לעבן די ײדישע בענק־שאַפט. ער װעט פון דאָס נײַ געבוירן װערן אין יעדן דור, װעלכער װעט זיך צופּאַסן צו אים אויף זײַן אופן — פּרץ דער זינגער פון ײדישן טראַגיזם״.

קלינגען נישט אָט די װערטער װי אַ מאָנונג פון אַ הײליקער צװאה?...

דער אייביקער קוואַל

בעת זיין לעבן איז שלום־עליכם ווייט נישט געווען אַזאַ בר־מזל, ווי אייניקע שרייבער פּרוּוון הײַנט צו באַצייכענען זיין גרויסן דערפּאָלג אין דער נישט יידישער וועלט דורך פילשפּראַכיקע איבערזעצונגען, און לעצטנס, מיט דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע „דער פידלער אויפן דאַך". זיצנדיק אויף דער פאַרשטעלונג צווישן אַ נישט יידישן עולם, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן צו זיך אַליין אין אַ בריוו פון טביהן (אין דעם: „אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט" צו דעם בוך), אָט די נביאות־דיקע ווערטער, וואָס זענען אַזוי באַשיינפּערלעך מקויים געוואָרן:

„פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שטריימל, אַז אַ וועלט מיט מענטשן זאָלן פּלוצעם געוואָר ווערן, אַז אויף יענער זייט בויבעריק, נישט ווייט פון אַנאַטעווקע, געפינט זיך אַ ייד, וואָס הייסט טביה דער מילכיקער? נאָר מסתמאַ ווייסט איר דאָך, וואָס איר טוט"...

ווייסן מיר די סיבות, פאַר וואָס עס איז אים געקומען אַזאַ שטריימל. און אויך, ווי אומגערעכט איז געווען מאַרק טווען מיט זיין זאָג, ערגעץ־ווּ אין זיינע אויטאָ־ביאָגראַפישע שטריכן, אַז דער דויער פון אומשטערבלעכ־קייט אין דער ליטעראַטור איז אַן ערך אַ דריי צענדליק יאָר. שוין נישט רעדנדיק פון די גריכישע קלאַסיקער, זענען דאָך פון אַ נעענטערער תקופה — שעקספּיר, סערוואַנטעס — בפירושע אָפּלייקענונג פון מאַרק טוועינס באַ־מערקונג. אמת איז, אַז נאָר יחידי־סגולה זענען זוכה צו אייביקער אומ־שטערבלעכקייט, און שוין גאָר נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען סתם בר־מזלס...

איך ווייס נישט צי י. ד. בערקאָוויטש האָט נישט איבערגעכאַפּט די מאָס אין זיין שמועס מיט יעקב פאַטן וועגן ש"ע, ווען ער האָט געגעבן אַ זאָג וועגן דעם גרויסן שלום אַש: „ ער האָט געלעבט בעת ער איז געווען אויף דער ערד. מיט זיין טויט איז ער גרינטלעך אָוועקגעגאַנגען" (זע פאַטס „שמועסן מיט שרייבער אין ישראל"). אין אַשס קינסטלערישע שאַפונגען געפינען זיך נישט ווייניק אומשטערבלעכע ווערטן, וואָס זענען נישט

צוגענאָפּלט בלויז צו אַ באַשטימטער סביבה און צייט; זיי גייען אַריבער די גרענעצן פון תקופות און דורות און ווערן תמיד באַנייט און געזען אין אַן אַנדער ליכט. איז דאָך האַמלעט נישט קיין דעניש דראַמע און ראָמעאָ און דזשוליע נישט קיין איטאַליעניש טראַגעדיע. זיי זענען אַלמענטשלעכע און אַלצייטלעכע און מיליאָנען לייענער, אומצאָליקע מאַסן-צושויער אויף דער בינע, האָבן דערשפּירט אין די דראַמעס די טראַגיק און די פּסיכישע קאָנפליקטן.

שלום-עליכם האָט דאָס דראַמאַטישע און טראַגישע דורכגעלויכטן דורך הומאָר און געלעכטער, דורך אַ קאָמיזם, וואָס דערהייבט דעם מענטשן איבער זיין טראַגיק, ער זאָל לאַכן דורך טרערן איבער זיין אומעט און צעבראָכן האַרץ.

קאָמעדיע ווי אַ קינסטלערישער אינסטרומענט, שניידט זיך טיפער אַריין אין געמיט פון לייענער, דרינגט אַריין אין האַרץ פון בינע-צושויער דורך בולטער זען, און דערזען, די סתירות, די אייביקע שפּיל פון ליכט און שאָטן, פון רעזיגנאַציע און האָפענונג דורך אָביעקטיווער טראַגיק און סוביעקטיווער מונטערקייט און בטחון.

עס איז שוין נישט איין מאָל געזאָגט געוואָרן, אַז קאָמעדיע און טראַ-געדיע זענען צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע. זיי ווירקן מיט קעגנ-זעצלעכע מיטלען ביים אילוסטרירן מער זייטן פון אמת. די ערשטע אַרבעט דורך ליכט, די צווייטע דורך — פינצטערניש. אין טראַגעדיע איז די שעה תמיד פאַר צוועלף ביי נאַכט. אין קאָמעדיע — אין מיטן העלן טאָג. דער שטאָף פון קאָמעדיע איז אויך נישט געצוימט מיט צייט און רייד.

שלום-עליכם לאָזט דאָך זיינע פּאַרשוינען זיך אויסרעדן מיט אַלע זייערע דיגרעסיעס. ער לאָזט זיי, ווי דער מאָדערנער פּסיכאָ-אַנאַליטיקער, זיך אויפעפענען, אַראָפּרעדן פון האַרצן. ווייל: די אינעווייניקסטע פאַר-שוויגנקייטן און פאַרדרענגענישן פאַרסמען דעם גוף מיט דער נשמה צוזאַמען. עס שאַפן זיך מיספאַרשטענדענישן צוליב נישט דערזאָרגטקייט און געאיילטקייט, און די טבע פון קאָמעדיע איז אויסצוגעפינען דעם ערגעץ-ווו פון דעם פּלאָנטער, דאָרט, ווו עס איז עפּעס פאַרזען, אָדער נישט דערהערט געוואָרן, און דערפאַר די טראַגיק פון דער סיטואַציע.

ביי ש״ע זענען די העלדן אַקטיווע, מוטיקע. זיי ראַנגלען זיך קעגן גורל און קעגן דער וועלט צוליב איר אַכזריות, אָבער זיי רעזיגנירן נישט און זיי הערן נישט אויף צו מאָנען יושר. זיי זענען באַהויכט מיט דער

אייביקער אַלמענטשלעכער האָפענונג אין זייער צוגאַנג צום לעבן. די זעלבסט־איראָניע איבער די אייגענע צרות איז באַגלייט מיט אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן אָפּטימיזם, ווי אַ שוצגאַרטל קעגן טראַגיזם און פאַרצווייפלונג. עס איז אַ שמייכל הינטער אַ באַהאַלטענער טרער, פאַרזיסט מיט אַ כזית חלום.

— איך ווייס, האָט ש״ע געזאָגט צום כתרילעווקער, אַז דו האָסט צרות איבערן קאָפּ, אָבער נעם זיך נישט צום הארצן. אַזוי איז שוין דאָס לעבן. יעדער מענטש האָט זיך זיין פּעקל, און אויב נישט איין פּעקל, איז צוויי פּעקלעך. אָבער אייביק קען דאָך נישט זיין שלעכט, און אַ מענטש מוז האָבן בטחון, אויסדויער. זיין צוגאַנג צו דער יידישער פאָלקס־מאַסע איז געווען פון אַ גרויסן מייסטער־פּסיכאָלאָג, וואָס ווייסט, ווי אַזוי מען קען זיך אַרויסרייסן פון דערשלאָגנקייט דורך לאַכן איבער די אייגענע צרות. האָט ער דאָך אין כתרילעווקע אַריינגעגעבן דעם זין פון כתר — די קרוין, וואָס איז אין עמך־לשון: פריילעכער קבצן!

עס איז זיין גרויסער קינסטלערישער פאַרדינסט אין באַפרייען דעם גליוּוער מיטן כוח פון פריילעכן פּאַטאָס און ליכטיקן הומאָר, אין וועלכע עס שטעקט זיין שטאַרקע דערציילערישע קראַפט. דער ווייכער קנייטש פון זיין הומאָר שליסט אויס רחמנות און געפּאַלנקייט. דערמאָנט זיך נאָר די דערציילונגען פון די בענדער „אייזנבאַן־געשיכטעס״, „אָרעמע און פריילעכע״, „מאָנאָלאָגן״ און פיל אַנדערע מיט זייער טיפּאָלאָגיע, סביבות, כאַראַקטעריזאַציעס, אין וועלכע עס שטעקט דער כוח פון אידענטיפיקאַציע. זיי זענען נישט אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן, זיי זענען דער אָטעם פון צאַפּלדיקן לעבן גופא! נעמט, למשל, „דאָס טעפּל״ מיט די אַנגעפּלייצטע אַסאָציאַציעס און דיגרעסיעס, וואָס קייטלען זיך אַזוי גוט אַריין איינער אין אַנדערן אין פאָלקס־נוסח פון פשטות. דאָס דערשלאָגענע געמיט פון דער יידענע ווערט געלייטערט דורך איר מענה־לשון, וואָס ברענגט אַרויס אַלע שטריכן — אומעטיקע און ציטערדיקע צאַפּלענישן פונעם אָרעמען לעבן. נישטאָ אין איר דערציילן קיין קאָמפּלעקסן פון אומנאָרמאַלן פּסיכאָלאָגיזם. אומנאָרמאַל איז בלויז דאָס לעבן. אומנאָרמאַל זענען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען אַרום זיי. אָבער די מענער, פרויען און קינדער זענען נישט קיין צעשפּאָלטענע פּערזענלעכקייטן. זיי זענען געזונטע, מענטשלעכע נאַטורן, גאַנצע יידן מיט שטיקער אינערלעכער שיינקייט, וואָס באַגלייט זייער בידנעם לעבן.

געטע האָט געזאָגט וועגן שעקספּירן, אַז זיין כּוח ליגט נישט אַזוי אין דער דראַמאַטישקייט פון די העלדן, ווי אין זייער לשון. אָט דאָס, וואָס שעקספּיר האָט, דורך שפּראַך, געקענט באַווייזן אין דראַמעס, האָט ש״ע באַוויזן אין זיינע מאָנאָלאָגן, דערציילונגען, שמועסן, וואָס שפּרודלען מיט לעבנס־חכמה אין יעדער געגעבענער סיטואַציע. ווי אַ געבוירענער שפּראַך־ווירטואָז האָט ער פאַרשטאַנען, אַז פאַר זיינע טיפּן איז לשון דער וויכ־טיקסטער אינסטרומענט אויסצושפּילן די אינטימסטע טענער פון זייער געמיט און נשמה. דער שטאַרקער כּוח פון זיין דערציילעריש לשון באַוועגט זיך אויף דער דינאַמישער ליניע פון יידישער דורות. ער האָט גלייך פון פאָלקסמויל אָראָפּגעכאַפּט אַלע יידישע רייד און זיי קינסטלעריש אָרגאַ־ניזירט. דורך דעם מוזיקאַלישן שפּראַכריטעם פון זיינע פּאַרשוינען און פון זייער געשיכטלעכער אָקומילירטער דערפאַרונג און לעבנס־חכמה, האָט ער אויפגעבויט אַ גאַנצע יידישע וועלט און זי באַלעבט מיט זיין קינסט־לערישן אָטעם. פון „דער נשמה אויף דער צונג״ האָט ער געפורעמט די אייגנאַרטיקע יידישע ציוויליזאַציע מיט איר טרויער און פרייד, מאָראַל און שיינקייט, יאוש און בטחון.

אין ש״עס וועלט קומען צום אויסדרוק פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן פון זיין צייט און סביבה. מיר טרעפן זיך מיט קרעמערס, בעלי־מלאָכות, נגידים און אָרעמעלייט; מיט מעקלערס, מלמדים, וואַיאַזשאָרן און שדכנים; מיט ווייבער און קינדער, מאַרק־יידענעס און דינסטן, בעל־הביתלעך און פּורים־שפּילערס — אַ צאַפּלדיק פּולבלוטיקע יידישע וועלט מיט אירע סכנות און דערגרייכונגען, באַגלייט מיט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע שינויים פון יענער עפּאָכע אין יידישן תהום־המושב פונעם צאַרישן רוסלאַנד.

ער האָט באַנוצט שאַרזש, גוזמאות ביים אַרויסברענגען אין זיינע שילדערונגען די קאָמישע שטריכן און עפעקטן פון זיינע טיפּן (און פון דער סביבה). אָבער קיין קאַריקאַטורן האָט ער נישט געצייכנט פון זיי (ווי עס טוען היינט — צוליב ווערן אַ „בעסטסעלער״, אייניקע יידיש־אַמעריקאַנער שרייבערס). ער האָט נישט אָפּגעלאַכט פון זיינע טיפּן, נאָר מיטגעלאַכט מיט זיי איבער דעם אַבסורד פון טרויער, געלאַכט מיטן גאַנצן צעבראָכענעם הארצן צו פאַרדעקן די טרערן, צו דערשטיקן מיט געלעכטער דאָס געוויין, וואָס האָט זיך געריסן פון זיי.

לדוגמא, וועל איך דאָ נאָר ברענגען זיין שילדערונג פון די „גליקן״ ביי אייגעם פון זיינע הונדערטער פאַרשוינען. איך שטעל זיך נאָר אָפּ

אויף אַ ציטאַטע פון דעם „גליקלעכסטן אין קאַדני״, וואָס איז אַזוי כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר ש״עס ריטעם פון לשון און שפּיל, פון איבערחזרונגען. ערשט ביים סוף מעשה דערוויסן מיר זיך, אַז ביי דעם העלד, „דער גליקלעכסטער אין קאַדני״, ליגט זיין איינציקער זון שוין עטלעכע יאָר קראַנק אין דער היים, און דער אַרטיקער דאָקטער ווייסט נישט וואָס אים איז, פאַר וואָס ער איז שוואַך און „פיבערט און גליט, ווי אויף פאַקן״. אָבער אַ נס איז געשען: אין נאָענטן שטעטל האָט דער גביר אַרויסגערופן צו זיך אַ גרויסן פּראָפעסאָר, וואָס איז באַשטאַנען אַראָפּצוקומען קיין קאַדני און אַן געלט צו באַטראַכטן זיין זון. איז דאָך די געשיכטע אַ גאַנץ טרויעריקע, אָבער נישט דורך ש״עס פּען. אַט גיט ער אַ כאַראַקטעריזיר אָפּ דאָס יידל אויפן באַן מיט זיין אויסזען און האַלטונג, וואָס שיינט צו זיין אַזוי טיפּיש:

„...נאָר שאַ, אַט זיצט אין וואַגאָן עפּעס אין אַ ווינקעלע איינער אַליין אַ מאָדנער פאַרשוין, אַ פאַרשוין נישט ווי אַלע... אויפן קוק איז דאָס אפילו אַ גאַנץ געוויינלעך מענטשל, אַ יידל פון אַט די יידעלעך, וואָס מען מעסט זיי אויפן מעסטל, אָדער דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן ביי אונדז: „אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר״. נאָר אָנגעטאָן איז ער עפּעס מאָדנע: אַ קאַפּאָטע נישט קיין קאַפּאָטע, אַ כאַלאַט נישט קיין כאַלאַט. אויפן קאָפּ — אַ היטל נישט קיין היטל, אַ יאַרמלקע נישט קיין יאַרמלקע. אין די הענט — אַ שירעם נישט קיין שירעם, אַ בעזעם נישט קיין בעזעם. אָבער נישט דאָס אָנטאָן איז דער עיקר, נאָר דאָס יידל אַליין, מיט זיין רירעוודיקייט, מיט זיין אַרומקוקן זיך אויף אַלע זייטן און מיט זיין נישט קאָנען איינזיצן אויף אַן אָרט, און דער הויפּט — מיט זיין שיינענדיק, פריילעך, לעבעדיק פּנים און גליקלעכן אויסזען. נישט אַנדערש, ווי דער מענטש האָט אויס־גענומען אַ הויפּט־טרעפער, אָדער חתונה געמאַכט אַ טאָכטער אין אַ מזלדיקער שעה. אַלע מינוט כאַפּט ער זיך אויף... און זעצט זיך צוריק אָוועק נעענטער צו מיר, אַ שיינענדיקער, אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער״...

דוכט זיך, אַז מיר האָבן דאָ דעם סוד (אָדער איינע פון די סודות) פון ש״עס ווירקונג ביים ווייזן זיינע פּערסאָנאַזשן דורך פאַרשטעלטע, פאַרבאָרגענע טרערן און דורך אַ שמייכלדיקער מאַסקע צו פאַרדעקן די טראַגיק פון לעבן.

פון די פילצאָליקע מייסטערהאַפט־געמאָלענע כאַראַקטערן אין ש״עס ווערק הייבן זיך אַרויס די דריי הויפּטפיגורן — טביה, מנחם מענדל און מאָטל פּייסי דעם חזנס — וואָס פאַרקערפּערן פּסיכישע שטריכן פון יידישע דורות, פון יידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אינעם היסטאָרישן ייד. אין די דריי מאָנומענטאַלע ווערק — אַרום די הויפּטהעלדן — זענען פאַראַן אַזוי פיל קרישטאָל־ריינע קוואַלן פון הומאַניזם און געזונטן אָפּטימיזם — דאָס אַלמענטשלעכע, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע פאַר־קערפּערונגען.

ש״ע האָט 20 יאָר געאַרבעט, געשליפן, אויסגעקיזלט, אַרומגעפּוצט זיין מאָנומענטאַלן טביה־בוך, מיט דער גרויסער הויפּטגעשטאַלט, וואָס רופט זיך איבער מיטן ביבלישן איוב אין דער טראַגיק און די קלעפּ, וואָס פאַלן אויף אים פון אַלע זייטן. אָבער זיין סטאָיִציזם און טיפער גלויבן אין גערעכטיקייט, זיין טיפער הומאַנישער אויסדויער און בטחון אין לעבן, פאַרהיטן אים פון אַ צוזאַמענברוך און דערשלאָגנקייט — ווען טראַגיזם פאַרוואַנדלט זיך אין אַלזייטיקער טראַגעדיע.

מנחם באַריישאַ האָט טביהן באַצייכנט, ווי דער יידישער פּאָעט, דער אייביקער זוכער אין לעבן. אָבער טביה פאַרקויפט דאָך נישט זיין נשמה דעם טייוול! וויפל צרות און אומגליקן ער זאָל נישט דורכמאַכן צוליב מענטשלעכער רשעות, צוליב רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע סיבות, בלייבט ער שטיין פעסט אויף דער שוואַרצערד פון לעבן. ער איז אַ דעמב, וואָס בייגט זיך נישט פון די שטאַרקסטע שטורעמווינטן. קיין שום הוראַגאַן קען אים נישט אויסוואָרצלען אָדער אייבערעכן. ער איז דער טיפער אָבּ־סערוואַטאָר פון מענטשלעכע האַנדלונגען, וועלכע ער וויל פאַרשטיין, און אויב נאָר מעגלעך — אויך פאַרגעבן! זיין יידיש־פילאָזאָפישער און מאָראַ־ליש־עטישער לעבנס־באַנעם ציט יניקה פון אַ פאָלק מיט אַ לאַנגן געשיכט־לעכן זכרון, וואָס האָט נישט אויפגעהערט מאַנען אַ חשבון־הנפש ביי די מעכטיקע פון דער וועלט.

איך גלויב, אַז דער קאָלאָסאַלער דערפאָלג פון ש״ע ביי מיליאָנען מענטשן פון פאַרשיידענע קולטורן און פעלקער, נעמט זיך פון דערשפירן ענלעכע עמאָציעס און רעאַקציעס אין זייער אייגענעם לעבן (ווי די, וואָס זיי באַגעגענען ביי זיינע העלדן). דער גרויסער כוח זייערער באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס זיי קענען ווערן מיטצייטלער אין יעדער עפּאָכע און אינטערפּרעטירט ווערן אין אַ ניי ליכט. דער נאַציאָנאַלער לבוש פון די

העלדן, פון זייערע לעבנס־פּאַסירונגען מאַכט נאָך בולטער דאָס אָלמענטש־לעכע פון זייערע נשמות. עס האָט גאַרנישט געשטערט, אַז דער יידיש־אידיאָמאַטישסטער קינסטלער, וועמענס אוצרות פאַרלירן אַזוי פיל אין אַנדערש־שפּראַכיקע איבערזעצונגען; אַז ער, דער יידיש נאַציאָנאַלסטער שרייבער, זאָל ווערן אוניווערסאַל באַרימט איבער אַלע וועלטטיילן, און זיינע ווערק — דאָס טאָגבוך פון דער יידיש־פאָלקיש־עמכדיקער נשמה — זאָל געשפּילט ווערן אויף אַלע וועלט־בינעס! ש״עס שאָפּערישער הומאָניזם האָט אין זיך דעם עלעקסיר צו מאַכן דעם מחבר, אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך זיין טויט, מער לעבעדיק, ווי בעת זיין לעבן!

אויך מנחם מענדל מיטן טשאַפּלין־שטעקעלע געהערט צו די גרויסע געשטאַלטן, אויב מען נעמט אים אין סימבאָלישער פאַרקערפּערונג פונעם גייסטיקן אומרו און פערמענטירונג אין דער יידישער, ווי אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער געשיכטע. די, וואָס ווילן אין אים זען נאָר דעם יידישן לופטמענטש, דעם פאַרשמייעטן מעקלער, לייגן אים אַריין אין אַ סדום־בעטל, וואָס קורטשעט אים איין און פאַרשטייפט זיינע גלידער. מנחם מענדל גייט נישט אויף דער האַרטער ערד, נאָר שוועבט איבער איר אַ פּאָר פוס העכער. ווען ער פאַלט אַראָפּ, הייבט ער זיך אויף אָן אומגעבראָכענער אין זיין ענטוזיאַזם און ברען. וויפל מאָל ער זאָל זיך נישט אָפּבריִען די פינגער אין זיינע ברענענדיקע מסחרים, שטעקט ער זיי ווייטער אין פייער אַריין... איז זיין אייביק יוגנטלעכער ענטוזיאַזם טאַקע טיפּיש פאַרן יידישן לופט־מענטש?

עס איז אָפּגעשפּיגלט אין מנחם מענדל־טיפּ די אַלמענטשלעכע טראַגיק צווישן דעם פוס מיט זיין באַגרענעצטן טריט און — אויג, וואָס זעט פאַר זיך ברייטע האָריזאָנטן און בלויע הימלען... ער פאַרקערפּערט די אומ־פּראַקטישקייט פון אַלע מנחם מענדלס — זייער צאָל — אַ לעגיאָן — אויסגעלאַכטע דורך די פּראַקטיש־קלוגיטשקע מענטשן, הלמאי זיי טראָגן זיך אַרום מיט פוסטע חלומות אַנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט רעאַלע זאַכן... ווער זענען דען די אַלע משיחים־זוכער, די גרינדער און פירער פון די וועלט־רעליגיעס, פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און די גרויסע וויסנשאַפטלער און פאָרשער, די אומדערמידלעכע מיקראָבן־יעגער, אויב נישט מנחם מענדלשע בטלנים — ס׳רוב דורכגעפאַלענע אין טעגלעכן לעבן?...

דאָס וועלן זען אין שלום־עליכמס מאָנומענטאַלע העלדן נאָר דאָס אויבערפלעכלעך־רעאַליסטישע פון זייער וועזן, איז באמת קורצזיכטיק. הגם, ש״ע האָט אַליין אויך (אינטעלעקטועל) נישט תופס געווען די טיפע וועלטן, וואָס געפינען זיך הינטער זיינע גרויסע געשטאַלטן און ווערק, האָט ער אָבער דאָך געגעבן אָן אָנווייז אַרום דעם פּראָבלעם פון ליטעראַטור און לעבן אין זיין שאַפן. אין זיין נאָכוואָרט צו דער קאָמעדיע „יקנהז״, שרייבט ער, אַז נאָך איידער עס איז אַרויס פון דרוק, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער באַשרייבט די בערזע מיט אירע פאַרשוינען. נו, האָבן אָנגעהויבן פליִען צו אים בריוועלעך מיט געבעטן און וואָרענונגען. איינער פון זיי האָט פאַרענדיקט זיין בריוול בזה הלשון: „איין זאַך וויל איך אייך בעטן: מיך זאָלט איר אַרויסוואַרפן פון צעטל״. און ש״ע ענטפערט אים, אַז ס׳איז נאָר אַ משל. פונקט ווי איוב, איז אויך יקנהז לא היה ולא נברא. עס איז גאָר אויף דער וועלט נישט געווען אַזאַ נאָמען, „פונקט ווי עס איז נישטאָ אַזאַ שטאָט, וואָס זאָל הייסן יעהופעץ״.

קלאָר, אַז ש״ע האָט נישט קאָפּירט זיינע פאַרשוינען פון לעבן, נאָר פון אים גענומען דעם רוי־מאַטעריאַל, וועלכן ער האָט באַאַרבעט מיט שעפערישער פאַנטאַזיע און אינטויציע. ער האָט פון לעבנס־אָריגינאַל בעיקר גענומען תנועות, ווערטלעך, (דאָס עכטע פאָלקיש־אידיאָמאַטיש לשון) און פון זיי קאָנסטרויִרט זיינע פערסאָנאַזשן. ווען מיר וואָלטן זיך גענומען די מי דורכצופירן אַ גענעראַל־מאָביליזאַציע פון אַלע פאַרשוינען פון זיינע ווערק און זען, ווי אַזוי ער האָט זיי קאָנסטרויִרט פון יידישע רייד, אַראָפּ־געכאַפּטע גלייך פון פאָלקסמויל, וואָלט בולטער געווען פאַרן אויג די בינע, אויף וועלכער ער לאָזט זיי אויסשפּילן זייערע קרעאַציעס און די שפע בעלעטריסטיש בלוט, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין זייערע אָדערן. שאַפנדיק כאַראַקטערן, לעבעדיקע מענטשן, מער לעבעדיקע און היימישע, ווי די שכנים אַרום אונדז.

פאַר זיין גייסטיקן ראיה־פעלד איז געשטאַנען דאָס לעבעדיקע פאָלק מיט זיינע נשמה־פּראַצעסן, וואָס ער האָט געשטאַלטיקט דורך זיינע באַליִקע זשאַנערן און זיין שפּראַך־ריטעם, מיט אַלע סעמאַנטישע ניואַנסן און עמאָציאָנעלע טענער. ווייט נישט אַלע ווערטלעך האָט ער גענומען פון פאָלקסמויל. אַ סך זענען זיינע אייגענע, און אוודאי פיל פּסוקים זענען ערשט פון זיין פען אַריבער אין פאָלקסמויל.

דער דריטער הויפּטהעלד, מאָטל פּייסי דעם חזנס, דאָס יידישע יתום־ייִנגל, וואָס איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַזוי פיל יידישע טרערן צוליב דער תוכחה, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן איבער זיין קאָפּ (דינעזאָן), איז דורך ש"עס ליכטיקער פעדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זוניק־צעשטראַלט קינד מיט אַ צעשמייכלטן הימל איבערן קאָפּ, און מיט אַ קוועקזילבערדיקע לעבנספרייד, וואָס זינגט אַרויס פון אַלע זיינע אברים. מאָטל און טאָפּעלע טוטוריטו זענען נישט נאָר אין דער יידישער, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור אוניקאַל! ש"ע האָט געקענט אינעם יידישן קינד אַריינגעבן אַזאַ זינגעוודיקע קינדהייט, ווייל פון אים גופא איז דאָס קינד קיין מאָל נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט דעם יידישן קינד (ווי דעם דערוואַקסענעם), געבראַכט זשמיענעס פרייד פון לויטערן הומאָר, וואָס פאַרווייכט און פאַר־זיסט דעם בידנעם מזל און ביטערן דלות פון יידישן אוי־קרעכץ. ווען מיר רעדן וועגן קינד ביי ש"ע, קומט באַלד אויפן געדאַנק, ווי אַזוי ער איז געשילדערט ביי מענדעלען — אַ קליין יידעלע שוין ביים געבורט, נאָר אָן אַ באָרד נאָך...

ש"ע האָט בכלל, ווי אָפּגעפרעגט דעם „זיידנס" שטרענגן אורטייל איבער דעם צושטאַנד פונעם יידישן לעבן אין יענער עפּאָכע. ווען מענ־דעלע האָט בלויז געזען דעם פּאַרגליווערטן, סטאַטישן צושטאַנד פון קאַבצאַנסק, האָט שוין ש"ע דערשפּירט די דינאַמישע כוחות פון דער איבער־גאַנגס־צייט אין דער יידישער געשיכטע, ווען דאָס שטעטל איז אַרויף אויף דער וואַנדערונגס־ליניע צו דער גרויסער וועלט. זיינע העלדן אין די פאַרשיידנסטע קרעאַציעס זענען שוין כסדר אין באַוועגונג: אויף דער בויד, אויף דער אייזנבאַן — הינטערוועגנס פונעם שטעטל. פאַרן קאַסריליק האָבן זיך אויפגעעפנט ברייט די טויערן קיין אַדעס, קיין קאָלומבוסעס מדינה און די לופט איז פול מיט דערוואַרטונגען. זיינע חלומות זענען פול מיט גאָלדענע רענדלעך, וואָס פינקלען פון דער ווייטנס מיט פאַרפירערישע צוזאָגענישן. ער הוידעט זיך אין פולן שווונג אויף דער גרענעץ־ליניע פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, וואָס ער האָט אָקערשט פאַרלאָזן, און פון דער פאַטאַ מאָרגאַנאַ — די פאַנטאַסטישע חלומות אין דער נייער צוזאָגנ־דיקער וועלט, וואָס וואַרט אויף אים מיט אָפענע אָרעמס...

שפּעטער ערשט וועט דער קאַסריליק איינזען, אַז ער איז אָנגעקומען קיין יעהופּעץ אַ פאַרשפּעטיקטער... אָבער דערווייל פאַרוויגט ער זיך מיט די זיסע אילוזיעס, וואָס טוען אויף אין זיין געמיט ווונדער. אָט, אָט, דער־

גרייכט ער דאָס טעלערל פון הימל. אין דעם לופטיקן קרייז פון קאָסריליקס חלומות איז דער באַדן צעאַקערט פאַר די פאַנטאַסטישע סיורפּריזן און פאַר דעם שפּרודלדיקסטן הומאָר און קאָמיזם, וואָס נאָר אַ ש״ע האָט געקענט אַרויסכישופן פון זיינע יידן פון אַ גאַנץ יאָר. מען זעט בפירוש, אַז ער האָט הנאה צו שמועסן מיט זיי אין גאַנג פון דער מעשה, מיט פאַרגעניגן זיך צוקוקן צום מיראַזש, צו די פסיכישע העוויות פון דעם גראָטעסק־שפּיל. דער כתריליק האָט טאַקע וויינִיק באַדן אונטער די פיס, אָבער דער־פאַר פאַרמאָגט ער אַזוי פיל בלויען הימל איבערן קאָפּ... דאָס האָט דאָך ר׳ מענדעלע קאַצקער אַזוי אויסגעטייטשט דעם פּסוק „עד לב השמים״ — ביז דאָס הארץ איז געוואָרן הימלדיק...

האָט אונדז ש״ע אָנגענומען ביים האַנט און געוויזן: זעט, וויפל הימל עס געפינט זיך אין קאָסרילעווקע! וויפל מענטשלעכקייט און גוטסקייט ביי דעם מלמד, וואָס חלומט פון ראָטשילדס פאַרמעגנס, נישט חלילה פאַר זיך — פאַר דער וועלט דאַרף ער זיי. איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּצושטעלן מלחמות! צוליב וואָס זיך שלאָגן? — ער וועט געבן אַ מיליאַרד דעם רוס און אַ מיליאַרד דעם ענגלענדער, און זיי וועלן נישט דאַרפן מלחמה האַלטן מיטן טערק...

דער קבצן אין זיבן פּאַלעס, וואָס האָט נישט שבת צו מאַכן, טראַכט נישט וועגן זיך. ער וועט זיי דערוויַיל אויסבאָרגן די מיליאַרדן. עס מאַכט נישט אויס, זיי וועלן האָבן, וועלן זיי אים אָפּגעבן. לעת עתה מאָנט ער נישט ביי זיי...

ביי אַלע גרויסע וועלטמייסטער איז דער לץ־מיצל נאָר אַ מאַסקע פאַר דער טראַגיק. וואָלטער זאָגט אין זיינע אַפאָריזמען, אַז „דער הומאָריסט לאַכט ער זאָל זיך נישט דאַרפן אויפהענגען״... אויך מאַרק טוועין, וואָס ווערט אָנגערופן דער אַמעריקאַנער שלום־עליכם, האָט הינטער קאָמיזם אויסבאַהאַלטן זיין אייגן טראַגיש לעבן. אַליין אַ שווער־געפּרוּווטער דורך טראַגעדיעס (אין דער פאַמיליע), האָט ער זיין טרויער און פּעסימיזם נישט צוגעלאָזט צו זיינע ווערק. זיין אַקסיאָמע איז געווען: „לערן זיך ווי אַ צושויער צו שמייכלען איבער דער אייגענער אַגאָניע״. ער האָט דאָס טאַקע מקיים געווען אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן. דערמיט האָט ער זיך איבערגערופן מיט ש״עס באַוווּסטן עפּיטאַף אויף זיין מצבה.

אָבער נישט נאָר די אייגענע טרער האָט ש״ע געזוכט אויסצובאַהאַלטן. ער האָט אויך די קאָסרילעווקער טרערן געפּרוּווט פאַרדעקן מיט אַ שמייכל

און דיסקרעטקייט. ער האָט טרערן טראַנספאָרמירט אין הומאָר, געעפנט אין קאַסרילעווקע די שלוזן פון דורותדיקע פאַרזיגלטע קוואַלן, און עס האָט זיך פרייד און געלעכטער צעגאָסן און צעקלונגען איבער אָרעמע געסלעך. דורך וויזן דער יידישער פאָלקס־מאַסע איר גראָטעסק־בילד פון די וואָכע־דיקע און יום־טובדיקע טעג, האָט ער איר פאַרלייכטערט דעם שווערן פסיכישן דרוק מיט דעם היילנדיקן כוח פון געלעכטער און פרייד. ער האָט צום פאָלק געבראַכט אָפּטימיסטישן הומאַניזם, געכפלט אויף גוטסקייט און לויטערקייט, און ביידע אָרומגענומען מיט זיין גאָטגעבענטשטן הומאָר.

ער האָט ליב געהאַט יידן באהבת הנפש. געמאָנט פאַר זיי זכות הקיום אַלס מענטשן און פאָלק, ווייל עס קומט זיי, אַזוי ווי זיי זענען מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, לעבנספרייד און גליק. בעת מעשה האָט ער געוויזן די קנייטשן אויפן פנים דורך אַ גראָטעסק־שפּיגל, ווי מען טוט עס מיט נאָענטע, אייגענע מענטשן אין דער משפחה. און אַז מען האָט דורכן שפּיגל דערזען, ווי קאָמיש עס זעען אויס די בראָדעווקעס אויפן אייגענעם פנים, האָט מען געקייכט פון געלעכטער צוזאַמען מיט אים. עמך־פאָלק האָט דערשפּירט די ליבשאַפט זיינע, וואָס איז אַריבער די גרענעצן פון משפחה און פאָלק — צו דער וועלט בכלל.

*

וואָס איז פאַר אונדז היינט שלום־עליכם ?

וער נאָך, ווי די היינטיקע וועלט, בפרט דאָס יידישע פאָלק אין זיין איצטיקן מצב, נויטיקט זיך אין טביהס טיפן בטחון און גלויבן ? און טאָקע אין מנחם מענדלס שטאַרקער לעבנס־עקשנות און אין זיין אָפּטימיזם, באַגלייט מיט מאָטל פּייסיס פרייד און ענטוזיאַזם. היינט, מער נאָך ווי אַ מאָל, זענען ש״עס ווערק וויטאַמינען פאַר אונדזער קיום, פאַרן יחיד, ווי פאַרן כלל. די צוואה, וואָס ער האָט געלאָזן זיינע קינדער, איז צו אונדז אַלעמען. באַזונדערס דאַרפן זיינע פאָלגנדיקע ווערטער געדענקען אונדזערע יונגע, נייע דורות:

„...אפשר וועט איר אָדער אייערע קינדער דערפון עפּעס לערנען, ווי אַזוי ליב צו האָבן אונדזער פאָלק און צו שעצן זיינע גייסטיקע אוצרות, וואָס ליגן צעוואָרפן אין אַלע פינצטערע ווינ־קעלעך פון אונדזער גרויסן גלות אויף דער גרויסער וועלט״.

מענדעלעס ירושה פאַר די אור־אייניקלעך...

(אַ דיאַלאָג צווישן זיינע צוויי אייניקלעך צום „זיידנס" יאָרצייט)

א. צו דער יאָרצייט פון „זיידן" מענדעלע מוכר ספרים וואָלט מען געדאַרפט איבערקוקן זיין ירושה און זי איבערגעבן צו אונדזערע קינדער, זיי זאָלן וויסן, אַז זיי זענען יורשים.

ב. מעגסט די ירושה לאָזן ליגן ערגעץ אויף אַ פּאָליצע. זיי וועלן זיך צו איר אַפילו נישט וועלן צורירן. דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך גאָר־נישט געוואָלט זיי זאָלן עס טאָן...

א. פאַר וואָס? פאַראַן דאָרט אַ סך צירונג און שיינע יידישע פּערל אין „זיידנס" ירושה. אוודאי זיינען היינט אין דער מאָדע גאָר אַנדערע פּערל, אָבער אַנטיקן זענען דאָך קלאַסישע זאַכן, וואָס ווערן קיין מאָל נישט פאַרעלטערט. זיי האָבן זייער ווערט אין אַלע תקופות.

ב. זיי האָבן אַ ווערט פאַר פאָרשער, פאַר עטנאָגראַפן, פאַר די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אויספאָרשן אַקאַדעמיש־געשיכטלעך דאָס אַלטע יידישע לעבן פון 19טן יאָרהונדערט אין ליטע, פּוילן, רוסלאַנד. אָבער מיינע קינדער, וואָס לעבן אין דער נייער וועלט, אין דעם לעצטן דריטל פון 20סטן יאָרהונ־דערט, וואָסער אינטערעס קענען זיי האָבן צו מענדעלעס ירושה? איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: ס'איז שעדלעך זיי זאָלן זיך צורירן צו דעם! אין די ווערק פון „זיידן" איז פאַראַן אַזוי פיל בייסיקע סאַטירע אויפן יידישן לעבן, אַז ס'קען אונדזערע קינדער מאַכן פאַר יידישע אַנטיסעמיטן. ווילסטו, איך זאָל מיינע אייגענע קינדער ווייזן אונדזער בערגל מיסט?...

א. ביסט פאַרקראָכן מיט דיין מענה־לשון קעגן „זיידן" ווייס איך ווו! האָסט אים שוין געמאַכט, רחמנא לצלן, פאַר אַ שונא־ישראל! פאַר וואָס קומט עס אים? ווייל ער האָט קריטיקירט די שעדלעכע און נעגאַטיווע מעשים פון די רעדלפירער אין דעמאָלטדיקן יידישן לעבן? און היינט, ווערט מען דען נישט פאַרשריגן פאַר שונאי־ישראל און ווייס איך וואָס, ווי נאָר מען טרעט אַרויס קעגן די היינטיקע רעדלפירער און „פּני"? ביי

אַנדערע פעלקער האָט מען אויך נישט געזשאַלעוועט קיין בייסיקע סאַטירע קעגן די נעגאַטיווע געשטאַלטן.

ב. דער אַלטער לעבנס-שטייגער פון „זיידנס" צייטן איז שוין געווען געשיכטע אַפילו ביים סוף פון זיין לעבן. דאַרף מען עס פּופּציק יאָר נאָך זיין טויט אויפלעבן פאַר די אוראייניקלעך? צוליב וואָס? איך האָב אַנומלט גערעדט מיטן לערער פון מיינע שול-קינדער וועגן דעם זעלבן ענין און זיין מיינונג איז, אַז דער גאַנצער לערן-מאַטעריאַל דאַרף אַזוי צוגעפּאַסט ווערן, אַז די קינדער זאָלן לערנען נאָר דאָס, וואָס פירט ליב צו האָבן דאָס פאָלק. איך האָב אים געפרעגט: סטייטש? דאָס וועט דאָך פאַדערן דורכצופירן אַ כירורגישע אָפּעראַציע און אַרויסשניידן ביאַליקס „שחיטה-שטאָט", פרישמאַנס, ברענערס און מענדעלעס ווערק? יאָ, האָט ער געענטפערט, מען מוז איינפלאַנצן אין קינד ליב צו האָבן דאָס אייגענע פאָלק דורך ווייזן נאָר דאָס ליכטיקע פון אַמאָליקן יידישן לעבן. די סאַטי־רישע ווערק זענען אין אַלע צייטן געווען שעדלעך. ווייל זיי האָבן אין זיך די קערנער פון זעלבסטהאַס. און נאָך מער געפערלעך זענען זיי היינט, ווען די אַלטע יידישע וועלט איז אַזוי שוידערלעך אומגעקומען צוזאַמען מיט אירע לעבעדיקע יידן. איך ווייס, האָט ער צוגעגעבן, מ'וועט זאָגן, אַז מיר ווייזן אַן איינזייטיק בילד, אַן אַנשאַטנדיקס, נו, איז וואָס? אַזוי איינזייטיק, ווי וועגן דער אייגענער מאַמען, וואָס מיר האָבן ליב...

א. עס איז שוין היינט געוואָרן אַ טראַפאַרעט: „אהבת ישראל". מען טאָר נישט מיסברויכן מיט דעם באַגריף. האָט דען דער „זיידע" נישט פאַרמאָגט קיין אהבת ישראל? איך האָב געלייענט ביי דעם העברעישן שרייבער און קריטיקער, אברהם קריב, אַז מענדעלע, פרישמאַן, ברענער און אַנדערע האָבן נאָר געזוכט די נעגאַטיווע שטריכן און זענען דעריבער „פאַלשע עדות". ער באַשולדיקט זיי אין „פאַרזען" די קדושה און פאַר־באָרגענע ליכט פון דער פאָלקס-נשמה און אַז „זיי האָבן אַנגעוואָרפן אַ שאָטן אויף אַ שאָטן, ביז צום פאַרדעקן אַלץ, וואָס אין אונדזער לעבנס־שטייגער איז געווען באַלויכטן פון אַ פאַרבאָרגענעם, וווּנדערבאַרן מקור".

קריב איז אַנגעוויטיקט אויף דער שלילת-הגלות-קאָנצעפּציע, מיט וועלכער עס איז פול די נייע העברעישע ליטעראַטור. ער שליידערט זיינע שאַרפסטע פיילן אין איר אויסגעקרימטן שפּיגל, וואָס האָט געגעבן אַ פאַר־קרימונג פון דעם יידישן פּרצוף און יידישן גלות-מענטש. ער באַטאָנט, אַז די בלינדע משכילישע שנאה צו יידישע צרות און יסורים איז געווען

אַ צילבאַוווסטע און שעדלעכע. „דער גלות, וואָס איז טיף ווי אַן אַפּגרונט, לאָזט זיך נישט אָפּמעקן, און דאַרף נישט אָפּגעמעקט ווערן, פון אונדזערע הערצער. אַ טראַגישער גורל איז נישט קיין שאַלעכץ, וואָס מען שיילט אָפּ און מען וואַרפט אַוועק אויף דער ערד"... „ס'איז גאָר קיין ווונדער נישט, וואָס די, וועלכע דערציִען זיך אין גייסט פון אַזאַ ליטעראַטור, ווערן פאַר־וואַנדלט אין בפירושע שונאי־ישראל, און עס איז זיי באַקוועמער זיך אָנצורופן כנענים, ווי יידן!"

ב. ביסטו דאָך אויך מסכים, זע איך, מיט קריבס פאָדערונגען וועגן „אַ רעוויזיע" בנוגע די שרייבער, וואָס האָבן געריסן לעבעדיקע שטיקער פון אַלטן יידישן שטייגער־לעבן, און דאָס באַציט זיך צו דער ירושה פון „זיידן", וועלכער האָט נישט בלויז נישט אָנגעווענדעט מידת הרחמים, נאָר אַפילו, ווי יעדער משכיל, פאַרלעצט מידת הדין, געזען בלויז מיאוסקייט און שלעכטס אין פאָלק. אויב דאָס הייסט נישט עגאָפאָביע, ווייס איך שוין נישט, וואָס זעלבסטהאַס איז... דעריבער איז גלייכער מען זאָל וועגן זיין ירושה בעסער שווייגן.

א. אַ, ניין. האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, ווען כ'האָב ציטירט אברהם קריבס קריטיק. כ'וועל זיך מיט אים נישט שפּאַרן, ווען ער וואָלט דאָס געזאָגט נאָר וועגן ברענערן און טיילוויז אַפילו וועגן פרישמאַנען, אָבער נישט וועגן מענדעלען. און לאָמיר נישט דיסקוטירן אַבסטראַקט, נאָר טאַקע אַראָפּנעמען פון די פּאָליצעס זיינע ווערק און זיי אָפּשאַצן מיטן בליק פון אַ הייננטיקן לייענער. מיר וועלן אָנהייבן פון זיין ראָמאַן: „האבות והבנים", פון „דאָס קליינע מענטשעלע" און „די טאַקסע". דאָס זענען נישט קיין קינסטלערישע שאַפונגען, נאָר טיפּיש־משכילישע פּובליציסטיק מיט מוסר־זאָגן און סאַטירע אויף די רעקרוטן־כאַפּער, די בעלי־טאַקסעס, תקיפים און אַנדערע קהלישע פּיאַווקעס און „פאַרזאָרגערס" פון יידישן פאָלק.

לאָמיר נישט פאַרגעסן די צייט, ווען עס איז געדרוקט געוואָרן: דאָס „קליינע מענטשעלע" איז דערשינען אין 1864, און זיין העלד — יצחק אברהם תקיף, אַ „שיינער ייד" — אונטער דער מאַסקע פון „מסירת־נפש" טוט אָפּ די מיאוסטע זאַכן צוליב זיין קאַריערע. דאָס ווערק האָט נישט קיין ליטעראַרישע פּרעטענזיעס און קינסטלערישע ווערטן. דער ערשטער בעסטער משכילישער שרייבער האָט עס געקענט אָנשרייבן, און דאָך פאַר־מאָגט עס אַ פאַרב, אַ ניואַנס, מיט וועלכן עס טיילט זיך אויס פון טיפּישן

משכילישן זשאַנער. מענדעלע האָט שוין דערזען די נאַיִוויטעט פון השכלה צו לייזן דעם יידישן פּראָבלעם מיט דעם רעצעפּט פון בילדונג... אַריינפירן סאָציאַלע פּראָצעסן, מאַנען יושר און גערעכטיקייט פאַר די נידעריקסטע שיכטן פון פאָלק, ווערן דער שליח־ציבור זייערער מיט בונטאַרישקייט קעגן די אייגענע נוגשים ונוטרים, וואָס פלאָגן פון אינעווייניק בעת מען שלאָגט אונדז פון אויסנווייניק מיט רדיפות און פּאָגראָמען — דאָס איז אַ נייער טאָן, וואָס מענדעלע האָט אַריינגעבראַכט אין זיין משכילישער צייט.

דער סוזשעט זיינער צאָלט צינזן דער עפּאָכע, אָבער זיין סאָציאַלער פּאַטאָס און הומאַניזם איז אַן אָנזאָג פון נייע שטימונגען און טענדענצן, וואָס אַנדערע פון זיין דור האָבן נאָך נישט אויפגעכאַפּט. כאַראַקטעריסטיש, מענדעלע האָט זיך באַנוצט מיט דער אויטאָביאָגראַפישער פאָרעם, כדי צו שילדערן פון אינעווייניק די מאַסקע פון „דאָס קליינע מענטשעלע". ער איז אָבער געווען אויטאָפּיסטיש אין מיינען, אַז זיין העלד, וואָס האָט מיט רמאות אומגעבראַכט מענטשן, וועט ווערן אַזוי ווייכהאַרציק און חרטה האָבן אויף זיינע „מעשים טובים". אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דו הערסט זיך גאַרנישט צו וואָס כ'רעד צו דיר! דו וואָלסט מיך שוין לאַנג איבער־געריסן אין מיטן די רייד, ווי דו האָסט אַ טבע צו טאָן ווען ביסט נישט מסכים. זאָג מיר טאַקע וועגן וואָס דו האָסט זיך אין מיטן דערינען פאַר־טראַכט?

ב. בעת דיין רעדן איז מיר אויפן געדאַנק געקומען עפּעס אַנדערש, וואָס האָט זיך ביי מיר אַסאָציִירט מיט מענדעלעס „קליינע מענטשעלע". איך האָב זיך דערמאָנט אין דער דראַמע פון אַבסורד־טעאַטער, וואָס כ'האָב אַנומלט געזען שפּילן. די דראַמע הייסט: „דער באַלקאָן" און דער מחבר, זשאַן זשענע, האָט דראַמאַטיזירט קליינע אומבאַדייטנדיקע מענטשעלעך, וואָס קומען אויסשפּילן זייערע אַמביציעס, דערדריקטע פאַרלאַנגען און גראַנדיעזע ווונטש־פאַנטאַזיעס אין דעם הייזל פון מאַדאַם אירמאַ, וועלכן זי רופט „דאָס הויז פון אילוזיעס". בעת דו האָסט פריִער דערמאָנט מענ־דעלעס סאַטיריש בילד, האָב איך געזען פאַר זיך זשענעס בייסיקע סאַטירע פון אונדזער געזעלשאַפט, פון וועלכער ער רייסט אַראָפּ איין מאַסקע נאָך דער צווייטער, וויַיזנדיק אונטער דעם פאַרפּוצטן מלבוש פון סאָציאַלן סטאַטוס — צביעות, אומגערעכטיקייט, זינד און פוסטקייט. דער שמוץ ווערט קונציק פאַרדעקט מיט דעקאָראַציעס, אוניפאָרמען און שליפעס טאַקע איינרעדנדיק דעם עולם, אַז דאָס איז רעאַליטעט און נישט קיין

מאָסקע, און לסוף הייבן זיי אָליין אָן צו גלייבן, אַז זיי זענען רעאַל און זייערע ראָלן זענען נאַטירלעכע, ממש פון דער השגחה...

א. קומסטו דאָך אַרויף צו מיינע ווערטער וועגן מענדעלעס „קליינע מענטשעלע", וואָס איז הונדערט יאָר שפּעטער נישט בלויז נישט פאַרשוווּנדן פון דער יידישער געזעלשאַפט, נאָר פאַרנעמט אַזאַ אָרט אין דער מאָדערנסטער דראַמע פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט. אָבער לאָמיר צוריקגיין צו מענדעלען און זיינע אַנדערע ווערק. נעם „די קליאַטשע", וואָס איז אין יענער צייט פאַרן יידישן אַרבעטס־מענטש געווען דער ערשטער שטויס צו נייע שטרעבונגען און פאַרטראַכטן זיך וועגן די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז אַזעלכע פאַרשוינען פון די קהלישע „פּני" — אַט די גאַנצע גאַלעריע „שיינע יידן" פון „די טאַקסע" — זאָלן בכלל קענען אויפקומען אויף דער מזרח־וואַנט פון יידישן לעבן און טאָן אומגעשטערט דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן.

דאָס אַלץ האָט געקענט געשען צוליב דער יידישער רעכטלאָזיקייט, איז מענדעלעס אויספיר. ער איז דעמאָלט (1873) דער ערשטער זעער אין אונדזער ליטעראַטור פון דעם סיאַמער צווילינג פון פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט און דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. זיי לאָזן זיך ביי אונדז נישט פאַנאַנדערטיילן. די אויסערלעכע אונטערדריקונג שאַפט דעם פּרוכטבאַרן באָדן פאַר די אייגענע „פאַרזאָרגערס" פון קהל. ער באַטראַכט דאָס יידישע לעבן פון אַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן אַספּעקט. דאָס זענען געווען נייע האָריזאָנטן, וועלכע דער מחבר האָט אַנטפּלעקט פאַרן יידישן לייענער און באַלויכטן די אייגענע און פרעמדע פון דער געזעלשאַפט „צער בעלי־חיים" (אַ רמז אויף דעם ליבעראַליזם פון דער צאַרישער מאַכט סוף די 60ער יאָרן). דער „זיידע" וואַרפט זיינע שאַרפע פיילן קעגן די אַפּאָסטאָלן פון דער אַסימילאַציע, וואָס האָפן מיט דעם צו געפינען לייטזעליקייט ביי די שכנים... ס'איז אָן ספק דאָס טיפסטע ווערק פון יענער עפּאָכע, וואָס איז באַהויכט מיט אַ יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און באַטאָנט גאַנץ דייטלעך, אַז בילדונג און אַסימילאַציע לייזן נישט לגמרי די יידישע פּראָבלעמאַטיק. ס'איז אַ ווערק, וואָס האָט בשעתו געהאַט אַ גרויסע דערציערישע באַדייטונג.

ב. קענסטו מיר זאָגן, וואָס פאַר אַ ווערט אַזאַ בוך מיט אַלעגאָריעס האָט פאַרן הײַנטיקן ייד ?

א. אוודאי איז „די קליאַטשע״ פול מיט אַלוזיעס און רמזים אויף דעם גורל פון כל־ישראל. פאַרגעס נישט, אַז מענדעלע האָט געשריבן פאַר גאָר אַן אַנדערן לייענער — פאַר דעם בית־המדרש־ייד, וואָס האָט זיך געקוויקט מיטן משל פון מגיד. דער עולם האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון מחבר און געוווסט, פאַר וואָס ער קען נישט שרייבן אָפן, נאָר מוז אָנקומען צו אַן אַלעגאָריע, געמאָלן אויף דעם רעאַליסטישן הינטערגרונט פון יענער צייט. ער האָט געוויזן אין בונטע פאַרבן ווי דער טייוול האָט אַ פּרינץ געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ קליאַטשע.

ב. גוט. איך קען מסכים זיין מיט דיר, אַז אין „די קליאַטשע״ איז פאַרקערפּערט די טראַגעדיע פונעם געראודפטן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק און אונדזערע קינדער דאַרפן פון דעם וויסן און לערנען צו פאַרשטיין, פון וועלכע זיידעס זיי שטאַמען און ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט און זיך גע־ראַנגלט פאַר עקזיסטענץ און לופט צו אָטעמען אין שטעטל. ווען איך נעם אָבער אַזאַ ווערק ווי „פישקע דער קרומער״, זע איך אונדזער פאָלק ווי אַן אומה פון בעטלערס מיט שנאָרערישע נשמות. כל־ישראל — איין גרויסע יידישע טאָרבע! אין דער הקדמה שרייבט מענדעלע: „מיר חלומט זיך נאָר בעטלערס... וואָס איך זאָל נישט וועלן עפּעס דערציילן אָדער זאָגן — פאַר מיינע אויגן שוועבט תמיד אַ טאָרבע, די אַלטע גרויסע יידישע טאָרבע״... וואָס וועלן די אייניקלעך זיינע אָרויסדרינגען פון אַזאַ העסלעך בילד פון אַלטן יידישן לעבן? ווען אַ נישט־ייד וואָלט אַזוי באַרעדט יידן, וואָלט מען אים באַצייכנט פאַר אַ גרויסן אַנטיסעמיט. זאָל איך אָט די ירושה פון „זיידן״ איבערגעבן מיינע קינדער?

א. איך ווייס נישט פון וואַנען עס קומען צו דיר אַזעלכע קרומע געדאַנקען. גראָד אין דעם ווערק האָט זיך אָנגעהויבן דעם „זיידנס״ קינסטלערישע דערהויבונג. דער משכיל אין אים, וואָס איז אַזוי בולט און זיינע פריִער־דערמאָנטע ווערק, האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן פאַר מענ־דעלען דעם קינסטלער. דער סוזשעט איז טאַקע פון סאַמע קבצנותדיקן שיכט אין פאָלק, די באַעוולהסטע און דערנידעריקסטע, די בעטלער־מאַסע, אָבער הינטער זייערע טאָרבעס און שמאַטעס, וועלכע ער האָט אַזוי קינסטלעריש באַלויכטן, קלאַפּט אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ! זיין פאַר־דינסט איז טאַקע, וואָס ער האָט אויפגעדעקט זייערע טיף־מענטשלעכע געפילן אויף דעם הינטערגרונט פון אָרעמקייט און שרעקלעכע דלות־בילדער. אויפן פאָן פון אָט דער שנאָרערישער וועלט מיט איר האַס און

ליבע שיינט בולטער אַרויס די צאַרטע ליבע צווישן הינקענדיקן פישקען צו דער האַרבאַטער ביילע. מען קען זאָגן, אַז עס איז דער ערשטער ראָמאַן אין דער יידישער ליטעראַטור.

אמת, מענדעלע פילט זיך אומזיכער אין באַשרייבן אַ ליבע־ראָמאַן. ער האָט גאַרנישט געטראַכט צו פאַרמעסטן זיך אויף אַ טעמע פון ליבע און ליידנשאַפט, זייענדיק אַליין נאַציאָנאַל־קאָנסערוואַטיוו. ווידער פאַר די באַלעבאַטישע יידן — זיינע דעמאָלטדיקע לייענער — איז עס דאָך נישט געווען קיין יידישע זאַך... עס האָט נאָר געקענט געשען צווישן הפקרדיקע דעק־עלעמענטן, וואָס באַגרייפן נישט, אַז די שיר־השירים־ליבע מיינט צווישן דער שכינה און כנסת ישראל און די שני שדיים מיינט משה און אהרן... איך האַלט, אַז דאָס ווערק גיט אונדזערע קינדער אַ פאַרביקן קאַליידאָסקאָפּ פון אַ דורותדיקן לעבנס־שטייגער מיט פּענבילדער פון יאַרידים, פון קרעטשמעס און אַנדערע באַשרייבונגען, באַגלייט מיט לירישע נאַטור־שילדערונגען, וועלכע באַצירן די צייכענונגען פון אַ יידיש־אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער.

ב. האָסט דערמאָנט דעם „זיידנס" לירישע פּייזאַזש־שילדערונגען. צי זענען זיי פאַר אונדזערע קינדער פאַרשטענדלעך? זיי זענען דאָך אַזוי יידישלעך אַלטמאָדיש. די נאַטור דאַוונט ביי אים תפילהדיק און ימים־נוראימדיק. זיינע נאַטור־באַשרייבונגען האָבן געקענט רעדן צום געמיט פון בית־המדרש ייד, אָבער נישט צו אונדזער היינטצייטיקער יוגנט. איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, וואָס אַפילו דאָס בעסטע פון זיינע ווערק, די לירישע נאַטור־שילדערונגען, וואָס זענען ווירקלעך באַלויכטן מיט אַזאַ ליכטיקייט און ליבשאַפט — אין קאָנטראַסט צו זיין בייזן באַשרייבן יידישע מענטשן — זענען נישט פאַרן גומען פון דעם היינטצייטיקן סאָפיסטיצירטן לייענער. זיין נאַטור־ליבשאַפט וועט אים נישט פאַרכאַפּן. אין זיינע אויגן זעט אויס זיכער עקזאָטיש דעם „זיידנס" זען דעם בוים דאַוונען שמונה־עשרה און דעם פויגל אָנטאָן פרום אַ יאַרמלקע. דער רעזולטאַט וועט זיין אַזאַ: דאָס שיינע און פּאָזיטיווע אין מענדעלעס שאַפן פאַרקערפּערט אין זיין נאַטור־ליריציזם וועט צו אונדזערע קינדער סיי ווי נישט דערגיין, דאַקעגן דאָס נעגאַטיווע פון „פישקע דער קרומער", און פון דער גאַנצער גאַלעריע פאַרשוינען, אין וועלכע דער מחבר זייערער האָט אַריינגעגעבן דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער וועלט, וועט זיך יאָ צוקלעפּן. און מיר ווייסן דאָך, אַז

דאָס איז אַ קרומער שפּיגל פון אַמאָליקן יידישן לעבן, צי וואָס עס ווייזן אונדזער יוגנט ?...

א. האָסט דאָ פאַרבראָקט קאַשע מיט מאָן! איך וועל דיר אָבער ענטפערן זאַכלעך. קודם־כל אויף דיין טענה, אַז דעם „זיידנס" פּייזאַזש־באַשרייבונגען זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר דעם היינטיקן לייענער. איך האָב שוין באַטאָנט, אַז זיינע דעמאָלטדיקע לייענער זענען געווען די יידן, וועלכע האָבן צום בעסטן געקאָנט דערשפּירן די יידישלעכע פאַרגלייכונגען. צוליב אַ ריי סיבות האָבן זיי נישט געהאַט קיין חוש פאַר די נאַטור־שיינקייטן און האָבן בכלל געהאַלטן, אַז ס'פירט צו ביטול תורה. איז דעריבער אַזוי נייטיק געווען אין זייער לשון געבן שילדערונגען פון נאַטור־פּייזאַזש, וואָס זאָל פאַרכאַפּן דעם לייענער מיט די בילדער. ווען איך האָב אין קלאַס גערעדט וועגן דעם מיט הי־געבוירענע קינדער, האָבן זיי נאָך געפונען אין די באַשרייבונגען אַ ספּעציפישן חן טאַקע צוליב די יידישלעכע אימאַזשן.

ב. לאָמיר מער נישט דיסקוטירן וועגן די אויבנדערמאָנטע ווערק זיינע, נאָר וועגן די, וואָס ווערן באַצייכנט אַלס די קינסטלערישסטע פון זיין שאַפן. נעם „דאָס ווינטשפינגערל", האָסטו ווייטער אויפן קאַבצאַנסקער לייוונט דעם הויפּטהעלד, הערשעלע, פאַרוואַנדלט אין אַ גלופּסקער ישיבה־בחור, וואָס שטייט אויס נישט ווייניק צרות, הונגער און נויט. ווידער די בילדער פון די אויסערלעכע און אינערלעכע ליידן פונעם יידישן לעבן אינעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט מיט די קהלשע תקיפים פון קאַבצאַנסק און גלופּסק, די „כאַפּערס" און די הילפלאָזיקייט, די איילעניש פון האַנדל־וואַנדל און די לויפעניש מיט לײדיקע מאָגנס. איז דאָס אַ מאַטעריאַל פאַר אונדזערע קינדער צו זיין שטאָלץ מיטן לעבן פון זייערע זיידעס ?... ניין, איך וועל אָט די קראַנקע זייטן פון אונדזער אַמאָליקן לעבן נישט אידעאַליזירן און ס'איז געזינטער פאַר אונדז נישט צו מאַכן פון זיי אַן אויס־שטעלונג.

א. די לעבנס־באַשרייבונג פון אַן אָרעם יידיש ייִנגל איז דאָך בלויז אַ נעבן־זאַך אין דעם ווערק. צו דעם מין געהערט אויך דיין פאַטעטישקייט וועגן „די קראַנקע זייטן" פון שטעטל־לעבן אין „זיידנס" ווערק, פון וועלכע מען וויל רחמנא לצלן מאַכן אַן אויסשטעלונג... דו דערמאָנסט מיר אין יענעם, וואָס האָט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן געזען די אַלערליי קליינע ווערעמלעך, נאָר דעם העלפאַנט האָט ער נישט באַמערקט... האָסט נישט באַמערקט אין „דאָס ווינטשפינגערל" אַן ענציקלאָפּעדיע פון יידישן לעבן:

דורך עפיזאָדן, בילדער, סצענקעס און געשטאַלטן האָט אונדז מענדעלע געגעבן — קינסטלעריש — די יידישע געשיכטע פון זיין צייט. דיינע קינדער האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען מיט איר! פאַר זייערע אויגן וועט זיך אַנטפּלעקן יידיש־פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע, אַ רייכער פאָלקלאָר און בכלל די קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון אַן עפּאָכע — איר ליכט און שאָטן — וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע הונדערט יאָר. פאַר־טרעטן פון יחידים, אַ טיף־גאַלעריע מיט דעם באַזונדערן חן פון די „ניין מאָס" באַרעדעוודיקע יידענעס, די משכילים און בטלנים (שוין נישט געמאָלן אין שוואַרץ־און־ווייס־פאַרבן).

דו האָסט געדאַרפט זיין ביי מיר אין קלאַס און זען, ווי די קינדער האָבן אויפגענומען מיט הייטערקייט מענדעלעס איינטיילן די יידן, וואָס פאָרן מיט דער בויד קיין גלופּסק אויף „שיינע יידן, כשרע יידן, גלאַט יידן, אַזוי־זיך יידן, מיטן פולן מויל יידן, ברענענדיקע יידן, און אויך מיר יידן".

ב. וואָס ווועסטו מיר זאָגן וועגן אַזאַ ווערק, ווי „מסעות בנימין השלישי"? דער פּוילישער שרייבער, קלעמענס יונאָשאַ, האָט עס איבער־געזעצט אויף פּויליש אונטערן נאָמען „דאָן קיכאָט זשידאָווסקי". אַ שיינער פאַרגלייך! סערוואַנטעסעס העלד מיט זיין ברייטן שווונג, מיט זיין שטאָלץ און רחבות, די אָרעמע פון זיינע קאַמפן — די גרויסע וועלט און זיין געראַנגל איז דאָך נישט בלויז מיט ווינטמילן, נאָר אויך מיט רעאַלע לייבן. זיינע וויזיעס און אידעען — אוניווערסאַלע, די פאַרקערפּערונג פון דעם אייביקן געראַנגל צווישן דעם וויזיאָנערישן פונעם גייסטיקן אויג און די קליינע טריט פון מענטשלעכן פוס... אָבער וואָס פאַרקערפּערט בנימין? דעם קאַבצאַנסקער פישמאַרק! די נישטיקייט און אָרעמקייט פון די השגות אין טונעיאַדעווקע וועגן דער וועלט, וואָס ענדיקט זיך ביים אַרויספאָר פון גלופּסק... הינטער איר איז שוין דער סמבטיון מיט די פּיפּערנאָטערס און וויזלטירן און נאָך אַזעלכע אויסטערלישע באַשעפענישן, וואָס היטן אָפּ די רויטע יידעלעך, די עשרת השבטים, מ'זאָל צו זיי נישט צוקומען... דאָס איז דאָך פּשוט אַ חוזק־בילד פון אונדזער פאָלק, פון זיינע השגות און וועלטוויסן... וואָס וועלן אונדזערע קינדער טראַכטן פון זייערע זיידעס, אויב זיי וועלן זיי זען אין אַזאַ טראַגי־קאָמישן שפּיגל? קיין רעספּעקט פאַר זיי קענען זיי פון דעם נישט באַקומען, איז צו וואָס?

א. דיין באַנעמונג פון „מסעות בנימין השלישי" איז אַזוי פלאַך און קורצזיכטיק, אַז כ'מוז ממש שטוינען! ביי דיר זעט עס אויס אַ מין חוזק־

בילד, וואָס דער „בייזער" זיידע האָט געמאַכט פון דער גאַנצער יידישער עדה קדושה. אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס אַ סאַטיריש ווערק וועגן דער פסיכישער איזאָלאַציע אין יידישן אַמאָליקן תחום־המושב פון דער גרויסער וועלט.

נישט דאָ איז דער אָרט אַריינצוגיין אין די אַלע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן איז געווען אַזוי אָפּגעזונדערט און אָפּגעריסן פון דער וועלט. מיר ווייסן זייער גוט, אַז די סיבות זענען געווען היסטאָרישע, באַווירקט פון אינערלעכע און אויסערלעכע פאַקטאָרן. איזאָלאַציע האָט געשאַפן דעם באַדן פאַר דעם גראָטעסק און דער טראַגיק פון פאָלק. טונעיאַדעווקע איז אַ פאַרגייסטיקטע יידישע וועלט, אירע „מסעות" צו דער אַרומיקער וועלט זענען פאַנטאַסטיש־רוחניותדיקע מיט ביטול צו רעאַליטעט. די בנימינס, די יידישע „דאָן קיכאָטן", רייסן זיך צו זען וואָס עס קומט פאָר מחוץ זייער (פסיכישער) וועלט. עס איז אַ נשמה־נסיעה מיט דעם פאַנטאַסטישן דראַנג „נאָך גרויסע מעשים" אַלס אַ בריק פון שטעטל און צו דער וועלט. ווי סערוואַנטעסעס העלד, האָט אויך מענ־דעלעס נישט קיין וואָרצלען אין דער רעאַליטעט, מיט וועלכער ער וויל נישט שלום מאַכן. עס איז אַ ווערק מיט פאַרשיידענע פלאַכן און זשאַנערן, וואָס זענען באַהויכט מיט דעם לייכטן שמייכל פון דעם פיקח־מענדעלע. איר זעט בפירוש, ווי ער לאַכט גוטמוטיק פון זיינע העלדן, פון זייערע אויסטערלישע מחשבות, וואָס זוכן צו קאָמפּענסירן דאָס שווערע לעבן פון דער וואָר. מען מוז אונטערשטרייכן, אַז אַלע מענדעלעס ווערק זענען שטאָקן פון איין בנין. יעדער פון זיי איז איינגעמויערט אין דער עפּאָכע מיט אַלע אירע פּראָבלעמען און געראַנגלען.

ב. איך בין מסכים מיט דעם, וואָס דו האָסט געזאָגט צום סוף, און דעריבער זע איך אין זיינע ווערק קודם כל דעם משכיל, וואָס האָט נישט געקענט אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון זיין צייט (השכלה). ער האָט געפירט אירע מלחמות, זיך באַנוצט מיט אירע פּאַבולעס און דורך אירע ברילן געקוקט אויפן יידישן לעבן. אָט אַפילו אין די „מסעות" האָט ער ביים סאַמע סוף זיך אָפּגערעכנט מיט די „כאַפּערס" און געשילדערט, ווי בנימין און סענדערל ווערן פאַרנאַרט און איבערגעגעבן צו מיליטער... זעסט כסדר דעם מוכיח און משכיל.

א. פאַרגעס נישט, אַז ווי פרעמד דער משכיל זאָל אונדז היינט נישט זיין, האָט ער אָבער אין זיין צייט געשפּילט אַ היסטאָרישע שליחות. ער

האָט אָנגעהויבן בויען די בריק, וואָס האָט געפירט צו דער פאַרוועלט־לעכונג פון יידישן לעבן, און דאָס איז זיין זכות. אָט דער דראַנג איבער־צובויען דאָס לעבן אויף ראַציאָנעלע יסודות האָט טאַקע פאַרכאַפּט דעם יונגן שלום יעקב אַבראַמאָוויטש. ער האָט אָבער דערזען אָן איינזייטיקייט — די גאַנצע ישועה אין בילדונג! וואָס וויזט איר דער קליאַטשע, אַ ״ה״ אין סידור? וויזט איר בעסער אַ בינטל פרישע היי. זייענדיק אַליין אַ פּראָדוקט פון דעם משכילישן דור, איז ער שוין אין זיינע ערשטע ווערק געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים און געקענט זען אַ סך ווייטער פאַרויס און טיפער זיך דערגראָבן צו די עצם וואָרצלען פון דער יידישער פּראָבלע־מאַטיק ווי זיינע בני־הדור. זיין סאָציאַלער באַוווסטזיין און קינסטלערישער חוש האָבן אים געהאָלפן אויסצוגעפינען די אָרדענונג און שייכות פון ווערטן. סוף־כל־סוף האָט דער קינסטלער גענומען די אויבערהאַנט איבערן משכיל.

ב. איך קען מסכים זיין מיט דיין אויספיר נאָר אין שייכות מיט זיין לעצט ווערק — „שלמה ר׳ חיימס״. אין דעם „מיזיניק״ האָט ער שוין נישט אַריינגעגעבן קיין גאַליקע סאַטירע, נאָר אַ מילדן, קלוגן שמייכל פון אַ רייפן קינסטלער. אויך אין זיין בעסטער שאַפונג פאַרט ער אַראָפּ פון שליאַך, דאָ און דאָרט, צו זייטיקע געסלעך, אָבער קומט אַרויס צוריק צו יעדער צייט אויפן הויפּט־טראַקט. זיין טבע אַריינצופאָרן אַ מעשה אין אַ מעשה און די צעצויגנקייט איז געבליבן אויך אין זיין „בן־זקונים״. נישט צו געבן דיר אַ באַליביקע געלעגנהייט צו זאָגן, אַז כ׳זע ביים „זיידן״ נאָר שאָטן, וועל איך אַליין דאָ צוגעבן, אַז זיין לעצט ווערק איז פיל מער ווי „אַ בילד פון יידישן לעבן אין ליטע״ (ווי ער האָט עס אַליין אָנגערופן).

ווי בעת אַ פרעכטיקן זון־אונטערגאַנג, איז אין בוך פאַרקערפּערט די שקיעה פון אַ גרויסער יידישער תקופה און געשטאַלטן־פּאַנאָראַמע. דער יחיד שלמה איז אויטאָביאָגראַפיש, אָבער אפשר מער ווי דער יחידישער מאָמענט איז דורכגעלויכטן פון אינעווייניק דאָס קאָלעקטיווע בילד פון דער עפּאָכע, וואָס איז שוין געשטאַנען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. עס פילט זיך שוין נישט דער ריח פון האָס צו יידן און זייער שטייגער־לעבן אין זיין „בן־זקונים״, נאָר דער ריח פון פאַרב אין זיינע מאָלערישע ביל־דער, סטיל־פיינקייטן פון פרעכטיקע שניצערייען אין זיין געשטאַלטן־גאַלעריע. אָט דאָס ווערק וואָלט איך געוואָלט זען פאַרפילמירט, מיר אַליין

און אונדזערע קינדער זאָלן קענען איינקריצן די בילדער פון די אַלטע היימען, יעדעס פּנים, די הלבשה, צירונג, מנהגים פון דער וואָך און פון שבת־קודש, פון יידישע שמחות און יידישער עצבות, פון אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס אין אַ יידיש הויז, ווי אַזוי עס האָט פּאַרצייטנס אויסגעזען אַ יידיש הויז מיט אַלע פּיטשעווקעס, גלויבנס און אָבער־גלויבנס — אין דעם זין איז ער דער באַדייטנדיקסטער ערשטער גרויסער קינסטלער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס גיט אַ טריי בילד פון דער פאַרצייטיקער יידישער וועלט.

דאָס אַלץ זאָג איך דיר, צו באַווייזן, ווי אָביעקטיוו איך וויל זיין לגבי דעם „זיידנס" ירושה, און דאָס, וואָס כ'האָב קריטיקירט, איז נישט צו באַרעדן שלעכטס, חלילה, נאָר צו זאָגן דעם פולן אמת וועגן אים, ווי אַ לייענער און אַ טאַטע פון קינדער אין אונדזער צייט. ביי מיין גאַנצן רעספּעקט און יראת־הכבוד פאַרן „זיידן" וויל איך אָבער ווי ווייט מעגלעך פאַרהיטן זיי זאָלן פון זיינע גאַליקע סאַטיריש־משכילישע ווערק נישט אַרויסדרינגען אַ שאַקירנדיק צעקרימטן אימאַזש פון יידן.

א. איך בין צופרידן, וואָס דו ביסט בכוח אָפּצושאַצן די ווערטן פון זיין לעצטן ווערק, נעמענדיק אין אַכט, אַז דיך פאַרפאַלגט אַ היפּער־סענסיטיווקייט, וואָס כ'זע ביי די עקסטרעמע אהבת־ישראל־פּרעדיקער. איך האָב נישט וויניקער ליב אונדזער יידיש פאָלק ווי זיי, אָבער איך ווייס, אַז ס'איז געזינטער פאַרן פאָלק אַ קריטישער צוגאַנג און זעלבסט־אַנאַליז פון זיינע שאָטן־זייטן, איידער צו פאַרזען זיי דורך זעלבסט־אָפּנאַרעריי. אָט דאָס דאַרף זיין אונדזער אָביעקטיוו־קריטישער צוגאַנג צו דער ירושה פון מענדעלען. מען דאַרף אים זען אין זיין פולער גרויס און ברייט, אין זיין ליכט און שאָטן. מען דאַרף אים זען אויפן פאָן פון זיין עפּאָכע, וועלכע ער האָט אָפּגעשלאָסן מיט לייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער מאָדערנער יידישער וואָרטקונסט.

אין פּראָצעס פון שרייבן האָט ער אַנטפּלעקט דעם מוזיקאַלישן ריטעם, די פולקייט פון יידיש־קלאַנג, די זאַפטיקייט און בילדלעכקייט פון מאַמע־לשון, וועלכן ער האָט פאַרוואַנדלט אין זיין קינסטלערישן אינסטרומענט. „איך האָב זיך פאַרליבט אין יידיש, האָט ער באַטאַנט, און זיך פאַרקנסט מיט איר אויף אייביק. איך האָב איר געגעבן די בשמים און קרייטעכצער, וואָס איר קומט און זי איז געוואָרן אַ שיינע באַחנטע פּריצטע".

ער האָט טיף געגראָבן אין די ברונעמער פון דורות. אַרומגעפלויגן איבער תקופות, אַראָפּגענידערט און געזוכט אין אַלע יידישע קוואַלן. ווי אַ בין אָפּגעקליבן דעם שפּראַך־האָניק; מיט זיין שטאַרק־אַנטוויקלטן פילאָ־לאָגישן חוש און מוזיקאַלישן אויער, מיט זיין גרויסער ערודיציע אין תּלמוד, מדרש, מתנגדישן מוסר, רבנישער חריפות, מגידישע דרשות, האָט ער צונויפגענומען ליים און ציגל פון שפּראַכלעכן רוי־מאַטעריאַל און געפורעמט אַ יידיש־קולטור־לשון פאַרן פאָלק. ער האָט צונויפגעגאָסן פאַר־שיידענע שפּראַך־שיכטן, איבערגעטראָגן אויסדרוקן, ווערטלעך, סינאָנימען, עפּיטעטן, פאַרגלייכונגען, געזאַמלט און באַאַרבעט פאָלקס־ווערטלעך און שפּראַכלעך־הומאָריסטישע אויסדרוקן, מחדש געווען נייע, גערייניקט און אויסגעפּוצט אַלטע. ער האָט פאַריידישט נעמען פון פלאַנצונגען, דערביי יעדעס וואָרט געוויגן און געמאָסטן איידער ער האָט אים אַריינגענומען אין זיין שפּראַך־אוצר.

ער איז אויך געווען אַ לערער פאַר דורות יידישע שרייבער צו געפינען פאַרב און קלאַנג פאַר יעדן באַזונדערן טיפּ: „פאַר די תּנועות און העוויות פון שנאָרער, פאַר דעם דריי מיטן גראָבן פינגער פון למדן, פאַר דעם עקסטאַז פון חסיד, פאַר דעם זיפץ פון בעל־מלאכה און די מינעס און זשעסטן פון דער באַרעדעוודיקער יידענע". מיר געפעלט זיין דערציילן זלמן שניאורן, ווי אַזוי עס פלעגט אים אָנקומען שווער דאָס שרייבן (נישט איין מאָל פלעגט ער דורך לאַנגע שעהען נישט באַוויזן מער אָנצושרייבן ווי עטלעכע שורות); „...זוכנדיק אַזוי אַן אויסדרוק, אַ וואָרט, דערזע איך פּלוצלונג אַ פאַרשעמט ווערטעלע, אַ באַשיידנס, אַ קליינס, אַ צאַרטס, אַ ציטערדיקס. עס פּילט זיך שלעכט צווישן אַזאַ עולם מיט גבירים, דאָס פינגערל אין מיילעכל... טרערן שטייען אים אין די אויגן... — קום נאָר אַהער, קליינינקער, נאָר דיך דאַרף איך האָבן, נאָר דיך"...

כדי אָפּצושאַצן מענדעלעס אויפטו און דערגרייכונגען, מוז מען האָבן פאַרן אויג דאָס בילד פון אַ הונדערט יאָר צוריק און אַפילו די שפּעטער־דיקע יאָרן, ווען יעקב דינעזאָן האָט נאָך געקענט שרייבן: „איך פאַרשטיי נישט, פאַר וואָס מענדעלע צאַצקעט זיך אַזוי מיטן זשאַרגאָן?" („הויז־פריינד", 1888). אויב דינעזאָן האָט אַזוי געקענט זאָגן, וואָס האָט מען שוין געקענט דערוואַרטן פון אַנדערע?... אין יענעם באַגינען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט מענדעלע זיך און אַנדערע געשטעלט הויכע פאָדערונגען. ער האָט פאַרשטאַנען פריער פון אַנדערע אין זיין

עפּאָכע, אַז אַ פֿאָלק האָט נישט נאָר זיין ברויט און טאָגשפּראַך, נאָר אויך די שפּראַך פֿון העכערן תּכלית, פֿון גייסטיקייט. ער האָט זי געזוכט איבער אַלע יידישע וועגן און שטעגן און געוואָרן איר גרויסער בוימייסטער, דער קלאַסיקער פֿון דער יידישער וואָרטקונסט און פֿון דער יידישער עפּיק.

מיר דאַרפֿן זיך נישט שעמען מיט זיין ירושה, נאָר פֿאַרקערט, אַרויס־הייבן זיין שאַפֿן און זיין געשיכטלעכע ראָל פֿאַר דעם רענעסאַנס פֿון יידישן לעבן און אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט פֿון „זשאַרגאָן" געמאַכט אַ שיינע יידישע שפּראַך, צוגעגרייט דאָס פֿאָלק צו אַ קינסטלערישער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און די ליטעראַטור געבראַכט צום פֿאָלק. צום שבח פֿון פֿאָלק איז נויטיק צו באַטאָנען, אַז עס האָט אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס דעם „זיידן", ווען ער האָט געמאַכט זיין גרויסע טריומף־רייזע איבער די יידישע שטעט. אַ שטראָם פֿון באַגייסטערונג האָט געשפּאַרט פֿון די לייענער זיינע, ווען זיי האָבן זיך פּנים אל פּנים געטראָפֿן מיט זייער גרויסן קינסטלער. דאָס פֿאָלק און דער „זיידע" האָבן דעמאָלט מער ווי ווען עס איז דערשפּירט דעם אמת, אַז טראָץ די געדיכטע פֿאַרבן פֿון זיין סאַטירע און דעם היפּערבאָלן מיטל, וואָס ער נוצט אין זיין שרייבן, איז ער, מענדעלע מוכר ספֿרים, „אַ פֿעדעמל אין דעם גרויסן שטיק מאַטעריע, וואָס גייט אין דער וועלט פֿון אייביקע צייטן אונטער דעם נאָמען ייד".

ער האָט זיין פֿאָלק ליב געהאַט, געלעבט מיט זיינע ליידן און פֿריידן, געמאָנט און געפֿאָדערט פֿאַר אים יושר און זיך אָנגענומען פֿאַר זיין קריוודע. ער האָט געהאַט אַ באַוווסטזיניקע באַציִונג צו זיין שרייבן, גלויבנדיק, אַז אַ קינסטלער דאַרף האָבן אַ ציל, אַ דראַנג, אַ מיסיע. אַ טיפֿן וואָרט האָט ער אַ מאָל אויף זיין טריומף־צוג געזאָגט צו שלום אַש, בעת אַ באַנקעט: „אַש איז דיין נאָמען. אלף שין! אויף העברעיִש מיינט עס פֿייער און אויף יידיש — אַש". אָט די צוויי אייגנשאַפֿטן אין זעלבן וואָרט, וואָס זיינען אַזוי ווייט איינע פֿון דער אַנדערער. אַ סימן, מען קען זיי פֿאַרמאָגן גלייכצייטיק. אין פּראָצעס פֿון יצירה איז דאָ דער פֿייער און פֿלאַקער אינעם מענטש. ווערט אָט דער פֿייער אויסגעלאָשן, בלייבט דער זעלבער מענטש נישט מער ווי אַש, דער עפֿר ואפֿר...

מענדעלע האָט אויף די באַנקעטן לכּבֿוד אים אויך געהערט שאַרפֿע טענות מצד אַ באַגריסער. אין ווילנע, אויף דער גרויסער מאַניפֿעסטאַציע, זענען געקומען די רעדלפֿירער פֿון קהל, פֿאַרנומען דעם אויבנאָן און געזוכט

ביי דער גרויסער שמחה איינצוקאַסירן פאַר זיך כבוד. ווען עס האָט באַקומען אַ וואָרט צו באַגריסן אין נאָמען פון „בונד" א. ליטוואַק, האָט ער אַרויסגערוקט אַ גרויסע טענה צום „זיידן", פאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט אַרומרינגלען פון די זעלבע בעלי־טאַקסעס, וועלכע ער האָט אין זיינע ווערק אַזוי שטאַרק געטאַדלט...

מענדעלע האָט געפילט די שטאַרקע פעדעם, וואָס פאַרבינדן אים מיט דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט דאָס אויסגעדריקט אין זיין באַגריסונג צום צוואַנציק־יאָריקן יובל פון „בונד". ער אַליין איז דאָך אויך זיין אופן אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער און אַ בונטאַר. הגם ער האָט נישט רעוואָלטירט קעגן צאַר און זיין רעוואָלוציע האָט נישט אַרויסגעפירט פון שטעטל צום פּאָליטישן קאַמף, האָט ער אָבער געשטרעבט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה צו העלפן זיין פאָלק אויסבעסערן זיין לעבן.

אַ האַלב יאָר פאַר זיין טויט, ווען עס איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דער צאַרישער דעספּאָטיזם, האָט ער אָפּגעדרוקט זיין באַגריסונג: „צו מיינע ליבע יידן און בירגער פונעם גרויסן זיך באַפרייטן און וועלט־באַפרייענדן רוסלאַנד"... היינט קלינגען די דאָזיקע ווערטער — דער לעצטער טייל פון אָפּזאָץ — ווי פון מענדעלעס אַ בייסיקער סאַטירע. אָבער מיט פופציק יאָר צוריק האָבן זיי געקלונגען גאָר אַנדערש... דעמאָלט האָט ער אויסגעדריקט זיין אינטימע פאַרבינדונג מיט די גרויסע דערלייזערישע האָפענונגען פאַרן יידישן פאָלק מיט די ווערטער: „איך, אייער פריינד, איך וואָס, ווי איר ווייסט, האָב איינגעשטעלט פאַר אייך מיין לעבן, זיך מוסר־נפש געווען פאַר אייער באַפרייונג, איך וואָס ווינטש אייך פיל גוטס און וויל זען אייך גליקלעך"...

דוד בערגעלסאָנס ניגון אין דער יידישער פּראָזע־קונסט

ער איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַן אייגנאַרטיקן ניגון פון בילד און וואָרט. עס איז געווען אַ נייער נוסח אין דער יידישער פּראָזע־קונסט אין זיין אופן פון דיסטילירן די ווערטער פון זיינע העלדן, זיי זאָלן דורך אויסשווייגן, מער ווי דורך רייד, אַרויסשפּיגלען פון זיך די שטימונגען, עמאָציעס און דורכלעבונגען. מיט אַזאַ זעלטענער שפּאָרזאַמקייט פון גבירישער קמצנות, האָט בערגעלסאָן מיט צימצומדיקע ווערטער, ריטמיש אין זייער מעלאָדישקייט, ווי פּאָעזיע און מוזיק, אויסגעזונגען דעם אינערלעכן ניגון פון זיינע פּערסאָנאַזשן, וואָס הייבט זיך און פּאַלט, ווי די כוואַליעס ביי אַ ים־אויסגוס, מיט זייערע צוזאַמענשטויסן ביזן אָפּגאַנג.

שוין אין זיין ערשטער דערציילונג („דער טויבער" — שפּעטער האָט ער עס דראַמאַטיזירט פאַר דער בינע), האָט זיך געקענטיקט די נייע קרעפּטיקע פּראָזע אין דער יידישער דערצייל־קונסט, וואָס האָט זיך אין איר צימצומדיקייט איבערגערופן מיט פּרצעס נוסח, אָבער זיך אויסגעטיילט מיט איר אַנדערשקייט ביים אַרויסברענגען דאָס אומקאָנקרעטע פון נשמה־אומרו און די טיפקייט פון סובטעלקייט.

„אַרום וואָקזאַל" (1909) — בערגעלסאָנס גרעסטענער ערשטלינג־בוך, האָט שוין אַ סך בולטער אָפּגעשפּיגלט די קינסטלערישע וואַליאָרן פון זיין פּראָזע, וואָס האָט באַקומען אַ וואַרעמען אָפּרוף אין דער קריטיק און ביים בעסערן יידישן לייענער. שוין דער טרעפלעכער נאָמען פון בוך האָט אינטריגירט מיט דעם אונטערוועגנס און שיידוועג פון אָנקומענדיקע און אַוועקגייענדיקע צוגן מיט מענטשן און זייערע דערוואַרטונגען. דער „אַרום וואָקזאַל" איז שוין נישט פאַרבונדן געווען מיט מענדעלעס שטעטל פון אַ סטאַטיש־איינגעפונדעווטן לעבנס־נוסח, וואָס איז געבליבן פאַרגליווערט אין קאַבצאַנסקער בלאָטעס.

עס איז שוין אויך נישט שלום־עליכמס שטעטל, וואָס האָט שוין יאָ פאַרלוירן די דורותדיקע איינגעפונדעוועטקייט און שטייגערישע איינגעזעסנקייט, אָט די, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. שלום־עליכמס

פאַרשווינען זענען דאָך אויך עפּעס כסדר אונטערוואַקסנדיק... די קינדער באַוועגן זיך שוין אויפן שיידוועג פון דער יידישער געשיכטע און ברעכן אַלטע טראַדיציעס פון יידישן שטייגער אין קאַסרילעווקע. זיי שטייען אָבער נישט פאַר קיין בלינדער וואַנט פון טראַגיק און פינצטערניש, דאַן ווען מען זעט נישט פאַר זיך קיין וועג און אויסוועג און מען בלייבט שטעקן אין פּאַסיווקייט און רעזיגנאַציע. זיינע העלדן ראַנגלען זיך נאָך קעגן גורל און קעגן דער וועלט מיט סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן אָפּטימיזם. די שעה ביי זיי איז נאָך אין מיטן העלן טאָג, ווען אַ טרער איז באַהאַלטן אונטער אַ שמייכל, און אַ כזית חלום פאַרבאַנדאַזשירט די ווונדן.

ביי בערגלסאָנען איז שוין דאָס שטעטל אין שקיעה-צושטאַנד נאָך אַ לאַנגער תקופה. די שקיעה איז דאָ דער סימבאָל פון ירידה און צוזאַ-מענברוך פון חסידיש-נגידישן יחוס, אויף וועמענס אָרט עס קומט אויף אַ נייער יחסן — דער אויפגעקומענער געלטזאַק, דער גייסטלאָזער גביראַ-קראַט — אברהמציק קויפמאַן. תורה און יחוס זענען געוואָרן וווערטלאָזע פּאַפּירן. דער זין און ציל פון לעבן איז — דער עגל הזהב. צו אים בוקט מען זיך און אַן אַ פּריק פון געוויסן רייסט מען זיך איבער אים טרעטנדיק איבער לעבעדיקע. צו אַן אַנדער וועלט געהערט בייניש רובינשטיין. זיין איינזאַמקייט, זיין עלנטקייט (אין „אַרום וואָקזאַל") פאַרקערפּערט די ירידה פון דער אַמאָליקער גייסטיקער יידישער וועלט, וואָס האָט זיך אַרומגע-טראָגן מיט דעם יחוס-בריוו פון עם הספר... מיר זעען אים אין זיין ירידה, ווען ער קוקט אויס ביי זיין בייזער שוויגער אַ לאַ-יצלחניק, אַ מעקלער, וואָס דרייט זיך אַרום די סוחרים צוליב אַ צופעליקן פאַרדינסטל. ער שפּירט זיך אַ פרעמדער אין דער סביבה פון די אברהמציקס, ווי עס פילט זיך פרעמד אברהמציקס ווייב, די שיינע און געבילדעטע טאָכטער פון אַ יורדי-שער יחוסדיקער משפּחה. דרייט זיך טאָקע קלאָרע אויך אַרום אַ פרעמדע אין דעם פּאַלאַץ פון איר מאַן, ווו עס יאָגט אַ וויסטע קעלט פון דער אַרו-מיקער גראָבהויטיקייט און גייסטיקער אויסגעליידיקטקייט.

וועבט זיך צווישן קלאַראַן און בייבישן אַ נאָענטקייט פון צוויי אומ-רויקע, בענקענדיקע נשמות. זיי רעדן ווייניק און אין זייער אויסשווייגעניש זאָגן זיי מער, ווי מיט רייד. עס פאַרבינדט זיי דאָס נאָגנדיקע געפיל, וואָס הענגט אין דער לופט אַרום זיי גופא, די בענקשאַפט נאָך די לעבנס-פיינ-קייטן און שיינקייטן, וואָס גורל האָט צוגערויבט פון זיי. וויל בייניש זיך אויפעפענען פאַר איר, זיך אַראָפּרעדן פון הארצן, קען ער אָבער נישט

אַראָפּנעמען דעם שלאָס פון זיין מויל... שווייגט ער אויס פאַר דער איידע־לער קלאָרען זיינע שטימונגען, געפילן און מחשבות. זי דערשפּירט אין אים אַן אח לצרה — זייביידע זענען איינזאַמע, פאַרוואַגלטע מענטשן.

ענדיקט זיך דער ראָמאַן מיט איבערגעריסענע פעדעם צווישן קלאָרען און בייגישן צוליבן אַנקום פון אַ פּיפּיקן קאָמיסיאָנער, וואָס איז נישט געראָטן אין בייגישן. בלייבן איבערן ווערק הענגען, ווי אַ נעפּל, די אויסגעשוויגענע, נישט דערזאָגטע ווערטער, די פון אומבאַשטימטקייט און דערוואַרטונג, וואָס גייען נאָך דעם לייענער, ווי קלאַנגען נאָך אַ סימפאָ־נישן קאָנצערט, אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס מ׳קען נישט אָנרופן ביים נאָמען.

„נאָר אַלעמען"

איך דערמאָן זיך די צייטן, ווען מיר פלעגן איבער דער יידיש־פּוילישער פּראָווינץ איינאָרדענען „אַ משפט" איבער „נאָך אַלעמען" און איר הויפּט־העלדין, מירעלע הורוויץ. און דער (יוגנטלעכער) „פּראָקוראָר" האָט זיך אָפּגעשטעלט (שטאַרק) אויף איר שוואַכן כאַראַקטער, און בכלל אויף די בענקשאַפטן און שטימונגען (אויפן באָדן פון נישט דערפילטע פאַרלאַנגען און דורכגעפאַלענע האָפענונגען) אין אַן איבערגאַנגס־צייט צווישן איין עפּאָכע און אַ צווייטער. ער האָט אַרויסגערוקט הארבע טענות קעגן מחבר: הלמאי ער האָט אונדז געגעבן אַזאַ בין־השמשות־בילד פון אָפּהענטיקייט און אַנטוישונגען און אַוועקגעשטעלט אין דעם צענטער פון ראָמאַן „אַ קליינ־שטעטלדיקע טראַגעדיע" פון אַ שוואַכן כאַראַקטער־טיפּ — מירעלע.

דער „פאַרטיידיקער" האָט אָפּגעשלאָגן די טענות מיט שטאַרקע אַרגו־מענטן אויפווייזנדיק, אַז דער ראָמאַן איז געוואָרן אַ ווענדפּונקט אין דער יידישער ליטעראַטור. בערגעלסאָן איז געווען דער ערשטער יידישער שריי־בער, וואָס האָט די יידישע עמאַנציפּירטע פרוי אַרויסגערוקט אויבן אָן, איר אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון בוך און די מענער געגעבן אַ צווייט־ראַנגיקע ראָל. ער האָט מירעלען פאַרגליכן מיט איבסענס „נאָראַ", וואָס האָט פריער אָדער שפּעטער אויך געמוזט אָנקומען אין יידישן שטעטל צו באַשטימען אַליין איר אייגענעם גורל, אַרויסרופנדיק אַ רעוואָלוציע אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער אויפפירונג.

האָט דער „פּראָקוראָר" אויפגעוויזן, אַז דאָס האָבן שוין טביהס טעכטער זיך עמאַנציפּירט נאָך פאַר מירעלען, אויסגעקליבן אַן אייגענעם דרך אין לעבן, ווייט פון טאַטע־מאַמעס אַלטער איינשטעלונג. וואָס שייך די גדולה מיט איבסענס נאָראַ־רעוואָלוציע בנוגע דער זעלבשטענדיקייט און פריי־הייט פון דער פרוי, האָט ער ציטירט די סאַרקאַסטישע באַמערקונג פון ג. ק. טשעסטערטאָן, אַז „אַ מיליאָן פרויען האָבן (נאָך נאָראַן) געמאָלדן זייער כוונה צו זיין פריי און גלייך אָנגעהויבן נעמען דיקטירונגען"...

דערמאָן איך דאָ מיט אַ כוונה אָט די „משפטים" איבער שרייבער און ווערק, וואָס פלעגן פאָרקומען ביי איבערפולטע זאַלן מיט יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך מיטבאַטייליקט, ווי עקספּערטן, עדות און סתם מיטשפּילנדיקע אין דער פאָרשטעלונג... עס איז אין זאַל געווען די לעבעדיקע אַטמאָספער פון בערגעלסאָנס ווערק: מען האָט געזען לעבן מירעלען, דעם לייכטזיניקן סטודענט נתן העלער און דעם לירישן ווערלול בורנעס און די אַלע אַנדערע פּערסאָנאַזשן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום מירעלען, דער העברעישער שרייבער הערץ, וואָס פלעגט אַראָפּקומען אין שטעטל צו דער אַקושערקע — שאָץ; און שמואל זיידענאָווסקי, מיט וועמען מירעלע האָט חתונה געהאַט (מער אויס רחמנות), כדי צו ראַטעווען איר פאָטער, דעם יורד, ר' גדליה הורוויץ.

ווען איך שטעל די פראַגע: פאַר וואָס זענען מיר אַזוי באַצויבערט געווען פון בערגעלסאָנס ווערק? — ווייל זיין ניגון האָט זיך אין אונדז אַריינגעזונגען מיט זיינע בענקשאַפטן און שטימונגען. עס איז אונדז נאָכ־געגאַנגען די שיינע געשטאַלט פון מירעלען, איר ערלעכקייט און אחריות, איר אָפּטרייסלען זיך פון לייכטזיניקן נתן העלער (דערשפּירנדיק זיין אינערלעכע פּוסטקייט), וועמען זי ליבט יאָ; און איר אָפּלאָזן דעם שידוך מיט דעם איידעלן ווערלול בורנעס צוליב זיין פשוטקייט און גראָדליניקייט, וואָס איז איר געווען לאַנגווייליק. נישט נאָר בערגעלסאָן איז ווי געפאַנגען געוואָרן פון זיין געשאַפענעם בילד — מירעלע, מיר זיינע לייענער, זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט איר חן און צויבער. איר ערלעכקייט און מענטש־לעכקייט, וואָס פאַרוואַנדלט איר לעבן אין אַ טראַגישן קנויל האָבן מיר אויפגענומען מיט פאַרשטענדעניש און וואַרעמקייט. איר בענקשאַפט נאָך דער אַנדערשקייט, וואָס זאָל דערהויבן דאָס לעבן, עס שענער מאַכן, האָט אַריינגעשפּילט אין אונדזער אייגענעם געמיט, אין אונדזערע חלומות, וואָס האָבן זיך געטראָגן אויף אונדזערע דאַן־נאָך יוגנטלעכע פליגל.

אוודאי האָבן דעם „פּראָקוראָרס" טענות צום מחבר אַנטשפּראָכן אונ־דזערע אייגענע געפילן, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט די שטימונג פון בין־השמשות, ווען די שאָטנס ווערן לענגער און אומהיימלעכער ווערט אויף דער נשמה. אָבער מיר האָבן געוווּסט די דאָטע, ווען בערגעלסאָן האָט געשריבן אָט די ווערק — נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1905. די טיפע צעבראָכנקייט, אַנטוישונג און אַפּהעטיקייט; האָט דאָך דאָן אין דער רוסישער ליטעראַטור געשאַפן אַרציבאַשעוס סאַנין־טיפּ — אַ רע־טונגס־גאַרטל (דורך „עסקייפּיזם") נאָך אַ גרויסער שיפסברוך... אויפן באָדן פון די זעלבע נישט רעאַליזירטע האָפענונגען און דורכגעפאַלענע שיינע אידעאַלן האָט בערגעלסאָן געשאַפן זיין „אַרום וואָקזאַל" און „נאָך אַלעמען", וועלכע פלאָטערן מיט קינסטלערישן אומרו און שאָטנדיקע ליניעס.

„אָפּגאַנג"

דוד בערגעלסאָן האָט זיין ווערק „אָפּגאַנג" פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1921. ווי אין די פריערדיקע שאַפונגען, האָט אויך „אָפּגאַנג" נישט קיין אָנהייב און קיין סוף. דער מחבר האָט אין שפּעטערדיקן ווערק („ביים דניעפּער") דערקלערט „אַז אַלע זאַכן הייבן זיך אָן אין מיטן — מסתמא איז עס דערפאַר, וואָס איך ווייס נאָך בכלל נישט, ווו איז אין לעבן אָן אָנהייב און ווו איז אין לעבן אַ סוף"...

דער סוזשעט דאָ איז אַנדערש געוועבט: אַ סך דינער, מטושטשדיקער, געצייכנט אין ווייכע פאַרבן, אַרומגענומען מיט האַלב־ראָמאַנטישע ליכט־פלעקן און אַנדייטנדיקע אימפּרעסיאָניסטישע ליניעס. דער מחבר האָט די אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע שטריכן פון די פּערסאָנאַזשן אַרויסגעבראַכט מער דורך רמזים, ווי דורך רייד. יעדע געצייכנטע געשטאַלט באַווייזט זיך אין פּראָפיל־שאָטן און אַזוי אגב־אורחאדיק אַריינגעוועבט אין דעם סיפּור המעשה און אַקציע.

איז דען דאָ אָן אַקציע אין דעם ווערק? עפּעס אַ שטאָנדהאַפטיקער יסוד פון אַ סוזשעט? — אַז אַלע פּאַסירונגען זענען אַזוי שאָטנדיק און דרייען זיך אַרום דעם מיסטעריעזן טויט פון דעם יונגן בחור, מלך, וואָס

איז פלוצעם געשטאָרבן און געלאָזן נאָך זיך אַ פאַרפלאָנטערטן קנויל... קומט אַראָפּ אין שטעטל זיין נאָענטסטער חבר און פּרוווט אויפבינדן דעם קנויל: פאַר וואָס האָט זיך מלך געגומען דאָס לעבן אין זיין אַפּטייק־סקלאַד? ווער האָט אין זיין ווינונג אָנגעצונדן אַ יאָרצייט־ליכט? און ווער איז די חוה פויזנער, וואָס האָט געשריבן צו אים די בריוו פון אַן אַנדער שטאָט?

איז געווען אַ ליבע צווישן זיי, בעת ער האָט געהאַט אַן אַנדערע כלה — די קורסיסטקע ליובע קאַדיס? — עפּעס שושקעט מען זיך אין שטעטל וועגן דער חוה פויזנער, די שיינע צעפּיעשטשעטע בת־יחידה פון אַ רייכן מעל־סוחר, וועלכע פלעגט מיט אַזאַ סאַדיסטישער הנאה פאַרצוקן אירע ליבע־קרבנות, און זייער צאָל איז גרויס: אָט איז דער סטודענט, וואָס האָט זי דעם ערשטן מאָל געטראָפן אויף זיין וואַקאַציע אין שטעטל, און פון דאַן אָן קומט ער שוין יעדן יאָר כּאָטש צו זען זי, און פאַרבליבן צוליב איר אַן אייביקער סטודענט... אָדער גאָר דער לערער פון שטעטל, וואָס האָט צוליב איר איזדיעקעוועט זיך איבער זיין ליבע, אָנגעהויבן שיכורן און זי באַרעדן מיט די גראָבסטע רכילות...

בערגלסאָן האָט אויך אין „אָפּגאַנג" אָרויסגעשפּיגלט די יורדישקייט פונעם שטעטל. ער האָט מיט זיינע אייגענע ליכטער דורכגעלויכטן איר אָפּגאַנג מיט די האַרבסט־שאָטנס, וואָס פאַרגייען שטיל מיט אַ נאָגנדיקן אומעט און שטילן טרויער... ער האָט די ראָמאַנטישע בענקשאַפט פון דער יידישער יוגנט פאַרקערפּערט אין מירעלען און אין די פיל אַנדערע פּערסאָנאַזשן, וואָס האָבן געהאַט חלומות, בענקשאַפטן, זוכענישן, גע־ראַנגלען. פירט דאָך נאָך מלכס טויט, זיין חבר חיים משה ווייטערדיקע שמועסן מיט זיין פאַרשטאָרבענעם חבר, כאָטש איצט איז עס שוין נישט קיין דיאַלאָג, נאָר אַ מאָנאָלאָג, אַ מין וויכוח מיט זיך אַליין, מיט זיין דור און צייט, מיט אירע קנוילן, פרוסטראַציעס און ריסן... בערגעלסאָן, דער גרויסער מייסטער פון דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, האָט די ראַנגלע־נישן פון די געשטאַלטן אַרויסגעבראַכט מיט רמזים און נישט דערזאָגטקייט. ער האָט מיט סובטעלע פאַרבן געצייכנט די טאָפּאָגראַפיע פון דער קאָמפּלי־צירטער מענטשלעכער פּסיכיק. געוויזן אונדז קאָנטראַסטן פון מענטש־לעכע נשמות, ווי אַנטיפּאָדן פון פאַרשיידענע וועלטן. מירעלען מאַטערט אַ שולד־געפיל, וואָס די פאַרליבטע מענער אין איר ליידן צוליב זייער

נישט רעאַליזירטער ליבע; און חוה פּויזנער האָט גאָר אַ גרויסע הנאה, וואָס זי קען די מענער פאַרשלעפּן אין איר נעץ און זיי צעטרעטן. ווי אַ קאָנטראַסט פון איר איז אויך די יונגיטשקע חנקע, וואָס ראַטעוועט חיים משהן פון חוה פּויזנערס פאַרצוקנדיקע נעגל. מיט איר מאַמעשער געטריי־שאַפט, וואָס פאַרקערפּערט די אחריות און גאַנצקייט פון מענטשן און לעבן, העלפט זי אים צוריק צו געפינען אַ באָדן אונטער די פיס און אַרויסבאַ־קומען זיך פון זיינע פאַרבלאָנדזשענישן.

איז נישט גערעכט געווען דער „פראָקוראָר" מיט זיין באַשולדיקונג קעגן בערגעלסאָנען, הלמאי ער האָט מיט אַזעלכע שוואַרצע פאַרבן געמאָלן דעם אונטערגאַנג פון שטעטל און דערביי פאַרזען די דינאַמישע שעפע־רישקייט און נאַציאָנאַלע וויטאַליטעט, וואָס איז געפלאָסן פון שטעטל. זיכער האָט בערגעלסאָן געוווּסט פון די פּרוכטיקע קערנער, וואָס זענען פאַרזייט געוואָרן און אויסגעוואַקסן פונעם שטעטלדיקן באָדן. האָט דאָך פון דעם באָדן געצויגן יניקה די יידישע ליטעראַטור; פונעם שטעטל זענען אַרויסגעקומען שרייבער, קינסטלער, די שענסטע אידעאַליסטן און רעוואָ־לוציאָנערן — און דאָס האָט דאָך נישט געקענט געשען אויפן עקרהדיקן באָדן פון „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג".

גיכער פון אַלץ האָט בערגעלסאָן פאַרקערפּערט אין די ווערק די פאַרוועלקטע צווייגן, וואָס האָבן נישט באַקומען מער קיין זאַפטן פון די פרוכטיקע וואָרצלען און שטאַם. ער האָט געזען דעם אונטערגאַנג און אָפּגאַנג פון דער נגידיש־יחוסדיקער היים (פון וועלכער ער אַליין האָט געשטאַמט), געזען איר ירידה און עס באַגלייט מיט דעם זיס־אומעטיקן ניגון, וואָס ער האָט אויסגעזונגען מיט זיין שיינער, לירישער שטים פון אַ גרויסן קינסטלער. דער גרויסער פּראָזע־מייסטער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט די קרייזיסן פון דער מענטשלעכער נשמה אין די דינסטע פאַרבן. ער האָט אויפגעכאַפּט נישט די הויכע זיך־פאַרשרייענדיקע טענער, נאָר דעם שטילן טאָן, דעם קול דממה דקה פון דעם יחידס פּסיכאָ־גראַפיע. זיין עכטער קינסטלערישער מהות האָט באמת דערגרייכט די גייסטיקע הויכפּונקטן אין די אויבן דערמאָנטע ווערק, וועלכע ער האָט געשאַפן איידער ער איז אריין אין שפּאַן פון קאָמוניזם. אָבער מיטן מאָמענט ווען ער האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער רעוואָלוציע פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן דער קינסטלערישער קריזיס אין זיין שאַפן.

עס איז שוין נישט איין מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק, אַז עפּעס אַ פאַטאַליסטישער כוח האָט אים אַריינגעצויגן אין שפּאַן פון באַל־שעוויזם. וויל איך נישט אַריינגיין אין מעטאַפיזיק צו זוכן דעם שליסל פאַר זיין קינסטלערישער טראַנספאָרמאַציע: ווי אַזוי עס האָט געקענט געשען, אַז דער ליריש־שלווהדיקער פּראָזאַיִקער האָט געקענט אויפנעמען די ליאַרעמדיקע גרויזאַמקייט פון קאָמוניסטישן מידת הדין? איך בין טיף איבערצייגט, אַז בערגעלסאָן האָט מיט אַ שווער האַרץ אָנפאַרטרויט זיין גורל — דעם יידיש־נאַציאָנאַלן גורל און דעם אַלמענטשלעכן אוניווער־סאַלן — דעם „קאַלטן אייזערנעם טראָפּן יושר" פון טשעקאַ־קאָמיסאַר פיליפּאָוו (הויפּט־העלד פון זיין „מידת הדין").

אַ ריי סיבות האָבן וואָרשיינלעך באַווירקט בערגעלסאָנען (ווי די גאַנצע קיִעווער שרייבער־גרופּע אויף עמיגראַציע) זיך אומצוקערן אין ראַטן־פאַרבאַנד: די געדריקטע שטימונגען און געפילן אויף דער עמיגראַ־ציע; די בענקשאַפט צום לאַנד פון קינדהייט און יוגנט־יאָרן; די פּעסי־מיסטישע איינשטעלונג לגבי אַ יידיש־שעפעריש לעבן אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער פון איין זייט און די מלוכישע פאַרזאָרגונג פאַרן שרייבער אין רוסלאַנד — די אַלע מאָטיוון צוזאַמען זענען געווען די לאַקנדיקע, פאַרפירערישע פייערלעך צו גיין אין שפּאַן פון קאָמוניזם.

כאָטש ער האָט אין ראַטן־פאַרבאַנד זיך באַזעצט ערשט אין 1933, האָט ער שוין מיט יאָרן פריִער זיך דעקלאַרירט ווי אַ סאָוועטישער שריי־בער (1926), און דאַן אָנגעהויבן דרוקן אין שפּאַן־זשורנאַל (וואָס ער האָט רעדאַקטירט צוזאַמען מיט א. כאַסינען) זיין ראָמאַן „מידת הדין". עס איז געווען דער אָנהייב פון רעאַליסטישן זשאַנער אין זיין שאַפן, וואָס האָט דערגרייכט צו די קינסטלערישע הויכפּונקטן אין זיין שפּעטערדיקער זאַגאַ, „ביים דניעפּער".

אין „מידת הדין", ווו ער שילדערט דעם ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד פון „אָקטאָבער", זעען מיר שוין בערגעלסאָנען דעם מליץ־יושר פאַר דער אכזריות פון פיליפּאָוון קעגן פּינקען צוליב זיין אַריינשמוגלען אַ ביסן שפּייז פאַר די הונגעריקע קינדער.

אומפאַרגעסלעך איז פיליפּאָווס קאַלטע אַכזריותדיקע באַציִונג צו פּינ־קעס מאַמע, ווען זי קומט בעטן פאַרן זונס לעבן און דער טשעקיסט ווייזט

איר די רויטע פאָן... איר זון מוז באַצאָלן דעם העכסטן פּרייז פאַר עובר זיין אויפן קאָמוניסטישן שולחן־ערוך. דער מחבר זוכט צו באַווייזן, אַז דער קאָמיסאַר וועגדט דאָך אויך אָן לגבי זיך אַליין די גרעסטע אכזריות. דער קראַנקער פיליפּאָוו, מיט דעם שטענדיק אַרומגעבונדענעם האַלדז, איז מקריב זיין לעבן פאַר דער רעוואָלוציע און קומט אַליין אום כדי צו דער־מוטיקן אַנדערע; אַז ער, וואָס איז דער סימבאָל פון דער בלוטיקייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פאַרמאָגט אויך צאַרטקייט לגבי אַ קינד פון דער אַרעסטירטער „בלאַנדע" (אגב, איז דאָס אַן אויטענטישער עפּיזאָד פון דעם טשעקאַ־אָנפירער, פעליקס דזשערזשינסקי, בעת דעם ראָמאַנטישן „אָקטאָבער"־פּעריאָד).

האָט בערגעלסאָן געזוכט דעם צידוק־הדין לגבי די ברוטאַליטעטן פון דער רעוואָלוציע צוליב דעם אידעאַלן ענדציל, וואָס וועט לייזן אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען, און, מסתמא, אויך אַלע פּסיכישע העמונגען (וועלכע ער האָט אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט אין זיינע ווערק פון פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע). מיטן מאָמענט ווען ער האָט זיך געשטעלט אויף איר זייט, האָט ער אין דעם סאָוועטישן יידישן „צענטער" געזען די איינציקע האָפענונג פאַר דער יידישער קולטור.

אמת, אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער נאָך נישט געקענט פאַרויסזען דעם שנעלן איבערגאַנג פון בלוטיקן טראָפּן קאַלטן יושר ביי די פיליפּאָווס צו די שפּעטערדיקע טייכן און ימים יידיש בלוט און טרערן (און פון נישט־יידן אויך) — דאָס האָט דער גרעסטער שונא פון די באָלשעוויקעס נישט געקענט זיך פאָרשטעלן!

אָבער אַז ער וועט דאַרפן צאָלן שווערע צינזן דעם „אָקטאָבער", דאָס האָט בערגעלסאָן זייער גוט געוווּסט שוין אויפן שוועל פון די דרייסיקער יאָרן, ווען ער האָט פאַרטראַכט זיין זאַגאַ, דעם טיילוויז־אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן מיטן גרויסן פאַרמעסט —

„ביים דניעפּער"

אין ערשטן באַנד (דערשינען 1932), זענען פאַראַן פּרעכטיקע גע־מעלן — ממש אַן אוצר פון יידישער שטייגערישקייט, אויף וועלכע עס ליגט בערגעלסאָנס מייסטערהאַפטער קינסטלערישער זיגל. שלמותדיק זענען

געמאָלן אַ ריי טיפּן און פּערסאָנאַזשן פון דער אַלטער יידישער וועלט. עס קענטיקט זיך בערגעלסאָנס אינערלעכע פרייהייט ביים שילדערן די געשטאַלטן פון פאַר דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע (פון 1905). זיין אופן פון צייכענען די געשטאַלטן פון דער „פּאַליע" (וועלכע דער מחבר האָט וואַרשיינלעך אויסגעבאַרגט פון זיין פאָטערס גבירישן הויז) און פון דער קיך מיט איר פּעריפעריע — אַ פּרעכטיקע גאַלעריע עמך־טיפּן באַשפּרינקלט מיט אַ סובטעלן, לייכטן הומאָר — בלייבט לאַנג נאָכן לייענען איינגעשרויפט אין געמיט און זכרון. די רייכע גאַלעריע פּאַרשוינען זענען אויסגעשניצט פון אַ גרויסן מייסטער אין זיין קינסטלערישן באַרג־אַרויף און דאָס זעט מען שטאַרק אין זיינע שילדערונגען פון די מענטשלעכע און סאָציאַלע באַציִונגען פון דעם פּאַליע־צענטער און קיך־מענטשן ביז צו דער פּעריפעריע — די הינטערגעסלעך, ווו ס'וווינען די בעלי־מלאכות, הענדלער און דאָס עמך־פאָלק.

צווישן זיי האָפּסלט אַרום דער זיבן־יאָריקער פּענעק מיט זיין קינדערישן נייגיר און קוועקזילבערישן אומרו צו זיין אומעטום, זען און אַריינזאַפּן אין זיך די שפּעדיקע איינדרוקן, פון וועלכע בערגעלסאָן שאַפט (מיט יאָרן שפּעטער) זיין גרויסע עפּאָפּייע מיט איר לעבעדיקער אַטמאָספער און אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן. הגם די דערציילערישקייט איז נישט תמיד שטאַרק פּליסיק, דאָך ווערט דער לייענער גלייך פון אָנהייב אַריינגעצויגן סיי אין גבירישן משפּחה־קרייז, סיי אין דער סביבה פון דער קיך מיט איר אינטערעסאַנטער פּעריפעריע. די אויסגעשניצטע פּאַרשוינען, אָנהייבנדיק פון „דער עלטסטער אין הויז" — דער פינף־און־זעכציקער ר' מיכאל גבריאלס, מיט זיינע אויסגעגעבענע זין און טעכטער, איידעמס און שניר, ביז די קיך־מענטשן (די קעכין בוני, דער פורמאַן יאַנקל, די „לאַנגע" שיינדל) און די הינטערגעסלעך־טיפּן מיט זייער פּראָסטן, זאַפטיקן מענה־לשון — ווייזן בולט בערגעלסאָנס בעסטע קוואַליטעטן פון זיין קינסטלערישער פּראָזע מיט איר ווירטואָזיטעט פון שפּראַך און סטיל (אין אַ ריי קאַפּיטלען).

צוליב שפּאָרן פּלאַץ, מייד איך אויס בכוונה צו געבן ציטאַטן, וויפל דער יצר־הרע זאָל מיך נישט שטופּן צו דעם. דערמאָנט זיך דעם געמעל פון יאָסל גורלאַנדס הויז מיט די אַלע פּאַרשוינען וואָס דרייען זיך דאָרט אַרום (ספּעציעל גורלאַנדס עטלעכע און אַכציק־יעריקע באָבע) צוזאַמען מיטן הויזגעזינד; אָדער די שטריקל־דרייערקע און די פיל צענדליקער אַנדערע

פאַרשווינען מיט דעם גאַנצן שלל עפּיזאָדן, וואָס זענען פראַגמענטאַריש און שלמותדיק (נישט אַלע, נאַטירלעך). עס בעטן זיך ביי מיר אַזעלכע אומ־פאַרגעסלעכע שורות: „אין אַ בייטאָג פאַר יום־טוב איז אַ שעה געוואָרן שיכור". אָדער: „ווען אַ מעשה לאָזט זיך אַוועק שפּאַצירן, איז פּונקט אַזוי טשעקאַווע איר נאָכצוקוקן, ווי אויף אַ שפּאַציר לאָזט זיך אַוועק אַ מענטש. וווּהין וועט זי צו ערשט אַריינקומען? וועמען וועט זי געבן שלום־עליכם?" און פיל אַנדערע, איך וואָלט זיי וועלן אָפּפרישן פאַרן לייענער, אָבער איך קען זיי נישט צוליב טאָן...

★

בערגעלסאָנס קינסטלערישער באַרג־אַראָפּ פאַרענדיקט זיך אַרום דעם ערשטן באַנד פון דעם ראָמאַן. דער צווייטער באַנד (1940) ווייזט שוין קינסטלערישע ירידה. דער מחבר קייקלט זיך דאָ ראַשיק באַרג־אַראָפּ (אין אַ ריי קאַפּיטלען) און דערמאָרדעט זיך אַליין קינסטלעריש אין פּעלשונגען און אומנאַטירלעכע אכזריותן, וואָס שענדן דעם קינסטלערישן אמת. וואָס פאַר אַ פּעלשונג פון אמתדיקער קינסטלערישקייט איז דאָ אין זיין שיל־דערונג, ווי פּענעק לויפט אַריין צו זיין גוססדיקן טאַטן, כדי צו זען ווי ס'שטאַרבט אַ גביר, אַ חזיר! דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פון בערגעלסאָנס אייפער צו געווינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון די באָלשעוויסטישע פּאָליט־קאָמיסאַרן און באַווייזן זיין פּראָלעטאַרישע „כשרות". אַן אכזריות־דיקע פּעלשונג פון קינסטלערישן אמת איז זיין געמעל, ווי די אָרעמקייט פון שטאָט לויפן אַריין אויף בייז ווונדער הנאה צו האָבן פון דער גסיסה פון אַ גביר. וואָלט כאָטש דער מחבר געקענט באַווייזן, אַז דער נגיד האָט מיט זיינע געשעפטן עקספּלואַטירט די שטעטלדיקע אָרעמקייט, אָבער, ניין, ער ווייזט אונדז, אַז זיינע זאַוואָדן, מילן, וועלדער זענען ערגעץ העט־ווייט פון זיין שטאָט, ווו ער וווינט און שטאַרבט.

אויפגעבלאָזן איז די גאַנצע טענדענציעזקייט פון דער אומנאַטירלעכער איינרעדעניש ביי פּענעקן, אַז זיין מאַמע, ברידער און שוועסטער האָסן אים בתכלית השנאה! — בעת פאַקטיש האָבן זיי אים נאָר געוואָלט מדריך זיין, ווי אַ יינגערן זון און ברודער, ווי עס געשעט געוויינלעך אין יעדער פאַמיליע. אָבער בערגעלסאָן האָט געזוכט אַ פּסיכאָלאָגישע „באַגרינדונג" פאַר פּענעקס גיפטיקע „פּראָלעטאַרישע" שנאה קעגן די בורזשואַזע טאַטע־

מאַמע, ווייל ער גופא האָט געהאַט דעם „אומגליק" געבוירן צו ווערן אַן אַ פּראָלעטאַרישן יחוס־בריוו. אין באַלשעוויסטישן קלימאַט איז דאָס געווען דער גרעסטער הויקער!

בערגעלסאָן, דער גרויסער קינסטלער פון דער בצימצומדיקער וואָרט־קונסט און פּלאַסטישער נישט־דערזאָגטקייט, ווערט אין צווייטן באַנד פון דעם ראָמאַן דערטרונקען אין אַ ים פון אומנויטיקע רייד און פּרטים. אַן אַ שיעור פון ניין מאָס רייד וועגן רביים און רבנים, וועגן די ציוניסטישע שאַטירונגען און וועגן רעדאַקטאָרן, וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איסקראָוו־צעס און עסערן, און נאָך, און נאָך — ווער איז דאָרט אַלץ נישטאָ? דער איינדרוק איז, אַז דער מחבר פון „ביים דניעפּער", האָט עפּעס ווי געזוכט מיט די ניין מאָס רייד צו פאַרדעקן זיך אַליין, זיין אינערלעכע וועלט, זיין קינסטלערישן געוויסן.

כדי געפעלן צו ווערן די צענזור־קאָמיסאַרן (אין די דרייסיקער יאָרן, בעת דעם שוידערלעכן טעראָר), האָט דאָך בערגעלסאָן אַנגעהויבן „אויס־בעסערן" זיינע פריערדיקע שאַפונגען (לדוגמא, זיין „פאַרשענערונג" פון דער דערציילונג „צווישן עמיגראַנטן", וואָס איז דערשינען אויף זיינע עמיגראַציע־יאָרן, אַנהייב די צוואַנציקער יאָרן, און איר טראַנספאָרמאַציע — אונטער אַן אַנדער קעפּל — אין 1941. זע „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" ז"ז 773 — 775).

✶

בעת די היטלעריסטישע חורבן־יאָרן, ווען דער ראָטן־פאַרבאַנד איז באַפאַלן געוואָרן, און פון אויבן האָט מען אָנגעוווּנקען, אַז מען מעג איצט זיך באַנוצן מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון און טענער, האָט בערגעלסאָן דאַן געשאַפן זיין „פּרינץ ראובני" (דערשינען נישט אין ראָטן־פאַרבאַנד, נאָר אין ניו־יאָרק, 1946), און אויך זיין „כ'וועל לעבן!". ביים שרייבן זיי, האָט בערגעלסאָן, ווי געשפּירט הינטער זיינע פּלייצעס דעם קאָמיסאַר פיליפּאָוו און מורא געהאַט, צי ער וועט נישט מאַרגן דאַרפן באַצאָלן דערפאַר...

דער פּוילישער ייד — דער וועלטייד — אין אָפּאַטאָשוס ווערק

אין די צוויי צענדליק דערשינענע ווערק — דערציילונגען, ראָמאַנען, סקיצן — האָט אַפּאַטאָשו אַריינגעגעבן די לעבעדיקע נשמה פונעם פּוילישן ייד און פונעם געשיכטלעכן וועלט־ייד.

מיטן וואָרט פּוילישן ייד, פאַרצייכענען מיר נישט געאָגראַפישן אָפּשטאַם, נאָר די אייגנאַרטיקע לעבנספירונג און דעם באַזונדערן קוק אויף דער וועלט מיט יידישע אויגן, וואָס האָבן געזוכט נישט בלויז זען, נאָר דערזען. נישט בלויז לעבן, נאָר — דורכלעבן מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור און אינערלעכן פייער. דער פּוילישער ייד אין זיין טיפערן מהות האָט פאַרקערפּערט אין זיך גאַנצקייט און צעריסנקייט, טיפע אמונה און סקעפּטיק. ער האָט מיט התלהבות, מיט חסידישן ברען זיך געקענט אַנצינדן אויף פון קליינע גראָע זאַכן, אָבער אויך געקענט אַרויסווייזן מתנגדישע קילקייט, באַזאָכטקייט און באַטראַכטקייט.

אַפּאַטאָשו האָט די פילגעשטאַלטיקייט פונעם פּוילישן ייד געפאַנגען אין זיין שאַפן. ער האָט אים געזען דורך דער פּריזמע פון זיין אייגענער סביבה. די צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן פון זיין טאַטע־מאַמע; זייער אָפּשטאַם, סביבה, ירושה, לאַנדשאַפט, וואָרצלען און שטאַם, האָבן אים שעפעריש געפירט אַנצופילן זיין יידישע וועלט מיט אַ שלל פון קעגנזעצלעכע געשטאַלטן: פּראָסטע דאָרפסמיידן, וואָס טראָגן אין זיך דעם ריח פון פעלד און וואַלד און לעבן זיך אויס מיט זייער פשטות און געזונטקייט אויף דער שויס פון נאַטור, און רוחניותדיקע, מיט העכערע בענקשאַפטן און יחוס־בריוו פון תורה און לומדות.

אין זיין לעצטער עסיי „דער וועג פון מיין שאַפן", דערציילט אַפּאַטאָשו פון זיין יוגנטלעכער בונטאַרישקייט קעגן דער רוחניותדיקער וועלט פון זיין פאָטער, וואָס האָט געהאַט אַ ספר־היחוס פון דורות רבנים און „גוטע־יידן". „...האָב איך זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיין פאָטער, אַנטקעגנ־

געשטעלט און באַקעמפּט זיין לעבנסקוק און זיין וועלטקוק. אַלס פּראָטעסט קעגן די דורות מקובלים, רבנים און חסידים, האָט מיך געצויגן צו דער מוטערס צד — צו די געזונטע יידן, וואָס האָבן געשריבן מיט פּאַסיקלעך און רינגעלעך, דערפון — מיין „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב". ווי אָבער איך בין אַוועק פון דער היים, געווען אין וואַרשע, פּאַריז, אין ניו־יאָרק, האָט מיך געצויגן קריק צום טאַטן און צו די, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך" („די גאָלדענע קייט", ב' 20, ז' 27).

די סביבה פון זיין מוטער האָט דעם יונגן אָפּאַטאָשו געגעבן אַ צוטריט נישט נאָר צו סטופּסקער וואַלד־יידן און צו פערד־הענדלער, נאָר אויך צו זייער שכנותדיקן שיכט, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט פריי פון די תרי״ג־מצוות צוימען... פּראָסטע יונגען מיט נישט־געצוימטע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן, וואָס לאָזן זיך פירן דורך דער שטים פון זייער בלוט. „ווילדע יונגען" פון דעק, פון „אויף יענער זייט בריק" מיט זייער צעכראַסטעטער תאווה, גבורה און פאַרברעכערישקייט. אָט די פאַרשוינען זענען געווען דער רוי־שטאָף פאַר זיינע ווערק. ער האָט זיי נישט געפּרוווט מאַראַליזירן, געוויזן זיי ווי „זיי גייען און שטייען" מיט זייער גאַנצער מגושמדיקייט און ליידנשאַפטלעכער ערדישקייט.

אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט אָפּאַטאָשו זיך געטראָפן מיט איינעם פון זיינע העלדן, קיווקע גנב. ער האָט וועגן אים אַ דערציילונג (אינעם בוך „ווען פוילן איז געפאַלן"), געשריבן אין די לעצטע יאָרן, ווען ער איז שוין טעמאַטיש לאַנג געהאַט אַוועק פון די פערדיונגען און פערדהענדלערס. אין דער אויבנדערמאָנטער עסיי, באַטאָנט אָפּאַטאָשו די ווירקונג, וואָס עס האָבן אויף אים געהאַט צוויי טיפּן — דער רעוואָלוציאָנער יוליוש לעלעוועל — אַן אַריינגעייער צו זיין פאָטער — און קיווקע סיבירניק. ער האָט דיביידע העלדן געשטאַלטיקט אין זיינע ווערק, דעם ערשטן אין ראָמאַן „1863", דעם צווייטן אין „ראָמאַן פון אַ פערדגנב".

עס וואָלט אינטערעסאַנט געווען דורכצופירן אַן אַנאַלאָגיע צווישן אַשס אַ טיפּ פון די פערדיונגען און אָפּאַטאָשוס. ביידע קינסטלער האָבן זיך געטראָפן מיט פערדהענדלער, וועלכע זענען געווען נאָענטע שמעלקעס מיט „ווילדע יונגען" און דעק־עלעמענטן — פערד־גנבים און אַנדערע קרוי־בישע פּראָפּעסיעס פון „אויף יענער זייט בריק".

אין איינער פון אַשס ערשטע דערציילונגען „די יאַטישע טאָכטער", איז געשטאַלטיקט דער שמייסעריונג, מאָטיס, וואָס הייבט אָן צו קוקן אַראָפּ

אויף זיינע חברים שמייסערס, כדי געפעלן צו ווערן זיין ווייבס באַלעבאַטישער משפּחה. ער לעבט זיך אין דער אמתן בשום אופן נישט אַריין אין דער נייער סביבה, נאָר דער ריס מיט דער אַלטער איז ביי אים געשען. ער ווערט אָפּגעריסן פון די אַלטע חברים פּערדיונגען, כאָטש די באַלעבאַטישע משפּחה זעט אין אים שטענדיק דעם שמייסעריונג.

אָפּאַטאָשוס פּערדיונגען זוכן נישט געפעלן צו ווערן די „מיוחסים" מיט די אַטלעסנע קאַפּאָטעס. דער דיכטער שפּריט נישט איבער זיי די ראָמאַנטיק פון בלויע הימלען, וואָס האָט שלווהדיק פאַרשבתט דאָס שטעטל. אַשס קוילער־געסל מיט אירע דריי „פּייען" — אגב, פיר (פּישער, פלייער, פורמאַנעס און פערדהענדלערס) זענען אַ לעגיטימער טייל פונעם „שטעטל", נאָר מיט שטאַרקערע מוסקולן, ווי דער קרייז פון יחזקאל גאָמבינער. אַ ריי פאַרשוינען פון קוילער־געסל, וואָס האַלטן זיך ביים אויסגליטשן — ווי זבולן מאיר (פון דער דערציילונג „אַ היים") — קומען צו זייער גלייכגעוויכט באַצייטנס און ווערן לייטיש.

און נישט נאָר די פאַרשוינען ווערן ביי אַשן אַרומגענומען מיט דער אַטמאָספער, וואָס פאַריידישט די ידים און די שטאַרקע מוסקולן פון קוילער־געסל, אויך די נאַטור איז ביי אים אַזוי יידישלעך, ווי ביי מענדעלען. ביים „זיידן" דאַוונען די ביימער מנחה, און ביי אַשן — „דער טונקעלער שיינער הימל האָט קריאת שמע געלייענט".

גיי איך דאָ נישט צוגלייכן די פאַריידישטע נאַטור־באַשרייבונגען ביי מענדעלען צו אַשס קינסטלערישע נאַטור־שילדערונגען. ער איז דוכט זיך געווען דער ערשטער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט די נאַטור־איבערלעבונג אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ פולקייט פון געפיל און צויבער. איך האָב נאָר געוואָלט צופירן צו אָפּאַטאָשוס הילכיקער בונטאַרישקייט אין זיינע ערשטע שאַפונגען קעגן דער געדיכטער יידישקייט און ראָמאַנטיק פון די „שיינע יידן", קעגן דער פאַרהערלעכונג פון די רוחניותדיקע יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון ערדישן לעבן און לייבנשאַפטן. ער האָט קעגן זיי אַרויסגעפירט די יונגען מיט זייער טריפהנעם בלוט און צעשויבערטער עולם־הזהדיקייט, ווי אַ פּראָטעסט־אויסרוף קעגן חסידיזם און שטריימל־אָפּאַטעאַז. די אַטלאָסענע קאַפּאָטעס פון פּרצעס חסידישער ראָמאַנטיק זענען דאָן אָפּאַטאָשון נישט געווען צום הארצן. ער האָט זיי געזען נישט ווען זיי בלישטשען אַנטקעגן דער זון, נאָר שוין אין שאָטן: „אַז מען האָט זיך אָבער גוט איינגעקוקט, האָט מען געזען, ווי דער אַטלעס האָט זיך

ביי אַ טייל אויסגעדריוועט, ביי אַנדערע איז בלויז געבליבן דער אונטער־שלאַק".

אַפּאַטאָשו, ווי זלמן שניאור, האָט געמאָנט דאָס פולבלוטיקע, די ערדיש־לעבעדיקער נאַטור. געמאָנט צו געשטאַלטיקן די עולם־הזהדיקע פּאַרשוינען, וואָס האָבן זייער לעבן נישט געפּענטעט מיט רצועות, און אַלע תאוות און ערדישע פּאַרגעניגנס אויסגעטוישט אויף אַן אַלט שטיקל פּאַרמעט... ער האָט די פּאַרשוינען געזוכט, פאַרשטייט זיך, נישט אין דער אויבערשטער געזעלשאַפט, ביי די שיינע יידן פון אַשס „שטעטל", נאָר צווישן די, וואָס האָבן זיך אויסגעזינדיקט „אויף יענער זייט בריק".

✶

ווען אַפּאַטאָשו איז געקומען אין אַמעריקע, האָט ער זיינע באַקאַנטע פּאַרשוינען, די „זאַנוויל פּשאַ־יוכעס", די שלמה קראַדניקס שוין געטראָפן נישט „אויף יענער זייט בריק" נאָר אויבן אָן... אין דער נייער וועלט זענען אויפגעלייזט געוואָרן די מחיצות צווישן דעק און שטאָק. דער שמעלצטאָפּ האָט אַלעמען אַריינגענומען און אַרויסגעהויבן די אַרויפגעאַרבעטע פּראָסטע יונגען. זיי זענען געוואָרן פּרעזידענטן אין „סאָסייעטיס", געזעסן אין די „קאָמיטעס" צוזאַמען מיט די חשובסטע באַלעבאַטים פון דער אַלטער היים. נאַטירלעך, איז נאָר אַ טייל פון זיי געוואָרן לייט. דער דיכטער האָט דעם אַלט באַקאַנטן הפקר־יונג און די הפקר־מויד געשטאַלטיקט לויט דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט. ער ווייזט אונדז די לילים, ראָזעס, אייבס און חוהס מיט זייערע פּאַרפּירעונישן, אינטריגעס, פּאַרראַט. אַט די אונטער־וועלט האָט באַקומען אין אַמעריקע גרעסערע מעגלעכקייטן אויסצולאָדן זייערע רויע אינסטינקטן, זייער צעיושעט, אומגעצוימט בלוט.

אין די דערציילונגען „מאָריס און זיין זון פיליפּ", „משה ליגנער", „אין סאַלאָן" — און אין אַנדערע פון דעם זשאַנער, פירט אונדז דער מחבר אַריין צווישן די פּאַרשוינען, וואָס שטייען מחוץ דער א"ג געזעלשאַפט, הגם, זייער טרפהנע „ביזנעס" איז נישט — ווי אין דער אַלטער היים — אויסגעשפּיגן געוואָרן פון אויבן צום „אונטערן בריק".

אָבער אַפּאַטאָשו האָט, ווי ער דערציילט אין זיין ביאָגראַפישער עסיי, ערשט דערשפּירט אויף דער נייער ערד דעם קשר, וואָס פאַרבינדט אים מיט זיין פּאָטערס וועלט. דער רויער נאַטוראַליזם און די תאווהדיק־צע־

פּלאַמטע ערגאַטיק פון די מעלינעס, די גראָבע רייד, בייטשן און קלאַניצעס פון זיינע דעק־פאַרשוינען, האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן, און זייער אָרט האָבן ביסלעכווייז פאַרנומען די געשטאַלטן, קעגן וועלכע ער האָט זיך פריִער געבונטעוועט.

אייגנטלעך קען מען זאָגן, אַז מיר האָבן אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן שוין אויך זיך געטראָפן מיט געשטאַלטן פון דער לומדישער וועלט. אין דער דערציילונג „אַ גאון״, האָט אָפּאַטאָשו געשילדערט דעם שרענסקער רב, ר׳ טוביה, וועלכער שווימט אַרום אין ים־התלמוד און איז אַליין אויך אַ מחבר פון ספרים. אין אַנדערע דערציילונגען („גאַי שוין גאַי״, „קאָנטראַבאַנדיסטן״) האָט ער אונדז אַריינגעפירט צו די גרויסע פּוילישע רבנים און גאונים, אַזעלכע הויך־לומדישע, ווי דער קוטנער רב, דער טשע־כאַנאָווער גאון, ר׳ אברהמעלע, און פון די חסידישע שפּיצן — דעם אַלטן קאָצקער רבין מיט זיין אינערלעכן פייער־געראַנגל און אַדלער־פלי, וואָס זיינע חסידים באַנעמען נישט. דאָס זענען אָבער נאָר געווען צייכענונגען, שקיצמעסיק, קורצאָטעמדיקע ליניעס, פראַגמענטאַריש — ווי אין דער ראַם פון אַ קורצער דערציילונג.

עס איז אויך נישט געווען קיין בריק דאַן צווישן די צוויי וועלטן אין דיכטערס געמיט. דער עם־הארץ און דער תורה־ייד האָבן זיך נאָך דאַן אין אָפּאַטאָשוס שאַפן נישט געגעבן קיין שלום־עליכם. די קעגנזעצלעכקייט פון לומדישער איידלקייט און גראָביונגערישקייט האָט אויסגעגראָבן אַ תהום צווישן די קאָנטראַסטישע סביבהס. ערשט אין דער שטימונגס־פולער דערציילונג „תיקון חצות״ ברענגט דער מחבר צו אַ האַרציקער באַגעגעניש פון בײדע וועלטן — די רוחניותדיקע פון זיין פאָטערס צד און די עמך־יידן־פּראָסטאַקעס פון דער מאַמעס סביבה. איך וויל דאָ אָפּפרישן פאַרן לייענער די פּלאַסטישע שילדערונג, וואָס איז באַהויכט מיט בענקשאַפט, אַזאַ נאַציאָנאַל־יידישע און אַלמענטשלעכע, פונעם פּוילישן ייד; דער צער איבער גלות־השכינה, די איינזאַמקייט פון מענטש און דער טרויער, וואָס באַגלייט אים, געשטאַלטיקט רעאַליסטיש, אָדער סימבאָליש פאַרוויקלט.

אין דעם צוזאַמענטרעף פון שענק־ייד מיטן רב, צייכנט אָפּאַטאָשו איינעם פון די פּראָסטע יידן, שמחה בעל־עגלה, וואָס גייט איין מאָל פאַרביי שפּעט, אין אַ פינצטערער נאַכט דעם בית־דין שטיבל און הערט אַ יאָמערלעך געוויין. ער לויפט אַרויף און דערזעט פאַר זיך דעם מלאווער

רב זיצן אויף דער ערד אַ פּאַרוויינטן. דער רב דערקלערט אים, אַז ער ריכט אָפּ „חצות" און די באַדייטונג פון דעם. שמחה בעל־עגלה ווערט אַזוי איבערגענומען פון רבס רייד, אַז ער הייבט אויך אָן מיטקלאָגן און נאָכזאָגן די שווערע עברי... דער רב זעט, אַז דער בעל־עגלה האָט זיך צו פיל איבערגענומען מיטן חורבן און פּרוּווט אים אויפהייטערן מיט אַ גלעזל משקה, ווייל ביים עמכדיקן ייד האָט זיך דער פאָלקס־חורבן פאַר־בונדן מיט זיינע פּערזענלעכע צרות. כדאי דאָ ציטירן אַפּאַטאָשוס שילדע־רונג: „...ס'בית המקדש איז חרוב, קלאָגט שמחה, און גאָט האָט אָנגעשיקט אַ קללה אויף מיין הויז... אין צוויי וואָכן זענען ביי מיר געפאַלן צוויי פערד, און די בעסטע... גאָט וויל מיך מאַכן פאַר אויס קאַפּעלוש־מאַכער — — ס'בית המקדש איז חרוב, שמחה בעל־עגלה איז געבליבן מיטן בייטשל, אויס עושר, אויס מחותן מיט גאָט.

— נו, נו, שמחה — האָט דער רב צוגעפּירט דעם בעל־עגלה צו דער סאָפּקע, וואָס איז געשטאַנען אין בית־דין שטוב — ווי וועסטו גיין אין אַזאַ רעגן אַהיים? שלאָף שוין איבער די נאַכט, שמחה... — אַרויפגעלייגט אויף אים אַ פאַלטן, — אַ גוטע נאַכט".

די אַנגעהויכטע שטימונג פון דעם בילד, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ בעלע־טריסטישע פיינעזיע, דער צימצום הלשון און צימצום פון וואָרט, וואָס איז אַזוי אייגן אַפּאַטאָשוס ווערק, דערמאָנט מיר תמיד דעם אָנזאָג פון דעם מייסטער פון דער רוסישער דערציילונג א. פּ. טשעכאָוו אין אַ בריוו צו מ. גאָרקין: „שרייב אַזוי, אַז די ווערטער זאָלן זיין ענג, דער געדאַנק זאָל זיין פריי". אַפּאַטאָשו האָט עס אין זיין קינסטלערישער פּראָזע אָפּ־געהיט מיט דער שטרענגער קמצנות פון אַ קינסטלער־עושר. ער האָט מיט אַזאַ מייסטערשאַפט דיספּאָנירט מיט וואָרטקאַרגשאַפט און דערמיט פאַרהיט זיינע ווערק פון אויפגעבלאָזענער פּראָזע.

✶

אין זיינע ברייטפאַרמאַסטענע לייוונטן („אין פוילישע וועלדער", „אליין", „1863", „די טענצערין", „דער לעצטער אויפשטאַנד" און „ר' עקיבא") איז פאַרקערפּערט אַפּאַטאָשוס גרויסער גייסטיקער פאַרמעסט דיכטעריש אַדורכצונעמען יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון ווייטן און נאָענטן עבר און זיי קינסטלעריש אינטערפּרעטירן.

אין „פוילישע וועלדער" האָט אָפּאַטאָשו געשטאַלטיקט דעם יידיש־פוילישן פייזאַזש און די זוכענישן און פאַרפעסטיקונגען פונעם יידישן לעבן אין 19טן יאָרהונדערט. דער דיכטער האָט געזוכט אויפצולעבן נאָענטע און ווייטערע דורות, אַרייגבלאָזן אַ רוח־חיים אין דעם היסטאָרישן שטאָף, באַלעבן אידייען, געשטאַלטן, געראַנגלען, פּלאַסטיש זיי נאָענט מאַכן פאַרן היינטיקן לייענער.

דער דיכטער האָט אַרויסגעהויבן אַ רייכע גאַלעריע טיפּן, געשטאַלטן. ער האָט געזוכט צו שאַפן אַ לעבעדיקע אַטמאָספער פאַר שטרעבונגען און באַוועגונגען: חסידות, השכלה, קבלה האָבן זיך קאָנפראָנטירט. דורותדיקע צניעות און אויפגעשוימטע עראָטיק, אַרגיעס אין קאָצקער הויף, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון אידעישער דעגענעראַציע. די פאַרבינדלער און איבערטראָגערס פון יידישן משיחיזם אין פוילישן מעסיאַניזם, יידישע קבלה אין פוילישן מיסטיציזם. עס איז געווען אַ צילבאַוווסטע געשטאַלטיקונג פון שטרעמונגען און זייערע טרעגער, פון יידישע און אַלמענטשלעכע פּראָבלעמען, געפורעמט, אינדיווידואַליזירט, סובלימירט. צי איז עס אָפּאַטאָשון קינסטלעריש געלונגען? כדי מחיה־מתים זיין געשיכטלעכע פיגורן, באַלעבן זיי מיט דער גייסטיקער שפּאַנונג פון זייער און אונדזער צייט, פאָדערט זיך נישט נאָר היסטאָריש וויסן, טיפע ערודיציע, נאָר אויך פליגלען פון שעפערישער פאַנטאַזיע! אַ הייב צו טאָן דעם עבר פון זיין פאַרזונקעניש און אים בעלעטריסטיש באַהעלן, דורכלייכטן אים פון אינעווייניק מיט דער ליכט פונעם קינסטלער, וועלכער גיט אַריין דעם „עפּעס" פון זיין גייסטיקן כוח.

אָפּאַטאָשו האָט זיך אין זיינע גרויסע לייוונטן אַנטפּלעקט מיט זיין טיף יידיש און וועלטלעך וויסן. ער איז אַ בן־בית אין געשיכטע, פילאָסאָפיע, עטיק, טעאָלאָגיע, קבלה, זוהר, און בכלל באַשאַנקען מיט ברייטע אינטעלעקטועלע האָריזאָנטן. דאָס, וואָס ער דערציילט פון זיין פאָטער, דוד אָפּאַטאָווסקי, פון זיין בקיאות, איז ווי צוגעשניטן צו דער מאָס פון יוסף אָפּאַטאָשון גופא. „...דוד אָפּאַטאָווסקי, וואָס האָט אַ געוויקסיקער, עטוואָס אַ געבויגענער, געשפּרייזט הין און קריק און גערעדט, געשפּרייזט און געלערנט. אַזוי האָבן געדאַרפט אויסזען די חכמים, וואָס האָבן געשפּרייזט, האָבן זיך מווכח געווען אין כרם דיבנה".

אין די גרויסע ראָמאַנען זיינע איז אָבער אויך געקומען צום אויסדרוק דער ריס פון אָפּאַטאָשוס טיפן אינטעלעקטועלן באַנעם און זיינע קינסט־

לעריש־שעפערישע מעגלעכקייטן פון אינטערפּרעטאַציע. דער הויפּטהעלד, מרדכי, איז בעלעטריסטיש צו אַנעמיש מיר זאָלן פילן זיין פּולס. אויך פון אַנדערע העלדן פעלט וואָג צו זייער קינסטלעריש־אידעישער ווערטפולקייט. אָבער ווען מיר רעכענען אַראָפּ די אַלע שאָטן־זייטן און די בעלעטריסטיש נישט־פאַרדייעטע שטיקער זוהר און קבלה — בלייבט אַלץ נאָך איבער אין זיין טרילאָגיע פון יידיש־פּוילישן פּייזאַזש — גרויס־פאַרנעמיקע בילדער מיט זייער פאַרביקייט און דינאַמישקייט, וואָס וועקן געשיכטלעכע פאַר־שטענדעניש און פּערספּעקטיוו. די העלדן אין יעדן לבוש און פאַרב, געהערן דאָך צום בשותפותדיקן מין מענטש מיט זיין ליכט און שאָטן, מיט זייערע נישט־רעאַליזירטע חלומות, שטרעבונגען, וואָס בענקען און רייסן זיך צו אַ העכער לעבן. עס איז אין די ווערק פאַראַן געשיכטלעכער פאַרנעם און באַנעם פון שטרעמונגען, געשעענישן — יידישע, אַלגעמיי־נע — און זייערע טראַנספאָרמאַציעס.

אַזעלכע גייסטיקע געשטאַלטן, ווי איטשע מקובל און ישראל דער באַרוועסער, וואָס טראָגן אין זיך וועלטן — און אחריות פאַר זיי; זייערע רייד, וואָס באַלייכטן פון אינעווייניק זייער דערהויבנקייט און געלייטערט־קייט; די גרויסע טראַגישע געשטאַלט פון ר׳ מענדעלע, און די מלחמה, וואָס ער פירט מיט זיך, מיט דער סביבה, מיט גאָט און וועלט. מיר קענען דעם גרויסן קאָצקער רבין אויך פון אַנדערע ווערק אין אונדזער ליטעראַ־טור, פון שלום אַשס „תהילים־ייד״, ווו ער האָט באַקומען אַ קינסטלערישן תיקון אין די צוויי געווידמעטע קאַפּיטלען. און עס וואָלט דאָ כדאי געווען דורכצופירן אַ פאַרגלייך פון דעם אופן, ווי ביידע שרייבער האָבן דורכגעע־לויכטן די פענאָמענאַלע דערשיינונג פון דעם גרויסן בונטאַרישן ריז.

צו שפּאָרן פּלאַץ, וועל איך איצט די אַנאַלאָגיע אויסלאָזן און ברענגען כאָטש אַ פּאָר ציטאַטן פון אַפּאָטאָשוס שילדערונגען פון קאָצקער רבין:

„עפּעס האָט זיך געצונדן אין אים, געלאָשן, דערזען ווי זיין גאַנצער גוף איז פאַרשנורעוועט מיט רצועות, האָט ער זיי גענומען רייסן מיט די נעגל, מיט די ציין, ווי אַ משוגענער... דער בנין, וואָס ער האָט איבערגענומען פון דור־דורות, האָט זיך גענומען וואַקלען — — — מענטשן האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין פייער, בייז געוואָרן, וואָס ער האָט צוגענומען ביי זיי די פינצ־טערניש און זיך נישט באַרויקט ביז זיי האָבן אים צוזאַמען מיטן פייער פאַרשפּאַרט אין תפיסה״.

אַפּאַטאָשו האָט געזוכט אַרויסצוברענגען די גייסטיקע קראַפט פון אַט דער טראַגיש־קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ספר פון איין זייטל („ספר האדם”), עס זאָל כולל זיין דעם גאַנצן מענטש. זיין באַפעל פאַר דער פּטירה צו פאַרברענען עס, „ווייל ס'איז נישטאָ פאַר װעמען צו שרייבן”. דעם קאַצקערס ראַנגלענישן מיט מרה־שחורהדיקע מחשבות, מיט אָפּגרונט־טיפע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, מיט געטלעכקייט און שכר ועונש און די שמועסן מיט ר' איטשע מקובל און ישראל דער באַרוועסער. וואָס פאַר אַ כישוף־קראַפט האָט קאָצק פאַרמאָגט — אפילו אין איר ירידה — וואָס עס האָט געקענט טרייבן אַזאַ ייד ווי ר' אָדם, ער זאָל באַלד נאָך די שבעה־ברכות איבערלאָזן זיין יונג ווייבל און אומבאַמערקט זיך לאָזן צופוס קיין קאָצק מיטן טלית־זאַק און אַ ברויט?!

דער שרייבער האָט אין אייניקע פון זיינע ווערק זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם קאָצקער פייער, ווי אַ פּאַן פון פּוילישן ייד, ווי אַ סימבאָל פון אונדזער אומה „...אין יעדן קאָצקער חסיד איז געזעסן די גאַנצע יידישע אומה... און די פּוילישע יידן האָבן געטראָגן אין זיך, און טראָגן נאָך הייַנט, אין אַלע זייערע וואַנדערונגען, אַ ניצוץ פון קאָצקער פייער.. אָט דאָס, וואָס אירווינג טריוועס האָט נאָך 25 יאָר הפקר־לעבן (אין אַמעריקע — י. ק.) דערפילט אַ ברי, די פּאַלאַצן זענען מיט אַ מאָל ענג געוואָרן — דאָס אַליין איז אַ ניצוץ פון יידישקייט... ווען נישט דער קאָצקער פייער וואָלט איר דאָ אַלע היינט נישט געווען דאָ” („ווען פּוילן איז געפאַלן”).

האָט יוסף אָפּאַטאָשו אין פּוילישן ייד געזען דעם יסוד און סוד פון געשיכטלעכן וועלטייד, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיט דער וועלט פאַר אַ העכערן אמת. דאָס האָט אים אַרויסגענומען פון ענגן געסל צו די ברייטע וועלט־שליאַכן און באַלאַדן מיט דער קראַפט פון אַן אידעע, וואָס איז געוואָרן פאַר אים גורלדיק. פאַרן וועלטייד זענען אַלע זיינע געשיכטלעכע געאָגראַ־פישע פּונקטן און עטאַפּן ענג צונויפגעבונדן מיט אונדזער אָנשפּאַר אויף דער ירושה פון אַ דריי טויזנט־יאָריקער גייסטיקער אָנגעלאָדנקייט.

✶

דוב סדן האָט דערמאָנט אַ טרעפלעך־לומדיש וואָרט (אין שייכות מיט אַפּאַטאָשוס שעפערישן וועג, וואָס האָט אים געפירט צו ווייטע היסטאָרישע תקופות). מען פרעגט: פאַר וואָס זאָגט מען „וזכרתי את בריתי יעקב ואף

את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם", — איז דאָך דער סדר פון די אבות געווען אַ פּאַרקערטער? און דער ענטפער איז: אַז אַ מענטש וויל זיך דערמאָנען ווער איז און ווו ער שטייט אין זיין וועלט, זעט ער זיך קודם פאַרבונדן מיט זיין טאַטן און פון טאַטן צום זיידן, צום עלטער-זיידן — צו אַלע אבות אבותינו.

פוילישע יידישקייט, נוסח אשכנז, האָט געהאַט זיין וויגעלע אין אַזעלכע צענטערס פון פאַרצייטישן אַשכנזיש-יידישן דייטשלאַנד (ווו ס'האָט פולסירט אַזאַ דינאַמיש יידיש לעבן): אין מיינץ, רעגענסבורג, קעלן, ווירמייזע און אַנדערע שטעט.

אַט פון דער תקופה אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט, האָט אַפּאַטאַשו אַרויסגעריסן אַ שטיק יידיש לעבן אין הייסן צושטאַנד און עס דיכטעריש געשטאַלטיקט אין אַ קאָנדענסירטן קינסטלערישן עקסטראַקט מיטן נאָמען „אַ טאָג אין רעגענסבורג". דאָס איז אַ גרויס מייסטערווערק, הגם אין כמות איז עס אַ קליין בוך.

דאָס ווערק אָטעמט און צאַפּלט מיט פולבלוטיקע לעבעדיקע בילדער, שטייגערישע געמעלן, טיפּן, סצענקעס פון פאָלקישן לעבן, פון זיין אינדערוואָכנם באַגלייט מיט ערדישע ליידנשאַפטן און עולם-הזהדיקער הנאה, טראָץ אַלע צרות און דריקענישן פון אַלע זייטן. מיט גרויס-דיכטערישע וועגן האָט אַפּאַטאַשו אַ פּלי געטאָן אינעם אויפגעוואַכטן אַמאָליקן אַשכנזישן געטאָ און אַריינגעכישופט מיט קינסטלערישע פאַרבן אַ גאַנצע לעבעדיקע יידישע וועלט. ער האָט געמאָלן, געצייכנט, באַלעבט נישט דאָס שבת-קודשדיקע, נאָר דאָס סאַמע וואָך-וואָכעדיקע פון עמך, פון פּראָסטן פאָלק, צו ווען עס איז דערגאַנגען די פאַריידישטע ראָמאַנצן פון די ריטער און העלדן-עפּאָסן (אינעם יידיש פון דער תקופה) — דער אויסדרוק פון וועלטלעכן וואָכעדיקן פאָלקסלעבן.

דער שולהויף האָט אונטער דעם דרוק פון דעם נייעם צייטגייסט גע-מוזט נאָכלאָזן פון זיין שטרענגקייט און פרומקייט, און גאַנץ אָפט אויס-געגנוצט געוואָרן פאַר פריילעכקייט און פאַרווייילונגען „מיט פלייטגעזאַנג, מיט טאַנצן און גלעקל-געקלימפּ".

עס איז די תקופה פונעם באַגינען פון דער יידישער ליטעראַטור. דער יידישער אַרטור-ראָמאַן „מעשה קיניג אַרטוש הויף", די יידישע שפּיל-מאַנישע דיכטונג פאַרכאַפּט דאָס „פּראָסטע פאָלק", וואָס וויל אַ ביסל

געניסן פון שטייגערישער וועלטלעכקייט, עולם־הזהדיקע תאוות און ער־דישע ליידנשאַפטן.

דער דיכטער האָט פאַרפיקסירט אַ שלל מיט פּרעכטיקע שטייגער־פּייזאַזשן פון עמך־לעבן: זינגער, לצים מיט אַ טענצערין, אימפּולסיווע יידן און יידענעס, בעטלער, פריילעכע ישיבה־בחורים, מדינה־גייער — אָט די פּילפּאַרביקע המונישקייט קומט זיך משמח זיין אויף דער חתונה פונעם רעגענסבורגער גבירס טאָכטער. אַפּאַטאַשו לאָזט דאָ נאָר אויף אַן אויגנבליק פאַרבייגיין די כלי־קודש — דעם ראש־ישיבה, די רבנים, די מלמדים און אַנדערע פון די למדנים, וואָס קנייטשן זייערע שטערנס איבער די הייליקע און פרומע ספרים. זיין בעלעטריסטישער פּראָזשעקטאָר איז אָנגעשטעלט אויף די פאָלקישע עלעמענטן, וועלכע זענען פאַרזען געוואָרן דורך די היסטאָריקער אין זייערע געשיכטע־ביכער.

דער קינסטלער האָט אַריינגעקוקט אין דעם ווייטן נעכטן נישט מיט אויסגעלאָשענע היסטאָרישע אויגן, נאָר מיט די פון דער לעבעדיקער איצ־טיקייט. ער האָט די לעבעדיקע פאָלקס־נשמה פונעם עברדיקן „אינדער־וואָכנס" סובלימירט, באַוויזן, אַז אויך אין אַמאָליקן געטאָ־לעבן, האָט ס'פאָלק נישט געטראַכט און געלעבט בלויז מיט גזירות און גרייטן זיך צו עולם־הבא... — „איך האָב אַריינגעקוקט אין די רבנישע שאלות ותשובות, האָט אַפּאַטאַשו באַמערקט, געלייענט וועגן יידן וואָס לייגן נישט קיין תפילין, זינדיקן מיט אשת־ישן" — — — „יידן האָבן תמיד געלעבט, געאַרבעט, מלחמה געהאַלטן, געטאָן מצוות און עבירות"... „אייביק איז אַזוי געוועזן, אַזוי איז דאָס לעבן".

אַפּאַטאַשו באַנוצט זיך דאָ מיט אַ גלענצנדער דערציילערישער טעכניק אין די בילדער און צייכענונגען. עס איז דיכטונג פון אַ שעפערישער פאַנ־טאַזיע, רייכע סצענקעס, שטייגערישע געמעלן פון הלבשה, מאכלים, גע־טראַנקען, מנהגים און בכלל די גאַנצע סביבה מיט לעבעדיקע פאַרשוינען און אַ לעבעדיקע אַטמאָספער, אין וועלכער ס'איז דאָ דער אָטעם פון געשיכטע. מיט דער הילף פון קינסטלערישער אינטויציע, האָט דער דיכטער אַ פלי געטאָן פון זיין צייט צו די אשכנזישע אור־אבות אין דייטשלאַנד און געגעבן זיי אַ ברייטן שלום־עליכם.

אַפּאַטאַשו האָט שטודירט דעם רעגענסבורגער יידיש פון 14טן און 15טן יאָרהונדערט, אין וועלכן עס פעלט דער סלאַווישער עלעמענט און

געמוזט אויסגעפּינען ווערטער און אויסדריקן פון אַלטיידיש־געברויך. דער יידיש פון טייטש־חומש־לשון, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אשכנזישן קאַיאַר, איז אַרומגעוואָקסן מיט שטיקער יידישן שטייגער־לעבן, פון וועלכן דער דיכטער האָט אַרויסגעהויבן זיינע שענסטע קערנער. איז טאַקע דאָס בוך — ווי זיינע אַנדערע ווערק — אַ לעבעדיקער עדות פון אונדזער נאָכאַנאַנדיק־יידיש, גרויס־שעפעריש לעבן, פון געקייטלטע דורות מיט אייגן־אויסגעפורעמטע טיפן, געשעענישן, געראַנגלען, פּאַסירונגען.

דורך „אַ טאָג אין רעגענסבורג" האָט אַפּאַטאָשו פאַרהיימישט, נאָענט געמאַכט אַ ווייטע (פאַר אונדזער היינטיקן דור) יידישע תקופה, וועלכער ער האָט שעפעריש אַדורכגעלויכטן מיט אַ יידיש־געשיכטלעכער פּערספּעק־טיוו. ווען מיר נעמען אַראָפּ די היסטאָרישע אַקסעסואַרן, האָבן מיר פאַר זיך צייטלעכע דימענסיעס פון אונדזער לעבעדיקן היינט. די אַקטועלע פּראָבלעמאַטיק און מאַנונג פון שעפעריש יידישן מענטש צו שעפּן פון אייגענעם קוואַל, איז פונקט ווי היינט, געווען אויך גורלדיק און טראַגיש ביי אליהו בחור!

אין די דריי קאַפּיטלען: „אַ פּאַשקוויל", „דער מייסטער גייט פאַרקויפן אַ בוך", און „ביים קאַרדינאַל" — דריי סקולפּטור־בילדער פון אַ פאַרצייטלעכן יידישן קינסטלער און באַהעמיקער — ווערט געוויזן דער יידישער שרייבער מיט פיר הונדערט יאָר צוריק מיט זיינע אינערלעכע און אויסערלעכע געראַנגלען פאַר זיין אַרט אין יידישן שאַפן.

די אויפקומענדיקע דאַן יידישע ליטעראַטור האָט מיט איר וועלטלעך שאַפן פאַרכאַפּט אַלע שיכטן — פון עמך ביז די גבירישסטע — זיי זענען געוואָרן די קאָנסומענטן, קויפער און לייענער פון ראָמאַנצן און מעשיות פונעם וועלטלעכן שטייגער־לעבן.

דער דיכטער גיט אַ פּלאַסטיש געמעל פון אַ יידיש־אַריסטאָקראַטיש הויז אין יענער תקופה. די קאָנדענסירטע שטריכן ווייזן אַ קווערשניט, וואָס אַקצענטירט די הויפּט־אייגנשאַפטן פון דער צייכענונג. עס מאַכט פיל בולטער אין דער קאָנצענטרירטקייט פון בילד, ווי דאַן ווען דער שרייבער וואַרפט אָן איינצלהייטן, איין פּרט אויפן צווייטן, וואָס מאַכן צעשווומען דאָס פּסיכאָלאָגיש־אינדיווידועלע פונעם געמעל.

אין דער שילדערונג פון אַ יידיש־גבירישער היים אין יענער צייט, וואָס האָט געפילט אַ וועלטלעכע קולטור־באַדערפעניש אַלס צוגאָב־באַפרי־

דיקונג צו איר עולם־הזהדיקייט — וואַקסט אין רעיון באַלד אויס דער פאַרגלייך צו אונדזער צייט... אַזעלכע אַסאָציאַציעס און אַנאַלאָגיעס מוזן כסדר אַרויסקומען פון געשיכטלעכע ווערק פון נאָענטע און ווייטע דורות. אַזאַ פּרט פון יענער עפּאָכע, דאָס באַשטעלן ביים מיינסטער אַ סידור, אין וועלכן עס זאָלן זיין אויך וועלטלעכע פּאָעמעס און לידער, שפּיגלט אָפּ אַ וויכטיקן שטריך. עס איז אַ גאַנצקייט פון אַ פראַגמענט, וואָס באַלעבט דאָס אַלגעמיינע בילד. אָט ווייזט אַן אַפּאַטאַשו, וואָס פאַר אַ רעקלאַמע אַ געוויסער יוסף בר־יקר האָט אַרויסגעלאָזט אויף זיין סידור, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט לויט אַלטע מקורים. שרייבט דער אַרויסגעבער אויפן שער־בלאַט בזה הלשון: „צווישן מיין סידור און אַנדערע איז אַזאַ אונטערשייד ווי צווישן אַן אַלט ווייב און אַ יונגער מויד". געשריבן איז עס אין יאָר 1544. אָט דער פּיקאַנטער פּרט און אַנדערע פּרטים פון אַ געוויסער מאָנאָגראַפיע, וואָס אַפּאַטאַשו דערמאָנט פון יענער צייט, גיט אַ פּילפּאַכיק בילד פון דעם לעבן אינעם מיטלאַלטערלעכן יידישן געטאָ.

דאָס לעצטע קאַפּיטל פון „אליהו בחור" („ביים קאַרדינאַל") איז אַנגעהויכט מיט דער קהלת־שטימונג פונעם יידישן קינסטלער, פונעם יידיש־שעפערישן מענטש: „פאַר וועמען שרייב איך"? (למי אני עמל?). דער יידישער שרייבער האָט מיט 400 יאָר צוריק געזוכט דעם נאָכשפּראָך און נאָכוווקס, ווי ער זוכט אים היינט... אַפּאַטאַשו איז אָבער תמיד געווען דער גרויסער מאמין אין דער אומעטומקייט און אייביקייט פון יידישער שעפערישקייט. „איך בין נישט קיין יאוש־ייד", פלעגט ער זאָגן און להיפּוך צו אַנדערע, וואָס גיבן זיך אונטער מידקייט און איינזאַמקייט, איז ער זיך געגאַנגען מיט טיפן גלויבן אין זיין שעפערישן וועג, הגם ער האָט ווי יעדער פון אונדז געפילט די יאוש־שטימונגען, וואָס באַפאַלן ביים זוכן דעם יורש מיט זיין לעבעדיקן אָטעם פאַר יידיש־לשון.

„איז מעגלעך, פרעגט דער דיכטער (דורך אַ העלד, דוד ראָש), אַז אין 500 יאָר אַרום זאָל עמעצער לייענען נאָך אַ יידיש בוך?" און ער ענטפערט מיט זיין געזונטער אמונהדיקייט — „יאָ, נאָר אַ גוט יידיש בוך, עכט גוט איז — אייביקייט". ער זעט דאָך, ווי עס זיצט אַ מענטש און לייענט נאָך איצט אַריסטאָפאַנעסן, און וואָס איז די גרויסע „גילדענע עפּאָכע" — — גרויס און ווירקזאַם אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן, און איר כוח ליגט אין — — „דריי גרויסע יידן — ר' יהודה הלוי, ר' משה

אבן עזרא, ר׳ שלמה בן גבירול... דריי יחידים האָבן אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיט פאַר דורות אַזוי פיל גרויסקייט״.

ווייסן מיר וועמען עס פאַרקערפּערט דוד ראָש מיט זיינע ספקות. פאַר וועמען ער האָט געשריבן און „אויפגעלעבט אַזוי פיל ווערטער, גוטע אַלטע ווערטער פון 15טן י״ה, פון 16טן י״ה״... דער שרייבער, וואָס טראָגט זיין גלויבן אין דעם „לא אלמן ישראל״ וועט דערשפּירן — ווי דוד ראָש — די פרייד פון זיין יידיש־לשונדיקער שעפערישקייט, און „...פון באַשרייבנעם פּאַפּיר האָט זיך ראַשן אַ צי געטאָן וואַרעמקייט ווי פון אַן אייגן געבוירן קינד״. („אייביקייט״).

איך האָב זיך אַ ביסל לענגער אָפּגעשטעלט אויף „אַ טאָג אין רעגענסבורג״, אויף די גלענצנדע סצענקעס, בילדער, וואָרט־האַרמאָניע און פּלאַסטישע געשטאַלטיקונג, וואָס האָט אויף זיך דעם זיגל פון גרויס־דיכטערישע וויזיעס. זיין „אליהו בחור״ איז אַ לעבעדיקער עדות פון קינסטלערישער פּראָזע.

✶

פון מיטלעלטערלעכן געטאָ האָט אָפּאַטאָשו אַ שפּאָן געטאָן צו ר׳ עקיבאַן און זיין תקופה מיט אירע פּאָליטישע, גייסטיקע און רעליגיעזע שטורעמס, וואָס זענען אין לויף פון יאָרטויזנטער אַרומגעהילט מיט נעפּלען. דער דיכטער האָט געזוכט צו פאַרקניפּן די געשעענישן פון ווייטן נעכטן, די גרויסע פּראָבלעמען, מיט די היינטצייטיקע פון אונדזער פאָלק. אויף אַ ברייטער קאַנווע געצייכנט די פּילגעשטאַלטיקע שיכטן פונעם דעמאָלטדיקן יידישן לעבן אין דער אויפגעבורויזטער עפּאָכע צווישן חורבן בית־שני און דעם לעצטן אויפשטאַנד פון ביתר.

דעם דיכטער איז געלונגען אויפצובויען פון קאַרגע געשיכטלעכע קוועלן — ברעקלעך פון דער פּאָליטישער און גייסטיקער געשפּאַנטקייט, וואָס ווערט, אגב־אורחהדיק נאָר אָנגעמערקט אין אַ גמרא, אָדער מדרש — אַ לעבעדיקע יידישע וועלט מיט איר דינאַמיק און גרויסקייט, פרייד און טרויער... דער אינערלעכער פייער, די געהעכערטע טעמפּעראַטור, וואָס דערגייט צו איר קלימאַקס אין דער מלחמה מיט רוים, איז געשילדערט מיט קינסטלערישער דיסציפּלין און סוגעסטיווער נישט־דערזאָגטקייט. אָפּאַטאָשוס קאָמפּאָזיטאָרישע געצוימטקייט ביים געשטאַלטיקן די סאָציאַל־

פּאָליטישע און גייסטיקע אידעען, גיט אַריין אַ רוח־חיים אין דעם בהדרגהדיקן איבערגאַנג פונעם סטאַטישן לעבן צו דעם דינאַמיש־אויפגע־ברויזטן מיט דעם אויפשטאַנד קעגן מעכטיקן רוים.

אין דער היסטאָרישער אַטמאָספער איז דאָ דער לעבעדיקער אָטעם אי פון די געשעענישן, אי פון די פּערסאָנאַזשן, וואָס פּאַרקערפּערן מיט זיך פאַרשיידענע וועלטן. דורכן יחידישן — צום ציבורדיקן, האָבן מיר דורך פּאַפּיאַס, מרים, יהושוע — די נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע יידישע אינ־טעליגענץ מיט אַ קאַמפּאַס אין קאָפּ, אין האַרצן און אין יידישן וועלט־באַנעם, וואָס מיינט — דעם גאַנצן ייד און דעם גאַנצן מענטש.

די יידישע העלעניזירטע אינטעליגענץ דאָן, און די יידישע אַסימי־לירטע היינט, — מיט די טענות פון ווולגאַרן קאָסמאָפּאָליטיזם. אַט דער היסטאָרישער דיאַלאָג צווישן קיום־דראַנג און אַסימילאַציע־שטרעבונג, דעם צוזאַמענשטויס צווישן יידן און די ערשטע קריסטן און דעם אידעישן וויכוח אַרום וועלט־פֿאָלקישקייט און מדינה, גלות־צענטערס און נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע גרענעצן (אין ארץ־ישראל), האָט אַפּאַטאָשו געזוכט דיכ־טעריש אינטערפּרעטירן און פּלאַסטיש געשטאַלטיקן. ער האָט מצליח געווען צו פאַרבינדן דעם עבר מיטן הווה אין די גרויסע היסטאָרישע ראָמאַנען, אַרויסגעבראַכט אַ לעבעדיקע אַטמאָספער און זי אויסגעפילט מיט אַ יידישן און אַלמענטשלעכן תוך.

עס איז אַפּאַטאָשון אָבער ווייניקער געלונגען צו באַהעפטן האַרמאָניש די אינטעלעקטועלע עלעמענטן פון זיין ווערק מיט די בעלעטריסטישע. די געדאַנקען וועגן קיום־ישראל, לאַנד, פאָלק און וועלט־פֿאָלקישקייט, זענען בעלעטריסטיש נישט אַזוי אַרויסגעבראַכט דורך די געשטאַלטן, ווי דורכן מויל פון מחבר. ביי פאַרשידענע מאָמענטן דאַרפן מיר אים גלויבן אויפן וואָרט, ווייל אַליין שפּירן מיר עס נישט, אָדער זעען עס נישט. די העלדן פון דער אינטעליגענץ זענען נישט אַרויסגעקומען פון זיין פען פולבלוטיק.

דערפאַר אָבער, איז אַזאַ טיפּ ווי דער שמיד, יוחנן פון כפר־חרובא, מייסטערהאַפט אויסגעקיזלט. ס׳פּראָסטע פאָלק איז בכלל אין אַפּאַטאָשוס ראָמאַנען בעלעטריסטיש מער באַלעבט, ווי די אינטעלעקטועלע גרויסע געשטאַלטן. די ישובניקעס, קעמל־טרייבער, שמידן, די עמי־הארצים, פאָלקס־מענטשן, ווי תנחום עם־הארץ, אליקום. די גרים, קוזעור, טאבו און פיל צענדליקער אַנדערע טיפּן פון אַרומיקן פאָלק מיטן אַראַמעישן וואָרט אין מויל און „מיטן יידישן תוך אין דער נשמה" — דאָס איז דאָס פאָלק

אליין אין זיין גאַנצקייט, באַזונדערטקייט, אַנדערשקייט (ביים יחיד און ביים כלל — די גרייטקייט צו מסירת־נפש פאַרן קיום פון פאַלק). אַט די עמך־טיפּן זענען נישט „שטעטלשע באַלעבאַטים", ווי עס האָט ניגער באַצייכנט אַש'ס ארץ־ישראל־סקיצן. אַפּאַטאָשוס ארץ־ישראל־פּויערים, טאַקע ס'פּראָסטע פאָלק, האָבן אין זיך דעם לעבנס־אַראָמאַט, די בעלעטריסטישע אַטמאָספער פון דער סביבה און תקופה פון ווייטן יידישן עבר. די יידן פון אַ גאַנץ יאָר זענען אין ר' עקיבא־ראָמאַן טיף פאַרוואָרצלט אין דעם פּייזאַזש, אין דער סביבה, אין דעם לאַנד, און אין דער גאַנצער היסטאָרישער אַטמאָספער.

עס גלאַנצן גאָר שטאַרק אַזעלכע קאַפּיטלען ווי „תנחום עם־הארץ", „פונדקאָ רטיבתאָ" — קינסטלערישע אויסשניצונגען פאַרפיקסירט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן. די פּסיכאָלאָגישע שטריכן, די שטייגערישע געמעלן און לעבנספאָרמען פאַרמאָגן שלמות פון בילד, גאַנצקייט פון אויסדרוק, שיינקייט און קלאָרקייט פון געדאַנק. מיר שפּירן דעם אָטעם פון לעבעדיקע, פולבלוטיקע מענטשן, מיט עכטע, שטאַרקע ליידנשאַפטן, ראַנגלענישן.

שלום אַש האָט געהאַט געשריבן, אַז ער פאַרגעסט אין גאַנצן געשיכטע ווען ער שרייבט אַ היסטאָרישן ראָמאַן. אַפּאַטאָשו פאַרגעסט נישט געשיכטע! „איך בין שוין אין ארץ־ישראל איבער דריי טויזנט יאָר", האָט אַפּאַטאָשו באַמערקט אין זיין ביאָגראַפישן שקיץ. „איך בין געזעסן ביים האָדסאָן און געזען דעם ירדן — — — געהאַט ס'געפיל, אַז כ'שפּאַציר אין דעם כרם דיבנה מיט ר' עקיבאן אויפן ברעג פון ים־הגדול". דער דיכטער וואָרצלט טאַקע טיף אין די אַלע יידישע דורות, וועמענס שפּורן לעבן אין אונדזער היינט.

אין זיינע ראָמאַנען, ווי „ר' עקיבא" און „בר־כוכבא", רעדן צו אים (און צו אונדז) יידן פון די ווייטסטע דורות; יידן פון גרויסן גייסט מיט גלייִקער בענקשאַפט נאָך העכערן תכלית, נאָך אינערלעך מאָראַלישער גרויסקייט, און אויך תמימותדיקע עמך־יידן מיט אַן אָפּן הארץ פאַר ישראלס יסורים, פאַר קידוש־השם־גרייטקייט, באַזעלט מיט יידישער תשוקה נאָך ישועה. דער דיכטער האָט דאָס פאַרצייטלעכע אָריינגעבראַכט אין צייטלעכן, דעם היסטאָרישן וועלטייד אין פּוילישער יידישקייט פאַרקייטלט, פאַרזווגט תקפות און געאָגראַפישע מקומות און רעסטאַווירט דעם גייסטיקן אומרו, דעם כוללדיקן סך־הכל פון קולטור און פון וועלט־אַנשויונגען אינעם געשיכטלעכן גאַנג פון אַ פאָלק.

אוודאי האָט אַפּאַטאָשו געהאַט — בעיקר אין די גרויסע לייוונטן — זיינע קינסטלערישע שטרויכלונגען, אָבער ווען מען רעכנט אַראָפּ די פעלערן און שטרויכלונגען, קומט מען צו די גייסטיקע הויכפּונקטן פון זיינע געשאַפענע וועלטן, געשטאַלטן, געפילן און אידעען־געראַנגלענישן, מיט וועלכע עס זענען אָנגעלאָדן זיינע גרויסע ווערק. ער האָט זיך גע־ ראַנגלט מיטן שטאָף ביים באַלעבן די בילדער, די סצענקעס, די טיפּן און די פּסיכאָלאָגישע באַשרייבונגען, בפרט ביים געשטאַלטיקן אַזאַ הויפּטפיגור ווי ר׳ עקיבא, וואָס פאַרנעמט אינעם ראָמאַן (פון „לעצטן אויפשטאַנד") אַ צענטראַלן אָרט און געפינט זיך אין קאָמפּאָזיציאָנעלן צענטער. אָבער איך שטעל זיך אין דער אָפּהאַנדלונג נישט אָפּ אויף דער הויפּטפיגור פון ווערק, ווייל איך האָב שוין וועגן ר׳ עקיבאן געשריבן אויף אַן אַנדער אָרט (זע די עסיי אין „פונקען און פלאַמען"), און כ׳וועל זיך דאָ נישט איבערחזרן.

ווען טאָלסטאָי האָט געשריבן זיין מאָנומענטאַל ווערק „מלחמה און שלום", אָדער ווען פלאָבער האָט געשריבן זיין „סאַלאַמבאָ" איז עס געווען פאַרבונדן מיט אַן אַ שיעור צוגרייטונגס־אַרבעט; שטודירן, פאָרשן גרינט־ לעך דעם מאַטעריאַל, האָט גענומען יאָרן־לאַנג ביי זיי, ביז זיי האָבן זיך גענומען שרייבן די ווערק. זייער זעלבסט־דיסציפּלין האָט זיי אָפּגעהיט צו שרייבן וועגן זאַכן אַזוי לאַנג ווי זיי באַהערשן נישט דעם מאַטעריאַל. צוליב וואָס דערמאָן איך עס דאָ? — ווייל וועגן אַפּאַטאָשון האָט מען געשריבן, אַז ער פאַרמעסט זיך אויף זאַכן, וואָס ער איז נישט בכוח בעלעטריסטיש גוט צו באַהערשן.

דער אמת איז, אַז אַפּאַטאָשו האָט געשריבן וועגן זאַכן, וואָס ער האָט יאָ געוווּסט און עס איז יאָ געווען אין זיין באַרוף צו שרייבן וועגן זיי. עס איז אויך אמת, אַז ער האָט זיך קינסטלעריש שטאַרק געראַנגלט ביים פורעמען און געשטאַלטן דעם היסטאָרישן רוי־מאַטעריאַל, און אַז נישט מיט אַלע היסטאָרישע פּאָרטרעטן האָט ער קינסטלעריש מצליח געווען, הגם ער האָט קלאָר געזען די וועלטן, וואָס ליגן הינטער זיי.

ביי אַפּאַטאָשון האָט זיך איבערגעחזרט י. ל. פּרצעס דיסהאַרמאָ־ נישקייט צווישן זיינע ברייטע אינטעלעקטועלע האָריזאָנטן און קינסטלע־ רישע, שעפערישע מעגלעכקייטן, אָבער ווי ביי פּרצן איז עס נאָר געווען טיילווייז, בלויז ביי אַ טייל פון די גרויסע פיגורן, וועלכע ער האָט מער באַנומען מיטן באַוווּסטזיין, ווי דורך קינסטלערישער אינטויציע און

אינסטינקט. זיין אינטעלעקטועלער באַנעם פון אַ ר׳ מענדעלע קאַצקער, האָט איבערגעשטיגן זיין קינסטלערישן אינסטינקט.

טראָץ די פעלערן און שטרויכלונגען, האָט דאָך אָפּאַטאָשו געשאַפן גרויסע קינסטלערישע ווערק, איז געווען אַ מייסטער־בויער פון יידישן שאַפן. דער ריטעם פון זיין קינסטלערישער פּראָזע, די געהעריקע וואָג און מאָס פון זיין שורה און זאַץ, זיין וואָרטמייסטערשאַפט, ווי זיין גאַנצער אַרט שרייבן און סטיל, האָט אים אַרויסגעהויבן אויבן אָן צווישן אונדזערע גרויסע שפּראַכמייסטער.

*

ער איז געשטאָרבן מוצאי יום־כּיפּור, 1954. במשך פון דער צייט, האָט דער מלאך־המוות געהאַט אַ גאַנץ רייכן שניט ביי די פאַרענדיקערס פון אַ גרויס־שעפערישן דור, וואָס האָט געזוכט צו פאַרווערטן און איבער־ווערטן די גרויסע יידישע נעכטנס אין אונדזער צערודערטן היינט. די ווערק, וואָס זיי האָבן געלאָזן, זענען נישט קיין פאַרשטיינערטע, נאָר לעבעדיקע וועזנס, וואָס וואַקסן מיט וואָג און באַדייט. דער לייענער טראָגט אַריין אין זיי זיין אייגן געמיט, מחשבה און שפּירונג מיט ניי בלוט און נייע מאָסן. ווי תמיד בלייבט דער האַרבער שופט — די צייט — דער פּוסק אחרון וועגן דעם לעבנסדויער פון אַ ווערק: וויפל און ווי לאַנג עס גרייכט אונדז זיין לעבעדיקער אָטעם און כּוח צו באַווירקן.

האָב איך אין דער עסיי באַהאַנדלט אָפּאַטאָשוס ווערק — פון זיין „ראָמאַן פון אַ פערד־גנבֿ״, ביז זיינע ר׳ עקיבא און בר־כּוכבא־ראָמאַ־נען — און געקומען צום אויספיר, אַז ביזן לעצטן אָטעמהויך האָט ער נישט געלעבט אין זכות פון זיינע אַמאָליקע שאַפונגען.

זיין וועג איז געווען אַ קאָמפּליצירטער: האַרמאָניש און — מיט ווי־דערשפּרוכן, ווי דאָס לעבן גופא. ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע שרייבערישע פּערזענלעכקייט און ליטעראַטור איז ביי אים געווען אַן עיקר־זאַך. צו איר בנין האָט ער אַ סך בייגעטראָגן און דאָס טאָר מען נישט פאַרגעסן! זיין קינסטלערישער צושטייער צום יידיש־פּוילישן פּייזאַזש איז פאַרזיגלט. דער צופלוס און אָפּפלוס פון זיין געפיל און מחשבה איז באַווירקט געווען פון פאַרשיידענע פאַקטאָרן, אָבער תמיד זענען זיינע שעפערישע וואָרצלען געבליבן אין פּוילישער יידישקייט, פון דעם קוואַל

האָט ער געצויגן יניקה פאַר תוכן, פאַר וויזיע און העכערן תכלית פון „אַ וועלטפאָלק, וועמענס קרוינשטאָט איז ישראל".

האָט ער אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען אָפּגעזוכט די קרוינשטאָט און געוואָרן אין איר אַ בן־בית, ווי ער איז אין די אַלע נעכטנס געווען, ווייל דורות יידן זענען דאָרטן געווען און ער האָט גערעדט מיט זיי, מיט זיין אייגן דיכטערישן קול.

אומדירעקט האָט ער זייער גייסטיקן גרויסן פאַרבונדן מיט אונדזערן, און מיט דער ראָל פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס „דאַרף זיין די צונג און דאָס געוויסן פון אַ געיאָגט און געפייניקט פאָלק". ער האָט טיף געגלויבט אין איר שליחות און אין אירע ווערטן פון מאָראַליש־עטישער גרויסקייט, ווי לייוויק האָט עס אויסגעדריקט: „אין יושר און אין צדק, אין מענטשלעכקייט קען זיך קיין ליטעראַטור נישט פאַרגלייכן מיט דער יידישער".

איז געקומען דער חורבן, און דער דיכטער האָט געטראָגן אין האַרצן שטיקער חרובע יידישע וועלטן, אָבער זיך נישט אונטערגעגעבן דעם חורבן. ווייל נישט דאָס, וואָס ווערט חרוב, נאָר דאָס, וואָס ווערט נאָך דעם אויפגעבויט, איז גורלדיק פאַרן היסטאָרישן וועלטייד. ער האָט געהאַט אין אים אַן אומבאַגרענעצטע אמונה — „דער טויזנטיעריקער רעזערוואָר, וווּ ס'איז דאָ גלויבן, בטחון — די כוחות, וואָס האַלטן אונדז אויף".

ער האָט נישט פאַרנייגט די צעריסנקייט און זוכענישן פון אַ טראַגיש־יידישן דור, וואָס איז אין זיין צעריסנקייט פון קיין שום יידישן און מענטש־לעכן ערגעץ נישט אָפּגעריסן געוואָרן. ער האָט זיך שווער געראַנגלט מיט גורל און יידישקייט — וועמענס יידישקייט? — די נביאימס, דעם רמבמס, צי משה העס, אָדער י. ל. פּרצעס?

דעם סינטעז האָט ער געזען אין דער טיפער צעצווייגטקייט פון פּוילישן ייד, און זיין שטאָם, אין דער פילגעשטאַלטיקייט פון זיינע בלעטער און צווייגן, די, וואָס זוכן אַן אָרגאַנישע פאַראייניקונג פונעם יידישן יחיד מיט פאָלק און מענטשהייט, ווי עס האָט משה העס געשריבן אין צווייטן בריוו פון זיין „רוים און ירושלים": — „דאָס יידנטום שיידט נישט אָפּ אין ערגעץ דעם יחיד פון דער פאַמיליע, די פאַמיליע פון דער נאַציע, די נאַציע פון דער מענטשהייט".

אין קינסטלערישן, שעפערישן זין, איז דאָס געווען דער וועג פון יוסף אָפּאַטאָשו — דער פּוילישער ייד — דער וועלטייד.

י. י. טרונקס „פוילן״ — דער עפּאָס פון פוילישן יידנטום

י. י. טרונק האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור אַ פּאַר־שידנאַרטיקע טעמאַטיק און טיפּאַזש. זיינע באַאַרבעטונגען פון פאָלקלאָר־מעשיות, זיינע פּאַרטיפּטע ווערק וועגן שלום־עליכמען און אַנדערע ליטע־ראַטור־קריטישע אַרבעטן, האָבן, אָבער, אים אַזוי נישט אַרויסגעהויבן אויף דער מזרח־וואַנט, ווי זיין ביכער־סעריע „פּוילן״. דורך אָט די זיבן בענדער פונעם ווערק, האָט ער אויפגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקן מאָנומענט דעם פאַרשניטענעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום אין זיין שעפערישסטער תקופה, איידער די האַק פון רוצח האָט זיך אויף אים אַזוי שוידערלעך אַראָפּגעלאָזט.

אין זיין אייגנאַרטיקן נוסח, לייכט, דורכגעפלאָכטן מיט הומאָר (אַ דערשיינונג, וואָס איז נישט געווען בנמצא אין טרונקס פאַרמלחמהדיקן שאַפן), שילדערט ער אין בונטע פאַרבן די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע דראַמע פון עטלעכע יידישע דורות אין פוילן; פאַרשידנאַרטיקע סביבות־קאָנטראַסטן מיט זייערע קעגנזעצלעכע גייסטיקע נטיות און טעמפּעראַמענטן, צו וועלכע עס האָבן אויך געהערט זיינע ברייט־פאַרצווייגטע משפחה־וואָרצלען.

ער האָט צוגעגעבן אַן אונטערקעפּל צום ווערק — **זכרונות און בילדער**, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן זיין כוונה (ביים פאַרטראַכטן דאָס ווערק), עס זאָל אַרומנעמען זיין סביבה און פעריפעריע פון משפחה־פאַרבינדונגען, פון וועלכע ער האָט געטראָגן אין זכרון און געמיט דערינערונגען און בילדער.

ווען ער האָט אין פּראָצעס פון שרייבן טיפער געגראָבן צו די שיכטן פון זיין משפחה (פון ווייטן און נאָענטן עבר), האָט ער זיך דערשלאָגן צו די קוואַלן, וואָס האָבן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן גענערט און באַווירקט דעם גאַנג פון פוילישן יידנטום.

מיט וואָרעמקייט, הגם מיט אַ דאָזע שאַרזש, האָט טרונק געצייכנט אַ רייכע גאַלעריע טיפּן פון זיין מאַמעס און פאָטערס משפחה. די רביים און „גוטע יידן״ — פון זיין טאַטנס צד, וואָס פלאָטערן אַרום ספרים און

חידושים; קליינשטעטלדיקע רבנים מיט קבצנישע השגות און התנהגות, און גרויסשטאָטישע מיט נגידישע פּאַליעָם און אויפגעהייטערטע געמיטער. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר טרונקן, וואָס ער, דער אייראָפּעיש-געבילדע-טער, האָט גרויס הנאה אַרומצושפּאַצירן איבער די בלעטער פון זיין ווערק מיט די „גוטע יידן", מיטן קוטנער גאון, מיט ר' אברהמל סאָכאַטשעװער, אָדער מיטן „יונגן וורקער". ער הערט זיך צו געמיטלעך צו זייערע רוחניותדיקע רייד און מחלוקתן לשם־שמים, ווען וועלכע ער צעשרייבט זיך גאַנץ ברייט...

מען זעט אָבער, אַז ער אָטעמט פרייער אָפּ, ווען ער כאַפּט זיך אַריין אין דער דאָרפישער, פאַלקסטימלעכער, פאַרגרעבטער סביבה פון זיין מאַ־מעס צד, אָט די דאָרפסמענטשן, וואָס קומט אָן לייכטער דורכצואַקערן אַ פעלד, ווי דורכגיין אַ שטיקל עברי. זיינע פעטערס זענען געזונטע, עולם־הזהדיקע יידן, וואָס טראָגן אין זיך דעם ריח פון פעלד און וואַלד, זיי לאַכן מיט אַ פול מויל, לעבן זיך אויס מיט זייערע פולבלוטיקע ליידנשאַפטן און אינסטינקטן. אָט דער פרימיטיוור, געזונטער, עמך־שיכט איז גאָר בולט געשטאַלטיקט אין דעם ווערק, באַזונדערס, דער זיידע ברוך גזשיוואָטש, איינער פון די ליכטיקסטע טיפּן, וואָס שיינט אַרויס פון דער דאָרפישער פּאַראַפיע.

טרונק האָט אין דעם ווערק פיינע צייכענונגען פונעם יידיש־דאָרפישן קאָלאָריט, — אַ טיפּ, ווי סימכע גייגע, אָדער דער פעטער מיט די זעקס פינגער, זענען טיפּן פון כולו אינסטינקט, ווי אַ קאָנטראַסט צו די כולו פאַרגייסטיקטע „גוטע יידן". דער מחבר זינדיקט צו אַ ביסל מיט די גראָטעסק־פאַרבן און פעליעטאָניסטישן שאַרזש אין זיינע צייכענונגען (לדוגמא, די שילדערונג פון „איכא"־זאָגן אין דאָרפישן מנין, תשעה־באב). עס קענטיקט זיך זיין זוכן אַריינצוברענגען הומאָריסטישע עפעקטן אינעם סיפור־המעשה און איבערכאַפּן דערביי די מאָס... אָבער מען דאַרף עס נישט פאַראַלגעמיינערן. בדרך כלל, האָט טרונק נישט מיסגעברויכט אין באַנוצן זיך מיט גראָטעסק־קאָלירן און שאַרזש־שטריכן.

אַ באַזונדער הנאה האָט דער לייענער פון פיינע געמעלן פון דאָרפישע יידן, פון די שווער־פאַרהאָרעוועטע פאָלקסמענטשן, (מיט וועלכע טרונק האָט פאַרבראַכט אין זיינע קינדער־יאָרן), און אויך פון די לאַנדשאַפט־געמעלן, די געדיכטע דלוטאָוווער וועלדער מיט זייערע שמעקעוודיקע ריחות,

די טונקעלע טיפקייט פון פוילישן וואַלד אין אַ בין־השמשות און נאָך פיל אַנדערע פייזאַזשן, וואָס ליכטיקן אַרויס פון „פוילן".

דער מחבר האָט איבער די פייזאַזשן געלאָזט אַרומשוועבן דעם טוי פון דער פוילישער ראָמאַנטיק, פון די אויפשטאַנדן, וואָס האָבן אין יענע גוטע צייטן געשאַפן אַן אינטימע נאָענטקייט צווישן די יידישע און פוילישע אויפשטענדלער. דער אָפּגעקומענער פּריץ גאַנשעראָווסקי און דעם מחברס עלטער־פאָטער, האָבן נאָך געקענט ביי אַ גלעזל מעד דערמאָנען מיט פייכטע אויגן דעם סימבאָלישן „ווייסן אָדלער" פון דער אידילישער ראָ־מאַנטיק. ער האָט אין בוך נישט אַריינגענומען די אַנדערע זייט פון דער מטבע, סיי אין צאַרישן רוסלאַנד, און שפּעטער אין אומאָפּהענגיקן פוילן, צו וועלכן מיר דאַרפן מצרף זיין דעם לעצטן קאַפּיטל פון יידן אין פוילן...

✶

עס זענען נישט איין מאָל אַרויסגערוקט געוואָרן טענות וועגן צו פיל גלאָריפיקאַציע פון חסידיזם אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן עס געהערט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, און איך גיי נישט דאָ אויפנעמען דעם וויכוח אַרום דער פראַגע.

אין טרונקס „פוילן" ווערט אָפּגעגעבן אַ גאַר גרויסן פּלאַץ די שאַטי־רונגען פון דער חסידישער באַוועגונג, וועלכע דער מחבר האָט געפּרווט דורכלייכטן פון אינעווייניק ביים צייכענען אַ רייכע גאַלעריע טיפּן, פולבלו־טיקע געשטאַלטן, צו וועלכע מיר וועלן זיך שפּעטער אומקערן. ביים אַרויסברענגען די דינאַמיק און אויפלעבונג, וואָס חסידות האָט אין איר בליציייט אַריינגעבראַכט אין יידישן פאָלקסלעבן, גיט טרונק באַלד אינעם אָנהייב פון „פוילן" אַ פאַרביק בילד פון דער חסידישער קאָלעקטיווער באַהעמע, בעת אַ נסיעה צום רבין.

„אין דער באַלעגאַלישער בויד, וואָס האָט זיך קוים און לאַנג געשלעפּט איבער די זאַמדיקע פוילישע וועגן, האָבן די פאַרנדיקע חסידים כסדר געטאַנצט פון שמחה. אין אַלע קרעטשמעס האָט מען געפּראַוועט סעודהלעך, און די פעסלעך בראַנפן, וואָס מען האָט מיט זיך מיטגעפירט אַזש פון קערניזשע, האָט מען כסדר אָנגעפילט מיט נייער משקה. וואָס נענטער די בויד איז צוגעקומען צו ווורקע, אַלץ שטאַרקער די חסידישע התלהבות מיט אירע עקסטאַטישע טענץ. אַזעלכע נסיעות האָבן דערנענטערט צווישן זיך, האָבן אַריינגעבראַכט

פֿאָלקסטימלעכקייט, פֿאַרווישט די גרענעץ צווישן אָרעם און רייך".
(ז' 16, ב. 1).

טרונק האָט געזוכט די בריק, וואָס פֿאַרבינדט אים און זיין וועלטלעכן דור מיט די פֿריִערדיקע חסידישע דורות. ער האָט זיין גייסטיקע ירושה־לעגיטימאַציע געזוכט אין די אַלטע קוואַלן פֿון דער תורה און חסידות־וועלט, פֿון איר טראַנספֿאָרמאַציע אין דער וועלטלעכער יידישקייט מיט אירע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעען. אין דורכטאָשן די שיטות פֿון דער יידישער רעליגיעזער וועלט (אין 19טן י"ה), האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף די גייסטיקע וואָרצלען פֿון דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַ שפּעטערדיקער תקופֿה.

טרונק האָט געשילדערט די חסידישע באַהעמע מיט אירע אייגנאַרטיקע טיפּן, פֿון יחזקל לוויטשער מיט זיין „קאָצקער ביטול", הערשל נאַמן, איטשל ריווקעס, דער פּעטער יעקל און פֿיל אַנדערע פֿון חסידישן עמך, וואָס האָבן אַ דאַנק דער באַוועגונג באַקומען זעלבסט־חשיבות און לעבנס־אָפּטימיזם, אַט די דעמאָקראַטיזירונג אין דער געזעלשאַפֿט, אין וועלכער עס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אָרעם און רייך, אַלט און יונג, און פֿאַרברודערט דעם למדן מיטן נישט־למדן ביי אַ חסידיש סעודהלע (אָרום אַ גלעזל י"ש און אַ הערינג), פֿאַרביסן מיט אַ חסידישע מעשהלע.

טרונק האָט די געשטאַלטן אינדיווידואַליזירט, יעדן מיט זיין אייגן פּנים און לשון און מיטן קנייטש און בויג פֿון זיין פּסיכיק. ער האָט באַלויכטן דעם זעלישן צושטאַנד, אויך פֿון די ביטערע לאָ־יצלחס אין לעבן, די קאָמפּענסאַציע, וואָס ס'האָט געגעבן די חדווהדיקע, חסידישע געזעלשאַפֿט, אי די פֿון דערשלאָגענע היימען, אי פֿון נידעריקן סאָציאַלן שיכט. אַט זעען מיר, ווי דעם מחברס אייגענער זיידע, ברוך גזשיוואַטש, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ דאָרף־שווייגער און פּראָסטער דאָרפֿישער משפּחה, איז אין זיין יוגנט פּלוצעם אַריין אין אַ חסידישער סביבה. ער איז דאָרט געוואָרן אַ שטיקל בן־תורה און אויך מיטגענומען געוואָרן אויף די חסידישע נסיעות צום וורקער רבין, וואָס האָט געהאַט דעם קאָלאָריט פֿון עולה־רגל זיין קיין ירושלים צום בית־המקדש (די קאָצקער פֿלעגן טאָקע זינגער **„אַז קאָצק איז דאָך במקום בית־המקדש")**.

צווישן זיינע צייכענונגען פֿון חסידישע טיפּן טיילן זיך אויס אייניקע משפּחות, די פּריוועסעס, די מענדעלסאָנס, די ענגעלמאַנס און אַנדערע

פון גרויס־חסידישן און נגידישן שטאַם. דער מחבר האָט געזוכט אָפּצו־שפּיגלען די גייסטיקע קרובישאַפט צווישן דורות, און די משפּחה מענ־דעלסאָן איז געווען אַ בולטע אילוסטראַציע פון גייסטיקע וואָרצלען צווישן עטלעכע דורות. דער עפּיזאָד מיט ר׳ מאיר מענדעלסאָנס גרויסן געלט־באַנקראָט לעבן אַ תּפילה, איז אַ באַווייז פון דער קאָמפּליצירטער פּסיכיק פונעם פּוילישן ייִד, וואָס האָט אין זיין גראָער וואָכעדיקייט געקענט אויס־זען, טייל מאָל, אַזוי קליינלעך ביי גראָשעדיקע זאַכן, און דער זעלבער ייִד האָט געקענט אַרויסווייזן אַזוי פיל כאַראַקטער פאַר העכערע ווערטן, צאָלן דעם העכסטן פּרייז פאַר זיי אין זין פון מסירת־נפש.

האָט אויך ר׳ מאירס זון, הערשעלע, באַצאָלט מיט זיין יונג לעבן פאַר די הייליקייטן און מצוות, אין וועלכע ער האָט געגלויבט. און אַזוי אויך דער דריטער דור פון ר׳ מאירן, זיין וועלטלעכער אייניקל, דער בונדיסט, שלמה מענדעלסאָן, וואָס איז אינעם זין פון גלויבן און לעבן מיט הייליקע תּורות, געגאַנגען אין די פוסטריט פון זיינע אבות. דאָס איז דער ניגון פון דער ייִדישער געשיכטע, וואָס פאַרקניפּט דורות, אַפילו ווען אַ נייער דור האָט שוין צום ניגון צוגעפּאַסט אַנדערע ווערטער...

חסידישע ייִדן, שאַרפע גמרא־קעפּלעך, האָבן אין די פּוילישע וועלדער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, ווי סוחרים, שרייבער, ספּעציאַליסטן, מעקלער. איינער פון די מערקווירדיקסטע ייִדישע וואַלד־מאַגנאַטן איז געווען ר׳ יעקב ענגעלמאַן, אַ שם־דבר נישט נאָר אין פּוילן, נאָר ווייט איבער אירע גרע־נעצן. אַ שמועה איז געווען, אַז אפשר אַ העלפט פון די פּוילישע וועלדער האָט געהערט צו אים. וועגן זיין פּריצישן הויף און ברייטער צדקה־האַנט האָבן קורסירט גאַנצע לעגענדעס, און פאַר טרונקן איז דער אינטערע־סאַנטער טיפּ געווען אַ גוטער מאַטעריאַל צו געשטאַלטיקן תּורה און עשירות, באַגלייט מיט טיפער מענטשלעכקייט — אין זיין פּערזאָן.

אַרום זיינע וועלדער האָבן זיך געדרייט און מפרנס געווען חסידישע ייִדן, וואָס פלעגן לעבן און וואַנדערן איבער די וועגלאָזע וועלדער און מיטן אויג אָפּשאַצן דאָס געהילץ. טרונק האָט אין די דלוטאָוועו וועלדער זיך געטראָפן מיט די ייִדישע וואַלד־ספּעצן, און זיך אָנגעהערט אַ סך וווּנדערלעכע מעשיות וועגן זיי, וואָס ער האָט אויסגענוצט אין זיין ווערק. ער האָט באַוויזן נישט בלויז אַריינגעבן אַ רוח־חיים אין די געשילדערטע טיפּן, נאָר אויך אין די זאַכן אַרום זיי, אויפלעבן די אַטמאָספער פון אַלץ, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט, ווייל אַרום די ווענט און הייזער איז אויך

געוועזן שטייגער, טראַדיציע פון אַזוי פיל דורות יידיש לעבן אין מזרח־אייראָפּע.

צווישן די מערקווירדיקע חסידישע געשטאַלטן, וואָס טרונק האָט אַרויסגעהויבן, געהערט אויך דער שאַרפער גערער חסיד ר׳ משה לאַנדשטיין. דאָס אויסנעמלעכע אין אים באַשטייט קודם כל אין זיין מסחר. ער האָט געהאַנדלט מיט קונסט־אַנטיקן פון פאַרשידענע פעלקער. פלעגן קומען צו אים מאַגנאַטן און קינסטלער און סתם קונסט־ליבהאָבער, וואָס פלעגן נשתומם ווערן פון זיין ערודיציע אין פאַרשידענע סטילן און קונסט־תקופות פון יעדן אַנטיק. דאָס אַליין איז אַ מערקווירדיקער אויסנאַם־פאַל, אָבער דער מחבר האָט בעיקר געפּרוווט צו אַקצענטירן די טראַנספאָרמאַציע, וואָר אַזאַ חסידישער ייד האָט דורכגעמאַכט פון זיין געשעפט ביזן גערער שטיבל מיט דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און מיטן סאַמעטענעם היטל.

טרונק האָט מיט די שילדערונגען געוואָלט סימבאַליזירן אַ נאַציאָנאַלן שטריך פון אַ פאָלק, וואָס האָט אין מיטן פון אַ וואָכעדיקער וועלט שבת געמאַכט, יום־טובדיק זיך אויסגעפּוצט און נשמה־יתירהדיק געשפּאַנט צו העכערע ווערטן; נאָכן אָפּשטויבן זיך פון גראָער וואָכעדיקייט — אַרויפּגעקוקט צו דער וועלט פון העכערן תכלית. אָט די יידן זענען דאָך נישט אויסגעטראַכט דורכן מחבר. ער האָט זיי אפשר צו גערדיכט באַפאַרבט, צו פיל שמינקע אַרויפגעטאָן אויף די ליפּן. אָבער ווען מיר נעמען עס אַראָפּ, האָבן מיר פאַר די אויגן יידישע טיפּן, וואָס מיר האָבן נאָך אַליין געקענט און געזען אין זייער וואָך, ווי אין שבת־קודש. טרונק האָט זיי שוין גע־צייכנט אויף אַ טויטער מאַסקע, אָפּגעריייניקטע פון שטויב און וואָכעדיקער טאָג־טעגלעכקייט, צו ווייזן עיקר־שטריכן פון זייער אינערלעכן מהות דורך אַ שטאַרקן רעפלעקטאָר.

*

געוויינלעך איז אין אַ קינסטלעריש ווערק דאָ איינער אָדער עטלעכע הויפּטהעלדן, אַרום וועלכע עס איז קאָנצענטרירט די הויפּט־טעמאַטיק און געשלאָסנקייט פונעם בוך.

טרעפט, אַ שרייבער לאָזט זיך אַוועק אויף זייטיקע געסלעך און פאַר־בלאָנדזשעט. מען זעט בולט, אַז ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף זייטיקע פּרטים און ער זוכט פשוט אַן אויסוועג. נישט איין מאָל מערקט זיך, ווי

א שרייבער האָט אָנגעהויפט אַזוי פיל אומבאַדייטנדיקע פּרטים אויף און אַרום די העלדן, ווי אויף שווער־אָנגעלאָדענע קעמלען, וואָס קענען קוים שלעפּן די פיס אין זייער הילפלאָזיקייט.

טרונקס „פּוילן" פאַרמאָגט נישט קיין הויפּטהעלד, אָדער אַ צענטראַלן מאָטיוו. דער אָדער אַן אַנדער טיפּ, מעג ער זיין אַזוי חשוב, ווי דער קוטנער רב, איז נישט דער עיקר, אָדער דער צענטער פונעם ווערק. דער צענטראַ־לער העלד איז ביי אים נישט קיין יחיד, נאָר דער נאַציאָנאַלער קיבוץ מיט זיין לעבנס־ריטעם און זעלישן צושטאַנד. זיכער האָט דער מחבר ווייט נישט רעאַל אָפּגעשפּיגלט די האַנדלונגען, שטרייטן און פּאַסירונגען פון זיינע העלדן, וועלכע ער האָט, און טייל גאַנץ שטאַרק — סטיליזירט. ער האָט אַליין באַטאָנט, אַז זיי זענען געשטאַלטיקט לויט זייערע כאַראַק־טער־מעגלעכקייטן, פון וועלכע ער דרינגט אַרויס די ווילנס און מעשים לויט דער פּאַטענץ פון זייער אינערלעכן מהות. אין זיינע שילדערונגען פון געשעענישן און פאַקטן, פון דערגרייכונגען אָדער אַנטוישונגען, האָט דער מחבר זיך געשטיצט אויף דער הנחה, אַז אין דער פּאָטענץ איז עס שוין געווען איינגעשלאָסן, און אויב עס איז נישט געוואָרן רעאַליזירט אינעם לעבנס־גאַנג, איז עס נאָר צוליבן מאַנגל אין די פּאַסיקע באַדינגונגען פון אָרט און צייט־מעגלעכקייטן.

אין „פּוילן" האָט דער מחבר אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקן ליכט־רעפּ־לעקטאָר איבער אַ שעפערישער, גרויסער תקופה פון פּוילישן יידנטום און האָט ווי געזאָגט צו אונדז: זעט אַליין — צי איז ערגעץ־ווו אויף אונדזערע געשיכטלעכע עטאַפּן — אין צפת, פּומדיתא, קאָרדאָווא, וואָרמס, פּראָג און אַנדערע יידישקייט־צענטערס — געווען מער וואָרצלדיקע פאָלקס־יידיש־קייט, ווי אין מזרח־אייראָפּע? און זיין באַטאָנונג איז: דאָס דערהויבענע נביאישע וואָרט, וואָס איז געפּלאַנצט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק ביים וויגעלע פון אונדזער שטאַם — איז ערשט אין דער אַשכנזישער תקופה אויסגעוואַקסן אין צייטיקע פּרוכטן. עס איז געוואָרן פאָלקסשטייגער, בעת אין דער גאָלדענער תקופה פון ספרדישן יידנטום, האָט נאָר די גייסטיקע עליטע פאַראייגנט די הויכע נביאישע ווערטן, אָבער נישט דאָס פאָלק. יידישקייט, ווי אַ לעבנס־שטייגער פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר אַלע זיינע שיכטן — דאָס איז ערשט געשען ביים אַשכנזישן יידנטום.

דאָס איז דער זין פון דעם קווערשניט, וואָס טרונק האָט געמאַכט — לויט יהושע העשלס באַצייכענונג — אין דער גאָלדענער, גרויסער תקופה

פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום און אין זיינע פאַרשידענע שיכטן און דורות. ער האָט געזוכט און אַרויסגעהויבן די פּסיכישע שטריכן פון נאַציאָ־נאַלן קאָלעקטיוו אין דער גאַלעריע געשטאַלטן און בילדער, געצייכנט אויף דער קאַנווע פון „פּוילן". אייגנטלעך האָט דאָס טרונק געפּרוווט טאָן נאָך אין זיינע פריִערדיקע ווערק, גאָר באַזונדערס אין זיינע שלום־עליכם־אָפּ־האַנדלונגען. אָבער אין זיי איז טרונק געווען צו פיל קאָמפּעטענטש, זיך באַנוצט מיט אַזאַ אינטעלעקטועל־פאַרשפּיצטן לשון, וואָס נאָר שטאַרקע באַקאַנטער האָבן געקענט צעקייען. שוין דער פאַקט גופא, וואָס וועגן אַזאַ לייכטן שרייבער, ווי שלום־עליכם, האָט ער אָנגעשריבן אַזאַ שווער בוך!

אין „פּוילן" האָבן מיר דערזען גאָר אַן אַנדערן טרונק, אַ דערציילער מיט אַ פיינעם הומאָר. פאַראַן אין ווערק עסטעטישע פיינקייטן, דורכגע־דרינגנדיקע אַנאַליטישע אָבסערוואַציע מיט אַן עשירות פון ליכטער און פאַרבן אין דעם פאַרנעמיקן ספּעקטרום.

אין דעם געדיכט־באַפעלקערטן „פּוילן" פאַרנעמען דעם הויפּט־פּלאַץ טיפּן און געשטאַלטן פון דער מאַנצבילשער וועלט, אָבער אַ גאַנץ חשובן אָרט האָט דער מחבר אָפּגעגעבן פאַרן עזרת־נשים. אַ גרויסע פרויען־גאַלעריע מיט כלערליי טיפּן, אַלטפרענקישע און הייַנטוועלטיקע, רייכע און אָרעמע, מיט יחוס אָדער אָן — גאַנץ שאַרפע קאָנטראַסטן פון סביבות, פון טעמפּעראַמענטן און כאַראַקטערן.

ווי אין דער מאַנצבילשער וועלט, האָט טרונק אויך דאָ נישט געזשאַ־לעוועט קיין מולטי־קאָלירן ביים מאָלן. לדוגמא, אַזאַ פרוי, ווי די קאָלישער רביצין, מיט איר גאוניש־רבנישן יחוס. כאַראַקטעריסטיש, מיט וואָס פאַר אַ שאַרזש־פאַרב דער מחבר שילדערט זי. אַ קליינע ציטאַטע נאָר:

„אַליין האָט זי גאָר־ווייניק פאַרשטאַנען די שווערע פּסוקים פון איר גרויסן טאַטן (פון קוטנער גאון — י. ק.). אָבער דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם ווערט פון די געשליפענע קעפּ מיט זייער תורה".

אַ ווייך־סאַמעטענעם שאַרזש האָט דער מחבר גענוצט לגבי די פרויען פון נוסח־ווורקע. די באָבעס, לאה און בלימעלע, זענען געצייכנט, ממש, ווי די הייליקע אימהות פון חומש. ער שילדערט זייער פאָלקסטימלעכקייט און ליבשאַפט צום פּראָסטן ייִד, די קינדערשע תמימותדיקייט פון דער באָבע בלימעלע: „יעדן טאָג פלעגט זי אָפּוואַרטן משיחן און ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט זי געמיינט, אַז ס׳קלאַפּט אַן אָרעמאַן,

אָדער די יידענע פון די אייער, אָדער משיח". ווען מיר נעמען אַראָפּ די גראָטעסק־פּאַרב פון אַט דער שרה בת־טובים־געשטאַלט („ווען משיח וועט קומען, וועלן אַלע צדיקים און איר בונימל זיין קאָנדוקטאָרן אויף די באַנען, און אַלע יידן וועלן קאָנען פאָרן אָן בילעטן..."), גלאַנצט פון דער מאַסקע אַרויס די צדקות און גוטסקייט צום אָרעמאַן און פשוטן פאָלקסמענטש פון האַרציקע יידישע מאַמעס, פאַרקערפּערט אין דער באָבע בלימעלע.

טרונק האָט געוואָלט אין איר פּערזאָניפיצירן די פאַרהייליקטע אימהות־געשטאַלטן, אַרויסגענומען פון „צאינה וראינה" און איבערגעפלאַנצט אין „פּוילן". מען קען האָבן צו אים טענות, פאַר וואָס ער האָט די העלדן אַנגעטאָן אין אַ צו שרייענדיקן בראָקאַט, הלמאי ער האָט גענוצט צו שאַרפע פאַרבן אין זיינע יום־טובדיקע מלבושים. זיי זענען נישט בויטיק געוואָרן צום קאָלאָריט פון זיין ביזאַנטישן מאָזאַיק, און עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז ער האָט דאָ און דאָרט אַרויסגעבראַכט צוגעשפּיצטע עפּיזאָדן, כדי אַרויסצורופן אַ הומאָריסטישן עפעקט.

אַט די שאָטן־זייטן פאַרשטעלן אָבער נישט די ליכטיקע, פאַרביקע שטריכן פונעם ווערק. דעם מחבר איז געלונגען אַרויסצושיילן דאָס תוכיקע און גורלדיקע פון קאָמפּליצירטע געשטאַלטן, ווי פון דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק. צו די וואָליאָרן דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די פאָלקסטימלעכקייט און די פאָלקלאָר־קוואַלן, צו וועלכע דער מחבר איז צוגעקומען גאָר נאָענט און זיי אויסגענוצט מיט אַ ברייטער האַנט.

אַזאַ בילדל פון שטייגערישן פּרימיטיוו, וואָס זעט אויס פאַר אונדזער דור עקזאָטיק, איז דער צערעמאָניאַל ביים וועלגערן די יום־כיפּור־ליכט ערב דער חתונה (פון דער מומע רויזע). די מיסטישע אַטמאָספער פון אַט דער אומהיימלעכער סצענקע, זעט אויס אַ מין מכשפות־בילד פון שעקספּירס מאַקבעט אין אַ נוסח פון עפּעס אַ יידישן, אויסטערלישן צערעמאָניאַל־פּרימיטיוו.

צו די ווערטן פון „פּוילן" דאַרף זיכער צוגערעכנט ווערן די פאַרביק־פינקלדיקע געמעלן פון טרונקס עלטערנס חתונה. דער מחבר האָט באַוויזן נישט נאָר צו שאַפן אַן אַלגעמיינעם געלונגענעם בילד, נאָר צו אינדיווידואַליזירן די מחותנים, די געסט, יעדן איינעם מיט זיין לשון און התנהגות. אויך די מלבושים, געטראַנקען, טענץ און דער בדחן פון אַלט־שטייגערישע חתונות האָבן דאָ באַקומען אַ שלימותדיקן אויסדרוק מיט דער זיגל פון

גוטער בעלעטריסטישער פּראָזע. ביים לייענען אָט דעם שעדעווער איז מיר געקומען אויפן געדאַנק רענאַנס באַוווּסטער זאָג, אַז יעדע גוטע דער־ציילונג קען אַ מאָל זיין אַ היסטאָרישער דאָקומענט.

אמת, דער לייענער האָט נישט איין מאָל דעם איינדרוק, אַז דער מחבר האָט מער געטראַכט צו צייכענען דאָס יידישע פּוילן של מעלה, און נישט די רעאַלע, פּראָזאַישעווירקלעכקייט. אפילו די דראַמאַטיש־צוגע־שפּיצטע עפּיזאָדן האָבן געצילט צום העכערן תכלית; אַרויסצוברענגען דעם אימאַזש פון אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, זיין אומפּראַקטישקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן און די אומבאַהאָלפנקייט, וואָס האָט דערפירט צום גראָטעסק. עס איז אין דעם עפּעס מער ווי סתם שאַרזש. דער מחבר האָט געזוכט אַרויסצוהייבן אַ נאַציאָנאַלן שטריך פון דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט נישט אַרויסגעוויזן צו פיל פּראַקטישקייט לגבי פאַקטן, נישט געוואָלט זיי אָנערקענען אַלס רעאַליטעט, דעריבער אַזוי אָפט אַנטלאָפן פון וואָר צום טרוים, זוכנדיק אין טרוים די וואָר... (איך פּאַראַפראַזיר דאָ לערמאָנטאָווס אַ פּערז וועגן רו און שטורעם). טרונק האָט, ווי ריכאַרד בער האָפמאַן, געגלויבט, אַז די יידיש־געשיכטלעכע אומפּראַקטישקייט איז די פון אַ קינסט־לער, וואָס זוכט אין לעבן העכערע ווערטן און צאָלט דערפאַר מיט ליידן... דאָס יידישע פאָלק צאָלט דעם פּרייז פאַר זיין עקשנות במשך די צוויי טויזנט יאָר, נישט אונטערצוגעבן זיך די מעכטיקע... דורך אַטען, ירושלים, קאַרטאַגע און רוים ציט זיך די געשיכטלעכע דראַמע „די אייביקע שוישפּיל פון דער מענטשהייט״.

אַ פאָלק, וואָס האָט אָנגעוואָרפן דער וועלט אַ מאָנאָטעיזם, אַ מאָראַ־לישן פּרינציפּ און אַ העכערן עטישן אמת, זעט אויס, ווי „אַ טראַגישער נאַראָנים־שפּיל אין דער וועלט־געשיכטע״. די אייביקע דראַמע, אין וועל־כער יידישע געשיכטע האָט געשפּילט אַ הויפּטראָל, האָט אירע צייטוויי־ליקע פּויזעס, „אָבער אין גרויסע דראַמעס זענען פּויזעס אַ טייל פון שפּיל, אַ המשך און פאַרטיפונג פון פריערדיקן אַקט... אין זאַל איז נאָך דאָ דער עכאָ פון וויזיעס, פון געשיכטלעכע מעשים און חלומות״.

אָט די מעדיטאַציעס פון טרונקן ברענגען צום אויסדרוק זיין יידישן וועלטבאַנעם פון דער וועלט־געשיכטע און איר אייביקע דראַמע. ער איז געווען אַ גרויסער מאמין אין עטישן פּרינציפּ, וואָס וועט אין לעצטן חשבון מוזן זיין דער זיגער איבערן כוח פון דער שווערד. ער האָט זיין אַני־מאמין אַרויסגעבראַכט אין פאַרשידענע באַקליידונגען, אָבער מיטן זעלבן תוך, אַז

„איבער דעם אומענדלעכן כאָאָס, וואָס הייסט קאָסמאָס, מוזן פאַרט ערגעץ־ווו הענגען וואָגשאָלן, אין וועלכע עס ווערט אויסגעמאָסטן דער לעצטער חשבון. יענע וואָגשאָלן וויגן זיך און וויגן זיך איבער אַלע מענטשלעכע דורות" (ב. 5 — ז' 284).

אָט די שורות האָט טרונק געשריבן נאָכן גרויסן חורבן, צווישן אומקום און אויפקום.

★

טרונקס „פוילן" איז קריטיקירט געוואָרן פון פאַרשידענע זייטן מיט באַרעכטיקטע טענות: געוויסע קאַפּיטלען זענען גיכער אויס צו זיין באַזונדערע פעליעטאָנען, ווי אָרגאַנישע טיילן פונעם ווערק. אויך אַ גרויסע צאָל אומנויטיקע דיגרעסיעס, טייל מאָל צוליב אַ הומאָריסטישן עפעקט, אָדער צוליבן יצר־הרע פון גריבלען זיך אין פּסיכאָאַנאַליטיק נוסח־פרויד (לדוגמא: די פּסיכאָאַנאַליטישע דיגרעסיע וועגן דעם רבין, ר' גרשון הענעך). צו די שאָטן־זייטן דאַרף צוגערעכנט ווערן דעם גרויסן פּלאַץ, וואָס דער מחבר האָט אָפּגעגעבן פאַר די קליינלעכע מחלוקותן, אינטריגעס און ווידעראַנאַנדן פון דער חסידיש־גבירישער פּני מיט די פּריוועסעס בראש. עס איז בלתי ספק, אַז דאָס האָט נישט צוגעגעבן, נאָר פאַרקערט — אָראָפּגענומען וואָג פון ווערק.

עס איז אויך קלאָר, אַז די נייע דורות אין „פוילן" — די קינדער און אייניקלעך פון דער חסידישער און גבירישער וועלט מיט זייער נייעם קוק אויפן יידישן לעבן און שאַפן, זענען בעלעטריסטיש מער אָנעמישער געשטאַלטיקט, ווי זייערע פרומע טאַטעס און זיידעס. במילא זענען מיר בולטער די אַלע רביים און „גוטע יידן", אָדער די טיפן פון פּריוועסעס שניט, ווי די פאַלקסשיכטן מיט דער נאַציאָנאַלער יידישער אינטעליגענץ (די קליינע אויסנאַמען באַשטעטיקן תמיד דעם כלל).

אַפילו דער פּריץ־באַנד פאַרמאָגט נאָר לייכטע צייכענונגען, סקיצמעסיקע באַטראַכטונגען וועגן אַ ריי יידישע שרייבער און קינסטלער. עס פעלט אָבער די אינערלעכע דורכלייכטונג פון די וואָרטזאָגער און שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור און פון אירע עטלעכע דורות יידישע שרייבער. אמת, דאָ און דאָרט גלאַנצט אַרויס אַ פיינע באַמערקונג, אַ גוט אויפגעכאַפּטער שטריך, אַ פילאָזאָפישע באַטראַכטונג. עס פעלט אָבער דאָס טיפערע

באַגרייפן פון די טרעגער פון דעם נייעם גייסטיקן קלימאַט און פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעען, וואָס זענען אַרויף אויף דער געשיכט־לעכער אַרענע.

צו קיין אַרעמאַן האָט מען נישט קיין טענות פאַר וואָס ער גיט נישט... טרונק איז אָבער אין די יאָרן פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה שטאַרק אויסגעוואַקסן. אייניקע יידישע שרייבער האָבן אים אַפילו געהאַלטן פאַר ראוי צו טראָגן דעם מאַנטל פון פירערשאַפט אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס אַליין האָט אים שוין מחייב געווען צו עפּעס, וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם אויבנאָן זיינעם אינעם יידישן שאַפן.

זיכער איז, אַז טרונקן האָט נישט געפעלט דער גוטער ווילן. בלתי ספק, האָט ער, דער יידישער סאָציאַליסט, דער אידעאַליסטיש־פאַרליבטער אין „בונד", געגאַרט קינסטלעריש צו געשטאַלטיקן די נייע כוחות און אידעען־טרעגער אין דער נייעסטער יידישער געשיכטע, אָבער פּסיכיש איז דעם קינסטלער אין טרונקן אַ סך נענטער געווען די אַלטע יידישע וועלט, ווי די נייע. זי איז נישט געפלאָסן אין זיין בלוט מיט דער קראַפט, ווי די חסידיש־לומדישע און גאונישע פון זיינע זיידעס. אינטעלעקטועל, אידעיִש, האָט ער אויפגענומען די נייע יידיש־וועלטלעכע שטרעמונגען און העלדן, אָבער ווען עס איז געקומען זיי אָנצוטאָן מיט בלוט און פלייש און אָבסאָר־בירן זיי קינסטלעריש, איז ער נישט געווען בכוח עס צו רעאַליזירן בשלימות. דעריבער זענען אַ ריי געשטאַלטן פון דער עפּאָכע אַרויסגעקומען אָנעמיש.

✶

איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן לענגער אויף די בלויזן פון „פוילן", נישט כדי קליין צו מאַכן דאָס ווערק, נאָר צו באַטאָנען דעם „אף על פי כן"! עס האָט אַ מאָל ישראל שטערן גאַנץ ריכטיק באַ־מערקט, אַז אין די גרעסטע ווערק קען מען געפינען לעכער, דאָך בלייבן זיי גרויס מיט זייער קינסטלערישן רייכן פאַרמעג. דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן „פוילן".

דער ענגלישער שרייבער דזשאָן גאַלסוואָרטי, האָט אין זיין „פאָרסייט־סאַגאַ" געשילדערט און געפורעמט נאָר איין קלאַס — דעם מיטלשטאַנד —

וועלכער איז דאָן אַראָפּ פון זיין גלאַנץ און מאַכט, וואָס ער האָט געהאַט אין 19טן יאָרהונדערט.

טרונק האָט אַריינגעגעבן אַ בעלעטריסטישע טראַנספּוזיציע און מחיה־מתים געווען אַ פאַרשוווּנדענע יידישע וועלט פון אַ גרויסער יידישער תקופה אין מזרח־אייראָפּע. ער האָט מצליח געווען צו רעסטאַווּרירן איר קלימאַט, אַרויסהייבן די שענסטע בלומען פון איר קולטור און פון איר אַלטער ציוויליזאַציע. ער האָט געגעבן לירישע שילדערונגען פון פאַר־געסענע, שיינע געשטאַלטן, פון וועלכע עס ווערט אַזוי וואַרעם אויף דער נשמה. אומדירעקט, האָט ער אויך אָפּגעפּרעגט ביאַליקס זאָג, „אַז אַ פאָלק פאַרמאָגט אַזוי פיל הימל איבערן קאָפּ, וויפל ערד עס פאַרמאָגט אונטער די פיס". איז דען נויטיק דאָ צו דערמאָנען וויפל בלויען הימל עס האָבן פאַרמאָגט די יידן אין פוילן ?...

האָט טרונק אין זיין „פוילן"־זאַגאַ טאַקע געמאָלן אָט דעם בלויען הימל איבערן מזרח־אייראָפּעישן יידנטום במשך פון דורות. ער האָט אַריינגעגעבן אַ רוח־חיים אין בילדער פונעם אַלטן שטייגער־לעבן, און געשטאַלטן, וואָר שרויפן זיך אַריין אין געמיט און זכרון.

✶

ביים אַנאַליזירן אַזאַ ווערק, וואָס גיט אָפּ אַזוי פיל פּלאַץ תורה און חסידות, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ מאַמר־חז"ל, וואָס טייטשט אויס סימבאָליש געבורט און טויט. — פאַר וואָס, פרעגן די חכמים, קומט אַרויס אַ ניי־געבוירן קינד פון דער מוטערס טראַכט מיט צונויפגעקוועטשטע הענטלעך ? און איין ענטפער איז, אַז זיי סימבאָליזירן אַ שטיק פאַרגאַנ־גענהייט פון זכרונות, זעונגען און בילדער, וואָס דאָס ניי־געבוירענע קינד ברענגט מיט זיך. עס קומט נישט, ווי אַן אָפּגעריסן בלאַט, נאָר מיט אַ געשיכטע פון אַ פאָלק, אין וועלכער ער דאַרף זיך לעגיטימירן.

מיר, פּוילישע יידן, טראָגן אין אונדזערע בלוטן זכרונות און בילדער פון אַזוי פיל ווערטפולע יידן מיט פאַרנעם און געפיל : יידן, מיט האַרץ און נשמה, מיט אַמביציעס פון ברענענדיקע פראַגן פון טאָג און קילערע פראַגן פון דער אייביקייט. ביים לייענען אַזעלכע ווערק ווי „פוילן" טראָגן מיר צו אונדזער בענקשאַפט, ליבשאַפט צו די נאָענטע און ווייטערע גע־שטאַלטן, ווי אַ צושטייער צום בוך...

*

הארט פאַרן טויט, האָט טרונק אַ זאָג געטאָן צו אַ פריינד: „כמעט קיינער פון מיין דור לעבט שוין נישט. איך האָב געזאָגט אין מיין לעבן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן און איך קען שוין גיין...".

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער אַ סך געשריבן, און געשאַפן ווערטפולע זאַכן, אָבער זיין געשיכטלעכער מאָנומענט איבערן פוילישן יידנטום — טורעמט איבער אַלע זיינע שאַפונגען.

אברהם רייזען דער עטיקער און בעל־רחמים

אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט איז דערשינען אַן אויפזאַמלונג פון אברהם רייזענס לידער און פּאָעמעס אין איין באַנד („די לידער"). אַ זעכציק יאָר פון זיין שאַפן (1891—1951) איז איינגעזאַמלט אין דאָזיקן באַנד, וואָס נעמט אַרום אַ צאָל פון 700 לידער און פּאָעמעס. ווען מיר וועלן צו זיי מוסיף זיין די פילצאָליקע דערציילונגען און סקיצן, וואָס ער האָט פאַר־עפנטלעכט אין לויף פון דער צייט — האָבן מיר פאַר זיך אַ גאָר רייכע שעפערישקייט פון אַ יידישן דיכטער פון פּרץ־דור, איינער פון די ראשונים נאָך אונדזערע קלאַסיקער, וואָס האָט באַגלייט אונדזער ליטעראַטור דורך אַ שפע פון יאָרן, מיט איינפלוסן אויף זיינע נאָכגייער, אַפילו ווען זיי זענען שפּעטער געשטיגן אויף אַ סך אַ העכערן שטאַפּל, ווי זייער לערער און מדריך.

אברהם רייזען האָט נישט געהאַט קיין גרויס מזל אין אונדזער ליטע־ראַטור־קריטיק. מען האָט אים פאַרגעוואָרפן פּלאַכקייט און צו פיל רעאַ־ליסטישקייט, און ער האָט זיך מתנצל געווען, אַז זיינע דערציילונגען, הגם זיי קלינגען רעאַליסטיש, זענען זיי נישט נאָר ליריש, נאָר אויך סימבאָליש אין דער אַרויסדריקונג. וואָס שייך פּלאַכקייט, קען מען עס אָפטער געפינען אין די פאַרפלאָנטערטע זאַכן, און טיפקייט געפינען אין פשטות, ווי מיר זעען עס ביי שלום־עליכמען.

מען דאַרף צו רייזענס שאַפונגען צוגיין מיט דער מאָס פונעם ערשטן עטאַפּ אין דער יידישער דיכטונג און די ראָל, וואָס זי האָט דעמאָלט געשפּילט פאַרן יידישן פּאָלקסמענטש. רייזען איז צוגעגאַנגען צו אים ווי אַ טיפער עטיקער, טייל מאָל מיט אַ ווייכהאַרציקן הומאָר, אונטער וועלכן עס האָט זיך געעליכטיקט אַ גרויסער בעל־רחמים. זיין לייטמאָטיוו איז געווען צו זוכן מענטשלעכע ווערטן ביי די אַנאָנימע, שטילע מענטשן, דעם פשוטן דערהייבן צו אַלמענטשלעכקייט פון אומבאַקאַנטע העלדן. ער האָט די שטילע העלדישקייט פון נישט־העלדן אָוועקגעשטעלט ווי אַ פאָן אין זיין שאַפן. ער האָט זיי נישט אידעאַליזירט, געוויזן זיי אין אַ מין רעאַליסטי־

שער צניעות, תמימות און פשטות, באַהויכט מיט אַ לירישער צאַרטקייט און ווייכקייט.

עס איז בלתי ספק, אַז רייזען איז דער באַזינגער פון רחמנות און מיטלייד פאַר די שוואַכע, באַעוולטע אין לעבן. נישט באַהאַלטן און פאַר־דעקן זייער צער מיט ראָמאַנטישע שלייערן, נאָר ברענגען זיי טרייסט, שטאַרקן זייער גלויבן אין לעבן, אין מענטש — האָט ער געהאַלטן פאַר זיין מיסיע.

רייזען האָט געהאַט אַן אויג פאַר די קלענסטע, אומבאַוווסטזיניקע באַוועגונגען פון דער מענטשלעכער נשמה, אַן אויער אויפצוכאַפּן אירע דינסטע שטילקייטן. אָבער ועל כולם — אַ הייס האַרץ פאַר מענטשלעכער גוטסקייט. דערמאָנט זיך, ווי זרח (פון „אַמאַליקע מענטשן״) באַהאַלט אויס פון זיין פרוי דעם צער ביים פאַרלירן די לעצטע אָפּגעשפּאָרטע פאַר גראָשן ביי דער שריפה פון שטעטלדיקן גביר. ווי אַ בליץ־אָפּלייטער ציט ער אַריין אין זיך דעם טיפן ווייטיק, אָפּנאַרנדיק זיין פרוי, אַז ער האָט שוין לאַנג אָפּגענומען דאָס געלט „און ליגנדיק אין בעט איז זרח געווען צו־פרידן, וואָס די אַלטע ווייסט נישט, אַז דאָס געלט ליגט ביי גרונימען. זי וואָלט געהאַט שברת הלב״...

ער לאָזט דעם חלום פון זיינע שטילע מענטשן גיין אין זאַקן, און ווי נאָר מעגלעך, אָפּצולייגן דעם צוזאַמענשטויס צווישן חלום און וואָר, הגם נישט תמיד געלונגט עס. דאָס זעט איין ליזע („די ציגיינערין״), ווען זי מוז נאָכן באַל אויסטאָן דעם ציגיינער־קאָסטיום, זיך אויסניכטערן פון דער באַרוישונג אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט. אָבער שוין דער פּרווו פון די ליזעס אַרויסצורייסן זיך פון דעם גראָען אַרום, דער חלום פון אַנדערש זיין — דאָס אַליין רופט אַרויס אַ לירישן אויסגוס ביים דיכטער, וואָס האָט אין דעם קליינעם מענטש געזוכט אַ ניצוץ פון אינדיווידואַליטעט. אמת, ביי רייזענען איז דער אינדיווידואַליזם אויך אַ פאַרגעזעלשאַפטלעכטער, דער איינצלנער איז אויך נישט קיין אומאָפּהענגיקער מענטש פאַר זיך, נאָר איינער פון פאָלק. ער וויל אים אָבער ווייזן מיט אַן אייגן פּנים, מיט אַ שטריך, וואָס זאָל די ליזעס אויפהייטערן, אויפהייבן און באַפרייען פון פסיכישער דערדריקטקייט. בענקען נאָך עפּעס, אַפילו ווען עס לאָזט זיך נישט קלאָר נאָך באַצייכענען, איז שוין אַ פּאָזיטיווער שטריך. זוכט רייזען אַ דיכטערישן אויסדרוק פאַר די בענקענדיקע נשמה־קלאַנגען: „אינע־ווייניק, אין דער חורבה, איז פול מיט סודות, מיט טענער, מיט ניגונים;

דאָרט ווײַנט זיך שטיל, דאָרט בענקט די נשמה און וויל עפּעס, וואָס האָט נישט קיין נאָמען".

✶

פון זײַנע פריסטע קינדער־יאָרן אין דער ליטע, האָט רייזען זיך אָנגעטראָפן מיט מענטשלעכער רשעות, מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע עוולות, וואָס האָבן באַווירקט זײַן שאַפן:

> ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען מײַן קינד!
> דער וועג צו די פעלדער — דורך גוים און הינט.

קען ער זיך נישט קוויקן מיט די אויסערלעכע נאַטור־שיינקייטן און לאָזן די מענטשן פאַרגליווערט אין זייער טרויער און אומעט. ער קוקט אַרײַן אין זייערע שטיבער צו באַשטראַלן די אינערלעכע שיינקייטן פון די מיזערנע אָרעמע לעבנס. קען ער דען באַזינגען די שיינע נאַטור־לאַנדשאַפט, ווי אַ הינטערגרונט פאַר דעם טרויער פון דער אָרעמער כלה? פירט ער אונדז ביים האַנט אין די שטובן אַרײַן, אין קעניגרייך פון גרעסטן דלות, און ווײַזט אַ רייכע גאַלעריע פון זײַנע העלדן: בעל־מלאכות און קרעמער, אָרעמע ישיבה־בחורים און דינסטמיידלעך, מלמדים, מגידים — אַן עדה, וואָס זעט אויס אויבנאויפיק אַן איינהייטלעכע גראָע מאַסע, אָבער שאַרט נאָר אָוועק דעם אַש פון זייער וואָכעדיקייט, וועט איר דערזען לעבעדיקע קוילן, וואָס גליִען און פלאַמען צייטנווייז אויף אין יעדן איינעם פון דער מאַסע, אַנטפּלעקנדיק דערשטיקטע געפילן און טיף באַהאַלטענע באַגערן.

רייזענס מענטשן געהערן נישט צו אַ סאָציאַל־באַשטימטן שיכט, נאָר צו דער גאַנצער פאָלקס־עדה פון אַן איבערגאַנגס־תקופה. עס איז אויפן שוועל פון דער נייער צייט, פון דער פּאָליטישער, סאָציאַלער און קולטורעלער טראַנספאָרמאַציע אינעם יידישן לעבן. מען הערט שוין נייע לידער אין גאַס, און ביי די טויערן פון דער וועלט־געשיכטע קלאַפּן אַן נייע גאולה־אידעען. אָבער זיי זענען לעת עתה נאָר דער קנין פון אַ קליינעם טייל פון דער אויפגעוואַכטער פאָלקסמאַסע.

די משיחישע אידעען פון גאולה פאַר ייד־מענטש־וועלט ווערט אויך אַ גרונטמאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זוכט אַרויסצוהייבן די טיפערע מענטשלעכע ווערטן, פאַרבאָרגן אין יחיד, ווי אין נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. אָט די שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור גייען פּאַראַלעל מיט דעם פּראָצעס פון וואַקסנדיקן סאָציאַל־פּאָליטישן באַוווּסטזיין ביי דער מאַסע. די שעפער פון אונדזער ליטעראַטור העלפן מיט זייערע מיטלען צו וועקן גלויבן אין די אייגענע כוחות ביי די „היימישע מענטשן״.

דערציילט רייזען ערגעץ, אַז ער איז געווען אַן אָפטער אַרייַנגייער צו פּרצן און זיך געלאָזט פון אים באַאיינפלוסן, אָבער אין זיין שאַפן וועט איר אומזיסט זוכן אַ נאָכקלאַנג פון פּרצעס גרויסע געשטאַלטן. נישט די אינדיווידואַליסטישע פּערזענלעכקייט, נאָר דער געוויינלעכער, פּשוטער מענטש מיט זיין שטילן נשמה־צאַפּל האָט אים צוגעצויגן און זיך געטיילט מיט זיינע טרוימען און האָפענונגען, מיט זיין חברישקייט און פריינדשאַפט. האָט זיך רייזען געפילט אַ בן־בית אין דעם היימישן שטעטל מיט די „יידן פון אַ גאַנץ יאָר״, וועלכע ער האָט באַזונגען מיט זיין אייגענעם ניגון. ער האָט דורך דער פּריזמע פונעם גראָען מענטש געקוקט אויף דער וועלט און געגלויבט אין „כי טוב״ טראָץ אַלע רשעותן.

ער האָט געגלויבט אין מענטש, אָבער נישט אין די „קליינע מענ־טשעלעך, אָן ליבע, אָן גלויבן, אָן רחמנות״. אַ געבוירענער ליטוואַק, אַ קאָפּמענטש, האָט ער אין מענטשלעכן האַרץ געזוכט שיינקייט, דערהויבנ־קייט. מיט צער האָט ער געקוקט, ווי „ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ דור פון לוי־טער קעפּ... קליינע הערצעלעך, ווי אַרבעס, וואָס האָבן קיינעם נישט ליב געהאַט, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געגלויבט אין עפּעס, און נישט געוווּסט וואָס ס׳איז אַזוינס רחמנות... אַנשטאָט האַרץ איז ביי זיי געווען קאָפּ, לאָגיק, און אַזוי טראַכטנדיק לאָגיש, וואַרפן זיי אַרויס דעם אַלטן טאַטן אויף דער גאַס״... („דער קליינער מענטש מיטן גרויסן קאָפּ״).

✶

עס האָט וועגן רייזענען פאַרגליכן צו טשעכאָוון. אוודאי האָבן זיי אַ סך בשותפותדיקייט אין באַזינגען נישט דעם גרויסן העלד, נאָר דעם קליינעם מענטש, וועמענס לעבן עס גלאַנצט נישט אַרויס פון דעם אָרום. ביידע דיכטער האָבן אויסגעמיטן דעם זשאַנער פון גרויס־טעמאַטיק, און

ביידע האָט מען עס פאַרגעוואָרפן אין דער קריטיק. גיי איך נישט פאַר־גלייכןביידע טאַלאַנטן אין זייער גרויסקייט. טשעכאָוו איז טשעכאָוו און אברהם רייזען האָט געשאַפן לויט זיינע כוחות און מעגלעכקייטן. אָבער וואָס שייך די באַרירטע פראַגע פון גרויס־ און קליין־טעמאַטיק (דער בשותפותדיקער זשאַנער ביי ביידע), איז דאָ אויפן אָרט צו דערמאָנען טשעכאָווס ענטפער זיינע קריטיקערס וועגן לעבן און העלדישקייט ביי נישט־העלדן: „מענטשן פאָרן נישט צום נאָרדפּאָל אַראָפּצופאַלן פון אייז־בערג, האָט טשעכאָוו געטענהט. געוויינטלעך פאָרן מענטשן צו זייערע געשעפטן, זיי קריגן זיך מיט זייערע ווייבער און עסן קרויט". אויף דעם האָבן אים די קריטיקערס, מיט רעכט, געענטפערט, אַז ביורא־אַרבעט קען אויך זיין אַ גוטע טעמע פאַר אַ קינסטלעריש ווערק און די מענטשן מוזן נישט צוליב דראַמאַטישער שפּאַנונג דווקא קריכן אויף אייזבערג... זיי קענען עסן קרויט און זיך קריגן מיט זייערע ווייבער, אָבער אין דעם מוז אויך זיין באַדייטונג, עמאָציעס, און קרויט־עסן מיט עמאָציעס קען זיין פאַרבונדן מיט אַן אידיליש־צופרידן שטובלעבן, און פאַרקערט — אַ זיג־לאָז לעבן מיט אַ טראַגישן פינאַל. דעמאָלט קען קרויט־עסן זיין אַזוי דראַמאַטיש און קאַטאַסטראָפאַל, ווי דאָס אַראָפּפאַלן פון אַן אייזבאַרג...

איך האָב דאָ דערלויבט זיך אַ שטיקל דיגרעסיע מיט דעם אינטערע־סאַנטן וויכוח, אָבער כ'מוז זיך אומקערן צוריק צו אונדזער ליבן אברהם רייזען, וועלכער האָט, פונקט ווי טשעכאָוו, געוווסט, אַז יחידים מאַכן דורך אין זייער לעבן כלערליי סכנותדיקע דערפאַרונגען (אויף פאָרן צום נאָרדפּאָל) — ווי אַ דראַמאַטישער שטראָף פאַר אַ ליטעראַרישער טעמע. ער האָט אָבער געזוכט צווישן די בונטע פאַרבן נאָר די גראָע פאַרב, אָט די פון טאָג־טעגלעכן באַשרענקטקייט, אינעם לעבן פונעם קליינעם מענטש. טשעכאָוו האָט מיט זיין קינסטלערישן פענדזל דאָס גראָע און פשוטע אַזוי דורכגעלויכטן, אַז ס'האָט אָנגעהויבן שיינען און פינקלען. דאָס האָט אויך געפּרוווט טאָן רייזען מיט זיינע מיטלען און מעגלעכקייטן.

עס איז באַקאַנט דער זאָג, אַז דיכטונג קען נישט זיין אָן אַ ליגן. האָט עס ישראל שטערן אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן: אַ גרויסער און טיפער אמת מוז אַרויסגעבראַכט ווערן גיך. אויב מען זאָגט אים נישט אַרויס האַסטיק, מוז זיך אין אים אַריינכאַפּן אויסגעקליגלטקייט און צוגעטראַכט־קייט.

וואָס מען זאָל נישט פּאָרוואַרפן אברהם רייזענען, איינס מוז מען אָנער־קענען, אַז דאָס אויסגעקליגלטע איז אים ווילד־פרעמד געווען. זיין גאַנץ לעבן און שאַפן איז דורכגעגאַנגען מיט תמימות און פּשטות פון אַ קינד. מען דערציילט, אַז ווען ער האָט אַ מאָל באַזוכט אַ יידישע פאָלקסשול, האָט ער אַ פרעג געטאָן אַ מיידעלע: „ווו קומט אַהין דאָס קינד ווען עס ווערט גרויס״? האָט דאָס מיידעלע אים פּשוט געענטפערט: „דאָס קינד בלייבט אין דעם גרויסן״. דער ענטפער איז ווי צוגעשניטן פאַר רייזענס גאַנג אין דער ליטעראַטור. דער דערוואַקסענער רייזען האָט זיך קיין מאָל מיטן קינד נישט צעשיידט. דאָס לויטערע פון קינד האָט ער געטראָגן אין פאָלק, מיטן ליכטיקן שמייכל באַזונט דאָס פינצטערע פון זיינע העלדן. איר זעט עס בולט אין זיין ליד און דערציילונג. אגב, כאָטש דאָס ערשטע געהערט צו פּאָעזיע און דאָס צווייטע צו פּראָזע, איז ביי אים צווישן די ביידע נישט געווען קיין גרויסע מחיצה. ווי פלעגט ער אַליין זאָגן: „אַ ליד מוז זיין אַ ביסל אַ דערציילונג און אַ דערציילונג מוז זיין אַ ביסל אַ ליד״.

*

י. ל. פּרץ האָט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן צו פּרץ הירשביינען, אַז ביי אונדז גייט מען אין דער ליטעראַטור אַרום מיט געשמידטע שטיוול און מיט פּאַד־קאָוועס. זיכער האָט ער נישט געמיינט רייזענען, וואָס איז געגאַנגען ביי אונדז מיט די שטילסטע טריט. זיינע שטילע לירישע קלאַנגען זענען אָפט באַגלייט געווען מיט דעם נאַגנדיקן אומעט פון אַ שבת־פאַרנאַכט אין שטעטל, ווען די מאַמעס קוקן שוין אויס צו קענען זאָגן „גאָט פון אברהם״.

אין אָט דער שטימונג זינגט רייזען אויס דעם אומעטיקן ניגון פון די געקריוודעטע, וועלכע דער גורל האָט נישט געגעבן די מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייער פערזענלעכקייט. דאָס איז דער ניגון, וואָס ער האָט אַריינגעזונגען אין דעם אָרקעסטער פון אונדזער ליטעראַטור. עס האָט זיך צונויפגעגאָסן מי טדי אַנדערע מעלאָדיעס: מיט פּרעצעס ניגון פון „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן״, מיט אַשס ראָמאַנטיק פון שטעטל, פון די ר׳ שלמה נגידס, און מיט נאָמבערגס פליגלמאַן — צו דערמאָנען נאָר אַ פּאָר פון אונדזערע ראשונים־קינסטלערס אין יידישן פאָלקס־לשון, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם ניגון פון דער יחידישער, ווי פון דער פאָלקס־נשמה. צו די ראשונים געהערט אויך אברהם רייזען. ער איז מיטגעגאַנגען און באַ־

גלייט אונדזער ליטעראַטור ווי אַ גאַלאַנטער ריטער, געהאַט אַריכת ימים ושנים און זוכה געווען צו זען איר גייסטיקן אויפבלי צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

ער האָט גוט געקענט זיינע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן מיטצומאַכן דעם גרויסן קפיצת הדרך פון דער יידישער דיכטונג. עס איז פאַלג מיך אַ גאַנג פון רייזענס ביז סוצקעווערס ליד! רייזען אַליין האָט מיט אַ פילאָזאָפישער גאַלאַנטקייט אָקצעפּטירט זיין פּאַטעטישן גורל, שפּירנדיק, ווי די צייט יאָגט אים איבער.

אײן פויגל הייבט אָן, אַ צווייטער לאָזט אויס;
נו, שטילער, מיין פריינד — דיין לידל איז אויס.

ער האָט זיך נישט איבערגענומען, וואָס ער קען נישט מיטשווימען מיט די גרויסע שיפן:

ווי זיי יאָגן, ווי זיי טרייבן,
נאָר ביים זאַמדיקן וועג דעם שטילן,
מוז איך מיט מיין שיפל בלייבן.

★

וועגן רייזענס גוטסקייט דערציילט מען זיך אָן אַ שיעור. מיט וויפל האַרץ ער פלעגט מקרב זיין אַ ייִנגערן קאָלעגע, אויסשטרעקן אים אַ ברודערלעכע האַנט! איך האָב אַ מאָל געהערט, ווי ישראל שטערן האָט דערציילט אָן אויסטערלישע געשיכטע וועגן רייזענס מתן־בסתרדיקע הילף פאַר אַ נויטבאַדערפטיקן חבר. די מעשה שהיה כך היה: רייזען האָט אַ מאָל באַקומען פון אַ פאַרלעגער מזומן עטלעכע טויזנט דאָלאַר מיט אַזאַ וואָרענונג: — הער נאָר, ברודער, האָסט דאָך אַ טבע צו פּטרן, אויף דיין שטייגער, געלט אויף אַרויסצוגעבן ליטעראַרישע זשורנאַלן און הלוואהלעך פאַר נויטבאַדערפטיקע שרייבערס. ווער איצט אַ מענטש! נעם דאָס געלט, לייג עס אַריין אין באַנק, וועסטו זיין „אָלרייט".

האָט רייזען אַזוי געטאָן, געווען „סטאַטעטשנע", דאָס געלט נישט פאַרנוצט אויף קיינע זשורנאַלן, נאָר בלויז אויף הלוואות פאַר שרייבערס־

קאַלעגן. האָט דאָס אַזוי לאַנג געדויערט, ביז אַ יונגן דיכטער מיט אַ טשעק האָט מען נישט אויסגעצאָלט, באַשר רייזענס קאָנטע האָט שוין לאַנג נישט קיין דעקונג.

ווען רייזען האָט זיך פון דעם דערוווּסט, האָט ער זיך שטאַרק צעחידושט:

— סטייטש, שוין נישטאָ קיין סענט? איך האָב דאָך נאָך אַ האַלבן טשעקביכל מיט ליידיקע בלעטלעך!

איך האָב געהערט דערציילן, ווי ער פלעגט אויף דער עלטער, אין אַ שלאַקס רעגן, איילן זיך צו זיין אויף אַן אָוונט פון אַ יונגן קאָלעגע. ווען מען האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער טאָר נישט גיין אין אַזאַ וועטער, פלעגט ער תמימותדיק ענטפערן:

— איך מוז דאָך זיין דאָרטן. אַז מיר וועלן זיי דאָך דעם יונגן פּאָעט צעררייסן אויף שטיקער.

גוטסקייט, באַגלייט מיט אַזאַ טיפער מענטשלעכקייט און מיט דער תמימות פון אַ קינד — איז געווען דער קענצייכן פון זיין כאַראַקטער. אויך אין זיין שאַפן האָבן געווירקט אָט די עלעמענטן.

חיים גראַדעס „צמח אַטלאַס"

גוטע קינסטלערישע פּראָזע און פּאָעזיע גיבן זיך אָפּט מאָל אַ ברייטן שלום־עליכם בעת זייערע באַגעגענישן. איך האָב דעם איינדרוק געהאַט ביים לייענען „צמח אַטלאַס" און געזען ווי גראַדע, דער פּאָעט בחסד עליון, האָט זיך דורך דעם גרויסן ווערק אַרויסגערוקט אויף דער סאַמע מזרח־וואַנט פון אונדזער קינסטלערישער פּראָזע.

אייגנטלעך האָט שוין חיים גראַדע מיט זיינע ערשטע דערציילונגען („דער שולהויף" און „דער מאַמעס שבתים") אָנגעזאָגט צו מאַכן פּלאַץ אין אונדזער פּראָזע־באַלעבאַטישקייט פאַר אַ נייעם פּראָזאַיקער, אַ קערנ־דיקן דערציילער מיט אַן אייגענעם ריטעם און שאַרף אויג פאַר אָב־סערוואַציע.

די קורצע דערציילונג האָט אָבער גראַדען נישט געגעבן די מעג־לעכקייט פאַנאַנדערצוגעמען די הענט. זיין קינסטלערישער פּראָזע־אָטעם האָט זיך געבויטיקט אין אַ גרויסן לייוונט צו געשטאַלטיקן און פאַנאַנדער־וויגן אַ שטיק יידיש לעבן פון אונדזער אַלטער היים, צייכענען אַ גאַלעריע געשטאַלטן — מיט הויפּטהעלדן און פּראָפיל־פיגורן — יידן מיט גרויסע מעשים און מחשבות, שטורמישע לעבנס, און שטילע, מיט זייערע אינדי־ווידועלע פּנימער, גערעַנגלען און גורלות.

אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן האָט גראַדע דאָס אַלץ דערגרייכט אין זיין גרויסן ראָמאַן „צמח אַטלאַס". עס איז ווירקלעך אַ טיף יידיש ווערק מיט אַזאַ ספּעציפישן יידיש־גייסטיקן קלימאַט (פון אונדזערע ליטווישע ישיבות און מוסר־שיטה) און איינציייטיק אַזוי אַלמענטשלעך אין דער אַפּשפּיגלונג פון אייביקע פּראָבלעמען, גורל־קאָנפליקטן און דראַמאַטישע עקספּלאָזיעס, אַ קאָמפּלעקס פון פּראָבלעמען און סיטואַציעס, אַנטוויקלונגען, ענדערונגען אין דעם איבערציייטלעכן גאַנג פון מענטשלעכע גורלות.

פון קדמונים אַן האָבן גרויסע קינסטלערישע ווערק געשאַפן גרויסע דראַמאַטישע געשטאַלטן, וועמענס אינדיווידועלע גורל־דראַמע שניידט זיך טיף אַריין אין די לעבנס פון אַנדערע מענטשן, אין די מעשים און מחשבות, ווי אין דעם דראַמאַטישן פּלאַנטער און ניסיונות, וואָס האָט באַווירקט זייער לעבן.

צמח אַטלאַס געהערט צו אָט די גרויסע געשטאַלטן. זיין דינאַמישער כאַראַקטער און באַצווינגערישער כוח, איז גורם אַדער באַגלייט דעם לעבנס־גורל פון די אַלע, וועלכע ער טרעפט אָן אויף זיין וועג. ווייל ער איז אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט — אינערלעכע גאַנצקייט און שלווה איז אים נישט געשאָנקען געוואָרן — צעפייניקט און צעוווּנדיקט פון זיינע אינער־לעכע און אויסערלעכע געראַנגלען — פאַרניכטעט ער זיין אייגן לעבן און ברענגט חורבן צו אַנדערע.

זיין הייסבלוטיקער טעמפּעראַמענט ווערט ביי אים אינסטרומענטאַל צו דערשטיקן אין זיך די אינסטינקטן, ערדישקייט און לעבן, אַלץ כדי צו ווערן דער אדם השלם. ער גייט קעגן די געזעצן פון דער נאַטור פאַרלאָזנ־דיק זיך אין גאַנצן אויף דעם כוח פון מענטשלעכן רצון, אַז נאָר ער קען ענדערן דעם מענטשן, אָוועקפירן אים פון תאווה צו עטיק און גייסט. דער רעזולטאַט פון דעם איז — זיין געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט.

איך האָב ביים לייענען, אין רעיון, געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן צמח אַטלאַס און העמינגוועיס אַ העלד, ביי וועמען עס איז נישטאָ קיין צע־שפּאָלטנקייט צווישן קאָפּ, האַרץ און קערפּער. ער זוכט נישט קיין תיקון המידות, איז ערדיש, תאווהדיק אין זיינע האַנדלונגען, קאָמפּלעקסן, עמאָ־ציעס און רייד. זיין גאַנץ לעבן איז דורכגעפלאָכטן מיט סעקס, מיט דעם פייער פון בלוט, פון ליידנשאַפט און אינסטינקט, וואָס ר׳ צמח באַצייכנט מיט איין וואָרט: זינדיקייט!

ווייס איך גאַנץ גוט, אַז העמינגוועיס העלדן זענען נישט קיין אָנהענ־גער פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס מוסר־פילאָזאָפיע... אָפּזונדערן זיך פון דער וועלט, ברעכן די אינסטינקטן צו דערגרייכן שלימות האדם, איז פּראַקטיצירט געוואָרן דורך די מוסרניקעס ווי אַ יידישקייט־שיטה מיט אַלע אירע באַגלייט־דערשיינונגען (דער אַסקעטיזם ביי נישט־יידן אין זיינע קריסטלעכע פאָרמען איז אַ באַזונדער קאַפּיטל).

ר׳ צמחס דרך איז אָבער דער סאַמע עקסטרעמסטער פון דער מוסר־פילאָזאָפיע, מיט אירע מחשבות און מעשים. זיין פּערזענלעכקייט, וואָס איז

מיט אַזאַ בריהשקייט אויסגעשניצט געוואָרן דורכן מחבר, טראָגט דעם קינסטלערישן חותם פון אויטענטישקייט. ווייל ר׳ צמח און די אַלע איבע־ריקע געשטאַלטן, וועלכע גראָדע האָט באַפּעלקערט אין זיין ווערק, זענען דאָך גענומען פון אַ וועלט, וועלכע ער אַליין האָט אַריינגענומען אין זיך (בעת זיין יוגנטלעכן לעבנס־גאַנג). די הויפּטהעלדן און די נעבן־פיגורן זענען אַ פּראָדוקט פון דער ישיבה־מיליע און מוסר־סביבה, פון וועלכער גראָדע האָט געשעפּט זיין רוישטאָף.

לאָמיר אויף דעם אָרט, אפשר אָן איבעריק מאָל, באַמערקן, אַז ס׳איז פון גאַנץ קליינער באַדייטונג דער פאַרנעם און אופן פון בעלעטריסטישער שייכות מיט דער רעאַלערווירקלעכקייט. וויכטיק איז די בייע עקזיסטענץ, וואָס דער קינסטלער שאַפט פון דעם רוי־מאַטעריאַל, דעם קינסטלערישן חיות, וואָס ער גיט אַריין אין איר בעת מיר ווערן באַוועלטיקט פון דעם פּסיכישן קלימאַט און פון דער לעבעדיקער אַטמאָספער, זענענדיק ווי פון ווערטער וואַקסן אַרויס מענער, פרויען, וואָס לעבן אַרום אונדז. און לאָמיר צו דעם נאָך מוסיף זיין:

אויב עס איז ריכטיק אַזאַ אַקסיאָמע, אַז קיין ווערק נעמט נישט אָן דעם פולסטן זין, אויב דער לייענער איז נישט באַקאַנט, כאָטש אין אַ גע־וויסער מאָס, מיט דעם הינטערגרונט פון זיין מחברס פּערזענלעכקייט — איז עס נאָך מער ריכטיק לגבי אַזאַ בוך ווי „צמח אַטלאַס״. די אַלע טיפּן און געשטאַלטן מיט זייער נגלה און נסתרים, מיט זייערע באַזונדערע סתירותדיקע אמתן, זענען דאָך אַ פּראָדוקט פון אַ וועלט, וועלכע גראָדע טראָגט אין זיך עד היום! איז דאָך משה חיים גערעכט, ווען ער זאָגט אים (אין בוך — צו חייקעלען): „מיר וועלן פון ישיבה שוין קיין מאָל זיך נישט קענען אָפּרייסן״.

אָט די ישיבה־ און בית־מדרש־וועלט מיט אַלע אירע פּערסאָנאַזשן, וויל־לערנערס, רבנים און יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וועלכע גראָדע האָט מיט אַזאַ קראַפט געפורעמט, זענען אַרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פון יענער פאַר־שוונדענער און פאַרשניטענער יידישער וועלט, פאַרפיקסירט אין זיין פּערזענלעכן זכרון און געמיט. און עס איז אַזוי פאַרשטענדלעך, וואָס ער איז געוועזן דער באַרופנסטער אויפצושטעלן דעם קינסטלערישן מאָנומענט פאַר דער אייגנאַרטיקער ישיבה און מוסר־וועלט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי אינערלעך געראַנגלט, זינט ער איז אָוועק פון איר צו דער וועלט־לעכער ליטעראַטור.

„אין „צמח אַטלאַס" איז פּאַרפּיקסירט נישט נאָר דאָס רוחניותדיקע לעבן פון דער ישיבה־ און מוסר־סביבה, נאָר אויך דאָס גשמיותדיקע לעבן פון דער קרעמערישער סביבה (די סטופּעלס אין לאָמזשע), וועלכע דער מחבר האָט געמאָלן אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן. אָבער די גרויסקייט פונעם ווערק און זיין וויכטיקסטע דערגרייכונג איז דאָס ישיבה־געמעל, מיט איר דראַמאַטיזם, וואָס איז נישט נאָר אַ הינטערגרונט פאַר די אינדי־ווידועל־אויסגעפורעמטע טיפּן אַרום די שטענדערס, נאָר אויך אַ הויפּט־העלד גופא. אין לויף פון סוזשעט וואַקסט זי אויס פיל מער ווי אַ קאַנווע פאַר צמח אַטלאַס דעם מנהל און פאַר די פאַרשידנאַרטיקע מוסרניקעס. זי איז אַ דראַמאַטישער העלד לעצמה, דער צענטראַלער ברענפּונקט, אין וועלכן עס ווערט איינגעשלאָסן דער צונויפגעוועבטער מענטשן־קרייז און זייערע גורלות.

דער לייענער שפּירט און זעט, ווי גראַדע אַנטפּלעקט פאַר אים אַזאַ פאַרבנרייכע, גייסטיקע וועלט מיט צאַפּלדיקע לעבעדיקע מענטשן, נישט קיין כלל־געשטאַלטן, נאָר יחידישע, מיט זייערע נאַטור־קאָנטראַסטן, מיט קעגנזעצלעכע מאָטיוון פון זייערע פאַרהוילנסטע נשמה־קעמערלעך, און די מאָטיוון זענען צווישן זיך אַזוי צונויפגעפלאָכטן, אַז זיי קענען נישט סעפּאַרירט ווערן אין באַזונדערע אָפּטיילונגען, נאָר געזען ווערן איינס דורכן צווייטן. און איבער דער רייכער גאַלעריע לויכט די שרייבערישע פערזענלעכקייט פונעם מחבר, וואָס איבערצייגט אונדז אין דער נישט אויפגעצוווּנגענקייט פון די דראַמאַטישע קאָנפליקטן און האַנדלונגען. דער צונויפפלעכט פון די כאַראַקטערן און פּאַסירונגען זעט אויס אָרגאַניש, איבערצייגנדיק אין די כלערליי נשמה־צושטאַנדן, ווי אַנדערש עס וואָלט גאָר נישט געקענט געשען; אַז דער קינסטלער האָט נישט געהאַט קיין ברירה, נאָר אַזוי געמוזט געשטאַלטיקן, סינטעזירן און מאָטיווירן די האַנדלונגען און קאָנפליקטן פון דעם פּילפאַרביקן שלל געשטאַלטן און באַזונדערס פונעם הויפּטהעלד, ר׳ צמח.

אין אים האָט גראַדע געשאַפן אַן אומפאַרגעסלעכע גרויסע געשטאַלט, און בלתי ספק איינע פון די קאָמפּליצירטסטע און דינאַמישסטע אין אונדזער ליטעראַטור. זיין פּערמאַנענטער קריג מיט דער וועלט און מיט זיך אַליין אויסצוואָרצלען דאָס איינגעבוירענע שלעכטס, זיין ווולקאַ־נישע נאַטור, און די זודיקע לאַווע, וואָס ער שפּייט אַרויס פון זיך בעת אירע עקספּלאָזיעס, ברענגט אים און אַנדערע פאַטאַלע רעזולטאַטן; זיין

פייניקן זיך מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס יסורים, מיט וועלכע ער וויל זיך גאָר נישט צעשיידן, פאַרוואַנדלט אים אין איינעם פון די אויסגעפּורעמסטע קאָמפּלעקס־פיגורן אין אונדזער פּראָזע.

גראַדע האָט צמחס הייבן זיך און פאַלן אַרויסגעבראַכט אין שטאַרקע דראַמאַטישע סצענעס. זיינע עליות און ירידות זענען ווי שטורמישע ים־כוואַליעס. אין געוויסע מאָמענטן איז זיין נאַטור, ווי אַן אומגעצוימטע סטיכיע, וואָס פאַרניכטעט אויף איר וועג אַלע דאַמבעס. ער איז אין זיינע רייד און מעשים טיראַן און קרבן פון אַ שטורמישער דראַמע.

דער מחבר וועבט זיך אַליין אַריין אין איר ביים אַרויסברענגען און צונויפקייטלען די ישיבה־ און בית־מדרש־טיפן אין דעם גרויסן לייוונט. מיר פילן דעם פּולס פון מחברס האַרצקלאַפּ ביים מאָלן דעם גייסטיקן פּנים פון אַ וועלט, אין וועלכער ער האָט דורכגעלעבט די ערדישקייט און רוחניותדיקייט פון אירע מענטשן מיט זייער פולן יחידישן לעבן.

חיים גראַדע האָט ביים פאַרטראַכטן דעם גרויסן ראָמאַן זיך גע־שטעלט אַ שווערע שרייבערישע אויפגאַבע, ביי וועלכער עס האָבן זיך אויסגעגליטשט גוטע שרייבער: דער שווערער פּראָבלעם איז געווען אַרויס־צוברענגען נישט סתם שטיקער מוסר־תורה, נאָר צונויפגיסן די מוסר־געדאַנקען מיט זייערע פּערסאָנאַזשן, בעלעטריסטיש זיי באַהעפטן, שאַפן אַ קינסטלערישע שלמות צווישן די בעלי־מוסר און זייער שיטה. דאָס האָט געפאָדערט צו דראַמאַטיזירן לומדות און אַקטיוויזירן די מוסר־לערע אין אַלע אירע דימענסיעס. פּשטלעך און פּסוקים באַגלייט מיט בקיאות, האָבן געדאַרפט צונויפוואַקסן מיט די געשעענישן און העלדן, מיט זייער לעבנס־גאַנג צו שלמות האדם.

דער מחבר האָט דאָס מיט קינסטלערישער הצלחה דורכגעפירט ביים געשטאַלטיקן און דורכלויכטן פון אינעווייניק די מוסר־פילאָזאָפיע און זי באַהעפטן מיט די איבערלעבונגען און ראַנגלענישן פון ר׳ צמחן און פון אַנדערע פּערסאָנאַזשן פון דער ישיבה־דראַמע. דער אופן, ווי אַזוי גראַדע באַוועגט דעם גאַנג פון די געשעענישן און די נשמה־צושטאַנדן פון די בעלי־מוסר מיט צמחן בראש, זאָגט עדות וועגן דער אַרכיטעקטור אין דער קאָנסטרוקציע פונעם ווערק און פון חיים גראַדעס קינסטלערישן כוח אַריינצונעמען אין אַ גאַנצקייט טיף־יידישע און הויך־מענטשלעכע פּראָ־בלעמען און געשטאַלטן און זיי אויסשפּילן מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג.

די אַקציע פליסט פריי פאַרויס מיט נאַטירלעכקייט און עכטקייט אין די פאַרשידנסטע סיטואַציעס, וואָס זענען אויס צו זיין רעאַלע, ווי אַן אמתע טראַנספּאָזיציע פון דער וואָר, און האָבן דאָך אין זיך אַ סימבאָלישע אויפ־לייזונג. די צוגעקליבענע ווערטער אַנטפּלעקן דעם פּסיכישן צושטאַנד פון די שמועסער, אי די שטילע יסורים פון אינטימע איבערלעבונגען, אי צמחס אויסבושעוועון זיך אין זיינע יסורים און פּסיכישע קורצשלוסן.

דער דיאַלאָג צווישן צמחן און זיינע בעלי־פּלוגתאס איבער די פאַר־שידענע פלאַכן פון סוזשעט קלינגט עכט, אין מאָמענטן פון שטורעם און שטילקייט, אין האַסטיקייט און געלאַסנקייט, ווי אין שפּאָרזאַמקייט און וואָרט־ברייטקייט. און נישט נאָר וואָס מיר הערן, נאָר מיר זעען אויך די געענדערטע עקספּרעסיע אויף די פּנימער פון די שמועסער און די צעטומלט־קייט און פאַרלוירנקייט פונעם הויפּטהעלד, ווען ער, „ר׳ צמח שטייט אין מיטן בית־מדרש מיטן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס געפינט זיך אין אַ ווים־טעניש און ווייסט נישט ווו צו גיין ווייטער״.

גראַדע האָט געגעבן אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון זיין העלדס נשמה־צושטאַנדן און די טרייבקראַפט פון זיין דינאַמישער נאַטור. ער ווייזט אונדז זיין מלחמה מיטן יצר־הרע, די ספקות און ווידערשפּעניקע מחשבות, וואָס האָבן אים נישט געגעבן קיין מנוחה. נאָך „בחורוויז האָבן באָרד און פאות פאַרוואַקסן זיינע ספקות; איצט זענען די קשיות געוואַקסן אין איינעם מיט זיין באָרד און פאות, ווי די כפירה וואָלט פאַרקראָכן אונטער די וואָרצלען פון זיינע האָר״.

צמחן האָט געפעלט אַן עיקר — אמונה אין אַ בורא־עולם! זיין גראַד־ליניקער צוגאַנג צום לעבן האָט געפאָדערט: אַלץ אָדער גאָרנישט! זיין הימל — אַ ליידיקער, זיין מידת־הדין האָט אויסגעליידיקט פון זיין האַרצן יעדן שפּור פון וואָרעמקייט, פון רחמים פאַר מענטשן און אָנגעפילט עס מיט אַ ברענענדיקן חשד קעגן די, וואָס זענען אים נישט נאָכגעגאַנגען.

שטייענדיק אַן איינזאַמער פּנים אל פּנים מיט דער וועלט און אירע נסיונות — עטישע, עראָטישע, גייסטיקע — האָט ער געזוכט אַן אָנטרינונג אין זיין שטאַרקן ווילן, ווי אַ כל יכול. פאַרלירנדיק דעם באָדן אונטער די פיס, גייט ער אַרום אין לעבן אַ צעטומלטער און צעמישטער מיט אַ פינצטער האַרץ, אַפילו זיינע שוואַרצע אויגן זעען אויס „ווי צוויי אָפענע פינצטערע קעלערן״ און זיין לעבנס־גאַנג איז „אַן אָפּגרונט נישט צו פאַרשיטן״. אין זיינע גרויסע מלחמות, וואָס ער האָט געפירט פאַרן

קליינעם אמת, האָט ער פאַרנייגט דעם גרויסן אמת — דעם לעבעדיקן, צאַפּלדיקן מענטש, וואָס דאַרף אַ פונק פון רחמים.

✶

פונקט ווי מיר זענען אַפּהענגיק אין לעבן פון פיזישן ליכט, וועמעס קוואַל עס איז די זון, אַזוי זענען מיר אַפּהענגיק פון גייסטיקן ליכט, ווי אַ לעבנס־קוואַל. אין „צמח אַטלאַס" ברענגט אָט די ליכט אַריין די צווייטע גרויסע געשטאַלט, וועלכע גראַדע רופט אָן — מחזה אברהם. ער איז דער אַנטיפּאָד פון צמח אַטלאַס מיט זיין ליכטיקייט און וואַרעמען שמייכל, מיט זיין שלווהדיקן געמיט און מידת הרחמים צום מענטש, איז ער דער שאַרפסטער קאָנטראַסט פון צמחן. זיין גרויסקייט וואַקסט אַרויס פאַר אונדזערע אויגן נישט דורך הויכע רייד, נאָר גראַד דורך זיין תמימות און הייליקער פשטות, וואָס דערהויבט זיך צו אַ סימבאָל פון תפארת — פון אַ נשמה־שיינקייט, וואָס מאַכט ליכטיק דעם אַרום.

גראַדע האָט פון זיין פאַרביקן מענטשן־געוועב אַרויסגעהויבן אָט די גרויסע געשטאַלט, וואָס „פלעגט פאַרכישופן מיט זיינע פּראָסטע רייד, מיט זיין וואַרעמען שמייכל".

דער מחזה אברהם איז אָבער מער צוהערער ווי רעדער. ער שוויגט אויס זיינע רייד און אין עצבות און אין פרייד. ער לעבט ווייט פון טומל, וווינט אָפּ אַ גאַנצן זומער אין אַ וואַלד לעבן שטאָט, לערנט אין דער חברותא פון די וואַלד־ביימער, ווייל זיי זענען טאַקע צייטנווייז אַ בעסערע קאָמפּאַניע, ווי די טומלדיקע מענטשן מיט זייער לשון־הרע (און פון בעלי־מוסר ווי צמח, וואָס זוכן נאָר חסרונות און אַ פגיה ביי מענטשן), ביימער זענען ווייט פון רכילות און זיי לערנען דעם מענטש דעם ווערט פון שווייגן.

לייכט אַראָפּ פון מחזהס פּנים די רו פון וואַלד און באַגינען, בעת „אין שטיבל האָט זיך געוועבט שווייגעניש". ער איז קעגן דער שיטה פון די מוסרניקעס, קעגן זייער דרך צו דערגרייכן תיקון־המידות דורך אַרויס־רייסן די אינסטינקטן פון זיך, אַנשטאָט צו פאַרשענערן זיי און פאַר־אידעלערן. ער האַלט פאַר שעדלעך די נאַוואַרעדאָקער שיטה פון נישט טרויען, פון זוכן אין אַלץ און אומעטום דעם חטא פון אַ פגיה און אייגנ־נוץ. זיין גרויסע לעבנס־דערפאַרונג און לעבנס־חכמה האָט אים געלערנט,

אַז „דער יצר־הרע איז נאָך אויך נישט געקוילעט ביי די בעלי־מוסר אין נאַוואַרעדאָק". זייער אומצוטרוי צום מענטש, זייער אָפּזונדערן זיך פון דער וועלט איז אַ קרומער וועג און קעגן דעם דרך התורה. „שווין דאָס ראַנגלען זיך מיט גרויסע תאוות גיבן דעם מענטשן אַ געפיל פון גרויס־קייט און יום־טובדיקייט, אַפילו ווען ער ווערט געשטרויכלט און פאַלט".

חיים גראַדע האָט דעם מחזה אברהם באַזונגען און דורכגעלויכטן פון אינעווייניק מיט אַ סך וואַרעמקייט און ליבשאַפט. ער האָט אים געשטאַלטיקט און געצייכנט מיט דערקענטעניש און יראת הכבוד, נישט איבער־געלאָדן מיט קליינע פּסיכאָלאָגישע דעטאַלן און ווערטער. אין דעם גע־צייכנטן בילד איז פאַראַן אַ רייכע גאַמע פאַרבן און קלאַנגען, וואָס שאַפן דעם קשר צווישן פּאָעט און פּראָזאַיקער. און נישט נאָר ביים מחזה אברהם, נאָר אויך אין פיל אַנדערע ערטער גיבן זיי זיך די הענט.

ווי מיט די צענטראַלע געשטאַלטן אין זייערע עקסטרעמע קאָנטראַסטן, אויסגעשניצט און געקיזלט יעדן מיט זיין לשון און תנועות, שטריכן און נוסח, זענען אויך די פילצאָליקע פולע און פּראָפילע אַנדערע געשטאַלטן אין „צמח אַטלאַס" געפורעמט אינדיווידועל מיט זייער ערדישקייט און גייסטיקייט: למדנים, בעלי־מלאכות, קרעמער און מוסרניקעס, ווילנער פון די ישיבות און קלויזן און פּראָסטע מענטשן פון די גאַסן און געסלעך, — אָט דעם פאַרביקן שלל טיפּן, האָט גראַדע געמאָלן מיט זיין רייכער פּראָזע און מיט לירישע באַגלייט־טענער. די לעבעדיקע כאַראַקטעריזאַציע פון יעדן געשטאַלט, די איבערראַשנדיקע פאַרגלייכונגען, וואָס שפּרינגען אַרויס אַזוי אומגעריכט, גיבן אַ לעבעדיקן אימאַזש פון דעם געצייכנטן טיפּ. לדוגמא, ביי דעם מוסרניק און גרויסן עקשן, דובער ליפשיץ, „ביי וועמען דאָס בלאָנדע בערדל האָט ווי מורא געהאַט צו וואַקסן אָן זיין הסכמה, און ער האָט זיין הסכמה נישט געגעבן אויף קיין שום גשמיות".

גיט זיך גראַדע אַ זאָג וועגן ר' סענדער שישלעוויצער: „אַז ער האָט אַ בחור אָנגעקוקט, האָט יענער דערפילט, ווי מען וואָלט מיט אַ פּראָפּנ־ציִער פון אים אַרויסגעצויגן אַליין, וואָס ער וויל באַהאַלטן".

אין די שילדערונגען פון די פרויען־טיפּן איז באַזונדערס קענטיק דעם מחברס צאַרטע באַציִונג און איידעלער פּאָעטישער געפיל. אַזאַ געפילפולע פאַרשטענדעניש פאַר דער פרוי, צי דאָס איז די סאָפיסטיצירטע סלאָווע מיט איר ראַפינירטער אויפפירונג און לשון, צי עס איז יודעס מיט איר מענה־לשון און הויך מאַנסבילש קול. גראַדעס אויער פאַר לשון שפּיגלט

זיך אָפּ אין פאַרשידענע ווערק זיינע, אָבער אין „צמח אַטלאַס״ — אַמשטאַרקסטן. פון די פרויען־געשטאַלטן אין דעם בוך דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן ווערלע, וועלכע איז געצייכנט מיט ליריזם און פּיעטעט אין איר וואָכעדיקער הייליקייט און הייליקער וואָכעדיקייט. אין דער גע־שטאַלט פון חייקלס מאַמע וועלן נישט ווייניק לייענער זען זייער אייגענע מאַמע.

איך האָב נישט קיין מעגלעכקייט אויף דעם פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן וועגן אַ ריי טיפּן, מענער, פרויען, בפרט אויף דער שטאַרקער דראַמע און כאַראַקטעריזאַציע פון אַ וואָווע באַרביטאַלער, וואָס פאַרמאָגט עלעמענטן פון אַ שעקספּירישן טיפּ. ווי גייסטיק ווייט אַזאַ וואָווע באַרביטאַלער זאָל נישט זיין פון צמח אַטלאַס, האָבן זיי דאָך געמיינזאַמע פּסיכישע שטריכן, פּונקט ווי עס איז פאַראַן אַ ניצוץ פון כאַראַקטער־קרובהשאַפט צווישן צמחן און סלאַווען.

גראַדע פאַרענדיקט זיין ווערק מיטן מחזה אברהם, וועמענס שיין עס איז געפאַלן אויף צמח אַטלאַס און חייקל ווילנער בעת זייערע נסיונות אין לעבן. עס איז אין די לעצטע שורות פאַרקערפּערט מער ווי ליריזם צו דער דערהויבענער ליכטיקער געשטאַלט, וועמענס הומאַנישער אָפּשיין האָט באַגלייט גראַדעס לעבן און שאַפן. איך זע אין דעם לירישן סיום־הספר אַ טייל פון בוך, וואָס דער לייענער דאַרף זיך אַליין צוגעבן. אין יעדן גרויסן ווערק איז דאָ אַזאַ טייל...

ווי באַוווּסט איז גראַדע (חייקל ווילנער) איבער זיבן יאָר געווען אַ תלמיד פון דעם „חזון איש״. די השפעה האָט געלאָזן טיפע וואָרצלען אין גראַדעס נשמה („ווייסטו ווו דו גייסט און וועמען דו זוכסט?״ — האָט דער מחזה אברהם געפרעגט קייקלען). דער תלמיד האָט נישט פאַרגעסן זיין גרויסן רבין, געשטעלט אים אַ גייסטיקן מאָנומענט אין זיין פּאָעמע „עמוד־האש״. זעענדיק צענדליקער יאָרן שפּעטער דעם ברענענדיקן פלאַם, וואָס איז אין אים געבליבן נאָך זיין רבין, זאָגט ער צו אים: „דו ליכטזייל, וואָס האָט אויסגעשיינט אין יוגנט פון מיין לעבן, / באַשענק מיך אויך אין אָסיען מיטן אָפּשיין פון דיין קדושה, / אפילו אויב איך האָב דיין אַנגעזיכט באַדעקט מיט בושה. / — — — עמוד־האש, פאַרוויסגייער אין מדבר פון מיין בלאָנקען! — — — דערלייז מיך פון דעם מדבר אין מיין האַרץ און פון זיין פיבער״...

— אין דער פּאָעמע זעט דער דיכטער זיין אַמאַליקן רבין, ווי ער וואָלט נאָך איצט פאַר אים מתפּלל געווען, ווי ער האָט עס געטאָן אַ מאָל בעת חייקל האָט געוואָלט צערייסן די רעליגיעזע צוימען... דער עמוד־האש, וואָס האָט באַלויכטן גראַדעס גייסטיקע און עטישע וועלט, האָט באַקומען אַ קינסטלערישן תיקון אין דער יידישער ליטעראַטור דורך זיין תלמיד און אַ תיקון נישט נאָר פאַר זיין רבין, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער יידיש־רעליגיעזער וועלט.

דיכטער און דיכטונג

פּאַטוס, גורל, גזר, באַשערטקייט —
ביי וויקטאָר הוגאָ און ביי ה. לייוויק

פּאַטום, גורל און אַנדערע מיסטעריעזע ווערטער פון אַלע לשונות, ווערן אין געוויינלעכן רעדן באַנוצט אַן פילאָזאָפישע אַריינטראַכטונגען וועגן זייער באַדייט אין לעבן. אַנדערש איז עס אין דער ליטעראַטור פון אַלע צייטן, אָנהייבנדיק פון דער גריכישער דראַמע.

ווי באַוווּסט, האָט ביי די אַטענישע דראַמאַטורגן פּאַטום באַדייט דער צוזאַמענשטויס פון מענטשלעכן ווילן מיט די מעטאַפיזישע כוחות, איבער וועלכע די מענטשלעכע וועלט האָט נישט קיין שליטה. דער אָלימפּ איז אַלמעכטיק, און אומזיסט איז דאָס מענטשלעכע ראַנגלען זיך קעגן די געטער פון אָלימפּ, וואָס אָנולירן אונדזערע פּלענער. דאָס איז די הויפּט־סיבה פון יעדער טראַגעדיע אין לעבן, אַלץ, וואָס געשעט, איז אומפאַר־מיידלעכער גורל, זיי — די מעטאַפיזישע קרעפטן — באַשטימען פאַר אונדז, וואָס עס מוז געשען, ווי אַ גזר.

אָבער אַפילו די אַטענישע טראַגעדיע, וואָס האָט אַקצענטירט, אַז פון אומפאַרמיידלעכן גורל, זענען אַפילו די געטער פון אָלימפּ נישט בכוח אָפּצוראַטעווען זייערע שטערבלעכע ליבלינגס, האָט אויך איבערגעלאָזט אַ שמאָל טירל פאַרן פרייען ווילן אין מענטשלעכן לעבן. אמת, ער מוז זיך אונטערוואַרפן דעם וועטאָ פון דעטערמיניזם, דאָך קומט ער ווי נישט איז צום אויסדרוק אין דער גריכישער דראַמע. נישט אַזוי אין איר דראַמאַטיש־ליידנשאַפטלעכן אויסשפּיל, ווי אין די מעדיטירנדיקע כאָראַלע אַרויסזאָגונגען, אין וועלכע עס איז פאַראַן אַן עכאָ פון מענטשלעכן פרייען ווילן.

כאַראַקטעריסטיש איז, ווי אַ מחלוקה צווישן בית־הלל און בית־שמאי אַרום גורל פונעם מענטש, האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט דער גריכישער

דראַמע פון סאָפאָקלעסן, ווען ער גיט אַ זאָג אין דער ליידנשאַפטלעכער כאַראַלער עלעגיע: „דער גליקלעכסטער גורל פונעם מענטש וואָלט געווען, ווען ער וואָלט אין גאַנצן נישט געבוירן געוואָרן". און אַן אַגדתא דער־ציילט:

— דריטהאַלבן יאָר דורכאַנאַנד האָט געדויערט די מחלוקה צווישן די צוויי גרויסע שולן, שמאיס און הללס, איבער דער פראַגע, וואָס איז גלייכער פאַרן מענטשן: באַשאַפן צו ווערן, אָדער נישט? די האָבן געזאָגט: גלייכער פאַרן מענטשן גאָרנישט צו באַשאַפן ווערן, און די — גלייכער פאַר אים יאָ באַשאַפן צו ווערן, ביז ביידע שולן זענען געקומען צו אַזאַ באַשלוס: גלייכער פאַרן מענטשן, ער זאָל נישט באַשאַפן ווערן. איז ער אָבער שוין באַשאַפן געוואָרן, זאָל ער זען אָפּוועגן און אָפּמעסטן אַלע זיינע מעשים" (די אגדתא — פאַריידישט דורך ביאַליק און ראַווניצקי).

*

מיט אַ פאָר טויזנט יאָר שפּעטער האָט די פאַטום־קאָנצעפּציע פון דער אַטענער דראַמע זיך צוריק מאַניפעסטירט אין וויקטאָר הוגאָס „נאָטער־דאַם"־דראַמע. גראָד אין 19טן י"ה, ווען דאָס צויבער־מעשהלע פון דער אולטראַ־אָפּטימיסטישער וויזיע האָט באַהערשט די וועלט, די וויזיע, וואָס האָט אַזוי פּאָזיטיוו געמוטיקט די מענטשלעכע עקזיסטענץ! דער גלויבן, אַז דער מענטש וועט זיין בכוח צו מייסטערן די וועלט, דאָמינירן איבער איר מיסטעריע, ווייל סוף כל סוף וועט ער צופאַסן די געהעריקע שליסלען און עפענען איר פאַרזיגלטע טיר — גראָד דעמאָלט, איז וויקטאָר הוגאָ געקומען מיט זיין פאַטאַליזם־קרעדאָ, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער גאַנצער מענטשלעכער מין איז אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אין אַ תפיסה! זאָל מענטש זיך נישט איינרעדן, אַז ער קען זיין דער האַר איבער זיין גורל! אין דער ווירקלעכקייט איז ער דער קרבן פון אומקאָנטראָלירטע כוחות, און אומזיסט איז יעדער פּרווו זיך קעגנצושטעלן דעם אומפאַרמיידלעכן גורל, גזר און באַשערטקייט. אָט די מעטאַפיזישע פאַרעם פון דער ספּעקו־לאַטיוער פילאָזאָפיע האָט וויקטאָר הוגאָ קינסטלעריש דראַמאַטיזירט אין „נאָטער־דאַם".

באַלד אין אָנהייב פונעם ווערק איז דאָ דאָס וואָרט: **אַנאַנקע**. דאָס מיינט, אַז פאַטאַליזם האַלט דעם מענטשלעכן מין אין צוואַנגען. עס איז

אַ גרויזאַמע, אומברחמנותדיקע מאַכט אַט די אַנאַנקע. זי רעגירט איבער דער וועלט, זי באַשטימט דעם גורל פון דער מענטשלעכער ראַסע, וועלכע זי האַלט מיט אַ פעסטער האַנט און דיקטירט איר גזר.

וואָס איז דען די דראַמע פון דעם יונגן אומשולדיקן מיידל עזמעראַלדאַ? סיי זי, וואָס איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין די אייזערנע קלאַמערן פון די קירכלעכע געריכטן, סיי — פראָלאָ, וואָס בלוטיקט פון זיינע אינערלעכע ריסן צווישן זיין ליידנשאַפטלעכער תאווה און זיין קלעריקאַלער צניעות־שבועה — זיי זענען אין תוך נאָר קרבנות פון פאַטום, פון בלינדן גורל, וואָס פייניקט פסיכיש און מאָרדעט פיזיש דעם קרבן.

אין דעם זין איז די טראַגישע דראַמע פון קלאָודע פראָלאָ און עזמע־ראַלדאַ נישט עפּעס אַנדערש, ווי די טראַגיק פון מענטשלעכע מאַריאָנעט־קעס, וואָס ווערן געצויגן אויף שטריקלעך דורך דער אַנאַנקע. עס איז ווי אַ פליג אַריינגעכאַפּט אינעם געוועב פון דער שפּין.

אומזיסט וועט זיין דער גע־אַנגל פון דער אָרעמער פליג אַרויסצורייסן זיך פון דער נעץ. זי איז אַ שפּילכל אין די הענט פון בלינדן גורל. הינטער איר און איבער איר איז די באַצווינגענדיקע אַנאַנקע, די אומפּערזענלעכע מעטאַפיזישע קראַפט, וואָס שפּרייט אויס אירע נעצן פאַר די קרבנות און באַשטימט זייער גרויזאַמען גורל. (כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז אין דער „נאָטר־דאַם״־דראַמע, איז די מעטאַפיזישע „אַנאַנקע״ נישט עפּעס אַנ־דערש, ווי דער אינערלעכער פאַטאַליזם פון מענטשלעכן האַרץ).

✶

קומען מיר צו לייוויקס ווערק, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די דיכטערישע שפּירונגען פון די מעטאַפיזישע טיפקייטן. אַט טאַקע הינטער „יענער זייט פון זאַכן און דערשיינונגען״, הינטער דער טראַגיק פון אומ־שולדיקן קרבן, וואָס ראַנגלט זיך קעגן גורל און זיינע נסיונות דורך אינער־לעכער וואַכיקייט, דורך זוכן זין אין שייכות פון גאָט־מענטש־פּראָבלעם, פון מענטש־נסיון, פון זיינע שטרייטן און יסורים, דורך וועלכע ער קומט אַרויס געלייטערט און דערהויבן. און גאָר באַזונדערס — די טראַגישע מסכתא פון יידישער עקזיסטענץ, באַגלייט פון מוראַדיקע סכנות און נסיונות, פון אייביקער געשפּאַנטקייט פאַר איר גורל, און יידישער גורל,

האָט דעם ייד פאַרמשפּט צו אייביקייט דורך עליות און ירידות, דורך ברענגען גרויסע קרבנות פאַר קיום און גאולה.

לייוויק באַנוצט די העכערע קראַפט פון מיטאָס, ווי אַ לייכטטורעם פאַרן מענטש. ער העלפט אים אין זיינע ראַנגלעניש (און נצחון) איבער די נסיונות און קרומקייטן פון לעבן. דער מיטאָס פאַרקערפערט דעם אוני־ווערסאַלן לעבנסצייכן פון זיג איבערן חומר. ער העלפט דעם מענטש דורך זעלבסט־דערקענונג, צו שטייגן העכער אין זיין שטרעבונג צו שלמות. טרעפט אָבער, אַז די מענטשלעכע טוונג דערגייט צו אַ הויכן פונקט פון אַריבערשפּאַנען, פון פאַרמעסטן זיך קעגן די איבער־נאַטירלעכע כוחות, און ער פאַלט דורך אין דער פאַרמעסטונג — ווערט ער אָבער צוליבן דורכפאַל נישט צעשמעטערט. ער שפּירט די מאַכטלאָזיקייט זיינע קעגן די מעטאַפיזישע כוחות, צוליב וועלכע ער מוז אָפּטרעטן, אָבער נישט פאַר־ניכטעט ווערן.

דאָס איז געשען מיטן מהר״ל אין לייוויקס „גולם״, ווען ער האָט געפּרוווט נעמען יידישן גורל אין זיינע הענט און אָוועקפירן אים אויף אַנדערע וועגן. זיין גאולה־דורכפאַל איז אָבער נישט אין רעזולטאַט, ווי אין דער גריכישער דראַמע, פון בלינדן פאַטום, וואָס צעשטערט די מענטשלעכע פּלענער אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועז. דער יידישער גאָט איז נישט קיין „אַנאַנקע״, נישט קיין בייזער, צעשטערערישער פאַטום, וואָס שפּרייט אויס זיינע נעצן אַריינצוכאַפּן קרבנות. דער מהר״ל באַטראַכט נישט זיין דורכפאַל — אַ שעפער צו זיין — אין גייסט פון דער אַטענישער דראַמע. זיין גרויסער גייסט האָט געמאַכט דעם פּרווו קייטן צעברעכן און אַליין זיין דער באַשטימער פון יידישן גורל. האָט ער פאַר זיין געוואַגטן טאַט באַקו־מען אַ פּסק פון טאַטן אין הימל... זעט ער אין דעם די אומבאַגרייפלעכע מעשים פון גאָט, מיט וועמען ער טענהט זיך אויס און זינגט פאַר אים (מיטן עולם) אַ „מזמור שיר״, פאַר גאָטס וווּנדער און גרויסקייט, און די נישטיקייט פון מענטש:

האָסטו נאָר געוואָלט מיך אויספּרוּוון
און אויפגעדעקט פאַר מיר דאָס איבערמענטשלעכע,
געלאָזן מיך אַ שעפער זיין, געוועלטיקן, באַפעלן,
כדי צו זען צום סוף מיין נישטיקייט, מיין גרויסע זינד?

לאָז איך דאָ אויס די אַלע אַנדערע פּראָבלעמען פון אַט דער גאולה־דראַמע: די עטישע פּרינציפּן אַלס אַבסאָלוטע טרעפּ צו גאולה, אויך יחיד און כלל, דער אויפגעברויזטער כוח פון דער מאַסע און אירע צעפלאַמטע אינסטינקטן, די שליחות פון דער האַק און איר צעשטערונגס־ראָל. דער גאַנצער קאָמפּלעקס ווידעראַנאַנדן פון ליכטיקע צילן און פינצטערע וועגן, ווי דער גולם במקום משיח, און די אַלע אַנדערע תוך־פראַגן פון דער רעוואָלוציע און איר דורכפאַל, וואָס לייוויק האָט אַרויס־געהויבן אין דער דראַמע. מיר גייט דאָ צו פאַרגלייכן די איבערצייטלעכע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, די טראַגישע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן, דורך צעשטערונג, אומקום, און דער געשריי נאָך לעבן. נישט נאָר דער יחיד, אויך די גאַנצע מענטשהייט, איז, ווי זשיטלאָווסקי דריקט זיך אויס אין זיין „איוב־עסיי", דאָס שפּילכעלע אין די הענט פון דער אַלוועלטלעכער מאַכט.

✶

„אין די טעג פון איוב" איז לייוויקס דיכטערישער פּאַרמעסט צו געשטאַלטיקן די אַלצייטלעכע אומגעלייזטע פּראָבלעמען און שטרייטן פון „בין אדם למקום", דעם אינערלעכן געראַנגל מיט די אינסטינקטן: „שכר ועונש", יסורים אַלס נסיון פאַרן מענטשן, און די גרענעץ־ליניע פון פרייען מענטשלעכן ווילן — ביי אַלע אומפאַרמיידלעכקייטן פון גורל, גזר, באַשערטקייט — אַליין צו באַשטימען און דורכפירן דאָס זייניקע.

זשיטלאָווסקי האָט אין זיין עסיי אַרויסגעבראַכט דעם ריכטיקן געדאַנק, אַז איובס נשמה איז אויפגעצייטערט געוואָרן פון דעם שווידערלעכן אמת, וואָס איז פּלוצעם אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר אים, וועגן ליידן אָן אַ פאַרוואָס. אין זיין אויסגעשריי, בעת ער איז געשלאָגן געוואָרן דורך די שרעקלעכסטע פּלאָגענישן און יסורים, איז פאַרקערפּערט נישט איין ליידנדיקער יחיד מיטן נאָמען איוב, אויסגעשטעלט אויף די שרעקלעכסטע נסיונות.

די יידישע מאַראַל־פילאָזאָפיע אין איר רעליגיעזן באַנעם פון געטלעכער השגחה האָט נישט געקענט דאָס אַלץ איבערלאָזן צו אַ קאַפּריז־שפּיל פון מעטאַפיזישע כוחות, ווי עס טוט די אַטענישע דראַמע. זי האָט זיך געראַנגלט מיטן האַרבן פּראָבלעם פון „שכר ועונש", און אויב שוין יאָ שטראָף, פאַר וואָס טרעפט זי אַממיינסטן דעם גערעכטן און גאָטספאַרכ־

טיקן, וואָס טוט נישט קיין שלעכטס? פאַר וואָס די אומבאַרעכטיקטע פּיין און אומקום פון קינדער — זיי האָבן דאָך זיכער נישט געזינדיקט — פאַר וואָס זענען זיי באַשטראָפט געוואָרן?

לייוויק האָט אין זיין פּאָעמע „אין די טעג פון איוב" (ווי אין פיל אַנדערע שאַפונגען) געזוכט אינטעלעקטועל און אינטואיטיוו פורעמען די יידיש־עטישע אויפפאַסונג פון גאָט־מענטש־באַציונגען, גערעכטיקייט און גורל, די ראָל פונעם שטן אינעם מענטשלעכן לעבן — די באַווירקונג פון די אינסטינקטן — און דער אינערלעכער געראַנגל אינעם מענטשן, ער זאָל דורך זייער דערקענטעניש זיך קענען דערהויבן און זיך באַפרייען פון דרוק און פון זייער שליטה אויף אים.

אינעם קאָמפּאָזיציאָנעלן צענטער פון דער פּאָעמע האָט דער דיכטער אַוועקגעשטעלט דעם שטן, ווי אַ שליח פון גאָט, אויסצופּרווון דעם מענטש — אַפילו דעם הויכגייסטיקן — מיט די ביטערסטע נסיונות. גע־דענקען מיר (פון ספר־איוב), ווי דער שטן האָט אַנגעשיקט אויף איובן דאָס שווידערלעכסטע, וואָס אַ מענטשן קען געשען, און דאָן זען, צי ער וועט דאָס טאַקע זיין בכוח אַריבערצוטראָגן מיט „צוגעהאַקטע ליפּן און שווייגעניש". איוב, וואָס האָט זיבן מעת־לעת נאָך אַנאַנד אָן שום פּראָטעסט דורכגעטראָגן אַלע גרויל־יסורים און עינויים דורך פייער און שווערד, ער דער בעל־יסורים, וואָס אַפילו אין די טראַגישסטע מאָמענטן זיינע לויבט ער גאָט מיט דעם יידיש־טראַדיציאָנעלן: „גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען, געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט", איז אויך דער גרויסער פראַגע־שטעלער צו זיין באַשעפער. ער וויל וויסן: צוליב וואָס שטעלט ער אַוועק דעם מענטשן, וואָס איז נישט באַגאַנגען קיין זינד, פאַר אַזעלכע שווערע נסיונות? און נאָך אַ הארבע טענה צום באַשעפער: פאַר וואָס האָט מענטש, די קרוין פון באַשאַף, אַן ערגערן גורל אַפילו פונעם בוים? „וואָרעם פאַר אַ בוים איז דאָ אַ האָפענונג. אַז ער ווערט אָפּגעשניטן, באַ־נייט ער זיך ווידער... אָבער אַ מאַן שטאַרבט און פאַלט אַוועק, און פאַר־גאַנגען דער מענטש, און ווו איז ער"?

דער דיכטער האָט אין זיין פּאָעמע צונויפגעבראַכט איובן מיט די חומש־געשטאַלטן, די אבות, אברהם און יצחק, אַריינגעפלאָכטן אין דער דראַמע די דערמאָנונג פון עקידת־יצחק (ער האָט געהאַט אַ גרונט צו דעם...), ער לאָזט אברהמען זאָגן צו יצחקן: „יאָ, פאַר נאָך עקדות באַדאַרפסטו זיין גרייט מיין זון, אַן אויסדערוויילטער ביסטו, גאָטס ברכה רוט אויף דיר,

זאַלסטו וויסן זיין, און נאָך מער זאַלסטו וויסן, אַז דער חסד פון באַשאַף איז אויך אין טויט פאַראַן, ווייל טויט אַליין איז גאָטס יצירה און אַזוי אויך די פּיין".

אָבער דער ספר־איוב, וואָס האָט דעם פּראָבלעם גאָט־מענטש אַרויס־געהויבן ברומו של עולם (צו אַ הויכפּונקט — אפשר דער העכסטער אין דער וועלט־ליטעראַטור) — מיט זיין גאָט־אַרויסרוף און גרויסן וועלט־געשריי פון אַלע געפּרוווטע און געליטענע — האָט דאָך אים, איובן, אַוועקגעשטעלט אין דער ראָל פון אַ שליח־ציבור. ער איז פאַר די אַלע צעפּייניקטע בעל־יסורים אויף גאָטס ערד דער גרויסער מאַנער און די לעצטע האָפענונג. זיין ווייגעשריי האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן ערד־קיילעך און אויפגערודערט אַ וועלט. ער איז דער ראש־המדבר פון גאַנצן באַשאַף מיט די טענות צו גאָט: „פאַר וואָס גיט ער ליכט דעם, וואָס מאַטערט זיך און לעבן די פאַרביטערטע אין געמיט?"

לייוויק האָט טאַקע אַרויסגעהויבן אַלס צענטראַלן איוב־פּראָבלעם זיינע התחיבותן פאַר אַלע יסורים־מחנות, פאַר אַלע ליידנדיקע אויף דער וועלט, פון וועלכע ער שטעלט זיך בראש אַלס מאַנער, „געבענטשט זאָל זיין דער בעל־יסורים, וואָס רופט צום משפט גאָט אַליין".

האָט אָבער איוב זיך תיכף איבערגעבעטן מיט גאָט, ווי נאָר זיינע יסורים האָבן אויפגעהערט און דורך דעם אויפגעגעבן זיינע התחיבותן פאַר אַלע צעווייטיקטע ברידער, וואָס האָבן אים אויסגעקליבן אַלס זייער שליח (און דאָס ווערט אין תנכישן איוב ווי נישט אָנגעמערקט), — אין דעם זעט דער דיכטער איובס דורכפאַל! דער בלינדער יורם שרייט דעריבער אויס זיין באַשולדיקונג קעגן איובן: „איוב רו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איובן, און זיינע ליפּן רופן נישט מער גאָט צום משפט — איז דעמאָלט ער דער שולדיקער! און ער דאַרף זיין געמשפט!".

איובס דעזערציע פון שלאַכטפעלד ווערט אויך אויסגענוצט דורכן שטן. דער דיכטער לייגט אין זיין מויל אַריין אָט די שאַרפע סאַרקאַסטישע ווער־טער וועגן יחיד און מאַסן־פּסיכאָלאָגיע „די מחנות ווערן אויפגערודערט און פאַרכאַפּט פון יושר־שטראָם נאָר דעמאָלט, ווען זיי זענען מחנה; אין זיך אַליין האָט יעדער נאָר זיך אין זינען". דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון יחיד און כלל, די גרויסע אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט און די מאַסע מיט איר אויפברויז פון לייוויקס „גולם" ווערט אין דער איוב־דראַמע אַרויסגעבראַכט דורכן שטן אין אַזאַ מין בייסיקן זאָג: „אין אָט די מחנות ליגט דיין דורכ־

פאַל, איוב; אין זיי און נישט אין גאָט: ווייל זיי זענען יסורימדיקער פון אַלע דיינע ווייטיקן און וויגעשרייען, אַנטקעגן זיי ביסטו נאָך שפּלער ווי קעגן גאָט".

דער שטן פּרוּווט איובן אָוועקרייסן פון גייסט און גאָט־דערקענטעניש. ער איז די שטים פון די אינסטינקטן, פון דאָס חיהשע אינעם מענטש. און שטן־דערקענונג פּירט דאָך צו דערהויבונג פון מענטשלעכן גייסט. זאָגט דאָך גאָטס קול צום שטן: „איך לאָז דיך פריי אַרומגיין צווישן מענטשן און אויך אַריינדרינגען אין דער טיפעניש פון זייער האַרץ, ווי פריי איך לאָז דעם מענטשן אַליין אין זיינע וועגן... און ער אַליין זאָל דיך אין זיך דערקענען, און ער אַליין זאָל זיך פון דיר באַפרייען... ערשט דעמאָלט דינסטו אים צו נוץ, צו גרויסקייט...".

לייוויק פאַרענדיקט זיין „אין די טעג פון איוב" מיט יצחקס תפילה צום באַשעפער, בעטנדיק ביי אים: „צעעפן מער נאָך, גאָט, אין פרישן גראָז דיין שפע, און בענטש און שיץ מיין טראָט — — — אין שפּור פון טריט צו גורלדיקער עליה — באַשיץ מיך און באַהיט ווי דעמאָלט אויף מוריה". אין דער תפילה בעט ער דעם רבש"ע אָראָפּצושיקן אויף דער ערד די שיין פון אייביקן לעבן און לעבעדיקער אייביקייט. דער גייסט פון די חומש־אבות, זייער גרענעצלאָזער גלויבן אין דער אַבסאָלוטער געטלעכער האַר־מאָניע, ווי דער יסוד פון מענטשלעכער דערהויבונג, זאָל אַרומנעמען די וועלט.

דער דיכטער זוכט די שלווה, וואָס עס קומט נאָך יעדן שטורעם. אויב עס איז געווען אַ מאָל אַ מבול אויף דער וועלט, איז שפּעטער געקומען „דער גוטער רעגן נאָך מבול־טעג — דער צייכן, וואָס זאָגט צו אַ נייע ערד מיט חסד און מיט רו". נאָך דעם גרויסן מאָראַלישן אויפברויז פון דעם אומשולדיק־געפּייניקטן מענטש, איוב (מיט זיינע פּיינלעך־נאָגנדיקע ספקות מיט זיך אַליין, מיטן שטן, — צי קען ער טאַקע מיט ליבשאַפט אַננעמען אַלע זיינע פּלאָגן?) — נאָך דעם גרויסן שטורעם אין דער נשמה, קומט די שלווה צו אים, באַגלייט מיט די קלאַנגען פון קאָסמישער נגינה און האַרמאָניע אינעם באַשאַף; די אינערלעכע באַהעפטונג מיט דער נשמה פון דער וועלט, וואָס ברענגט צום מענטש גאָט־זעונג און גאָט־הערונג; די התגלות, וואָס באַהעפט גייסט מיט געטלעכקייט — „אַ בענקשאַפט נאָך אַנטפּלעקונג איז זיין זכיה".

פון קורצשורהדיקן ליד ביז צו די דראַמאַטישע ווערק

מיין וועג שטייט לעבן מינסק אין איהומען,
מיינע קייטן ליגן אין סיביר, אין אַרכיוו,
דאָס ליד דורך ניו־יאָרק, דורך ווילנע, וואַרשע,
אָקערט אויף ניי־לעבן אין תל־אביב.

(ה. לייוויק)

לייוויקס קינסטלערישע פערזענלעכקייט ווערט נישט געמאָסטן און געוויגן מיט דער צאָל ווערק פון אַ הויכער קוואַליטעט. אין אונדזער ליטעראַטור זענען געווען שרייבער מיט אַ גאַר גרויסן טאַלאַנט און זענען דאָך נישט געווען קיין שרייבערישע פערזענלעכקייטן. עס האָט זיי געפעלט די אינטעלעקטועלע האָריזאָנטן, וואָס זאָל זיי אַרויסהייבן ווי אַ גרויסע קולטור־דערשיינונג, ווי ס'איז י. ל. פרץ געווען פאַר דער יידישער ליטע־ראַטור.

לייוויקס דיכטערישע פערזענלעכקייט איז נישט אָפּהענגיק פון זיינע גרעסערע (אָדער קלענערע) פּאָעטישע חידושים, נאָר גיכער פון דער אויס־שטראַלונג פון זיין גייסטיקער עקזיסטענץ און איר אויסווירקונג אויף אונדזער דיכטונג אין לויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. זיין פּאָעטישער געראַנגל מיט די שאלות ותשובות פון זיין דור און פון אַלע דורות מיט זייערע מאָנונגען און דערמאָנונגען; זיין שטעלן זיך מיטן פּנים אַרום דעם לויפיקן שטראָם פון דער עפּאָכע און דיכטעריש געשטאַלטיקן אירע וויזיעס: די גאולה־אידעע און דער גואל; דער אויסלייז־טרוים און זיין געפעלשטע מאַסקע מיט איר טראַגיק, מיט אירע ריסן און סתירות.

דער פראַנצויזישער שרייבער קלאָוד מאָריאַק האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַנדרעי זשיד: „איר האָט אין אייער שאַפן מיד און עטלעכע דורות געלערנט אינטעלעקטועלע ערלעכקייט". ווי ריכטיק דער זאָג איז צוגעשניטן לגבי לייוויקן, דעם מענטש און דעם דיכטער, וואָס האָט מקיים געווען „לעב ווי דו שרייבסט" (לויט דער באַטאָנונג פון מנחם באָריישאָ).

עס איז ווירקלעך אוממעגלעך ביי לייוויקן אָפּצוטיילן דעם מענטש פון זיינע ווערק. נישט נאָר וואָס זיינע אייגענע איבערלעבונגען, דערפאַרונגען און געפילסוועלט, אַנטפּלעקן זיך אין פאַרשידענע דימענסיעס אין זיינע שאַפונגען, נאָר וואָס דער קוואַל פון זיין דיכטערישער אינספּיראַציע איז אויסגעבונדן — אין גייסט און כאַראַקטער — מיט זיין פּערזענלעכקייט.

אין לייוויקס שאַפן איז נישט קיין צופאַל דאָס וואָרט תפילה (וואָס מיר טרעפן ביי אים אַזוי אָפט). פאַרנעמט דאָך היינט תפילה דעם אָרט פון אַמאָליקן קרבן, און דער דיכטער — דעם אָרט פון כהן. ווי באַקאַנט, פלעגט דער אוראַלטער ייד קומען צום כהן מיט אַ קרבן־חטאת אָדער שלמים ווען זיין געוויסן פלעגט אים אַ שטאָך טאָן צוליב זינד־ און שולד־געפילן, דורכן קרבן האָט ער געזוכט שלום צו מאַכן מיט גאָט און מיט זיין אייגענעם געוויסן.

לייוויק, דער כהן־דיכטער, איז אין די דיכטערישע הויכפּונקטן פון זיין גייסטיקער עקזיסטענץ געזאַלבט געוואָרן מיט דער כתר־כהונה פונעם מאָנענדיקן געוויסן פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיין פּאָעטיש וואָרט און ליד באַהויכט מיט רעליגיעזיטעט, וואָס זאָל טיף אַריינדרינגען אין דער נשמה, געגלויבט אין דעם כוח פון דיכטערישן וואָרט, וועגן וועלכן לאָרד בייראָן האָט אַ מאָל געשריבן אין אַ ליד: — „ווערטער זענען זאַכן: און אַ קליינער טראָפּן טינט, פאַלנדיק ווי טוי אויף דער מחשבה, שאַפט עס — וואָס מאַכט טויזנטער, אפשר מיליאָנען, צו טראַכטן".

דאָס דיכטערישע וואָרט האָט לייוויקן, ווי יעדן שעפער, געהאָלפן, טיילווייז, צו באַפרייען זיך פון די פּסיכישע, שווערע לאַסטן, וואָס האָבן אים געדריקט זיין גאַנץ לעבן. שילדערט ער דאָך אין אַ ליד („יינגלווייז"), ווען קינדער האָבן זיך געשפּילט אין זיינע יאָרן, האָט ער זיך שוין פאַר אַ דערוואַקסענעם געהאַלטן. ער האָט דאָן באַוויזן אַריינצוקוקן אין תהום פון ליידן דורך זיין קליין שוועסטערל, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן דורך אַ פונק — און אַט דער יונגער, פאַרברענטער, אומשולדיקער קינד־קרבן, דער ערשטער אַריינבליק אין ליידנדיקן יחיד, האָט זיך אַריינגעשרויפט אין זיין געמיט. שוין אין זיינע קינדער־יאָרן איז ער געווען דער אָבסערוואַטאָר פון דעם מענטש אונטער קראַטעס (געזען דעם פאַרשפּאַרטן, משוגענעם זון פון פריץ), און בעת זיין יוגנט, אַליין געווען נישט בלויז אַן עדות, נאָר אויך דער קרבן, צו ערשט אין אַ טורמעצעל און שפּעטער אין סיביר. זיין עמפּינדלעכקייט קעגן עוולות האָט דעם יונגן לייוויק געטריבן צו די שטור־

מישע כוואַליעס פון פּאָליטישן און סאָציאַלן גערענגל. ער איז געוואָרן אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער בונטאַר און וויזיאָנער פון גאולה־באַגערן.

שוין אין זיינע ערשטע שאַפונגען האָט לייוויק אַרויסגעהויבן גרויסע אידעען און פּראָבלעמען. ער האָט זיך באַנוצט מיט פאָלקלאָר, מיטאָס און סימבאָל אין באַהאַנדלען די גורלדיקע פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער צייט. די לעגענדע פון מהר״ל מיטן גולם — פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט־דראַמע פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אָנגעזאָגט משיחס צייטן און וועלט־אויסלייזונג, אַ סוף צו מאַכן צו רציחות און בלוט־פאַרגיסונג, און אַליין געוואָרן דער יסוד פון מאָרד און שפיכת־דם. דער דיכטער זאָגט דורכן מהר״ל: „געוואַלט פאַרמיידן בלוט און (אַליין) בלוט פאַרגאָסן״...

אויב אין די ערשטע טעראָר־יאָרן פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע האָט זיך נאָך לייוויק געוואַקלט צווישן שרעק און האָפענונג (אין „גולם״), האָט ער שוין אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן מער נישט געהאַט קיין אילוזיעס בנוגע דער סאָוויעטישער גאולה. אין דער „גאולה־קאָמעדיע״ האָט שוין דער דיכטער בולט געזען, ווי „דאָס ליד פון גאולה איז פינצטער געוואָרן דורך תאווה פון מאַכט״. ער זעט די אַראָפּגעהאַקטע קעפּ דורכן פאַלשן משיח, דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסענע בלוט, וואָס שרייט פון דער ערד, פרעגט און מאָנט:

> איינער אַ בעל־חשבון מוז דאָך פרעגן,
> איינער אַ בעל־חשבון מוז דאָך פאַרענטפערן:
> וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן?
> („גאולה־קאָמעדיע״)

לייוויק, וואָס האָט פון אָנהייב געהאָפט, אַז פון די יסורימדיקע ליידן וועט דאָך „עפּעס גרויסעס און וווּנדערלעכס אַרויסקומען״ האָט דערזען שפּעטער, ווי זיין דור שטייט ביים סאַמע אָפּגרונט:

> דער דור ביים תהום פון דער היינטיקער וועלט
> האָט אַ פּנים וואָס נישט צו דערקענען:
> אין זיינע שוואַרצאַפּלען גאַזאויוונס ברענען...
> — — — — — — — — — — — — — — — —
> צו וועמען דען שרייסטו? צו גאָט?
> אָבער גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון דיר...

ער האָט זיין גאַנץ לעבן נישט אויפגעהערט זיך אויסטענהן מיט גאָט, און כאָטש ער האָט געספקט, צי די טויערן פון הימל זענען אָפן פאַר זיין תפילה, דאָך מוז ער זי זאָגן: — „מיין תפילה צו דעם, וואָס איך ווייס נישט, צי הערט ער, און כ'זאָג זי".

אַ תפילה־בלחש איז לייוויקס ליד צו ישעיה הנביא: זע, גרויסער נביא, וואָס איז געוואָרן פון דיין חלום וועגן וועלט־שלום און גערעכטיקייט! ער זאָגט צום נביא: „באַוויַיז זיך ווידער איבער חרובדיקע ווענט, ניט קוק וואָס דער וואָס רופט דיך איצט אַ מידער — דאָס קלאָגט ער אויפן יינגעלע, וואָס ווערט פאַרברענט". עס איז איינע פון אונדזערע שטאַרקסטע חורבן־לידער, טאַקע פון דעם פאַטישן מעטאַל, וואָס דאַרף אָפּקלונגען לדור דורות.

יעדער קינסטלער ראַנגלט זיך אַ גאַנץ לעבן מיט זיינע שאַפונגען ביז ער קען זיי קינסטלעריש בייקומען. לייוויק האָט פון זיין קורצשורהדיקן ליד ביז זיינע גרויסע דראַמאַטישע ווערק זיך געראַנגלט דיכטעריש מיט זיין געפילסוועלט און פאַלקס־גורל; זיך געראַנגלט מיט דעם שר פון יאוש און אומקום. דוכט זיך, אַז דאָס וואָרט אומקום האָט ערשט לייוויק אַריינגעפירט אין יידישן לשון. אונטער דעם נאָמען האָט ער דאָך פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצן ציקל לידער, ווו דער סובסטאַנטיוו איז דאָרט דער הויפּט־מאָטיוו. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער פינצטערניש און ליכט פון אונדזער תקופה, געשטאַלטיקט די פייל, וואָס האָט דעם דור פאַרווונדעט, אָבער אויך די לירע, וואָס האָט געטרייסט, און געהיילט די ווונדן. אין זיין דיכטערישן פרילינג האָט זיך אים אַזוי שטאַרק געוואָלט גלייבן און טרוימען: „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע", אַז „ערגעץ טיף, ערגעץ טיף אין דער ערד איינגעקנאָטענע, וואַרטן אוצרות אויף אונדז, וואַרטן אוצרות פאַרשאָטענע". דער דיכטער האָט די אוצרות געזוכט אין די גרויסע אַלמענטשלעכע גאולה־אידעאַלן, געזוכט זיי אין די עטיש־גייסטיקע ווערטן פון דער יידישער געשיכטע און אין די העלדן פון גייסט:

ווי שטאַרק איך האָב נישט ליב די חשמונאים, האָב איך די עשרה הרוגי מלכות נאָך ליבער. פאַרגיט מיר אַלע, ווען אין גורל־שעהן בין איך מקנא דעם קדוש מער, ווי דעם גיבור.

אָבער נישט נאָר די גרויסע פיגורן אין זייער דערהויבנקייט, אויך די פשוטע, קליינע מענטשן מיט זייערע אומבאַדייטנדיקע זאַכן און געשעע־נישן פאַרקערפּערן דעם זין פון לעבן מיט אַלע רעכטן אויף אַ ביסל פרייד און גליק. דער קליינער מענטש, ווי דער גרויסער, איז אַ תושב פון דער וועלט. ער וויל זיין געליבט און געניסן פון לעבן. זיין טראַגיק און טרער, זיין פּיין און טויט, הגם דאָס קומט פאָר אין דער שטיל, אָן דעם רעש פון גלאָקן־געקלאַנג, ווי ביים העלד און גואל — איז דאָך זיין פאַרשניטן לעבן אויך אַן אַרויספאָדערונג קעגן דער אכזריות פון מענטשלעכן גורל, זיין גסיסה — אַן אויסגעשריי צו די הימלען קעגן דעם הארבן גזר־דין!

די אומבאַקאַנטע טרער פונעם אומבאַקאַנטן מענטש נתן ניומאַן האָט לייוויק דיכטעריש אַרויסגעבראַכט אין זיין פּאָעמע וועגן דעם שטאַרבנדיקן אויפן בעטל פון דענווער־סאַנאַטאָריע:

נישט יעזוס שטאַרבט עס צוגעקלאַפּט צום צלם,
נישט משה — אויפן שוועל פון כנען־לאַנד,
נאָר נתן ניומאַן — הערט איך וועל אייך דערציילן —
אויף אַ פּראָסטן בעטל, ביי אַ פּראָסטער וואַנט.

— — — — — — — — — — — — —

ווי קען מען אין לעגענדע היינט פאַרוועבן,
אַן אומבאַקאַנטנס איינעמס גלאַט אַ טויט?
אַ טויט פון איינעם נישט קיין העלד, קיין גואל,
וואָס ליגט נישט אין קיין צוגעדעקטן אוהל,
נאָר אויף אַ קרקע אונטער דענווער שניי.

אין דער עקזיסטענץ פון דיכטער איז נאַטירלעך דאָס דורכלעבן מיט דער גאַנצער קראַפט די עקזיסטענץ פון אַנדערע לעבנס. דער קינסטלער לעבט מיט זיינע העלדן נישט נאָר ביים שרייבטיש (אָדער ביים פּענדזל מיט די פאַרבן). ער לעבט מיט זיי אין אַלע צושטאַנדן, ווייל זיי טרעטן קיין מאָל נישט אָפּ פון זייער באַשאַפער. מען דערציילט, אַז ווען באַלזאַק איז געלעגן אויפן טויטנבעט, האָט ער געשריִען: „שיקט נאָך ביאַנטשאָן, ער וועט מיך ראַטעווען" (ביאַנטשאָ איז באַלזאַקס אַ טיפּ פון אַן ערלעכן קלוגן דאָקטאָר).

לייוויקס העלדן האָבן ס׳רוב געהאַט אַ טאָפּלט־לעבן: צו ערשט זייער אייגענעם, רעאַלן (אַזוי צו זאָגן) און דאַן אַ צווייטן — דעם סימבאָלישן, וועלכן זיי פאַרקערפּערן. דער דיכטער האָט דעם יחידישן געראַנגל מיט זיין גורל פאַראַלגעמיינערט און פאַרטיפט מיט אוניווערסאַלע לעבנס־צייכנס. די טראַגיק פון אַ יחיד איז אויסגעברייטערט געוואָרן, ווי אַן אויסדרוק פון דער גאַנצער מענטשלעכער טראַגיק, פון הילפלאָזיקייט קעגן שטאַרקערע כוחות (פון מעטאַפיזישן כאַראַקטער). לייוויקן האָט אויך שטאַרק געמאַטערט דער פּראָבלעם פון איינזאַמקייט און פאַרגעסנקייט, וואָס באַגלייט אָפט דעם סוף פון אַ מענטשלעך לעבן. די טראַגעדיע איז, נאַטיר־לעך, פילפאַך שטאַרקער ביי באַרימטע, ווען זייער קינסטלערישער און גייסטיקער עקליפּס (אָדער טויט) קומט פאַרן פיזישן. לדוגמא, — דער פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד.

ווען לייוויק איז געקומען אין אַמעריקע, האָט שוין דער אַלטער פּאָעט (וועמענס לידער עס האָבן געזונגען יונג און אַלט), געלעבט אַן איינזאַמער אין רעזיגנאַציע און פאַרצווייפלונג — די צייטונגען האָבן זיינע לידער נישט געוואָלט דרוקן. ער האָט זיך געראַנגלט, אָבער געוווּסט, אַז ער איז אַן אויסגעשפּילטער, עלנט אין זיין ירידה, ווי ס׳קען נאָר זיין אַ מענטש, ווען ער פאַלט אַראָפּ פון אַ הויכער פּאָזיציע:

אַזוי פיל ירידה איז געווען אין זיין זיצן,
אַזוי פיל באַוווּסטזיין פון גורל און אויך פון מאַכט
נישט צו וועלן זיך בעטן, נישט צו וועלן זיך שיצן
אַנטקעגן אָנקום פון אייביקער נאַכט.

אינעם ליד „פּאַרק קראָטאָנאַ״ איז רירנדיק אויסגעזונגען די לעצטע באַגעגעניש מיט אים פאַר זיין טויט. דער אַלטער פּאָעט האָט געקוקט אויפן יונגן. זיינע צוויי ווונדערלעכע אויגן האָבן געהאַט אַזוי פיל אומגעריכטע גוטסקייט און ליכט. ער האָט געקוקט אויף לייוויקן מיט אַ בליק פון מענטש־לעכער ווערדע אַנטקעגן אומפאַרמיידלעכן גזר... „איר ווייסט מיינע גע־דיכטן, נישט אַלע אפשר טויגן, אָבער אָט זינג איך איצט מיין לעצט געדיכט...״ און ווי אַ לעצטע געזעגענונג מיטן יונגן ברודער־פּאָעט: „אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט, קאַלעגע״. און לייוויק פאַרענדיקט לייריש, ווי ראָזענ־פעלד האָט „אַוועקגעשפּאַנט מורמלענדיק אַ סטראָף. און דאָס איז געווען

די לעצטע, לעצטע רגע, ווייל אין זיין שטוב האָט שוין געוואָרט אויף אים דער סוף".

לייוויק האָט דער טראַגעדיע־ראַזענפעלד אויך געגעבן אַ דראַמאַטישן אויסדרוק אין זיין פּיעסע „דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד". אין דער דראַמע הערן זיך שטאַרקע טענער וועגן גורל פון יידישן פּאָעט און יידיש וואָרט אין געראַנגל פאַר קיום. דער דיכטער לאָזט הערן זיין שטים קעגן די באַגראָבער פון יידיש לשון, קעגן די, וואָס האָבן אויסגערופן, אַז יידיש איז — פאַרצווייפלונג, אַז „מיט יידיש גייט מען אין די גאַזקאַמערן..." ער זעט אין יידישן וואָרט אַ טרייסט און נס און איז מתפלל עס „זאָל ווייטער **אונדז פאַרבינדן די שיצנדיקע האַנט, / זאָל קיין מאָל נישט פאַרשווינדן די זון פון יידישלאַנד".**

לייוויק איז ווייט נישט געווען קיין געשווירענער אָפּטימיסט. זיין פרייד איז געווען געמישט מיט טרויער און לייד. צו פיל רשעות און פּיין האָט ער געזען אַרום זיך אויף גאָטס ערד, אָבער אין סאַמע יאוש איז אויפגעגאַנגען אין אים ליכט און גלויבן אין מענטש — ווי דער אַלטיטש־קער אויף סיביר, וואָס האָט אים אָפּגעגעבן זיין לעצט העמד, און באַוויזן נאָך מער: געמאַכט אים גלויבן, אַז —

אין יעדן האַרץ איז דאָ אַ ליכטיקייט, אַ שיין,
אויף וועלכער שוועל דו זאָלסט נישט שטיין —
קלאַפּ אָן און גיי אַריין.

זיכער האָט ער דורכגעלעבט נישט איין אַנטוישונג אין דער דער־קענטעניש פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס האָט נאָר אויסערלעך געהאַט אַ שיין פון ליכטיקייט... פלעגט ער דאָך נישט איין מאָל באַטאָנען די טיפע מיסטעריע, וואָס יעדער פון אונדז איז פאַר זיך אַליין אַ סוד: „אָט זעסטו אַ מענטש, זאָגט לייוויק, קוקסט אַריין אין זיין נשמה, אַ מאָל זעסטו ווי אין אַ געשליפענעם שפּיגל, אַלץ איז אַזוי קלאָר און ליכטיק, און אַ מאָל קוקסטו ווי אין אַ פינצטערן גרוב אַריין..."

✶

וויקטאָר הוגאָ דערציילט, ווי פון די קינדער־יאָרן געדענקט ער, אַז איבער זיין בעט איז געהאַנגען אַ בילד פון אַ פאַרוויסטן טורעם: שרעק,

הענגען, פײניקן, די אימה פון טויט האָבן אים פאַרפאָלגט זײן גאַנץ לעבן, זײ האָבן געוואָרצלט אין די מוראדיקע אײנדרוקן פון זײן קינדהײט.

דאָס לעבן פון געפלאָגטן מענטש האָט אויך לײוויקן פאַרפאָלגט זײן גאַנץ לעבן. עס האָט אים פּײנלעך װי געטאָן און ער האָט פּערזענלעך מיטגעבלוטיקט מיט די אַלע עקידות פונעם מענטשלעכן לעבן אין אונדזער פאַרצווייפלטער וועלט. ער האָט נישט געקענט אָפּטײלן עטיק פון עסטעטיק אין זײן שאַפן. בײ זײנע ערשטע דיכטערישע טריט האָט ער שוין געטראָגן די שווערע לאַסט פון צער און הפקר פון מענטשלעכן לעבן. אָבער דאָך האָט ער טיף געגלויבט, אַז בײ דער גאַנצער דעקאַדענץ און זינד פונעם מענטש, זוכט ער דאָך אַ תיקון פאַר זיך און פאַר דער וועלט. אײן מענטש זאָל קאָנען קוקן דעם אַנדערן אין די אויגן אַרײַן מיט אַ רײן האַרץ. לײוויק האָט וואָרשײנלעך נישט ווײניק זיך אינערלעך געראַנגלט מיט דעם עטיקער און עסטעטיקער אין אים. דער לעצטער האָט אים אינספּירירט צו באַזונגען די שײנקײטן פון לעבן,,װײל זײ זענען געווען ווײס ווי שניי״, אָבער דער עטיקער אין אים האָט אָפּגערעדט פון סתם זינגען לשם עסטעטיק. האָט דעריבער לײוויק נישט געקענט שרײבן זײנע לידער און פּאָעמעס — ווײס ווי שניי, „ווייל איך האָב פאַרדעקט בלוט מיט זײ״.

אַנדרעי זשיד האָט אַ מאָל באַמערקט, אַז בײם לעצטן זײטל פון יעדן אײנעם פון זײנע ווערק האָט זיך אים געוואָלט צושרײבן: „דער אַממײנסטן וויכטיקסטן טײל דאַרף נאָך געזאָגט ווערן״. און דאָס איז נישט געווען סתם אַ זאָג צוליב עניוותדיקײט, נאָר פון קינסטלערישער אומגעזעטיקטקײט.

לײוויק האָט זײן דיכטערישע אומגעזעטיקטקײט אַרויסגעזאָגט אַ מאָל פאַר אברהם סוצקעווער: „איך האָב אָנגעשריבן אין מײן לעבן הונדערטער און הונדערטער לידער, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס אמתע ליד האָב איך נאָך נישט באַשאַפן״.

אָבער זײן גרויסקײט ליגט נישט אין אײנצלנע, גרויסע, קינסטלערישע שאַפונגען, נאָר אין דעם אַלגעמײנעם סך־הכל פון דער לײוויקישער גײסטיקער עקזיסטענץ; עס ליגט אין זײן קינסטלערישן געוויסן, וואָס האָט פּערזאָניפיצירט דעם געוויסן פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם זין פון אמת און צדק, באַהויכט מיט אחריות פאַרן מענטשלעכן גורל און פאַר דער וועלט. אין זײן דיכטערישער עקזיסטענץ זענען פאַראַן די ענטפערס

אויף די פראַגן: וואָס איז אַ פּאָעט? ווי אַזוי באַווייזט ער זיין אידענטי־פיקאַציע־צייכן? און ווי אַזוי קען ער דערקענט ווערן?

דיכטונג קען נישט אָפּנאַרן. אויב עס איז עכט, קאָמוניקירט זיך עס דורך לעבעדיקער וויברירונג פון קלאַנג און קאָליר, פון איבערלעבונג און וויזיע, וואָס פאַרמאָגט לעבעדיק בלוט און פלייש. דיכטערישע שטים און קלאַנג פאַרמאָגט באַגלייט־טענער, וואָס גיבן צו דימענסיעס, עמאָציעס, אַטמאָספער און פּלאַסטישקייט פון אַ ביי־געשאַפענער ווירקלעכקייט. קיין שוואַרצקינצלעריי, מיט אַרויסצי׳ען טייבעלעך און סטענגעס פון אַרבל וועט דאָ נישט העלפן. קיין האַפט קען עס זיכער נישט האָבן..

לייוויק איז פרי׳ער פון אַלץ אַ ליריקער. ער אַנטפּלעקט זיך דורך דער לירישער, טיפער עמאָציע פון זיין ליד. אין זיינע ברייט־פאַרמאָסטענע פּאָע־מעס און דראַמעס איז אויך דאָ אַ ליריש־ריטמישע רעוואָלאַציע, אָבער זייער קראַפט ליגט אין דער דיכטערישער סובלימירונג פון די לעבנס־פּראָבלעמען אין אַ נייער געשטאַלטיקונג. ער האָט מיט דער הילף פון מיטאָס געפורעמט אַ מעטאַפיזישן אַספּעקט איבער די לויערנדיקע סכנות פון דער מענטשלע־כער עקזיסטענץ, די אַלטע לעגענדעס און געשטאַלטן אַרומגענומען מיט היינטצייטיקע, נייע דערפאַרונגען און אַנטוויקלונגען פון פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע פּראָצעסן. דורך זיינע ווערק האָט ער געפורעמט און פאַרסכהכלט זיין דור און עפּאָכע. אין טייל שאַפונגען איבערראַשט ער אונדז מיט זיינע פאַרגעפילן פון דער צוקונפט, מיט זיינע שפּירונגען פון מיסטעריעזן און אַפּאָקאַליפּטישן, וואָס ער האָט אַזוי אינטוי׳טיוו אויפגענומען. ווען זיין דיכטעריש וואָרט גראָבט טיפער, דאַן ווערט עס סימבאָליק, וואָס רעדט צו אונדז אויף פאַרשידענע פלאַכן.

רעדן מיר איצט פון לייוויקן, דאַרף מען נאָך צו זיין פולער גייסטיקע־עקזיסטענץ אויך מצרף זיין דעם לייוויק שבעל־פּה מיט זיין ליריש־ריטמי־שער עקספּרעסיע, וואָס האָט דערגרייכט צום אינערלעכסטן פון אונדזער וועזן.

פיל פון זיינע בעל־פּה־אַרויסטרעטונגען זענען פּרעכטיקע פּאָעמעס מיט טיפקייט און שיינקייט. לדוגמא, לייוויקס רעדע אויף אַ כינוס אין ירושלים; זיין באַוווסטע רעדע צו דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, צו וועלכער ער האָט געזאָגט: „איך רעד נישט ווי אַ פרעמדער. איך בין אַן אייגענער, אַפילו ווען איך בין דאָ נישט געווען. אַרבעטנדיק אין די שעפּער פון ניו־יאָרק, פירנדיק אונדזער קאַמף פאַר יידישע רעכט און עקזיסטענץ, פאַרן

יידישן וואָרט און קיום אין ניו־יאָרק און אין וואַרשע, פּאַריז און בוענאָס־אײרעס, האָבן מיר אויך געבויט ארץ־ישראל. פּונקט ווי איר, בויענדיק דאָ די קבוצות, דעם פּאָרט און יעדע גאַס, בויט דאָס יידישע לעבן אומעטום״.
ער האָט אַלע ברענענדיקע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן: פאָלק, לאַנד, שפּראַך, קולטור אויפגענומען אין פּראָצעס פון אַ צונויפגעשלאָסענעם קרייז, וואָס יידישע געשיכטע מאַכט איצט דורך. ישראל און די תפוצות אין זייערע באַזונדערע לעבנס־ליניעס מוזן זיך פאַרקניפּן ערגעץ־ווו און זיך איינשליסן אין דעם קרייז פון יידישער געשיכטע.

ייד־מענטש־וועלט־קריזיסן אין לייוויקס ווערק

די געשיכטע פונעם מענטש אין קריזיס,
די אייביקע געשיכטע פון דער נשמה,
איז קיין מאָל נישט טויט. עס גייט אָן.
עס איז געראַטעוועט געוואָרן און עס וועט
ראַטעווען און מאַכן אומשטערבלעך די אַלע,
וואָס גלויבן אין איר שליחות.

(פלאַטאָ אין „רעפּובליק")

זיין גאַנץ שעפעריש לעבן האָט זיך לייוויק געראַנגלט מיט די קריזיסן פון דער מענטשלעכער נשמה. די דערקענטעניש פון אָט דעם קריזיס האָט ער דיכטעריש געפורעמט, און, ווי פּלאַטאָ, געגלויבט, אַז ס'איז מעגלעך אַן אויסוועג. לייוויק האָט טיף אין האַרצן געטראָגן די וויזיע פון ליכט, וואָס קומט אַן ביים אַרויסגיין פון אַ לאַנגן פינצטערן טונעל. אָט די ליכטיקע האָריזאָנטן שטראַלן אַרויס פון זיינע ווערק און פון זיין פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געזוכט צו פאַראַנקערן דאָרטן, ווו ס'איז דאָ אמונה אין ייד־מענטש־וועלט. ער האָט צוזאַמען מיט זיינע העלדן אַראָפּגענידערט אין תהום פון ליידן און צוזאַמען מיט זיי געזוכט „ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען זיך פון תהום געלייטערטע".

„אַבעלאַר און העלואיז"

אין אָט דער הערלעכער פּאָעמע האָט לייוויק אַריינגעגעבן דעם טיפן אָטעם פון אונדזער עפּאָכע. ער האָט באַלעבט אַ געשיכטלעכן עפּיזאָד פון קריסטלעכע נזירים אין פינצטערן מיטלעלטער, פון זייערע פּערזענלעכע דראַמאַטישע איבערלעבונגען געשאַפן אַן אוניווערסאַל־הומאַניסטישע דראַ־

מע, דורכגעגליט מיט טראַגיק און באַהויכט מיטן נביאישן כה־אמרדיקן וואָרט.

דער גרויסער פּרייגייסט, אַבעלאַר, איז צוליב זיין פרייען הומאַניסטישן דענקען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ מאַנאַסטיר־תּפיסה, כדי אים צו ברעכן, האָבן די אינקוויזיטאָרן אויך געשענדעט זיין מענלעכקייט. אַבעלאַר, ווי איוב, מאָנט חשבון ביים באַשעפער. ער לאָזט הערן זיין טיפן אויסגעשריי — די שטים נישט פון איין ליידנדיקן יחיד, נאָר פון אַלע געפּייניקטע, וואָס שרייען, בעטן און פרעגן:

„אָ, ענטפער מיר, השגחה, פאַר וואָס לאָזטו יעדן לומפּ רעדן אין דיין נאָמען? — — — דו שוויגסט, ווי אַט די ווענט, וואָס היטן מיך, און איצטער וואָלסטו נישט באַדאַרפט מער שווייגן. עס מוז דאָך זיין אַ רגע, ווען אַפילו אַ שטיין זאָל עפענען אַ מויל און נעמען רעדן, שרייען, פּראָטעסטירן און אויפשטורעמען די נאַכט. און אויב עס איז נישט אַזאַ רגע איצט, ווען שענדער טראָגט אויף זיך די קרוין פון צדק און דער געשענדעטער — דעם דאָרן פון אַ רשע — איז ווען זשע אַנדערש קען די רגע אַנטשטיין?".

דאָס זענען שאלות, אויסגעשרייען פון אונדזער צעשויבערטער, טראַגישער צייט. דער לייענער טראָגט אין זיי אַריין געשעענישן פון זיין אייגן געמיט און זכרון, וועלכע לייוויק האָט אין זיינע ווערק אַרומגענומען מיט מיטאָס און סימבאָל. דער דיכטער האָט דורך אויסגעהאַמערטע פערזן אויסגעזונגען דעם צער און צאָרן פון געפּייניקטן מענטש, וואָס שרייט צום געוויסן פון דער וועלט און די וועלט איז טויב און שטום. „גיפט און ציין", ווי עס רופט אויס מיט צער דער פאַרפּייניקטער אַבעלאַר צו זיין געליבטער העלואיז:

און די וועלט גיפט און ציין
פון פאַרפאַלענעם ניין —
האָט פאַריאָגט מיין געביין,
העלואיז.

און פאַרקריפּלט מיין גוף,
און פאַרשעמט מיין באַרוף,

און פאַרבלוטיקט מיין רוף;
העלואיז.

מיינע ביכער — פאַרברענט,
מיינע לידער — פאַרלענדט,
מיך פאַרמויערט אין ווענט
העלואיז.

אַבעלאַר, ווי לייוויקס אַנדערע גרויסע געשטאַלטן, דורך זייערע אוניווערסאַל־הומאַניסטישע לעבנס־צייכנס, פאַרווישן די גרענעץ־ליניע פון שטח און צייט, זיי שרייען אויס אין אוניסאָן מיט דעם איבערצייטלעכן מיטאָס פון דעם בעל־התהילים „אלי, אלי״, פאַר וואָס האָסטו מיך, און אונדז אַלע, — דיין אייגן וועלט און באַשאַף פאַרלאָזן?!

אויך העלואיז, די געליבטע פון אַבעלאַר, איז דורכגעדרונגען מיטן נביאישן גלויבן פון אַ נייער צייט, פון אַ גערעכטן מענטש, פאַר וועלכן „מיר זענען היינט די טרעפּ פאַר זיינע פיס״. זי, וואָס האָט פאַרוועלקט איר יונג לעבן און שיינקייט, כדי צו טיילן זיין גורל, טראָגט אין האַרצן דעם טיפן גלויבן אין נביאישן „והיה באחרית הימים״, זי גלויבט אין דעם קומענדיקן מענטש, פאַר וועלכן אונדזער דור און תקופה טראָגט אויס דעם גאַנצן טרויער, שווייגט אויס פאַר אים די גאַנצע שטילקייט.

אין אירע ווערטער צום פייניקער, צום פאַטער גריגאָרי, קלינגט אָפּ די נביאישע וואָרענונג, אַז ערגעץ־ווו אין די הימלען וויגן זיך די וואָגשאָלן פון גערעכטיקייט, און ס'איז דאָ אַן אויג, וואָס זעט און חשבונט... „פאַר יעדן קרעכץ פון ווייטיק און דערנידעריקונג, וואָס דו האָסט אונדז פאַרשאַפט, פאַר יעדן טראָפּן בלוט — אַ חשבון וועסטו געבן. מיין אויג וועט אַכטונג געבן און אין מיין האַרץ וועט אַלץ פאַרשריבן ווערן״. זי גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אַנדערש וועט די וועלט קיין קיום נישט האָבן.

לייוויקס „אַבעלאַר און העלואיז״, וואָס האָט אויפגעוועקט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אַלע טיראַנען פון דער מענטשלעכער געשיכטע, די רשעות פון מענטש צו מענטש — פאַרמאָגט אַזאַ באַצווינגענדיקע דיכטערישע קראַפט, וואָס פאַרכאַפּט דעם לייענער. דער דיכטער האָט מצליח געווען צו שאַפן די האַרמאָנישע שלמות פון אינהאַלט און פאָרעם אין זייער

אַבסאָלוטער טיפקייט. די דראַמע, אין איר אוניווערסאַלקייט איז מרמז אויף יידיש גורל, וואָס לייוויק האָט טיפער באַהאַנדלט און געשטאַלטיקט אין זיין —

„מהר״ם פון רוטענבערג״

הגם, אין דער פּאָעמע גופא רעדט זיך גאַנץ ווינציק וועגן גאָט און יידישער גורל, העגגט אָבער איבער דער דראַמע פון מהר״ם דער גורל פונעם יידישן קיום אין אַ פיינטלעכער, רשעותדיקער וועלט, וואָס האַלט די שווערד פון פאַרלענדונג קעגן יידישן גייסט.

די געשיכטע קומט פאָר אין טיפן מיטל־עלטער אין מאַינץ. אין יידישן געטאָ האָט מען מורא פאַר אַ פּאָגראָם, וואָס דער רשעדיקער מושל פון מאַינץ האָט אָרגאַניזירט קעגן יידן. און ווער איז דער מושל, אָט דער הערצאָג פון מאַינץ? אַ געוועזענער תלמוד פון אָרטיקן רב, פון מהר״ם, וואָס איז, ווי אַ משומד, דערהויבן געוואָרן צו אַ ריטער־ראַנגע. אין זיין רשעות און היהשער שנאה, זוכט ער צו שטעלן דעם ייד אויף די קני, איינברעכן זיין קיום. ער זוכט עס צו דערגרייכן מיט דער קאָנטריבוציע פון פּופציק טויזנט מאַרק, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף דער קהילה, וויסנדיק גוט, אַז זי איז דאָס נישט בכוח צו באַצאָלן. דאָס גיט אים אַ געלעגנהייט פאַר זיין רשעותדיקע ווילקיר צו מאַכן דעם מהר״ם פאַר אַן ערובניק, דורך אים — איינברעכן דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד פונעם ייד. דעם משומד גייט אין לעבן צו באַווייזן, אַז דער גורל פון ייד איז אַ געחת־מעטער און יעדער פּרווו פון קעגנשטעלן זיך איז פון פאַרויס אַ פאַר־שפּילטער.

ער באַקומט אָבער אַ ווידערשטאַנד פון זיין געוועזענעם רבין. עס איז אַ געראַנגל־פאַרמעסטונג — דער אייביק־גייענדיקער אין דער אַל־מענטשלעכער און אין דער יידישער געשיכטע — דער געראַנגל פון גוטס קעגן רשעות, די פאַרמעסטונג פון גייסט קעגן שווערד. דער מהר״ם שפּירט, אַז אין קאָן שטייט די יידיש־מענטשלעכע ווירדע: נאָכגעבן דעם מומר להכעיס, זיין שאַנטאַזש און טעראָר, זיך מבזה זיין דורך אַ געלט־אויסקויף, וועט דאָך אויסשטעלן אויף אַ הפקר־סכנה דאָס יידישע לעבן, עס וועט ווערן אַ שפּילצייג אין די הענט פון רשעותדיקן הערצאָג:

נאָר לייגן זיך אין גאַנצן צו דעם הערצאָגס פּיס...
אין זיין רשות אויף מאָרד און רשעות,
דאָס קאָן איך אוודאי נישט — דאָס וויל איך נישט.

דערמאָנט עס אונדז, וואָס עס קומט פאָר אין אונדזער צייט, וואָס רופט אַרויס אַנאַלאָגיעס ביים לייענער. דער מהר"ם האָט נאָך אַחוץ דעם אויסערלעכן קאָנפליקט מיטן רשע, אויך אַן אינערלעכן מיט זיך אַליין: דער פּראָבלעם פון קידוש־השם, וואָס מוז האָבן אַ געוויסן גרענעצפּונקט, עס זאָל נישט דערגיין צום אומקום פון אַ פאָלק:

אַז אַלע יידן זאָלן גיין אויף קידוש־השם — — —
וואָלט חלילה דאָך דאָס גאַנצע פאָלק ישראל אָפּגעמעקט
געוואָרן...
קידוש־השם איז דעמאָלט נאָר אַ מצווה,
ווען ס'איז אַ שטאַרקונג פאַר ישראל,
ווייל, איין ייד שטאַרבט על קידוש־השם,
אַ צווייטער לעבט אין זכות פון דעם.

רופט דאָס אַרויס ביי אונדז מחשבות פון די היטלער־געטאָס, און לייוויק פאַרוועבט טאַקע צונויף די דאַטעס פון 1286 און 1943. אַהאַסווער, דער אייביקער ייד און דער ייד פון דאַכאַוער קאָנצענטראַציע־לאַגער שאַפן אַ גאַנצקייט פון יידישן גורל.ביידע פאַרקערפּערן יידישע מאַרטיראָלאָגיע אין יידישן געראַנגל פאַר קיום. דער יידישער אייביקער וואַנדערער, אַהאַסווער, טרעפט זיך מיטן יונגן בחור דניאל פון דאַכאַוער לאַגער און ביידע גייען צוריק קיין מאַינץ, ווו זיי קומען אָן אין יאָר 1286. האַלט זיך דער דיכטער ביי דעם אַלטן כלל פון „אין מוקדם ומאוחר בתורה":

אַ ייד, וואָס איז אין דאַכאַו, איז אויך אין מאַינץ,
אַ ייד וואָס איז אין מאַינץ, איז אויך אין דאַכאַו,
אין איינער און דער זעלבער רגע — דאָרט און דאָ.

וויניק יידן זענען געבליבן אין מאַינץ, און נאָך וויניקער דניאלס זענען געבליבן פון די לאַגערן און בונקערס. אָבער די געבליבענע (פון

אַ מאָל און היינט) האָבן מיט זיך פאַרקערפערט דעם געשיכטלעכן ייד, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט און פאַרלוירן אַזוי פיל כוחות, אָבער נישט פאַרלוירן דעם גלויבן און ווילן ווייטער צו לעבן און שאַפן. אָט דעם נצח ישראל האָט דער דיכטער טאַקע אַרויסגעבראַכט אין זיין „מהר״ם פון רוטענבערג״. שוין אין דעם גייסט פון מהר״ם, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן מאַראַליש דעם אכזריותדיקן ווילקיר פון הערצאָג, אין דעם אַליין, האָט געשיכטע געפסקנט, איז אַרויסגעהויבן געוואָרן דער מאַראַלישער נצחון פון גייסט קעגן שווערד. אויף די בלעטער פון דער יידישער געשיכטע באַגעגענען זיך מאַינץ און דאַכאַו, די שארית הפליטהס פון יידישן אויסדויער גיבן זיך די הענט און ברענגען צום אויסדרוק דעם נאַציאָנאַלן לעבנס־אינסטינקט, וואָס האָט באַפוילן די לעבן־געבליבענע צוריק אויפצובויען דאָס יידישע הויז. זאָגט דאָך לייוויק אין זיין „חתונה אין פערנוואַלד״ (ווען ער לייגט אַריין אין הירשס מויל די ווערטער): דאָס, וואָס יידישע ליפּן גיבן נאָך היינט אַ שמייכל — — — איז פאַר זיך אַליין אַ גאולה־דראַמע״.

דער קינסטלערישער גאַנג פון אַ יידיש־דיכטערישער פערזענלעכקייט

יעקב גלאַטשטיינס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור וועלן מיר אָנהייבן פון איבער פופציק יאָר צוריק, ווען ער איז אָנגעקומען פון לובלין קיין ניו־יאָרק אין עלטער פון אַכצן יאָר, מיטברענגענדיק אין זיין באַגאַזש לידער און דערציילונגען פון אַן אָנפאַנגער־שרייבער און אויך אַ היפש ביסל יידיש וויסן און געוויסן.

אין יענער צייט, האָט אָפּאַטאָשו דערציילט, איז ביי אייניקע יונגע שרייבער געווען אַ חנדל־טענדענץ נישט צו לערנען זיך די ענגלישע שפּראַך, כדי זיך נישט צו אַמעריקאַניזירן, אָבער דער יונגער יעקב גלאַט־שטיין האָט באַלד פון זיינע ערשטע טריט אינעם נייעם לאַנד געוואָלט באַהערשן די ענגלישע שפּראַך. ער האָט אָנגעהויבן שטודירן אויפן יורידישן פאַקולטעט און געטרוימט צו ווערן אַן אַדוואָקאַט. האָט אָבער זיין שר אין הימל געלייגט אַ וועטאָ און דעם יונגן בחור אָוועקגעשלעפּט פון אַדוואָ־קאַטור, אים פאַרקנסט מיט זיין באַשערטער און געליבטער — מיט דער יידישער ליטעראַטור.

אין „מיינע פאַרטאָג־ביכער", דערציילט גלאַטשטיין אַן עפּיזאָד פון קלאַס־צימער. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ און ווען סטודענטן פלעגן פאַרצייכענען די רייד פון פּראָפעסאָר, פלעגט ער אויפן פּאַפּיר אָנוואַרפן פערזן מיט לאַטיינישע אותיות, כדי נישט אַרויסצורופן פאַרדאַכט ביי זיינע חברים־סטודענטן. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז זיין שכן, ראַביי קאַץ, האָט צוליב אַ פאַרשפּעטיקונג אויף דער לעקציע אַ כאַפּ געטאָן גלאַטשטיינס נאָטיצן נאָכצושרייבן דעם פּראָפעסאָרס ווערטער. עס איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען ער האָט דערזען די „נאָטיצן". ער האָט אַ קוק געטאָן אויף גלאַטשטיינען מיט אַזאַ טרויעריקער מינע, ווי אויף אַ פאַרמשפּטן, האָפענונגסלאָזן שלימזל...

איך ווייס נישט ווי אַזוי גלאַטשטיין וואָלט אויסגעזען אַלס אַדוואָקאַט, וואָס ער וואָלט דערגרייכט אין דער בראַנזשע, אָבער מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ פּאָזיציע ער האָט דערגרייכט אין דער יידישער ליטעראַטור, נישט נאָר אַלס פּאָעט, נאָר אויך אַלס דערציילער, ליטעראַטור־קריטיקער, עסייִסט און פּובליציסט — אין אַט די אַלע זשאַנערן ווו ער האָט זיך צעבליט און צעוואָקסן.

אין די ראַמען פון דער אַרבעט, קענען מיר זיך נאָר דערלויבן צו כאַפּן אַ בליק אויף די שעפערישע עטאַפּן, מאָטיוון און גייסטיקע הויכפּונקטן פון זיין דיכטערישן גאַנג במשך פון דעם לעצטן, שטורמישן האַלב־יאָר־הונדערט, אָנהייבנדיק פון זיין ליד, וואָס הייסט „1919", אין וועלכן, דער דאַן יונגער פּאָעט, פּרוווט דיכטעריש פּראָזשעקטירן דעם כאַראַקטער פון יענער צייט, דעם כאַאָס, די צעטומלטקייט פון יחידישן מענטש, וועלכער פילט זיך צעטראָטן אַן אַ שפּור:

די לעצטע צייט איז קיין שפּור נישט מער געבליבן
פון יענקל ברב יצחק,
נאָר אַ קליינטשיק פּינטעלע אַ קוילעכדיקס,
וואָס קייקלט זיך צעדולטערהייט איבער גאַסן.

ער האָט זיך צוגעקוקט צום באַלשעוויסטישן פּסיכאָז, וואָס האָט דאַן פאַרכאַפּט די מאַסן און אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ ווען אַ וועלט איז געוואָרן צערודערט:

און איינער מיט אַ לאַנגער צונג
האָט מיט אַ שטיק רויט מיינעברילן אויף אייביק באַפּלעקט
און רויט, רויט, רויט,
איר הערט:
אַט די טעג וועט עפּעס אַזוינס אין מיין קאָפּ פּלאַצן
און מיט אַ טעמפּן קראַך זיך אַנגעצונדן דאָרט...

גלאַטשטיין האָט באַלד ביי זיין בראשית זיך שוין געשטעלט די אויפגאַבע אַריינצונעמען אין זיך די וועלט, זי דורכלייכטן דורך זיין אייגענעם איך. ער פּרוווט דיכטעריש באַנעמען די ווערטן און דעם גורל

פון יחיד אין דער עפּאָכע פון וועלט־שטורעמס און וועלט־כאַאָס, און ער באַגרייפט, אַז שרייבנדיק וועגן זיך, פון זיינע פּסיכישע וויבראַציעס און רעאַגירונגען, דאַרף עס אויך כולל זיין די צייט, אין וועלכער ער לעבט און שאַפט.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן דעם טראַדיציאָנעלן, יידישלעכן אי־דיאָם — „יענקל ברב יצחק" אין אַ נישט ספּעציפישער יידישער טעמאַטיק. אין דעם ליד איז דער יונגער דיכטער שוין געקומען מיטן פרייען פערז און דערמיט מורד־במלכות געווען קעגן דער ליניע פון די „יונגע", וועלכע האָבן שוין געהאַט פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער יידישער פּאָעזיע און האָבן זיכער דערוואַרט אַ נאָכגייער אין דעם יונגן יעקב גלאַטשטיין. אָבער גלאַטשטיין האָט נישט געהאַט בדעה צו זיין אַ נאָכגייער נאָך וועל־כער עס איז ריכטונג, נאָר אַ גייער אויף אַן אייגענעם דרך, באַקאַנט אין דער יידישער דיכטונג אַלס „אינזיכיזם". צוזאַמען מיט די צוויי אַנדערע פּאָנטרעגער פון אָט דער ריכטונג — גלאַניץ־לעיעלעס און נ. ב. מינקאָוו — איז גלאַטשטיין געקומען מיט נייע ריטמען אין זיין ליד.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אַריינצוגיין אין דעם גרויסן וויכוח צווישן די „יונגע" און „אינזיכיסטן". רעטראָספּעקטיוו קען מען צו ביידע שיטות אָנווענדן דעם טראַדיציאָנעלן זאָג: — „אילו ואילו דברי אלוהים חיים". די טאַלאַנטפולע פּאָעטן פון די „יונגע" האָבן דערהויבן דאָס יידיש־דיכטערישע וואָרט צו קינסטלערישע הויכקייטן פון דער וועלט־פּאָעזיע. זייער שטרענג־מעטרישער פערז, זייער אויסניגונגען דאָס עמאָציאָנעל־עס־טעטישע, די דוכטענישן, בענקשאַפטן, סוגעסטיעס, אַסאָציאַציעס, האָט געכישופט און געשאַפן אַן אַרעאָל פון קדושה און מיסטעריע אַרום זייער פּאָעטיש שאַפן. זייערע בעסערע לידער האָבן פאַרמאָגט פיל קינסטלערישע וואַליאָרן, אָבער אויך אַ גרויסן חסרון: עס איז געווען ווי אַ פּרעכטיק זייגערל, וואָס האָט נישט קיין וויזערלעך צו ווייזן די צייט. זיי זענען געווען הונדערט פּראָצענט גערעכט אין אַקצענטירן, אַז דער יחיד איז דער שליסל צו אַלע מענטשלעכע אידעאַלן און האָפענונגען. אָבער דער יחיד איז נישט קיין אינדזל אָפּגעטיילט פון דער וועלט. ער טאָר זיך נישט אָפּצוימען פון איר מיט זיין איכישקייט, נאָר די וועלט אַריינגעמען אין זיך, און דאָס האָט גלאַטשטיינען מיט זיינע אויבן דערמאָנטע קאָלעגן־פּאָעטן געפירט צום „אינזיכיזם".

*

אין 1921 האָט גלאַטשטיין פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן בוך און אים אָנגערופן: „יעקב גלאַטשטיין". דער נאָמען פון בוך האָט מער ווי איבער־ראַשט. דערמיט האָט דער פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער מחבר געוואָלט דערלאַנגען זיין וויזיט־קאַרטע מ'זאָל געבן אים אַ פּלאַץ אין דער שוין־ענגלעכער פּאָעטישער באַלעבאַטישקייט. נישקשה, האָט די וויזיט־קאַרטע אָנגעמערקט, מען קען זיך אַ ביסל פאַנאַנדעררוקן...

אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג הערט מען די טריט פון יענער צייט: די פּאָגראָמען אויף יידן נאָכן ערשטן וועלטקריג, די פּוילישע „האַלערטשי־קעס", וועלכע האָבן געוואָרפן יידן פון די באַנען און אַלס צולאָג — זייערע בערד געריסן. אין זיין ערשטלינג, ווי אין זיינע שפּעטערדיקע קרוב צוויי צענדליק ווערק — שוין מיט פיל מער פּאָעטישער דערפאַרונג און קינסט־לערישער רייפקייט — האָט גלאַטשטיין באַוויזן, אַז די פשוטסטע אמתן קענען דורך דער פּען פון אַן עכטן דיכטער דערשיינען אין אַ ביז־איצטער נישט באַמערקט ליכט, וואָס פאַרוואַנדלט לעבן אין ליטעראַטור און ווו ווירקלעכקייט און סימבאָלן מיניען זיך מיט איבעראַשנדיקע פלוצעמדיקע דורכלויכטן און רמזים.

להיפוך צו די „יונגע", באַנוצט זיך נישט גלאַטשטיין אין זיין ליד מיט אַן אָפּטייקאַרסקער וואָג. אויך דאָס זינגעוודיקע איז ביי אים אַ זיווג פון באַשרייבערישן און דערציילערישן. בכלל האָט זיין דיכטונג אַריינגע־בראַכט אַ נייע פּאָעטישע דיקציע, אַריינגעפירט אין דער פּאָעזיע פּראָזאַישע עלעמענטן, צו באַהעפטן דאָס אינטעלעקטועלע און געדאַנקלעכע מיטן געפיל, און דאָס אַלץ, כדי עס זאָל אויסדריקן אונדזער צייט מיט אַלע אירע ריסן און צעשויבערטקייטן. דאָס איז אין הסכם מיט דעם גייסט פון דער היינטיקער וועלט־פּאָעזיע, וועגן וועלכער אַן ענגלישער קינסטלער האָט נישט לאַנג צוריק אַזוי געשריבן: „מייקל אַנדזשעלאָ איז אפשר געווען דער גרעסטער קינסטלער, וועלכער האָט ווען עס איז געלעבט. אָבער אויב מיר זאָרגן אויפריכטיק וועגן קונסט, קענען מיר נישט לעבן היינט אויף דער קעסט פון זיין שפּייז. מיר בייטיקן זיך אין מאָלערס און סקולפּטאָרן פון אונדזער צייט, וואָס זאָלן אונדז גופא אויסדריקן אין זייער שאַפן".

זעען מיר אין גלאַטשטיינס שאַפן די ספּאָנטאַנע דיכטערישע רעאַקציע אויף צייט־געשעענישן און אַ דירעקטקייט, וואָס ברענגט דאָס לעבעדיקע און צאַפּלדיקע — וויזועלע רעאַליטעט גלייך צום לייענער מיט דעם חותם פון פּאָעטישער אויטענטישקייט.

*

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די וועלט גייט צו אַ נאָרמאַלן, סטאַביליזירטן סדר און זי פאַרהיילט אירע וווּנדן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון די רעוואָלוציעס. אויך דאָס יידישע לעבן איז געקומען צו זיך דורך אַ פּאַמעלעכדיקן ווידעראויפבוי פון די צעשטערטע יידישע פּאָזיציעס. האָט טאַקע גלאַטשטיין אין יענעם פּעריאָד, אין עטלעכע ביכער־לידער, געשריבן מיט אַן אַנדער געמיט: גוטמוטיקע איראָניע, לייכטן און שאַרפן סאַרקאַזם. ליבע־מאָטיוון, שפּאַסיקע און סתם פריילעכמאַכנדיקע לידער — זענען געגאַנגען געאַרעמט מיט גרויס־שטאָטישע, אוניווערסאַלע מאָדערנע מאָטיוון. ביי דער פאַרשיידנאַרטיקער טעמאַטיק פון ערנסטקייט מיט גראָטעסק, פון לירישער מאָלעריי און פון עפּישן דערציילן; פון אַנדערשקייט אין דער פּאָעטישער לעקסיק, דיקציע, סטיל, דינאַמיק און אידיאָם — שפּיגלט זיך אָפּ דער ייד און וועלט־מענטש, דער דיכטער מיט זיין יידישן געמיט און באַוווּסטזיין, דער אָריגינעלער עקספּערימענטאַטאָר פון יידיש־דיכטערישן וואָרט — יעקב גלאַטשטיין.

עס איז באמת כדאי נאָך אַ מאָל אַריינצוקוקן אין אָט די ביכער־לידער און אַריינזאַפּן אין זיך די שפּראַך־קוואַליטעט, די עמאָציאָנעלע פולקייט, די מוזיקאַלישע אידיאָמאַטישקייט פון די בעסערע לידער. פון די לידער און פּאָעמעס, ווו דאָס סכעמאַטישע איז באַקליידט געוואָרן מיט דיכטעריש בלוט און פלייש; לידער — סקולפּטוראַרטיקע, מעלאָדיש־אינסטרומענטירטע מיט פּרעכטיקע מעטאַפאָרן, אימאַזשן, אַלוזיעס און אַסאָציאַציעס; מיט אויפפלאַם פון פּאָעטישער פאַנטאַזיע — און אַזעלכע לידער איז כדאי נאָך אַ מאָל צו לייענען, געניסן פון זייער שיינקייט און פּאָעטישער עשירות.

גיי איך איבער צו דער צווייטער פאַזע פון גלאַטשטיינס שאַפן — ערב, בעת און נאָכן גרויסן יידישן חורבן: די שווידערלעכע אויפטרייסלונג נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט און דער טרויעריקער פינאַל בעתן צווייטן וועלטקריג — אין אָט די יאָרן איז גלאַטשטיין איינע פון די סאַמע עמ־

פינדלעכסטע דיכטערישע סטרונעס פונעם יידישן לעבן. ער איז איינער פון די רעפּרעזענטאַטיווסטע אין דער יידישער חורבן־ליטעראַטור, וואָס האָט מיט קינסטלערישע מכשירים באַהאַנדלט די אבילות פון אונדזער פאָלק. גלאַטשטיין איז געוואָרן טיפער, ערנסטער, אחריותפולער אין זיין שעפערישן וואָרט.

זיין ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט", האָט בשעתו אַרויסגערופן דעם טיפסטן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער יידישער וועלט, מיט דיסקוסיעס און אַרטיקלען פאַר און קעגן. אַנדערע לידער זיינע, נישט אַזוי פּאָפּולאַריזירט, האָבן אויסגעדריקט די שרעק־שטימונגען און אַנגסטיקע אומהיימלעכקייטן, וואָס דער דיכטער האָט מיטגעבראַכט פון זיין באַזוך אין פוילן, און באַזונדערס, פון זיין היימשטאָט לובלין — אַ באַזוך, וואָס האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט צוויי מייסטערהאַפטע, בעלעטריסטישע ווערק (די נאָוועלן „ווען יאָש איז געקומען") — ווערק, וועלכע טיילן זיך אויס אין דער יידישער בעלעטריסטיק מיט זייער פּרעכטיקער אַנדערשקייט. די גלענצנ־דיקע שילדערונגען און כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן און סיטואַציעס, די סובטעלע ניואַנסן פון איבערלעבונגען און דער אופן פון שילדערן זיי. נאָך מער: דער אופן ווי אַזוי גלאַטשטיין מישט אַלכעמיש צונויף סימבאָליזם און רעאַליזם — איז ביז גאָר מערקווערדיק! אויך זיין רעאַליזם איז דאָך נישט דאָס אויבערפלעכלעכע פון אויג, נאָר דאָס אינעווייניק־אַריינגעדרונ־גענע אין דאָס אומזעבאַרע.

איך דערלויב זיך נישט צו ברענגען ציטאַטן פון די בעלעטריסטישע ווערק, ווייל איך וויל אָפּשפּאָרן פּלאַץ אויף ציטירן פון אייניקע לידער, וועלכע לייכטן דורך דעם פּרצוף־פּנים פון דעם אבל־דור נאָכן חורבן, ווען דער דיכטער גייט אַרום צווישן די אומגעבראַכטע און ער קוקט אַריין:

אין אויגן־לעכער פון יעדער סקעלעט.
וועלט, צענדליקער יאָרהונדערטער
האָסטו אין וואַסערע צען יאָר פאַרשענדט,
מיליאָנען ביכער האָסטו אויף אייביק פאַרברענט.
(„שטראַלנדיקע יידן" ז' 5)

נאָך דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע האָט זיך אין דער יידישער חורבן־ליטעראַטור אַרויסגעריסן ביי אייניקע פּאָעטן גאָט־

לעסטערנדיקע לידער אַלס אויסדרוק פון צער־אויסגעשריי קעגן דעם וואָס איז געשען מיט אונדזער פאָלק.

יעקב גלאַטשטיין לעסטערט נישט, נאָר טענהט זיך אין זיין ליד אויס מיטן יידישן גאָט.

אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.
ווייל זינט אברהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע יידישע פּנימער געברענט,
פון אַלע יידישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפורעמט אין אונדזער געשטאַלט,
אין יעדן לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער יידישער גאָט.
און יעדער צעשמעטערטער יידישער קאָפּ
איז אַ פאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווייל מיר זענען געווען דיין ליכטיק געפעס,
דער וואַרצייכן פון דיין ממשותדיקן נס.
(„שטראַלנדיקע יידן" ז' 37)

דאָ האָט איר תפילהדיקע דיכטונג, אָן אַנדער נוסח פון אַ תפילה־זכה, אין וועלכער דער יידישער דיכטער ווערט דער שליח־ציבור און מיט אַ קול דממה דקה דערציילט ער: — מיר זענען דאָס פאַרשעמטסטע, גע־פלעפסטע פאָלק אויף דער ערד... און „וויפל חורבן דאַרף אַ פאָלק פאַר־טראָגן, אַז ס'זאָל אין אויפבוי אַליין נאָך גלייבן". אין אָט דער איינער שורה גיט אַ שיין דורך אונדזער דור מיט זיינע מחשבות און שטימונגען, פאַרצווייפל און בטחון, וואָס האָבן יאָרן גערייפט און זיך משפיע געווען.

ביי גלאַטשטיינען טרעפט מען אָפט דעם שטאַרקן אויפבליץ פון אַן איינציקער שורה און פון „אַ וואָרט, וואָס ווערטלט זיך". זיין וואָרטקראַפט און פאָעטישער אימפּולס איז באַמייסטערט און דורכגעלויכטן מיט אַ באַ־זונדער ליכט.

וועל איך נישט ברענגען דאָ ציטאַטן צו אילוסטרירן דעם אייגנאַרטיקן פלאַטער פון דעם דיכטערישן אויסדרוק, און געדאַנקלעכע אַנגעלאָדנקייט, פון אַזאַ פּאָעמע, ווי „דער בראַצלאַווער זינגט ניגונים". איך האָב די פּאָעמע אַ פּאָר מאָל פאַרגעלייענט פאַר שילער פון אַ יידישער שול, און איינער פון זיי, האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן, אַז אין די צווייי שורות:

„כ'וועל דיר מגלה זיין אַ סוד, נתן,
דאַוונען מנחה דאַרף מען קענען" —

אַנטפּלעקט זיך אַ וועלט אַ גאַנצע. עס איז יידיש באַהאַרצט, מיט אַזאַ פולקייט פון קלאַנג און פאַרב, באַהויכט מיט זאַפטיקער טראַדיציאָנעלער פאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז אַזוי אייגן חסידות.

איז דאָך פּאָעזיע אַ פאַרבינדונג פון וואָרט מיט סוגעסטיעס און אַסאָ־ציאַציעס, וואָס גיבן אונדז אַ נאָכקלאַנג לאַנג נאָכן לייענען דאָס ליד. אָט דעם נאָכקלאַנג הערן מיר אין די בעסערע לידער. זייער ניגון, מע־טאַפאָרן, אימאַזשן, די ניואַנסן פון געפיל און געדאַנק, אָרקעסטרירט אין דעם לידער־בוך „אין דעם מאָטנס שאָטן". לייכטן אַרויס אַזעלכע שעדע־ווערס: „פאַראַן אַזאַ געקעכץ ווי הונגער", „דאַוונען מנחה" און אַנדערע בראַצלאַווער לידער, און עס טיילן זיך באַזונדערס אויס מיט זייער טראַ־גישער שיינקייט די בעסערע לידער פון „די שטראַלנדיקע יידן", — אין זיי, ווי אין די אַנדערע ווערק, האָט יעקב גלאַטשטיין געפורעמט זיין יידישן וועלטגעפיל, דעם אומרו פון יידישן פּאָעט איבער דער צערודערטער יידישער נשמה, די אַנונגען, שפּירונגען, טראַגיק און סוד פון אונדזער זיין, פון טראָגן דעם עול, וואָס געשיכטע האָט אונדז באַשערט.

✶

דער יצר־הרע רעדט שטאַרק צו, איך זאָל מער ציטירן פון גלאַט־שטיינס לידער־ביכער. ער האָט טענות צו מיר, פאַר וואָס איך לאָז דורך די „געדענק־לידער", בפרט זיין לידער־בוך „די פרייד פון יידישן וואָרט", (וועלכן דער פּאָעט און עסייאיסט אליעזר גרינבערג האָט גלענצנד אַדורכ־גענומען אין זיינס אַ גרעסערער אַרבעט). איך מוז אָבער אין דעם פאַל זיך קעגנשטעלן דעם יצר־הרע, אפילו נישט ציטירן אַזאַ שיין ליד „זינגעג־דיקע שאַרפן" — כ'וויל אָפּגעבן דעם שפּאַרזאַמען פּלאַץ אויף אַנאַליזירן גלאַטשטיינס שפּראַך־חידושים, אויפטוען פאַרן יידיש־דיכטערישן וואָרט,

און ווי ווייט מעגלעך — אויך אויף זיין קריטיק און עסייִסטיק — צווייזשאַנערן, ווו יעקב גלאַטשטיין גלאַנצט גאַר שטאַרק אַרויס. כ׳מיין דאָ זיינע ביכער: „אין תוך־גענומען" און „מיט מיינע פאַרטאָגביכער".

קודם כל וועגן זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט: פּאָעטישע דיקציע טאָר קיין מאָל נישט ווערן סטאַטיש. שפּראַך איז ווי אַ שטאַמיקער בוים און ווערטער זענען ווי בלעטער. אין לויף פון יאָרן ווערן ווערטער אָפּגענוצט, זיי ווערן ווי אַלטע בלעטער, וואָס פאַלן אַראָפּ און נייע פאַרנעמען זייער אָרט אויפן זעלבן שטאַם. אָבער די אַלטע בלעטערשאַפט פאַלט נישט אַראָפּ פאַר איין מאָל, עס מישן זיך אויס אַלטע מיט נייע. דער זעלבער פּראָצעס קומט אויך פאָר מיט דעם דיכטערישן לשון. פּונקט ווי די מענטשלעכע דערפאַרונג ענדערט זיך, מוז עס אויך פאַרקומען מיט דער עקספּרעסיע פון דער פּאָעטישער שפּראַך, וואָס זאָל קענען אויסדריקן די געענדערטע דערפאַרונג. דער דיכטער קען זיך נישט סומך זיין בלויז אויפן אויסגעפּרוווטן פּאָעטישן וואָקאַבולאַר פון זיינע פאָרגייער. ער דאַרף זיך נישט אָפּשרעקן צו זיין דער ערשטער אין באַנוצן נייע ווערטער, פאַראייניקן זיי מיט אַלטע, שאַפן אַ נייעם שעפערישן, פּאָעטישן אויסדרוק. און דאָ קומען מיר צו צו יעקב גלאַטשטיינס אויפטוען.

גלאַטשטיין איז אַ געבוירענעם שפּראַך־ווירטואָז און ר׳איז כסדר שעפעריש נישט נאָר ביים שאַפן זיין אייגענעם אידיאָם, נאָר אויך אין באַרייכערן דאָס יידישע לשון ווי אַ קינסטלערישן אינסטרומענט. ש. ניגער האָט גאַנץ טרעפלעך באַמערקט, ווען ער שרייבט וועגן גלאַטשטיינס וואָרט־מייסטערשאַפט, אַז דאָס ליגט נישט אַזוי אין די ווערטער וואָס ער נוצט, „נאָר אין דעם אופן ווי ער פאָרט זיי; אין דער גראַציע, מיט וועלכער ער גיט זיי אַ שטעל, אַ כאַפּ, אַ וואָרף. דער איינפאַכסטער אויסדרוק, אָדער אידיאָם, ווען גלאַטשטיין גיט אים כישופדיק אַ קער אין אַ זייט, אַ דריי אויס — לייכט ער פלוצלונג אויף און צעשמייכלט זיך מיט די לעבעדיקסטע שמייכלען" (ש. ניגער, „קריטיק און קריטיקער").

נישט איין מאָל ווערט מען געפּלעפט־איבערראַשט פון גלאַטשטיינס אַ וואָרטאויסדרוק אָדער פּאַראַדאָקס! זיינע זוכענישן פון אַן אייגענער, עכטער, יידיש־אידיאָמאַטישער דיקציע, האָבן געפירט זיין פען צו עקספּערימענטאַלע אינאָוואַציעס, צו אַנדערשקייטן אין דער וואָרטקונסט. איז דאָך די אַנטוויקלונג פון דער יידישער וואָרטקונסט אין די לעצטע פופציק יאָר ממש פענאָמענאַל, און גלאַטשטיין האָט דורך דער

צייט אַ גרויסן צושטייער געגעבן צום באַרג־אַרויף. ווייל צייט, האָט ווער באַמערקט, איז ווי אַ באַרג: אָדער מען דערגרייכט דעם שפּיץ, אָדער מען גליטשט זיך אַראָפּ...

דער קינסטלער און שפּראַך־מייסטער יעקב גלאַטשטיין האָט טאַקע לשון געגומען ביים פאָלק, אָבער אים צוריק געגעבן נייע, אייגענע איבער־געשאַפענע שיינקייטן, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער אַלע זיינע ווערק.

✶

וועגן גלאַטשטיינען דעם קריטיקער און עסייִסט איז דאָ אַ סך וואָס צו זאָגן. מען מוז נישט מסכים זיין מיט אַלע זיינע מיינונגען, באַהויפּטונגען, באַגרינדונגען, כדי צו אָנערקענען זייער סטימולירנדיקן כוח, וואָס באַוועגט דעם לייענער נאָכצוטראַכטן און זיך פאַרטראַכטן. גלאַטשטיין פאַרמאָגט אין זיך דעם כוח תמיד מיט עפּעס צו באַנייען אָפּילו אַן „אויסגעשריבענע" טעמע. דאָס הייסט נישט, אַז ער איז אין זיין קריטיק תמיד גערעכט. גלאַנץ־לעיעלעס האָט אַ מאָל באַמערקט, אַז „גלאַטשטיין מאַכט אָפּילו נישט דעם אָנשטעל, אַז ער איז עפּעס אַ גאָט־באַשטימטער שופט, וואָס דער אויבער־שטער אַליין האָט אים געשיקט צו משפּטן מיט אַ וואָגשאָל אין דער האַנט — ווענען מיט אַ קוש און ווענען מיט אַ שמיץ".

גלאַטשטיין גופא באַטאָנט זיין סוביעקטיווע קריטיק, און ער איז זיכער גערעכט, אַז מען קען נאָר פאָדערן פון אַ סוביעקטיוון קריטיקער, ער זאָל נישט האָבן קיין אַנדער פאָראורטייל, ווי די אומקאָמפּראָמיסלעכקייט פון זיין אייגענעם הויכן געשמאַק. אָדער: „אַ קריטיקער קען נישט באַהויפּטן צו זיין אַ מענטש אָן אַ גאַל, אָבער ער טאָר אויך נישט זיין אַ גאַל אָן אַ מענטש. (און אויף אַן אַנדער אָרט) צו פיל גוטסקייט איז נאָך אַלץ נישט אַזאַ חסרון פאַר אַ קריטיקער, ווי צו פיל שלעכטסקייט". („אין תוך גע־נומען").

„כ׳טו דערמאָנען״ — אַן אויפזאַמלונג פון יעקב גלאַטשטיינס חורבן־לידער

יעקב גלאַטשטיין איז באַוווסט ווי איינער פון אונדזערע רעפּרעזענ־טאַטיווסטע דיכטער אין דער יידישער ליטעראַטור. זיינע צערפּולע לידער און פּאָעמעס האָבן אין זייערע קינסטלערישע הויכפּונקטן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ יידיש־לשונדיקער ליטורגיע, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך געטאָ־רעדנער און רעציטאַטאָרן אויף די טרויער־אַקאַדעמיעס.

גלאַטשטיין האָט דעם צער און די אבילות פון פאָלק אַרויסגעבראַכט אויף אַזאַ אופן, וואָס טיילט אים אויס פונעם גאַנצן אַרום אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור. נישט נאָר וואָס זיינע „איכה״־לידער קענען נישט פאַרטוישט ווערן מיט קיינעם פון אונדזערע אַנדערע מקוננים, אַפילו זיינע אייגענע טיף־דיכטערישע חורבן־פּאָעמעס, כאָטש זיי קומען אַרויס פון איין־און־דער־זעלבער פּאָעטישער שטים, טיילן זיך גאַנץ בולט אויס איינע פון דער צווייטער אין זייער געדאַנקלעכקייט און עמאָציאָנעלער פולקייט פון השתפכות־הנפש. גלייכצייטיק זענען זיי אַזוי שורשדיק אין זייער יידיש־אידיאָמישער דיקציע און אין פאָלקישער פשטות מיט איבערגעדיכ־טעטע פסוקים און פּאַראַפראַזן:

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.

אָט דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען ביים מתן־תורה אַ מאָל, און אָנגעהויבן שרייבן דאָס גרויסע מעשה־בוך פון זיין געשיכטלעכן לעבן און געגלויבט אין דעם „השמים שמים לד׳״, האָט קענען געלערנט, אַז „די

ערד האָסטו איבערגעענטפערט אין רשעס האַנט"... ביז ס'איז געשען דאָס אַלץ, וואָס איז געשען:

א גרויס פאָלקס מעשה־ביכל
האָט זיך פאַרמאַכט,
א גאַנץ פאָלק האָט א קוש געטאָן
דעם טאָוול פון בלוטיקן חזק־חזק,
און געשטאָרבן מיט שמע ישראל.

אין „כ'טו דערמאָנען", הייבט גלאַטשטיין אָן מיט זיין גוט־באַוווּסטן ליד „א גוטע נאַכט, וועלט". אונטער דער פאָעמע איז דאָ א דאַטע: אַפּריל 1938. עס איז דער צייט־ווייזער פון דעם טראַגישן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון דעם דיכטערס עמפּינדלעכער וואַכזאַמקייט און שפּירעוודיקייט צו דעם פאַרפינצטערטן יידישן האָריזאָנט, ווען דער געוויסן פון דער וועלט האָט זיך אַזוי במנוחהדיק צוגעקוקט צו היטלערס מטורפדיקן „מיין קאַמף". — „קיינער האָט זיך אויף אונדז נישט אומגעקוקט אַחוץ דער רוצח"... „אַלע גוטע קריסטן שלאָפן...", האָט גלאַטשטיין זיין דעמאָלטיקן געמיט־צושטאַנד אַרויסגעבראַכט אין וואַרפן דער וועלט א גט צו די פיס... ער האָט דעם גט געגעבן אָ שטאַרקן אינטעלעקטועלן און עמאָציאָנעלן אויסדרוק, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן וויכוח אין דער יידישער וועלט.

ווייסן מיר פון דערפאַרונג, אַז דאָס איזאָלירן זיך פון דער וועלט — גייסטיק, אָדער טעריטאָריעל — קען נישט דינען, ווי נחס תיבה צו ראַטעווען זיך פון א מבול... האָט דאָך דער פאַרלעגדער פון אונדזער פאָלק בעל־כרחו אונדז אַרומגעצוימט פון דער וועלט, בכדי צו קענען דורכפירן זיין „ענד־גילטיקע לייזונג".

אין יעקב גלאַטשטיינס חורבן־לידער אַנטפּלעקט זיך פאַרן לייענער די שפּירונגען פון זיין אייגענעם געמיט, ווי פון יידיש־געשיכטלעכן. מען דער־פילט אין זיין ליד דעם דיכטערס אינטענסיוון דורכלעבן די טראַגיק פון די צייט־געשעעניש, זיין אומרו, צער און פּיין, וועלכע האָבן באַווירקט זיין האַרץ און מחשבה. ער קוקט אויף דער וועלט דורך דעם אופן, ווי זי באַהאַנדלט זיין פאָלק. ער דערקלערט בקול רם: — „ווער עס האָט געשטעלט אויף וועלט, איך אויף — ייִד".

אין זיין יידישן וועלט־געפיל „שפרייזט די רחבות פון גאַר דער וועלט" און די שטילע וואונדער פון דער „גרויסקייט, וואָס האָט זיך פאַר קליין פאַר־שטעלט". אָבער עס איז דאָך פאַרט „עפּעס" געשען אַזוי אומדערוואַרט, אַפילו פאַרן נביא און שוואַרצזעער פון אָנקומענדיקן גרויסן בראַך, ווען:

צו דער וועלט פון אַזוי פיל ליכטער
איז געקומען אַ פאַרנאַכט אָן אומגעריכטער
און פאַרשווידערט מיט שטילשוויַיגן און דערוואַרטן.

אין גלאַטשטיינס חורבן־לידער איז דיכטעריש געפורעמט די פאַרטי־ליקונג פון אונדזער פאָלק. זיין תמימותדיקער גלויבן און בטחון אין „געוויסן" פון דער וועלט, אַ בטחון

וואָס האָט מעסלעס נאָך מעסלעס
געוואַרט אויף אַ צייכן,
געגלויבט אין אַ נס.

דער נס איז ניט געשען. אָבער גלויבן אין לעבן און אין דער צוקונפט, איז אַ הויפּט־שטריך פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּסיכיק. דער דיכטער שפּירט די צאַפּלדיקע וויזועלע רעאַליטעט פון דער צערודערטער יידישער נשמה אין אונדזער צייט, דעם פלאַטערדיקן אומרו פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן היינט און אומזיכערן מאָרגן, און ווי נויטיק עס איז פאַרן קיום פון פאָלק צו פאַראייביקן און צו „באַהאַלטן אין די פאַרמעסטן פון דער אייביקייט" די קינסטלערישע קינות און דעם „איכה" פון דעם דריטן חורבן.

איך האָב גלאַטשטיינס חורבן־פּאָעמעס און לידער געלייענט אין די פריערדיקע יאָרן, ווען זיי זענען געווען „צעזייט און צעשפּרייט" איבער זיינע זעקס לידער־ביכער. אין משך פון יאָרן פלעג איך פון זיי נעמען ציטאַטן אין מיינע אַרויסטרעטונגען אויף די געטאָ־אַקאַדעמיעס. זיין סוב־לימירטע ליריק און יידיש־לשונדיקער קדיש איז געטובלט אין דעם עמק הבכאדיקן קוואַל פון כלל ישראל און פון אינטימען געמיט אין יחידישער אבילות.

גאָר באַזונדערס פלעגן מיך צענעמען די לידער פון זיינע משפחה־דערמאָנונגען. די פריידיקע און צערפּולע דערמאָנונג פון זיין פאָטער

„וואָס איז געווען מיין פענצטערל צו דער גרויסער וועלט". ס'גייט אים נאָך דעם פּאַטערס קול, זיינע זיכערע, נחתדיקע טריט — גלויביקע, בטחונ־דיקע אין „מיין אייגן, קליין און אָרעם פֿאָלק / וואָס מיין פֿאַרהאַרעוועטער טאַטע / האָט פֿאַר מיר אויסדערוויילט"... די רירנדיקע לידער־געזאַנגען צו זיין מאַמען, די לאַכנדיקע, קלוגע מיט איר באַטעמטן זאָג און „קוים געגראַמטע ווערטער".

לייען איך איצט נאָך אַ מאָל גלאַטשטיינס חורבן־לידער, וואָס געפינען זיך איצט, אַ דאַנק דעם „וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון די בערגען־בעלזענער", אונטער איין דאַך. איך שטעל זיך אָפּ אויף די באַזונדערע דאַטעס פֿון אַט די לידער, די געשעענישן פֿון יענער צייט און דעם דיכטערישן פּולס, וואָס האָט אַזוי עקספּרעסיוו אויסגעקלאַפּט די שפּירונגען פֿון אונדזער צעווייטיקט האַרץ בעת די שוואַרצע נאַכט האָט אַרומגענומען דאָס יידישע לעבן.

עס קומט אַ יישר־כוח דעם פֿאַרלאַג פֿון די בערגען־בעלזענער אָפּצו־קלייבן אונטער באַזונדערע טאָוולען די חורבן־מאָטיוון. אַזאַ יזכור־בוך, ווי יעקב גלאַטשטיינס „כ'טו דערמאָנען", האָט נישט בלויז אַ טיפֿע באַדייטונג פֿון קינסטלערישן קוקווינקל, נאָר אויך פֿון היסטאָריש־דאָקומענטאַלן צו־גאַנג צו דער חורבן־עפּאָכע. עס איז פֿון גרויס וויכטיקייט פֿאַר דער יידישער וועלט, און נאָך מער פֿאַר דער נישט יידישער וועלט, אַט דער אָנקלאַגנ־דיקער „כ'טו דערמאָנען" — גראָד אין דער היינטיקער צייט.

די צייט לויפֿט און פֿאַרווישט מיט שטויב די טראַגעדיעס פֿון לעבן. דאָס פֿאַרגעסן דעם חורבן גייט אָן ראַשיק אויך אין דער יידישער געזעל־שאַפֿט צוליב אַ ריי גוט־באַקאַנטע סיבות. דעריבער זענען אַזוי נויטיק די יזכור־ביכער מיט דעם „כ'טו דערמאָנען"...

איך האַלט אָבער, אַז אַט די ביכער דאַרפֿן אויך דערשיינען אין אַנדערע שפּראַכן, זיי זאָלן דערגיין צו דער נישט־יידישער וועלט אין זייערע לשונות. מיר דאַרפֿן מיט זיי קעגנווירקן די כוחות אויפֿן פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן שאַכברעט מיט זייערע באַוווסטזיניקע געגנגלעך אָפּצומעקן, פֿעלשן און פֿאַרבלאָסן די שפּורן פֿון אונדזערע רוצחים און פֿאַרגעבן זיי די פֿאַר־ברעכנס. אַט דער פּראָצעס גייט שוין אָן אַ ריי יאָרן, אָבער איצט פֿליט ער מיט אַ דזשעט.

לאָמיר דערמאָנען נאָר אַ פּאָר עטאַפּן פֿון דעם פּראָצעס:

נאָכן קריג האָט נאָך געקענט פֿאַרקומען אַ נירענבערגער פּראָצעס קעגן די נאַצישע פֿירער. אַפֿילו מיט אַ צענדליק יאָר צוריק האָבן דענאַצי־

פיקאַציע־געריכטן געמשפּט פאַר מיטאַרבעטן מיט דער נאַציִשער מאַכט. היינט צו טאָג ווערט שוין דער קאַפּיטל נאַציִשע קאָלאַבאָראַציע נישט באַטראַכט פאַר קיין חטא. בלויז איין אילוסטראַציע: אין 1937 האָט גינטער דיהל באַקומען אַן אויסצייכענונג פון געבעלסן פאַר זיין אַרבעט וועגן דער „הויכשטייענדיקער נאָרדיקער ראַסע אויף איר וועג צו וועלט־הערשאַפט". היינט אַרבעט ער אין דייטשן אויסערן־מיניסטעריום. דער רוב מנין פון די מערדער זענען באַשיצט דורך זייערע פריינד און לעבן אויס זייערע יאָרן רויִק און באַזאָרגט מיט כל־טוב. עס שרייבט גלאַטשטיין:

אַלע מיינע רוצחים שטאַרבן רויִק
אין די אייגענע בעטן.
ס'באַוויינען זיי די קינדער,
אַפילו די ערד נעמט זיי אויף
מיט אַ פאַרצלמטן קרעכץ.

און די ווייניקע פון די רוצחים, וועלכע ווערן שוין יאָרן געשטעלט צום משפט, וואָס פאַר אַ חוזק פון עלעמענטאַרער גערעכטיקייט עס באַקומט זיך בעת דעם קרייץ־פאַרהער!

...ער האָט נישט געמאָרדעט,
ער איז געווען דער צוזאַמענטרייבער
פון קינדער, מענער און ווייבער.
ער האָט זיי בלויז געבראַכט צום אָרט.
געהערט די איילנדיקע שאָסן.
אַליין האָט ער קיין בלוט נישט פאַרגאָסן...

אין דעם ליד ווערט נאָר דערמאָנט דער טייל, וואָס האָט אַקטיוו געאַרבעט אין דער פאַרטיליקונג־מאַשין. און וואָס איז מיט די „אומשול־דיקע", וואָס האָבן „בלויז" גערויבט יידיש האָב און גוטס? איז דאָ נישט דער אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף די אַלע, וואָס טראָגן די שולד פאַרן מאָרד פון מיליאָנען יידן, נאָר צו באַטאָנען די עצמדיקע אויפגאַבע פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור און בפרט פון אַזאַ ספּעציעל געשאַפענעם פאַרלאַג — פון די קאַצעטלער פון בערגען־בעלזען — אַרויסצוברענגען מיט דער גאַנ־

צער קראַפט פאַר דער עפנטלעכקייט פון דער וועלט דעם גאַנצן פאַרנעם פון דעם גענאָסיד און וואָרענען, אַז די פאַרברעכנס טאָרן זיך מער קיין מאָל נישט איבערחזורן! דאָס איז דער זין און שליחות פון דעם פאַרלאַג.

איך האָב דערמאָנט אויבן דעם פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן שאַכבערעט מיט די פּאָליטישע געענג. עס איז אָבער נישט פון ווייניקער וויכטיקייט, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט פון דער ליטעראַטור און קונסט מיט דער יידישער טראַגעדיע. פון איין זייט האָבן מיר געוויסנלאָזע אָפּגעפרעמדטע יידן־שרייבער (ראָול הילבערג און ענלעכע), וועלכע פאַרקריפּלען מיט זייערע חורבן־באַשרייבונגען דעם ווירקלעכן כאַראַקטער פון דער טראַגישער תקופה מיט דעם קאַשמאַר־גאַנג און אומקום פון אייראָפּעיִשן יידנטום. זייערע ווערק ווערן אויסגענוצט ווי אַ פאַרטיידיקונגס־מאַטעריאַל מצד די אַדוואָקאַטן פון די רוצחים. די שעדלעכקייט פון זייערע ווערק באַשטייט בעיקר אין אָוועקשטעלן דעם מערדער און זיין קרבן אויף איין פלאַך און נישט וועלן זען, ווי אַזוי די דייטשע פאַרטיליקונגס־מאַשין מיט אירע טייוו־לאָנישע מיטלען האָט געווירקט ווי אַ קענסער און געפרעסן דעם גוף און די נשמה ביי אַ טייל פון די קרבנות, וועלכע זיינען דעגראַדירט און אָנט־מענטשט געוואָרן דורך יאָרן פון די אַכזריותדיקע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס האָבן אָפּגעטעמפּט די חושים און מאָראַל.

די נישט־יידישע שרייבער, ווי ראָבערט שאָו, און זיין בוך „דהי מען אין דהי גלאס בוטה", פאַרוואַנדלען דעם היטלעריזם מיט זיין גענאָסיד איבער דעם יידישן פאָלק אין מיסטיק. די גרויסע יידישע טראַגעדיע און פאָלקס־חורבן ווערט אַ שפּיל פון „מיסטישע" כוחות, וואָס פאַרזיווגט דעם מערדער מיט זיין קרבן און ביידע טיילן צוזאַמען די שולד.

איך האָב שאָוס ווערק געזען דראַמאַטיזירט אויף דער בינע (אין מעלבורן). די דראַמאַטיזאַציע פון דעם ווערק איז אויף דער בינע געשפּילט געוואָרן מיט גרויס טאַלאַנט. נאָר איך האָב זיך צוגעקוקט מיט אַ פיינלעך געפיל, ווי אַזוי עס ווערט פאַרטונקלט און פאַרטושט, מיט קינסטלערישע מכשירים, די שולד־געפילן פון דייטשן פאָלק, פון זיינע פּראָפעסאָרן און קינסטלער, און פון דער גאַנצער דייטשער אַקאַדעמישער וועלט, וואָס האָט זיך געשטעלט צום דינסט פון היטלעריזם (זינט 1933) און האָט מיט דער גאַנצער קאַלטבלוטיקייט און דייטשער פּרעציזקייט צוגעגרייט און דורכ־געפירט די „ענדגילטיקע לייזונג" פון אייראָפּעיִשן יידנטום אין די אַקו־פירטע לענדער.

אַט די ליטעראַרישע ווערק, וואָס פאַרוואַנדלען דעם היטלעריסטישן פאַרניכטונגס־פּלאַן פון אַ שוצלאָז פאָלק אין מיסטיק, נעמען אַראָפּ די הויפּט־שולד פון די אַלע, וואָס האָבן דירעקט און אומדירעקט מיטגעאַרבעט אין היטלערס „גען־קאָמפּאַניע״...

וויל איך דאָ נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן וואָס פאַר אַ היסטאָרישע אחריות עס קען אַ פאַרלאַג פון די בערגען־בעלזענער דערפילן אין דער היינטיקער צייט. אוודאי איז גערעכט יעקב גלאַטשטיין, ווען ער זוכט מיט זיינע חורבן־לידער אַריינצוגנגען אין אונדזער געמיט די שליחות פון דער חורבן־ליטעראַטור פאַר די קומענדיקע דורות, ווי ס'האָבן געטאָן די גרויסע מקוננים פון חורבן בית שני מיט דער וויזיע, אַז:

ס'גייט אין טראָגן אויף די פּלייצעס
אַן אייביקן זאַק מיט אַש
און איבערענטפערן צו די אוראייניקלעך,
ווי שווער ס'זאָל נישט זיין דאָס אַש פון אַן אייגענעם בוים.

גלייכצייטיק וויל אונדזער חורבן־דיכטונג אומוואַרפן די מחיצות, וואָס עס זענען דורך געוויסע קרייזן אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן דעם טויט פון די, וואָס האָבן נישט געשטעלט קיין פיזישן ווידערשטאַנד, און די, וואָס האָבן אים יאָ געשטעלט מיט געווער אין די הענט.

דער פלאַם פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד (און פון אַנדערע) האָט געזוכט שטאַרקער צו באַלייכטן דעם שוואַרצן רויך פון די קרעמאַטאָריע־קוימענס אין די טויט־לאַגערן. דאָס איז געווען דער הויפּט־ציל פון די אויפשטענדלער. וויפל אמת שטעקט אין די שורות פון גלאַטשטיינס ליד:

און וואָס זענען דען געווען אונדזערע
ספּאַראַדישע ווידערשטאַנדן?
געפּלאַצטער גלויבן, אויפגעריסענע, דיסציפּלינירטע מורא.
— — — — — — — — — — — — — — —
דעמאָלט איז הינטער יעדער אויפשטאַנד,
הינטער יעדער אַקעגנשטעל
און געראַנגל פאַרשמאַכטן,
געשטאַנען אַ מיליאָן־קעפּיקער פּחדן,

יעדער איינציקער גיבור איז געגאַנגען
מיטן כוח פון אַ גאַנצער טויטער עדה,
יעדער איניקל איז אַנגעשראָקן געוואָרן
מיטן גבורה,
מיטן כוח פון אַ טויטן זיידן.

דער גרויסער „איכה" פון פאָלקס־חורבן אין גלאַטשטיינס חורבן־לידער און זיינע קול דממה־דקהדיקע דערמאָנונגען פון די אינטימערע „באַזונדערע קלענערע חורבנות", דערמאָנען דעם טאָוול, וואָס הענגט לעבן געוועזענעם דאַכאַוער קאָנצענטראַציע־לאַגער:

„דאָס איז אמת. לאָמיר זען, אַז דאָס
זאָל שוין מער קיין מאָל נישט געשען"...

צו נייע קינסטלערישע הויכן

**אברהם סוצקעווער: „פירקאַנטיקע אותיות און מופתים",
לידער און פּאָעמעס 1964—1967.**

דאָס לעצטע לידערבוך פון אברהם סוצקעווער נעמט אַרום זיינע שאַפונגען פון די לעצטע עטלעכע יאָר, די אָפּגעקליבענע, וועלכע דער מחבר האָט איינגעטיילט אין זעקס אָפּטיילונגען אונטער צוגעפּאַסטע קעפּ־לעך. דאָס עסטעטישע שיין אַרויסגעגעבענע בוך האָט אויך אַ פּאָרטרעט פון דיכטער, געצייכנט פון מאַרק שאַגאַל. דער אויסערלעך פיינער עסטע־טישער איינדרוק איז דאָ אין האַרמאָניע מיט די פּאָעטישע קאָמפּאָזיציעס צווישן די שיינע טאָוולען.

איך האָב דאָ נישט צופעליק באַנוצט דעם מוזיקאַלישן טערמין: קאָמ־פּאָזיציעס. עס איז דאָך אויסער יעדן ספק, אַז אברהם סוצקעווער געהערט צו די מוזיקאַלישסטע פּאָעטן אין דער יידישער און איך וואָלט אויך געזאָגט אין דער וועלט־פּאָעזיע. לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז אין אַלע שפּראַכן ווערט די בעסטע פּאָעזיע געשריבן מער פאַרן אויער ווי פאַרן אויג. דער קלאַנג און געזאַנג פון פּאָעטיש־בילדערישע ניגונים פאַרמאָגן דעם בליץ און דאָס ליכט פון דער וועלט. דורך דעם זינגעוודיקן פערז ווערן באַלויכטן די פייזאַזשן פון דער נאַטור, ווי פון דער מענטשלעכער נשמה. עס דרינגט אַריין אין וועלטס סוד און אין וועלטס שיינקייט, וואָס ווערן געפאַנגען אין דער פּאָעטישער שורה.

אין סוצקעווערס נאַטור־בילדער איז דאָ דער ניגון פון די ים־כוואַליעס, ווי פון געשניטענעם גראָז. זיינע וויזועלע אימאַזשן און בכלל זיינע ליריקס ווערן באַגלייט מיט ריטמישע ניגונים, דין־פאַרשפּיצטע אין זייער שטימונג און רעפלעקס. זיין שאַרף אויג און אויער פאַר פאַרבן און קלאַנ־גען און פאַר זאַכן אין דער יצירה, נעמען אָן אין זיין שאַפן אַ העכערע באַדייטונג — ווערט שוין במילא יעדע זאַך אַ באַזונדערע וועלט, וואָס טראָגט אין זיך קאָסמישע סודות, און „אַ שערבל פרעגט די זעלבע שאלה

וואָס דער דענער פּרינץ" און — „אַ צווייג וועט דערציילן אַ שכן, אַז גאָט איז פאַראַן".

טיף מוזיקאַלישע מענטשן הערן מוזיק אַפילו אין דעם ריטמישן אָפּ־קלאַנג פון די קייטן אויף זייערע פיס (וולאַדימיר מעדעם). סוצקעווער האָט עס דערהערט אויך אין דער מוזיק פון יסורים, און זיין לידער־בוך הייבט זיך אָן מיט דעם מאָטיוו:

מוזיק פון יסורים. ווער איז דיריגענט?
פאַר וועמעס וועגן שפּילן זיי קרעשטשענדאָ?
צי וועלן שפּעטער אַפּלאָדירן הענט?
ווער זענען זיי און ווער איז דיריגענט?
איך וויל אים זען דאָ. (ז' 9)

דער דיכטער ריכאַרד בער האָפמאַן האָט אין זיין יעקבס חלום דורכ־געלויכטן אין אַ דראַמאַטיש־פּאָעטישער פאָרעם דעם קאָסמישן ווייגעשריי פון יסורים און ליידן. סמאל קען נישט פאַרטראָגן דעם הלל־גדול פאַרן באַשעפער און דיריגענט פון יסורים. ער זאָגט צו די מלאכים: אייערע לויב־געזאַנגען ווערן דערטרונקען אין די געשרייען און ליידן — ביזן עק פון זיין וועלט...

וועגן יסורים האָט אויך געשריבן וויקטאָר הוגאָ. דער גרויסער פראַנ־צויזישער פּאָעט האָט אַ סך מעדיטירט וועגן דעם דיריגענט פון יסורים און וועגן טויט און לעבן. אויב גאָט איז אַלץ, אינפיניטיוו און פּערפעקציע, טאָ פאַר וואָס האָט ער באַשאַפן אַזאַ אומפּערפעקטע וועלט? דער פּאָעט גיט דעם ענטפער פון זוהר (ער האָט שטודירט קבלה און זוהר), אַז גאָט האָט נישט געקענט באַשאַפן אַ פּערפעקטע וועלט, ווייל אַזאַ וועלט, וואָס טיילט זיך נישט אויס פון גאָט, וואָלט קיין וועלט נישט געווען. גוטס און שלעכטס איז אין דער מאַטעריע, און דאָס לעצטע הענגט ווי אַ טויטער געוויכט איבערן אידעאַל און שלעפּט אים אַראָפּ אין שאול תחתיה.

סוצקעווער זוכט נישט אין זיין פּאָעזיע צו דערקלערן, נאָר צו קאָ־מוניקירן און אויפרודערן אונדזערע עמאָציעס דורך אַריינפירן אונדז אין אַ נייער וועלט פון דערפאַרונגען און שפּירונגען, וואָס זענען אַנדערש פון אונדזערע אייגענע. ער באַווירקט אונדזער אייגענע פאַנטאַזיע, טייל מאָל

נאָר אויף אַ מאָמענט, טייל מאָל דורך אַ מוזיקאַלישע אַנגעגעמלעכקייט פון זיין בילדערישן ניגון.

אַוודאי האָבן נישט אַלע פּאָעטישע דערפאַרונגען און אָנונגען פאַר יעדן איינעם פון אונדז דעם זעלבן אינטערעס. עס איז נאַטירלעך אָפּהענגיק פון איין מענטש צום צווייטן, פון פּערזענלעכן געשמאַק און אויך פון דער פעיִקייט אויפצונעמען די מיסטעריע פון דיכטונג מיט דעם פּריווילעגיע־זיגל פון אינדיווידואַליטעט. ענרי דזשעימס האָט געזאָגט, אַז דאָס הויז פון פּאָעזיע האָט נישט בלויז איין פענצטער, נאָר אַ מיליאָן, און ביי יעדן איינעם פון זיי שטייט אַ פיגור מיט אַ פּאָר דורכדרינגענדיקע אויגן און מיט זיין אינדיווידועלער וויזיע.

אָט דער זאָג איז מיר געקומען אויפן זכרון ביים לייענען סוצקעווערס לידער און פּאָעמעס פון זיין לעצטן בוך. זיי זענען פאַרשידנאַרטיק אין זייערע מאָטיוון און באַהאַנדלונג, ווי אין קוואַליטאַטיווער וואָג. זיי זענען אָבער אויך עדות, ווי עס זענען זיינע פריִערדיקע ווערק, אַז טיפער גע־נומען איז אַ ליד אַ לעבנסווערק, וואָס אַ פּאָעט שאַפט זיין גאַנץ לעבן אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס און האָט דעם זעלבן אונטערשריפט פון קינסט־לער. ווי אַ לעבנסווערק קען אַ ליד נישט זיין קיין סטאַטישע זאַך, נאָר אַ לעבעדיק, וואַקסנדיק וועזן מיט אַלע אַטריבוטן, וואָס גיבן צו דעם ליד נישט איין זין און מיין, נאָר פיל, ווייל אין גרויסער דיכטונג ווערט דער יחיד אַ טויזנט־פאַכיקער און דאָך — דער זעלבער יחיד. און יעדער פון די גרויסע קינסטלער־יחידים גיט אַריין זיין „עפּעס" צו דער פעלנדיקער שלמות פון דער וועלט. סוצקעווער זעט עס אין דעם גאַנג פון

תנ"ך. שעקספּיר.
ס'איז באַלד גענוג.
און אויב רעמבראַנדט איז נאָך צוקאָפּן, ווי די זון צוקאָפּן —
איז פול דער קרוג.
וואָס פעלט?
נישט מער אַ קאַפּעלע, אַ טראָפּן,
צו שלמות פון דער וועלט.
און יעדער קינסטלער גיט בלויז צו, אַ לעבן־לאַנג, וואָס פעלט,
אַבי ס'זאָל זיך נישט אויסלאָזן אַ טייך פון יענעם טראָפּן.
(שאָגאַלישע ווערטער, ז' 29)

ווי אין לעבן איז אויך אין דיכטונג פאַראַן לידער אין אַ מינאָרער שטימונג, און פּאַעמעס, וואָס וואַרפן אָפּ גראַנדיעזע זשעסטן פאַר קליינע, אָבער בייסנדיקע אמתן. דאָס האָב איך געשפּירט ביים לייענען די שטי־מונגפולע פּרעכטיקע פּאָעמע „צו אַ פריינד אויף אַ נייעם בית־עולם". עס איז פון די שאַפונגען, וואָס בעטן זיך מען זאָל זיי נישט צעשניידן אויף שטיקלעך, נאָר געבן זיי אין גאַנצן. איז דאָס אָבער אוממעגלעך צו טאָן, ווי שטאַרק עס זאָל זיך נישט וועלן אַרויסברענגען סוצקעווערס אינעווייניקסטן ריטעם פון זיינע געמאָסטענע שורות, די אימאַזשן, מעטאַפאָרן און די גאַנצע אַטמאָספער אַרום דער פּאָעמע. וועל איך זיך באַגנוגענען מיט ציטירן אַ סטראָפע — דאָס קומען צום ערשטן יאָרצייט פון דעם פריינד.

מיר זענען ווידער אָנגעשוווּמען —
צו דיין ערשטן יאָרצייט,
מיט אָפּשפּיגלונג פון אַ מצבה אין פאַרהויכטע אַפּלען.
למען האמת איז דער „מ י ר"
געוואָרן מינער, דינער.
אַ בוזעמפריינד האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ביסט אַלט אַ יאָר.
אַן אַנדערער פון דיינע פּאַראַיאַריקע באַגלייטערס
האָט מיטגעצויגן, פליִענדיק צו דיר, אַ האַלבן הימל.
אַצינדער טוליעט זיך ביים פלויט זיין אומגעשטילט געלעכטער,
צעשפּליטערט ווי אַ רויער שטיק בורשטין.
און דינער איז געוואָרן אויך דער „מ י ר"
מיט יענער פריינדין,
וואָס עפּעס האָט זי אויסגעזען אויף דיין לוויה
בלאָנדער.
גענוג. צי דאַרף איך דיר דערציילן וועך עס פעלט
צום יאָרצייט?
עס פעלן אויך די נאָענטע, וואָס זענען דאָ פאַראַנען,
געבויגענע אַרום ירושלימדיקן מירמל.
(ז"ז 116—117)

אין דער מאָדערנער עכטער דיכטונג איז לעצטנס דאָ אַ טענדענץ אַרויפצוזעצן צוריק אויפן טראָן דאָס וואָרט מיט זיין צויבער און שיין־

שפּילעוודיקן אָפּקלאַנג פון זיין מוזיק־אויפשפּיל. מען קערט זיך צוריק אום צום וואָרט־אינסטרומענט מיט זיין וויבראַציע און עלאַסטישקייט, צו זיין עפעקט פאַרן אויג און צום מוזיקאַלישן טאָן פאַר די אויערן. דער וואָרטקינסטלער וויל ביים אָפּערירן מיט ווערטער פילן זייער טעם אויף די ליפּן און זייער ריח פאַר די נאָזלעכער. ער גאַרט נאָך דעם וואָרט, וואָס האָט פאַרב און ליכט, זון און דינאַמיק. אָבער אַט דאָס וואָרט ווערט אים נישט צוגעטראָגן אויף אַ זילבערנעם טעלערל. ער עקספּערימענטירט מיט נייע ריטמען פון שפּראַך־המצאות און וואָרט־קאָמבינאַציעס. ער באַטרעט אַ נייעם באָדן, איבער וועלכן עס לויערן שטרויכלונגען און סכנות. האָט טאָקע אַן אַנגעזעענער פּאָעט אַ מאָל באַמערקט, אַז קונסטווערק זענען תמיד דער רעזולטאַט פון זיין אין סכנה. זיי זענען אָבער די פּאַרויס־גייער פון זייער צייט.

דער פּאָעטישער גביר איז אַ גרויסער עקספּערימענטאַטאָר און עקס־פּלאָרער פון פּאָעטישן קרקע־בתולהדיקן באָדן. איז נישט קיין ווונדער, וואָס ערגעץ־ווו ווערט ער געשטרויכלט מיט אַן איבערגעשפּיצטן גראַם אָדער סתם מאַנעריזם. זיי זענען אָבער צופעליקייטן און קאָנטראַבאַנד, וואָס האָבן דורכגעשמוגלט די וואַכזאַמקייט פונעם פּאָעט און שפּראַך־ווירטואָז. ער קען אָרגאַניש נישט פאַרדייען „סטאַק־ווערטער" און איז מתפּלל צום שר הפּאָעזיע:

> שענק מיר ווערטער, וואָס געשאַנקען האָסטו זיי נישט קיינעם,
> ווערטער נישט פון דאַנען, דין־געאָדערטע קול־דממהס.
> (מיין תפילה ז' 23)

די שטאַרקסטע אויסגעשרייען זענען די, וואָס קומען פון דער שטיל־קייט. די קול־דממה־דקהדיקע זענען די ווירקנדיקסטע עלעמענטן אין קונסטווערק. זיי קענען דערקלערן, וואָס מיר שפּירן בלויז מיט אַ בלינק פון אויג און פון אַ נישט דערהערטן זיפץ.

סוצקעווער האָט אַ שאַרפן אויער פאַר דער שפּראַך פון שטילקייט, וואָס קיינע ווערטער זענען עס נישט בכוח אויסצודריקן („וואָס איך האָב זאָגן געוואָלט — וועל איך שווייגן פאַרביידן"). אין זיין ליד „דריטע שטילקייט" דערציילט ער, אַז אים באַגלייט דער אורגעוויין פון צוויי שטילקייטן: פון ים און פון מדבר. עס איז אויך דאָ אַ דריטע שטילקייט:

זי האָט געבוירן ס׳לעבן. איז אומשטערבלעך,
נישטאָ אַ זאַמד ווו נישט פאַרזייט איר זאָמען.
די שערבל־יעגערס קושן אירע שערבלעך,
מען רופט זי טויט, נאָר אַנדערש איז איר נאָמען. (ז׳ 135)

פון זיינע רייזעס איבער דער וועלט האָט סוצקעווער באַקומען נאָרונג פאַר נייע פּאָעטישע בליזונגען און פרוכטן. די אימפּרעסיעס און איבער־לעבונגען זענען געווען זון, רעגן און באָדן־זאַפטן פאַר נייע לידער און פּאָעמעס („הילולי״, „עמבלעם״, „דער קעניג טשאַקאַ״, „אַ פויגל מיטן נאָמען: קוקובאַראַ״). ער גיט דורך זיי די אימאַנענטע ליכטער, וואָס לויכטן אַרויס פון וועלט און מענטש. סוצקעווער איז אַ מאמין אין צלם האדם, אין דער באַיאָונג פון לעבן. ווען הילולי, אָט דער לעגענדאַרער באַרוועסער פּאָעט ביים גאַנגעס, האָט אַנגעוויזן אויף אַ טורעם, צו וועי־מענס שטיגן אַ פריסטער רופט אַרויס דעם קעניג פון די אָדלערס, זאָגט סוצקעווער צום פּאָעט: „און איך אַליין, הילולי, רוף דעם קעניג פון די אָדלערס, / אַרויסצופּליקן פונעם הארצן מיינע טויטן יאָרן״.

איז דאָס אָבער מעגלעך צו דערגרייכן? קען דען דער פּאָעט פון קאַנאַליאַדע און געהיימשטאָט, וואָס טראָגט זייער מאָנונג אין זיין געמיט און זכרון פאַרגעסן דעם נעכטן? גיט ער אונדז אין דעם בוך זכר לגעטאָ־לידער אין פשוטע און אין אומגעוויינלעכע ווערטער — דער וואָקאַבוליאַר און סינטאַקס פון אונדזער חורבן — „דעם שמייכל פון מיידאַנעק״.

פאַר יעדן איינעם פון אונדזערע חורבן־פּאָעטן (און פּראָזאַיקער) האָט זיך געשטעלט די פראַגע פון אליעזר וויזל: ווי קען מען אָטעמען די לופט פון די לעבעדיקע און זיין דערביי דער אינסטרומענט פון די פאַרשני־טענע? ווי קאָן ער זיין שליח און לאָזן הערן זייער שטים און געזאַנג? האָבן די פאַרמויערטע אין קאַנאַליאַדע אַנגעזאָגט סוצקעווערן: און דו, חבר דיכטער, באַזון אונדזער טרויער מיט לידער״ און ער איז מקיים דעם אָנזאָג מיט זיין חורבן־פּאָעזיע, וואָס סובלימירט דאָס מאָנסטרועלע פנים פון אונדזער צייט־גיהנום. אין די זכר־לגעטאָ פּאָעמעס איז דאָ די קינסטלערישע געצוימטקייט, די עסטעטיזירטע דימענסיע איבער דעם ייד אין אָנבליק פון אומקום, דער געיאָמער איבער אים זאָל נישט פאַרכליפּען.

די גרעסטע חורבן־פּאָעמע „דער שמייכל פון מיידאַנעק״ פאַרמאָגט אַט די פּאָעטישע סובלימירונג פון דער שוידערלעכער טראַגיק:

...דער גרינער שמייכל פּאַלט
אויף דיין עלעגיע, דיין באַלאַדע
און אויף אַ ליאַדע
ציטערקלאַנג באַזונדער.

איך שרייב די שורות ערב דעם 25סטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און עס האָבן באַוועלטיקט מיין געמיט די שטימונגספולע געטאָ־לידער, געצוימטע אין אַדיעקטיוון, אָבער אומגעצוימטע אין צער. די דיסציפּלינירטע זעלבסטבאַהערשונג פון דיכטערביים פּאָעטיזירן די טראַגיק, אין וועלכער „איין שורה שפּיגלט זיך אין אַ צווייטער״, צענעמט דעם לייענער ביי אַזעלכע לידער ווי: „דער פּאַפּירענער וואַלד״, „אין בלויע העמדער״, „ל״ג־בעומר שייטערן״, „איך קאָן אים נישט פאַרגעסן״, „אַ וואָרט אָן מוזיק״, „היינט איז יאָרצייט״. פון לעצטן וועל איך דאָ ברענגען עטלעכע שורות:

אל־נקמות, היינט איז יאָרצייט, יאָרצייט, היינט, אַצינד —
ווען געווען גערופן האָט צו דיר אָן ערשט געבוירן קינד.

היינט איז יאָרצייט נאָכן שמייכל איבער וואַלד און פליין,
יעדער האָט היינט יאָרצייט נאָך זיין שוועל, נאָך זיך אַליין.

היינט איז יאָרצייט נאָכן רעגן ניינצן פערציק דריי,
נאָכן לעצטן קאַרשנבוים און שוועלבעלע דערביי.

עס האָט נאָך אַריסטאָטעל געזאָגט, אַז קונסט איז נוצלעך אַלס טעראַפּיע. דאָס איז נויטיק צו געדענקען ביים אָפּשאַצן אונדזער קינסטלערישע חורבן־ליטעראַטור, וואָס זוכט עפּעס מתקן צו זיין אין דער וועלט פון די לעבעדיקע, ווי אַ שליח פון די אומגעקומענע. אין דעם זין טראָגן סוצקעווערס זכר־לגעטאָ־שאַפונגען דעם קינסטלערישן חותם פון היסטאָרישן פאָלקס־זכרון, צו פאַרהיטן אים פון פאַרגעסלעכקייט.

*

דיכטונג ווירקט און באַהערשט אונדזערע חושים, אונדזער געמיט, דורך דער אינטימער פאַרבינדונג מיט דער איבערלעבונג און שפּירונג פון דיכטער, וועלכער האָט אונדז אַנגעשטעקט און באַוועלטיקט. עס איז דער עפּעס, וואָס גייט אַרויס לעבעדיק פון די שורות און גייט אונדז נאָך לאַנג נאָכן פאַרמאַכן דאָס בוך. איך האָב דאָס געשפּירט ביי אַ גרעסערער צאָל לידער און פּאָעמעס פון „פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים״.

די קראַפט פון סוקצעסיווערס פּאָעטישער וויזיע, זיין שפּירעוודיקייט פאַר דער שפּראַך פון דער נאַטור, פאַר איר אינערלעכן ניגון, זיין אויג פאַרן בילדלעכן, פאַר דער קאָליר, זיין ליידנשאַפטלעכע באַציונג צו דער שיינ־קייט פון טעכנישער פּערפעקציע, צו שלמות פון קינסטלערישן שאַפן, באַקומט אַ תיקון אין פיל לידער.

אינעם ליד „ביים פייער־שפּיגל״ ווען דער מאָלער בלייבט מיט זיך אַליין נאָכן גרויסן יובילײ־באַנקעט מיט די אַלע שבחים, ביי וועלכע „באַ־נומען בוקן זיך פאַר אים די לייט״... אָבער ער אַליין זעט ווי אומפּערפעקט עס זענען זיינע שאַפונגען — וואַרפט ער זיינע לייוונטן אין פייער אַריין און זאָגט צו זיך: — וואָס וויניקער אַלץ מער!... וואָס טויגן שברי־כלים ?...

אָון אינעווייניק — נעם דיין אַלטן שאַרבן און צעממית,
אַבי אַ קאָמפּאָזיציע זאָל זיין פולקום ווי אַ טרער.
ביים פייער־שפּיגל פון קאַמין — דער מאָלער און די שלמות.
איז מיט אַ לייוונט וויניקער. וואָס וויניקער אַלץ מער.
(ז׳ 31)

שלמות פון קינסטלערישער פאָרעם איז דער עקזאַמען ביי דער אייבי־קייט. דאָס איז אַ כלל גדול בתורות קונסט. אָבער מען טאָר דערביי נישט איזאָלירן דאָס עסטעטישע פון עטישן. קונסט איז פאַרבונדן מיט מאָראַל, עס מוז דערפילן אויך אַן עטיש־מאָראַלישע פונקציע, עס זאָל אונדז קענען באַפרידיקן ווי קונסט. אויפן באָדן פון ווערק איז דאָ אַ קאָנפראָנ־טאַציע פון דעם קינסטלער און די געגעבענע צייט פון זיין שאַפן.

כמעט אונטער אַלע לידער און פּאָעמעס האָט סוצקעווער געגעבן דאַטעס לויטן אייראָפּעיִשן קאַלענדאַר. ביים לעצטן ליד — וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען פון גאַנצן בוך — האָט ער, מיט רעכט, אונטערגעשטראָכן: ביים כותל, ד׳ סיוון תשכ״ז — לויטן יידישן לוח. מיר טראָגן אריין ביים לייענען דאָס ליד אונדזער אייגענעם געמיט (מיר טוען דאָס אויך אין אַנדערע לידער), וואָס גיסט זיך צונויף מיט דער שטימונג פון אָט די פירקאַנטיקע אותיות און מופתים, וועלכע עס האָבן ליפּן דורך דורות געטעסעט:

...אַ קאַלכאויוון שטויב איז דער שטויב דורך פירקאַנטיקן טויער:
דער שטויב פון פירקאַנטיקע דורות, דער שטויב פון מיין מאַמען.
מיין אייגענער שטויב איז געוואָרן גראַניט אין סוף־נאַכטיקן,
זוניקן זוהר,
מיט אַלע פירקאַנטיקע אותיות און מופתים
צוזאַמען.

— אַ האַנט איז געגאַנגען אין פייער און האָט פון דער צייט
אייגנהאַנטיק
באַשאַפן אַן אייגענע רגע
פאַר דיר און פאַר מיר אין די אויגן. (ז׳ 139)

אַנטאָנין אַרטאָ האָט געשריבן: „איך בויטיק זיך אין פּאָעזיע צו קענען לעבן און איך וויל עס האָבן אַרום זיך״. אברהם סוצקעווער האָט עס דערשפּירט שוין בעת זיין ערשטן פּאָעטישן אַרויספלי אין „יונג־ווילנע״־פּעריאָד. לאַנג איז זיין פּאָעטישער וועג פון יענער צייט ביז היינט און דער געראַנגל „אַ לעבן לאַנג אויפן ריטעם פון וואָרט״. ער דערציילט אין אַ ליד פון מאַמענטן שווערע, ווען „אַנטלויפן וויל איך אין אַ שווערער שעה פון / זיך אַליין — מיין לייבלעך נאָענטן שונא״ — — —

אַנשטאָט פון זיך — בין גאָר צו זיך אַנטלאָפן.
און די וואָס איך בין זייער מויל,
דער לעצטער גלי פון זייער קויל —
דערלאַנגען מיר צום עסן ווערטער, סטראָפן. (ז׳ 128)

אָט דער וועג פון זיך צו זיך האָט אים געפירט צו נייע קינסטלערישע הויכן.

ניגונים און פאַרבן־קאָמפּאָזיציעס פון ים־המוות

אברהם סוצקעווער: „לידער פון ים־המוות,
פון ווילנער געטאָ, וואַלד און וווּנדער".

דאָס לעצטע־דערשינענע בוך פון אברהם סוצקעווער איז סיי אין כמות, ווי אין איכות, אַ גרויס ווערק און עס קומט אַ גרויסן שבח דעם פאַרלאַג פון די בערגען־בעלזענער, וואָס האָט אויף זיך גענומען די שליחות אַרויסצוגעבן אַזעלכע וויכטיקע חורבן־ווערק, וועלכע נעמען אַרונטער אונטער איין דאַך, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער פאַרשיידענע אויסגאַבעס, די קינסטלערישע איכהס פון אונדזער דריטן חורבן.

אין זיין „באַגלייטוואָרט צום בוך" באַמערקט דער מחבר, אַז צווישן די טאָוולען זענען צונויפגעזאַמלט, ווי מעגלעך אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, די מערסטע לידער און פּאָעמעס, וועלכע ער האָט געשריבן אין ווילנער געטאָ, וואַלד און וואַנדער. ער גיט צו, אַז מיטן וואָרט „וואַנדער" מיינט ער נישט בלויז אין שטח, נאָר אויך גלייכצייטיק „אין וואַנדער דורך דער גיהנום־גאָס פון מיין זכרון".

דער אַריינפיר־טויער צו דער „גיהנום־גאַס" איז דאָס ערשטע ליד אינעם בוך „די טויערן פון געטאָ", מיט דער דאַטע: יוני 1936. עס איז אַ מין אַפּאָקאַליפּטישער חזיון פון דער מעסערדיקער וואָר ערב אונדזער פאָלקס־כרת, די שפּירונג פון דעם אומרו, ווען די שאָטנס פון דער אָנקומענדיקע נאַכט ווערן אַלץ גרעסער, דראָענדיקער:

און די אומרו קלעטערט ווי אַ שלאַנג
איבער
שטיבער
טויערן
און —
העכער!

אין די קרוב 500 זייטן פון „לידער פון ים־המוות" האָט דער דיכטער אַרויסגעשפּיגלט פון זיך די זעונג פון גערانגל און אומקום אין גיהנום־גאַס. ער מאָלט מיט די דינסטע פאַרבן־ניואַנסן דעם אַלטן אויסגעהאַקטן וואַלד, זיין יונגן אויפשפּראַץ:

פאַרגאַנגען איז אַ יידנוועלט מיט מתמיד און מיט מאַניש,
מיט כלה־יידיש אויסגעפּוצט אין פאַלקסלידער באַהאַרצטע.
אַ יידנוועלט איז אויסגעגאַנגען אימהדיק־האַרמאַניש,
באַגלייט פון שפּילנדיקע פידלען — קינדערלעך די צאַרטסטע.
(ז' 368)

דער דיכטער, וואָס טראָגט אויף די ליפּן „דעם צאָרן פון יעדן דער־הרגעטן שמייכל", הערט דאָס קול פון דער פּילפּנימדיקער שטילקייט און שטומקייט, זאָגט צו דאַנטען:

— מייסטער פון גיהנום, צי ווילסטו זיך בייטן אַ וויַיל מיט די גיהנומס:
איך וועל אין דיינעם שפּאַצירן, און דו — אין די פייערן יענעמס...

✶

אין בוך זענען צונויפגעזאַמלט לידער פון סוצקעווערס דריי צענדליק יאָר שאַפן (1936—1966). גיט דאָס אונדז אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין גאַנג און געזאַנג אין דער יידישער דיכטונג במשך פון דער צייט, פון זיין פּאָעטישן אויפשפּראַץ אין ווילנע ביז זיינע פּערל אין דער קרוין פון דער יידישער פּאָעזיע, וואָס מיר גלויבן, אַז זיי זענען פאַרזיגלט מיט אייביקייט.

ער האָט אַרויסגעשפּראָצט אין דעם שפּרודלדיקן פּרדס פון „יונג־ווילנע", אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די נעסטן פון יונגע אָדלערס. ווען מען לייענט סוצקעווערס ליד „אַ פלאַש מיט נעמען" הערט מען דעם געפלאַטער און צאַפּל פון די „יונג־ווילנע"־אָדלערס, וואָס זענען אַרויסגעפלויגן פון זייערע נעסטן מיט שטורעם און יוגנט־ברען:

האָסטו געזען אַן אָדלער
אין זיין שטורמישן געיאָג
בשעת ער וועגט דעם שטורעם
הין און הער אויף זיינע פליגל ?
— — — — — — — — — — — — — — —
ער בייגט זיך, פאַלט, אַט קראַכט ער
באַלד אַראָפּ אויף בלוט און ציגל. —
געפאַלן דאַכט זיך! אָבער ווידער
גיט אין אים אַ שלאָג די האָפנונג
ער הייבט זיך העכער, העכער
אין אַן עיגול.

אַט די אָדלערס האָבן אויף זייערע פליגל געטראָגן נייע געזאַנגען, וואָס האָבן אָפּגעהילכט מיט פרישער יוגנט-שטים. יעדער איינער פון זיי, מיט זיין באַזונדער פאַרב און טאָן, האָט געזוכט איבערצוואַרפן אַ בריק פון ענגן יידישן געסל צו דער גרויסער רחבותדיקער וועלט. מ׳האָט גע־שריבן לידער, ווו „ווערטער זאָלן שאַלן ווי טרומייטן / זאָלן זיין פאַקעלן ווי ברענענדיקע פייגל״.

אין „באַלאַדע פון יונג-ווילנע״ זינגט סוצקעווער פון אַט די ברענענ־דיקע פייגל: לייזער וואָלף „אַן אויפגעצוקטער פון זיין אייגן זינגענדיקן פייער״. שמשון דער עסטעט, וואָס האָט אַ פאַדקאָווע פון גאָלד געשמידט פאַר זיין ציגיינער-פערד׳

...און ווי אַ זאַנג אַ דינער / געטראָגן זיך אויף אים — — —
ביז אָפּגעשימערט האָט זיין קאָפּ אין האָק פון אַ ליטווינער.

די עטלעכע לעבן-געבליבענע טוליען צום האַרצן יענעם יונג-באַרוישטן פרילינג, אין וועלכן זיי האָבן פאַרזיגלט אַזוי פיל האָפענונג, גלויבן און לירישע געזאַנגען:

...מיר האָבן אויפגעבליט אין קלאַנגען איבער אונדזער היים
באַגלייך מיט די בעריאָזקעס איבער טויערן, געזומסן;

און אונדזער חלום האָט געחלומט בימים ההם
פון אויסגעלייזטער וועלט אין לויטער גרינסן... (ז׳ 436)

איז פון דעם חלום געוואָרן — דאָס וואָס ס׳איז געשען... אָבער דאָס ליכט פון דעם חלום איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן („זינג אויס דאָס ליד פון האָפענונג / און איך וועל זיין דער ניגון״) און נישט נאָר די לעבעדיקע, אויך די טויטע ווילן זיין קול הערן, „די שטומע ערדבאַזיצער מאָנען פון דיכטער זיין געזאַנג״. דער בונד מיט זיי קען נישט איבערגעריסן ווערן. ער איז אין איטלעכנס לייב בלוטיק פאַרקנאָטן, און ווילנע דאַרף ער זיך נישט דערמאָנען, ווייל „דו אַליין ביסט מיין זכרון״.

✶

צו סוצקעווערס פּאָעטישע פּערל געהערט די טיף־תהומדיקע און הויך־האָפנדיקע פּאָעמע „געהיימשטאָט״. עס האָט אַ קונסט־קריטיקער ערגעץ־ווו באַמערקט, אַז דער גראַנגל פאַר פּאָעטישער עקספּרעסיע שטעלט אַוועק דעם קינסטלער פאַר דעם שווערסטן נסיון. די שרעקלעכסטע זאַך וועגן קונסט, האָט ער געשריבן, איז וואָס ווייטער מ׳גייט אַריין אין דעם, אַלץ מער פאַרפּליכטעט עס דיך צו זוכן דאָס אַממיינסטע, כמעט דאָס אוממעג־לעכסטע. אויב עס איז אַזוי לגבי נאָרמאַלע דערשיינונגען, וואָס דאַרף מען שוין זאָגן וועגן אַ קינסטלערישער עקספּרעסיע פון אונדזער קאַטאַקליזם? יעדער פון אונדזערע קינסטלערישע מקוננים שטייט דעריבער פאַרן שווערן נסיון צו פּרוּוון דאָס אוממעגלעכסטע. דער חורבן מאָנט רייד און — פאַרשטומט זיי. די מענטשלעכע שפּראַך, געצערטלט און געאיידלט דורך לאַנגע דורות, קען נישט געפינען קיין אויסדרוק פאַר דעם, וואָס ס׳איז געשען. און נישט בלויז וועגן די תליינים — אויך די גיהנום־וואָר פון די קרבנות ווערט פאַרבלאָסט דורכן וואָרט, וואָס איז צו אָרעם, צו באַגרענעצט, צו קענען געשטאַלטיקן דעם חורבן פון אַ גאַנצער יידישער ציוויליזאַציע.

וויפל קינסטלערישע גבורה האָט סוצקעווער באַוויזן ביי זיין יצירה פון אַ באַזונדערן אוניווערס אין די ווילנער קאַנאַלן. אויף דעם הינטערגרונט פון אומקום האָט ער פון אַ מנין יידן געשאַפן אַ פאָלק, באַשטראַלט מיט די אימאַנענטע ליכטער פון לעבן. דער דיכטער האָט זיך מתייחד געווען מיט יעדן איינעם פון די העלדן, צוזאַמען מיט זיי זיך געראַנגלט, די

שווידערלעכע „פּיין צו פאַרדעקן מיט שיין״. צו דערגרייכן עס קינסטלעריש אין דער קאַנאַליאַדע, ווו דאָס „נאָרמאַלע״ לעבן איז געווען אָן לופט, אָן שפּייז, אָן ליכט — ביי דעם אָפּגרונט קענען שאַפן די פּאָעטישע אַטמאָספער, וואָס איז דאָ אין „געהיימשטאָט״, קענען אַנטפּלעקן יעדן ניואַנס פון די קאַנאַלן־איינוווינער, דעם אינערלעכן ריטעם אין געראנגל צווישן לעבן און טויט — אין דעם אַנטפּלעקט זיך סוצקעווערס פּאָעטישע גבורה.

איך האָב די פּאָעמע „געהיימשטאָט״ געלייענט אַ שיינע עטלעכע מאָל דורך אַן איבעררייס פון יאָרן. יעדעס מאָל שפּיר איך אויף ס׳נייַ די פּריש־קייט פון דער פּאָעטישער אַטמאָספער, וואָס רינגלט אַרום די סטראָפן, די קערנדיקע גלויביקייט פון די געצייכנטע געשטאַלטן, זייער אומלעבן אין תהום מיט די צוגעטיילטע פונקציעס. ווי אַ שעפערישער קינסטלער האָט סוצקעווער געזוכט וועגן, כדי צו טראַנספאָרמירן אין אַ נייער דימענסיע די שאָטנס און ליכטער פון דעם צעמאַרשעטן לעבן. דאָס אַנטפּלעקן אַזוי פיל ליכט און פאַרבן־וווּנדער אין דעם דועל צווישן יאוש און האָפענונג אין דעם ים־המוות גופא. דאָס אויפּעפענען אין דער קאַנאַליאַדע די גע־היימע ליכט־קוואַלן צום צלם־האדם, צו זיין עטיש־גייסטיקער דערהויבונג, דער רוף אויפצוהאַלטן דעם גלויבן אין מענטש און אין דער באַיאָונג פון לעבן אין די טראַגישסטע באַדינגונגען — אָט דאָס אַלץ מאַכט די פּאָעמע, ווי איינע פון די בעסטע אין דער יידישער פּאָעזיע. זי איז, ווי אַ קונסטווערק, נישט פאַרבונדן און צוגענאַפּלט נאָר צו אַ באַשטימטער דאַטע און צייט. די אידעע, די שליחות פון אַזעלכע קונסטווערק דאַרף אָפּקלינגען לדור דורות מיט זייער בת־קול פון מאָנונג און דערמאָנונג, אַזוי אויך מיט דער ווילדער פּראַכט און טרויער־שיינקייט.

אין אַריינפיר צו זיינע „לירישע באַלאַדעס״ באַמערקט וואָרדסוואָרדט וועגן דעם פּאָעטישן ציל פון זיינע פּאָעמעס: „אָפּצוקלייבן אינצידענטן און סיטואַציעס פון פּשוטן לעבן און זיי באַשרייבן, ווי נאָר מעגלעך, אין אַן אָפּגעקליבענער שפּראַך, וואָס איז דורך די מענטשן ווירקלעך גענוצט גע־וואָרן. גלייכצייטיק צו געבן אַ געוויסע באַפאַרבונג פון פאַנטאַזיע, ווו אָט די פּשוטע זאַכן זאָלן פּרעזענטירט ווערן פון אַן אויסערגעוויינלעכן אַספּעקט, מאַכן זיי אינטערעסאַנט מיט נאָכפאָלגן זיי דורך די הויפּטגעזעצן פון אונדזער נאַטור און וועזן״.

די „מיני״־וועלט, וואָס סוצקעווער האָט געשאַפן אין די ווילנער קאַנאַלן, איז דאָך אויסגעפּילט מיט אַ פילפאַרביקער כאַראַקטעריזאַציע פון אַ פאָלק

זאַלבעצען! די אָפּגעקליבענע פּאַסירונגען אין זייער „נאַרמאַלן" לעבנסגאַנג, פאַרמאָגן אַזאַ אויטענטישע וואַרהאַפטיקייט ביים נאָכפאָלגן די הויפּטגע־זעצן פון דער מענטשלעכער נאַטור (מיט אַ געוויסער באַפאַרבונג פון פּאַטעטיש־שעפערישער פאַנטאַזיע). אויפן ראַנד פון אָפּגרונט ליבט מען זיך, מען ווערט ברוגז, מען בעט זיך איבער, און ביי די גראַטעס איז מען מחדש די לבנה!

דיכטונג איז דאָך אין אַ געוויסן זין אַ רייזע צו אַנטדעקן אַ וויזועלע רעאַליטעט, אַן אינטימע אַנטפּלעקונג און דערקענונג פון איבערלעבונג, פון עמאָציע באַזוימט מיט לירישע דינקייטן. דאָס האָט סוצקעווער באַוויזן אין „געהיימשטאָט", ווי אין פיל פון זיינע אַנדערע שאַפונגען.

סוצקעווער איז אָבער אויך, אפשר, דער סאַמע מוזיקאַלישסטער פּאָעט אין דער יידישער דיכטונג, בפרט, פון ים־המוות! עס איז זייער ריכטיק, וואָס ער זאָגט אין „נאָכליד" אין די צוויי לעצטע שורות: „כ'האָב נישט געזונגען סתם. איך האָב געמוזט / אַרויסוואָיען פון זיך די קאַנאַליאַדע!" דערביי האָט ער אָבער דעם פּערז אַנפּאַרטרויט אַזאַ צויבערשפּיל פון וואָרטמוזיק, פון כוואַליעדיקע פאַרבן, אַזאַ כישוף־גליטקן ווילקלאַנג פון יידישוואָרט:

פון וואַנען קומט דבורל? איך האָב זי עס זעלטן
געפרעגט. ווייס דער שטערן אַליין פון זיין ליכטונג?
און ווייס דען דער פייטן פון וואַסערע וועלטן
עס צויבערט צו אים אין געהיימשטאָט זיין דיכטונג?

אין סוצקעווערס אַ פּערז קען אַ וואָרט מיניען מיט פאַרבן און קלאַנגען, וואָס זענען מאָלעריש־וואַרעם, ערדיש־רעאַליסטיש און ראָמאַנטיש־עטעריש, אַפילו אין קאַנאַליאַדע:

און דאָ, אין געהיימשטאָט, מיט הונגער באַפליטלט,
איז דבורל פאַרוואַנדלט אין הונגערס פאַרביטער.
אַ בליק נאָך אַ בליק ווערט אַרום איר געקייטלט,
פאַרטונקלט אַ רגע און קייטלט זיך ווייטער.

דער דיכטער באַזינגט די סימפאָניע פון מייז אין די קאַנאַלן. בעת אויבן מבולט אַ רעגן און די שטראָמען הייבן אָן צו פליסן האַסטיק. זייער מעלאָדישקייט ווערט וואָס אַ מאָל העכער, האַסטיקער, און דבורל, פאַרכאַפּט פון די קלאַנגען פון די צעשטורעמטע מייז, וואָס שפּרינגען פון די לעכער מיט זייער צאַף־צאַף, צאַף־צאַף:

„נאָר דבורלען באַהערשן אַלץ מער די צאַפּצאַפּן,
די פייגלמייז מאַנען, פאַרשיכורן, קלאַנגלען.
וויל דבורל אַ ווערק פון די טענער באַשאַפן!
זי פילט נישט די שטראָמען וואָס רינגלען זי, ראַנגלען.

— — — — — — — — — — — — — —

שוין גרייכט ביז די קני דאָס צעקאָכטע געוועסער
מיט פלייציקע פידלען, וואָס שפּילן אָן קיינעם.
עס טרילערן פלייטן, עס בויערן בעסער:
באַזונדער — אין איינעם, באַזונדער — אין איינעם.
עס פּלאַצט אַ געוויין! און עס ברויזן אַקאָרדן,
ווי איינע וואָלט ווען דעם צווייטן דערמאָרדן. (ז' 222)

אָט דער וואָרט־אָרקעסטער מיט זיין מוזיק. די ברייטע גאַמע וויל־קלאַנגיקע ניואַנסן מיט זייער שיינקייט און פאַרכאַפּנדיקן ריטעם, זענען דאָך סובלימירטער טרויער, פּיין, ווייטיק, געצייכנט מיטן בלוט פון האַרצן, וואָס פלייצט פון ים־המוות!

די געשיכטע פון יידישן אומקום מיט דער הילף פון די פּאָליאַקן, ליט־ווינער, און אַנדערע „יידנפריינד" איז גוט באַוווּסט. די געשיכטע־פעלשער הינטערן „אייזערנעם פאָרהאַנג" באַזינגען די „הילף", וואָס יידן האָבן באַ־קומען (פון די פּאָליאַקן און אַנדערע שכנים). די יחידים־פּאָליאַקן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייער טיפע מענטשלעכקייט ווערן געגנוצט ווי אַ דעק־מאַנטל איבער דער ריזיקער צאָל, וואָס האָבן געהאָלפן דעם שונא אויסצו־ראָטן יידן.

אין זיין פּאָעמע „צו פּוילן" פרעגט סוצקעווער:

ווי קען איך דיך בענטשן? איך בין דאָך דער עדות
פון דיינע פּאָגראָמען אויף קינדער און זיידעס.

דער דיכטער באַטאָנט די חורבן־יאָרן, ווען גרויסע מאַסן האָבן אַנטייל גענומען אין מאָרד און רויב, האָבן געהאָלפן טרייבן די יידן אין בוינע:

נאָר איך האָב געפּרוווט זיך אַליין צו באַצווינגען,
איך זאָל וועגן דאָזיקן אמת נישט זינגען.
פאַר מיר האָבן איינציקע העלפער און רעטער
אַריבערגעוויגן פיל טויזנט פאַררעטער.

סוצקעווער האָט די פּאָעמע געשריבן אין 1946, גלויבנדיקן נאָך דע־מאָלט, אַז „אין זכות פון דעם איינציקן בין איך געקומען / דיך ווידער ליב צו האָבן מוכן ומזומן".

ער באַזינגט אין „געהיימשטאָט" די פּוילישע טאָכטער (מאַריאַ פּע־דעצקאַ), וואָס האָט זיך מוסר־נפש געווען צו ראַטעווען יידן „זאָל יעדער געדענקען איר נאָמען, די פריינדשאַפט / אין שרעקלעכן דור פון משוגע־נער פיינטשאַפט". אָבער ווי ווייניק זענען אָט די צדיקים געווען אין סדומישן פּוילן! די פאַררעטער זענען נישט נאָר אין די שטעט, נאָר אויך אין די וועלדער געווען. איז דאָך קאַפּל דער שמידער געקומען אין די קאַנאַלן נאָך די טראַגישע דערפאַרונגען מיט די „חברים"־פּאַרטיזאַנער אין די נאַראַטשער וועלדער...

אָבער נישט דאָ איז דער אָרט זיך אָפּצושטעלן לענגער וועגן דעם לעצטן קאַפּיטל פון יידן אין פּוילן, וואָס ווערט איצט אָפּגעשלאָסן מיט דעם גירוש פון דעם לעצטן רעשטל יידן אויף דעם פאַרסמטן באָדן.

פאַרן פאַרלאָזן פּוילן אין סוצקעווער אָוועק זיך געזעגענען מיט פּרצעס אוהל, וואָס „היט דעם בריליאַנטענעם שטויב פונעם דיכטער", וואָס האָט געעליכטיקט אין געטאָ. ביים לייענען דעם געשריפט איבערן אוהל־געוועלב: „אַזוי גייען מיר זינגענדיק, טאַנצנדיק", האָט זיך סוצקעווער זיכער דער־מאָנט, אַז ער זינגט אין איינעם פון זיינע לידער וועגן מיטנעמען מיט זיך די הייליקע ווערטן פון אונדזער ירושה „ווי ס'האָט מיין ווייטער זיידע / געטראָגן דורכן מדבר־פלאַם דעם משכן אויפן אַקסל". שטייענדיק אויפן געגנשער בית־עולם, ווו געטאָ־יידן האָבן געזוכט אַ מקום־מקלט צו ראַ־טעווען זיך, זעט ער דעם סוף פונעם יידישן קיבוץ אין פּוילן. מיט וועמען וועט דאָרט פּרץ בלייבן? קען די גאָלדענע קייט נאָך האָבן דאָ אַ שליטה? און עס פאַרענדיקט סוצקעווער זיין פּאָעמע „צו פּוילן" מיט דער סטראָפע:

און איך, וואָס אָהער בין געקומען כדי צו
געזעגענען זיך — נעם אַרויף אויף מיין פּלייצע
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זיין ניגון
וואָס גאָר די פאַרגאַנגענהייט טוט ער צעוויגן
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פאַראַקערן:
— „אָט אַזוי גייען מיר,
די נשמות — פלאַקערן!"

✶

גוטע פּאָעזיע איז שטאַרק קאָנצענטרירט אין אַלע אירע טיילן. די קינסטלערישע געצוימטקייט פאָדערט שפּאָרזאַמקייט פון וואָרט און אָפּקלויב פונעם פּאַסיקן וואָרט, וואָס גיט אַ ליד דערפילונג. פאַראַן שרייבער וואָס זענען רייך אין לשון, נאָר דאָס איינציקע פּאַסיקע וואָרט אויפן אָרט קומט זיי נישט אונטער. וועגן אַשן האָט ניגער אַ מאָל באַמערקט, אַז ער איז אַ מייסטער פון ווערטער, אָבער נישט קיין וואָרטמייסטער.

סוצקעווער איז דער גרויסער וואָרטמייסטער, וועלכער דערגייט צו ווירטואָזיטעט. עס איז גוט באַוווסט זיין שפּראַך־דערפינדערישקייט און ווערטער־פאַרבן, נאָך מער, זיין יידיש־לשונדיקע נאַטור־מאָלערישקייט, וואָס פאַרשאַפט דעם געניסער פון פּאָעזיע דעם נחת־רוח פון עסטעטיזירטער דערהויבונג. פאַרן לייענער אַנטפּלעקט זיך מיט לירישן חן דאָס, וואָס טיילט אויס סוצקעווערס אַ ליד פון אַנדערע. זיינע וואָרט־אינאָוואַציעס, גראַם־חידושים אין די דערגרייכטע שלמותדיקע לידער, שאַפן, אָדער שמעלצן איבער, אַ ניי לשון פון מוזיקאַלישער שיינקייט און פאַרביקייט פון קאָמפּאָזיציע — די גאָט־געבענטשטע האַרמאָנישקייט צווישן דיכטער, מאָלער און מוזיקער.

ביים לייענער סוצקעווערס לידער קען דער לייענער באַמערקן וויפל אויפמערקזאַמקייט און מי דער דיכטער גיט אָפּ דעם איינציקן וואָרט, עס זאָל האָבן נישט נאָר זין, נאָר אויך מוזיק:

אַ וואָרט אָן מוזיק מיט אַ שטותיקן זינען
אַ קנאַפּער מחותן אין קעניגרייך ליד —

אַ וואָרט אַן פּערזענלעכקייט, אַן אינדיווידו,
אַ זלידנע באַשעפעניש... (ז' 468)

ער וואָרנט פאַר די סכנות פון אַן אומפּאַרזיכטיק וואָרט און פאַרגלייכט עס, ווי דאָס גיין איבער אַ מינעפעלד: איין פאַלשער טריט, איין פאַלשע באַוועגונג, און דו ביסט אַ פאַרפאַלענער! שטייט, דעריבער, דער דיכטער פאַר תיקון־אות, ווי זיין זיידע פאַר תיקון־חצות. אין אַ „ליד וועגן תיקון", דערציילט ער ווי די „שוואַרצע פינטעלעך", „ווי בליקן / אָפּגעשפּרונגענע פון קלף, / מיניען, מאָנען: גיב אונדז תיקון. / זיי באַשאַפער, זיי באַשאַף".

דאָס וואָרט מאָנט ביים דיכטער צו באַשאַפן שיינקייט, צו זוכן גרויס־קייט אין קליינקייט. אויך אין „גיהנום־גאַס" האָט סוצקעווער דערשפּירט דעם זיסן טעם פון גן־עדן־וואָרט, ווי אינעם ליד „איך ליג אין אַן ארון", פילנדיק שוין דעם אָטעם פון טויט: „היינט דאָ, מאָרגן דאָרט, / און איצט אין אַן ארון, / ווי אין הילצערנע קליידער, / זינגט נאָך אַלץ מיין וואָרט". (די דאַטע אונטערן ליד איז: ווילנע, אויגוסט 1941).

אַ דיכטער קען אַ בערגעלע מיסט אויך פאַרוואַנדלען אין אַ ליד. ליגנ־דיק אויסבאַהאַלטן אין אַ קאַלכגרוב, אַ האַלב־דערטרונקענער, קומט אויף פאַר זיינע אויגן (דורכן צעלאָזענעם קאַלך און וואַסער), אַ שמייכלדיק־ראָזעווער זונפאַרגאַנג. עס פאַרכאַפּט אים די שיינקייט און ער הערט נישט אויף צו גאַפן „אויפן שענסטן זונפאַרגאַנג, דורך מיר אַליין באַשאַפן" („אַ טאָג ביי די שטורמיסטן").

ער זינגט אין זיינע חורבן־לידער, אַז „דער טויט אַליין דערשרעקט זיך פאַר דער שיינקייט"... עס איז אַ שוידערלעכע שיינקייט אין דער עלע־גיע נאָך דער פינצטערער נאַכט! דער דיכטער פירט דעם לייענער צו די אומצאָליקע קברים, וועלכע ער האָט פאַרזיגלט מיט לידער. זינגט ער דאָך צו קענען באַשאַפן „פון קברשן ליים פונעם פייכטן — — — אַ משה־געשטאַלט פאַר די דורות צו לייכטן".

וויפל אויפשוידערנדיקע שיינקייט האָט סוצקעווער אַריינגעגעבן אין „די לערערין מירע" און אין דער גרויסער פאָעמע „כל־נדרי" נאָר אָנצורופן אַ צוויי — זייער צאָל איז אַ לעגיאָן — פילסטרוניקע „פון וויינענדיקע פידלען אונטער דער ערד".

און די, וואָס גליווערן פאַרלאָשן,
און קיינער הערט נישט זייער קול —
זיי האָבן מיר געגעבן לשון
ווי שנייִיק־אָנגעגליטן שטאָל.

— — — — — — — — —

הערט אויס, לעבעדיקע ברידער,
די אויסגעמאָרדטע לעבן אויך.
און אייערע געביטשטע גלידער
איז איינגעקלונגען זייער הויך. (דער נביא, ז' 129)

די יענעוועלטיקע שטים פון דיכטער איז אַ שטילע. ער זינגט אויס דעם געקלאָג פון אַשיקן געטאָ אין שטילע טענער, אָבער מיט גרויס־פּאַרנעמיקע זעונגען פון די טויטפּייערן.

מיט וואָס פּאַר אַ לירישע פידלטענער שפּילט סוצקעווער אויס זיין „איכה" איבער די אומגעבראַכטע יידישע קינדערלעך! זייער שפּילגעצייג איז געבליבן פאַריתומט, „ווייל ס'האָט קיינער פון זיי נישט קיין מאַמע". און ביים דורכוואַנדערן איבער דער סקעלעטן־וועלט פון זיין זכרון, זעט ער די קליינע בית־מלכהס:

איך געדענק אַזאַ טאָג — ווי און ווינד —
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד.

צו זיין צווייטן לידערבאַנד האָט מאַיאַקאָווסקי געגעבן דעם מאָטאָ: „איך קען נישט אַריבערטראָגן די יסורים פון שטערנלאָזיקייט". סוצקעווער האָט די זעונגען פון דער שטערנלאָזיקער נאַכט באַהעלט מיט דיכטערישע ליכטשטראַלן און באַזוניקטע קלאַנגען.

ער איז נישט קיין יאוש־זינגער, ווייל ער איז אַ מאמין אין לעבן. אין די שווערסטע מאָמענטן „קומט ווידער די זון אין מיין טונקל געמיט / און אַ גלויבן נעמט שטאַרקן מיין אָרעם. / אויב אַ ווערעמל גיט זיך נישט אונטער דעם שניט, / ביסטו ווינציקער דען פון אַ וואָרעם?" (ז' 23).

ווען כ'האָב געלייענט זיינע „לידער פון ים־המות" איז אויף מיין שרייבטיש געלעגן אָן ענגלישער זשורנאַל מיט אַ רעפּראָדוקציע פון אַ בראָנזנפיגור, געשאַפן פון יידישן סקולפּטאָר ליפּשיץ: אויף אַ וועגעלע זיצט אַ פרוי מיט אָפּגעהאַקטע פיס און הענט. עס מבולט אַרום איר, און אירע האָר, נאַס פון רעגן, זענען אַראָפּגעהאַנגען און צעפּלאָשעט. אַ טראַגיש בילד, אָבער זי, די שווער־געטראָפענע פון גורל, זינגט מיט אויפגעהויבענע אָפּגעהאַקטע אָרעמס צום ליכט פון לאַנטערנשיין!

אָט דער סימבאָל איז פּאָעטיש אויך דאָ אין סוצקעווערס חורבן־לידער („אין ליכט האָסטו איבערגעשמאָלצן אַ כמאָרע"). פון עולם־התוהו בלאָנדזשען צו אים און עס רופן קלאַנגען, וואָס האָבן נישט קיין רו. עס רופן די קאָשמאַרן און נשמה־פּלאָנטערס פון דער שוידערלעכער נאַכט, אַ נאַכט אָן לאַנדשאַפט, אָן שטערן, נאָר בלויז חשכות אַרום. אָבער ווי זאָגט אליעזר וויזלס העלד, מיכאל, אין „די שטאָט פון שטראָף" —

און פאָרט זאָג איך דיר: מיר וועלן אויסגעלייזט פון איר.

און ער גיט נאָך צו, אַז פון אָט דער נאַכט וועלן געבוירן די שענסטע שאַפונגען.

סוצקעווער האָט אין זיין געזאַנג צו סיני, ירושלים, נגב, צו „די גייסטיקע ערד" פון ישראל, וווּ ער לעבט שוין איבער צוויי צענדליק יאָר, פאַרוואָרפן אַ בריק צווישן נעכטן און דעם היינט. ער דערמאָנט, אַז „צוריק צוויי טויזנט יאָר האָט נאָך געזאָגט אַ קלוגער גריך, / און זאָגן מעגסטו איצט מיט אים צוזאַמען: / — דעם הימל בייט אַ וואַנדערער, דעם הימל — נישט זיין איך, / בשעת ער גייט אַוועק פון לאַנד און שווימט אַריבער ימען... (געשלאָסענער ציקל, ז' 444).

זינגט סוצקעווער וועגן זיין היימשטאָט ווילנע: „איך וויל אין דיר אַריינגיין ווי אַ נאַכט צעגליט אין שטערן".

פון דער צעשטערנטער נאַכט טראָגט ער „אַ נייע בענטשונג און אַ נייעם האָפן".

די דערשיינונג איציק מאַנגער

איציק מאַנגער געהערט צו די פענאָמענאַלע דערשיינונגען אין אונדזער יידישער ליריק. געקומען איז ער צו איר, ווי אַ קינד פון זיין דור און צייט, מיט אַלע ראַנגלענישן און האָפענונגען, אָבער באַלד אין די ערשטע טריט פון זיין דיכטונג האָט ער זיך פאַרקערעוועט אויף אַן אייגענעם וועג — אַ זייטיקע סטעזשקע, וואָס איז ווייט געווען פון ברייטן טראַקט.

געווען איז עס בעת די שטורמישע רעוואָלוציע־יאָרן, ווען דער מעכ־טיקער שטראָם פון סאָוויעטישן „אָקטאָבער" האָט אין דער קונסט און ליטעראַטור אַראָפּגעשוואָנקען אַלע פאָרמען און דאָמבעס פון טראַדיציאָ־נאַליזם, פון עסטעטיזם און ראָמאַנטיזם. ווען אין דער פּראָזע האָט מען אַנגעטאָן די כתר־כהונה דעם נאַקעטן, רויען נאַטוראַליזם און אין דער פּאָעזיע האָט מען כאַליאַסטרעוועט, געזידלט און געשאָלטן די אַלטע אונ־טערגייענדיקע וועלט אויף אַ לשון, וואָס איז געוואָרן „אַ הפקר גאַסן־מויד" (מאַרקיש). אָט אין דער צעשויבערטער צייט פון אַנטי־לירישקייט — האָט אַ יונגער, אויפגייענדיקער פּאָעטישער שטערן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט פון אונדזער ליטעראַטור — איציק מאַנגער.

דער גרויסער חידוש מיט אים איז געווען זיין אָנטאָן (אין יענער צייט) אַ יום־טוב־באַזילבערטע פּרוכת־מענטעלע אויף די דעמאָלטיקע אָפּגע־שפּאָטענע ראָמאַנטישע ווערטער, ווי לבנה־ליכט, אומעט, בענקשאַפט, טרוימען:

דאָס שוואַרצע קלייד
טוליעט זיך טרויעריק צום אָוונטווינט
מיט דער שרעק פון קינד,
און מורמלט:
„ווי שיין די לבנה ברענט
אין מיינע טרוימען".

(מיידל־פּאָרטרעט)

די ציטאַטע איז פון מאַנגערס ערשטן ליד, אָפּגעדרוקט מיט קרוב אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק. ער איז דאָן געקומען צו דער דיכטונג מיט זיין גאַנצן ראָמאַנטישן רעקוויזיט — אַן עדות איז אויך דער נאָמען פון זיין ערשטלינג לידער־בוך א״ב „שטערן אויפן דאַך״ (1929). דער דיכטער האָט צו יעדן טונקעלן פענצטער שטערן־ליכט געבראַכט און „יעדער שטערן איז אַ טרער, אַ ליד״. מאַנגער האָט געזונגען אַ ליריש שטילן געזאַנג וועגן קליינע און גרעסערע לעבנס־פריידן, וועגן מענטשלעכן טרויער, צער און בענקשאַפט. זיין בענקשאַפט נאָך שיינקייט, וואָס „ווישט די טרערן אָפּ פון אַלע צערן״, זיין צולייכטן מיטן בלאָען כישוף־לאָמטערן דעם מענטשלעכן טרוים:

> דאָס טונקעלע וואַסער, דאָס פעלד...
> דעם חלום פון דער גאַנצער וועלט.

מאַנגערס פּאָעטישע קראַפט גלאַנצט נישט מיט פּאָעטישע פליטערלעך. זיין ליריק איז פשוט און פּראָסט, אָבער אַרומגענומען מיט ליכט פון וויזיאָנערישן בליץ און מיט דער מייסטערשאַפט פון לייכטן פערז. ער עפנט אויף ברייטע טירן צו דער פאַנטאַזיע, צום צוזאַמענשפּיל פון קלאַנג, פאַרב, וואָרט און בילד.

אין זיין גרעסטענעם ערשטלינג „שטערן אויפן דאַך״, האָט מאַנגער געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר זיינע שפּעטערדיקע קינסטלעריש־אויסגעצייפטע באַלאַדעס און לידער. די יידיש־אידיאָמאַטישע פשטות פון זיין לייכטן פערז איז פאַרן פשוטן לייענער געוווען ווי זיסער וויין פאַרן גומען, ווידער פאַרן ראַפינירטן פּאָעזיע־געניסער, האָבן מאַנגערס ליריקס אויסגענומען מיט דעם זיווג פון פאָלקישן פּרימיטיוו און קלוגער איראָניע, נאַיווייטעט און טיפער חכמה, גראָטעסק און ליריזם, וואָס זינגט זיך אַריין אין אונדזער געמיט. דאָס איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין זיין פּאָעטישער אינטערפּרעטאַציע פון יידישן טרובאַדור.

*

אין די קאַרפּאַטן־בערג, אויף די שליאַכן צווישן דערפער, זענען פאַרבליבן די טריט פונעם גרינדער פון חסידיזם. מאַנגער האָט נאָך אין זיינע

קינדער־ און יוגנט־יאָרן אָנגעזאַפּט זיך מיט די מעשיות און לעגענדעס וועגן בעל שם טוב, וואָס האָבן באַווירקט זיין פאַנטאַזיע און זענען שפּעטער סובלימירט געוואָרן אין זיינע באַלאַדעס. אין הלל מאַנגערס שניידערישן וואַרשטאַט האָט מען ביים נייען און פּרעסן פאַרצויגן אַ פריילעכס פון די בראָדער זינגערס, פון וועלוול זבאַרזשערס אַ בענקשאַפט־ליד, אָדער גאָר פון אברהם גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר. מאַנגער האָט זייערע שאַפונגען באַצירט מיט אַלע זיינע פּאָעטישע חנען.

דער ליריקער האָט דערשפּירט די טיפע רעליגיעזיטעט, די הומאַנישע דערהויבנקייט, וואָס די לערע פון בעל שם טוב האָט געטראָגן אין יידישן לעבן, אין אָט דער גרויסער באַוועגונג, וואָס האָט געבראַכט פיל פרייד און בטחון פאַרן פאָלק.

צווישן קאָסעוו און קיטעוו
שטייט אַ גאָלדענער ברונעו.
אין טיפן קלאָרן וואַסער
האָב איך אַ זון געפונען.

קאָסעוו און קיטעוו איז דער געאָגראַפישער שטח, די לאַנדשאַפט אַרום די קאַרפּאַטן־בערג. דער גאָלדענער ברונעם איז דער סימבאָל פון דער גרויסער לעגענדאַרער געשטאַלט און באַוועגונג. אין מאַנגערס ליד איז דער בעש״ט דער קול־מבשר פון הייליקן ציטער. ער איז דער גרויסער פאַנטאַזיסט און הומאַניסט, וואָס זאָגט אָן מיט גרויסער פרייד דעם ישוב:

הייליק איז די וועלט און דריי מאָל שיין.

עס איז די קאָסמישע שיינקייט און הייליקייט, וועלכע מאַנגער האָט מיט גרויס־דיכטערישע פאַרבן געמאָלן אין זיין „סאַנקט בעש״ט״. נישט נאָר אַ מענטשלעכע טרער קען צעטרייסלען די רו פון דער וועלט, אויך פון דער טרער פון אַ גרעזל און פונעם מינדעסטן ווערעמל, שוין אָפגערעדט פונעם געוויין פון שטערנדל ווערט צעשטערט די האַרמאָנישע שלווה אין דער וועלט. דער דיכטער באַלעבט די אוניווערסאַלע מענטשלעכע דערהויבנ־קייט פון דער בעש״ט־געשטאַלט, פון איר לויטערקייט און אַרומנעמענדיקער ליבשאַפט צו אַלץ פון גאָטס באַשאַף. אָט איז מאַנגערס פּאָעטישער חזיון

פון בעש״ט, בעת ער זיצט אין זיין חדר־מיוחד בחצות־הלילה, און זיין גאַנצער וועזן איז דורכגענומען מיט דער קאָסמישער נאַכט־שיינקייט:

די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין,
און אַפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין
באַרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד,
פילט איבער זיך גאָטס בלאָע האַנט.

אין אָט דער בלאָער הערלעכער הימלישער פאַרב מיט איר סאַמעטענער ווייכקייט און אײדעלער שלווה, רייסט זיך פּלוצעם אַריין אַ דין שטיל געוויין, וואָס האָט איבערגעריסן די זעלישע רו:

עפנט דער בעל שם טוב די טיר און גייט
געוואָר צו ווערן, ווער ס׳שטערט די פרייד,
די פרייד און דעם חלום פון אַ וועלט.

אין דער „סאַנקט בעש״ט״־באַלאַדע, האָט דער דיכטער געזוכט די צעשטערער פונעם וועלטס־חלום און פרייד — אין די העכערע קאָסמישע כוחות. „ווער־זשע וויינט אַצינד?״ דער בעש״ט זוכט איינצושלעפערן דאָס פרעמדע געוויין אויף זיינע הענט, ווי עס טוען מאַמעס, נאָר ס׳ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין „דין ווי די גסיסה פון אַ קינד, וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפל אויפן ווינט״.

און דאָן אַנטפּלעקט זיך אין בעל שם טובס וויזיע, ווער עס האָט צע־שטערט זיין חלום:

הייבט דער בעל שם די אויגן אויף,
די ליכטיקע אויגן צום הימל אַרויף,
זעט ער אַ גראָע כמאַרע וואָס ליגט
איבער אַ שטערן, וואָס ווערט צעדריקט.

האָט דער בעל שם אַוועקגעשאַרט די גראָע כמאַרע און באַפרייט דאָס שטערנדל פון קלעם.

שמייכלט דער בעל שם: „דו שייגעץ, דו!
האָסט אויפגעטרייסלט אַ וועלט פון רו".

ווי אין ריכאַרד ב. האָפמאַנס פּאָעטיש־דראַמאַטישער וויזיע „יעקבס חלום", איז אויך אין מאַנגערס „סאָנקט בעש"ט" דיכטעריש אַרויסגעהויבן די קאָסמישע פּיין, דער שטומער בליק און דינער געוויין אין דער יצירה:

דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז,
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו...
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו!

אין מאַנגערס שאַפן הענגען בלאָע הימלען איבער פינצטערע אָפּגרונטן. עס איז דאָ די באַזוניקטע אויפלויכטונג פון בענקשאַפט און טרוים, דער מענטש, די וועלט, זאָל זיין שענער, בעסער, ווייל מיטן חלום ווערט דער מענטש גרעסער, דערשפּירט דעם הייליקן פלאַטער — די רעליגיעזיטעט אין בליץ געהילט, און אין ליכט צעשפּילט:

...און ס'האָבן שטערן אויפגעבליצט
אויף מיין געזיכט און מיינע האָר,
איז גאָט פאַראַן אין אונדזער טרוים
איז ער פאַראַן אין דער וואָר.

מאַנגער איז מיט אַלע זיינע רמ"ח־אברים אַ ראָמאַנטיקער. ער קען גוט די גראָע וואָר, דאָס ביטערע און טראַגישע פון דער ערדישערווירקלעכקייט. מ'קען אין זיינע לידער געפינען צער, געוויין פון קלאָגנדיקע רעגנס אין הארבסט און פון הונגעריקע קינדער. ער דערציילט פון טרויער און עלנט פון שמאַטעס־קלייבער, וואָס גראַבלען אין מיסט און מיינען „זיי וועלן אַן אוצר געפינען". ער באַזינגט דעם אומעט פון די נאַכטיקע שאָטנס און מיט זעלבסט־איראָניע איבער זיך, דעם פאַרפאַלענעם ראָמאַנטיקער, פון די „דיכטער וואָס האָבן געגלויבט אומזיסט די שטערן — און זענען אַראָפּ פון זינען".

ביי דער גאַנצער איראָניע פון דער ניכטערער וואָר, קלאַמערט ער זיך אין דער אילוזיע — אין איר צוביבערדיקער ליכט און ער בעט זיך ביי איר:

אילוזיע, שוועסטער, פאַרלאָז מיך נישט.
צינד שאַרפער אָן דיין בלאָען לאַמטערן
און זאָג: די שטערן זענען שטערן
און אַלצדינג אויף דער וועלט איז שיין און גוט.

פּרוּווט ער פליען אויף דעם כישוף־טעפּעך און נעמט אויף אים אַרויף דעם ייד, וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ — דאָס איז טאַקע דער נאָמען פון איינער פון מאַנגערס שענסטע באַלאַדעס, ווו ער האָט מיט אַזאַ מייסטערשאַפט מזווג געווען וויזיאָנערישקייט מיט מוזיקאַלישקייט. די מאַ־לערישע פאַרבן און די מוזיקאַלישע קלאַנגען גיסן זיך האַרמאָניש צונויף און שאַפן שלמות פון אַ הויכער מדרגה. די באַלאַדע הייבט זיך אָן מיטן אָרעמען ייד אין די גראָע מלבושים מיט זיין וואַנדער־טאָרבע און שטעקן. און די דערדריקנדיקע גראָקייט ווערט אַלע מאָל געדיכטער און שווערער, ביז דער ייד איז מתפלל — בעטנדיק הויך אויפן קול:

רבונו של עולם מעק די גראָקייט אָפּ
פון אַלע מיינע וועגן, און זאָל
מיין וואָגל און וואַנדער איבער דער וועלט
זיין כאָטש ליכטיק און אויפגעהעלט.

און ס׳קומט די טראַנספאָרמאַציע אינעם יידן ביי אַ גראָער אכסניה אויף די וועגן. זיין באַגעגענען זיך מיט דער פרוי אין בלאָען קלייד און מיטן אכסניה־באַלעבאָס, וואָס דערציילט אים פון אַ בלאָען קעניגרייך מיט אַ בלאָען טייך אַרומגערינגלט. דער ייד דערשפּירט אַרום זיך אַזאַ גן־עדנדיקע בלאָקייט, וואָס שלעפערט אים איין, און דער חלום שפּינט פאַר אים אַ וועג, וואָס איז כולו בלאָ:

און דאָס פעלד און דער וואַלד און דער טייך איז בלאָ.
גאַפּט דער שענקער און ס׳גאַפּט זיין פרוי,
ווי ס׳שפּאַרט פון דעם ייד אַרויס דאָס בלאָ.

און פילט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און די בלאָקייט ווערט מורמל און שטאָמל און פלי,
פּליסטער און רויש און געזאַנג פון נישט הי;

ווערט בלאַט און צווייג און שטאַם און בוים
וואַלקן און וואַלד און טרוים איבער טרוים.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווערט טראַט און טופּע און טאַנץ און פרייד,
ווערט פרייד איבער פרייד און אייביקייט.

די באַלאַדע ווערט פאַרענדיקט מיט „און" און אַ שורה פּאַסיקלעך פון אין־סופיקייט. די מוזיקאַלישע קלאַנגען און מאַלערישע פאַרבן, די ריטמישע שיינקייט, וואָס ווערט נאָך שטאַרקער אַקצענטירט אין דער פאַרלעצטער שורה („טראַט און טופּע און טאַנץ און פרייד"), גיבן דעם קינסטלערישן זיגל צו דער באַלאַדע, אין וועלכער עס איז דאָ אַזאַ האַרמאָנישקייט צווישן וויזיאָנערישקייט און מוזיק. מאַנגער פלעגט באַטאָנען, אַז אָט דיביידע עלעמענטן זענען דער יסוד און סוד פון עכטער פּאָעזיע וואָס לעבט און אָטעמט. אָבער דערביי איז ער צו זיי אויך מזווג אַנדערע פּאָעטישע עלע־מענטן און די פּאָעטישע קאָנפּוואַרטיקייט. ער זאָגט עס אַליין: „אַז מען ענדיקט אַ ליד באַצייטנס / איז דאָס אי שיין, אי קלוג". אָט דעם כלל האָט ער זיך באַמיט אָפּצוהיטן.

✶

מאַנגערס חומש־לידער זענען איינציקאַרטיק אין אונדזער דיכטונג. דער דיכטער האָט דורך זיי דעם גאַר ווייטן נעכטן צוגערוקט צו אונדזער היינט. ער האָט די תנ"ך־געשטאַלטן אַריבערגעבראַכט אין היימישן שטעטל, זיי אַריינגעפּאַסט אין לעבעדיקן יידיש־פּוילישן פּייזאַזש און זיי אָפּגעשפּיגלט, ווי היימישע יידן מיט זייערע ווייבער און געמיט אין דעם יידיש־פּוילישן

לעבנס־שטייגער. די פרומע קרייזן האָבן אים נישט געוואָלט מוחל זיין, פאַר וואָס ער האָט זיך שקאָציש אַ שפּיל געטאָן מיט די בערד פון די אבות. נישט גערעכט איז געווען זייער טענה. מאַנגער דער סעקולערער דיכטער האָט גראָד אַ היפּש ביסל לידער מיט דערהויבענער רעליגיעזיטעט. זיינע בעש״ט־לידער זענען גוטע עדות, ווי ווייט ער איז פון רעליגיעזער פּראָפאַנאַציע. אין זיין „מדרש־איציק״ האָט ער די פאַרצייטיקייט פון חומש פאַרהיינטצייטיקט. ער האָט די תנ״ך־העלדן פאַרהיימישט דורך דער נאָענטער מזרח־גאַליצישער לאַנדשאַפט, אַפּגעווישט דעם שטויב פון די אבות און אמהות, ווי זיי וואָלטן געלעבט מיט אונדז, ווי היינטיקע יידן.

איך דערמאָן זיך אָן עפּיזאָד פון די מיטעלע דרייסיקער יאָרן ווען דער „אוהל״ האָט אין וואַרשע אויפגעפירט די פּיעסע „יעקב און רחל״ מיט געטריישאַפט צו דעם היסטאָריש־עטנאָגראַפישן הינטערגרונט. עס איז דאַן פאָרגעקומען אַ גרויסע דיסקוסיע וועגן דער געטריישאַפט צו דער פאַרצייטיש־ביבלישער עפּאָכע אין אַ מאָדערנער טעאַטראַלער אויפפירונג. און מאַנגערס מיינונג איז געווען, אַז די רעזשי האָט די ביבלישע געשטאַלטן געדאַרפט אַריבערטראָגן קיין פּוילן און ליטע און זיי אַדורכלייכטן מיט היינטצייטיקייט. דאָס טאָקע האָט ער אַליין געטאָן אין זיין „מדרש־איציק״.

אַוודאי איז דאָ גראָטעסק אין מאַנגערס חומש־ און תנ״ך־לידער. עס איז דאָס שטיפערישקייט, שאַרזש און אַ ביסל שקאָצישקייט מיטן שעלמישן מיצל. דאָס זענען אָבער נאָר די מאַנגערישע באַצירונגען צו זיינע צייכענונגען און שטייגער־געמעלן. דורך זיי האָט ער דעם עבר פאַרזווגט מיט אונדזער צייט. ער האָט דאָס ריין־מענטשלעכע — סענטימענטן, געפילן, טרוימען און די נאַטירלעכע געלוסטן — אָפּגעטיילט פון זייערע פאַרהייליקטקייטן. ווי נאָענט עס איז צו אונדזער געמיט דער פאַרדרוס פון דער מאַמע שרה, די קרענקונג פון אַ פרוי אַן עקרה, בעת איר מאַן —

אָט שטייט ער אין זיידענעם קאַפּל
ר׳ אברהם דער פרומער ייד, —
צי פילט ער כאָטש, מאַמע געטרייע,
מיין ביטער דערשלאָגן געמיט ?

ווען הגר ווערט אַרויסגעטריבן פון אברהמס הויז, ווי באַרעכטיקט און היימיש־באַקאַנט איז איר באַקלאָגן זיך אויף דער אויפפירונג פון דעם שיינעם ייִד, ר' אברהם:

אוּן הגר נעמט פאַר אַן עדות
דעם הימל אוּן די ערד:
אַט אַזוי פירן זיך די אבות
מיט די לאַנגע פרומע בערד.

עס איז אונדז היימיש־נאָענט אָט די אוממיטלבאַרקייט און פשטות אין אַזאַ פאָלקסטימלעכן אידיאָם. צו מאַכן זיי נאָך מער אינטימער, האָט מאַנגער צוגעגעבן די טאָפּלשפּיל באַווירצט מיט פאַמיליאַרן גראָטעסק. וויינט די מאַמע שרה, ווייל זי האָט שוין ווידער אַ מאָל „די צאינה וראינה געלייענט". ער חזרט איבער דעם טריק מיט אליעזרן, ווען אברהם שיקט אים אויסזוכן אַ ווייב פאַר יצחקלען: „איך האָב אים קוים אויסגעוויינט / דו ווייסט עס אַליין, מיין געטרייער קנעכט, / ווייל דו האָסט עס אין חומש געלייענט". דאָס באַנוצן אַנשטאָט אברהם — אַווּרעמל, און שרה — „סורטשע די פּושקע־גבאיטע", אָט די גראָטעסקע שפּילעוודיקייט, מאַכט אונדז היימישער די אבות. זיי ווערן אונדז נאָענט, ווי די אייגענע שטעטל־דיקע ייִדן. אַזוי איז אויך אין „אדם און חוה", וווּ ליבשאַפט, תאווה און אייפערזוכט ווערט אַרויסגעבראַכט אין דיגנע שטריכן, אַ ביסל שטיפעריש, מלא חן, וואָס גראַמט זיך אַזוי גוט מיט שיין.

אויך אין זיינע מגילה־לידער האָט מאַנגער פאַרווישט די מחיצה פון אָרט און צייט — עס איז סטיליזירטער פּורים־שפּיל פון שטעטל, מיט מער שאַרזש און גראָטעסק, הגם מיט אַ שוואַכערן קינסטלערישן פּולס, ווי אין די חומש־לידער. עס שימערירן חנוודיקע איינפאַלן, פינקלדיקע עפּיטעטן און המצאות אין אַ טייל פון די מגילה־לידער, וואָס האָבן אַנגעשלאָגן ביים ברייטן עולם און באַקומען לעצטנס אַזאַ פּאָפּולאַריטעט.

די אָפּטיילונג פון תנ"ך־לידער (אין דער אויסגאַבע פון 1952) — איז היימיש און האַרציק. די איבערדיכטונגען פון די פּאַסירונגען און געשטאַלטן: ליבע־געזאַנגען — פרייד, בענקשאַפט זענען אַרומגענומען מיט ראָמאַנטיק און שטערן־ליכט. די טרויעריקע וואָר אין פינאַל פאַר אבישג

פון שונם, בעת זי פאַרטרויט זיך פאַר דער אַלטער מאַמען אין אַ בריװ, אַז זי האָט געמיינט „אין מלכס הויף / װעט זי גיין אין סאַמעט און זייד"

...נאָר מאַלע װאָס אַ דאָרפיש מיידל מיינט...
זי האָט נישט איין מאָל אין די נעכט
איר גורל שטיל באַװיינט.

און װאָס האָט אבישג אין תנ"ך באַקומען? — נאָר עטלעכע געציילטע שורות „אַ שורה פאַר איר יונגן לייב / און פאַר אירע יונגע יאָר".

מאַנגערס רות־לידער, סטיליזירט און אַקטואַליזירט — לעבעדיקע צאַפּלדיקע פאָרטרעטן פון די אלמנות אין אַ מאַנגערישער סטיליזאַציע און אַקטואַליזאַציע. פּאַסט זיך דען ערפּה נישט אַריין אין הייַנטיקן פּוילן אין דער באַציִונג צו יידן? דאָס „שיקסל" ראַנגלט זיך מיט אַן אַנגסטיקן נסיון: מיטגיין מיט דער שוויגער קיין ארץ־ישראל, אָדער פאָלגן דעם טאַטן, װאָס הייסט איר בלייבן אין לאַנד, האָט שוין גרייט פאַר איר אַן אַנדער מאַן, אַ גויִשן — אַנטעקן. ער, אַנטעק באַשטייט

כאָטש זי האָט געלעבט מיט אַ זשיד —
זי צו נעמען װי זי שטייט.

די גאַלעריע געשטאַלטן אין די תנ"ך־לידער איז רייך און פּילפאַרביק מיט ראָמאַנטיק, אידיליע, עראָטיק; מיידלשע טרוימען, צאַרטע פרויִשקייט, דורכגעדרונגען מיט שטימונג, מיט ליריזם און נסיונות. דאָס טיף הומאַנישע פון װייטן עבר רייסט זיך אַרויס פון גראָטעסק און קומט אַריבער צו אונדז, צו די באַגריפן און באַדינגונגען פון אונדזער צייט. און דאָס איז מאַנגערס גרויסער שבח!

✶

נישט נאָר דעם גאָר װייטן עבר האָט מאַנגער צוגערוקט נאָענט צו אונדזער לעבן, ער האָט אויך באַלעבט מיט אַ פּאָעטישן רוח־חיים אַ נעב־טערע תקופה — די מיט די עלטער־זיידעס פון דער יידישער ליטעראַטור,

וואָס זענען צייטמעסיק און טעמאַטיש — היפּשלעך גאָר ווייט אָפּגערוקט פון אונדז.

זיין פּראָזעבוך „נאָענטע געשטאַלטן און אַנדערע שריפטן", נעמט אַרום אַ 20 פּאָרטרעטן פון די שעפער און אור־אבות פון אונדזער יידישער ליטע־ראַטור: ד"ר שלמה עטינגער, אברהם בער גאָטלאָבער, א. מ. דיק, בערל בראָדער, וועלוול זבאַרזשער, אברהם גאָלדפאַדען און פיל אַנדערע, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַרן פאָלק, געשריבן אי אויף העברעיִש, אי אויף „זשאַרגאָן", געראַנגלט זיך פאַר זייערע השכלה־אידעאַלן און געהאָלפן אויפוועקן גרויסע שיכטן פון פאָלק צו אַ ניי לעבן.

דאָס זענען פּאָרטרעטן פון מאַנגערס פּען, באַגלייט מיט אַ היפּשער צאָל לירישע שטריכן. די לירישע עלעמענטן גיבן צו דער פּראָזע אַ טיפערן אָטעם, זיי זענען אָרגאַניש באַהאָפטן און שאַפן אַ גאַנצקייט. כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז מאַנגער האָט אין זיינע ליריקס אויך פּראָזאַיִש־רעאַליסטישע עלעמענטן, און זיי זענען נישט קיין שטערונג, פּאַרקערט, ס'האָט נאָך גע־שטאַרקט דעם פּאָעטישן כוח פון זיינע ליריקס.

דער פּלאַץ דערלויבט מיר נישט צו באַהאַנדלען מאַנגערס דראַמאַטישע באַאַרבעטונגען פון אברהם גאָלדפאַדענס פּיעסן, וואָס האָט בשעתּו אַרויס־גערופן אַ גרויסע דיסקוסיע. דאָס געהער שוין היינט צו אונדזער טעאַטער־און קולטור־געשיכטע. איך וועל זיך אָבער דאָ אָפּשטעלן אויף מאַנגערס פּאָעטיזאַציע פון וועלוול זבאַרזשערס לידער.

אין זיין ציקל טרובאַדורישע לידער האָט מאַנגער אַריינגעגעבן אַלע זיינע לירישע און ראָמאַנטישע חנען. די פאָלקסטימלעכע פּאָעטיזירונג פון וועלוול זבאַרזשערס בריוו „צו מלכהלע דער שיינער" אָטעמט מיט דעם לעבעדיקן צאַפּל פון האַרצקלאַפּ. הערסט דעם פלאַטערפלי פון די גילדערנע פליגל ביים טראָגן אַ בריוועלע צו דער געליבטער. עס איז דאָ דער חלום, דער ניגון, די בענקשאַפט און דער טרויער.

כ'האָב, מלכהלע, אַ ליד פאַרפאַסט
און דערצו געמאַכט אַ ניגון:
„דער חלום ווייזט אונדז גילדערנע בערג
און צום סוף איז עס אַ ליגן".

דער יידישער טרובאַדור און זיין דאַלצינעאַ. די פּלאַטערדיקע בענק־שאַפט — אַן עלנטער פויגל, וואָס ברענגט צוריק די אייגענע טרער. דער פאַרפאַלענער ראָמאַנטיקער מיט זיין בענקשאַפט, וואָס גלייבט נאָך אַלץ, „כאָטש די שטערן האָבן אָפּגענאַרט". ער וואַרט און האָפט, ווייל „די אמתע ליבע / האָט נאָך קיינעם נישט אָפּגענאַרט". פון די פערזן זינגט אַרויס פּאַטאָס און איראָניע — דאָס זיסע און ביטערע פון דער ערדישער רעאַ־ליטעט... דורך זבאַרזשערס אַ ליבע־בריוול צו זיין מלכהלען פירט אונדז מאַנגער אַריין אין זיין פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע און ווייזט דעם פּראָצעס פון זיין שאַפן ביז עס ווערט קינסטלעריש רייף און ראוי צום פאַרעפנט־לעכן. דאָס ליד ווערט ערשט צייטיק, ווען עס באַהעפט זיך און גיט זיך אין גאַנצן איבער:

דעם ליכט, דער ליבע און דער נאַכט,
דעם רעגן און דעם שליאַך,
דעם טרוים, וואָס האָט אים בלינד געמאַכט.

צו זיי איז ער נאָך מצרף די פייגעלעך, די ווערבע, דעם עפּלבוים און אַנדערע, וואָס זינגען זיך אַריין אין ליד.

דורך דער „זבאַרזשעריאַדע", ווי דורך גאָלדפאַדען, איז מאַנגער געקו־מען צום טייערסטן מעטאַל פון פאָלק: פאָלקסליד, פאָלקלאָר, עפּאָס, פון וועלכע ער האָט אויסגעשמידט פּאָעטישע שאַפונגען, זיי צוגעטראָגן צום פאָלק אויף די פליגל פון דער גאָלדענער פּאָווע.

מאַנגער האָט זיך אַליין באַטראַכט פאַר אַן אייניקל פון די בראָדער זינגערס אין די אַלטרומעניִשע ווייַנקעלערס. די פריילעכע און לעבעדיקע מסורה פון פאָלקסליד און דער גאָלדענער שיין פון חסידישן פאָלקלאָר האָבן אין זיינע ליריקס זיך צונויפגעגאָסן מיט זיינע געמייסטערטע יידישע, פאָלקסטימלעכע באַלאַדעס, באַצירט מיט תנכישע ליכטיקייטן. אַ וועלט מיט יידישן חן איז דאָ אין מאַנגערס באַלאַדעס, וווּ דאָס צערפּולע און טרויעריקע איז באַשטראַלט מיט אַזוי פיל האַרציקייט. אליהו הנביא איז דאָרט דער פעטער ר׳ עליע התשבי, וואָס ברענגט די ברכות פאַר יעדן הויזגעזינד און טרייסט פאַר דעם יידישן אָרעמאַן.

✶

אין „די באַלאַדע פון די בלאָע קריגלעך" האָט מאַנגער אויסגעזונגען די צערונענע יאָרן פון די מאַמעס, די ווייסע מאַמעס, וואָס פלעגן אַ מאָל אַזוי שוועבן צום ברונעם „אפשר וועלן זיי דאָס גאָלדענע מזל / אין זיין טונקעלער טיף געפינען". און דער גילדענער חלום איז פאַרשלונגען געוואָרן דורך מאַמע־צער, וואָס שלאָפט אין אַ מידער כאַטע. נאָר איינע, אַ צווייטע, אַ דריטע טראַכט נאָך אין האָפענונג:

אפשר אין זכות פון די גאָלדענע האָר
פון אונדזערע אייניקלעך וועלן מיר דעריזען
דעם גאָלדענעם חלום אויף דער וואָר —
נאָר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

די באַלאַדע האָט אין זיך אַ פּאַסטאָראַלע מעלאָדיע, וואָס גיט אַ קלונג אָפּ אין אונדזער געמיט „ווי אַ זילבערנער טרויער". מאַנגער האָט זי געווידמעט דעם אָנדענק פון זיין מאַמען, וואָס האָט פאַר אים „אַנטפּלעקט די וואונדערלעכע שיינקייט פונעם יידישן פאָלקסליד". שפּירן מיר אין דער באַלאַדע דעם האַרצקלאַפּ פון אונדזערע מאַמעס, די אוממיטלבאַרקייט זייערע פון מיטפילן, פון מיטלעבן נישט נאָר מיט זייער אייגן הויזגעזינד, נאָר אויך מיט די פון „צאינה וראינה". מאַנגער, דעם „שניידערס פאַרלוירן קינד" קוקט אויף די מאַמעס מיט זייער צער און בענקשאַפט, ווען ער זעט זיי איצט.

מיט בלאָע קריגלעך אין די מידע הענט,
גייען ווייסע מאַמעס בלייך דערשראָקן
און זייער גיין דורך טונקעלן דאָרף
איז ווי אַ גיין אין תשעה־באב אין זאָקן, —
און ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

בענקשאַפט, טרוים און צער זענען דורכגעפלאָכטן אין פיל פון מאַנגערס לידער. לאָמיר דאָ דערמאָנען זיין באַרימט ליד „די גאָלדענע פּאַווע", אַ פויגל, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון יידישן פאָלקסליד און עפּאָס און

געגומען „פּליִען איבער דעם טייך דעם גלאַטן, און מיטגענומען גרויסן פּאַרן ליבן האַרציקן טאַטן". פון דאָרט „האָט זי גענומען פליִען איבער אַלע ימען און געטראָגן גרוסן דער ליבער האַרציקער מאַמען". פון דאָרטן איז זי אַוועקגעפלויגן „איבער אַ פרעמדן לאַנד, און האָט פאַרלוירן אַ גאָלדענע פעדער צו איר גרויסן שאַנד". אַזוי זינגט זיך אין פאָלקסליד וועגן דער גאָלדענער פּאַווע, וואָס פאַרקערפּערט היימבענקשאַפט און האַרצגרוסן, וואָס זי ברענגט אויף אירע גאָלדענע פליגל (זע מאַנגערס עסיי).

מאַנגערס „גאָלדענע פּאַווע" איז דער סימבאָל פון לירישער פאָלקס־טימלעכער בענקשאַפט. זי פליט נישט צו די „הויכע פענצטער", נאָר צו עמך־מענטשן. זי זוכט ביי אַ פישער, ביי אַ טערק, ביי אַ נעגער, ביי אָט די פשוטע פאָלקסמענטשן זוכט זי „די נעכטיקע טעג". אָבער די וועלט איז היינט אַזאַ פּראַקטישע, פאַרטאָן אין גראָער וואָכעדיקייט — באַקומט זי טאָקע אַזאַ חוזק־ענטפער: „אַ גאָלדענער פויגל און אַ נאַר אַזאַ". דאָס איז דער רעפרען פון די אַלע, וואָס ווילן פאַרגעסן זייער נעכטן — דעם שטאָם און די וואָרצלען — זיי ענטפערן שוין קליפּ און קלאָר: „די נעכ־טיקע טעג נישט געזען, נישט געהערט"... און ווען די גאָלדענע פּאַווע טרעפט נעבן אַ קבר אַ פרוי אין שוואַרצן —

פרעגט גאָרנישט די פאַווע. זי ווייסט אַליין,
אַז די פרוי אין שוואַרץ, וואָס שפּרייט איר געוויין
איבערן קבר, ביים ראַנד פון וועג,
איז די אלמנה פון די נעכטיקע טעג.

איבעריק דאָ צו באַטאָנען דעם סימבאָל פון די „נעכטיקע טעג" — אונדזערע אייגענע יוגנט־חלומות, האָפענונגען, טרוימען — אָט דעם כוח פון אונדזער גייסטיקן נעכטן, וואָס מיר זוכן אַריינצוגעבן אין אונדזער היינט, אין דעם געראַנגל פאַר יידיש לעבן.

מאַנגער, דער תמיד גלויביקער דיכטער, איז דאָ אַ געפאַנגענער פון צער און טרויער. ער פאַרענדיקט דאָס ליד מיט דעם סימבאָל פון „די פרוי אין שוואַרץ" — דער סוף פון מענטש מיט זיינע חלומות פון „די נעכטיקע טעג". דער דיכטער האָט זיך געראַנגלט מיט די שאַטנס פון זיין געמיט, מיט דעם אומעט, וואָס ער האָט, ווי יעסענין, געפרווט פאַרגיסן... לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אין מאַנגערס ליריק פעלן נישט קיין צער־טענער.

ער האָט זיי פאַרווייכט נאָר מיט דעם ליכט פון „בלאָען לאַמטערן" און מיט די „שטערן אויפן דאַך". ער האָט זיך עקשנותדיק געקלאַמערט אין די שיינקייטן פון דער וועלט און געזוכט דורך זיי צו פאַרזיסן די ביטערנישן:

> צי בין איך דען שולדיק, וואָס ס'גראַמט זיך
> על פי טעות „שיין" מיט „געוויין".
> און די בענקשאַפט, די אמתע בענקשאַפט,
> וואָגלט כסדר אַליין?

און ווי אַ יידישער פּאָעט מיט זיין שטימונגספולער נאַציאָנאַלער אינטי־מיטעט זאָגט ער:

> צי בין איך דען שולדיק, וואָס ס'גראַמט זיך
> על פי טעות „ייד" מיט „ליד"?

★

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מאַנגערס בענקשאַפט נאָך שיינקייט, וואָס האָט אַפילו דעם טרויער שיין געמאַכט ביז טרערן. ער האָט אונדזער קינסטלערישע ליריק באַזוניקט מיט דער וויזיאָנערישער באַלאַדע און מיטן מוזיקאַלישן ליד.

ער האָט אין דער יידישער דיכטונג אַריינגעבראַכט גרויסע פּאָעטישע אויפטוען. אָבער אין חשבון דאַרפן אויך אַריינגיין די קלענערע דערגריי־כונגען, ווייל זיין גאַנצער שאַפן צוזאַמענגענומען איז די פּאָעזיע פון לעבן, אָן אָרגאַנישע, ווי דאָס פּאָלקיש־ירושהדיקע, דער קוואַל, פון וועלכן ער האָט געצויגן זיין דיכטערישע יניקה.

די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן אַן אַנדערן יידישן פּאָעט, זענען אַזוי צוגעפּאַסט פאַר זיין אייגענעם נאָמען: גרויסע ווערק פון אַ קינסטלער לעבן איבער דאַטעס און תקופות.

דער זינגפויגל — מאַנגער

עס איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן אַ דריי פּאַרלעזונגען (אין מעלבורן און אין סידנעי) וועגן איציק מאַנגערס ראָל אין דער יידישער ליטעראַטור, און נאָך יעדעס מאָל האָב איך געפילט, אַז כ׳האָב די דערשיינונג מאַנגער נאָך אַלץ נישט גענוג באַלויכטן פון פאַרשידענע קוקווינקלען. אויב דאָס איז נישט מעגלעך געווען אין אַ צווייסעהדיקן רעפעראַט, טאָ וואָס קען מען שוין אַרומנעמען אין אַ קורץ־געפאַסטן עסיי? אַ צווייטע פראַגע: אַז מען רעדט וועגן זיין שאַפן און מען מיידט אויס וועגן זיין לעבן — איז דאָס נישט אַ רעטושירט בילד?

דער אמת איז, אַז מען מיידט נישט אויס צו רעדן וועגן מאַנגערס אויפפירונג... עס האָט וועגן דעם געשריבן אברהם זאַק (אין זיין בוך „אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט") און עס האָבן פיל אַנדערע דערציילט וועגן אָט דעם טראַגישן קאַפּיטל פון זיין לעבן. מאַנגער גופא האָט אין זיין לידער־סעריע „דער אַלטער אַנאַקרעאָן" געזוכט צו ענטפערן „ווען אַ דיכטער האָט זיין לעבן / צווישן ווייַן און ליד פאַרשפּילט..." — טאַקע וועגן זיין אייגן לעבן, וואָס איז — ווי באַוווּסט — רוּיִנירט געוואָרן צוליב אַלקאָהאָל. יעדער פון אונדז קען מסתמא אַ סך דערציילן וועגן אָט דער קראַנקער זייט פון מאַנגערס לעבן אין וואַרשע, פּאַריז, און ווו נישט? אין יעדער שטאָט און שטעטל האָט מען זיך אַנדערציילט מעשיות וועגן מאַנגערס טרינקען...

איך האַלט נישט פון אַ צביעותדיקער פּאָזיציע צו פאַרשווייגן אָט דעם טראַגישן קאַפּיטל. ער איז נישט דער איינציקער קרבן פון דער קראַנקייט אַלקאָהאָליזם. איך קען נישט ווייניק אויסטראַלישע שרייבער מיט אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור, וואָס ליידן פון דער קראַנקייט און אין דער היגער פּרעסע ווערט אָפט אַנגערופן אַ ציפער פון די קרבנות — בלויז אין אַזאַ שטאָט ווי מעלבורן — וואָס זעט אויס אומגלויבלעך! עס וועט אפשר זיין אויפן אָרט צו דערציילן דאָ אַן עפּיזאָד, וואָס האָט נישט לאַנג פּאַסירט ביי אונדז אין מעלבורן. עס איז פאַרבעטן געוואָרן אויף לעקציעס אַ שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען. אַ גרויסער עולם איז געקומען אים הערן אויף

דער אנאנסירטער טעמע, אבער דער רעדנער האט נישט געקענט רעדן. די איינארדענערס האבן געפרווווט „פארגלעטיקן" מיט עפעס א „מיספאר־שטענדעניש" וועגן דער טעמע, געזוכט, אומזיסט, ראטעווען זיין רעפו־טאציע מיט א מין קעמטלאוונט...

איך האב אוועקגייענדיק פון דעם אוונט זיך דערמאנט אין מאנגערס א פארלעזונג ביי אונדז אין שטעטל אין די דרייסיקער יארן, די „טויט־שרעק", וואס מיר, די איינארדענער, האבן דאן דורכגעלעבט, ווען ער האט זיך עפעס פארן רעפעראט „ארויסגעגליטשט" פון אונדזער השגחה און „פארפאלן" געווארן אויף א שיינע פאר שעה. ווען מיר האבן אים דערזען אין א מעמד, איז אונדז נישט גוט געווארן. מיר האבן ווי נישט איז צו־רעכט געמאכט זיין הלבשה און אים צוגעפירט צום עמוד. ווען ער האט אנגעהויבן רעדן און איז אריין אין זיין טעמע (וועגן מענדעלען), האט מען אנגעהויבן פארגעסן, ווי אזוי ער האט אויסגעזען פארן רעדן. עד היום געדענק איך נאך די אנגענעמע איבערראשונג פון דער טראנספארמאציע, וואס איז פארגעקומען פאר אונדזערע אויגן יענעם אוונט.

✶

זישא לאנדוי האט א מאל אין פיר שורות ארויסגעבראכט די עכטקייט ביים אויסטיילן דעם ריינעם פאעטישן געוועב פון שעטנז:

> א ליד דאס איז אזוינס וואס דו
> דערטאפסט עס מיט די פינגער, —
> איז עפעס פרעמדס פאראן אין דעם,
> פארשטעכסטו זיך די פינגער.

אין מאנגערס ליד און באלאדע איז נישט געווען קיין פרעמדס, וואס לאנדוי האט מרמז געווען. זיין ניגון מיטן זיסן אומעט און ווארעמער לי־רישקייט האט אונדז פארכישופט און גענאגט. עס האט געגלעטיקט מיט סאמעטענער ווייכקייט און איידעלן חן. די פארבן און מעלאדישע קלאנגען האבן געשאפן א צוזאמענשפיל. נישטא ביי אים קיין פליטערלעך און גלאנציקע רעטאריק, בלויז אומגעקינסטלטער לשון פון דיכטונג, וואס פלאטערט, מאלט און זינגט. כדי מיר זאלן דא האבן די פולע הנאה פון

מאַנגערישן צויבער, ווײַל איך דאַ ברענגען אַ גאַנץ ליד אין עקסטענזאָ (וואָס געוויינלעך דערלויב איך זיך נישט) און ציטירן ווײַל איך איינע פון זיינע הערלעכסטע תנ״ך־לידער — דוד המלך און אבישג.

דער מלך מישט דאָס תהילימל
(ס׳איז טיפּע מיטנאַכט).
אין דרויסן פאַרן טויער שטייט
אַ זעלנער אויף דער וואַך.

דער מלך מורמלט: „גרויסער גאָט
איך ווייס אַז דו ביסט דאָ,
אין מיר און אין מיין תהילימל
אין יעדער מינדסטער שעה״.

ער הויבט זיך אויף — געגנוג פאַר היינט
מיט גאָט ברוך־הוא גערעדט,
און ווי אַ שאָטן שאַרט ער זיך
פּאַמעלעך צו צום בעט.

אבישג שלאָפט, זי אָטעמט שטיל.
און הער — זי רעדט פון שלאָף.
און פון איר חלום שמעקט אַרויס
אַ טאָלעקע מיט שאָף.

אַ וואַסער און אַ נאָדלוואַלד,
אַ דאָרף־לבנה גרויס,
אַן אַלטער פרומער ליפּעבוים
וואָס היט דער מאַמעס הויז.

אַ טרויער און אַ נאָגעניש,
אַ בענקעניש וואָס ציט
אַוועק פון מלכס תהילימל
צו אַן אייגן ליד.

דער מלך טראַכט: אַ מאָדנע זאַך —
זי ליגט אין הוילן העמד,
נאָנט צו מיר אין מיין באַריר
און דאַך אי ווייט אי פרעמד.

ער בייגט דעם אַלטן ווייסן קאָפּ,
און קושט דאָס דאָרף אין איר,
און קושט דעם אַלטן ליפּעבוים,
וואָס היט דער מאַמעס טיר.

און מיט שטילע, מידע טריט
גייט ער צוריק צום טיש.
אַ שטילער זיפץ, אַ גלעט די באָרד
און דאָס תהילימל אַ מיש.

וויפל צאַרטקייט און ווייכן פידלטרויער שפּילן אויס די פערזן פון אָט דעם ליד! אַלט און נײַ גיסן זיך צונויף און פאַרשיכורן מיט זייער שטאַרקן אַראָמאַט. מיט וואָס פאַר אַן איידעלן, פּאָעטישן געפיל איז געוויקלט דער אומעט פון געעלטערטקייט מיט איר שטילן זיפץ... און דער חלום פון יונגשאַפט מיטן זוניקן שמייכל פון פרילינג, און פון דער שמעקעוודיקער נאַטור, וואָס זינגט אַרויס פון דער יונגיטשקער אבישגן אין שלאָף. וואָכע־דיק, אין איר ווארערווירקלעכקייט, וועט אבישג שרייבן צו איר אַלטער מאַמען, וועגן איר טרוים, ווען זי האָט געמיינט, אַז „אין מלכס הויף / וועט זי גיין אין סאַמעט און זייד" און מיט געזאַנג פון ליבע און ליידנשאַפט אירע נעכט מיטן מלך פאַרברענגען...

✶

מיט וואָס פאַר אַ כישוף מאַגנער פלעגט דערבענטערן אין זיין ליד די ווייטסטע ווייטקייטן פון די תנ"כישע צייטן און פון שפּעטערדיקע תקופות, וועלכע ער האָט אַזוי נאָענט צוגערוקט צו אונדז. ווער פון אונדז וועט נישט זען זיינע אייגענע באָבעס אין דער שרה בת־טובים־געשטאַלט אויפן פּיי־זאַזש פון יידיש־פּוילישן שטעטל?

די אַלטע שרה בת־טובים
בענטשט דעם זונפאַרגאַנג,
ווי אַ מאָל די הייליקע שבת־ליכט,
און שעפּטשעט שטיל און לאַנג.

די אַלטע בראַש פון פאַרצייטנס
אויף איר סאַמעט קלייד,
איז דאָס איינציקע שטיקל זילבער
אין אַ וועלט וואָס פאַרגייט...

וויפל רעליגיעזיטעט פאַרמאָגן זיינע באַלאַדעס און לידער וועגן דעם גרינדער פון דער גרויסער חסידות־באַוועגונג, דער בעש"ט. איך האָב שוין פריער ציטירט זיין גוט באַקאַנטע באַלאַדע „סאַנקט בעש"ט", וואָס אָטעמט מיט דעם הערלעכסטן הומאַניזם נישט בלויז צו דער קרוין פון גאָטס יצירה, דעם מענטש, נאָר אויך צום קלענסטן ווערעמל און גרעזעלע. דער סעקו־לערער פּאָעט האָט זיינע גאָט־זעונגען אין פינקלען פון די שטערן, ווי אין די אַנדערע קאָסמישע אַנטפּלעקונגען, אין דעם אויפרייס פון דונער און בליץ.

נישט וויכטיק צי מאַנגער זינגט דאָ וועגן גאָט אין טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן זין, אָדער נאָר ווי אַ מעטאַפאָר פאַר דער טיפער רעליגיעזיטעט, וואָס איז געשוועסטערט מיט דער מוזע פון קונסט. וויכטיק איז דאָך נישט דאָס אַפּאָקאַליפּטישע פון זיינע זעונגען, נאָר די גייסטיקע התרוממות, ווען דער מענטש שפּירט איבער זיך „גאָטס בלאָע האַנט". דער פּאָעט האָט אויף אונדזער היסטאָריש־געאָגראַפישן, פאָלקלאָריסטיש־חסידישן וועג „צווישן קאָסעוו און קיטעוו" באַלאַדיש־קינסטלעריש באַהעלט „דאָס ליכט פון די טונקעלע וועגן" און „דעם חלום פון דער גאַנצער וועלט".

ווען מאַנגער האָט געשריבן, אַז מאַני לייב האָט מיט זיין אויער אויפגעכאַפּט דעם אוראַלטן און אוריונגן ניגון פון דער וועלט („לעבן, ליבע און געדאַכט"), האָט ער זיך זיכער משתתף געווען צו מאַני לייבן אויף זיין פּאָעטישער טעריטאָריע. האָבן זיי דאָך ביידע אַזוי שיין אַריינגעזונגען אין דער יידישער פּאָעזיע און אַוועקגעשטעלט דעם פּאָעט אין צענטער פון דער ליטעראַטור דורך זיין אויפשפּיל פון וואָרטבילד און וואָרטמוזיק. האָט

מאַני לייב דען נישט געזונגען מאַנגעריש מיט מיידל־אומעט און בענק־שאַפט פון

טויבן שטילע, בלויע אָוונט־שטונדן!
שפּרייט מיין אָוונט שטילן טרוים צעשפּרייטער —
איצטער בלייען בלוטיקער און רויטער
מיינע רויטע רויזן — מיינע ווונדן.

און מאַנגער האָט געזונגען מאַני לייביש, מיט אַ דינעם פויגל־געזאַנג „די באַלאַדע פון די בלאָע קריגלעך" און די עלעגישע שורות פון „שטילער אָוונט, טונקל גאָלד...", אָדער אַזעלכע שורות פון זיינע לעצטע לידער: „...אין מיינע בגדי דלות אַנגעטאָן, / אַ פאַרוואָגלטער פּרינץ, וואָס האָט געפונען זיין בלאָ...".

עס בעטן זיך דורכצופירן פאַרגלייכונגען פון מאַני לייבס פאַרביקער בילדערישקייט — פון זיין „ווייסע פּרייד אין דרייצן שלייערן / דאַרף קומען היינט צו מיר ביי נאַכט"; פון זיין צער און טרויער, ווען „דער טאָג פאַרגייט... ער מוז פאַרגיין... / און אויב דיר ווילט זיך וויינען, וויינען, וויינען — וויין, — / דער טאָג פאַרגייט". — מיט מאַנגערס ערשטע באַלאַדעס איינגעהילט אין פּחד און געוויין איבער דער שרעק פון טויט און פאַרגיין. כ'וועל נאָר דערמאָנען זיין „באַלאַדע פון דעם כלה־שלייער", ווען ביים שיין פון מאָרגנשטערן:

שטייט דאָס מיידל פאַרן שפּיגל
און ס'פאָכעט קיל דער שלייער
מיט צוויי ווייסע טויטע פליגל.

בלאָער פלעקן זיך די שויבן,
און די פלעקן שפּריצן פייער.
און דאָס מיידל ווערט אַלץ בלייכער,
ווייס און ווייסער ווי דער שלייער.

פלאַטערט אַרויס פון מאַני לייב און פון איציק מאַנגערן דאָס וואָרט ווי אַ פליגל, לויטער און שאַרף ווי אַ בליץ, באַגלייט מיט אַ זילבער־שפּילעוו־

דיקער פלייט.ביידע האָבן מיט דעם כּישוף־לאַמטערן פון פּאָעטישן חלום באַשיינט די גראָע וואָר. האָט מאַני לייב דערזען:

אין אָרעמע הייזער איז דאָ אַזוי פיל שיינקייט,
די הונגעריקע ליפּן איידלט דער בּטחון.
די האַנט, וואָס איז געשלאָגן אין דער קוואַליקער ריינקייט
האַלט אָפן אַלע טירן פאַר דעם אָרעמען שכן. —

זינגט מאַנגער פון די אָרעמע הייזער אין זיין „באַלאַדע פון ווייסן ברויט" און מיט דינער צאַרטקייט פון אַ פּאַסטאָראַלער מעלאָדיע הילט ער איין דעם מאַמע־צער געטובלט אין בטחון, ווי ער זינגט אין „די באַלאַדע פון די בלאָע קריגלעך". זייער חלום ביים ברונען, ווען די מאַמעס האָבן געטרוימט „אפשר וועלן זיי דאָס גאָלדענע מזל / אין זיין טונקעלער טיף געפינען".

אויך אין די אליהו הנביא־לידער גיבן זיך מאַנגער און מאַני לייב די הענט. מאַנגערס „דער פעטער ר' עליע התשבי", וואָס לייזט אויס דער מאַמעס קלייד פון לאָמבאַרד, גייט פאַרשטעלט ווי אַ בעטלער זינט יאָרן אַרום איבער דער וועלט און באַשיינט אַלעמענס שמחות, ברענגענדיק טרייסט און בטחון מיט דעם שענסטן ניגון פאַר די סאַמע אָרעמסטע הייזער. און ווי זעט אויס מאַני לייבס אליהו הנביא?

פול זיינע אויגן מיט ליבשאַפט און טרויער
און אויף די ליפּן אַ שמייכל אַ ליבער,
און אין פּעלצל פאַרשטעלט ווי אַ פּויער,
גייט אליהו דורך אָרעמע שטיבער.

מאַנגערס פּאָעטישע אינטערפּרעטאַציע פון דעם יידישן טרובאַדור (אַ בשותפותדיקן שטריך מיט זישאָ לאַנדוי אינעם זיווג פון פאָלקס־פּרי־מיטיוו מיט סופער־קלוגער איראָניע), די מעלאָדיע פון מאַנגערס מוזיקאַ־לישער קאָמפּאָזיציע, דאָס פאַרוואַנדלען זאַכן פון טעגלעכער שטייגעריש־קייט אין אויסגעפורעמטע פּאָעטישע אימאַזשן, זייער כּוח אַרויסצורופן אין אונדז אַזאַ סענסיטיווע איבערלעבונג — דאָס זענען נאָר אייניקע שטריכן פון זיינע ליריקס, וואָס האָבן מאַנגערן געגעבן אַזאַ דערהויבענעם אָרט

אין דער יידישער דיכטונג. זיין הויכע פּאָזיציע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך זיין מדרש־איציק.

פונקט ווי מאַנגער האָט אָפּגעווישט די צייט־דיסטאַנץ צווישן אונדז און די חומש און תנ"ך־העלדן, האָט ער דאָס זעלבע געטאָן מיט אַ סך אַ שפּעטערדיקער תקופה. נישט נאָר אין די מענטשן גיט ער אַריין אַ רוח־חיים, נאָר אויך אין די זאַכן אַרום זיי, וואָס ער באַלעבט מיט זיין פּאַליטרע.

עס איז דאָ טרויער און שיינקייט אין די „נאָענטע געשטאַלטן" געצייכנט ס'רוב אין בין השמשות פון זייער לעבן. וויפל לעבעדיקע אַטמאָספער איז פאַראַן אין דער שילדערונג פון הערשעלע אָסטראָפּאָליערס לוויה. מאַנגער גיט אַ געמעל פון די יידן, וואָס באַגלייטן דעם ארון און האָבן אויפן גאַנצן וועג זיך איבערדערציילט די שפּיצלעך און ווערטלעך פונעם נפטר. דער עולם האָט געלאַכט. „אַ פריילעכע לוויה איז דאָס געווען, די פריילעכסטע לוויה זינט מעדזשיבאָזש איז אַ שטאָט". אָבער דאָ קומט דער מאַנגערישער סוף־פּסוק, דער איינגעהילטער טרויער אונטער אַ מאַסקע פון פריילעכקייט — „ערשט ווען הערשעלעס זון האָט געזאָגט קדיש אויפן פרישן קבר, האָבן אַלע דערפילט, אַז דאָס גראָז, וואָס וואַקסט אויף די קברים, איז טרויעריק"...

אָט די טרויער־שיינקייט איז אויך דאָ אינעם געמעל פון גאָלדפאַדענס גסיסה. זיינע האַלוצינאַציעס פון די קרעאַציעס, וואָס ער האָט געשאַפן פאַרן יידישן טעאַטער און דעם ברוגז־טאַנץ מיט זיין וויסטן מזל... מאַנגער פאַרענדיקט דאָס דעליריע־בילד מיט די ווערטער: „זיין (גאָלדפאַדענס) לוויה איז געווען אַ גרויסע, נאָר זי האָט פאַרמאָגט אַ רעזשי־פעלער, די אַקטיאָרן זענען געגאַנגען אָן מאַסקעס"... צי האָט דאַן מאַנגער נישט געטראַכט וועגן זיין אייגענער לוויה?...

✶

אין זיין פּראָזעווערק גייט אַריין מאַנגערס שקאַצישקייט און בייסיקע סאַטירע („דאָס בוך פון גן־עדן") — אַ שלל מיט גראַטעסק און טראַציקייט צו ווייזן די אַלע פעלערן און מענטשלעכע שוואַכקייטן אין ביידע וועלטן, אויף דער, ווי אויף יענער וועלט... פון הימל איז מאַנגער צוריקגעפלויגן אויף דער ערד צו געבן אונדז אַ ציקל פיינע עסייען פון אַ ריי קרעפטיקע

פּאָעטן, וועמענס שאַפונג האָט אָפּעלירט צו זיין פּאָעטישן געמיט. די אָפּ־האַנדלונגען וועגן משה האַלפּערן, יוסף ראָלניק, מאַני לייב, משה נאַדיר, ראובן אייזלאַנד, באַהאַנדלען מיט קריטישן אַנאַליז די פּאָעטישע געשטאַלטן און זייערע ווערק.

נישט נאָר די לידער און באַלאַדעס, נאָר אויך אין זיין פּראָזע איז דאָ דער מאַנגערישער ניגון, וואָס האָט באַגייסטערט אַזוי פיל לייענער און צוהערער אין לויף פון יאָרן. זיינע מגילה־לידער אויפגעפירט אין ישראל, האָבן אים באַליבט געמאַכט אויך ביים סאַברע־דור, און די שפּעטערדיקע אויפפירונגען איבער דער וועלט פון זיין „מגילה־שפּיל", האָבן צוגעצויגן נייע פּאַרערער אויך פון ווייטע אָפּגעפרעמדטע יידן. לײדער האָט מאַנגערס צושטאַנד און שטומקייט זיך צונויפגעטראָפן מיט זיין שטייגנדיקער באַרימט־קייט, פון וועלכער ער האָט שוין פערזענלעך ווייניק גענאָסן.

✶

איציק מאַנגער איז איינער פון אונדזערע יידישסטע דיכטער לויט זיין פּאָעטישן אידיאָם און נאַציאָנאַלער אינטימיטעט. זיין פּאָעזיע איז אַזוי פאָלקלאָריסטיש־יידישלעך־אידיאָמאַטיש און גלייכצייטיק אַלמענטשלעך אוניווערסאַל. זיין בשותפותדיקער שטריך מיט שלום־עליכמען איז: דורך פשטות שטייגן צו אַזעלכע הויכקייטן.

אַוודאי איז זיין פּאָעטישע ליניע, ווי ביי אַ סך אַנדערע דיכטער, נישט געווען קיין גלייכע און גלאַטע. זיינע אינערלעכע ראַנגלענישן האָבן באַגלייט זיין פּאָעטישן וועג מיט שאַטנס, מיט טרויער און טרערן. זיי האָבן אים נישט געשטערט זיך אויסצוזינגען מיט אַן אייגענעם ניגון, וואָס האָט געווײן פּאַרדעקט מיט שיין.

אָט דער מאַנגערישער ניגון איז אויסגעזונגען געוואָרן ווען —

אין יעדן טונקעלן פענצטערל,
האָסטו אַ שטערן אויפגעדעקט.
אין יעדן טונקל־גראָער שויב,
האָסטו דעם שיין פון גאָלד אַנטדעקט.

דער שיין פון גאָלד האָט געפּיבערט אין זיין ליד, וואָס האָט באַרירט „מיט די אייגענע הענט / די גאָלדענע שטערן אין רוים". ער האָט דאָן געשפּירט אונטער זיינע פיס „אַ קנויל פון זון און שטויב" און איבער זיך „אַ בליץ פלאַמט אויף און ליכטיק ווערט". אָט די מאַנגערישע ליכטיקייט האָט פאַרכאַפּט אונדזער געמיט ווען אין דרויסן איז געוואָרן שטאַרק פינצטער, און דאָס איז געווען די שענסטע מתנה, וואָס דער דיכטער האָט אַריינגעטראָגן אין דער יידישער פּאָעזיע און אין יידישן געמיט.

*

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ראָל פון מאַנגערס שאַפן און דער צושטייער פון זיין פּאָעטיש וואָרט און ווערט, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט פון זיין ניגון. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אַ צוגעשמידטער צום קראַנקן־בעט און זיין געצווונגענע פאַרשטומטקייט, האָבן סימבאַליזירט דעם פינאַל פון זיין באַרימט ליד „די גאָלדענע פּאַווע", וואָס טרעפט ביים ראַנד פון קבר די פרוי אין שוואַרץ, די אַלמנה פון „די נעכטיקע טעג" — דער סוף פון אַ מענטשלעך לעבן מיט אַלע זיינע חלומות.

אליעזר גרינבערג —
דער לעבנסוועג פון אַ יידישן פּאָעט

פּאַרקנס און פּאַר —
געדאַנק מיט געזאַנג:
חלום מיט וואָר!...
(הימן צום חלום און אויסדויער)

עס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז אין דעם לעבנסשפּאַן פון אַ מענטשן, באַזונדערס אין דער צעכראַסטעטער צייט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז פאַראַן נישט איין דורכגעמאַכט לעבן, נאָר פיל לעבנס, וועלכע מיר קוואַליפיצירן אין פאַרשידענע פאַזעס.

אָט די פאַרשידנאַרטיקייט אַנטפּלעקט זיך אויך אין אליעזר גרינבערגס פּאָעטיש־עסייִסטישן אוועקשפּאַן במשך פון קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט אויף דער אַמעריקאַנער ערד, נאָכן פאַרלאָזן אין זיין פריסטער יוגנט זיין היימשטאָט אויף דער בעסאַראַבישער ערד:

באַשערט געווען אין יוגנט זיך אָפּזאָגן
פון היים, פון פריינד, פון טרוימען זעכצניעריקע:
זיך אָפּגעבן דעם וואַנדער זאָל ער טראָגן —
האָט ער פאַרטראָגן מיך אַהערצו, קיין אַמעריקע.
(ליפּקאַן, מיין היים).

דער טעכנישער וווּנדער פון ניו־יאָרק — די שטאַרקסטע איינדרוקן — האָט אים, ווי פיל אַנדערע, אומגעהויער באַווירקט, זיך אַריינגעזונגען אין זיין געמיט, געצונדן זיין פאַנטאַזיע מיט דעם גרויסן שווונג פון אַ נייער לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיין אויג. די וואָלקנקראַצערס, די הענגענדיקע ברוקלין־בריק, דער וואָלוואָרט־טורעם און אַנדערע טעכנישע וווּנדער־מאָנומענטן, האָט ער געפּרוווט באַזינגען מיט התפעלותדיקע טע־

נער. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך אין יענער צייט ווען ער האָט אויסגעטוישט ליפּקאַן אויף ניו־יאָרק און געקוקט אויף אַ ברוקלין־בריק פון אַ צוואַנציקסטן גאָרן „אָ, העננגענדיקער ריז אויף קייט און שטאַנגען / האָסט געצונדן העל דעם קנויט פון מיין געמיט. / איצט בלין אין מיר שטאַטישע געזאַנגען / מיט דעם שטוינען פון דיין וווּנדער אין מיין ליד". באַלד וועלן זיך באַווייזן פאַר זיין אויג אויך די בראָדוויקעס אויף דעם ניו־יאָרקער שיינעם פּנים, און ער וועט דערציילן, אַז אַחוץ די שיינע סטאַטועס, בנינים און מאָנומענטן זענען פאַראַן איינגעבויגענע הייזקעס אויף פאַרנאַכלעסיקטע, קויטיקע גאַסן, איבער וועלכע עס טאַנצט אַרום אַזאַ שוידערלעכע נויט און פּיין פון די אַרבעטסלאַזע. האָבן מיר טאַקע אין זיין ערשטלינג־בוך לידער („גאַסן און עוועניוס"), אי די לידער, וואָס זענען באַהויכט מיט דעם פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אומיושרדיקייט, אי דעם ענטוזיאַזם פאַר די וווּנדער פון טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס, פאַרקערפּערט אין די גראַנדיעזע מאָנומענטן און טורעמס:

...אָ, וויפל מי און גייסט פאַרצערט
ליגט דאָ, אין דיינע ווענט און שוועלן:
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
און נישט מיט וואָרט אַליין, ווי גאָט,
נאָר מיט בלייך פון גייסט און מי פון הענט,
האָט דער מענטש אין כאָאָס פון דער שטאָט —
דיך אויסגעחלומט, מאָנומענט.

(וווּלוואָרט־טורעם)

דער כאָאָס פון דער שטאָט מיט איר האַרמידער, די פּרעמד, וואָס דערשטיקט אין אירע אָרעמס די צאַרטסטע בלומען און זייער לעבנסלוסט ווערט פאַרסמט און פאַרפינצטערט. דער רעש און רויש פון די שטיקנדיקע פאַבריקן, וווּ די טעג און יאָרן ווערן אויסגעעבערענט און צעאַשט. די איינזאַמקייט אין דער גרויסער וועלטשטאָט ניו־יאָרק, וווּ מענטשן לעבן אין אַ קליינעם תחום, אַליין, באַזונדער, און אין מיטן פון דער שטאָט — שטום. אַט די מאָטיוון, אין די פאַרשידנסטע וואַריאַציעס, זענען שוין אויסגעשריבענע אין דער ליטעראַטור. דאָך, טיילט זיך אויס יעדער נייער דיכ־

טערישער טאָן אין דער טעמאַטיקביים אַרויסברענגען אַט די פּשוטסטע אמתן, אַפילו אַזאַ באַוווּסטע, ווי איינזאַמקייט —

פון איינזאַמקייט קען מען זיך נישט היילן,
די קראַנקייט ירשנט מען אין בלוט.
בלויז דער, וואָס ליידט פון איר, קען דערציילן —
ווי זי דערהויבט, ווי ווייַ זי טוט.

קען מען פרעגן, וואָס פאַר אַ דערהויבונג קען עס ברענגען, ווען איינער דערפילט זיך איינזאַם „צווישן מענגעס מענטשן אין די גרעסטע שטעט״? ענטפערט אויף דעם דער דיכטער, אַז ער מיינט אַזאַ מין דערהויבענע און געלייטערטע איינזאַמקייט:

אָ, שיק מיר צו אָט־יענע גאָט־געבענטשטע איינזאַמקייט,
וואָס קומט מיט זעט פון פריינדשאַפט און פון ליבע.
דו לייטערסט זיך אין יענעם זיין אַליין פון צייט צו צייט,
כדי דו זאָלסט הונגערן נאָך יענער זעלטענער מסיבה.

אליעזר גרינבערגס לידער — איך רעד וועגן די, וואָס פאַרמאָגן דיכטערישע לופט אַרום די שורות — האָבן אין זיך אָט די קראַפט פון פּאָעזיע, וואָס איז נישט וועגן עפּעס, נאָר אָן עפּעס גופא, אַ יש אין דער וועלט פון פּאָעטישער איבערלעבונג און דערפאַרונג. די ווערטער, געבוירן אין איינזאַמקייט, רעדן צו אונדז מיט אַ דיכטערישן קול דממה דקה וועגן פלאַטערנישן, בענקשאַפטן און חלומות; און פון פאַרצווייפלונג, אָפּגרונט־גרויל און ווייַ־געשריי. אָט די לידער פאַרמאָגן דעם כוח אונדז אויפצורודערן מיט סוגעסטיווע אימאַזשן און געמעל־בילדער, וואָס רופן זיך איבער מיט די שאַפונגען פון אַנדערע קינסטלער. זיין „ליד פון בלינדן בעטלער״ רופט זיך איבער מיט איציק מאַנגערס אליהו הנביא, וועלכער —

גייט ווי אַ בעטלער פאַרשטעלט,
מיטן פידל אונטערן אָרעם
זינגט יאָרן איבער דער וועלט.

ביי אליעזר גרינבערגן זיצט דער בלינדער בעטלער אויף אַ ראַג פון גאַס און זיין קול ווי אַ תפילה נעמט געפאַנגען די פאַרבייגייער מיט „די ווערטער דין און אומפאַרשטענדלעך", וועלכע צעקלינגען זיך אין דער לופט און —

זיי דרינגען טיף אַריין אין האַרצן,
און רויש פון גאַס ווערט דול און דולער.
און אויף דער ערד דעם בעטלערס שיסל
ווערט מיט מטבעות פול און פולער.

דער דיכטער שילדערט אינעם ליד דעם מענטשן־שטראָם פאַרביי דעם בלינדן בעטלער. ער מאָלט זיין אויסזען דורך דעם גאַנג פון טאָג, און דאַן די נאַכט, ווען ער נעמט די שיסל מיט די פענעס און גייט אַוועק צו יענע געבויגענע שטומע הייזער —

ווו ס'וואַקסן אויס געהיים געשטאַלטן,
און צאַרטע אויסגעצערטע קינדער:
און סע נעמט פון שיסל טיילן
שטיקער האַרץ פון זיך דער בלינדער.

אליעזר גרינבערג האָט זיך זייער יונג אַקלימאַטיזירט אויף דער נייער ערד. זיין ליבשאַפט צו ליטעראַטור, און באַזונדערס צו פּאָעזיע, וואָס ער האָט מיטגעטראָגן מיט זיך פון זיין היימשטאָט, ליפּקאַן, אונטער דער השפעה פון זיינע בני־עיר שרייבער (אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג און אַנדערע) האָט אים געפירט צו פאַראייגענען און זיך פילן אַ בן־בית אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנער פּאָעזיע. ווייסן מיר דאָך פון דעם כלל, אַז אַ ניי לאַנד ווערט אייגן און נאָענט, ווען מען הייבט אָן צו דערזען איר לאַנדשאַפט, די פיזישע און פּסיכישע. נאָך מער, נאַטירלעך, איז דאָס וויכטיק לגבי אַ קינסטלער, וועלכער דאַרף נישט בלויז דערזען די לאַנד־שאַפט און אירע פאַרבן, נאָר אויך דערשפירן און אַריינזאַפּן אין זיך אירע ריחות, און ווען ער הייבט אָן מאָלן אירע פייזאַזשן ווערט ער דאָן שפּעריש אַקלימאַטיזירט, אַריינגעוואַקסן, און שלאָגט טיפע וואָרצלען אינעם נייעם באָדן.

גרינבערג האָט זיך אין זיין ליד און פּאָעמע באַהאַפטן מיט דער נאַטור-לאַנדשאַפט און זי באַזונגען. אין זיין גרעסערער פּאָעמע „פישער-דאָרף" זענען פאַראַן סוגעסטיווע מוזיק-שורות וועגן דער לאַנדשאַפט און אירע איינוווינער.

דער דיכטער זינגט אויס אין דער פּאָעמע דעם ריטעם און מעלאָדיע פון ים, וואָס שווימט און וואַרפט זיך מיט גרין-גרויע וואַסערבערג „און דונערט, און ברומט — / פון צאָרן און פון וויי". אָבער נישט נאָר אין שטורעם מאָלט ער די נאַטור, אויך אין איר שלווה, בעת זי שוועבט אין מנוחה און זי שוימט מיט גליק לייכטפליגלדיק און שטיפעריש —

„— פאַר נאַכט... ווען שאַטנס... קום אַהערצו שפּעטער"...

„פישערדאָרף" איז אַן עפּישע שילדערונג אין פּשטותדיקע ווערטער פון נאַטור-פּייזאַזשן, פון די פישערלייט, פון זייערע פרויען און קינדער, וואָס טראָגן די שווערע לאַסט פון אָרעמקייט און קלאָגן זיך נישט אויף זייער גורל צו שלעפּן אויף זייערע אייביק-געשוואָלענע פּיס די לאַסט פון לעבן. פאַר זיי איז דאָס אַ הייליקער יאָך. די פּאָעמע איז נישט קיין סאָציאַלער פּראָטעסט-אויסגעשריי, נאָר סאָציאַל אין געמיט מיט אַ סוב-טעלער סאַטירע אויף די רייכע טוריסטן, וואָס קומען זומערצייט און זענען מקנא דאָס לעבן פון די פישערלייט אויפן שויס פון דער נאַטור. פאַר זיי איז דער ים אַ קוואַל פון פרייד, ים און זון. עס איז אַ מין ריטואַל פון באָדן און ברענען זיך:

— זון גליט הייס, און זון גליט לאַנג.
— בלוט זידט הייס, און בלוט זידט רויט.
— הויט ווערט האָניק — זיס און ברוין.
— ברוין — ווערט מערער בראָנז ווי הויט.
— די נאַכט — אַ וואַלץ.
— דער טאָג — געזאַנג.
— זון און ים — אַ ריטואַל.
— ברעג פון ים — אַ קאַרניוואַל.

דער מוזיקאַלישער ריטעם, די מעלאָדיע, וואָס זינגט אַרויס פון די שורות, גייט דאָ געפּאָרט מיט אימאַזש. די אויסדרוקפולע קלאַנגיקייט פון אָט דער פּאָעטישער דיקציע, די בצימצומדיקע ווערטער, פאַרמאָגן בילד־לעכקייט און עקספּראָמטן עמאָציאָנעלן גלי. דער דיכטער פּרוווט אָבער אין דער פּאָעמע אַרויסברענגען סאָציאַלע פאַרגלייכונגען צווישן די פישערלייט און די רייכע געסט. ער נעמט אין חשבון אויך אַריין די מאָלער — די זומער־פייגל, וואָס זענען געקומען מאָלן דעם ים און דעם פישערדאָרף. אָבער מאָלן דאָס אַלץ איז נישט נאָר אַן ענין פון פאַרב־און־פּענדזל־טאַ־לאַנט, נאָר פון קענען אַרויסשיילן „לוין און פרייד און ליכטיקן באַשייד / פון פיינלעכער און האַרטער וואָר דאָ אויף דער ערד"!

אינטערעסאַנט ווי אליעזר גרינבערג ראַנגלט זיך מיטן ליד, און ער קלאָגט זיך טאַקע, אַז זיין גומען איז „פאַרברענט פון דאָרשט נאָך שלימותדיקן ליד", און ביים שרייבן —

אָט־דאָ, אין קיך ביים פענצטער, ווו איך זיץ און קלייב
אותן צו אות, פאַר זילב מיט זילב, און ראַנגל זיך אין שלאַכט.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
אַ מידע רוט די האַנט אויף דעם פּאַפּיר און יאָגט זיך ווידער
זי רוט זיך אָפּ פון נאָכיאָגן דאָס האַרץ, נאָר טרויער וואַכט
איבער די שורות רייף ווי דאָס געבעט אין סידור.
ס'פאַרגייט די זון. עס פאַלן שאָטנס צו. ס'פאַלט צו די נאַכט.
(ביינאַכטיקער דיאַלאָג, ז' 56)

זיין געראַנגל מיט דעם שר היצירה, דערציילט דער דיכטער, איז נישט קיין לייכטער, ווייל נאָר — „די ערשטע שורה בלויז טוט גאָט אים שענ־קען / ער פירט אים צו שורה־היכל / דערנאָך מוז ער אַליין אויס־בענקען / און אויסבריען שורות מיט האַרץ און שכל".

איז לאָמיר נישט אַרויפלייגן אויף אַן אַפּטעקאַרסקער וואָג און וועגן די פּאָעטישע לופט פון יעדער שורה באַזונדער אין אַ ליד, נאָר אָפּשאַצן לויט דער שטימונג, וואָס מיר שפּירן אין אַלגעמיין ביים לייענען עס, דעם פלאַטער און פּאָעטישן הויך, וואָס עס רופט אַרויס ביי אונדז די דיכטע־רישע איבערלעבונג, ווען זי קען זאָכן און דערשייבונגען פון לעבן פאַר־

וואַנדלען אין פּאָעטישע אימאַזשן. דערביי טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז די בעסטע ווערק האָבן לאַנגווייליקע שטעלן און די גוטע לידער־ביכער האָבן לעבן קרעפטיקע פולבלוטיקע לידער אויך שוואַכע זיבעלעך. שאַץ איך דעריבער אָפּ אַ ווערק נישט דורך אַרויסהייבן די שוואַכע זייטן, נאָר לויט דער צאָל גוטע און ווערטפולע עלעמענטן אינעם בוך.

און נאָך עפּעס: מען קען שרייבן און שאַצן אַ ווערק אָן באַקאַנטשאַפט מיט זיין הינטערגרונט, אָבער די פולקייט פון ווערק ווערט פאַרמינערט פאַרן לייענער, אויב אים איז נישט באַקאַנט די פּערזענלעכקייט פון מחבר, און אין אַ געוויסער מאָס אויך דער הינטערגרונט פון געשאַפענעם ווערק און די צייט מיט איר חותם אויפן שרייבן דאָס בוך.

האָב איך נאָך אַ מאָל נאָך אַן איבערלייס פון יאָרן — און וואָס פאַר אַ יאָרן! — איבערגעלייענט אליעזר גרינבערגס ווערק („גאַסן און עווע־ניוס", „פון אומעטום", „פישערדאָרף", „ביינאַכטיקער דיאַלאָג" און די עסייען וועגן משה לייב האַלפּערין, לייוויקן, גלאַטשטיינען א"אַ) און געזען פאַר זיך דעם דורכגעמאַכטן פּאָעטיש־עסייִסטישן וועג, וואָס גרינ־בערג האָט אַ שפּאַן געטאָן אין זיין שאַפן. די טעמאַטיק, אויף וועלכער עס איז דאָ דער חותם פון צייט און אירע טראַנספאָרמאַציעס מיט די קאָנפליקטן, ריסן און שניטן פון זייער עפּאָכע. איך האָב נאָכגעפאָלגט די מוזיקאַלישע אויספורעמונג און דעם פּאָעטישן רעקוויזיט פון זיין דיכטערישער ווירט־שאַפט; די שייכותן צווישן פּערזענלעכן און אַלגעמיינעם אין אָנבליק פון דעם, וואָס עס איז אַלץ געשען אין אונדזער לעבן.

אין גרינבערגס לידער איז פאַראַן אַ היפּשע דאָזע טרויער און אומעט. ער פרעגט זיך נישט איין מאָל אַליין: — „אין מיטן פון אַזוי פיל שיינקייט / ווי קומט צו דיר אַזוי פיל טרויער / אַזוי פיל פאַרלווירענע אַליינקייט?" אין זיין פּאָעמע „ערד" דערציילט ער, אַז אין סאַמע בלי פון זיינע יאָרן האָט ווי אַ שאַרפע שווערד געהאַנגען איבער אים די שרעק פאַרן טויט און דאָס האָט פאַרסמט זיין לעבנספרייד. אין זיין „ביינאַכטיקער דיאַלאָג" אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז דעם כסדרדיקן דיאַלאָג, וואָס ער פירט מיט זיך אַליין צווישן ווילן און פליכט, די מאַגערייען און טענות מיט זיך —

פאַר וואָס ליג איך וואַך און טענה
זיך אויס מיט מיינע אייביקע, ביטאַגיקע פאַרדראָסן?

אַט די „בייטאַגיקע פאַרדראָסן״ זענען אויך כולל דעם עול און גורל פון אַ יידישן שרייבער ביים זען די פאַרשעמונג פון די צוויי און צוואַנציק יידישע אותיות.

— דו ביסט אַ זינגער שוין פון לויטער טויב און שטומע!
נאָר אותיות יידישע, זיי קומען אויסגעווייקט אין טרערן;
אין שיינקייט, ווי דער גורל פון מיין אומה...

ער רעדט מיט אומעט צו דער יידישער שרייב־מאַשין „איין גורל האָט אונדז ביידע דאָ געפאַנגען״. עס איז דער נאָגנדיקער טרויער, וואָס לאָזט נישט אָפּ דעם יידיש־שעפערישן מענטשן און ער דערשפירט מיט אַלע זיינע רמ״ח־איברים, אַז היינט איז מער ווי פריִער נויטיק אין דער יידי־שער שרייבער־משפחה צו זאָגן אַזאַ תפילה־זכה:

— פאַרלעש אין מיר דעם שוואַרצן פלאַם פון שנאה.
פאַרצער אין מיר דעם גיפט־געוויקס פון קנאה.
פיר מיך אום איבער שוידער־וועגן פונעם לעבן —
און לאָמיך הערן, זען, פאַרשטיין און — פאַרגעבן.

★

אליעזר גרינבערג איז אַ גרויסער בעל זכרון. ער געדענקט אַ סך פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור און האָט אַ סך פאַרערונג פאַר די פּאָעטן, וועלכע האָבן אים געלערנט צו באַנעמען און דערשפּירן דעם לעבעדיקן צאַפּל פון קינסטלערישן וואָרט. אין עסיי און אין ליד באַטאָנט ער זייער אויסווירקונג און מיט וואָס פאַר אַ דורשט ער האָט זיך צוגע־כאַפּט צו זייערע אָפּפרישנדיקע קוואַלן, פון וועלכע ער האָט אָנגעהויבן טרינקען אין זיינע ייִנגסטע יאָרן. אין אַ ליד וועגן יונג־פאַרשטאָרבענעם ענגלישן פּאָעט דזשאָן קיטס, דריקט גרינבערג אויס זיין טיפע באַוווּנדערונג פאַר דעם פּאָעטישן ריז „מיט וואָס פאַר אַ כוח. מיט וואָס פאַר אַ מאַכט / האָט ער צעפּראַלט געהיימע ריגלען? / — אַז ביים קראַנקן בעט האָט טאָג ווי נאַכט / דער טויט געפּאַכעט מיט שוואַרצע פליגלען״.

ווען מיר פּרוּוון צו קוואַליפיצירן גרינבערגס לידער און פּאָעמעס מיט זייער טעמאַטיק און באַהאַנדלונג, זעט זיך בולט דער מאָטיוו פון אורבאַניזם, פון באַזינגען די טעכנישע גרויסשטאָטישע דערגרייכונגען. ביי זיינע ערשטע פּאָעטישע טריט, גלויבנדיק, אַז „נאָר איך וועל דאָ ביזן לעצטן אָטעם שפּינען — / מיין שטאָטיק ליד און קיין מאָל נישט אויפהערן". אין דעם ערשטן פּעריאָד שאַפט ער זיינע סאָציאַלע מאָטיוון פון שטאָטישן לעבן. ער דערזעט די בעטלער („אויף גאַסן־ראָגן") די פאַבריקן און אָפיסעס, די סטענאָגראַפיסטקעס, וועמענס יונגע יאָרן „די צייט צעמאָלט אויף שטויב די נעכט און טעג", די לאָמבאַרדן ווו מען דריקט צו „מיט שטומען צער און שאַנד — (צום לעצטן מאָל אַ פינגערל, אַ זייגערל) / און ווי מען געזעגנט זיך מיט אַ נאָענטן פריינד. / וואָס פאָרט אַוועק אויף לאַנג / אין אַ פרעמד און ווייט לאַנד — / גיבן זיי אָפּ דעם משכון שנעל דעם מלווה אין דער האַנט".

דער ענטוזיאַזם פון גרויסשטאָטישן לעבן איז באַלד ביי אים פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער דערציילט פון די יאָרן אין די גרויסע שטעט, ווו די נויט האָט אַ תל געמאַכט פון מענטשלעכן שטאָלץ און אונטער דער לאַסט פון גרויל איז אויסגעוואַקסן אַ רויזנבאַרג פון די אַלע חלומות און טרוימען.

טראָץ די אַנטוישונגען אויף דער נייער ערד איז אין דעם פּעריאָד נישטאָ ביי גרינבערגן קיין נאָסטאַלגיע־מאָטיוו צו דער אַלטער היים: „פאַרגיב מיר. היים, וואָס כ'האָב דיך ניט באַזונגען. / דו אָרט, ווו ס'איז מיין וויגל ווען געשטאַנען". און נישט נאָר פון שטעטל איז ער דיכטעריש ווייט דאָן, נאָר אויך פון יידישער טעמאַטיק און פון נאַציאָנאַלע מאָטיוון. דער איינדרוק איז, אַז ס'איז געווען אַ באַוווּסטזיניקע אויסמיידונג פון דער יידישער מזרח־אייראָפּעיִשער מיליע, פון וועלכער ר'איז אַוועק נישט בלויז געאָגראַפיש... דאָס איז קענטיק נישט נאָר ביי אים, נאָר אויך ביי אַנדערע פּאָעטן. ביי די העברעיִשע דיכטער האָט עס געמיינט אַנטלויפן פון „גלות" און ביי גרינבערגן איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט יענער „שטורעם און דראַנג"־צייט, מיט „מיין דור, וואָס האָט פאַר יושר זיך געשלאָגן — און מיט זיינע לעבנס אַלע שלאַכטפעלדער פאַרזייט".

די שוואַרצע לאַנגע נאַכט, ווען ס'איז געשען דאָס אַלץ וואָס ס'איז געשען, איז געוואָרן אַ ווענדפּונקט אין דער טעמאַטיק און באַהאַנדלונג פון נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין דער יידישער פּראָזע און דיכטונג. „די לאַנגע נאַכט" איז דער נאָמען פון גרינבערגס אַ לידערבוך, וואָס איז דערשינען

באַלד נאָכן גרויסן יידישן חורבן. די חורבן־לידער מיט זייערע טרערן און צער האָבן דעם לייטמאָטיוו פון אַ צעבראָכענעם און שוידערלעך־אַנטוישטן דור, וועלכער האָט אין דעם פּאַרטאָג פון דער עפּאָכע געזען אַזוי פיל ליכטיקע פרימאַרגנשטערן „אַזוי פיל העלע צוזאָגן". און לסוף געזען אַזאַ לאַנגע, שוואַרצע נאַכט...

נישט נאָר אין דער פּאָזע, נאָר אין אַלע זיינע פּאַזעס קען מען גרינבערגן קוואַליפיצירן אַלס דיכטער פון האַרבסט־פּאָעזיע. אַוודאי האָט ער לידער פון פרילינג, פון ליבע, אָבער דער אַראָמאַט פון די לידער איז האַרבסט: אומעט, איינזאַמקייט, פּחד פאַרן טויט, פאַר דער זקנה און פאַרגענגלעכקייט. ער האָט אַ פּרעכטיק ליד וועגן „אַלטע שיפן אין האַפן", וועלכע האָבן אַ מאָל געקרייצט און געשטורעמט ימען און איצט שטייען זיי מיד פון וואָגל און רוען אין תפיסהדיקן אַנקער „נאָר פאַרטרויערט קוקט פאַר נאַכט דאָ יעדער קוימען, / צו די הימלען און די הייזער אין דעם טאָל: / ווי קראַנקע אָדלער — בענקענדיק נאָך רוימען, / ווי אַלטע לייט — נאָכן גאָלדענעם אַמאָל".

עכטע דיכטונג איז נישט סתם אַן אָפּשפּיגלונג, נאָר אַרויסשפּיגלונג פון זיך מיט אַן אייגענעם געמיט און ליכט די וועלט, און גרינבערג זינגט אויס זיין אינערלעכע וועלט, וואָס איז אַרומגענומען מיט פּשוטע, מיטוואָכדיקע מענטש־איבערלעבונג, באַגלייט מיט אינטים־יחידישן טרויער פון אַ האַרבסטיקן דיכטער: „אַ האַרבסט... ביסט אַמנאָענטסטן דעם טרויער פון מיין בלוט".

אין זיינע עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן משה לייב האַלפּערן, לייוויקן און גלאַטשטיינען (צו דערמאָנען נאָר די, וואָס זענען דערשינען אין בוכפאָרעם), איז דאָ קריטישער אַנאַליז מיט טרעפלעכע קערנדיקע מיינונגען וועגן אָט די גרויסע פּאָעטן. וואָס איז אָבער מער כאַראַקטעריסטיש איז דער וואַרעמער און חברישער טאָן. מען שפּירט בפועל ממש, ווי גרינבערג גייטיקט זיך אין פּאָעזיע צו קענען לעבן און ער זוכט אַרום אָט די דיכטערישע אַטמאָספער, וואָס איז פאַר אים לופט צו אָטעמען.

אליעזר גרינבערג האָט אויך געגעבן אַ וויכטיקן צושטייער מיט זיין אַרבעט אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישע דערציילונגען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. ער האָט עס געטאָן צוזאַמען מיט אירווינג האַו. קומט אויך גרינבערגן אַ גרויסן קרעדיט דערפאַר.

ווילל איך דאָ מסיים זיין מיט לעיעלעס׳ אַ וואָרט צו יידישע דיכטער:

קיינער פון אונדז קאָן פון באַשערטקייט נישט אַוועק.
לאָמיר אָננעמען וואָס ס׳איז אונדז באַשערט ווי פרייע
און מיט הערצער אָנגעשטעלטע און געטרייע.

אליעזר גרינבערג איז היינט, ווי אין זיינע יוגנט־יאָרן, איינער פון די געטרייע און פאַרליבסטע ריטער פון קונסט און ליטעראַטור, באַזונדערס פון דער יידישער.

חיים גראַדעס „אויף מיין וועג צו דיר" / בדרכי אליך

לידער און פּאָעמעס — שירים ופואימות

אַ וויכטיקער און אינטערעסאַנטער פּרווו איז דער עקספּערימענט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דעם בוך, צו געבן זייט ביי זייט די טעקסטן פון יידיש און עברית. עס דערנענטערט פאַרן לייענערס אויג איין נאַציאָנאַלע שפּראַך מיט דער צווייטער און שאַפט פאַר אים אַ בריק פון איין לשון צום צווייטן. אַ באַזונדער דערגרייכונג פון אַט דעם פּרווו איז, וואָס די איבערזעצונגען פון יידישן טעקסט אין עברית האָבן געמאַכט יוסף אחאי, שמשון מלצר, בנימין טנא און זלמן שזר — זיי האָבן נישט בלויז איבער־געזעצט, נאָר ממש איבערגעדיכטעט אין עברית די חנען פון חיים גראַדעס פּאָעטישן לשון און אַרויסגעבראַכט די עמאָציאָנעלע אַטמאָספער פונעם וואָרטבילד און פון דער וואָרטשטימונג.

חיים גראַדע, דער פּאָעט בחסד עליון, פאַרמאָגט אַ מעכטיקן שפּראַך־אינסטרומענט. די שטאַרקערע טענער פון זיין ליריזם וויברירן אינעם לייענערס געמיט, ווי זיי וואָלטן געדריקט אויף אַ סענסיטיוון נערוו, וואָס צינדט אָן די שטימונגען און געמיט־ווענדונגען און גליט זיי אָן צו אַ הויבן גראַד. די סוגעסטיווע בילדלעכקייט און דער ניגון פון זיינע וויזועלע אימאַזשן פאַרמאָגן דעם כוח צו מאַכן דעם לייענער פאַר אַ מיטשותף צו די איבערלעבונגען. עס איז דער כוח פון אַנטפּלעקערישער פרישקייט אויפ־צונעמען מיט חידוש פון ברייט־צעעפנטע אויגן, ווי ער וואָלט עס פריִער נאָך נישט געזען.

די טעמאַטיק פון „אויף מיין וועג צו דיר" איז אָנגעלאָדן מיט די קלאַנ־גען און פאַרבן פון ישראל־פּייזאַזש און מיט דעם חלום, בענקשאַפט און ליבשאַפט פונעם יידישן פּאָעט צום יידישן לאַנד, „וואָס ווערט אַ תפילה צו אַ ליבשאַפט וואָס איז אייביק". יידישע שרייבער, פאַרליבטע אין ישראל, וואָס וואָלטן שטאַרק געוואָלט זיך דאָרטן באַזעצן און זיך שעפעריש

אויסלעבן אין יידיש לשון, אָבער פילן, אַז דאָרטן איז פאַר זיי ענג... דערי־בער

האָב איך נישט געוואָלט צווישן לייבלעכע ברידער
אַרומגיין און זינגען אַ טרויעריק־פרעמדער,
און ס׳זאָלן דאָרט שטיפקינדער זיין מיינע לידער,
יתומים וואָס טראָגן געשאָנקענע העמדער.

(ז׳ 114, אַ באַמערקונג פון מחבר אונטערן ליד: „געשריבן איידער איך בין געווען אין ישראל״).

די געזאָנגען פון פּאָעט צום יידישן לאַנד זענען דורכגעפלאָכטן מיט דעם ניגון פון דעם חורבן־דור, דער, וואָס קען פון זיך נישט אויסטאָן די דערמאָנונג און מאָנונג, ווייל ער אָטעמט נאָך אַלץ מיט דער לופט פון די גריבער און הרוגים... דווקא אין ירושלים דערגייט צו אים נאָך שטאַר־קער דער יאָמער פון ווילנע, אָט „די בת־טובים, צעקלונגענע וועלט־מיוחסת״. ער הערט דעם געוויין ביי די פעלדזן־בערג פון ירושלים.

בערג ווי טרעפּ צום הימל דורך יאָרטויזנטער געדענקטע,
שטיינער קייקלען זיך פון אייך ווי טרערן פון פאַרבענקטע.

גייט דער דיכטער איבער דער פאַרמעטענער, גייסטיקער ערד, וועלכע „זינט קינדווייז קען איך אויסנווייניק אַלע דיינע וועגן״ און ער שפּירט ווי זי האָט „מיין לייב אַרומגעבונדן, / איך זאָל זיך פון דיר נישט קענען אָפּרייסן אָן ווונדן״. ער זעט אין ירושלים — „אַ מאַמע וואָס האָט פאַרלוירן אַלע אירע טעכטער״, פריִער די עלטסטע, און איצט די ייִנגסטע — קומט ער צו איר מיט זיין יידיש־דיכטערישן געוויין:

דיין טאָכטער ווילנע לעבט נישט מער, ירושלים,
אין טויבנשלאַק ביי גאָט איז זי בצרור החיים.
דיין טאָכטער פון דער ליטע איז אַרויף אין פייער,
ווי אירע עלטסטע שוועסטער — וואָרמס, מיינץ און שפּייער.

גראַדעס גרויסדיכטעריש ליד „ירושלים", ווי פיל אַנדערע פון זיינע ישראל־געזאַנגען, אָטעמען מיט דער תנכישער לופט און מיט דעם צויבער, וואָס דער תנ"ך האָט אַרומגעהילט די פּאַרמעטענע ערד און איר קרוינ־שטאָט בעת דאָס פאָלק פלעגט עולה־רגל זיין קיין ירושלים. אָבער דער יידישער חורבן־פּאָעט קומט צו איר:

ניעט ווי די עולה־רגלים אין פריילעכע ציטן
קום איך אויף יום־טוב קיין ציון פון גאַר מיין פאַרשפּרייטונג;
פון אַ פאַראַבלטער ערד און צעטראַמפּלטע וויטן
קום איך צו דיר מיט פאַרהוילענע געסט אין באַגלייטונג.

די ערשטע פון אָט די „פאַרהוילענע געסט" איז זיין מאַמע־געשטאַלט, וואָס באַגלייט אים אויף אַלע זיינע נע־ונד־וועגן. ער האָט זי באַזונגען אין פּראָזע און פּאָעזיע מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה־ליבשאַפט, איז דען אַ ווונדער, אַז ביי זיין אַריינקום אין דער הייליקער שטאָט:

ווען איך האָב דיך דערזען, מיין שטילע עיר הקודש,
האָב איך דערזען מיין מאַמען ווי זי בענטשט ראש־חודש.

✶

די גייסטיקע ביאָגראַפיע פון אַ פּאָעט איז אין תוך די ביאָגראַפיע פון יעדן ליד זיינעם, וואָס האָט געגעבן אַ דיכטערישן תיקון אַן איבערלעבונג, אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטראָם מיט אַ טיפערן אָטעם און אויסבליק. חיים גראַדע האָט אין זיינע לידער און פּאָעמעס „אויפן וועג צו דיר" אַריינגעגעבן דעם לעבעדיקן צאַפּל פון דער עפּאָכע מיט איר יידישער און אַלמענטשלעכער סימבאָליק. דורך בילד־רעפלעקסן און אַסאָציאַציעס פון „מיין ערלעכן דור", די פעלקער־באַפרייער פון די אָרעמע יידישע געסלעך, „וואָס האָט זיך געראַנגלט ביז בלוט פאַר אַן אַנדער וואָר"... אַ שיינער חלום געוועזן מיט פייערלעך, וואָס האָבן פאַרפירט, ביז עס איז געשען דאָס, וואָס איז געשען, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די פאַרפירטע, אַז „מיר לעבן אין אַ צייט פון חבלי־משיח אָן משיחן" (אחד העם).

דער דיכטער פון חורבן־דור טראָגט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס דעם יאָך פון זיין פערזענלעכער דראַמע, וואָס איז פאַרוועבט אין דער גרויסער טראַגישער דראַמע פון אונדזער צייט, ווען פון אַ שיינעם טרוים איז געוואָרן אַ תהום.

אַ טרוים האָט צעשניטן ווי גלאָז מיינע הענט
און ס'האָט ווי אַ שויב זיך צעשפּליטערט מיין וועלט.

גראַדע דרינגט טיף אַריין אין די ווונדן פון אַט דעם בלוטיקן שניט — אין דעם גייסטיקן און נשמהדיקן קריזיס פון זיין דור, פון די דערווייטערטע ברידער אויף פרעמדע וועגן. זיי האָבן דורכגעלעבט אַ שרעקלעכן פייער, פון וועלכן זיי זענען אַרויס מיט אָפּגעברענטע פליגל. דער דיכטער דעקט אָפּ די ווונד און מיט זיין אינטעלעקטועלער ערלעכקייט איז ער זיך מתוודה:

אַ ווונד איז מיר מיין אָפּגעלעבטער יובל
ווייל איך האָב אין דיין זון און בלוי זיך נישט געטובלט,
און ווייל איך האָב נישט מיטגעבויט דעם וועג דעם נייעם
צו דיינע אַלטע טויערן, ירושלים.

✶

חיים גראַדע געהערט צו די קרעפטיקסטע מאָלער פון די נאַטור־שיינקייטן אין דער יידישער פּאָעזיע. זיינע נאַטור־פּייזאַזשן גיבן זיך סוגעסטיוו איבער דעם לייענער מיט זייער לירישן אויפציטער און בליץ־זעונגען באַגלייטע מיט אַן אינטעלעקטועלן עלעמענט. זיינע אָדעס צו די לאַנדשאַפטן פון ישראל פאַרמאָגן עמאָציאָנעלע פולקייט און גייסטיקע פאַרטיפונג. דער דיכטער האָט מיט אַלע פאַרבן געמאָלן דאָס לאַנד, דאָס ביזאַרע און פשוטע אַרומגענומען מיט סימבאָליק, וואָס גיט אַריין די דערהויבנקייט פון ישראל של מעלה אין אימאַזש. די לאַנדשאַפטן און באַרגלידער האָט ער באַשאָנקען מיט פאַרבן און קלאַנגען, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג און אויער.

גראַדעס פּאָעטישע דיקציע איז דיסציפּלינירט אין אויסדרוק, ריטעם און גראַם. ער יאָגט זיך נישט נאָך דעם גלאַנץ פון נייקייטן אין פאָרעם,

אָדער נאָך שפּראַכלעכע חידושים, וואָס קענען פאַרפירן צו געקינצלטקייט פון גראַם־אַנווענדונג. ער איז ערגעץ מתפלל צום שר הפּאָעזיע: „פאַר־היט מיך, אַז איך זאָל נישט מקריב זיין זיך פאַר אַ גראַם". זינגט ער טאַקע מיט אַן אייגענער שטים, וואָס איז אַ מיוחד במינו. ווער עס האָט נאָר געלייענט זיינע פּרעכטיקע באַרגלידער (זע זיין לידערבוך „דער מענטש פון פייער") מוז דערשפּירן די שטימונגען, די פּרעכטיקע מעלאָדישקייט און ריטמיק פון וויזיע און פּאָעטישער עקספּרעסיע. דער דיכטער, וואָס האָט אין זיין קלעטערן אויף די הויכע בערגער פון דער וועלט געזוכט „עס זאָל אין הארצן ווערן קלאָרער", האָט ביים באַרג מירון גייסטיק דערשפּירט אויף זיין הויכקייט: אויב נישט נאָך העכער.

איך, דער באַזינגער פון בערג, אין מיין אומרו און קלעטער
איבער די אַלפּן ביז זייערע זילבערנע דעכער,
פּנים אל פּנים אַנטקעגן די שטיינערנע געטער —
זאָג איך אויף דיר עדות, מיין באַרג פון מירון, דו ביסט העכער!

אין די געזאַנגען צו דער ישראל־לאַנדשאַפט איז איינגעוועבט סימבאָ־ליק, טרוים, בענקשאַפט און די שפּירונג פון גייסטיקער אין־סופיקייט.

אומעטום איז דאָ מיין יעדער שפּאַן פון גיין און וואַנדער
ערד און הימל טיילט אַפילו נישט קיין שוועל פאַנאַנדער.

★

די עלעגיעס אויפן „חזון־איש" און „עמוד־האש" געהערן צו די פּערל אין אונדזער דיכטונג. די געשטאַלט פון „חזון־איש" איז אויסגעשניצט מיט אַזאַ קינסטלערישע דיסציפּלין, ווו פאַרעם־מייסטערשאַפט און פּערזנקונסט זענען שלמותדיק באַהאַפטן מיט טיפקייט פון פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק און עטישער נשמה־וואַכיקייט. עס איז אַ פּאָעטישע טיפקייט פון אַראָפּטויכן און דערזען די טיף פון אַ גרויסער נשמה, פון אַ ליכטזאַל, אַז

עמוד־האש, וואָס איז געבליבן ברענען נאָך מיין רביין,
דו ליכטזייל, וואָס האָט אויפגעשיינט אין יוגנט פון מיין לעבן.

גראַדע דערמאָנט די יסורים, וואָס ער האָט פאַרשאַפט זיין רבין, ווען ער האָט געזען, אַז זיין תלמיד איז אַרויס לתרבות רעה. מיט וויפל צער האָט ער דערציילט דער מאַמען —

פאַרשטעלט האָט זיך אין פייגל זיין געשייטער יצר־הרע,
דער וואַלד האָט אים פאַרכישופט און פאַרפירט פון דער גמרא...

צינדט איצט דער תלמיד נשמה־ליכט נאָך זיין רבין, וועמענס געשטאַלט האָט באַשטראַלט דאָס לעבן פונעם דיכטער און אים געגעבן דעם כוח אויפצושטעלן אַ מאָנומענט די ישיבה־וועלט און די תורה־יידן. ער בעט ביים „חזון־איש" „דערלייז מיר פון דעם מדבר אין מיין האַרץ און פון מיין פיבער". ער זאָל אים העלפן אין דעם זכות „וואָס איך בין דער מחיה מתים / פון דיינע מיטדאָוונער אין די צעפאַלענע טליתים".

✶

וואָס עלטער מיר ווערן, און וואָס ווייטער מיר רוקן זיך אָפּ פון אונדזער קינדהייט און יוגנט־פּייזאַזש, אַלץ נענטער רוקן זיך צו אין אונדזער זכרון און געמיט זאַכן און מענטשן, לייבלעכע און נאָענטע, וועלכע האָבן געלאָזן טיפע שפורן אין אונדז.

אין זיין גרויסער פּאָעמע „דער זקן און זיין בן־זקונים" באַזינגט גראַדע זיין פאָטערס פאַרסודעטע געשטאַלט, וואָס האָט אים קינדוויז געשראָקן. די געשטאַלט איז אויסגעקיזלט, ווי אַ בראָנדז־פיגור פון אַ סקולפּטאָר, מלכותדיק, ווי אַ זקן מיט אַ שנייוויסן קאָפּ אויף דעם הינטערגרונט פון אַ פאַרקאָפּטשעטן קוזשניע־שטיבל, פאַרהילט אין קאָוואַדלע־ און האַמער־געקלאַפּ, איינגעהילט אין פייער און רויך. אונטער דער בראָנדז־פיגור זע איך דעם אויפשריפט: „אַ לעבן — אַ טרויעריקער גרייז".

ביים לייענען די פּאָעמע, האָט זיך אָפּגערופן אין מיין דמיון שאַגאַלס בילד „עלנט" — אויך אַן אַלטער ייד, מלכותדיק, אין אַ ווייסן קיטל. דער זקן האַלדזט אַרום אַ ספר־תורה, אָבער זיין פידעלע וואַלגערט זיך לעבן אים אויף דער ערד פאַרוואַרלאָזט, און דערנעבן — אַ פאַריתומטער סמיק.

שאַגאַלס זקן־בילד רופט זיך איבער מיט גראַדעס, אָבער מיט דעם אונטערשייד, וואָס איבער שאַגאַלס עלנט איז דאָ אַ בלויער הימל, אונטער

וועלכן עס פלאַטערט אַ קליין מלאכל, וואָס איז, מסתמא, אַ רמז אויף פרייד און בטחון, אויף דער אויסגעבענקטער, אָבער לאַנג-פאַרזאַמטער גאולה; בעת אין גראַדעס פּאָעמע פאַלט דער שאָטן פון זקן און זיין טרויער אויך שוין אויף דער ערשטער פלאַטערנדיקער פרייד פונעם קינד.

בײַם אויפמאַכן די אויגן אויף דער וועלט פאַרוווּנדערט,
האָט מיך באַגעגנט גלייך מיין טאַטנס אָפּיענבליק דער טריבער,
פון מיין בליק עלטער מיט דער העלפט פון אַ יאָרהונדערט.

דאָס אָמאָליקע קינד איז איצט „אויך אַריין שוין אין זכרונות-קרייז", און עס טויכט אויף פאַר זיין אויג די געשטאַלט פון טאַטן, דעם משכיל און חובב-ציון, אַ ייד אַ יורד, וואָס האָט פאַרשפּילט זיין חלום און זיין דורכ-געגאַנגענעם לעבן — ווי איין גרויסער דורכפאַל — „אַ טרויעריקער גרייז". ווייזט אונדז דער סקולפּטאָר, גראַדע, אַ זקן-פיגור:

פאַרהילט אין אייזנשטויב, פאַרטויבט מיט דעם קאָוואַדלע-רעש,
האָט שטוינונג אין זיין בליק געטייעט, ווי ער וואָלט אין פייער
אַנטפּלעקט די רעטעניש פון דורכגעפאַלענעם בר-נש,
פאַר וואָס אים בלייבט פון אַלץ וואָס איז אים הייליק-טייער
אַ בערגל אויסגעטליִעט אַש.

✶

אין „אויף מיין וועג צו דיר" זענען פאַראַן הערלעכע למנצח-געזאַנגען צו די פּייזאַזשן פון לאַנד און פאָלק ישראל, צו די קינסטלער פון צפת, צום „חזון-איש" און צום אר"י — תהילימדיקע לידער, וואָס פאַרכאַפּן מיט זייער צויבער און פּראַכט. עס קלאַפּט אין זיי דער פּולס פון אַ קינסטלער מיט אַ פאַרשאַרפטן געוויסן פון אַ זוכער און פרעגער. ער זוכט אין זיך די פאַרלוירענע וועלט און איר אויסשטראַלונג, וואָס האָט אין זיין שאַפן פיל פנימער, אָבער פון זיי אַלע פורעמט זיך אויס איין פּרצוף-פנים פון אַ פּילפּאַרביקער יידישער וועלט, וועלכע ער באַזינגט מיט אַ ליריש געמיט און פאַרטיפטער מחשבה. ווי אַ פּאָעט פון חורבן-דור באַקלאָגט ער דיכטעריש דעם וויי און טרויער פון פאָלק. עס איז אַ שעפערישער טרויער, וואָס זוכט

דורך ליד צו לייטערן דעם געמיט פון שאַטנס און פון אימה. עס איז ליד, וואָס היילט און באַלזאַמירט די ווונד.

עס פּייניקט אים זיינע אייגענע יוגנטזינד („מיך פּאַרפּייניקט נאָך מיין יוגנט, וואָס האָט האַסטיק אויפגעפלאַקערט אין אַ גרימצאָרן און מיט אַשגלי מיין געמיט פּאַרשאָטן”). עדות פון דעם גרימצאָרן זענען גראַדעס צע־שריגענע און צעשויבערטע לידער פון זיין יוגנט־פּאָזע, וואָס זענען געווען אַ ספּאָנטאַנישע רעאַגירונג פון זיין אומגעצוימטער נאַטור, וואָס איז אויפגעלאָפן אין גרימצאָרן, און אין עראָטיש־תאווהדיקע לידער, אין וועלכע ער האָט געזוכט שלוות הנפש.

פּאַראַן דיכטער, וואָס קומען צום שרייבטיש גישט דירעקט פון לעבן, נאָר פון דער ליטעראַטור, און אַנדערע, וואָס קומען אוממיטלבאַר פון די ברויזנדיקע לעבנס־שטורעמס אין זיך און אַרום זיך. זיי פּאַרטרויען אָן זייער לירישן אומרו און סענסיוויטעט דעם פּאָעטישן וואָרט, ווי אַ בליץ־אַפּלייטער פון געוויטער. צו דער גרופּע געהערט אויך חיים גראַדע, און ווען איך לייען זיינע לידער קומט מיר אויפן געדאַנק לערמאָנטאָווס אומ־שטערבלעכער פּערז:

> ער האָט מיט אומרו געזוכט דעם שטורעם,
> ווי אין שטורעם וואָלט געלעגן זיין רו.

צי האָט ער שוין געפונען זיין רו? — שווער צו גלייבן. ער איז געוואָרן דורך די אַלע יאָרן — און נאָך וואָס פּאַראַ יאָרן! — מער פּילאָ־זאָפיש־קהלתדיק, ווי ער פּאַרענדיקט די פּאָעמע „דער זקן און זיין בן־זקונים”. אָבער פּאָעטיש איז גראַדע געשטיגן צו די באַרגשפּיצן, וואָס קענטיקן זיך אַזוי בולט אין זיין לעצטן לידערבוך. זיינע לידער און פּאָעמעס (ווי זיינע קינסטלערישע פּראָזע־ווערק, בראש מיט צמח אַטלאַס), זענען טרעפּ צו די באַרגשפּיצן, צו העכערע שטאַפּלען פון פּאָעטישער שלמות.

רחל קאָרנס ליד פון היים און היימלאָז

דער פראַנצויזישער שרייבער און דענקער, זשאַן פּאָל סאַרטר, דער־ציילט ערגעץ פון זיין געשפּרעך מיט אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן צווישן אַנדערן פאַרגעוואָרפן יידן, אַז זיי זענען איגנאָראַנט אין דער נאַטור־מיס־טעריע. סאַרטר האָט זיי געענטפערט, אַז אין דער הינזיכט וועט ער זיין מער ווי אַ ייד, ווייל פאַר אים איז די נאַטור לחלוטין אַ פאַרזיגלטער ספר.

וועל איך דאָ נישט אַריינגיין אין דער אַלגעמיינער באַהויפּטונג פון אַנטיסעמיטישן פאַרוואורף, נאָר בלויז אַקצענטירן די דיכטונג פון רחל קאָרן, וואָס איז אַ לעבעדיקע אַפּלייקענונג פון דער אויבן דערמאַנטער באַהויפּטונג, און אין דעם פּרט איז זי ווייט נישט קיין בת־יחידה אין דער יידישער ליטעראַטור.

רחל קאָרן איז פולשטענדיק מסכים מיט באָריס פּאַסטערנאַק, אַז ס'איז נישט נויטיק צו זוכן פּאָעזיע אין די הימלען, ווייל פּאָעזיע איז פאַראַנען אויך אין גראָז. מען דאַרף זיך נאָר אַראָפּבייגן, קוקן און דערזען... רחל קאָרן האָט זיך טאַקע אַראָפּגעבויגן צום גראָז און בלימל, צום ערדיש־קאָנקרעטן, גלויבנדיק, אַז די ערד איז פאַר אונדז מער ווערט ווי די זיבן הימלען. פון אירע פריסטע קינדער־יאָרן און יוגנט איז זי פאַרקנסט געוואָרן צום נאַטור־פּייזאַזש, מיט וועלכן זי וועט זיך שוין קיין מאָל נישט צעשיידן. זי איז אַריין אין דער יידישער דיכטונג מיט צאַרטקייט און ליבשאַפט צו פעלד און גרעזל, צו בוים און וואַלד, צו די שמעקעוודיקע ריחות און פאַרבן פון די סעדער, צו דער מאַמע־ערד, וועלכע האָט אַנטפּלעקט פאַר איר אירע אַלע סודות:

> אָ, ערד, געפּאַסעוועט אין ברייטע לאַנעס און אין שמאָלע בייטן,
> ערד פון מיין היים, פון מיינע קינדער־יאָרן...
> ווען כ'בין געוואַקסן מיט דיינע פרילינגען און זומערס,
> מיט דיין וואַלד, מיט דיין תבואה און אַלע דיינע פּירות.

די דיכטערין דערציילט פון איר טיפסטן בונד מיט דער נאַטור, מיטן וואַלד, פון וועלכן איר זיידע האָט נאָך געריסןביימער־פּניאַקעס, און פון דריי שלאַנקע סאָסנעס לעבן דער נייער שטוב זייערער „ווי שומרים טריי אויף דער וואַך, וואָס האָבן דאַן אַריינגערוישט אין מיין נשמה זייער בענקשאַפט און טרויער מיט דעם גרינעם סכך".

רחל קאָרן מאָלט די נאַטור, אין אַלע אירע צייטן און שטימונגען. איר עמפּינדלעך אויג און אויער כאַפּט אויף יעדן ניואַנס פון פאַרב און קלאַנג. זי אַנט און שפּירט דאָס אומענדלעכע גליק פון ערשטן גרינעם בלעטל און זיין געזאַנג, וואָס זוכט ביי איר די געהעריקע תּפילה־ווערטער צום באַשעפער פאַר זיין שטילן גורל. זי לעבט דורך די פאַרשידענע גורלות פון באַשאַף, אי פון די וואָס וואַקסן לאַנג אין דער פינצטערניש ביז זיי שטופּן זיך אַדורך צו זון און ליכט, אי די וואָס מיט איין שטופּ שיסן זיי אַרויף צו ליכט מיט שווונג און אויפברויז, מורמלענדיק צו דער זון מיט תּפילהדיקן שאָרך, מיט אַ דינעם אויסגעשריי, נישט באַנעמענדיק די פרומע זאָרג פון די וואָרצלען אין באָדן.

די דיכטערין איז דאַנקבאַר דער מאַמע־ערד, ביי וועלכער זי האָט געלערנט און דערפאַרן:

> כ'האָב געלערנט ביי דיר פאַרשטיין פרומע זאָרג
> פאַר קערל, וואָס איז נאָך פאַרוויקלט אין טרוים,
> און דאַרף דאָך שוין ווערן דיין תּפילה צו זון,
> און דאַרף שוין ווערן דיין אויפגאַנג — אַ בוים.

אין אירע נאַטור־לידער שפּילט זיך אָפּ וואָלט וויטמאַנס באַרימטער זאָג: „פאַר מיר איז יעדע שעה פון טאָג און נאַכט אַ פּערפעקטער נישט אַרויסגעזאָגטער נס". און דער נס אַנטפּלעקט זיך פאַר דער דיכטערין אין אימאַזש, ווי דער סאָסנעבוים וויל נישט שטאַרבן, און ווען עס פעלט אים אויס וואַסער, טרינקט ער לופט, זויגט ער טוי. אין דעם חלום און טרוים פון דומם און בעל־חי, פון „דער סאַרנע און דאַז צו זוכן דעם זומער און דאָס גראָז". הערט זי, און דערהערט, דעם געשריי פון פויגל אין שלאָף. זי זעט, און דערזעט, ווי דער דאַרפישער שליאַך גייט צו די שטערן און „דער זעלבער שטעקן, וואָס איז איצט אין אַ גרויזאַמער האַנט, האָט דאָך אויך אַ מאָל געקנאָספּט און געבליט".

מיט צאַרטער פּרוויזשער ליבשאַפט נעמט רחל קאָרן אַרום די היימישע ערדישקייט מיט יעדן בלימל און בלעטערפלאַנץ, דעם קאַרשן־בוים און

די זונשטראַלן, וואָס שפּרינגען די ערשטע אין פרימאָרגן, „ווי וועוויערקעס פון בוים צו בוים, פון צווייג צו צווייג". די דיכטערין נעמט אָן דעם לייענער ביי דער האַנט, רוקט פאַנאַנדער פאַר אים אַ פאָרהאַנג און ווייזט: דאָרטן איז עס. קוק אַרויס און זע מיט דיינע אייגענע אויגן די ווונדער פון יצירה, פון פאַרוואַנדלונג, פון שפּירן דאָס אויסערגעוויינלעכע, און דאָס פּאַטעטישע אין טאָגטעגלעכער רוטין.

רחל קאָרן איז די מאָלערין פון דאָרפישן פּייזאַזש, צו וועלכן זי איז צוגעבונדן מיט אינטימיטעט פון לירישער אידענטיפיצירונג. דער מאָטיוו פון אירע לידער איז נישט קיין פּאַסטאָראַל־אידילישער, הגם אין אירע נאַטורלידער זענען פאַראַן אידילישע שילדערונגען מיט חן און לייכטקייט, מיט געפיל־ און געמיט־ווערטער, וואָס שפּיגלען זיך אין די פאַרבן פון קאָסמאָס און מיניען זיך אין זונליכט.

די דיכטערין האָט אין אַ ריי לידער איבערגעזעצט דאָס העראָגליפישע לשון פון דער נאַטור. סוגעסטיוו איז איר פּאָעמע „ערב רעגן", וואָס פאַרמאָגט אַזאַ ספּעציפישן קאָלאָריט מיט פיינע אַלוזיעס, און אַזאַ נאַטירלעכן פּולס פון די פערזן.

„כמאָרעס ווי העראָגליפן / האָבן זיך געבונדן אין טונקעלע שורות / און געוואָלט פאַרטייטשן דעם ווילן פון הימל / דער הייסער, דורשטיקער ערד". אין דער פּאָעמע שושקען זיך דיביימער וועגן דער טריקעניש. דער דעמב מרוטשעט אַ בייזער און די בערעזע, ווייכהאַרציק און מילד פּרוּווט איינגעמען אים, שעפּטשענדיק שטיל — „דו ביסט גרויס, דו ביסט שטאַרק, / און ס׳קענען אַפילו חדשים פון דורשט / נישט שוועכן דיין שטאַם, / אָבער זע — אין קרייז פון דיין וואָרצל־געפלעכט, / וואָס זויגט אויס דעם מאַרך פון דער ערד, / ווערט פאַרשרפהט, פאַרטריקנט יעדע פלאַנץ, יעדע בלום / און ס׳איז קורץ זייער לעבן, / בלויז גע־מאָסטן מיט טעג".

רחל קאָרן האָט אַ גוט געהער פאַר דעם געשעפּטש פון אירע גרינע פריינד אין וואַלד. זי רעדט נישט אין זייער נאָמען, נאָר לאָזט יעדן פון אירעביימער־חברים זיך אויסרעדן מיט זיין אייגן קול, פון וועלכן זי מייסטערט אויס אַ ליד. זי פילט זיך אין דער היים ווען זי באַזינגט בוים און פעלד. זי איז פאַרשוועסטערט מיט דער זאַפט, מיט די בלי־עכצן, מיט וואָרצלען און צווייגן פון הונדערטער ביימער. די דיכטערין האָט דער־שפּירט, נישט נאָר די וועלטן, וואָס ליגן אין אונדזער מענטשלעך בלוט,

נאָר אויך אין די בעלי־חיים און דומם מיט זייער פרייד און אומעט, צו מאָל אַ שטילער הייליקער אומעט, וואָס הילט זיי איין ווי אַ פּרוכתל. און גאווה, זעט זי, איז נישט נאָר דאָ ביים מענטש, נאָר אויך ביים דעמב, וועלכער „האָט געהויבן די צווייגן מיט גאווה, / ווי ער וואָלט זיך גע־עדותט מיט הימל און זון. / וועט וויאַנען אַ גראָז, צי אַ בלום / וועט קיינעם נישט אַרן אַפילו, / וואָס זענען דען זיי? מיסט, / מיסט וואָס מאַכט פעטער די ערד, / פאַר מיר און מיין גאַנצן געשלעכט”.

אין דער פּאָעמע רופן זיך איבער פּרעכטיקע, פּאָעטישע שורות מיט פּשטות. צוזאַמען גייען זיי געאָרעמט מיט זון און ליכט. אויב אין געוויסע לידער פון איר ערשטע פּעריאָד זינדיקט צו אַ ביסל די דיכטערין מיט איבערגעלאָדנקייט פון פאַרגלייכונגען, איז עס נישט קענטיק אין אַזעלכע לידער ווי „ערב פרילינג”, ווו דאָס פּשוטע, אוממיטלבאַרע איז אַרומגענו־מען מיט פּאָעטישער פיינעזיע, ריטמיק, בילדלעכקייט און אַנוווּנק. אָט גיט די דיכטערין אין עטלעכע שורות די לעבעדיקע אַטמאָספער אין וואַלד ביים אָנקום פון רעגן, וואָס איז געקומען אין באַגלייטונג פון דונערן און בליצן און „שמועסן זיך דורך צוויי הויכע, שווערע בערג / מיט ברו־מענדיקן ווידערקול פון דונערן / וואָס קוילערן זיך קרעכצנדיק און טעמפּ, / העי, ברודער, שוין באַלד? — / און אַלס ענטפער אַ בליץ און אַ קנאַל און אַ טראַסק, / און ס'ליגט שוין אויף צווייען צעשפּאָלטן / דער העכסטער, דער שטאָלצסטער, / דער דעמב”. („ערב רעגן”).

די פיינע אַלוזיעס, אַלגעמיין־מענטשלעכע און סאָציאַלע, וועלכע מיר טרעפן אין אירע לידער־לאַנדשאַפטן און נאַטור־פּייזאַשן, זענען דורכגע־דרונגען מיט כאַראַקטער־שטימונג און מיט שעפערישער שפּירונג — זיי פאַרמאָגן אַ באַצווינגענדיקן כוח! רחל קאָרן איז אַ דייטלעכע דיכטערישע פערזענלעכקייט, אירע שאַפונגען זענען נישט פאַרנעפּלט, אָבער עס איז אַ כלל גדול אין פּאָעזיע, אַז צו פיל קלאָרקייט אין ליד, אָן אַ שמץ נעפּל איז ווי דער קערפּער אויף אַ צו שטאַרקער זון. היט זי זיך טאַקע פאַר צו פיל אָפנקייט, אָבער אויך פאַר צו פיל נעפּל, אָן זון און אָן ליכט.

דער סאָציאַלער מאָטיוו, אין פאַרשידענע וואַריאַציעס, פאַרנעמט אַן אויבערשטן אָרט אין רחל קאָרנס דערציילונגען און לידער. אָנהייבנדיק פון אירע ערשטע ביכער־לידער „דאָרף” (1928), „רויטער מאָן” (1937), אין אירע דערציילונגען „ערד” (1936), ביז די נאָך־מלחמהדיקע לידער־ביכער „היים און היימלאָזיקייט” (1948), „באַשערטקייט” (1949) און

אַנדערע — אין די אַלע שאַפונגען רייסט זיך דער לירישער דיכטערין אַרויס דער הומאַניסטישער רוף נאָך גערעכטיקייט פאַר די אַלע באַעוולטע, ייד און קריסט, מיטן אַקצענט אויף דער דאָרפישער אָרעמקייט. אָן באַפּו־צונגען, אין פּראָזאַישע דירעקטע שורות שילדערט זי דעם דאָרפסמענטש, זיין דחקות און טרויער, וואָס אַסאָציִירט זיך מיט דעם טרויער און אומעט פון חשוון־חודש אין דער אַלטער היים. דער חשוון־מאָטיוו קומט ביי דער דיכטערין צום אויסדרוק אין דערציילונג, ווי אינעם ליד. כ'וועל דאָ נאָר דערמאָנען אַ פּאָר קעפּלעך פון לידער: „אַ שטוב אין חשוונדיקן ווינט", „ינקלס חשוון", „חשוון".

רחל קאָרן האָט מיטגעלעבט פּאָליטיש און פּאָעטיש מיטן אַרבעטס־מענטש, מיט זיין קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר. זי איז דערפאַר — צוליב אירע פּאָליטישע איבערצייגונגען, גלויבנדיק אין דעם מזרח־משיח — געזעסן אין אַ פּוילישער תּפיסה ערב אָן ערשטן מאַי (1937). אין אירע לירישע און עפּישע שילדערונגען פון האַנקע די הייבאַם, פון יאַנקלען דעם היטער, פון דעם הונגער „אי פאַר הרינקען, דעם ערדלאָזן פּויער / אי פאַר בערלען דעם אָרעמען ייד" — איבער אירע סאָציאַלע מאָטיוון פּלאַטערט אַ פאָן פון עטישן און קינסטלערישן הומאַניזם. די דיכטערין גלויבט אין באַנייונג און פאַרברידערונג צווישן דעם שכן איוואַן און בערלען דעם אָרעמען ייד, ביידע זיי פירן „צו אַ נייעם געמיינזאַמען פּאַרט".

✶

בעת און נאָכן גרויסן חורבן האָט רחל קאָרן דורכגעמאַכט אַן אידעאָ־לאָגישע איבערראַשונג, דורכלעבנדיק אין טיפן צער די יסורים פון איר פאָלק, און פון אירע פערזענלעכע, טראַגישע וואָגלענישן און היימלאָזיקייט אין די ווייטע וויסטענישן.

נאָר אַן איבעררייס פון קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר, האָב איך איצט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט רחל קאָרנס „היים און היימלאָזיקייט", כדי זיך אַליין איבערצייגן, צי היינט, ביים דורכלייענען אירע לידער, וועל איך ווי־דער דערשפּירן דעם פּאָעטישן צויבער, די אַטמאָספער און שטימונג, וואָס כ'האָב דורכגעלעבט ביים לייענען עס צום ערשטן מאָל.

עס האָט שוין נישט איין מאָל געטראָפן, אַז וואָס ס'געפעלט אין אַ פריִער צייט און מען טראַכט, אַז עס איז גוט, ווען מען קוקט אויף דעם שפּעטער

מיט אַ מער קריטישן אויג, זעט מען, אַז ס'איז נישט אַזוי פויגלדיק, ווי מען האָט דאָן געמיינט. אָבער אין דעם פאַל האָב איך זיך לגמרי נישט אַנטוישט. דערפאַר האָב איך אויך ציטירט פונעם אויבן דערמאָנטן לידערבוך צו באַווייזן די שיינקייט און וואָרצלדיקייט, שטימונג און סוגעסטיע, וואָס כ'האָב איצט נאָך אַ מאָל געפונען אין אירע לידער. גוטע ווערק דאַרפן נאָך אַ מאָל געלייענט ווערן, נישט בלויז צוליבן פאַרגעסן, נאָר דער עיקר, וואָס אַן עכט ווערק איז נישט קיין סטאַטישע זאַך, נאָר אַ וואַקסנדיק, לע־בעדיק וועזן. לאָמיר עס קלאָר מאַכן מיט אַזאַ ביישפּיל: פונקט ווי אַ קערנדל, וואָס איז באַפרוכפּערט געוואָרן אין באָדן, האָט עס נישט בלויז אַליין באַווירקט און געשטאַלטיקט דעם נאָכוווקס, אויך דער באָדן, זיינע מינע־ראַלן און זאַפטן זענען שותפים צו דער אויספורעמונג, אַזוי איז אויך דעם לייענערס נשמה לגבי אַ קונסטווערק. דער געמיט און די פאַנטאַזיע פון געניסער גיבן זייער מיטהילף און צושטייער אין דער אויסווירקונג פון באַפרוכפּערנדיק ווערק. קונסט פאַרמאָגט אין זיך אָט דעם באַצווינגענדיקן כוח פון קאָאָפּעראַציע.

אָט שוועבט פאַר מיינע אויגן רחל קאָרנס ערדישע גליקלעכקייט און אידילישער איינגלויבן בעת איר היים איז אַ היים געווען. פון אירע לידער האָט דאָן אַרויסגעזונגען גאָטס באַשאַף און בלי, ביז ס'איז געשען דאָס, וואָס עס איז געשען, און רחל קאָרן האָט געוואָגלט אין רוסלאַנד „טויזנטער מיילן איבער טרייסטלאָזער ערד", געטראָטן איבער וועגן, וואָס האָבן מיט פייער געגליט און וואַנדערנדיק צווישן נעפּלען, שריפה און רויב, פרעגט זיך די דיכטערין:

„זאָג, יורקע, אפשר איז דאָס אַלץ געווען בלויז אַ ליגן, / מיין וואָגלען און מיין זוכן און מיין פרעגן, / און מיין לעבן אַ גרויסער טעות פון אַלף ביז דער תו, / און כ'האָב די גאַנצע צייט אומזיסט גע־וואַרט, / ווייל דו האָסט קיין מאָל נישט געקענט דעם סוף?" („אונדזער אַלטער יורקע").

איר ציקל לידער פון היימלאָזיקייט אָטעמט מיט דער טראַגיק פון אונדזער דור, איכהדיק אויסגעזונגען פון אַ דיכטעריש חורבנדיקן געמיט. וואָגלענדיק איבער דער ערד, וואָס איז אַזוי גרויזאַם רויט, אין דער קיביטקע

פון ליים מיט הפקר און טרויער, ווערט זי אַרומגענומען מיט אַריינגעוויינטער איינזאַמקייט, אין דעם נע־ונד און חשד אויף יעדער פּרעמדער שוועל מיט די לעצטע צעריסענע שיך אויף די פיס, ווען די ערד קלעפּט אַרום אירע אירע פיס — „אויף מיינע שיך פון באַשקירן דאָס ליים, / פון קאַראַקום־מדבר דער גלי־הייסער זאַמד, / בלאָטע פון רוסישע דערפער און שטעט". די פאַרוואַגלטע דיכטערין אויף דער אומהיימלעכער ערד ראַנגלט זיך איבערצווויינדן פאַרצווייפלונג מיט נאָסטאַלגישע לידער צו דער מאַמעס שטוב, צו דער סטעזשקע פון איר קינדהייט און זי זאָגט צו דער מאַמען: „איך ווייס שוין, אַז פון אַלע רייזעס צו דעם גליק, / דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו ערשטער קינדער־טרער, / ווי צו אַן אייגענער שוועל, דאָרט ערגעץ צווישן חורבות / וואָס וואָרט נאָך אַלץ געטריי, ווען ס'וואָרט שוין קיינער מער...".

אין דער מדברדיקער גלוט, ווען זי זעט אַ פּרוי רייטן אויף אַ קעמל, אַסאָציירט עס זיך מיט דעם קעמלגאַנג פון די אַלטע תנ"ך־בלעטער, און זי דערמאָנט זיך: „געגאַנגען איז אַזוי אַ מאָל די דינסט הגר... — און איך גיי דאָ די לעצטע פון אַ דור, / וואָס אויפגעמאָנט האָט ביי דער וועלט זיין חלק / פון הימל און פון ערד — פון הימל, וואָס צעאַקערט / די באַבעס מיט די תפילות זייערע פרום און הייליק". (ביים מדברס ראַנד).

די בלעטער פון אַלטן חומש האָבן אויפגעלעבט אין געמיט פון דער דיכטערין דורך פאַרגלייכונגען און מחשבות פון איר לעבנס־דערפאַרונג. דורך האַלבע און פערטלדיקע טענער פון אירע דורכגעפייניקטע געפילן, אין דעם מאָמענט ווען „יעדער טרער האָט איר זיווג פאַרגרייט" קומט אַריין צו דער לעבעדיקער רחל דער אימאַזש פון דער חומשדיקער רחל, וועמענס נאָמען זי טראָגט.

איך האָב אויף ס'ניי, איצט, עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דאָס ליד „רחל", וואָס פאַרמאָגט אַזאַ זיס־ביטערע, עמאָציאָנעלע, לירישע אידענטיפיצירונג מיט דער דיכטערין, דורך דינע פאַרגלייכונגען און שפּירונגען, באַגלייט מיט איר מאַמעס תפילה־ניגון וועגן יעקבס וואָרטנדיקע יאָרן און רחלס טרויער — „כ'האָב זיך פאַרשעמט, ווי איך וואָלט אַליין געשטאַנען דאָרט / אין גליענדיקער היץ פון יעקבס יונגע אויגן, / און ווי ס'וואָלט צו דעם ברונעם אונטער שווערן שטיין / מיין אייגן גורל די פאַרשמאַכטע ליפּן צוגעבויגן".

די לעבעדיקע רחל פילט צו דער ביבלישער, אַז „עס האָט איין גורל אונדז געזויגן" — „נאָר פאַר וואָס־זשע הייסט דער פאַסטעך פון מיין טאַטנס שאָף / נישט יעקב, נאָר איוואַן און פון זיין גאַרטל בליצט אַפיר די האַק, / און ס׳ליגט שוין אין זיין בוזעם אָנגעגרייט פאַר מיין מאַמעס שבת־קלייד אַ זאַק ?".

עס וואָלט זיך געוואָלט אַ סך ציטירן פון דעם און פון פיל אַנדערע לידער, אוממיטלבאַרע שאַפונגען פון אירע קינסטלעריש־סובלימירטע פער־זענלעכע דורכלעבונגען, פון פּאָעטיש ערלעכע שורות, וואָס פאַרכאַפּן מיט זייער שיינקייט, ווי: „די בלאָע אויגן פונעם קינד, וואָס ווילן אויסטרינקען די גאַנצע וועלט מיט איין־איינציקן שלונג...", אָדער „ווען ס׳וועט אויפגיין פון טאָל דער שטילסטער פאַרנאַכט מיט שאָטנס ווי ווייזערס, וואָס שטעלן זיך אָפּ אויפן סאַמע האַרץ פון דער וועלט...".

*

ביים לייענען קומט אויפן געדאַנק פרץ מאַרקישעס זאָג: „ס׳איז מיין האַרץ אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין און מיט אַ קלאַנג פון בראַך אויף שטיקער זיך צעשפּליטערט...".

רחל קאָרן האָט די שפּליטערן פון איר צעבראָכן חורבן־געמיט צונויפ־גענומען אונטער טאָוולען און זיי מצרף געווען מיט דער מוזיק און מע־לאָדישקייט פון אירע בילדערישע, היימישע נאַטור־שילדערונגען מיט זייער אייגנאַרטיקן קינסטלערישן קאָלאָריט, פאַרבן און קלאַנגען („יעדער קלאַנג וואָס וויל געפינען זיין היים"). דער שר פון דיכטונג איז ווירקלעך געווען זייער לייטזעליק צו דער עפּיש־לירישער דיכטערין, רחל קאָרן.

רחל קאָרנס די גנאָד פון לירישן וואָרט *)

שוואַכע שרייבער דאַווגען שטענדיק מיטן מנין,
אָריגינעלע דיכטער דאַווגען „פאַר זיך".
(ישראל שטערן)

דער צענטראַלער מאָטיוו פון רחל קאָרנס לעצטן לידערבוך („די גנאָד פון וואָרט"), איז נישט נאָר דער טרויער, וואָס האָט איינגעהילט דעם יידישן דיכטער נאָכן חורבן, נאָר אויך די איינזאַמקייט, „וואָס מדברט אַרום יידישע פּאָעטן" אין אונדזערע טעג.

באַלד אין אַריינפיר־ליד האָט די דיכטערין מיט אומעט אַ זינג געטאָן: „עס איז מיין וואָרט אַזוי איינזאַם". עס איז אויך מיד פון די אַלע וואַגלענישן און פאַרראַטענע טרוימען, וואָס זענען אַזוי פאַרשוועכט געוואָרן אין אונדזערע, סדומדיקע צייטן.

איינזאַמקייט און אַליינקייט זענען אייגן דיכטער פון אַלע צייטן. עס האָט טווּוים אַ מאָל געזאָגט, אַז יעדער פּאָעט לעבט אין אַ געטאָ. דאָס האָט ער געמיינט נישט אינעם זין פון אָפּזונדערן זיך פון מענטשן און פראַוועט פּאָעטישע התבודדות אין אַן איזאָלירטן ווינקל. דיכטער שאַפן דאָך פערזן פון אַליינקייט, ווען זיי זענען אין גאַס מיט נאָך מענטשן, ווען זיי דערפילן זיך איינזאַם בציבור. איז דאָך לירישע פּאָעזיע בעצם אַ מין טאָגבוך געשריבן אין דיכטערישער איינזאַמקייט, פון סוביעקטיווע לירישע איבערלעבונגען, באַגלייט מיט אַ ריטמיש־מוזיקאַלישער אויספאַרעמונג.

אָבער פיל טיפער איז די איינזאַמקייט פון אַ יידישן דיכטער אין אונדזערע טעג, צוליב גוט־באַוווסטע סיבות (וואָס מיר דאַרפן דאָ נישט איבערחזרן), ווען זיין ליריש וואָרט איז פול „מיט נאָך נישט אויסגעוויינטע טרערן". עס באַלאַגערן דער דיכטערין זעונגען, אימאַזשן און געפיל־פאַרבינדונגען פון פאַרברענטן נעכטן אין יענעם יידישלאַנד, ווי אין איר ליד געווידמעט יעקב גלאַטשטיינען:

---

* רחל ה. קאָרן „די גנאָד פון וואָרט", פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1968.

װוּהין יאָש איז געפֿאָרן מיט יאָרן צוריק
זוכן זײַנע שטראַלנדיקע ייִדן
אין שטעט און אין שטעטלעך
אויף מערק און יאַרידן.

און נאָך דעם איז געשען, דאָס, וואָס איז געשען מיט די שטראַלנדיקע ייִדן און זײערע הײמען — די דיכטערין ציט אַרויס פֿון איר זכרון און געמיט אײן זעונג נאָך דער אַנדערער, ווען זי האָט זיך אומגעקערט נאָכן חורבן אין פֿאַרברענטן ייִדיש־פּוילן, געזען, ווי:

עס װוּנדיקט דאָס האַלץ בײַ ייִדישע טירן
מיט אָפֿענע ריסן
נאָך מזוזות,
וואָס ס׳האָט דעם שכנס האַנט אַראָפּגעריסן. (ז׳ 49).

אין דעם בוך האָט רחל קאָרן אויך אַרײַנגענומען „צו מײַן טאָכטער", אַ ליד פֿון איר בוך „היים און היימלאָזיקייט". עס איז אײנע פֿון אירע לידער, וואָס זענען געזאַלבט מיט דער קראַפֿט פֿון פּאָעזיע אַרויסצורופֿן אין אונדז די אויטענטישע איבערלעבונג און עס דוכט זיך מיר, אַז בײַם שרײַבן אָט די לידער פֿון טרויער און פּײַן, איז דער דיכטערין אַרויפֿגעשוווּמען די פֿראַגע, וואָס דער רוסישער פּאָעט טיוטשעוו האָט זיך געפֿרעגט: „ווי אַזוי קען אַ האַרץ זיך אויסדריקן? ווער אַן אַנדערער פֿאַרשטיין? ווער ער פֿאַרשטײן מיט וואָס דו האָסט געלעבט?".

די דיכטערין דערציילט, ווי זי האָט געפֿירט איר טאָכטער פֿון לאַנד, וווּ אונטער יעדן שריט האָט די צעריסענע ערד געשפּריצט „מיט בלוט, מיט שרעק, מיט גרויל" — — — און „ס׳בענטשט איר קינד אַ מאַמע מיט אַ שאַרפֿער קויל". אונטערן ליד איז דאָ אַ דאַטע, 1944...

ליריש־תּפֿילהדיק, ווי דאָס געבעט פֿון אונדזערע מאַמעס בײַם ליכט־צינדן, זענען אַזעלכע שורות:

איך האָב דײַן יוגנט אַנפֿאַרטרויט אַ מזלדיקן שטערן,
ווי ס׳האָט מײַן מאַמע אַנפֿאַרטרויט איר גאָט די שטילע תּפֿילה,
ווי ס׳האָט מײַן באָבע אַנפֿאַרטרויט איר האָר די הייסע טרערן.

דער גענויסער פון גוטער פּאָעזיע וועט זיכער באַמערקן, אַז אין רחל קאָרנס לידער און פּערזן איז נישטאָ דער קלישירטער אויסדרוק, וואָס האָט זיך פון דער פּובליציסטיק אַזוי לייכט אַריינגעגליטשט אין די חורבן־לידער פון אַזעלכע שרייבער, אויף וועלכע שטערן האָט געזאָגט, אַז זיי „דאַוונען מיטן מנין״.

רחל קאָרן געהערט צו די געציילטע דיכטער ביי אונדז, וואָס דאַוונען „פאַר זיך״ אין אַלע אירע לידער. זיי האָבן אין זיך דעם כּוח צו פאַר־וואַנדלען פּשוטע לעבנס־אמתן אין עכטער דיכטונג. אַפילו די פּשוטע ווערטער, וואָס מיר נוצן טאָגטעגלעך, באַקומען דורך זייער פּען, סורפּריז־אייגנשאַפטן פון אַ רוח חיים און אַן אויפפלאַם־ליכט, וואָס גיט אַ פּלוצעמ־דיקן אַריינבליק פאַרן אויג און אַ לעבעדיקע וויברירונג אין אונדזער געמיט.

עס זענען פאַראַן לידער, ליטעראַריש־טעכנישע און פּאָעטיש־קינסטלע־רישע. דער בעסערער לייענער וועט לייכט דערקענען, צו וועלכער קאַטע־גאָריע עס געהערט אַזאַ ליד פון רחל קאָרן:

…די גרענעץ צו די נעכטנס איז פאַרמעקט מיט אַש,
דער וועג צום מאָרגן געווירעט איז דורך טרערן;
ס׳האָט מיך באַשערטקייט איינגעאַדערט אין אַ וואָר,
וואָס האָט פאַרזעצט דעם הימל און די שטערן
פאַר אַ שיבוש ביי אַ צייט, וואָס שרפהט, סדומט אַריין
אין טעג און נעכט איר הפקרדיק געלעכטער,
און שיכורט אַן מיט שקר יעדע שעה,
זי זאָל נישט וויסן ווער ס׳איז קרבן, ווער דער שעכטער. (ז׳ 26)

דער אַש פון אונדזערע פאַרברענטע נעכטנס ווערט אָפּגעווישט דורך אונדזער ציינישער צייט מיט איר פאַרשייטן „הפקרדיק געלעכטער״. וואָס „שיכורט אַן מיט שקר יעדע שעה...״ — אָט דער אימאַזש פון אונדזער וואָרט אין די הייניטיקע טעג איז דאָ פּלאַסטיש אויסגעדריקט מיט אָריגינעלע קינסטלערישע פאַרבן און מיט דעם לעבעדיקן צאַפּל פון אַקטואַליטעט.

„די גנאָד פון וואָרט״ איז איינגעטיילט איר דריי ציקלען: „נשמה־לאַנדשאַפטן״, „צעאַקערטע וועגן״ און „בלאָע נעפּלען איבער בערג גלילער״. איך האָב אָנגערירט עפּעס פון אירע נשמה־לאַנדשאַפטן, געזאַלבט מיט טרויער. פון צווייטן ציקל לידער ווייעט דער אומעט פון האַרבסט, פון

זיינע פאַלנדיקע בלעטער, וואָס פליִען אַוועק מיטן ווינט. דער אומעט איז אויך פאַרזיגלט אין איר ליד „פרילינג", ווען דאָס יונגעביימל האָט נישט געלערנט פון קהלת, „און ווייסט נישט, אַז צווישן די צווייגן / אַ טרויער גייט אויף — און פאַרגייט". דער ציקל שליסט זיך מיט אַ ליד „מאָדערנע מאַלעריי", וואָס פאַרמאָגט שאַרף־סוגעסטיווע אויסדרוקספולקייט פון דער מאָדערנער קונסט. דער דיכטערין איז געלונגען צו שאַפן אַזאַ לעבעדיקן אימאַזש פון דער אַבסטראַקטער מאַלעריי, און אַזאַ ליד בעט זיך, מען זאָל עס ציטירן אין גאַנצן:

די פאַרבן שרייען מיט דער שרעק פון אונדזער צייט,
ווי עס וואָלט געשונדן וואָער פון זיי די הויט —
די פייערדיקע רעדער — פורפור, אָראַנזש, רויט,
דרייען זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד
אַרום אַ ליימענעם, פאַרשטאַרטן גאָט.

ביי דער פיגור צונויפגעשטעלט פון פיל־קאָלירטע פלעקן
לאַכט
דאָס איינע גרינע, שיקלדיק אויג
און זוכט די נאַכט
אויף צו פאַרדעקן
אַלע פּחדים, שרעקן
פון אַ צעפּערטלטן,
געשענדטן גוף.

דער דרייעק פון די ליפּן
אָנגעשפּיצט ביים רוף
וואָרנט דעם גוף
ער זאָל זיך נישט באַקענען מער
צו דעם באַשעפער,
נאָר אין אַ ביטערן רעוואָלט
צעשטערן אַלץ,
וואָס קען דערמאָנען אים
אַן צלם אלהים.

הערצער פון מאַשינען קלאַפּן אויס נצחון,
אַז דער מענטש,
די ערד,
די קברים
זאָלן הערן.
אויף יעקבס לייטער
פון ערדישן טאָל
צום אויסגעשטערנטן חלום
קלעטערט אַ גולם פון שטאָל
אויף צו קעפּן דעם טרוים, די לבנה, די שטערן. (ז״ז 72—73)

„ דאָס איז דיכטערישע אינטערפּרעטאַציע אין אַ לעבעדיקער וויבריי־רונג; די שאַרפקייט פון דער שפּירונג אין די שרייענדיקע פאַרבן; די מאָראַלישע סענסיביליטעט, אַדורכגעדרונגען מיט דיכטערישער העלזעע־רישקייט פון אַ קאַפקאַישן געשפּענסט, וועלכער גייט אַלץ צושטערן, „וואָס קען דערמאָנען אים אַן צלם אלהים".

✶

די ווערטן פון פּאָעזיע קומען צום אויסדרוק אין דער ריכטיקער באַ־העפטונג צווישן „וואָס" און „ווי אַזוי". איר אינטערפּרעטירנדיקער כוח ביים באַהאַנדלען זאַכן, דערשיינונגען, וואָס וועקן אויף ביי אונדז אַן אינטימערן קאָנטאַקט מיט זייער נאַטור — אין דעם ליגט דער מיסטער־יעזער כוח פון קינסטלערישער פּאָעזיע.

פאַראַן פּאָעטן, וואָס שאַפן זיך אַ גלאַנץ פון שיינקייט דורך דעם ליִרישן באַנוץ פון וואָרט, צו ראַטעווען זיך פון דעפּרעסיע. טאָמאַס האַרדי איז פון דער נאַטור געווען אַ פּעסימיסט און פאַטאַליסט. ער האָט תמיד געטראַכט וועגן טויט, אָבער ער האָט פון אים זיך נישט געלאָזט צעשטערן די פרייד פון לעבן.

וועגן ראָבערט לויס סטיוועסאָן דערציילט טשעסטערטאָן, אַז ער האָט נישט דערלאָזט זיינע מאַנוסקריפּטן זאָלן האָבן דעם ריח פון זיינע מעדי־צינען. ווען דער לייענער פון זיינע ראָמאַנען האָט געלאַכט, האָט ער נישט געוווּסט, אַז דאָס האָט געשריבן אַ מענטש, וואָס האָט ביים הוסטן אויס־

געשפיגן זיינע לונגען. בדרך כלל פאַרמאָגט פּאָעזיע דעם כוח פון פער־זענלעכער היילקראַפט פאַרן דיכטער.

צי איז דאָס אויך אַ היילנדיקער כוח פאַר אונדזערע יידישע חורבן־דיכטער? דער טרויער, וואָס פילט אָן רחל קאָרנס לידערבוך, קומט דאָך נישט נאָר פון אירע פּערזענלעכע איבערלעבונגען („אַלע טרויערן האָבן זיך פאַראַנקערט ביי מיין שוועל"), נאָר אויך פונעם אַש פון איר פאָלק, פון וועלכן „אַזוי פיל טרויער וואָרט נאָך אַלץ אויף באַשייד". און מיט וויפל צער זענען אַרומגענומען אַזעלכע פיר קורצע שורות פון אַ יידישער דיכטערין:

ס'איז פול מיט טרויער מיין צימער,
ווי מיט גאַרבן דאָס פעלד נאָכן שניט.
ווער וועט זיי אַרבן, פאַרשווינען
דאָס בוך און דאָס בילד און דאָס ליד?

אָט דער טרויער פון איינזאַמקייט און פון פאַרגיין שאַפט די איינהייט־לעכקייט אין דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די מאָטיוון אין דעם לידערבוך. איר שעפעריש לעבן, איר דיכטעריש וואָרט, וואָס האָט איר אַ מאָל מיט פרילינג פאַרקנסט, שפּירט איצט, ווי נאָך אַ שטורמישן, הויכן פלי, אַז עס זענען שוין די פאַרמאַטערטע פליגלען געווענדעט צו דער ערד „ווייל כ'ווער אַלץ איינזאַמער און מידער".

די אינטימע ליריק פון דער דיכטערין, אירע זעונגען, בילד־רעפלעקסן און רעיון־אַסאָציאַציעס — דער דיסקרעטער השתפכות־הנפש לאָזן נישט איבער דעם מינדסטן ספק, אַז זי און איר לידערבוך זענען איינס און דאָס זעלבע. נישטאָ דאָרט קיין פאַלשער טאָן און קלאַנג פון שקר. עס איז די שטים פון „ממעמקים קראתיך".

✶

אָנגעהויבן מיט נשמה־לאַנדשאַפטן, פאַרענדיקט זיך דאָס בוך מיט ישראל־לאַנדשאַפטן און אירע „בלאָע נעפלען איבער בערג גלילער". די דיכטערין באַזינגט די בערג מיט זייער בלאָער שטילקייט „פון נישט־היי". אַ פאַרנאַכט ביים גלבוע־באַרג, אָדער אין שאָטן פון צעבליטע פרילינגדיקע סעדער ביי דגניה און עין־שמר, דערמאָנט איר אין איר קינדהייט אין דאָרף, ווו „מיין טאַטע האָט געפרווווט פאַר מיר דעם גלות אויסבאַהאַלטן / אונטער סעדער בליענדיקע, לאַנקעס גרינע".

איבער אַט די לידער שוועבט אַ פּאַסטאָראַלע לופט אַרום די ערשטע בליטן פון די גערטנער, פון שמעקעדיקן, יונגן פרישן גראָז פאַרשיכורט מיט ערב־פרילינג־פרייד. די דיכטערין מאָלט די ישראל־לאַנדשאַפט מיט דינינקע פאַרבן, באַגלייט מיט אַ בענקשאַפט־ניגון, „וואָס גייט אויף אין אַ שטילער שעה ערב פאַר נאַכט". מיט צאַרטע טענער באַזינגט זי די בויער פונעם אַלטניילאַנד און זוכט די תפילה, וואָס זאָל קענען אַרומנעמען:

...די ווייסע קעפּ און האַרט־געוואָרענע הענט,
וואָס האָבן דאָ געשומרט און געטריקנט זומפּן,
און אַליין געווען אי דאָך, אי טיר, אי ווענט.

די דיכטערין איז דאָ דער סטענאָגראַפיסט פון נייע זמרים, ניגונים און קלאַנגען, וואָס בעטן מען זאָל זיי מאָלן מיט זייערע אייגענע פאַרבן און צופּאַסן צו זייער ניגון די ריכטיקע ווערטער. האָט דער שר פון פּאָעזיע געבענטשט די דיכטערין מיטן גנאָד פון וואָרט, וואָס הייבט זיך אַרויף ווי אַ כוואַליע און לאָזט זיך אַראָפּ, לויט דער שטימונג פון געמיט.

די אַלטע תנ"ך־לאַנדשאַפט, די לבנה־ליכט אויף דעם כנרת און דאָס צופאַלן פון דער נאַכט צו די כרמל־בערג, ווי דאָס גאַנצע לאַנד, „אין דיין פרישבאַנייטער טראַכט" — ליכטיקט אַריין אין אירע לידער און וועקן אויף אַסאָציאַציעס. באַשטראַלטע מיט זונישיין פון די קינדער־יאָרן; אָבער אויך פון דער פלאַקערדיקער היים, „פון טרעבלינקעס אַש און פון מיין מאַמעס טרערן".

✶

פאַראַן אין בוך לידער און שורות, וואָס נאָר אַ פרוי האָט אַזוי געקענט שרייבן, מיט אַזוי פיל צאַרטקייט און סובטעלע דינקייטן, וואָס פלאַטערן אַרום די ליפּן, און

די פאַרטראַכטע הענט פון דער פרוי
צעפלעכטן די נעכטיקע טעג,
וואָס שמעקן מיט בענקשאַפט,
ווי פיאַלקעס מיט פרילינג
ביים ראַנד פון אַ וואַלדיקן שטעג.

ישראל שטערן — אַ „סוד צווישן סודות״

ער האָט געזוכט צו דערגרונטעוועז זיך צום סאַמע דנאָ פונעם מענטש און ווי אַ דיכטער איז ער אַרומגעגאַנגען מיטן בלוטיקן פּרעגצייכן אויף די ליפּן.

די דיכטונג קומט סטיכיש פון דער נשמה דורך התגלות. עס קומט, לויט ישראל שטערנס אַ באַצייכענונג, „מיט דימענט־שאַרפע בליקן, דורך וועלכע עס ווערן אין די שויבן פון דערשיינונגען לעכער און וווּנדן״. די דיכטונג נייטיקט זיך, פּונקט ווי רעליגיע און ליבע, אין דעם עלעמענט פון מיסטעריע. ווער עס פּרוּווט צו פּרעציזירן דעם מיסטעריעזן עלעמענט, זוכנדיק ווערטערלעך צו דעפינירן די נשמה פון דיכטונג — איר טיפערן מהות — הערט פאַר אים די דיכטונג אויף צו עקזיסטירן.

ישראל שטערן האָט אין דיכטונג געשפּירט מער רמז ווי פּשט. ווייל אויב מיר וואָלטן טאַקע גרינטלעך פאַרשטאַנען און געוווּסט דער סוד ווי אַזוי און פאַר וואָס, וואָלט עס נישט ווערט געווען צו שרייבן און לייענען. דעריבער איז דיכטונג אַ געוויסער טראַנסצושטאַנד פון פּאָעטישער געניט־שאַפט, וואָס לעכצט דורך דער פאַרמיטלונג פון וואָרט און באַשטימטע צייכנס פון דער פיזישער וועלט אַרויפצוציִען אַ ניי לעבן אויף אַן אַלטס, צו שאַפן אַ נייע וועלט, וואָס קען נישט געזען ווערן דורך אַנדערע ביז עס באַקומט נישט אַ קינסטלערישע געשטאַלטיקונג.

גרויסקייט און קונסט איז אומדענקלעך אָן ריזיקע, אָן קרבנות פון דער נשמה. דער פראַנצויזישער פּאָעט מאַלאַרמע האָט באַטאָנט, אַז דער פּאָעט דאַרף עטלעכע מאָל שטאַרבן, כדי געבוירן צו ווערן. עס איז אָבער מער טראַגיש ווען דער פּאָעט שטאַרבט נישט עטלעכע מאָל, נאָר שטאַרבט מיט אַ טויזנט קליינע טויטן. דאָס האָט דורכגעלעבט ישראל שטערן אין זיינע אַליין־פּייניקונגען, אין זיין אומפּשרהדיקן פּראָטעסט קעגן אַלץ און אַלע־מען; אין זיין צאָרן צו טראָגן די לאַסט פון מענטש־זיין, „ווייטיקן מיט אַלע און אומגליקלעך זיין דורך דעם געוויין פון אַלע״.

ער האָט געלעבט יאָרן־לאַנג מיט די שאָטנס פון טויט און נישט נאָר געזען זיי פון דער ווייטנס, נאָר אויך לעבן זיך, ווי ער וואָלט זיי באַרירט

מיט די פינגער. אין זיינע לידער הערט זיך דאָס קלאַפּן פון רויבער־פייגל מיט זייערע צעשפּרייטע פליגל. ער זוכט אָפט אַ באַשייד פון דער אייביקער שאלה און מיסטעריע, וואָס שטייט אינעם צענטער אי פון תנכישן איוב־בוך, אי אין דעם פּראָלאָג פון פאַוסט: וואָס איז דער זינען פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, וואָס ווערט באַגלייט פון אַזוי פיל פּיין און יסורים?

ישראל שטערן האָט דעם גורל פון מענטש טייל מאָל געהאַלטן ערגער אַפּילו ווי דעם גורל פון דעם שטיין, סלופּ און טראָטואַר. ער האָט מקנא געווען די פיש אין וואַסער, וואָס פילן נישט קיין איינזאַמקייט, ווייל מענטש — איז אַן איינזאַמע בריאה! און דער אומעט פון אַליין־זיין — דאָס טרעפט נישט נאָר אין דער וויסטעניש, נאָר אויך אין דעם הו־הא־טומל פון גרויסשטאָטישן לעבן — האָט פאַרצערט זיין געמיט און אַנטפּלעקט פאַר אונדז זיין צער:

דעכער האָבן נישט ווו זיך באַהאַלטן
און רייסן פון זיך שטיקער,
וואַרפן קרבנות דעם שטורעם...
און דאָס האַרץ — פאַרמאַך די פענצטער!
— —
ווי קאָן מען אַליין זיין?
דער שטורעם איז דאָ, און דער מענטש איז אין שטורעם,
און דער מענטש איז זיך ווייט
ווי וואָלקן — פון הימל...
— —
ווי קאָן מען אַליין זיין און ריין זיין און טיף זיין,
צום זאַמדיקן ראַנד שרייט דער קרישטאָל
פון אַ טייך, ווו אַ מענטש שטייט און וויינט
אויס קנאה צו די פיש...

(„פאַרמאַך די פענצטער" *).

---

*) די און די וויטערדיקע ציטאַטן זענען פון דעם בוך „לידער און עסייען" פון ישראל שטערן, צונויפגעשטעלט פון ה. לייוויק — און אַרויסגעגעבן פון „ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק" ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

ישראל שטערן האָט אין דיכטונג געזוכט דעם העכסטן תכלית־באַוווסט־זיין. ער האָט געשפּירט דעם טיפן צאַפּל פון זיין נשמה, וואָס רייסט זיך צו הייכקייטן, לעכצט נאָך געליטערקייט און התרוממות — דאָרטן, ווו אַלע גרויסע מרחקים קנוילן זיך צונויף, און אויף דעם אָרט ווערט באַרגיק, הויך און העכער — דער מענטש ווערט העכער און די וועלט — שענער.

פאַר יעדן עכטן קינסטלער איז די רעאַליטעט פון דער וועלט, אין וועלכער ער לעבט, — אַ קאָנווענציאָנאַלע און פאַבריצירטע. זיין אייגענע שאַפונג, זיין וויזיע פון דער וועלט, איז פאַר אים די עכטע אויטענטישע וואָר פון אַ באַזונדערן אוניווערס, אין וועלכן ער פּרוווט זיך אַליין קאָנ־סטרויִרן. ביים לייענען פּאָעזיע, אויב מיר ווילן דורכלעבן אַ פולע פּאָעטישע דערפאַרונג, מוזן מיר שפּירן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן דיכטער, דעם צאַפּל זיינעם. ווייל דיכטונג באַפרייט נישט נאָר די פאַנטאַזיע פון פּאָעט, נאָר אויך פונעם לייענער. דאָס קאָן נאָר געשען אויב דער דיכטער פאַר־מאָגט אַזאַ כוח וואָס צווינגט דעם לייענער אויפצונעמען דעם קינסטלערישן אמת ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ פענצטער, דורך וועלכן דאָס ליכט פון אַ נייער רעאַליטעט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט.

ישראל שטערן האָט פאַרמאָגט אין זיך די קינסטלערישע גבורה צו באַצווינגען דעם לייענער צו גלייבן אין דער הייליקייט פון זיין דיכטערישן אמת, צו גלייבן אין דער אַנטפּלעקונג פון זיין באַהאַלטענעם „איך" — די אַנדערע פּערזענלעכקייט וואָס ער איז! און זיין באַהאַלטענער „איך" האָט „געגאַרט, אַז יעדער מענטש זאָל זיין אַ כוהן־גדול, יעדער טאָג — יום־כיפור און יעדער שפּאַן ערד — אַ קדשי־קדשים!" ער האָט גוט געקענט דאָס פּראָזאַישע לשון פון דער רעאַלער וועלט. אָבער פאַר אים איז דער עיקר נישט געווען דאָס וואָס רופט זיך רעאַל לעבן! זיין אויג האָט געזוכט דאָס וואָס איז אַרום, איבערן, און נאָכן לעבן.

דעם דאָזיקן סוד זוכט אויך רעליגיע צו גלייך מיט קונסט און דיכטונג. זיי האָבן אונטער זייערע פליגל דעם נס פון גלויבן און מאַכן גלייבן — אָבער מיט איין אונטערשייד: גלויבן געהערט צו דער טעאָלאָגיע און מאַכן גלייבן — דער קונסט.

דער עכטער קינסטלער פאָרשט, פרעגט זיך אַליין, צי זיין שאַפונג איז עפּעס אַ נייער אופן פון זען, פון הערן און שפּירן אָט די שעפערישע אָריגינאַליטעט, וואָס כאַפּט אויף און רעאַגירט אויף צייטשטימונגען, וועלכע

ווערן לעת־עתה נאָר אויף דער העלפט געשפּירט אָדער אויפגענומען אין באַוווּסטזיין. די דאָזיקע אָריגינאַליטעט האָט דער נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענער דיכטער ט. ס. עליאָט באַצייכנט ווי אַ סייסמאָגראַפישע. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ צווייטע שעפערישע אָריגינאַליטעט, וואָס ווערט נישט באַאײַנפלוסט פון צײַטשטימונגען, נאָר בלויז פונעם קינסטלערס אינדי־ווידואַליטעט, פון זײַן אומאָפּהענגיקן סענסועלן, עמאָציאָנעלן און גייסטיקן לעבן.

ישראל שטערן האָט געהערט צו די קינסטלערס, וואָס לאָזן זיך נישט באַאײַנפלוסן פון צײַטמאָטיוון — פון מאַסן־עמאָציעס, וועלכע קענען אפשר צײַטנווײַז באַלזאַמירן טיפע וווּנדן, אָבער זיי פאַרטיליקן דערמיט דעם קינסטלערס אינדיווידואַליטעט. ביים לייענען זײַנע לידער שפּירט מען, אַז ער איז אַ דיכטער פון זײַן צײַט און גלייכצײַטיק — קעגן איר. זײַן שעפערישער גייסט האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון־הנפש פון זײַן ירושה, פון זײַן אָנגעהעריקייט צום עבר, אָבער אויך פון זײַן גורל און דיכטערישער פונקציע אַרויסצוברענגען דורך פּאָעטישע אינסטרומענטן פון אימאַזש, רי־טעם, קלאַנג און אַסאָציאַציע, זײַנע עמאָציאָנעלע און גייסטיקע טיפענישן. אין די דאָזיקע מעמקים האָבן געגעסטיקט ספיקות, זוכענישן, אומרו און הע־כערער תכלית. ער איז הימל־ווײַט געווען פון די שרײַבערס וואָס ברענגען דעם לייענער שלאָפּפּילן, כלאָראָפּאָרם אײַנצושלעפערן זײַן געמיט, געדאַנק און געוויסן.

ישראל שטערן איז אין קונסט נאָכגעגאַנגען פּרצעס אָנזאָג, אַז אויף יידיש איז דאָס דיכטערישע וואָרט — נישט קיין וואָרט וואָס ווערטלט זיך, נישט קיין מיטל אָפּצוטייטן די נודנע צײַט: „נישט קיין שפּיל איז דאָס וואָרט, עס איז, עס מוז זײַן אונדזער וועלט־אָנשויונג, אונדזער רעליגיע, אונדזער געוויסן".

ווען מען לייענט ישראל שטערנס אויסגעצייכנטן פּרץ־עסיי, שפּירט מען זײַן פאַרליבטקייט אין פּרצעס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט און אין זײַן גייסטיקער ירושה. ווער נאָך, ווי ישראל שטערן, האָט געקענט אַזוי תמימותדיק גלייבן אין דער קדושה און שליחות פון קונסט און דיכטונג און זיי אַנטקעגנשטעלן דער טומאה פון רעאַליטעט: „אויב רעאַליטעט איז אַ זעכציקסטל חלק פון טיוול און טומאה, איז דיכטונג אַ זעכציקסטל חלק פון קדושה".

*

איך טראָג שוין צענדליקער יאָרן אין מיין געמיט און זכרון ישראל שטערנס אַ פּאָרטיפּטן פּאָעטישן פּאָרטראָג אין מיין געבוירן־שטאָט אָסטראָ־לענקע. ס'איז געווען ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג און אַרויפגעקוקט צו אַ דיכטער מיט פּראָווינציעלער התפּעלות און תמימות. נאָך מער איז געווען די באַגייסטערונג, ווען דער דיכטער איז אַ בן־עיר, און זיינע לידער האָבן מיר, אָסטראָלענקער יוגנט, כמעט געקענט אויף אויסנווייניק. באַזונדערס האָבן מיך אינטריגירט די פאַרשיידענע ווערסיעס פון ישראל שטערנס התנהגות: אַז ער פאַרשווינדט אויף לאַנגע וואָכן אין התבודדות, אַז ער איז געוואָרן פרום און זיך פאַר־בונדן מיט מוסרניקעס, פאַרברענגט מיט די בראַצלאַווער חסידים אין זייער שטיבל און לערנט דאָרט מיט התלהבות.

די פאַרלעזונג איז פאָרגעקומען אין אַ יום־טובדיקן טאָג אין דער פּרץ־ביבליאָטעק און לויט אונדזער מנהג פלעג איך אין דער פרי אַרויפ־קומען צום גאַסט זיך דורכריידן. איך בין נישט געווען איבערראַשט, ווען כ'האָב אים געטראָפן דאַווענען מיט טיפער כוונה. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן דעם אויסדרוק פון זיין ברייטן פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר טרויעריקע, פאַרעגנדיקע אויגן, הגם עס איז געווען אַ זומערדיקער, זוניקער פרימאָרגן — אָבער קוקנדיק אויף אים האָב איך געשפּירט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט פון שאָטנדיקע מיס־טעריעס.

גלייכצייטיק האָב איך אויף זיין פּנים געזען אַ מין בין־השמשותדיקע פאַרבענקטשאַפט נאָך עפּעס וואָס נאָגט אינעווייניק. עס איז מיר בעת־מעשה געקומען אויפן געדאַנק זיין ליד „פאַרנאַכטן" און כ'האָב שטיל פאַר זיך אַליין, אָנגעהויבן ציטירן:

פאַרנאַכטן זענען אויגן פון שטילע משוגעים.
פאַרנאַכטן זענען בריוו געשריבן און צעריסן:
עפּעס ווערט לייכטער און עפּעס גייט אונטער...

ישראל שטערן האָט באַמערקט, ווי מיינע ליפּן באַוועגן זיך און ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

— איר ווילט מיר עפּעס זאָגן ?

— ניין, — האָב איך געענטפערט — איך וויל זיך דערמאָנען איין פערז פון אייער ליד „פאַרנאַכטן".

— איר האָט געלייענט מיין ליד ? — האָט ער מיט שטוינונג געפרעגט.

— יאָ, און אַפילו עס געקענט אויף אויסנווייניק — האָב איך מיט שטאָלץ געענטפערט, און האָב גלייך אויפן אָרט אָנגעהויבן ציטירן די אַנדערע פערזן.

שטערנס אויגן האָבן זיך צעשמייכלט:

— אַן איינגענעמע איבערראַשונג — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן — יוגנט פון מיין געבוירן־שטאָט לייענט מיינע לידער און זיי אויף אויסנ־ווייניק אויסגעלערנט. געטראַכט, אַז ס'האָט זיך דאָ גאָרנישט נישט געענ־דערט זינט איך בין אַוועק — — קומט נאָך אַריין צו מיר פאַר דער פאַרלעזונג.

מיר האָבן שפּעטער געשמועסט וועגן זיינע פּאָעמעס „פרילינג אין שפּי־טאָל" און „אפרים גאָלדברוך" און דערנאָך האָב איך אים געפרעגט:

— פאַר וואָס שפּיר איך אין אַ טייל פון אייערע לידער אַזאַ מין אומ־היימלעכקייט ? פאַראַן אין זיי אַזאַ טרויער, ווי די שאָטנס פון טויט וואָלטן געשטאַנען ביי זיי צוקאָפּנס... זיי זענען בילדעריש, אָבער וואַרפן אַן אַן אימה אויף אונדזערע שיינע, טרוימערישע, זומערדיקע פאַרנאַכטן — פאַר וואָס זעט איר אַזוי טראַגיש ?

— הערט מיך אויס, מיין יונגער בן־עיר, — האָט שטערן מיר אָפּגע־ענטפערט — צי ווייסט איר, וואָס דיכטונג באַטייט אין טיפערן זינען ? ווען אַלע געניסן פון אַפּרו מיט פאַררינגלטע וויעס, איז דער דיכטער וואַכזאַם, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, אויפצוכאַפּן די דינע קולות, וואָס קומען ערגעץ פון דער ווייטער נאָכט אַריין.

ער איז שטיל געוואָרן. זיך פאַרטראַכט און באַלד צוגעגעבן:

— איר ווייסט וואָס פּעטער אַלטענבערג האָט געזאָגט וועגן דיכטונג ? „פון אונדזערע טרערן ווערן לידער". איר האָט פריִער דערמאָנט מיין ליד „פאַרנאַכטן". טאָג־שטימונגען ווירקן אַנדערש. אַ וואָרט ביי טאָג איז ווי אַ צייכן אין זאַמד. עס פאַרשווינדט, פאַרלעשט זיך, פאַרגעסט זיך. אין די איינגעהאַלטענע שעהען פון טיפן ביינאַכט, ווען די וועלט שטייט

שטיל, אומבאַוועגלעך און פינצטער, ווי א שוואַרצער טאָפל — איז אַ וואָרט ווי אויסגעשניטן מיט אַ מעסער אין טאָפל. איר האָט עס לאַנג פאַר די אויגן.

די פאַרלעזונג זיינע איז געווען וועגן י. ל. פרץ. אָנגעהויבן האָט ער מיט די ווערטער, אַז פרץ האָט געהערט צו די גרויסע קינסטלערס, וואָס בלייבן אייביק הונגעריק נאָך גאָט... ער האָט געזוכט די בריק, וואָס דער־נענטערט צו אים, במילא צום מענטש. נאָך די עטלעכע זאַצן האָט ער זיך פאַרטראַכט און באַלד אָנגעהויבן — ווי רעדן צו זיך אַליין וועגן „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק". דאָס ריידן איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ ביסל צוגע־זונגען, באַזונדערס ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם שפּאַציר פון די טויטע, וועלכע וואַכן איבערן לעבן.

פאַר מיר איז אָבער געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס ישראל שטערן האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער טעמע וועגן ביי טאָג־ און נאַכט־שעהען, ווי ער וואָלט אויף דער פאַרלעזונג צוריק פאַרקניפּט דעם פריערדיקן אי־בערגעריסענעם שמועס מיט מיר וועגן זיין ליד „פאַרנאַכטן"; ווייל איך האָב געפירט דעם פאַרזיץ, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר און נישט צום עולם אין זאַל.

אין דעם הור־האָ פון בייטאָגיקן ליאַרעם — האָט ער איינגעטענהט צו מיר — ווען מענטשן שיינען צו זיין וואַך, זענען זיי פאַקטיש גאָרנישט נישט. ביי נאַכט, ווידער, ליגן די זעלבע מענטשן מידע, פאַרמאַטערטע, און אָפּט אויך דערשלאָגענע, נאָך אַן אומגעראַטענעם יאַריד ביי טאָג, און אַנט־דעקן גאָרנישט. ערשט ווען זיי שלאָפן איין, דערזעען זיי אין חלום דאָס נישט־אַנטדעקטע. אין באַוווסטלאָזיקייט דערפילן זיי עפּעס העכערס, וואָס איז אַזוי ווייט פון טאָג־טעגלעכן ליאַרעם.

אויך דער קינסטלער, דער דיכטער, כאָטש ער איז אויך ביי טאָג נישט אין דער מיט פון ליאַרעם, דערהערט ער ערשט פאַר נאַכט און ביי נאַכט דעם שלוכץ אין בלאָען חושך, דעם בת־קול: „ווייַ צו מיינע קינדער, וואָס זענען נאָך פאַרטריבן פון מיר און פון זיך... און קיין טרייסט איז נישטאָ — ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג נאָך ?".

אין מיטן ריידן איז ער אַריבער צו פּאָעטישער אימפּראָוויזאַציע וועגן דיכטונג וואָס איז די בריק פון מענטש צו מענטש, דרינגט אַריין אין די טיפעניש פון מענטשישן „איך", דאָרטן ווו עס קומען פאַר ציטערנישן, ראַנגלענישן, דערלייכטערונגען. עכטע דיכטערישע שאַפונגען זענען אומ־

געפּעלשטע דורכגעוויטיקטקייטן, באַהויכט מיט רעליגיעזיטעט און באַ־פאַרבט מיטן בלוט פונעם קינסטלער.

נאָכן פאַרטראָג האָט מען, ווי דער מנהג איז געווען אויף דער פּראָווינץ, אָנגעהויבן פון עולם שטעלן פראַגעס. איין פראַגע איז געווען וועגן... שונד. אויף אַנדערע פראַגעס האָט ער געענטפערט קורץ, נאָר אויף דער לעצטער האָט ער געענטפערט מיט אַ רעדע, וואָס איז פול געווען מיט הומאָר און סאַטירע, עפּעס ווי עס וואָלט גאַרנישט גערעדט דער זעלבער פּרעלעגענט, נאָר אַן אַנדערער — אַ גלענצנדיקער פעליעטאָניסט און סאַטיריקער.

✶

ישראל שטערן האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער סופרישער משפּחה אין אָסטראָלענקע, אַ שטוב וווּ דער ביטערער דלות האָט געבלאָזן פון יעדן ווינקעלע. זיין מאַמע — אַן אלמנה פון אירע יונגע יאָרן — האָט זייער שווער געהאָרעוועט צו געבן אירעביידע יינגלעך אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג. ישראל, דער בכור, האָט מיט זיין שאַרף גמרא־קעפּל אָנגעזאָגט, אַז ס'וואַקסט אַן עילוי, דער „מאי קא משמע לן" איז אויך אַריין שפּעטער אין זיין דיכטונג. אַפילו מיט דעם צווינגען אַ גמרא־ניגון בעתן רעדן און מיט אַנדערע תנועות פון אַ ישיבה־בחור האָט ער זיך קיין מאָל נישט צעשיידט.

פאַריתומטקייט, עלנט, ביטערע אָרעמקייט, וואָס האָבן פון זיינע קינדעריאָרן אָן באַגלייט אים דאָס גאַנצע לעבן, האָבן באַקומען אַ פּאָעטישן אויסדרוק אין זיינע לידער, אין וועלכע אַ קליינע דאָזע שפּילעוודיקייט איז זיך מצטרף מיט אַ גרויסער דאָזע צאַרטן טרויער.

א יתומל לאָכט אין צעריסענע בגדים,
שרעקט זיך און לויפט איבער גאַסן און געפּלעדער.
האָט עפּעס געגנבעט
יאָגט מען אים נאָך.
ער טאַנצט דורך אַ פּאַרקאַן. קוקט זיך אַרום:
אַ שטאַל, אַ קאַלב, אַ קאַלב מיט צוויי אויגן;
זיי, דאַכט זיך, דערציילן: די קו איז נישטאָ,

די גרויסע ברוינע מאַמע נישטאָ.
אַ בודע. אַ הונט מיט צוויי אויגן.
עס דאַכט זיך זיי שרייען! מען האָט אונדז געשלאָגן,
גאָט, מען האָט אונדז געשלאָגן!

(„אַ יתומל לאַכט")

אינעם גרויסן יידישן וואָרשע פון פאַר דער מלחמה פלעגט ישראל שטערן נישט איין מאָל האָבן משמורתן איבער די גאַסן, נישט האָבנדיק וווּ איבערצושלאָפן אַ נאַכט. בעת זיין אַרומגיין פלעגט ער זיך אָנטרעפן אויף קינדער־יתומים, וואָס האָבן בעסער אויסגעקליבן די פרייע גאַס פאַר זייער מקום־מנוחה, ווי ווינען אין יתומים־הייזער. ער האָט מיר אַ מאָל דער־ציילט, ווי ער האָט אויף די האַרטע שטיינער געזען קינדער ליגן און קוקנדיק אויף זיי האָט ער אַרויסגענומען אַ בלייער און פאַרצייכנט אַ תפילה צו די האַרטע שטיינער:

נאַכט שפּירט אין שלאָף:
די גאַסן הערן אויף באַקלאָגן
זייער פּוסטקייט:
אַ יונג זינגט.

— —

ער האָט נישט ווו צו שלאָפן.
שטרענג פאַרקלאַפּט די טויערן,
ווי דער קבר פון זיין טאַטן,
אָן ליכט געבליבן אַלע פענצטער,
ווי ער אָן אַ מאַמען.

(„אַ יתומל זינגט")

ישראל שטערן האָט וועגן אָרעמקייט געזונגען נישט נאָר ביים שרייב־טיש. דער תלמודישער אָנזאָג: „הזהרו בבני עניים" — זייט אָפּגעהיט מיט די אָרעמע! — חזרט זיך איבער ווי אַ באַגלייט־מאָטיוו אין זיינע לידער און עסייען. אָרעמקייט — האָט ער געשריבן — איז אַ גלאַנץ פון איינע־ווייניק, בעת רייכקייט איז פון אויסנווייניק. ביי די אָרעמע — „דאָ האָט מען צו טאָן מיט די איידלסטע". און „אַ קינד איז ווייניקער קינד ווען

די מאַמע איז אַן אָרעמע וועשין". אַזעלכע פּאַעטישע אויפּבליצונגען באַ־
געגנט מען אין אַ ריי לידער זיינע. אין איין געדיכט, ווען ער שילדערט
מענטשן וואָס הונגערן — מסתמא פון אייגענער דערפאַרונג — באַזינגט
ער זייער קול און אויג, וואָס איז אַנדערש ווי ביי די זאַטע:

אַז זיי זאָגן „מענטש" ווערט דער וועלט אַזוי באַנג,
ווי מ'וואָלט די גאָלדענע האָר פון דער זון אָפּגעשוירן.
און אַז זיי זאָגן „צווייג" — ווערן די וועלדער קראַנק,
גלייך די פייגל האָבן די נאָטן פאַרלוירן.
און אַז זיי זאָגן „הײ" — איז אַ שריפה אין דעם סטויג,
ווייל אַנדערש, אַנדערש, אַנדערש זייער קול, זייער אויג.
(„מענטשן וואָס הונגערן")

פּאַעטיש גאָלד פון גאָר אַ הויכער פּראָבע גלאַנצט אַרויס פון שטערנס
לידער, אין וועלכע ער באַווייזט „אויפצוריגלען די טיר פון אַ מענטש־
לעכער טרער" און „צעשניידן אַ שמייכל אויף צווייען כדי צו זען ווי
ער זעט אויס פון אינעווייניק". ער האָט געגלייבט אין גוטסקייט וועמעס
בליק איז אַ מאַמע, וואָס קאָן פאַר איר קינד אימהדיקע בערג פון אָרט
אַוועקרוקן.

דער פּאָעט האָט געשפּירט, אַז צווישן דעם רעאַלן אָביעקט און סימ־
באָל איז דאָ אַ שטח וואָס דאַרף דיכטעריש געדעקט ווערן דורך אימאַזש,
איבערלעבונג, עמאָציע און וויזיע. דיכטעריש האָט ער זיך געצויגן צום
מיטאָס, צו דעם קנופּ פון אַלע גורל־פאַרוויקלטקייטן און איז אָפט אַריינ־
געפאַלן אין דעם טראַנס פון אַבסאָלוטער אינטימיטעט מיט דער קדושה פון
טיפער רעליגיעזיטעט; פון באַוווּנדערן די סודות פון דער וועלט, אירע
איבערראַשונגען, וועלכע מאַכן העכער דעם בן־אדם, מער מענטשישער,
„מער מענטשיש, ווייל מער געהיימנישפול".

פון זיין קול־דממה־דקה האָט ער אַרויפגעקוקט צום בליץ, צו די
קולות וברקים, מיט וועלכע גאָט וואָלט געוואָלט, דורך דעם שפּרונג פון
אַ שטיק קאָסמיש פייער „אַריינהילכן אין אויער אַ פלאַמיקע געשיכטע,
וואָס ער האָט אויפגעקריצט ערגעץ אין אַ וואַלקאַן".

די נאַטור איז רחבותדיק, דאָך נישטאָ ביי איר קיין פלאַץ אויף צע־
וואַרפנקייט. איין דערשיינונג הענגט אויף דער צווייטער, ווי אַ שלאָס אויף

דער טיר, און דער שליסל צו דעם שלאָס איז נישט אין דער וויסנשאַפט, נאָר אין אונדזער האַרצן. דאָרטן איז פאַראַן די מאָס און וואָג צו גרויס און קליין אין קאָסמאָס:

וויפל וועלט און ווינט גייט אַרויף
אויף איינאיינציקן געזיכט?
ווינציק. ווי אַ טרער מיט נאָך אַ טרער.
און וואָס איז זון?
אַ מעסטל ליכט.
נישט מער.

נאָר זעט איר אַלע אויף די גאַסן
דעם מענטש, דעם שר,
וואָס גייט און קיניגט
צווישן וואַלקן און טראָטואַר?

וואָס קאָן זיין הייליקער?
וואָס קאָן זיין שענער?
(„זינגען די מויערן די אייביק באַוואַכטע")

ווי אַ קאָנטראַסט צו דער רחבות פון קאָסמאָס איז דאָס פיזישע אינעם מענטש, איינגעקוועטשט גליד ביי גליד אין ענגשאַפט. זיין קערפער איז באַגרענעצט, זיין טריט איז קליין, אָבער רחבותדיק איז זיין גייסט. זיין רוח וואָס נעמט אַרום די הימלען שאַטנט זיך אין יעדן וואַלד און שפּיגלט זיך אין די וואַסערן. אָבער מענטש טאָר זיך נישט גרייסן! זיינע גרויסע אַנטדעקונגען האָבן נישט פאַרשטאַרקט דעם קשר צווישן מענטשן און לעבן.

ישראל שטערן איז אין טיפערן זינען תמיד געווען אַ רעליגיעזער דיכטער. ער האָט געזוכט דעם וועג צו גאָט — נישט תמיד דורך ריטואַל, נאָר עטיש, קינסטלעריש; ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויך דורך ריטואַל, — נענטער צו ווערן צום מענטש. אין אַ שמועס מיט מיר האָט ער דערמאָנט אַ וואָרט פון סוויפטן, אַז „מיר האָבן היינט גענוג רעליגיע צו

קענען פיינט האָבן, אָבער נישט גענוג צו קענען איינער דעם צווייטן ליב האָבן". ער האָט ביי דער געלעגנהייט באַמערקט, אַז דער אונטערשייד צווישן די הייליקע שריפטן און דער וועלטלעכער דיכטונג דריקט זיך צווישן אַנדערן אויך אויס אין דעם, וואָס די הייליקע כתבים זענען געשריבן פון דער נאַטור אַליין. דערפאַר שפּירט מען דאָרט אַזאַ טיפע בענקשאַפט צום מענטש. וועלטלעכע דיכטונג איז געשריבן פונעם מענטש, וואָס זוכט אַ דערנענטערונג צו דער נאַטור, דעריבער איז דאָרטן אַזאַ בענקשאַפט צו גאָט. שטערן האָט מיר דערציילט, ווי ער פלעגט אין שלאָפלאָזע נעכט דערשפּירן דאָס וואָס משה לייב האַלפּערן באַצייכנט: „אַ פּנים אַז נישט מיט אויערן הערט מען ווען מען ליגט אַליין אַן שלאָף און מען טראַכט / און אַ פּנים אַז נישט מיט די אויגן זעט מען די וועלט אין דער פינצטער אין מיטן דער נאַכט".

אין יענע שלאָפלאָזע נעכט האָט שטערן אויך געשפּירט די פייערצונגען פון די טויטלאַגערן — אַ סך יאָרן פריִער ווי זיי זענען געקומען.

אין יענער נאַכט ווערט מען אַן אַלטן יידן הענגען
אויף דעם ווייכן לעדער
פון רצועות צווישן היי אין אַ שמעקעדיקן שייער,
און אַזוי פיל שרעק ווערט הויערן אין די סעדער,
אַז אַ גאַנצע נאַכט וועלן די וועכטער ברענען פייער.
(„ס'וועט געשען")

ישראל שטערן ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון אונדזערע טראַגישסטע יידישע פּאָעטן. אין זיין ליד איז פאַראַן אַפּאָקאַליפּטישע שפּירונגען פון גויִים, פון וועמעס גרויע אויגן אַ מעסער בליצט אַרויס און אויסגעדרייט מיט זיין שפּיץ גלייך צו אונדזער צייט. ער זינגט אויס זיינע שפּירונגען פון טויטאַנגסטן און מהומהדיקע גורל-צייכנס, אַנגעשריבענע אויף דער וואַנט, ווי פאַר די אויגן פון דניאלן.

אַ מערקווירדיקע דערשיינונג איז פאַרגעקומען מיט דעם דיכטערס פינצטערער וועלט, בעת ער איז געלעגן אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל. זיין האַרבסטיקער אומעט איז דאָרטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרילינגדיקער מילדקייט און צאַרטקייט.

ישראל שטערן האָט דורכגעלעבט אָט דעם פרילינג־דעלירױם ליגנדיק אויפן שפּיטאָל־בעטל, ווען אַלע זיינע רמ״ח אברים זענען דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט אַ ליבשאַפט, „וואָס גייט ווי אַ דאָקטער פון בעטל צו בעטל״:

און פון וואַן איז די ליבשאַפט, וואָס ענגט ווי אַ בליצלאַמפּ
און רייסט־אויף פון שלאָף דעם, וואָס חלומט אַליין,
ביז אַלע זעצן זיך אויף — ווייסע אין שטילקייט,
קוקן — טראַכטן — און פּלוצלונג — נעמט אָן אַ געוויין?

דער דיכטער האָט געזען ווי די קראַנקע זענען גרייט צו ווערן הייליק, ווייל כביכול אַליין שפּאַצירט אַרום דאָרט.

דער דיכטער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף דעם פאַרנאַכט, דעם בין־השמשות אין שפּיטאָל, ווען אויבן אין הימל זעט אויס ווי עמעץ איז דאָרט שוואַך און ער ליגט אין ווייסן בעט און ברענט. ער קוקט דורכן פענצטער אויפן שליסן זיך פון געוועלבער־טירן, וועלכע לייגן זיך צונויף ווי שטילע הענט און ביי די לעצטע שטיקער בלוט פון טאָג ווערט די גאַנצע שטאָט אויסגעפּיינערט. די קראַנקע פאַרטראַכטן זיך וועגן זייערע היימען, קוקנדיק אויפן הימל.

אָט די וווּנדערלעכע פּאָעמע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די ליטעראַרישע קרייזן. דער נאָמען ישראל שטערן איז איבער נאַכט געוואָרן אַ שם־דבר אין דער יידישער דיכטונג. זיין צווייטע גרעסערע פּאָעמע „אפרים גאָלדברוך״ איז ליידער געבליבן נישט פאַרענדיקט. אָבער דער אויפגעשריבענער טייל — פון אַ פּלאַנירטער גרעסערער אַרבעט — איז באַהויכט מיט דעם לויטערן גלאַנץ פון ריינעם פּאָעטישן גאָלד.

ווי אַן אָסטראָלענקער, האָב איך פיל מעשיות געהערט וועגן דעם מערקווירדיקן חסיד, ר׳ אפרים גאָלדברוך, וועלכער האָט ר׳ מענדעלע קאָצקערס ביטול פון קאָנווענציאָנעלע לעבנס־פאָרמען פּראַקטיצירט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן.

ישראל שטערן האָט, ווי אַן עלטערער ישיבה־בחור, געלערנט מיט יינגערע ישיבה־בחורים אין הויז פון ר׳ אפרימען, אַ גבירישע הויז, אין וועלכן דער בעל־הבית אַליין האָט זיך געשפּירט ווי אין אַ שטייג... אין זיין שניטקראָם האָט אַ גאַנצן טאָג געברענט דער מסחר, אָבער ער האָט

זיך מיט דעם נישט פאַרנומען. פון פאַר טאָג ביז סוף אין דער נאַכט פלעגט ער דאַוונען און לערנען.

זייענדיק אַ בין־בית ביי ר׳ אפרימען, האָט ישראל שטערן געקענט זען פון דער נאָענט, ווי אַזוי דער שיינער ייד ווערט באַהאַנדלט פון זיין פלוניתטע:

...אַ שיינער ייד! — האָבן אַלע געזאָגט,
ווי מ׳זאָגט האַלב־חודש: סאַראַ שיינע נאַכט!
ביסטו געווען ווי די לבנה
און האָסט קיין הנאה נישט געהאַט.

אין דער פאָעמע זענען פאַראַן פּרעכטיקע פּאָעטישע אימאַזשן וועגן ר׳ אפרימען, וועלכער איז געווען אין נגידישן הויז „אַ גרויזאַמער בריוו אין אַ צאַרטן קאָנווערט". און וועגן אַן אַנדערן בן־עיר, כאַצקל קופּערמינץ, אַ חסיד מיט אַ פּאָעטישן געמיט, וועלכער שטייט שוין יאָ אין קראָם, אָבער, מער ווי פון קונים האָט ער הנאה געהאַט, ווען ער האָט פאַר נאַכט געזען ווי צו די קראָמטירן „פּאַסט צו די זון פון בלוט אַ שליסל"... און „שאָטנס פאַלן צו דער ערד האַלדזנדיק די שטיינער". און כאַצקל קופּערמינץ, דער נישט־פּראַקטיצירנדיקער דיכטער, פאַרגעסט — און דערמאָנט זיך — און ס׳גלוסט זיך אים וויינען. ער קוקט אויף די ציגלהייזער, וואָס זענען אַזוי שטאָלץ געווען מיט איין שעה פריִער, ווי קלוגע וואָס האָבן אַ סך געזען במשך פון טאָג און איצט, פאַר נאַכט, שטייען זיי „אין זיך פאַרטראַכט און פרום געבויגן... און סוף־כל־סוף נאָר איינס דערזען: מען מוז גלייבן".

✶

ישראל שטערן, וועלכער האָט אין זיינע לידער זיך געבעטן ביי די מענטשן זיי זאָלן נישט שטיין מן הצד פון לעבן („גוטע! שניידט זיך אין לעבן אריין ווי אַ שרויף"), איז אַליין געגאַנגען אין התבודדות מיט אַ זייטיקער סטעזשקע, זיין גאַנצער לעבנס־שטייגער איז געווען דער היפּוך פון איינגעאָרדנקייט און פּראַקטישקייט. נישט נאָר וואָס ער האָט זיין גוף אָפּגעזאָגט אַפילו אַ טראָפּן עולם־הזהדיקייט, נאָר אויך געווען גלייכגילטיק צו דעם פונק עולם־הבאדיקייט — צונויפזאַמלען זיינע לידער צווישן צוויי

טאָוולען. זיין ליד, ווי זיין לעבן, איז געווען אַן אָפּגעזונדערטע, אָפּגע־שלאָסענע וועלט.

✶

ישראל שטערן האָט זייער גוט באַנומען דעם פּאָעטישן סוד פון צימצום, פון מועט המחזיק את המרובה. דעריבער איז ער געווען אַזוי קאַרג ביים שאַפן. ער האָט דערפאַר געדעקט דעם כמות מיט איכות. ריכטיק האָט אַ קריטיקער באַמערקט, אַז נישט נאָר מיקעל אַנדזשעלאָס גרויסע דוד־סקולפּטור פילט אויס אַזאַ ריזיקן רוים, דאָס טוט אויך באַטיטשעליס קליינער דוד.

מיט דער מאָס גיי איך צו צו ישראל שטערנס קליינער צאָל לידער און עסייען, וואָס די מ. ל. שטיין־ביבליאָטעק האָט אַרויסגעגעבן אין 1955.

ה. לייוויק, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט דער אויפזאַמלונג, שרייבט דאָרט אין זיין אַריינפיר־וואָרט, אַז ער נעמט אַריין כמעט אַלץ וואָס שטערן האָט פאַרעפנטלעכט פון אַן ערך 1919 ביז זיין אומקום. אָבער לייוויק גופא באַטאָנט אַז „די שעפערישע ווערטפולקייט פון ישראל שטערנס וואָרט, דער הויפט פון זיין ליד, האָט אונדז אַנגעפילט מיט זאָרג פאַר יעדן ליד זיינעם — אויסצוגעפינען עס. אָבער מיר זענען אויך איצט נישט אין גאַנצן זיכער צי אַלע לידער און אַלע עסייען, וואָס ישראל שטערן האָט אָפּגעדרוקט, זענען אויפגעזוכט געוואָרן”.

✶

ישראל שטערן איז געווען אַ טראַגישער פּאָעט. צי איז ער געווען אומ־גליקלעך? לויט אונדזערע מאָסן — יאָ! און דאָך לאָזט זיך די מאָס נישט אָנווענדן לגבי דעם דיכטער וואָס שרייבט: „מיר ווילן זיין גענוג אומגליק־לעך כדי זיך צו פרייען מיט דעם שפּאַציר־גאַנג דורך דער וועלט ווי אַ סוד צווישן סודות”.

ער איז טאַקע אַרומגעגאַנגען אין אונדזער וועלט ווי אַ „סוד צווישן סודות”, ווי אַן אורח — אַ למד־וואָווניק.

זיין שפּאַצירגאַנג האָט זיך אַזוי טראַגיש פאַרענדיקט אין וואַרשעווער געטאָ בעתן „שוואַרצן רעגן”, ווען ער איז אויסגעגאַנגען און פאַרגאַנגען אין אַ לעגענדע, וואָס האָט זיך נאָך אַנגעהויבן שפּינען ביי זיין לעבן.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו — דער באַזינגער פון טרוים און טרויער

ביים אָפּשאַצן פּאַפּיערניקאָווס לידער דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז לויט זיין גאַנצן מהות איז ער דער דיכטער פון עלעגיע, פון טיפן טרויער און אַליינקייט. ער דערציילט אונדז אין אַ ליד פון וואַנען עס שטאַמען זיינע טרויעריקע לידער:

אין דער היים פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער ברידער —
דערזען האָב איך די וועלט: באַקענט דאָס לעבן
פון וועלכן כ'האָב גענומען מיינע לידער
און דערנאָך — זיי טרויעריק צוריקגעגעבן.

בכלל שטעלט זיין גאַנץ שאַפן מיט זיך פאַר אַ מין פּאָעטישע אויטאָ־ביאָגראַפיע. מיר שפּירן אין זיינע לידער די טוכלע לופט פון זיין אָרעמער היים. ער איז געוואַקסן אין אומעט און אין טרויער, און געוואָרן פון יאוש אַ שווייגער. אַראָפּגערעדט פון האַרצן האָט ער זיך ערשט אין זיין ליד, אין וועלכן ער דערציילט מיט פּשטות און אויפריכטיקייט, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיין קינדערשער נשמה, ווי אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן. אין פּשוטע שורות, אָן באַפּוצונגען, שילדערט ער די נויט, די היים פון זיין וויגעלע, וואָס איז געוואָרן אַ צעשטערטע נעסט, אירע פייגל זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. דער דיכטער האָט, לויט היינעס אַן אויסדרוק, זיינע גרויסע צרות פאַרוואַנדלט אין קליינע לידער.

אין מאָמענטן פון גרויסער פרייד באַמערקט מען נישט איין מאָל, ווי דער מענטש וואָלט מורא געהאַט פאַרן וואָרט, וואָס זאָל אין זיין פולקייט נישט צעשטערן די אינערלעכע האַרמאָניע פון זיין פריידיקן געמיט־צושטאַנד. אין אומגליקלעכע מאָמענטן פילט דער מענטש די נויטווענדי־

קייט פון אויפעפענען זיך, ברענגען צום אויסדרוק זיין צער. דאָס האָט געשפּירט אויך פּאַפּיערניקאָוו אין זיין שאַפן. דורכן ליד האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק דאָס טונקעלע לשון פון זיינע שפּירונגען, פון זיינע אינ־סטינקטן און געפילן. דורכן ליד האָט ער אויסגעזונגען זיין אויסגעשוויגנ־קייט און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. אָבער כדי דער לייענער זאָל זיי דערשפּירן, מוז דאָס וואָרט פאַרמאָגן אָטעם און זיין אָנגעלאָדן מיט פּאָסיע און מיט אַן אינעווייניקסטער פאַרבבילד.

פּאַפּיערניקאָוון פאַרשטייען מיר זייער גוט דורך זיין ליד, מיר שפּירן זיין צעבליטן אומעט, זיין אָנרעג פון ציטער, פון אויפגעוועקטע פליגל, וואָס האָבן זיך געריסן אַ פלי צו טאָן. ער האָט געלעבט אַן אַפּגעזונדערטער, אַ פרעמדער צווישן אייגענע. דאָס איז געוואָרן דער קוואַל פון זיין עלעגיע, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען פון היים־וויג ביז צום „זוניקן לאַנד". די היים זיינע איז געווען די פּיין־מגילה, וואָס האָט וויטיקלעך געשריגן. זי האָט געהאַלטן אַלע משפּחה־מיטגלידער באַזונדער „פון אייגן פלייש און בלוט — דערוויטערט און פאַרשעמט". אין פּערזן־שורות פּאַסט דער דיכטער אַריין בילדער פון זיין קינדהייט. דאָס עמפּינדלעך קינד זעט ווי דער טאַטע וויינט („האָבן זיך צעוויינט דעם טאַטנס צוויי און זעכציק יאָר"). ער זאָגט די קינדער: כ׳קען שוין נישט מער, געננג אייך געדינט. דעם טאַטנס הענט זעען אים דאַן אויס, ווי צוויי פליגל צעבראָכן פון ווינט.

ביי אַלע פעלקער זענען פאַראַן נישט ווייניק פּאָעטן פּעסימיסטן. לאָ־מיר דערמאָנען דעם נאָמען טאָמאַס האַרדי, וועלכער האָט תמיד געטראַכט וועגן טויט, אָבער ער האָט נישט דערלאָזט, אַז דער געדאַנק וועגן מלאך־המוות זאָל אים צעשטערן דאָס פאַרגעניגן פון לעבן. פּאַפּיערניקאָוו, טראָץ זיין קוהלתדיקן געמיט־צושטאַנד, האָט אויך געשאַפן שיר־השירימדיקע פּאָעמעס. זיין אומבאַפרידיקטע קעגנוואַרט ווערט קאָמפּענסירט מיט טאָג־טרוימען, בעת וועלכע ער טרייבט אַוועק פון זיך דעם טרויער.

טרויער, גיי איצט, גיי פון מיר!
כ׳וואַרט היינט אַפּ אַ גאַסט: די פרייד.
נישט באַגעגן זיך מיט איר,
ווייז זיך נישט אין שוואַרצן קלייד.

אין די דאָזיקע מאָמענטן האָט ער געזאָגט צו זיך: „ס'אַרט מיך נישט וואָס כ'האָב די פּערל נישט געפונען. כ'האָב דערפאַר די טיפענייש דער־גרייכט". דאָס האָט זיך געשוועסטערט מיט דער באַרימטער פּראָזע פון זיין ליד — „זאָל זיין" — „מיר גייט נישט אין דעם איך זאָל האָבן דער־גאַנגען, מיר גייט נאָר — דער גאַנג אויף אַ זוניקן וועג".

פּאַפּיערניקאָוו האָט דורכגעמאַכט אָט דעם גאַנג, אויף וועלכן ער האָט אויפגעכאַפּט גאָר אַנדערע קלאַנגען און פאַרבן. ער האָט דאַן געטראָגן אין זיך דעם אַנרעג און ציטער צו גאָר גרויסע פאַרלאַנגען, געשפּירט דעם כּוח פון שטילקייט און פון שטורעם, דעם ציטער פון פריידיקן באַריר. ער האָט דערשפּירט דעם כּוח פון גלויבן. פון האָפן, ווייל דער, וואָס פאַרלאַנגט גאָרנישט, האָפט צו גאָרנישט, קען קיין קינסטלער נישט זיין. עס איז אים גוט געווען אין זיין חלום, ווייל „אין חלום איז דער הימל — נאָך בלאָער ווי בלאָ".

אידעען גיבן אַ זין דער מענטשלעכער וועלט. פּאַפּיערניקאָוו איז מיט־געריסן געוואָרן מיט דער ראָמאַנטיק פון חלוציזם, מיט דער פרייד פון שאַפונג, פון אַרבעט, פון זינגעוודיקן־טאַנצנדיקן חלוץ אין „זוניקן לאַנד". אין דעם האָט ער געפונען זיין דיכטערישן פּאַטאָס און האַפּערדיקע צעזונ־גענקייט. ער האָט זיך באַגייסטערט מיט די „האָראַ"־טענץ איבער די גאַסן, וועלכע האָבן קאָמפּענסירט מאַנגל אין ברויט. דער הימל האָט באַדעקט חופּהדיק די נישט פאַרענדיקטע בנינים, ווו „יעדער ברענט אין מדבר אַזוי ווי אַ דאָרן און איז ביי דעם אייגענעם פייער פון גלויבן — אַ שמידער".

צו פּאַפּיערניקאָווס גרויסן קרעדיט געהער די פּיאָנערישקייט זיינע פון יידישן ליד אין ישראל. ער האָט דאָס יידיש־פּאָעטישע וואָרט געפלאַנצט אין לאַנד, עס אויפגעהויבן און מיט ליבשאַפט באַהויכט. דער באַזינגער פון בענקשאַפט־געזאַנגען צו אַ נייעם אויפגאַנג איז מיט זיין לשון געווען פאַראיינזאַמט. ער האָט געזונגען אין דער „שפּחה"־שפּראַך, וואָס איז געווען פאַרהאַסט און באַשפּיגן ביי די העברעער. עס האָט זיך געפאָדערט דאַן שטאַרקע געוואַגטקייט נישט אָפּצושרעקן זיך פאַר דער פיינטלעכער באַציִונג צום יידישן וואָרט אין לאַנד פון „צווייטן בראשית".

און — ס'איז מיין יידיש ליד אַ נס ביי מיר אַליין,
אַ נס, ווי שלאָגן ברויט פון זאַמד און שטיין.

פּאַפּיערניקאָוו איז פאַרבליבן דער בעל־חלומות, און כאָטש ער דער־ציילט אונדז, אַז ער איז שוין מיד געוואָרן פון חלומען אַ לעבן לאַנג, ווייסן מיר, אַז ער קאָן אָן חלום נישט לעבן, „ס׳איז מיין איינציקע פרייד און גליק״. זיין בייזערן זיך אויפן לאַנד איז צוליב זיין טיפער ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט. ס׳איז — „ווי מען בייזערט זיך אויף אַ געליבטער... בין איך, צווייטע היים מיינע, מיט דיר געוואָרן ברוגז און אַ ברוגזער — מיט דיר מיין גורל פאַרבונדן״.

דיכטונג עקזאַלטירט די נאַטור און די לאַנדשאַפט מיט אירע פאַר־שידענע אַפשפּיגלונגען. ווי ביי אַנדערע פּאָעטן, איז אויך ביי פּאַפּיערני־קאָוון האַרבסט אַסאָציִירט מיט אומהיימלעכע קלאַנגען, מיט שטאַרקן אומעט, — „ביי מיר איז האַרבסט, ווו אַלץ פאַרגייט, ווו איך אַליין פאַרגיי״. אויף אַן אַנדער אַרט: „לאַנג שוין האַרבסט ביי מיר. שוין לאַנג ווי ס׳קלינגען מיר די נאָענטסטע לידער — ווייט און טיף און באַנג״. דער דיכטער איב־טעגרירט מיט האַרבסט דעם זין פון זיין אומבאַפרידיקטער קעגנוואַרט. ער ווייסט, דאָס לעבן ענדערט זיך, אָבער ער קען דאָס נישט מיטמאַכן, פאַר־פאַלן. „מען גייט נישט אַרויס פון דער אייגענער הויט, מען בלייבט וואָס מען איז פון געבורט ביזן טויט״.

די טראַגישע צווישנטענער זינגט ער אויס אין אַ מינאָרער סקאַלע און מיט רעזיגנאַציע זאָגט ער צו זיך אַליין, אַז אַלץ וועט בלייבן ווי פריִער, ווי געווען „נישט געהאָלפן האָט מיין האָפן: נישט געהאָלפן האָט מיין ליבן; כ׳בין אויף אַלע וועלט־יאַרידים איינזאַם ווי געווען — געבליבן״.

ביי זיין גאַנצער רעזיגנאַציע פאַרבלייבט פּאַפּיערניקאָוו וויטער דער בונטאַר, וואָס וויל נישט אַקצעפּטירן די ווירקלעכקייט. ער קען נישט ווערן קיין צופאַסלער און באַשטימט בעסער צו בלייבן אַליין „כ׳בין אַליין און נישט אַליין — אַ שטיין האָט אויך זיין ברודער שטיין. מיט מיר — דער ווינט און גאַסן־הינט״. אין אַן אַנדער ליד רעדט דער דיכטער צו די הינט און זאָגט זיי, אַז ער גיט זיי אַוועק זיין מענטשלעכע ליבע און זיין צוטרוי „ווו טוט מען אַהין זיך מיט ליבע — נישט האָבנדיק וועמען צו ליבן״.

געבליבן אַליין, אָן משפחה, אָן קינדער („מיינע לידער, מיינע קינדער״), זינגט ער זיינע לידער פון איינזאַמקייט „אַז מען האָט נישט קיין היים, קיין געליבטע, קיין ווייב — נאָר דעם ווינט אַרום לייב, איז כאָטש גוט, אַז ס׳איז

דאָ אַ קאַפּע־הויז, אַ שענק ווי אַזאַ פּאַלט אַריין ווי אַ שטיין און זעט, אַז ער איז נישט אַליין״.

ווען יעווטושענקאָ האָט פאַרגעלייענט פאַר פּאַסטערנאַקן זיין געדיכט „איינזאַמקייט״, האָט פּאַסטערנאַק אַנגעהויבן צו וויינען און געזאָגט: „האָסט געשריבן וועגן מיר... און אויך וועגן יעדן איינעם״. אויך פּאַפּיערניקאָוו האָט געשריבן וועגן זיך און וועגן יעדן איינעם, וואָס שפּירט זיין איינזאַמקייט, אַז זיין וועג צווישן אַלע איז „שטיל און איינזאַם ווי אַ סטעזשקע״. דער דיכטער קען אָבער אין זיין התבודדות זיך באַרוישן מיטן ליד („לידער זענען קינדער פון באַרוישונג״), און כאָטש ער דערציילט, אַז ס׳איז שווער צו זינגען ווען מען איז אויסגעליידיקט ביזן לעצטן גלויבן, ווייסן מיר אָבער, אַז זיין דיכטעריש געמיט איז פול ווי אַ ברונעם. „פול — אויף קומען שעפּן פון אים פריידיק״. ביי זיין גאַנצן פּעסימיזם איז ער פאַרבליבן אַ גלויביקער, טראָץ דעם, וואָס ער פאַרשפּילט כסדר... („כ׳האָב פאַרשפּילט שוין פון לאַנג, נאָר איך גיי נאָך אַ צוג, נאָר איך גיי נאָך אַ גאַנג״). עס איז די אייביקע האָפענונג, וואָס גיט דעם לעבן צו שטאַרקע וואָרצלען. פאַרן דיכטער איז עס זיין ליד, זיין פּאָעזיע.

עס איז נישט קיין צופעליקייט, וואָס פּאַפּיערניקאָוו האָט איבערגעזעצט אין יידיש געקליבענע לידער פון סערגיי יעסענין. עס איז אים אייגן, נאָענט־געווען יעסענינס ביטערנישן, מיט וועלכע ער האָט אַליין פאַרסמט זיינע יונגע יאָרן. און יעסענין האָט מיט זיין פראַגע: „פריינד ווו ביסטו? פינצטער, שווער אומעט מיין און ווייען״ — צוגעטראָפן פּאַפּיערניקאָווס געמיט־צושטאַנד. אויך ער, האָט, ווי יעסענין געשפּירט, אַז „עס ווערט אַלץ צו אַש פונעם לעבנס־סם, איך זאָל זיך צעפלאַקערן ווי אַ פלאַם״ און זיכער האָט ער באַשטעטיקט יעסענינס גלויבן, אַז „לידער וועלן דאָס געשטאַלט פון ערד נישט בייטן... ס׳וועט אין שווערע בענד, און נישט אין ווינטן, אָפּקלינגען דיין טרוים...״.

*

פּאַפּיערניקאָוו האָט אַן אויג פאַר די שיינקייטן פון דער נאַטור. ער זינגט וועגן בוים און וואַלד, בלום און גרעזל. מיט פרייד קוקט ער זיך צו צו דער אַלטער סאָסנע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעזעצט טיף אויף די קני, ווי צו אַ תפילה און „זי בליט אַזוי קניִענדיק און קניט אַזוי בליִענדיק״. ער

באַדויערט די אַלטע פּאַלמע, וועמעס צווייגן הענגען שוין ווי הענט פּאַר־בראָכענע אין טרויער. יאָ, אַ מאָל, אין דער יוגנט, האָט זי געקיניגט, געהאַלטן די זון אין שאָטן, אָבער היינט איז זי שוין פאַרלאָזן פון גאָט, פון מענטש און פויגל, און זי בענקט אַליין אויף דער עלטער נאָך אַ ביסל וואַרעמקייט און זון. דער דיכטער האָט אויפגעכאַפּט די סודות פון די ציפּרעס־ביימער. אויך זיי זענען אָפּט פאַרזונקען אין טרויער און ווער קען נישט מיטפילן ווען ער הערט דאָס זיפצן פון אַ ציפּרעס? ער זעט דעם איילבירטבוים, וועלכער שטייט זיך מיט זיין דאַר צעצווייגטן קנוילן־געפלעכט און דעם בוים דאַכט זיך, אַז עס קען נישט זיין שוין ערגער. דער גורל צו אַ בוים איז שלעכט...

ער האָט אַ שטיפעריש ליד וועגן דער ווערבע „געבויגן, געבויגן — אַריבערגעבויגן האָט זיך אַ ווערבעבוים איבערן טייך, אַריבערגעבויגן זיך, צוואָגן דעם קאָפּ דעם אַלטן מוידישן און מיט אַ פּוס ביז די קני — אינעם וואַסער אַריין”. דער דיכטער טראָגט מיט זיך דאָס האַרץ פון וואַלד. ער דערציילט וועגן זיך, אַז ער האָט ליב די נאַטור אין אַלע צייטן פון יאָר און זיינע אויגן שפּיגלען אָפּ אין זיך די פאַרב פון אַלע צייטן: „גרין פון אומעט, רויט פון אויפגאַנג, פון באַגער, און בענקשאַפט — בלאָ”.

פּאַפּיערניקאָוו האָט טיף דורכגעלעבט זיין ליד, און ווייל ער אַליין פילט עס — מאַכט ער אונדז אויך פילן. ער האָט געפּרוווט מאַכן דאָס באַקאַנטע ניי און דאָס נייע באַקאַנט. ער האָט זיין אינערלעכע וועלט אַרויסגעבראַכט מיט פולער ערלעכקייט — אַ מעלה וואָס דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן. ער האָט אין זיין ליד זיך מער געערכנט מיטן אינהאַלט, ווי מיט טעכניק, און דאָס קומט צום אויסדרוק אין זיין גאַנצן שאַפן. ער האָט געפּרוווט אָפּשיילן פון זיך, ווי מען שיילט אָפּ אַ ציבעלע, מיט דער האָפענונג, אַז ביים סאַמע סוף וועט ער אויסגעפינען, וואָס עס איז ווירקלעך. אָבער מענטש בלייבט סוד צו זיך אַליין. ליד און פּאָעמע זענען אַ פּרווו אַדורכצודרינגען, באַלייכטן אָט דעם סוד. מען דאַרף קענען אַלע שאַפונגען פון פּאַפּיערניקאָוון כדי אים אָפּצושאַצן, ווייל איינס אילומינירט דאָס אַנדערע און צוזאַמען זענען זיי ווי באַוועגונגען פון איין קאָמפּאָזיציע. ער באַמערקט אין אַ ליד, אַז ס'וואָרט ליגט אויף דער פלאַך און דער טרויער אין דער טיף און אַז דאָס האַרץ וועט זיך צו דער צונג נישט דערשלאָגן. אָבער דער דיכטער באַנוצט אין זיין ליד קלאַנגען און בילדער, וועלכע סטימולירן מיטצולעבן מיט אים.

דער טראַגישער ראָמאַן מיטן „אָקטאָבער"...

וועגן לייב פיינבערגס „דער חרובער דור", ראָמאַן אין פּערזן

אין דעם אַריינפיר שרייבט דער מחבר, אַז מיט דעם ווערק שליסט ער אָפּ די טרילאָגיע „דריי דורות", דורך וועלכע ער האָט געזוכט אָפּצושפּיגלען אונדזער טראַגישע עפּאָכע.

אין די ערשטע צוויי ביכער, ווי אין דריטן, שילדערט ער די דורות יידישע מענטשן, „וועלכע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אין די נעצן פון דער רוסישער רעוואָלוציע". צו זיי האָט אויך געהערט לייב פיינבערג. ביז זיין אַנטוישונג אין „אָקטאָבער" האָט ער געזונגען הלל גדול פאַר די „גאולה-ברענגער", וועלכע ער און אַ גאַנצער דור האָבן אָנגעטאָן די קרוין און בלינד נאָכגעפאָלגט.

עס איז געווען די פרילינגס-פרייד נאָכן „צאַרישן ווינטער" מיט דער וווּנדערלעכער מסירת-נפשדיקייט פאַר דער רעוואָלוציע: טורמעס, תליות, קאַטאָרגע באַהויכט מיט גאולה-חלום.

פּלוצעם איז פון חלום געוואָרן רעאַליטעט, און די גאולה-טרוימער האָבן זיך מיט לייב און לעבן אַנגעכאַפּט אין דער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון ראָמאַן מיט דער קאָמוניסטישער מאַכט. די רוסישע אינטעליגענץ האָט באַיקאָטירט, און די יידישע האָט זיך אַרויסגערוקט אויבן אָן אויף שליסל-פּאָזיציעס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג, באַגלייט מיט די שוידערלעכע פּאָגראָמען איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך.

פיינבערג האָט אין פּאָעטישע שורות, אַרויסגעבראַכט דעם הפקר פון יידישן לעבן; רויבערייען, רציחות, געשענדעטע יידישע טעכטער, ווען די „ווייסע" האָבן פאַרנומען די מיט יידן-באַוווינטע געגנטן. די יידן האָבן אין דער „רויטער אַרמיי" געזען זייער רעטערין פון פּאָגראָמען.

אויך ל. פיינבערג איז געווען צווישן זיי. ער איז געווען דעמאָלט אַ יונגער אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי, רוסיפיצירט נישט נאָר שפּראַכ־

לעך. ער האָט שוין געהערט צו אַ מאָדערניסטישער פּאָעטישער ריכטונג — אימאַזשיניסטן — און זיך באַטראַכט פאַר אַ רוסישן פּאָעט. זיין אַנטייל אין די קאַמפן צווישן די „ווייסע" און „רויטע" און די גרויזאַמע שחיטות אויף יידן אויף דער מיט יידיש בלוט־אויסגעווייקטער אוקראַיִנישער ערד — אַט די אויטענטישע געשעענישן פון זיינע איבערלעבונגען האָט ער אויסגעזונגען אין אויפשוידערנדיקע בילדער.

די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט שטאַרק אַ גלאַנץ געטאָן ביים פאַר־פעסטיקן זיך נאָכן בירגערקריג, מיט שאַפן פאַרן סאָוועטישן יידנטום אַ גרויסן יידישן שולוועזן: אַ פאַרצווייגטע יידישע פרעסע, ביכער־פאַר־לאַגן, יידישן וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, טעאַטער, אַ ספּעציעלן קאָמי־סאַריאַט פאַר יידישע ענינים און אַ חלום פון אַ יידישער טעריטאָריע אין קרים (שפּעטער בירא־בידזשאַן) — איז דען אַ וווּנדער ווען דאָס אַלץ האָט צוגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם הייסן ראָמאַן צווישן די יידישע גאולה־טרוימער און דער באָלשעוויסטישער מאַכט?

פיינבערג ווייזט אונדז געשטאַלטן פון אָט די טרוימער און נישט בלויז די דערקענטעניש פון זייערע מענטשלעכע פנימער, נאָר אויך פון זייערע גורלות מיט אַלע וויבראַציעס, קאָנפליקטן, ביז עס דערגייט צום לעצטן אַקט מיט דעם דראַמאַטישן אויפרייס־שטאָף.

דער דיכטער פון „חורבן־דור" טראָגט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס דעם יאָך פון זיינע יוגנטזינד, און שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין אייגענער געשיכטע, וואָס איז אַזוי פאַרקניפּט מיט דעם גאַנג פון אונדזער צייט און מיט איר קאַרדינאַלסטן פּראָבלעם — ראַטן־פאַרבאַנד, קאָמוניזם...

עס פיינען פינצטערע רעיונות:
אַז זינגן וועט די „רויטע מאַכט",
זי קאָן פאַרוואַנדלען זיך אין שונא
פון יעדן יידן איבער נאַכט.
איצט דאַרף זי האָבן יידן־לאַפּקע,
איז טראָגט זי קונציק פריינדשאַפט־מאַסקע —
און מאָרגן קאָן דער קאָמוניסט
די יידן טרעטן מיט די פיס...

— — — — — — — — — — — — — —

זאָל בייטן זיך די קאָניוקטור.
— פון ייד נישט בלייבן וועט קיין שפור...

אין אָנבליק פון דעם אַלעם, וואָס איז געשען אין ראַטן־פאַרבאַנד בעת דער מאוימדיקער סטאַלין־עפּאָכע, האָבן זיך פיל פרום־גלויביקע קאָמוניסטן געקלאַפּט „על־חטא״, פילנדיק זיך אָפּגענאַרט און שווידערלעך אַנטוישט. זייער לאַנג־יעריקער ראָמאַן מיטן „אָקטאָבער״ איז אָפּגעהאַקט געוואָרן צוזאַמען מיט זייער יוגנט־חלום. דער לאַנגער „טערמידאָר״ מיט די גרויזאַמע רציחות האָט געפירט „פון חברשאַפט צו חרובשאַפט״.

געפאַלן איז די האַק פון תליון
אויף שרייבער: ייד, גרוזין און רוס —
די קעפּ גאַונישע האַקט סטאַלין
באַגלייך ביי אַלעם — מיט געגוס.

דער דיכטער האָט אין דעם ראָמאַן — ווי אין די פריערדיקע — געפורעמט די העלדן און זייערע גורלות לויט אויטענטישע מוסטערן פון דער סאָוועטישער אַנטוויקלונג. ער האָט די היסטאָרישע געשעענישן געשטאַלטיקט און אַריינגעגעבן אין זיי דעם צאַפּל פון דער עפּאָכע. זייערע געראַנגלען און פאַרמעסטונגען, האָפענונגען און אַנטוישונגען נעמען אָן אַ טיפערן אַטעם און אויסבליק, וואָס פירט אַוועק פון פערזענלעכן צום אוניווערסאַלן. דער הויפּט־מהות פון טראַגעדיע איז דאָס קעגנשטעלן זיך פון העלד, ווען ער גיט זיך נישט אונטער, נאָר ער פאַרמעסט זיך קעגן גורל מיט זיינע טראַגישע גילגולים. אין דער קאַנווע פון דעם ראָמאַן איז אַריינגעוועבט אָט דער געראַנגל מיט זיך אַליין, מיט האָפענונג און פאַרצווייפל, האַס און ליבע, לעבן און טויט, מיט דעם גאַנצן קנויל אין דעם „ווילדן רויטן וויקלשניר״ פון סאָוועטישן לעבן.

דער מחבר לאָזט זיינע פערסאָנאַזשן געפינען זיך אַליין, זייערע שייכותן מיט די היסטאָרישע געשעענישן. דער העלד מיט זיין גורל איז אַריינגענומען אין דער אַלגעמיינער גאַנצקייט פון דער קאַנווע. פיינבערג באַזינגט די אידעאַליסטן, די הערלעכע טרוימען און קעמפער, וועלכע האָבן מקריב געווען זייערע בעסטע יאָרן, אָוועקגעגעבן זייערע לעבנס פאַר דעם אידעאַל

פון גאולה. זיי זענען געגאַנגען צו דער רעוואָלוציע ווי צום טאַנץ, געוואָלט דערגרעכטערן דעם קץ מיט אָפּפערווילי קייט פון יוגנטלעכן אויפברויז. ער דערמאַנט יענע צייטן ווען —

מיר זענען דאַן נאָך יונג געווען — און זיס
איז אונדז געווען דער פרייהייטס־טרוים ווי טרויבן,
און ס'האָט דאָס לעבן אונדז די יונגע פיס
באַפליגלט דאַן מיט האָפענונג און גלויבן.

די האָפענונג איז צערונען געוואָרן. דער גאַנג פון „אָקטאָבער" איז גוט באַקאַנט. דער נעכטן איז געשיכטע, און דער פּאָעט דערפילט דאָ די פונקציע פון היסטאָרישן זכרון. פון זיינע פערזן וואַקסן אַרויס מענער און פרויען מיט זייער ליכט און שאָטן, וועמענס פּוסטריט סטאַלין האָט געברענט און פאַרלענדט. זייערע האַנדלונגען, דערפאַרונגען און קאַמ־פלעקסן, באַאומרויִקן און סטימולירן, און דאָס איז דאָך די פונקציע פון ליטעראַטור. דער דיכטער האָט אויסגעזונגען דעם אויפגאַנג און אָפּגאַנג פון אַן עפּאָכע מיט אירע תהומות. די פערזן זינגען און וויינען, ווי אַזוי אַ דור איז חרוב געוואָרן. דער דור האָט אַ נאַציאָנאַלע פאַרב — עס איז אַ יידישער דור, אַ פאַרבלאַנדזשעטער צו די אָפּגרונטן דורך פאַרפירערישע פייערלעך.

אין זיין בוך „גאָט פון צאָרן" לייגט פיינבערג אַריין אין מויל פון זיין העלד אלישע בן אבויה די טיף־אָנדייטנדיקע ווערטער. פון אַ בעל־תשובה:

איך האָב געלעסטערט מיין אמונה
נאָר כ'בין נאָך אַלץ געבליבן ייד,
ווייל ס'זאָל נישט קלינגען דיר משונה,
אַ כופר — יאָ, — אַ בוגד — נישט.

דער דיכטער ציט אַראָפּ מאַסקעס פון די פאַלשע משיחים, וועלכע ער און זיין דור האָבן אַנגעטרויט זייער אייגענעם גורל, ווי דעם גורל פון

פאַלק. ער גיט דעם ווידוי פון אַט דעם דור אין אַ פּרעכטיקן יידישלעכן אימאַזש:

איך בין פאַר דיר זיך מתוודה,
צו גרויס, אַלמעכטיקער, מיין חטא
ווייל אַז מע נעמט אַוועק פון ש ד י
דעם ייִד, דאַן ווערט פון שדי — ש ד.
(„אלישעס טויט")

אַ לאַנגן וועג האָט פיינבערג דורכגעמאַכט ביז זיין אויסניכטערונג פון קאָמוניזם. עס איז די טראַנספאָרמאַציע פון דעם יונגן רוסישן פּאָעט (מיטן פּסעוודאָנים) גרעביאָוו, — אין לייב פיינבערג. אין „דער חרובער דור" זאָגט איינער פון זיינע העלדן, פּאַוועל יאַלעס, „ווען ס'זעצט דיר אָן דער נייער גאָט, / ביים אַלטן זוכסטו אַ ביסל גנאָד". עס איז אָבער געווען אַ שווערער און לאַנגער פּראָצעס ביי די פּאַוועלס, וועלכע פאַרקערפּערן דעם מיקראָקאָסמאָס פונעם חרובן דור, פון געשעענישן, וואָס שפּיגלען אָפּ די אַנטמענטשונג פון בן־אדם: „ווי אויסגעטאָן האָט זיך דער מענטש / פון אַלץ, וואָס גאָט האָט אים געבענטשט".. דער באַנקראָט פונעם נייעם גאָט, אָט דער מולך פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מיט מיליאָנען קרבנות פאַר אים, האָט די פּאַוועלס חרוב געמאַכט. נישט איינער פון זיי האָט מיט פאַרשלאָסענע ליפּן איבערגעלעבט דאָס, וואָס סקאָט פּיטשצדזשעראַלד האָט אויסגעדריקט: „אין דער פינצטערער נאַכט פון דער נשמה איז עס תמיד פיר פאַר טאָג".

דאָס פּאָזיטיווע איז געווען די נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג באַגלייט מיט נאָסטאַלגיע־טענער צו די קינדער־יאָרן און צו די „יוגנט־טעג — ווי שחרית־תפילות". דער דיכטער דערמאָנט זיך אין:

דעם רבינס באָרד, דעם זיידנס זמירות,
פון לייכטער זילבערנע דער בלענד,
דער מאַמעס פליגלדיקע הענט,
דער מומעס קול ביי „שיר־השירים" —
און איבער אַלץ האָט שטיל געשוועבט
אַ ניגון, ווי אַ רויך אין סטעפּ.

*

פיינבערג האָט אַן אויג און אויער פאַר נאַטור־בילדער. אין „דער חרובער דור" זענען דאָ נאַטור־געמעלן, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג, און דער לייענער גיט זיך לייכט אונטער די פאַרבן און קלאַנגען מיט זייער מעלאָדישקייט און ריטמיק. אין דעם עפּיש־שטורעמדיקן ים פון דער אַקציע ווילט זיך דעם אויג רוען אויף די גרינגע אינדזלעלעך פון ליריק.

אַפילו ביים אָפּגרונט פון לעבן, ווו עס צאַנקט שוין דער לעצטער פונק ביי די פאַרשיקטע אויף די סיבירער טייגעס, אויך דאָרטן איז דאָ נאַטור־צויבער —

עס איז כדאי צו באַמערקן די יידישלעכע אימאַזשן, וועלכע דערמאָנען אונדז אין מענדעלען. פיינבערג, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דער שויס פון דער רוסישער דיכטונג („מיר האָבן אַלע זיך געלערנט / ביי פושקינען דעם סוד פון ליד") האָט נאָכגעפאָלגט די טריט פון „זיידן" ביים באַוווּנדערן גאָטס יצירה:

אין שטילן, בלויען בין־השמשות
די בלומען דובענען צו גאָט.
די שקיעה איז נאָך נישט פאַרלאָשן
אויף שפּיצן פון דער בלויער שטאָט.

די ליליע דופטעט, ווי אַן אתרוג,
טולפּאַנען שטייען שמונה־עשרה
און שאָקלען מיט די רויטע קעפּ,
איריסן פלעכטן געלע צעפּ.

גוטע פּאָעזיע איז נישט פאַרשווענדעריש אין ווערטער. דאָס פּאָעטישע וואָרט איז פאַרוואָרצלט אָרגאַניש און האָט אַ ספּעציעלע פונקציע, אַ דיי־סציפּלינירטע אויסדרוק, און ריטעם און גראַם. דאָך איז אַן איבער־טרייבונג ווען מען זאָגט, אין אַן אָפּשאַצונג, אַז יעדער וואָרט און שורה איז אויפן ריכטיקן פלאַץ און אַנדערש האָט עס גאָר נישט געקאָנט זיין. דער שעפער ביי זיך אַליין ווייסט זייער גוט, אַז דאָס שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט. אַ קינסטלעריש ווערק שאַפט אָבער די אילוזיע, אַז

יעדער טייל איז באַרעכטיקט און אומפאַרמיידלעך. אַזאַ ווערק פאַרמאָגט אין זיך די טיפקייט פון וויזיע און עקספּרעסיע. עס פאַרמאָגט אויך דעם דיכטערישן זעלבסטבאַוווסטזיין און די קינסטלערישע דיסציפּלין ביים קאָנסטרויִרן און דראַמאַטיזירן דעם פסיכישן אומרו און גערודגל.

פיינבערג פאַרמאָגט אָט דעם פאָעטישן זעלבסטבאַוווסטזיין! מען קען שטאַרק ספקן לגבי געוויסע שטעלן, צי זיי זענען בעסער אָדער ערגער געלונגען. ס'איז אָבער בלתי ספק, אַז דאָס ווערק ווי אַ גאַנצע איז אויף אַ גרויסער קאַנווע מיט געשעענישן פון אונדזער נייעסטער אַלגעמיינער יידישער געשיכטע. פיינבערג האָט די געשיכטע אויסגעזונגען מיט זיין שטים און אין זיין געזאַנג איז פאַרקערפּערט דער ווידוי פון אַן אַנטוישטן און פאַרוווּנדעטן דור, וואָס פרעגט זיך: „ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ געקענט געשען?

✶

ביי י. ח. ברענער איז דאָ אַ דערציילונג „בחורף”, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן אַ האַנדערער איבער פאַרשנייטע וועגן דורך אַ גרויסן שטורעם, ווען דער מענטש מוז מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, צוזאַמענ־נעמען אַלע זיינע כוחות, צו זיין וואַכיק און קענען גובר זיין די סכנות, וואָס שטייען אים פאַר. אָט די נשמה־וואַכיקייט איז דאָ אין דעם ווערק.

נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, באַטאָנען די ליטעראַטור־היסטאָריקער, האָט מען דורך פּאָעזיע געזוכט זיך צו פאַרגעסן אין אַלע ליידן און זאָרגן פון דעם נעכטן און היינט, און אויסגעזונגען דאָס ליד פון דער צוקונפט. די פּאָעזיע פון אונדזער צייט זוכט נישט צו פאַרגעסן.

ווען איך האָב געלייענט זיין טרילאָגיע „דריי דורות” און באַזונדער דאָס לעצטע ווערק, האָט זיך מיר דערמאָנט אין סאַלינדזשערס „דער כאַפּער אין קאָרן”, ווען דער יונגער בחור האָלדען קאָולפילד רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן פאַר זיין געוועזענעם לערער אַנטאָליני, און נאָכן אויסהערן זאָגט צו אים אַנטאָליני: „פיל, פיל מענטשן האָבן זיך פּונקט ווי דו געזאָרגט צוליב דעם גייסטיקן און מאָראַלישן צושטאַנד... אויב דו ווילסט קענסטו פון זיי לערנען, ווייל זיי האָבן אָפּגעהיט און רעקאָרדירט זייערע ספקות, זוכעניש און זאָרגן.

דאָס איז געשיכטע. דאָס איז פּאָעזיע”.

דאָס בשמים־הדסל אין יעקב פרידמאַנס דיכטונג

וועגן יעקב פרידמאַנס „ליבשאַפט"

דער נאָמען פון לידערבוך איז כולל אַ גאַנצע פילאָזאָפיע פון דעם מחבר. ליבשאַפט, אָדער ליבע (וואָס איז אַ ביסל אַנדערש) האָט פאַרשידענע פנימער. אפשר דערפאַר רופן עס די כינעזער: „דער בוים מיט אַ סך צווייגן".

ביי יעקב פרידמאַן איז ליבשאַפט אַ לעבנס־קאָנצעפּציע פון אַ קאָסמישן פאַרנעם, ווי אין פּסוק שטייט: מלא כל הארץ כבודו. עס מיינט ליבשאַפט צו אַלץ אין דער יצירה, וואָס איז סוד און ווונדער, געשאַפן און געסדרט מיט אין־סופיקער קלוגשאַפט:

און אַפילו דאָס פלאַטערל אָרום בלויען ניילאָן־ליכט,
און דאָס זשוקעלע אויפן דיל, וואָס קריכט,
זענען מיקראָסמאָסן געסדרט מיט דער זעלבער געניטשאַפט.

יעקב פרידמאַן איז אַ געפילפולער ליריקער מיט אַן אייגנאַרטיקער מזרח־פּאָזיציע אין דער יידישער דיכטונג. ער זינגט מיט אַן אייגענער פּאָעטישער שטים דאָס געזאַנג פון בעל־שם, דעם ניגון פון שטרעבן צו שלימות און האַרמאָניע צווישן גאָט, נאַטור און מענטש — צווישן הימל און ערד, גייסט און חומר. די קאָנצעפּציע פון ליבשאַפט איז אין זיין ליד אי ליריש, אי אינטעלעקטועל, ווייל אַן דעם אינטעלעקטועלן עלעמענט בלייבט אין ליד נאָר די מוזיק, אָדער עפּעס אין כאַראַקטער פון אַ ניגון אַן אַ תפילהדיקייט.

דאָס וואָרט און ליד איז ביי אים יסוד: „אַ לויב צו דיר, פאָטערלאַנד, וואָרט, / אייביק געגרונטפעסטיקט, / דער בלויער שפּילפויגל האָט זיין היים, / אין דיר הללויהדיק פאַרנעסטיקט". דער פּאָעט שפּילט זיך מיטן וואָרט, אין וועלכן ער טראָגט אַריין לבנה־שיין, פאַרחלומטקייט פאַר־

קנאַטן אין לירישע געמעלן און שטימונגען. דער קינסטלער וויל באַשאַפן, ער וויל נאָכמאַכן דעם גרויסן באַשאַפער און אויפבויען נייע וועלטן, גע־שטאַלטן, וואָס זאָלן אים העלפן זוכן אַ טיר צו זיך, אויסטייטשן, דער־קלערן זיך צו — זיך אַליין.

אליעזר ווייזל הט זיך אויסגעדריקט, אַז גאָט האָט דעם מענטשן באַשאַפן, ווייל ער האָט ליב מעשיות... יעקב פרידמאַן, וועלכער האָט אין זיין פּאָעטישן גאַנג געפירט די אייביקע וויכוחים מיט גאָט, זעט גאָר אין באַשעפער, ווי ער שפּילט דעם ברוגזן, אָבער זיין האַרץ

פול מיט תענוג איז פון שפּיל פאַרשייטן:
ער וועט שפּילן, רעדט גאָט אין זיך, ווייטער שפּילן,
דאָס שפּיל פון שכר און עונש, ביזן סוף פון אַלע צייטן...

אין „אַ גאָטס רחמנות אויף תרחן״ זעט דער דיכטער די גרויסע שפּיל־פאַרדאַרבער אין יעדן דור, וואָס נעמען צו פון עלנטן, קליינעם בן־אדם אָט די פרייד פון שפּיל־פויגל. אין שפּילצימער פון זיין טעכטערל אין בית־דגון ביז צו איר עלטער־עלטער זיידן, תרח, ביי זיינע געשאַפענע געטער מיט וועלכע ער וויל זיך באַשירעמען און באַשיצן פון דער מוראדיקער, טרויעריקער אַליינקייט... אין זיין טעכטערלס בעטנדיק קול „מען טאָר קיין שפּיל פאַרדאַרבן״ איז אויך דאָ דער קול פון עלטער־זיידן תרח צו זיין זון אברהם, „אָהאָ, וואָרהאַפטיק, ס׳אַרא גאָטס רחמנות אויפן אַלטן קליינעם תרח / און אויף אַלע קינדער, וואָס ווילן אַ שפּיל טאָן אַ רגעלע / אין אומהיימלעכן מדבר פון אין־סוף״.

איז יעקב פרידמאַן אַ ראָמאַנטיקער? — יאָ און ניין. דערציילט ער דאָך (אין „צו דיר״) פון זיינע בלויע אייניקלעך וואָס „בויען שטערן־לייטערס אין דער לופטן״. און זיין גרויסע שאַלונג צו ליבשאַפט אין אַ וועלט פון הפקרדיקער שנאת־חינם און פאַרצוקנדיקן דזשונגל? איז ער דאָך אויך מסכים מיט זיין טעכטערל, חנהלע, און מיט תרחס געטער־שפּיל „זאָג נישט, אבא, נישט קיין אמתע״... אַלץ איז וואָר, שפּיל און סוד פאַרן ראָמאַנטיקער. פאַר אים האָט אַפילו די צייט צעבראָכן איר זייגער.

אין פרידמאַנס דיכטערישן בשמים־הדסל פעלט אויך נישט דער ריח פונעם אַנטי־ראָמאַנטיקער. מיר שפּירן עס אין „מיין זיידע זאַנזאַני״, וווּ

די מעלאַנכאָלישע בלום פון ראָמאַנטיק שמעקט שוין ווייט נישט ווי פרישער בעז... די זעלבסט־איראָניע איבער דעם אומעטיקן אומראָמאַנטישן געמיט פונעם יידישן דיכטער, ווען ער זאָגט:

אוי, ווי ס'איז אומעטיק צו דיין אייניקל, קלוגער זיידע זאַנזאַני!

יעקב פרידמאַן לעבט אין ישראל הייַנט, אָבער דער נעכטן איז אין אים אַ לעבעדיקער. פליִען צו אים פון זיין פּאָדאָליער קינדערלאַנד לעבע־דיקע בילדער און געשטאַלטן.

אין זיינע פּרעכטיקע „ווינטערלידער" בעט ער אַ פּאַקוס ביים קונצן־מאַכער, ער זאָל אים אין כאַמסינישן בראַנד ביי די בערג פון יהודה, ברענגען דעם „ווינטערצוויט פון מיין קינדערלאַנד". זענען די שניי־שוואַלבן פון זיין קינדערלאַנד פאַרפלויגן צו אים און אַריין אין זיין ליד. ווילט זיך אים זינגען וועגן שניי און פראָסט און וועגן די שניימענטשן „וואָס מיר האָבן אין זיידנס גאָרטן אויף הפקר געלאָזט". און היימיש־נאָענט צווישן די „אַלע טערפקע ריחות פון אַמאָלן", איז ניקיטאַ דער שבת־גוי — די שכנים אונדזערע, וואָס זענען געווען אַ טייל פון אונדזער לאַנדשאַפט.

גייט אָבער דעם יידישן מענטש נאָך דער לעצטער בליק פון אַ נאָענטן בעתן חורבן.

דאָס ליד מיינס, וואָס זינגט וועגן דער טריפהנער ערד פון פּאָדאָליע?
אוי, דאַליאַ נאַשאַ, דאַליאַ!
געוואָלט האָב איך ווינטערלידער זינגען,
זענען פלוצעם ניקיטאַס שקצים,
אין מיין בשמים־הדסל אַריינגעשפּרונגען,
מיט רויטע העק אין ווייסן שניי...

— — — — — — — — — — — — — — —

און גאָט? אַהאַ, איך באַנעם אים נישט מיין —
ווי אַזוי האָט ער מיין זיידן דעם נסתר און ניקיטאַס שקצים

געקנאָטן פון זעלביקן ליים ?
מיין וועלט־חשבון איז קיין חשבון נישט מיין...

עס איז די אייביקע פרעגונג אָן אַ תשובה, נישט דורך גאָט־לעסטע־רונג און מאָנונג, ווען „שרייסט צו גאָט און עס ענטפערט דיר קיינער״. פון בראשית אָן גייט די פרעגונג און דאָס זוכן אַ פירוש צו דעם אַלעם: פון וואַנען? וווהין? און צוליב וואָס?... אָט די אייביקע שאלות — אין זייער באַגרענעצטער אָדער אויסגעברייטערטער פאָרעם — זענען דער תוך פון עטישן מענטש, וואָס איז נישט גלייכגילטיק צו דעם זין פון לעבן.

יעקב פרידמאַנס לידער קוקן מיט פקחותדיקע אויגן און לירישער ווייכקייט.

סאַראַ שפּיל אַרום דיר פון ליכטער און געזיכטער,
פּאַיאַצן און הייליקע, זינדיקע און ריכטער.
וואָס קלעטערן און פאַלן ביים ראַנד פונעם באַרג.

ביים לייענען גוטע פּאָעזיע דערשפּירן מיר איר מיסטעריעזע קראַפט אויפצוּוועקן אין אונדז אַן אינטימערן זין פאַר זאַכן, וואָס נעמען פּלוצעם אָן אַזאַ שאַרם, וואָס מיר האָבן פריִער נישט באַמערקט. הייבן מיר דערי־בער אָן דורך עכטער דיכטונג בעסער דערקענען אונדזער אייגענע באַ־קאַנטע וועלט.

יעקב פרידמאַנס „ליבשאַפט״־לידער ציִען זייער יניקה פון אייגענע קוואַלן, וועלכע ער האָט מיטגענומען פון פּאַדאַליער קינדערלאַנד צו די בערג פון יהודה. פּאול קלי האָט געזאָגט, אַז אַ קונסטווערק איז פונקט ווי אַ בוים, וואָס ציט זיין יניקה פון דעם באָדן, אין וועלכן עס שטעקן זיינע וואָרצלען. דער בוים טראָגט טאַקע נישט אויסערלעך קיין פיזישע ענלעכקייט צו זיין וואָרצלדיקן באָדן, אָבער זיין גבורה און זאַפטן זענען געצויגן פון אים. פונקט ווי יעדער באַזונדער סאָרט בוים פּראָדוצירט אַנדערע בלעטער און פּירות פונעם זעלבן באָדן, אַזוי קען אַן אַנדער קינסטלער פון דעם זעלבן מוסטער און דערפאַרונג שאַפן אַן אַנדער סאָרט ווערק.

יעקב פרידמאַן האָט זיינע גייסטיקע וואָרצלען אין זיינע ריזשינער זיידעס, ווי אין זיין „פּאַרבלאַנדזשעטן״ עלטער־פעטער, רבי בער פון

ליעווע. אין דער שיינער פּאָעמע „אין שליטן", גיט דער דיכטער אַ פּרעכ־טיק בילד פון דעם ליעווערס אָפּנויג און טענה צו זיינע ברידער: „איז וואָס זשע ברידער טייערע, דער פּחד? אויב עמעץ איז זיך אויף אַן אַנדער אופן / מיטן אייביקן גאָט מתייחד?"

„אין שליטן", ווי אין די שטימונגספולע „ווינטערלידער" זענען די קוואַלן פון דעם שטאַמבוים, פון וועלכע דער דיכטער ציט זיין יניקה, פול מיט סוגעסטיווע און אינספּירירנדיקע בילדער. מיר גיבן זיך אָפּט אַליין נישט אָפּ קיין חשבון ווי נאָענט מיר זענען צום שורש פון שטאַם, און גערעכט איז געווען דער מילניצער רבי, ווען ער האָט אין זיין יונגן יאַנ־קעלע דערקענט דעם גזע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע לידער:

„עס וועט דער ריזשינער זיידע זיך נישט שעמען מיט דיר"... — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום זון. פון ליעווער אַפּיקורסדיקן עלטער־פעטער האָט ער קענען געלערנט, אַז דאָס אַראָפּגיין פון אויסגעטראָטענעם וועג פירט נישט צו דער סיטרא אַחרא. „פון ווו זאָלסטו נישט גיין און וווהין זאָלסט נישט קומען, איז עס דאָך אַ גיין פון כביכול צו כביכול... נאָר וואָס? אַ מאָל זעט דאָס אויס אַ קאָפּל נייי"...

אין דער זייער שיינער באַלאַדע „רבי אברהם מלאכס חתונה" איז פּרעזענטירט די האַרמאָניש־שלימותדיקע לייזונג פון דעם אייביקן גע־ראַנגל צווישן הימלישן און ערדישן, צווישן חומר און גייסט, וואָס האָט באַקומען דעם העכסטן אויסדרוק אין אַסקעטיזם, אין פּייניקן דעם גוף. „הערסט, טאַטעשי, הערסט דאָס געכליפּ פון פלייש און געביין?... זיין ענטפער צום זון ער זאָל זיך נישט קעגנשטעלן דעם וועלטס נאַטירלעכן גאַנג, איז דאָך אין תוך אַ באַשטאַנדטייל פון דעם ליעווערס „אַפּיקורסות". די באַצייכענונג איז נאָר אַן אַנדערע. „נישט פאַראַן קיין גוף, אַלץ איז ליכט אין כביכולס אייביקן רעגנבויגן", טענהט דער גרויסער מגיד צום זון. דער מענטשלעכער גוף האָט אויך אַ שליחות. „ס'איז כביכולס באַ־האַלטענער מיין, צו פלעכטן פון פלייש און ביין אַ לייטער און דורך חומרדיקע שטאַפּלען, לאָזן די דורות פון ישראל צו זייער תכלית גיין..."

רבי בער פון ליעווע ווידער זעט עס אין ליכט פון אַן אַלץ אַרומנע־מענדיקער וווּנדערלעכער האַרמאָניע. „צונויפגעפאָרן אין איין הויזגעזינד די הייליקע מקובלים און דעם פּאַכטערס נאַקעטע טעכטער", ווייל דער בורא־עולם נעמט זיי אַלע אַריין אין זיין הויזגעזינד. אָט די רייד פירן צום גרויסן געזאַנג און גאַרונג נאָך ליבשאַפט צו אַלץ אין דער יצירה.

דער דיכטער זינגט זיין „אני־מאמין" נישט נאָר אין דער פאַרברידערונג פון מענטש צו מענטש, אויך „יעדער גליד פון בוים און טייך און שטיין / זענען קינדער פון איין מאַמען".

די מאָטיוון אַלטקייט, טויט, זענען שוין, דוכט זיך, אויסגעשריבענע אין דער ליטעראַטור און אין דער פּאָעזיע בפרט. אין פרידמאַנס „ליב־שאַפט" זענען אָט די מאָטיוון אַרומגעהילט מיט אַ הימלישן בלוי: „ווע־מענס האַנט פון וויכן בלאָ / בינדט צונויף אַלע ריחות און פאַרבן? / אַלע וואָס זענען דאָ און נאָך דאָ, / און יענע וואָס זענען לאַנג שוין געשטאָרבן". (ווען איך רעד וועגן אַלטקייט אין ליכט פון קונסט, זע איך פאַר זיך גאָיאָס אַ בילד „אַלטקייט", וואָס ווייזט דעם טויט ווי אַ גאַסנקערער, וועלכער קערט אויס מיט אַ בעזים די אַלע, וואָס זענען אויף דער וועלט געבליבן צו לאַנג... עס איז אַ שטאַרק־סוגעסטיווער פלאַסטי־שער פירוש אויף אונדזער יידישלעכן „אל תשליכנו!").

אין „לידער פון רחמים" זינגט יעקב פרידמאַן אַ מזמור שיר צו דער זקנה, וואָס אין איר אונטערגאַנג פאַרמאָגט זי אויך „די פּראַכט פון אַ קע־ניגרייך בעת דער שונא באַפאַלט". די דאָזיקע פּאָעמע דאַרף פאַרנעמען אַן אויבנאָן צווישן די גרעסטע לידער פון אונדזער פּאָעזיע. דער רחמים איז דאָ נישט דער ווירוס פון סענטימענטאַלקייט, וואָס זויגט אויס דעם מאַרך און גאַנצקייט פון רעאַליטעט. דער הארבסט און זיין בלע־טערפאַל האָט אין זיך דעם אומעט און טרויער פון דער פאַרגייענדיקער שיינקייט און דעם פאַרגאַנג פון לעבן. „שעם זיך ניט, פאַרדעק נישט דיין געזיכט / לאָז מיינע ליפּן וואַנדערן איבער דיינע טרויעריקע קנייטשן, / איך וויל איינאָטעמען דעם ריח פון בלעטערפאַל, דערגרונטעוועון און טייטשן".

„לידער פון רחמים" געהער צו די סוגעסטיווע פּאָעמעס, וואָס ווירקן אויף אונדז דורך עפּעס מער, ווי דער פּאָעט דערציילט אונדז אין די שורות. גוטע פּאָעזיע האָט אין זיך אַ מאַגנעטישן כוח, אַז אפילו ווען מען נעמט אַוועק די אויגן פון די בילדער, גייען זיי דיר נאָך. דיכטונג, עכטע, פאַרמאָגט אין זיך עפּעס ענלעכס פון אַ פויגל, וואָס איז באַפרייט גע־וואָרן פון אַ שטייג און אַוועקגעפלויגן צו די רוימען קוקנדיק אויף דער וואָר מיט פריש געעפנטע אויגן און מיט גאַר אַן אַנדער ליכט. אַפילו ווען דער פויגל קערט זיך שפעטער אום צוריק צו דער ערד, איז עס שוין נישט צו דער זעלבער שטייג ווי פריער.

*

אין „ליבשאַפט" זענען פאַראַן תפילהדיקע שורות און געזעגנגען צום קליינעם מענטש. דער דיכטער איז דאָ דער שליח ציבור פון עלנטן בן־אָדם, אויף וועלכן קיינער דערבאַרעמט זיך נישט. ער וויל דאָך אַזוי ווייניק פון לעבן.

וואָס וויל דער מענטש ? אַ קריגל וואַסער וויל ער און ברויט,
און אַ גאָט אַ גוטן לעבן זיין אַלקערל אין שכנות.
ס'אַראַ גאָטס רחמנות ס'איז אויפן קליינעם עלנטן אָדם! ווער, ווער,
וועט זיך דערבאַרעמען אויף אים, אין מדבר פון אין־סוף ?

צו דער קאַטעגאָריע געהער היינט דער עלנטער יידישער שרייבער איבער גאָרער צעשפּרייטקייט. זיין אומעט און איינזאַמקייט אין אַ שם־דבר און די סיבות זענען גוט באַקאַנט.

יעקב פרידמאַן האָט אַ ליד, אַ וויכוח מיטן לייענער, וואָס לייענט נישט קיין לידער. דער דיכטער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן און טענהט שטיל צו די, וואָס האָבן אַ מאָל...

דאַרפסט נאָר וועלן, דערמאָנסטו זיך צוריק די לידערשפּראַך,
נאָר קודם מוזטו זיך צוריק אין זיך אַליין דערמאָנען...
האָסט דען נאָר די לידער־שפּראַך פאַרגעסן ? און דעם טאַטן
און די מאַמען ?
און די פּאַפּירענע שיפן, וואָס האָסט געלאָזן אַ מאָל
איבערן וואַסערפלאַך ?

צו דעם וויל איך נאָך צוגעבן עפּעס, וואָס יעקב פרידמאַן זאָגט צו זיך אין בוך: „צווישן חלום און טרוים האָט געבליט אַ קאַרשנבוים, ביזקל אַליין איז ער אַ חלום געוואָרן".

די געשיכטע לערנט אונדז, אַז טראַיאַ איז געפאַלן, העקטאָר איז געשטאָרבן... און ביידע זענען פאַרבליבן לעבעדיק אין ליד...

וועגן מאיר זימל טקאַטשס „האָב און גאָב"

דער דיכטער מאיר זימל טקאַטש האָט זייער גוט געטאָן, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט זיין ליטעראַרישן פאַרמעג אונטער איין דאַך. ער האָט דעם מאַטעריאַל פון זיינע פריִערדיקע ניין ביכער אריינגעפּאַסט אין צוויי בענדער, טייל זאַכן איבערגעאַרבעט, איינזעענדיק, ווי נויטיק עס איז דורכצוקוקן און אויפמערקזאַם אַליין צענזורירן די פריִערדיקע אויס־גאַבעס איידער זיי דערשיינען אין נייע.

בערטראַנד ראַסעל האָט געראָטן יעדן שרייבער, ער זאָל זיין מאַנו־סקריפּט נישט אוועקגעבן באַלד נאָכן אָנשרייבן צום דרוק, נאָר פריִער אַוועקלייגן אויף אַ פּאָר יאָר לגניזה, נאָך דעם וועט ער אַליין איינזען, וואָס ס'בלייבט פון אים קערנדיקס.

צום קערנדיקס געהערן נישט, לפי דעתי, דעם מחברס אריינפיר צום ערשטן באַנד („פּאַרן כבוד פון דעם פּאַבל"). נאָך דער פענאָמענאַלער דערשיינונג פון אַזאַ פּאַבל־קינסטלער, ווי אליעזר שטיינבאַרג, איז דען נויטיק טקאַטשס התנצלות פאַרן פּאַבל־זשאַנער ?

גיי איך נישט פאַרגלייכן טקאַטשן צו שטיינבאַרגן, וואָס איז אַן אוניקום אין אונדזער ליטעראַטור (אפשר אויך אין דער וועלט־ליטעראַ־טור). די קינסטלערישע דימענסיעס פון זיינע משלים זענען אומפאַר־גלייכלעך !

מען טאָר אָבער אויך נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די משלים און מעשיות פון מאיר זימל טקאַטש, וואָס פאַרמאָגן זייער אייגענע וואָג און מאָס און זענען אַ ווערטפולער מאַטעריאַל פאַר שול־אַנטאָלאָגיעס און קינדער־לערנביכער. דורכן פּאַבל ווערט דאָך אַנטפּלעקט פאַרן קינד אַ פאַנטאַסטישע וועלט מיט פּאַסירונגען, וואָס אַלעגאָריזירן גוטע מידות און ווייזן אָן אויף די שלעכטע פון אונדזער קראַנקער זייט פון לעבן. און דאָס וואָס זאַכן, חיות און צמחים רעדן מיט אַ מענטשישער שפּראַך, שפּילן זיך ווי קינדער (ווי ער זינגט אין איינעם פון זיינע לידער: „און כ'שפּיל זיך ווי אַ קינד מיט חיות, / איך רעד צו זיי און זיי צו

מיר / און פינקטלעך אונדזער קלוגן שמועס / פאַרשרייב איך שפּעטער אויף פּאַפּיר", איז אַזוי נאַטירלעך פאַרן קינד („פאַר אונדז די קליינע איז עס וואָר"). טקאַטשס לשון איז אויך לייכט פאַרן קינדס גומען. עס איז פּשוט און האַרציק, מיט ווערטלעך און אינטאָנאַציעס פון פאָלקסטימלעכ־קייט, און די פּוענטע פונעם גוטן משל שפּרינגט גלייך אַריין אינעם לבֿ טובֿ פון דער קינדערשער נשמה. צו דעם איז נייטיק צו באַטאָנען די צאַרטקייט און ליבשאַפט, וואָס זיין משל פלאַנצטביים קינד צו בעלי־חיים און זאַכן, צו שטומע באַשעפענישן און צום גאַנצן גאָטס באַשאַף, וואָס ווערט דעם קינד נעענטער און היימישער.

ווי שיין (און מלא חן) טקאַטש זינגט אויס פאַרן יידישן קינד דעם חן פונעם יידישן אלף־בית, די זיסקייט פון מאַמע־לשון, וואָס קלינגט אַזוי זיס און ווייל, און דער גערעאַטענער פאַרגלייך פון יידישן לשון אין מויל פון קינד איז: **„אַ בוים אין פרילינג קלינגט, / ווען אויף אים אַ פויגל זינגט".**

פון דער סעריע אגדות, מעשיות, און לידער (אַ גלענצנדיקער מאַטע־ריאַל פאַר שול־כרעסטאָמאַטיעס), האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם ציקל „ווען די אמהות זענען געווען קינדער". עס איז באַהאַרצט מיט דעם ווייכן לשון און צאַרטער שפּילעוודיקייט. אייניקע פון זיי רופן זיך איבער מיט אַ מאַנגערישן טאָן.

פאַשעט רחלע די שעפעלעך,
זאָגט זי זיי: — איר ווייסט, מען רעדט
ס'וועט מיין חתן ווערן יאַנקעלע
דער בעל־חלום, דער פּאָעט.

(רחלע און לאהלע)

*

דער צווייטער באַנד („געזאַמלטע פערזן") נעמט אויך אַרום פאַר־שידענע ציקלען פון טקאַטשס ליריקס מיט זייערע געדאַנקען און געזאַנ־גען אין לויף פון יאָרצענדליקער. איך האָב זיי געלייענט, ווען זיי זענען דערשינען אין באַזונדערע ביכער און לעצטנס — נאָך אַ מאָל דורך אַן אָפּשטיט פון אַ סך יאָרן.

עס איז בלתי ספק, אַז טקאַטש איז אַ האַרציקער, פּיינער דיכטער, פאַלקסטימלעך אין טאָן, אין ריטעם און טאָקע היימיש, פּראָסט און פּשוט, ווי „פּאַסטקאַרטלעך אַהיים".

טקאַטש איז אַ קלאָרער דיכטער, און גוטע לידער דאַרפן זיין קלאָר, ווי נאָר מעגלעך, און פאַרט קענען טייטשן זיי און אַריינטייטשן, געפינען יעדעס מאָל נייע אַנטפּלעקונגען און טיפקייטן פון אימאַזש, פון איבער־לעבונגען. דאָס פעלט אין טקאַטשס לידער. עס פעלט אַ שטאַרקער פּאָע־טישער גלאַנץ פון ריטמען און פאָרמען. טקאַטש האָט דיכטעריש געזאָגט און געזונגען, אָן עקספּערימענטירן מיט אַ מער ראַפינירטן מוזיקאַלישן שליסל. פאַראַן ביי אים אַ ריי ליריקס, וואָס רופן זיך איבער מיט רייזענס ליד (פון וועמען ער איז פּאָעטיש אַ נאָכפאָלגער), סיי דורך דעם פּערז־געבוי, ווי אין פאָלקישן טאָן. אַזאַ ליד, ווי „דאָס צימערל דאָס קלענסטע" דערמאָנט אין רייזענס „אַ געזינד זאַלבע אַכט". און רייזעניש איז דאָס ליד „זון־פאַרשיכורט" — אָנצורופן נאָר אַ פּאָר פון טקאַטשס ליריקס. אַלס אילוסטראַציע:

די ליבע זון איז אויפגעליגט
און שמייכלט נאָכאַנאַנד,
זי האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט
איר בענטשנדיקע האַנט.

זיכער וועט מען גלייך אין אַזאַ סטראָפע דערקענען, אַז טקאַטש איז אַ פּאָעטישער תּלמיד פון אברהם רייזען, און איך גיי דאָ נאָך ציטירן פונעם אויבנדערמאָנטן ליד:

מיין האַרץ — אַ שטוב אָן אָפענע,
דורך טיר און פענצטער פריי
קומט פריש ווי לופט די האָפענונג
זינגט פרייד, ווי פרילינג ניי.

דערציילט אונדז טקאַטש, אַז ער איז אַ פּשטן („איך שרייב אָן קונצן"), אַז ער שלייערט נישט זיין געזאַנג און גאַנג אין זיבן שלייערן — דאָס זעט זיך גאַנץ בולט — „הגם צו שרייבן לייכט איז שווער". דאָס אַלץ איז

ריכטיק, אָבער ס'איז דאָך סטיל און פאָרעם, ריטמיק און בילד, וואָס גיבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: — וואָס איז דיכטונג? און סטיל באַטייט, אַז דער רוי־מאַטעריאַל אָרום אונדז איז אויסגעמישט. ערשט דער אָפּ־קלויב, דאָס מוסטערן, שאַפט קונסט. אין ברייטערן זין מיינט עס: טעכניק, לשון, שטימונג, גייסט, געדאַנק, געפיל, וואָס לאָזן זיך נישט אָפּטיילן איינס פון אַנדערן. נישטאָ קיין גרענעץ־ליניע צווישן געדאַנק, געפיל און פּאָעטיש וואָרט. איינס באַווירקט דאָס צווייטע און זיי באַהעפטן זיך אין אַ האַרמאָנישער שלמות.

טקאַטש האָט אַנגעשריבן פּאָלעמישע לידער וועגן קלאָרקייט און פאַרנעפּלטקייט אין פּאָעזיע („פינטעלעך", „דו און זיי", „פּאָלעמיש"). ער באַטאָנט, אַז אין זיין שאַפן איז ער אַ תּלמיד ביי דער זון:

> **איך לערן אָפּ פון אירע מידות:**
> **ווי זי באַלייכט, וואָס זי דערזעט.**

גערעכט איז אָבער ט. ס. עליאָט, ווען ער זאָגט, אַז אַ גוטער פּאָעט איז דער, וואָס ווייסט ווען צו זיין באַוווסטזיניק און ווען אומבאַוווסטזיניק, טאָקע אַ ביסל פאַרנעפּלט און נישט דערזאָגט. אַזאַ פּאָעט לאָזט איבער פאַרן לייענער (אָדער קריטיקער) אַראָפּצונעמען די גאַנצע פונעם פאַר־שפּיגלטן געזיכט, וואָס האָט אין זיך דעם ווונק פון עפּעס אַ געהיימקייט... ווייס איך, אַז טקאַטש איז מיט דעם נישט מסכּים, און איך בין מסכּים מיט אים נישט מסכּים צו זיין...

✶

מיט דעם אַלעם אויבן געזאָגטן, געהער איך נישט צו די, וואָס דער־שאַצן נישט טקאַטשס דיכטערישע קוואַליטעטן, כ'מיין פון די לידער, וואָס אינטעגרירן זיך מיט דער נשמה פון לייענער, און זענען קינסטלעריש אַדעקוואַט דורך אַן עכטער דין־געוועבטער מעלאָדיע. טקאַטש פאַרמאָגט פּקחות און ערנסטקייט. טייל מאָל שפּירט מען, ווי ער מאָביליזירט און קאָנצענטרירט אַלע זיינע חושים אויף דעם בילד, ווי ער וואָלט פריִער אַזעלכע נאָך קיין מאָל נישט געזען.

ביים בלעטערן די לידער איצט אין זיין „האָב און גאָב", האָב איך ביי־פיל איינגעזען, אַז ס'איז ווערט געווען זיי נאָך אַ מאָל צו לייענען, ווייל זיי פּרעזענטירן ווערטן פּאָעטישע, הומאַנישע, גרויסע ליבשאַפט צום לעבן, הגם עס האָט זיך נישט באַוויזן צו אים מיט אַזאַ שמייכלדיק פּנים.

טקאַטש האָט נישט אין זיינע ליריקס קיין תרעומות צום לעבן. פאַר־קערט, ער טראָגט אים אַנטקעגן תרי"ג ליבשאַפטן („איך האָב אין ליב־שאַפט אָפּגעגעבן זיך צום לעבן, מעג איבער מיר דער שאָטן פון טויט שוין שוועבן"). ער זינגט, אַז ס'איז אַ זינד ליבשאַפט צו פאַרשלייפן, און זיין שאַפונגס־ציל איז צו באַווירקן אויפצונעמען דאָס לעבן, די וועלט, מיט רחמים און ליבע.

טקאַטש פאַרמאָגט אַ סך רעליגיעזיטעט אין פיל פון זיינע ליריקס. עס איז דער ריינער רעליגיעזער געפיל און גאָט־באַהעפטונג אָן הכנעה און אימה. ער רעדט צו גאָט אינטים, היימיש און „נישט ווי אַ קנעכט, וואָס קניט". טענהט זיך טאָקע דער דיכטער אויס מיטן „אב הרחמים" געמיט־לעך, דערלאָזט נישט אויף אים קיין מורמל, אַזוי אויך אויף זיינע אומ־פאַרשטענדלעכע וועגן. פון זיין טאַטנס ירושה האָט טקאַטש מיטגענומען קיין אַמעריקע — בטחון, אמונה. און ער, דער וועלטלעכער דיכטער האָט זיי טראַנספאָרמירט אין לידער פון ריינער תפילהדיקייט, גאָט־מעדיטאַ־ציעס און גלויבן, „אַז אויף דער וועלט איז דאָ נאָך ליכט, / איז שוין דער חושך נישט אַזוי געדיכט".

ווי זיין פאָטער אין אוקראַינישן שטעטל, האָט אויך זיין זון, דער דיכטער, אָנגעזאַמלט אין זיך כוחות מיט פרידן אָנצונעמען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע פון לעבן. פון זיינע ביאָגראַפישע לידער זעען מיר דאָך די אָרעמע, מילכיקע שבתים אין זיין קינדהייט, די איינגעבויגענע כאַטע און „ריינעם דלות" באַגלייט מיט פּיין, וואָס ער וויל גאָרנישט דערמאָנען („פון וואַנען איז אַ ייד", „נישט וועק", „אונדזער כאַטע").

אין די פּאָר לידער פון סאָציאַלן כאַראַקטער וועגן זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען („זאָגט דער היימלאָזער", „אויפן ענגליטעטער"), הייבט טקאַטש בולט אַרויס די חשיבות פונעם אַרבעטס־מענטש („אומריין זענען מיינע קליידער, אָבער נישט מיין האַרץ"). ווי שיין ער וואַרצלט זיך איין אָן פאַרביטערונג אינעם נייעם לעבן; ער זעט די עוולות און אומרעכט פון מענטש צו מענטש און ער רעאַגירט, שטעלט זיך איין פאַר ווערטן,

פאַר גלויבן אין מענטש, אַפילו אין זיין פאַלן, „איך ווייס, אַז מענטש וועט, אויך אין פאַלן, פליען / און ווי אַ שטערן אין דעם חושך גלי̇ען״.

אין די ציקלען „בלעטערפאַל״, וואָס נעמט אַרום אויך זיין סאָנעטן־קראַנץ, קענטיקן זיך דעם דיכטערס רייפערע לידער, וואָס ווייזן אויף זיין שטאַרקן פאָעטישן וווּקס. דער פּראָצעס פון וואַקסן ווערט דאָך אָפּגעשאַצט נישט פון דעם, וואָס מען פאַרלירט, נאָר וואָס מען געווינט דורך יאָרן. און ביי טקאַטשן מערקט זיך זיין וווּקס אין די ליריקס, וואָס רעפּרעזענטירן די בשותפותדיקייט פון אַלע דריי: מחשבה, מאַראַל און געפיל.

אַ וועלט מיט פּאָעטישער שיינקייט

י. י. שוואַרצס „לידער און פּאָעמען"

דער פאַרלאַג פון די גאָלדענע קייט האָט אונטערגעטראָגן אַ פּרעכ־טיקע מתנה דעם דיכטער י. י. שוואַרץ מיט אַרויסגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון זיינע אָפּגעקליבענע לידער און פּאָעמען, וואָס נעמען אַרום איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט פון זיין שאַפן.

דער יידישער לייענער־געניסער פון שיינער פּאָעזיע דערשפּירט די דערלייזערישע קראַפט פון דיכטונג און די הנאה, וואָס גוטע פּאָעזיע פאַר־שאַפט אויף ס׳ניי, ווען מען לייענט עס צום וויפלסטן מאָל. וואָס מער מען לייענט זיך אַריין אין שוואַרצס מעלאָדיש־סוגעסטיווע לידער און מען זאַפּט זיך אָן מיט דער שיינקייט פון זיינע פּאָעטישע געמעלן, זעונגען און אימאַזשן, אַלץ גרעסער וואַקסט אויס די שאַפערישע מייסטערשאַפט זיינע פון די פּרעכטיקע לידער און פּאָעמען, די פילפאַרביקע נאַטור־געמעלן, אין וועלכע עס איז דאָ די פרישקייט פון דעם דיכטערס אָקערשטיקער איבער־לעבונג.

י. י. שוואַרץ איז אַ פּייזאַזשיסט בחסד־עליון. ער איז אַ מאָלער מיט קרעפטיקע קאָלירן, פון וועלכע עס שטראַלט אַרויס זיין פּאָעטיש געמיט. ער מאָלט אין דעטאַלן נאַטורזאַכן, וואָס זענען אונדז, דוכט זיך, אַזוי פאַ־מיליאַר, זיי פאַרמאָגן אָבער אין זיך אַזאַ פאַרפיינערטע נאַטור־שפּירונג פון פּאָעטישער אויטענטישקייט און בראשיתדיקייט, באַגלייט מיט אַ ניגון צום אייביקן קוואַל, וואָס גיט לעבן, ליכט און פרייד.

זיין דיכטערישע פּערזענלעכקייט איז געבענטשט מיט האַרמאָנישער גאַנצקייט און מוזיקאַלישער צאַרטקייט. ווען איר לייענט זיינע לידער, האָט איר דאָס געפיל, ווי דער דיכטער וואָלט אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט מיט ווייכע, שטילע טריט פון שבתדיקער שלווהדיקייט. און זיין ליד איז פאַראַן אַן איכיש־אינטימע מנוחהדיקייט, מען הערט נישט קיין הויך קול און שרייענדיק וואָרט, וואָס פאַרשרייט זיך אַליין. ער איז כולו

דיכטער אין זיינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן, אין קינסטלערישע גע־שטאַלטיקונגען פון דער סאָציאַל־מענטשלעכער סביבה, פון אָביעקטן אין דער נאַטור, וואָס ער סובלימירט אין סימבאָלן.

אין זיינע לידער און פּאָעמען זענען די גערעלען פון די נאַטור־לאַנד־שאַפטן געזיווגט אויף פאַרשידענע אופנים מיט מעטאַפאָרן און פאַרגליי־כונגען פון דער מענטשלעכער נאַטור, פון אויפשפּראָץ ביזן פאַרגיין. לדוגמא, „די עלעגיע פון אויסגעהאַקטן עפּל־גאָרטן".

דער דיכטער פירט דורך אַ פאַרגלייך פון דעם עפּלבוים מיט דעם מענטש אין אַלע זיינע תקופות: זיין חנוודיקע שפּילעוודיקייט „ווען יונג אין פלאַטער פון ווינט", אין יוגנטלעכן גלי צעבליט און „ווי אַ כלה אויסגעצירט אין ווייסן צוויט". ביז עס קומט אָן די רייפקייט פון יאָרן „מיושבדיק, באַזעצט, מיט ברייטער בלעטערקרוין, מיט צווייגן זאַפטיקע"... אין גאַנג פון יאָרן הייבן אָן פאַרשווינדן די פייגל מיט זייער פלאַטער און צוויטשער. און עס קומט דער סוף פון אַ לעבן, וואָס האָט אַ מאָל געבליט.

פאַראַן אין דעם בוך, צווישן די אָפּגעקליבענע לידער, נישט ווייניק עלעגיעס, אַ „קינה־געוויין אויפן מענטשנס פאַרגיין", לידער וועגן זקנים: „די אויסגעדינטע זיידעס, ווי אָפּגעשלאָגענע הושענאָס", וואָס זיצן איצט אויף די בענק צעקרימטע און צעלאָמטע.

קען מען נישט גיין קעגן דעם נאַטור־געזעץ פון אַלט ווערן, וואָס איז חל אויף אַלץ, וואָס אָטעמט אונטער דער זון. אָבער אַנדערש זעט אויס ביי יעדן דער סוף פון פאַרגיין אין האַרבסט פון לעבן... דער דיכטער ווייזט אונדז בילדער פון פאַרדאַרטע, איינגעקוואַרטע, אַלט געוואָרענע ווייב־גאַרטנס, וואָס האָבן אַ מאָל געבליט פאַר זיינע אויגן, און אַזוי אויך פון מענטשן נאָענטע.

ער איז געווען איינער פון די „יונגע", די פריי־צעהעלטע, הונגעריקע נאָך ליכט און פרייד, וואָס האָבן מיט פלאַטערנדיקע הענט געשריבן דאָס „ליד, וואָס האָט געברענט זיי אויף די ליפּן און אויפגעפלאַמט די אויגן און די הערצער".

געקומען זענען די „יונגע" קיין אַמעריקע אָנהייב יאָרהונדערט — ווען אַ שטיק יידיש לעבן האָט זיך פון דער אַלטער וועלט געשיפט צו דער נייער מיטן פּנים צו נייע היסטאָרישע גורלות.

דער רוב פון די „יונגע" — פון וועלכע איטלעכער האָט געהאַט זיין אייגן געשטאַלט און קול — זענען געוואָרן די פאָנען־טרעגער פון דער

יידישער דיכטונג אין אַמעריקע, הגם, לכתחילה, האָבן אייניקע פון זיי גאָר אַפילו נישט געטראַכט צו מאַכן אַמעריקע פאַר זייער נייער היים. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען געקומען נאָר אויף אַ ווייל און דעריבער גע־בליבן זיצן פּסיכאָלאָגיש אויף זייערע אימיגראַנטישע וואַליזעס אַרומגע־וועבט מיט נאָסטאַלגיע צו דער אַלטער היימוועלט.

ישׂראל־יעקב שוואַרץ האָט אָבער געהערט צו די, וואָס האָבן ביים ערשטן שלום־עליכם געבן אַמעריקע געזאָגט: כי־טוב! דאָ בלייב איך. ער האָט מיט שעפערישער פרייד באַלד אויפגענומען דאָס ליכטיקע און לויטערע אויף דער נייער ערד. תּיכּף דערזען און באַוווּנדערט די לעבע־דיקע פאַרבן פון איר לאַנדשאַפט, דערשפּירט איר פרישקייט און בשמים, וואָס ער האָט געפאַנגען אין זיין ליד. שוואַרץ האָט געהערט צו די, וואָס האָבן זיך דיכטעריש באַלד געשטעלט מיטן פּנים צו דער נייער וועלט, צו אירע ברייטע האָריזאָנטן און אָפענע וועגן פון יענע יונגע טעג, ווען אַלץ אַרום זיך האָט

> געצויגן און געכישופט אין דער נייער ווייט.
> אַ יונגער, שטאַרקער דור האָט זיך געטאָן אַ הייב.
> האָט אָפּגעטרייסלט זיך פון אַלטן שטויב,
> זיך אָנגעגורט מיט מוט און זיך באַנייט.

שווער איז דעמאָלט געווען דאָס לעבן אין דער נייער היים; י. י. שוואַרץ האָט אָבער נישט געהאַט קיין תּרעומות. צוליב פּרנסה זוכן ווערט ער אויף אַ ריי יאָרן אַ תּושב טיף אין לאַנד און די יידישע דיכטונג איז פון דעם נתעשר געוואָרן מיט אַ וווּנדערלעכן ערשטן יידישן עפּאָס פון אַמעריקע — די פּאָעמע „קענטאַקי". די קלאַסישע עפּיק איז דערשינען אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן און האָט עד־היום נישט פאַרלוירן די צאַפּל־דיקע פרישקייט, וואָס עס קען נאָר געבן אַ ווערק פון הויכער קינסטלערי־שער קוואַליטעט.

דער דיכטערישער חזיון פון דעם ערשטן ייד, וואָס באַזעצט זיך אויף די ברייטע נישט־געצוימטע קענטאַקער סטעפּעס, ווו ער ווערט אַ תּושב, די קינסטלערישע געשטאַלטיקונג פון אָט דער נייער סאָציאַלער סביבה, וואָס נעמט אויף מיט אָפענע אָרעמס דעם יידישן וואַנדערער מיט זיין ירושהדיקער, פון דור־דורות, וואָגל־טראַדיציע, דער אידילישער זיווג פאַר־

נעם יידישן אימיגראַנט מיט דער אַמעריקאַנער ערד, האָט דער דיכטער געמאָלן מיט זיין רייכער פאַרבן־פּאַליטרע, וואָס שטראַלט אויס אַ וועלט מיט פּאַעטישער שיינקייט, ווי עס איז די לאַנדשאַפט גופא אין קענטאַקי.

פון דער אידילישער פּאָעמע זינגט אַרויס גאָטס גענאַד און פרידן, דער אויפגאַנג פון אַ נייעם יידישן לעבנס־וועג און גורל און די ליבשאַפט פון דיכטער צו אָט דער גאָט־געבענטשטער ערד:

> ליב איך די ערד אויף וועלכער איך טרעט —
> פריש איז די ערד דאָ און פרוכטבאַר און פעט.

אין תנכישן נוסח מאָלט דער דיכטער דאָס פאַרזייען דעם ערשטן יידישן מת אין דער נייער ערד, פון וועלכער עס שפּראָצט אַרויס אַ יידי־שער ישוב. ער ברענגט אַרויס די קאָנפליקטן צווישן דער אַלטער יידישער ירושה און דעם נייעם יידיש־אַמעריקאַנער דור. ער רירט אָן די טראַגישע סטרונע פון געמישטע חתונות. דער בליק, נאָך מער ווי דאָס וואָרט, מאַכט שאַרפער שפּירן דעם בלוטיקן שניט אין דעם יידנס נשמה, די קריסטלעכע שנור און די אייניקלעך פון געמישטע וועלטן... עס איז אָן אָביעקטיוו־קינסטלערישע געשטאַלטיקונג אָן מעלאָדראַמאַטישע אַקצענטן פון די יידי־שע גורלות אין דער נייער וועלט. דער דיכטער איז מיט אַלע זיינע רמ״ח־אברים פאַרקניפּט מיט דער אַלטער ווי מיט דער נייער היים. ער, אַ קינד פון דער טראַדיציאָנעלער תורה־וועלט, דער בן־הרב פון ליטע, וואָס איז אין זיין יוגנט אַוועק קיין אַמעריקע, האָט געלערנט איר לשון, איר קול־טור, אירע קינסטלערס. דאָס לאַנד האָט אים פאַרכאַפּט מיט איר רחבות און שיינקייט און ער האָט איר שפעדיקע ערד מיט איר פּייזאַזש אַריינ־געכאַפּט אין זיינע לידער מיט אַ באַצווינגענדיקן ריטעם. און ביים זינגען זיינע קרעפטיקע יידיש־אידיאַמאַטישע פערזן — באַטאָנט ער זיין באַהעפ־טונג פון אַלט מיט ניי אין דער נייער יידישער וועלט:

> ב׳ווייס, ס׳איז די ערד נישט פאַרהייליקט מיט בלוט,
> ס׳ליגט ערגעץ אַנדערש מיין טאַטע און רוט —
> אָבער מיין קינד פון איר ערד איז אַ שטיק,
> לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פון איר גליק.

י. י. שווארץ, וואָס האָט אַרויסגעגעבן צוויי בענדער „ספר שבת", איבערגעזעצט אין יידיש־לשון ביאַליקן און טשערניכאָווסקין, איבערגע־דיכטעט „אונדזער ליד פון שפּאַניע" — וויל דיכטעריש נישט לאָזן אָפּ־ווישן פון יידישן זכרון אונדזערע נעכטנס פון אַלע דורות. ער נעמט שפּריצן פון מדרש („יוסף און זיין האַרינטע", „דער קרוג") און באַטעמט זיי מיט אַלע זיינע חנען, ווי ער טוט דאָס מיט איידלקייט פון געמעל און קאָנטראַ־לירטער סענסועלקייט און זיינע תנ"ך־לידער. די דינע ניואַנסן פון זיין ליריק, דער אופן פון זיין אַריבערטראָגן זיך דיכטעריש צום שורש פון זאַכן, צו זייער אינעווייניקסטן גייסט מיט דער בילדלעכקייט און קלאַנ־גיקייט — אין דעם אַלעם איז אָפּגעשפּיגלט די שלמות פון זיין קינסטלע־רישער געשטאַלט.

אָט די פּנימיותדיקע האַרמאָנישע גאַנצקייט איז אויך אָפּגעשפּיגלט אין דעם אָפּקלייב פון די לידער און פּאָעמען אין דער אַנטלאָגיע. אַחוץ דעם קינסטלערישן ווערט אין איטלעכן באַזונדערן ליד, איז נאָך פאַראַן דער צעמענטירנדיקער עסטעטישער ווערט פון זייער קאָלעקטיוון צוזאַ־מענבונד. די דין־געוועבטע מעלאָדיע, פאַנטאַזיסטיש אין גייסט, סובטעל אין טאָן — שאַפט גאַנצקייט אין דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די מאָטיוון, פון זייערע פאַרבן און קלאַנגען. די לידער און פּאָעמען רופן זיך איבער: פּייזאַזש, געשטאַלט, שטייגערישקייט, אידעע, דיכטערישע איבערלעבונג און אינטויִטיווע דערקענטעניש גיסן זיך צונויף, ווי טענער פון די באַ־זונדערע אינסטרומענטן אין אַן אָרקעסטער.

אין דער אָרקעסטרירונג פון זיין שאַפן הערט זיך גאָר באַזונדער דעם פּאָעטס שטאַרקער בענקשאַפט־ניגון צו זיין געבוירן־היים ליטע, צום פּייזאַזש, ווו ס'איז געשטאַנען זיין וויג אין זיין טאַטנס הויז, צו זיינע „יונגע יאָרן", ווי עס הייסט זיין הערלעכע אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע. עס איז אַזאַ ליריש בענקשאַפט־געזאַנג מיט תפילהדיקן חן און שטילן פּאַ־טאָס צום יידיש־לומדישן פּייזאַזש פון זיין יוגנטהיים אין ליטע. דער דיכטער טוליעט צו זיך מיט צאַרטקייט די רייכע אַרעמקייט פון זיין רבנישער שטוב, אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן צו אַ יידישן דיכטער. די גע־שטאַלט פון זיין פאָטער, דער מזג־טוב, שטיל, ליב צו אַלעמען. די מאַמע זיינע, וואָס האָט פאַריום־טובט די גראָע אינדערוואָכנס. איר בענטשונג און מנוחה האָבן זיך אין זיין פּאָעטישן געמיט צונויפגעגאָסן מיט דעם

אַמעריקאַנער נאַטור־פּייזאַזש. די נאַטור איז דאָרט אַן אמתדיק מאַמישע מיט שפּעדיקע ברכות און פּרוכטבאַרקייט.

פאַראַן ביי אים אַ ליד „אַ קליינע מאַמע״, וועגן אַ מאַראַנץ־ביימל מיט דינינקע וואָרצלען אויף אַ בערגל, ווו עס איז געבליבן שטיין פאַר־וווּנדערט ביז ס'איז געקומען אַ מלאך „צו פלִיען אין פּלִי / אים געקלאַפּט מיט אַ זונשטראַל אין פּליוצע: בלִי״. עס האָט אַרויסגעגעבן פּרוכטן, זאַפ־טיקע, שמעקעוודיקע... און דאָ קום איך צו דער לעצטער סטראָפע, וואָס איך אַסאָציִיר מיט דער מוטער פון פּאָעט — מיט אונדזערע אייגענע מאַמעס:

און די מאַמע אויפן בערגל, צווייַ פוס פון דער ערד,
שטייט אין נחת און קוועלט, פון דער משא באַשווערט;
האָט געטאָן איר שליחות — און זי לויכט אין אָרום,
ווי אַן אויסטערליש־רויטע פאַרצווייגטע בלום.

„יונגע יאָרן״ איז אַ קדיש־פּאָעמע נאָכן פאַרשניטענעם יידישן לעבן, אויסגעזונגען פון א דיכטער אַ שטילן, אָן די שטאַרקע שטימבענדער פון רעטאָריק און שטאַמפּאַוונער באָמבאַסטיק. זי איז באַהויכט מיט אַזאַ קוואַ־ליק־ריינער פּשטות, אַ פאָלקסטימלעך־אידיאַמאַטישער און ווייכער. די זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן, פון זיין הדרת־פּנימדיקן פאָטער, פון וועלכן דער זון האָט אַזוי פיל געירשנט, פון זיין מאַמען — די שבת־מלכה אין הויז; די געמעלן פון דער ליטווישער לאַנדשאַפט אין אַ „זומערטאָג פון גאָט״ — דאָס אַלץ ליכטיקט אַרויס פון דער פּאָעמע מיט פרישקייט און ערשטקייט. אַזוי אויך דער פּאָרטרעט פון אַלטער קאָוונער רב אויף דעם הינטערגרונט פון וואַלד אויף זיין זומער־וווינונג.

דער דיכטער האָט ליב די ליטווישע נאַטור מיט אירע אַלטע וועלדער, די בלויקייט פון ניעמאַן־טייך אין אַ גאָלדיק־צעשטראַלט זונליכט. און עס גייט אויף אַ טיפע בענקשאַפט, וואָס פלאַטערט פון די שורות אַרויס צו די אויפגעטויכטע זעונגען „פון ריינסטן גאָלד געשפּונען״, ווען די וועלט ווערט ווידער יונג פון יענער ווייטער קינדהייט מיט איר געזאַנג, קלאַנג און רייץ. זינגט ער עלעגיש זיין געזאַנג צו דער אַלטער וועלט מיט איר עקאָנאָמישער אָרעמקייט, אָבער גייסטיקער רייכקייט.

אין זיין ליד „ירושה" דערמאָנט שוואַרץ דעם אָנזאָג פון זיין טאַטן ביים פאַרלאָזן די היים:

נישט פאַרגעס אונדזער גאַנג איבער וועלט —
„זיי אַ ייד"... ער האָט מער נישט גערעדט;
נאָר זיין בליק האָט געלויכטן, געגליט,
מיט בטחון און שטילן געבעט.

ער איז נישט נאָר געבליבן ייד מיט דעם טאַטנס ירושה אין האַרצן, נאָר האָט די ירושה פאַרזייט אין זיינע לידער, באַרייכערט יידיש מיט די בעסטע שאַפונגען פון אַלע אונדזערע נעכטנס און זיי מזווג געווען מיט זיינע געזאַנגען אין דער נייער יידישער וועלט, געזאַנגען צו אַלץ, וואָס איז שיין און דערהויבן אין מענטשלעכן לעבן.

פּאָעטישע אויטענטישקייט

יעקב צבי שאַרגעלס „זוניקע שוועלן"

יעקב צבי שאַרגעלס לידערבוך „זוניקע שוועלן" פאַרמאָגט אַן אייגנ־אַרטיקן חן. שאַרגעל איז אַ דיכטער, וואָס זעט מיט אַ קלאָר אויג און נעמט אויף מיט אַ שטאַרקער עמפּינדלעכקייט די באַדייטונג פון דעם, וואָס ער זעט און שפּירט. זיינע לידער טראָגן דעם זיגל פון פּאָעטישער אויטענטישקייט און עכטקייט, וואָס זאָגט, אַז אין זיין וואָרט זאָל נישט זיין קיין קלאַנג פון שקר, קיין פאַלשער טאָן. זיינע פרייד־געזאַנגען צו דער נאַטור און איר שיינקייט פאַרמאָגן אַ פרישקייט פון זען דערשיינונגען אין אַ ביז־איצט נישט באַמערקטן ליכט. עס קענטיקט זיך פון די לידער אַזאַ דיכטערישע הנאה פון אַנזעטיקן זיך מיט זוניקייט און ליכט־שטראַלן און גלייכצייטיק מערקט זיך אַ נישט־געשטילטער דורשט צו די געטראַנקען פון פאַרבן און קאָלירן אין די כישופדיקע פאַרנאַכטן מיט זייער גאָלד און בלוי פון הימל, און צו די פרימאָרגן־געזאַנגען פון גרינס —

דאָס גרינס הילט מיך איין — אַ טלית,
מה טובֿ! — זינגט דער ריח אַריין אין צעלט.
אַ נייע זון, אין אַ נייער התגלות,
מאַכט מיך זען אין יעדן אויפבלי — די וועלט.
(ליכט)

דער נאָמען פון לידערבוך „זוניקע שוועלן", פאַרמאָגט אַ סוגעסטיוו־סימבאָלישן אַנדייט אין פאַרשידענע דימענסיעס: אין שטח, אין צייט, און אינעם געמיט פון אַ יידיש־ישראל־דיכטער, דריי, וואָס זענען אין תוך גענומען איינס. דורך די שוועלן גייט דורך די חומשדיקע לאַנדשאַפט פון ארץ כנען מיט די אבות („דאָ האָבן געשפּאַנט מיינע זיידעס"). עס

גייט אוודאי אַדורך די געדענקשאַפט פון דער אַלטער היים („כעלעם האָט געהייסן מיין שטאָט") מיט „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט אין טויזנט געשטאַלטן". ווי יעדן פון אונדז, באַגלייט אויך דעם דיכטער דער מאַמעס געשטאַלט מיט איר לשון און ליד, וואָס טוט זיך רייסן פון איר קבר אַרויס צום הימל —

נאָר קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען איר שפּראַך,
ווייל איר לשון איז אַראָפּ אין די גריבער.
האָט ס'קבר איבער איר זיך פאַרמאַכט
און איר ניגון איז דעם ירדן אַריבער.

שאַרגעל, דער דיכטער־חלוץ, שטייט ביי די שוועלן באַלאָדן מיט די זכרונות, וואָס ציִען צוריק מיט צוואַנגען צו טאַטע־מאַמע, וואָס „פירן אַלץ נאָך ביי דער האַנט מיך".

מיט פיעטעט און ליבשאַפט באַזינגט שאַרגעל די פלאַטערנישן און מענקשאַפטן, וואָס קומען צו אים „געהילט אין רעגנבויגן". ער געדענקט די אָרעמקייט און די נויט אין שטוב און זוכט עס נישט צו פאַרביינען, אָבער געוועזן איז אויך „די שיין, די פאַרהוילענע, וואָס האָט פול געמאַכט די שטובן", אָט די שיין, וואָס איז אויסגעגאַנגען זינגענדיק —

ווער האָט געזונגען דאָס ליד
פון ייִד,
וואָס בענטשט אין פינצטערניש דאָס ליכט?
איך, דו צי ער?
ווער איז פּלוצעם אַריינגעקומען
און דאָס מיט דבקות אויסגעזונגען?

וואָרעם דאָס ליד פונעם ייִד
וואָס בענטשט אין פינצטערניש דאָס ליכט
איז אַריין צו מיר אין וווינונג
אומגעריכט, —
אַ זומערפלאַטער אַנגעטאָן אין גאָלד.

ס׳האָט אַ שוועב געטאָן —
אַ דערמאָנונג —
און אַ היים געוואָלט.

(ווער)

אָט דער בילד־רעפלעקס מיט זיינע אַסאָציאַציעס איז אַ דיכטערישער אַרויסרוף צו די גלות־פאַרביינערס, די וואָס האָבן אַזוי ליב צו פּאַראַדירן און טייטלען מיטן פינגער אויף דעם בערגעלע מיסט פון גלות־הויף, ווי עס וואָלט דאָרט נישט געווען קיין שום אַנדער זאַך... דוכט זיך, אַז צו זיי האָט אַ מאָל אפרים קאַגאַנאָווסקי אַ זאָג געטאָן: „אַז מען גייט אַרויף אויף אַ הויף, דאַרף מען נישט קודם־כל לויפן צום מיסטקאַסטן. עס זענען אויך דאָ בלומען, גראָזן, קינדער״...

באַשווערט דער דיכטער זיינע קינדער און אייניקלעך צו געדענקען דאָס ליד פון פּוילישן ייד, אויסגעפינען דעם „זינגער און דעם ניגון״, וואָס האָט געשיינט, ווי אַ ליכטזייל איבער אונדזער יידיש לעבן.

*

עס איז אַ באַוווסטער כלל: קונסט, פּאָעזיע האָט פּלאַץ פאַר אַלץ — פאַר אַלע אופנים פון זען, הערן, שפּירן — פאַר יעדן אינטויִטיוון און וויזיאָנערישן אופן אויפצונעמען די וועלט, לעבן, באַשאַף, מיט אַן אייגענעם ריטעם און האַרץ־קלאַפּ.

שאַרגעלס לידער פאַרמאָגן אָט דעם אינדיווידועלן האַרצקלאַפּ און לעבנס־ריטעם. אין זיינע געזאַנגען פון נאָגנדיקע שפּירונגען, זכרון־וויזיעס פון דער חרובער יידישער וועלט, ווי אין די פון אויפלעבונג, פון „מי און בלי״ אין אייגן לאַנד — איז דאָ אַ יידישע אינטימיטעט פון אַ נאַטירלעכן פלוס, באַהויכט מיט אַן אויטענטישן נשמה־פלאַם און געפיל־אַנגעגליטקייט. זוכט נישט ביי אים קיין פּאָעטישע חידושים — ער האָט פאַר זיי קיין לאַבאָראַטאָריע נישט אויפגעשטעלט. ער האָט אָבער יאָ געלערנט דעם סוד פון צימצום, פון קליין, וואָס ווערט גרויס דורך שלמות. ער האָט געלערנט ביי „די לידער וואָס עס זינגט דער באַשאַף״ און זאָגט אונדז אָן:

זאָלסט לערנען בײַ די ביימער
וואָס דו אַליין האָסט געפּלאַנצט,
בײַ זייערע פּירות, בײַ זייער וואָרעם;
ביים פלאַטערל, בײַ דער ביז,
בײַ אַלץ וואָס איז מושלם, פאַרגאַנצט.
(ווייסער פּאַס)

דער דיכטער זוכט אין דער נאַטור־לאַנדשאַפט אויך אַפירמאַציע פון לעבן, פון מענטשלעכן גייסט אין זיינע זיגזאַגישע וועגן. אין דעם היינטיקן, אומרויִקן כאַאָס פון קאָנפליקטן און ווערטן, פאַרגעסט מען אַ וויכטיקן יסוד, וואָס די אַלטע חכמים האָבן נאָך מיט יאָרטויזנטער צוריק אַנטדעקט: — אַלע סודות הייבן זיך אָן מיט דער נשמה, מיט דעם מענטשלעכן גייסט, וועמענס וועג איז — אינעם מענטשן גופא.

שאַרגעל געהערט נישט צו די, וואָס גייען אינטעלעקטואַליזירן פּאָעזיע. זיין דיכטערישער יסוד איז אָן אויסדריקלעכע בילדערישקייט פון מחשבה, געפיל און צייטגעמיט. דורך זייער סינטעז זוכט ער צו דערגרונטעווען זיך צו די בענקשאַפטן און אָנונגען, צו די עמאָציאָנעלע, געלייטערטע רעגונגען און אַסאָציאַציעס מיט זייער אָפּקלאַנג און אויסקלאַנג אין געמיט און מחשבה. דער דיכטער שפּירט די סודות אין דער נאַטור און אין מענטש, אויף וועלכע עס גענוגנט נישט אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן צו געבן אַ קלאָרן ענטפער און באַגרייפונג. האָט דאָך אַ מאָל דער אַרמענישער דיכטער געוואָרק עמין געזונגען אין איינעם פון זיינע לידער: — נישטאָ קיין קירצערער וואָרט ווי „יאָ" און „ניין", און דאָך קלעקט נישט דער שפּאַן פון אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן צו ענטפערן ענדגילטיק: „יאָ" אָדער „ניין".

נעמט טאַקע דער דיכטער אויף די יצירה, אירע חלומות און באַגערן, דעם נס פון פאַרוואַנדלונג און ווערן, ווי אַ הימלדיקן נס, פאַר וועלכן ער שפּילט אַ הימען־געזאַנג:

אַ הימען שפּילן־אויס מיינע פינגער
צום הערלעכן הימלדיקן נס.
אַ הימען — מיט אַלע צוויטשערס און זינגער —
אין מיין יעדן געשאַנקענעם מעת־לעת.

שאַרגעלס באַגייסטערטע געזאַנגען צום ישראל־פּייזאַזש, אַקאָמפּאַ־ נירט מיט אַ תנ״כישן עכאָ, פאַרמאָגן אַ העל־קלאַנגיקן ריטעם, אַ קרעפּ־ טיקע קלאָרקייט פון געפיל און שטימונג. אין זייער פילבאַדייטיקייט פון אויסדריקלעכער בילדערישקייט, איז דאָ נישט בלויז אַ נאַציאָנאַלע, נאָר אויך אַן אוניווערסאַלע פאַרב, פונקט ווי אין די לידער, וואָס אונדז דוכט זיך, אַז זיי זענען ליבע־מאָטיוון, קענען אויך זיין געזאַנגען, דינע, איי־ דעלע געפילס־טענער צום לאַנד און היים, אין וועלכער דער דיכטער־ חלוץ האָט אַ חלק ונחלה.

שאַרגעלס געזאַנגען זענען אויך נישט בלויז פרייד, באַגייסטערונג און שאַלונג. פאַראַן אין זיי נישט ווייניק קהלת־טענער, טרויער, אומעט און דערשטיקט געוויין — אַ געמיט־אויסגוס — אַ בילד, פון יעדן איינעם פון אונדז גופא. אָבער שטייענדיק אויף די זוניקע שוועלן פון ארץ־ישראל מיט אירע לאַקנדיקע לאַנדשאַפטן, דאָמינירן נישט אין לידערבוך די טרוי־ ער־ און אומעט־געזאַנגען פון פאַרגיין און פאַרלענדונג (לדוגמא, דאָס ליד „אַ בוים וויינט״), נאָר —

> און געהילך, און געזאַנג, און געבלי,
> און אַ גאַנג אַזאַ יונגער און דרייסטער.

„דיכטער און דיכטונג״ פון א. טאַבאַטשניק

„דיכטער און דיכטונג״ איז אַ בוך צום לייענען און לערנען. אַ בוך, וואָס פאַרשאַפט אַ סך עסטעטישן און אינטעלעקטועלן פאַרגעניגן. די אָפּהאַנדלונגען זענען פאַר אונדז היינט אַזוי פריש און אינטערעסאַנט, ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, ווען מיר האָבן זיי געלייענט באַזונדער אין זשורנאַלן געדרוקט.

וואָס מער מען לייענט זיך אַריין אין דעם בוך, אַלץ בולטער ווערט די ראָל פון אַ נישט־דורכשניטלעכן ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכער איז אַליין אַ פּאָעט אין זיין אייגענער רעכט. עס איז דער קריטיקער, וואָס מאַכט אונדז אָפּט מאָל פאַרגעסן, אַז ער שרייבט וועגן דעם ווערק פון אַן אַנדערן, ווייל ער זינגט אין דעם אַריין זיין אייגן ליד (ווי ניגער האָט זיך אויסגעדריקט). עס איז דער קריטיקער, וואָס איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אַזאַ פיינעם חוש פאַר די עסטעטישע ווערטן פון פּאָעזיע, פאַרמאָגט די שפּראַך־פיינקייטן פאַרן קלאַנג און בילד פונעם וואָרט און פאַר זיינע דינסטע ניואַנסן.

י. ד. סאָלינדשער האָט אַ מאָל באַמערקט, אַז דער ערגסטער שונא פון אַ שרייבער איז אַן אַנדער שרייבער. ווער רעדט שוין, אויב דער שרייבער איז אויך אַ קריטיקער, איז דאָך הימל עפן זיך! אָט די באַציִונג צום קריטיקער, האָט שוין הינטער זיך אַ געשיכטע פון אַ שיינע פּאָר טויזנט יאָר. פּלאַטאָ האָט געשריבן, אַז ער זעט נישט קיין שום קאָנסטרוק־טיווס אין ליטעראַטור־קריטיק. אין איינעם פון זיינע „דיאַלאָגן״ שרייבט ער: „עס איז פאַראַן עפּעס וואָס איז זיכער פּרוטלאַז... אַ קריטיקער, וואָס זוכט אַ קאָמפּענסאַציע פאַר זיינע דערנידעריקונגען אין דער יוגנט, און קריטיק איז פאַר אים אַ מיטל צוריק צו באַקומען זיין חשיבות... טאָקע דערפאַר וואָס ער איז אַ מאָל אין שול געוואָרן באַליידיקט, געשטויסן און אויסגעהוזקט, זוכט ער, ווען ער וואַקסט אויס, זיך אָפּצורעכענען פאַר זיינע פאַרווונדעטע געפילן... ער הייבט אָן קנייפּן און בייסן צוליב קאָמ־פּענסאַציע״...

אוודאי געהערט אַזאַ מין קריטיק גיכער צו פּאַטאַלאָגיע, אָבער אַ פּאַקט איז עס, אַז זינט פּלאַטאָ ביז צום אולטראַ־מאָדערניסטישן זשאַן פּאָול סאַרטר (וועלכער האָט די קריטיקער באַצייכנט אַלס „היטער פון אַ בית־הקברות״), הערשן חשדים ביי די שרייבער צו זייערע קריטיקער.

אָבער אָביעקטיוו גענומען, דערפילט ליטעראַטור־קריטיק אַ וויכ־טיקע שעפערישע פונקציע. זי שאַפט דעם ליטעראַרישן קלימאַט און איז אויסטייטשער און מאָנער, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דעם פּראָצעס פון אַ ווערק, אַ ליטעראַטור, ווי אַ וואַלד, ווערט פאָרמירט פון פאַרשידענע איינסן מיט זייערע ספּעציפישע אייגנשאַפטן. דאָס קומט אָריין אין חשבון ביי דעם עכטן ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס גלאַנצט אַרויס מיט זיין אַנאַ־ליטישן און סינטעטישן כוח. אַנאַליזירן מיינט צעשפּאַלטן אויף באַזונדערע טיילן, פון יעדן פון זיי אַרויסבאַקומען דאָס ספּעציפיש־אייגנאַרטיקע. סינ־טעזירן — שאַפט די גאַנצקייט פון חלקים, עס אַנטפּלעקט דעם יסוד און סוד פון אחד.

אוודאי מאַכן קריטיקער אויך טעותים, אויך ווייסנשאַפטלער מאַכן עס, און ליטעראַטור־קריטיק איז נישט קיין פּרעציזער ווייסנשאַפטלעכער אינסטרומענט. קריטיקער, אַפילו די אידעאַלסטע, זענען נישט קיין מלאכים. נישט תמיד איז לייכט צו זיין אָביעקטיוו. ווי שטאַרק מען זאָל נישט וועלן קען מען נישט זיין פריי פון סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, פון אַ געוויסן מין פאָראורטיילן צו נישט באַליבטע שרייבער... עס זענען אויך דאָ פאַלן ווען אַ קריטיקער ווייזט אַרויס אַ באַזונדערע הנאה ביים אַראָפּרייסן, אָנ־ווייזנדיק מיט זעלבסטצופרידנקייט די פגימות פון ווערק. אָבער דאָס זענען עקסטרעמע פאַלן און טאָרן נישט ווערן קיין אַלגעמיינער שטעמפּל. אין דער באַציִונג צו די ווערטן פון קריטיק דאַרף מען זען דעם גוט־קוואַליפיצירטן, פאַראַנטוואָרטלעכן קריטיקער מיט זיין ערלעכקייט און גרויסער מאָס אָביעקטיווקייט ביים באַהאַנדלען אַ ווערק. און דאָס פירט אונדז צו טאַ־באַטשניקס ווערטפול בוך.

מען מוז נישט מסכים זיין מיט אַלץ, וואָס טאַבאַטשניק זאָגט אין זיינע צוויי און דרייסיק קריטישע שטודיעס אין דעם בוך, כדי אָנערקע־נען דעם סטימולירנדיקן כוח פון זיינע מיינונגען און אָפּשאַצונגען, וועלכע דערגראָבן זיך צום סאַמע וואָרצל פון די באַהאַנדלטע פּאָעטישע ווערק. אוודאי האָט ער זיינע ליבלינגען, צו וועלכע ער גייט גלייך צו מיט דעם

ענטוזיאַזם פון אַ פאַרליבטן... אָבער אויך לגבי די אַנדערע מוז מען אָנער־קענען זיין גרויסע מעלה: שעפערישע ליבע צו אַ פרעמדנס ווערק.

דער קריטיקער, וואָס שטעלט אָן דעם גרויסן רעפלעקטאָר נאָר אויף חסרונות און זוכט אויס די שאַרפסטע נאַדלען צו קענען שטעכן, דאַקעגן, וועגן די מעלות — קוים וואָס ער דערמאָנט זיי — אים פעלט אָביעקטיוויטעט און אַ ריי אַנדערע וואַלאָרן פון שעפערישער קריטיק — יעדעס ווערק אַפּצושאַצן לויט זיין ליכט און שאָטן.

טאַבאַטשניק טיילט זיך אויס אין זיין קריטיק, אַחוץ מיט אַנדערע מעלות, אויך מיט דער גרויסער מאָס אָביעקטיוויטעט און אויפריכטיקייט לגבי די באַהאַנדלטע שרייבער. אַחוץ עטלעכע ארבעטן, וועלכע פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער ראַם פון זיין בוך, האָבן מיר פאַר זיך אַ ווערק, וואָס איז מלא וגדוש מיט די וויכטיקסטע עקספּאָנאַטן פון דער מאָדער־נער יידישער דיכטונג, מאַניפעסטירט אין די שאַפונגען פון די „יונגע".

טענות

עס זענען מצד אייניקע רעצענזענטן אַרויסגערוקט געוואָרן טענות צו אַ. טאַבאַטשניק הלמאי עס פעלן אין זיין בוך עטלעכע פּאָעטן פון די „יונגע", וועלכע וואָלטן דערגאַנצט דעם וויכטיקן קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון די „יונגע" — אַ קאַפּיטל, וואָס פאַרנעמט אַזאַ באַדייטנדיקן אָרט אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע; הלמאי אין זיין אַרבעט וועגן לייוויקן פעלט אָן אַפּהאַנדלונג וועגן לייוויקס דראַמען; פאַר וואָס ער האָט צו עטלעכע פראַגמענטאַרישע עסייען, גע־דרוקט מיט יאָרן צוריק, נישט מוסיף געווען מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן אַרומנעמען שפּעטערדיקע שאַפונגען פון די זעלבע פּאָעטן. די טענות זענען גאַנץ פאַרשטענדלעכע, טיילווייז באַרעכטיקטע, אָבער מיט איין חסרון: זיי נעמען נישט אין אַכט דעם פאַקטאָר פון פּערזענלעכע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז אַ קריטיקער פון אַזאַ קאַליבער, ווי טאַבאַטשניק, זאָל במשך פון אַ שיינע פאַר צענדליק יאָרן האָבן אַזוי ווייניק אָפּגעדרוקט.

עס איז אויסער יעדן ספק, אַז ער איז ראוי — לויט אַלע זיינע קוואַ־ליפיקאַציעס — אָנצושרייבן די געשיכטע פון דער יידישער פּאָעזיע פון

אַמעריקע, און נישט נאָר פֿון אַמעריקע! אַזאַ כוללדיקע אַרבעט איז אַ נויטיקע פֿאַר דעם בעסערן יידישן לייענער — און אים האָט דאָך טאַ־באַטשניק אין זינען ביים שרייבן — זיכער איז ער היינט צו טאָג דער באַרופֿנסטער צו אַזאַ גרעסערער אַרבעט, וועלכע ער וואָלט אויסגעפֿירט בשלימות.

אָבער אין דעם בוך, האָט טאַבאַטשניק גאָרנישט פּלאַנירט צו שרייבן געשיכטע. דעריבער וועלן מיר זיך נישט פֿאַרנעמען מיט דעם, וואָס עס פֿעלט, נאָר מיט דעם, וואָס איז יאָ דאָ, און דאָס איז אַ רייך און וואָגיק קאַפּיטל וועגן גרויסע דיכטער און זייער שאַפֿן. די גלענצנדיקע אָפּהאַנד־לונגען וועגן יהואָשן, מאַני לייבן, האַלפּערינען און ריווקינען — צו דער־מאָנען נאָר עטלעכע — זענען די בעסטע עדות פֿון דעם בוך.

און גוט האָט ער געטאָן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט די פֿאַרגייער פֿון די „יונגע". יעדער קינסטלער נוצט אויס אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין קונסט ביז אים צו אַקצעפּטירן עס, אָדער אָפּצוואַרפֿן — ווי אַן אויסדרוק פֿון רעבעליע. טאַבאַטשניק כאַראַקטעריזירט גאַנץ ריכטיק דעם רעוואָלט פֿון די „יונגע" קעגן זייערע פֿאָרגייער, ווי אַן אויסדרוק פֿון די טיפֿע ענדערונגען, וואָס זענען אין זייער צייט פֿאָרגעקומען אין די פֿאַרהעלטענישן צווישן יחיד און כלל, די טיפֿע סאָציאַלע ענדערונגען, דער אָנוווקס פֿון נייע כוחות, און דער עיקר — אַ נייער קוק אויפֿן זין פֿון לעבן, פֿון כלל צום יחיד.

אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן מאָריס ראָזענפֿעלד, גיט טאַבאַטשניק אַ געשיכטלעכן צוריקבליק איבער יענער ליטעראַרישער תקופה, ווען דער סאָציאַל־עטישער אינהאַלט האָט דאָמינירט איבער דער עסטעטישער פֿאָ־רעם. הגם טאַבאַטשניק האָט זיך זיינע עסטעטישע פֿאָרמולעס ווי אַ פּרווו־שטיין פֿאַר יעדן קונסטווערק, שטערט אים אָבער נישט דער קריטיש־עסטעטישער מעטאָד צו האָבן אַן אַנדער צוגאַנג צו דעם קינסטלער און לייענער פֿון יענער צייט. ער שטייט אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז אַ ווערק קען נישט אויפֿגענומען ווערן אין פֿולן זין, אויב דער לייענער קען נישט אין אַ געוויסער מאָס אי די עפּאָכע, אי דעם הינטערגרונט און די באַדינ־גונגען, אין וועלכע עס איז געשאַפֿן געוואָרן.

איך מיין, אַז ביאָגראַפֿישע פּרטים פֿון אַ שרייבער האָבן אויך אַ באַדייטונג אין דער אינטערפּרעטאַציע פֿון אַ ווערק. אַלס אילוסטראַציע איז כדאַי צו ברענגען אַ פּערז פֿון דעם גרויסן ענגלישן פּאָעט ק י ט ס:

„ווען יוגנט וואַקסט בלאָס, ספּעקטער־דין און שטאַרבט...״ — ווען מען ווייסט נישט, אַז דאָס האָט ער געשריבן, ווען ער האָט געפּלעגט זיין האָפענונגסלאָזן ברודער און דערביי געטראַכט, אַז ער איז דער נאָענטס־טער קאַנדידאַט, וואָלט עס נישט געווען קלאָר אַפילו פאַר אַ לייענער מיט אַן אַנטוויקלטער קולטור־באַהאַוונטקייט.

(אַז איך האָב שוין דערמאָנט דזשאָן קיטס, איז כדאי צו באַמערקן, זיין פּאָעטישן קרעדאָ — די אידענטיפיצירונג פון אמת מיט שיינקייט, און די אידעע פון שיינקייט האָט אים פאַרפאָלגט ווי אַ פּאָסיע. עס איז פאַר אים געווען מער עמאָציאָנעלער גלויבן ווי אַ פילאָזאָפיע).

דער ריינער קינסטלערישער עסטעטיציזם פון די „יונגע״, איז אויך געוואָרן דער עמוד האש, וואָס האָט באַלויכטן זייער קריג קעגן די כלל־מאַטיוון און דעם פאָטאָגראַפישן רעאַליזם פון יענער צייט אין דער דיכטונג.

אָבער פאַרעם אַליין איז נישט גענוג. עס מוז זיין עפּעס, וואָס זאָל סינטעזירן און עס פאַרבינדן מיטן לעבן. דער ריינער עסטעטישער אויס־דרוק קען ווערן אַנעמיש אַן עטיש־סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דוכטענישן. מאַלאַרמעס באַוווּסטער זאָג, אַז לידער שרייבט מען נישט מיט קיין אידעען, נאָר מיט ווערטער, דאַרף מען מצרף זיין מיט אַ זאָג פון דיכטער מאַרסעל אַרלאַנד: „איך קען נישט אויפנעמען אַ ליטעראַטור אָן עטיק. מאָראַל איז אונדזער ערשטע זאָרג״. דערביי האָט ער צוגעגעבן: „כאָטש קיין דאָקטרינע פעלט אונדז נישט, אָבער דאָס פעלן — מאַטערט אונדז״.

האָט טאַבאַטשניק אין זיינע עסייען וועגן די „יונגע״, דעריבער, געזוכט אויפצווייזן די אינעווייניקסטע שייכותן פון פריי־אינספּירירטן שאַפן מיטן יחידישן ליד, ווי מיט די אימאַזשן, וואָס זענען פון זיך אַליין געקומען דורך אַ פאַנטאַסטישן אופן פון זען זאַכן. וואָס שייך אידעע, הגם זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז אין ליד דאַרפן זיין פּראָבלעמען, זייענדיק אַסאָציאַל (טיילמאָל אַנטי־סאָציאַל), אויב אַפילו זיי האָבן נישט געלעבט מיטן פאָלק, האָט דאָס פאָלק אָבער געלעבט אין זיי. אויף זייער אופן האָבן זיי ווייטער „געזוכט צו שפּינען די אַגדה פון יידישן לעבן״.

קריטיקער־פאעט

עס איז איבעריק צו באטאנען, אז טאבאטשניקס אנאליז פון דיכטערישע שאפונגען איז קריטיש און פאעטיש. עס האט פארנעם, בילדערישקייט און א סטיל פון א קינסטלער־קריטיקער, וואס באמיט זיך מסביר צו זיין, וואס פאר א באפרידיקונג עס האט אים געגעבן דאס ליד. נישטא קיין שום בייז אין דעם, וואס לייענער און קריטיקער גייען זיך פונאנדער אין אן אפשאצונג פון א ווערק. דער אמעריקאנער פראפעסאר א. לאווערזשי האט א מאל באמערקט, אז די ווירקזאמע צוזאמענארבעט פון פילאזאפן באשטייט דער עיקר אין דעם, וואס זיי זענען צווישן זיך אפט נישט מסכים... אט דער זאג קען אנגעווענדט ווערן אויך לגבי קריטיקער. וואס שייך לייענער, אפילו די אינטעליגענטסטע, ווילן זיי אויך הערן א קאמפעטענטע מיינונג, און טאבאטשניקס מיינונג שטיצט זיך אויף זיין קוואליפיצירטער קאמפעטענץ — וועגן די אלע פאעטישע אינגרידיענטס, סטיל, שטימונג, טעכניק או״ו, וואס גיבן אין ליד אריין א ספעציפיש־אינדיווידועלע, לעבעדיקע נשמה.

אונדזער בעסער ליד נויטיקט זיך אין אן אויג פאר פארעם, פאר בילד און טעכניק, און אין אן אויער פאר מוזיק. טאבאטשניק האט אלע קוואליפיקאציעס פאר דעם, פלוס זיין טיפע באהאווונטקייט אין דער יידישער און וועלט־פאעזיע. אי ביים כאראקטעריזירן א געוויסע ליטערארישע תקופה, אי ביי דער דערגרייכונג פון א שאפערישן יחיד, צו געפינען זיין ארט אין דער תקופה און צו זיין אינעווייניקסטער וועלט — שאפט זיך טאבאטשניק א שליסל פון גוט־צוגעקליבענע ציטאטן, וואס דארפן באקרעפטיקן זיינע אויספירונגען.

ווען מען לייענט טאבאטשניקס עסייען, זעט מען ווי ער לאזט דעם דיכטער אויפגיין אין זיינע שאפונגען צו באווייזן די אינערלעכע געשטאלט פון פאעט, זיין גראבן זיך טיף צום דיכטערס גרונטקוואל, די סיבה ראשונה פון זיינע קינסטלערישע נייגונגען, פון סטיל, געמיט־צושטאנד, צעריסנקייט, דערפארונג, קאמפלעקסן, — וואקסט טאקע אויס פאר אונדזערע אויגן אט דער קריטיקער, וועלכן ריווקין האט באצייכנט, אז ער איז אליין בבחינת פאעט, ער האט נאר פארביטן פאעזיע אויף פאעטן. זיי זענען פאר אים רוי־מאטעריאל און „פון יעדן פאעט וויל ער זיך א ליד מאכן״.

אין געוויסע ערטער האָט טאַבאַטשניק דערגרייכט, אַפילו דורך גאָר בצימצומדיקע, פּלאַסטישע שורות, די ספּעציפישע אינדיווידואַליטעט פון יעדן פּאָעט פון דער גרופּע „יונגע". עס איז כדאַי ציטירן:

„און וואָס מאַני לייב האָט דערגרייכט דורך אויסשפּיגלען זיך אין בלענדנדיקער שיינקייט, און דורך אימאַזשיניסטיש־דעקאָראַטיוון שענערן און צירן זיך אין אַלע פאַרביקייטן פון דער ערד, י. י. שוואַרץ דורך שפּעדיקן אויפגאַנג אַ פּאַרוואָרצלטער אויף דער אַמעריקאַנער ערד, ראַל־ניק דורך זיין אויפגעצוקטן ליד און געלייטערטן געמעל, זיין וויכוח מיט דער וועלט און זיין חשבון מיט גאָט, משה לייב דורך טראַגישן גראָטעסק, בונטאַרישן פּאַטאָס און פרייען פאַנטאַסטישן גאַנג פון אַפּאָקאַליפּטישע בילדער און זעונגען, משה נאַדיר, דורך זיין אויף טויזנטער אופנים וואַריאירטן האַמלעטישן זיין אָדער נישט זיין מאָנאָלאָג, אייז־לאַנד, דורך לאָזן זיך פירן פון אַ רייפגעוואָרענער זינלעכקייט, און לייוויק דורך זיין זעלבסטהייליקן זיך פאַר אַ קרבן עולה און אַן אויפהער, טאָג־איין טאָג־אויס, זיך פירן צו דער עקידה — האָט לאַנדוי דערגרייכט אין אידעישן זינען דורך עקסטאַטישן אַריינזינגען זיך אין לויטערקייט, רו און נישט־דאָיקייט, האָט לאַנדוי דערגרייכט דורך שפּיל און מאַסקעראַד, דורך זיין אַרלעקין און זיין וווּנדערלעך־צאַרטן, פאַרבענקטן פּיעראָ" (ז' 173).

אַט די ציטאַטע פון טאַבאַטשניקס „דיכטער און דיכטונג", גלויב איך, וויזואַליזירט דורך אַ גלענצנדיקער וואָרט־בילדלעכקייט די אינער־לעכע פאַרטרעטירונג פון די „יונגע". די כאַראַקטעריסטיק איז אַ טרעפ־לעכע מיט אַנאַליטישן שאַרפזין און אויסדרוק־קראַפט. טאַבאַטשניק קען האַלטן די אויפמערקזאַמקייט פון לייענער מיט זיין שרייבערישן כוח, אַ טיפזיניקער באַמערקונג, פאַטאָס און לירישער וואַרעמקייט. דער לייענער גייט מיט מיט אים אויף זיינע עקסקורסיעס און ווערט דערפאַר באַלוינט מיט אַ פאַרטיפטער אויסברייטערונג פון זיינע ידיעות פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע און מיט דערפילן בחוש די מיסטעריע פון פּאָעטישע דוכטענישן, סוגעסטיוקייט און עמאָציאָנעל־עסטעטישער אָנלאָדונג.

עס איז איבעריק אונטערשטרייכן, אַז נישט אַלע אַרבעטן זענען אַזעלכע גרינטלעכע און אַזוי אַלזייטיק, ווי למשל, די אָפּהאַנדלונג וועגן יהואָשן, אָדער משה לייבן. צו די וואָגיקסטע דאַרפן, בלי ספק, צוגע־רעכנט ווערן די עסייען וועגן מאַני לייבן, לאַנדוין, ראַלניקן, ליעסינען און ראָזענפעלדן. עס איז אויך אַ שאָד, וואָס ער האָט זיין מייסטערהאַפטע

אָפּהאַנדלונג וועגן ב. ריווקין נישט דערגאַנצט, ווי ער האָט עס יאָ געטאָן אין זיין מוסטערדיקער אָפּהאַנדלונג וועגן משה לייבן. זיין פּאָרטרעט פון האַלפּערינען, „דעם דיכטער פון אַ סך ראָלן”, גיט צו נאָך אַ שטאַרקערע דימענסיע צו דעם, וואָס איז שוין געשריבן געוואָרן. זיין פּריציייטיקער טויט האָט אפשר אַ שייכות צו פּאַסטערנאַקס זאָג: „שורות, ווען זיי זענען געמישט מיט בלוט, טוען מאָרדן”. ער האָט זיך שנעלער אויסגעבערענט, ווייל געלעבט צוויי מאָל שטאַרקער...

*

א. טאַבאַטשניק איז געגאַנגען אין די פּוסטריט פון די „יונגע” און אויפגענומען שעפערישע פרייד מיט טיפער פאַרשטענדעניש פאַר עכטער דיכטונג. ער האָט זייערע נצחונות, זייערע פּאָעטישע געוואַגטקייטן דורכ־געלויכטן מיט אַ סך שוווּנג, מיט באַווייזן זייער עפּאָכע־מאַכנדיקן כאַראַק־טער. טאַבאַטשניק פּאָלגט נאָך מיט אַ שאַרף אויער די אינסטרומענטירונג פון ליד, האָבנדיק פאַרן אויג ווערלענס געבאָט אַכטונג צו געבן אויף דער מוזיק פון ליד, אַז דער זין וועט שוין אויף זיך אַליין אַכטונג געבן. ער פאַרלאָזט זיך אָבער נישט אויף דעם „זיך אַליין”; יידישע פּאָעזיע דאַרף שטרעבן צו זיין נישט בלויז הויך־קינסטלעריש, נאָר אויך יידיש. האָט דעריבער טאַבאַטשניק אין זיינס אַ ליד געשריבן:

> עס בענקט דאָס האַרץ אין מיר נאָך פרומע רייד,
> נאָך תפילות, ווי דאָס העלן אויף באַגינען.
> עס לערנט דער בעל־שם: פאַר תפילות דאַרף מען פרייד —
> אַ פרייד, ווו קען איך דיך געפינען?

געפונען האָט ער אין די „יונגע” אַן אויסדרוק פון צוריקקער צו דער רעליגיעזער פאַנטאַזיע, צום גאולה־מיטאָס און צו משיח־בענקשאַפט; געפונען ביי די פּיאָנערן־קלאַסיקער טראַדיציעס פון אַ פּאָזיטיוון בליק אויפן לעבן, פון גלויבן אין מענטש און אין מענטשלעכקייט און סאָציאַל־עטישע אידעאַלן אַלס יסוד פון ליד; איז געקומען זישאַ לאַנדוי מיט זיינע חברים, און געזען אין דעם „אַ גראַמען־דעפּאַרטאַמענט ביי דער אַרבעטער־באַוועגונג”, איז אַנגעגאַנגען אַן אינערלעכער געראַנגל מיט זיך

און מיט דער וועלט. און אַט דער געראַנגל צווישן אַלטן און נייעם, צווישן פּרימיטיווקייט און מאָדערניזם, צווישן אַלגעמיינעם און פּערזענלעכן, האָט באַקומען אַ קרעפטיקן אויסטייטש אין טאַבאַטשניקס „דיכטער און דיכטונג".

דאָס בוך האָט אַ גרויסע מעלה, וואָס אין אים געפינט זיך אַ מין אַנטאָלאָגיע פון די בעסטע מוסטערן פון לויטערן קינסטלערישן ליד, וואָס טאַבאַטשניק האָט אָפּגעקליבן מיט געשמאַק און באַהאָוונטקייט. האָבן מיר פאַר זיך אַ בוך, וואָס ווייזט דעם גאַנג און דעם כאַראַקטער, אויב נישט פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג, איז פון איר אויפבלי און אַנטוויקלונג, פון איר גרויסער באַנייונג אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון דעם צעשטורעמטן יאָרהונדערט, איר גרויסן געראַנגל פאַר דעם נייעם יידישן זיין.

טאַבאַטשניקס אַרט שרייבן פאַרמאָגט אַ סך מעלות. עס גייען ביי אים נישט פאַרלוירן די דינסטע שפּירונגען, די האַלבע און פערטל־טענער, די סובטעלסטע ניואַנסן און געפילן. ער איז נישט נאָר רייך אין שפּראַך, נאָר געפינט תמיד אויפן אָרט דאָס וואָרט, דעם טאָן צו באַנייען און אָפּפרישן, העל באַלייכטן דאָס טונקעלע; שרייבער און ווערק אַרויסצונעמען פון שכחה און עקליפּס...

שרייבער און ווערק

מענדל מאַן —
דער מאָלער פון ישראל־פּייזאַזש

מיט זיין יידיש לשון איז מענדל מאַן צוגעגאַנגען צו דער אוראַלטער און נייער ישראל־לאַנדשאַפט אויפצוכאַפּן איר בילד און קלאַנג, צו עפּע־נען אַ טירעלע צו אירע סודות, אויפנעמען איר לשון און ניגון, אין וועלכע ער האָט זיך ליידנשאַפטלעך פאַרליבט ביי זיינע ערשטע טריט אין לאַנד. עס איז אַ קעגנזייטיקע ליבע. די לאַנדשאַפט האָט אַנטפּלעקט פאַר אים איר רייץ, איר סודותדיק לשון פון די טויזנטיעריקע סיקאָמאָר־ביימער, די נאַגנדיקע איינזאַמקייט פון אַ קאַרליק־קוסט אויף אַ פעלדז, די דיסקרעטע ציפּרעסן, וואָס וואַכן ווי נאַכט־שומרים אין שטילער רו. דער אַלטער פייגנבוים האָט אין באַגלייטונג פון יוערבל־ווינט שטיל גע־זונגען זיין ליד, די מימאָזע און צאַברע־קוסטעס האָבן צום טאַקט צוגע־שאָרשט און דער דיכטער האָט זיי אַלעמען אין זיין יידיש־לשון דערציילט זיינע אינטימע געפילן.

מענדל מאַן פאָלגט נאָך דעם גרעאַנגל פאַר קיום אויף יעדן שפּאַן אין דער נאַטור. אַט זעט ער די טראַציקע עקשנות, די טיפע איינגע־שפּאַרטקייט פון די טאַמאַריסקן־קוסטעס זיך דורכצורייסן דעם שטיינער־דיקן באָדן און דורך פאַרבאַרגענע שפּאַלטן אַרויסשיסן פון פעלדז. עס איז פאַראַן עפּעס בשותפותדיקס צווישן פלאַנץ און מענטש צו ראַנגלען זיך פאַר לעבן אין די שווערסטע באַדינגונגען. דער אומגעבראָכענער בטחון פון די אָרעמע קוסטעס, פון ביימער איינזאַמע, אָפּגעזונדערטע, וואָס לעבן זיך אויס ביחידות און פּרווון מיט אייגענע כוחות אויסשטרעקן זייערע צווייגן צו דער זון. און פאַרקערט: ביימער, וואָס קענען נאָר וואַקסן אין שאָטן פון אַנדערע. אַט זעסטו דערבנער, וואָס זעען אויס — ביי נאַכט אין דער טיפער פינצטערניש — ווי צאַרטער זייד אָבער אונטער יעדן צווייגל טראָגן זיי פאַרבאָרגענע שפּיזלען... און ווידער פאַרקערט: „נעם אַ טייטל־פּאַלמע מיט איר קרוין פון 48 בלעטער, זיי זעען אויס ווי

איבעריק, איינגעדאַרט און מיאוס, אָבער זיי שרעקן מיט זייער געשאַרך די פייגל און שיצן דעם שטאָם פון דער ברענענדיקער זון און פון די קאַלטע שטורעמס". דער דיכטער פאַרגלייכט די דרכים פון מענטש און פלאַנץ און זייערע ענלעכקייטן. ווי די געוויינלעכע געוויינלעכע גענג פון דומם, זענען אויך די געוויינלעכע גענג פונעם מענטש. זיינע פשוטע און לויטערע מחשבות, זיינע גוטע מעשים, באַשיצן און באַשירעמען אים.

מענדל מאַן אַפּעריִרט מיט אַ שלל פאַרבן אין זיינע ישראל־דערציי־לונגען. דורך מאַלערישע בילדער אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז נאַטור און נשמה־לאַנדשאַפטן, וואָס רעדן צו אונדז מיט זייער בילדערישער שפּראַך. פאַר אים איז שפּראַך אַ לעבעדיקער שטאָם טיף פאַרוואָרצלט אין מאַמע־ערד. ווערטער ווערן מיט דער צייט פאַרוועלקט און נייע קומען אויף. די אַלטע פאַלן אויך נישט אַלע אַראָפּ מיט איין מאָל. אין יעדער געגעבע־נער צייט איז די ווערטערשאַפט געמישט פון אַלטע מיט נייע.

דער דיכטער קען זיך נישט באַנוגענען מיט דער ווערטער־ירושה פון זיינע פאַרגייער. ער שאַפט נייע און באַהעפט זיי מיט די אַלטע אַרויסצובאַקומען אַ בעסערן קלאַנג און בילד.

אין מענדל מאַנס דערציילונגען קומט בולט צום אויסדרוק אַט די באַהעפטונג ביים מאָלן פּייזאַזשן און איבערגעבן די שפּראַך פון לאַנד־שאַפטן.

★

ווען מענדל מאַן איז געקומען אין ישראל, האָט ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע נייע עולים זיך באַזעצט אין אַ פאַרלאָזטן אַראַבישן דאָרף. זיי האָבן דאָרט געטראָפן אַ מעטשעט־בערגל מיט ליימיקן הייזער־געקנויל, פאַר־קראַמפּטע, טויטע ביימער און איבער זיי — די הרי־יהודה, וועלכע האָבן די פאַרנאַכטן פאַרכישופט. ביי טאָג זענען די זעלבע בערג פאַרשאַרפטע, עפּעס ווי אָפּגעבליאַקעוועט, אָבער ווען עס קומט פאַר נאַכט — אַ הערלעכע שיינקייט „ווי די הרי־יהודה וואָלטן באַצירט געוואָרן מיט געשליפענע איידל־שטיינער". („אַביגיל").

ערד־אַרבעט איז דעם דיכטער נאָענט געוואָרן. די ליבשאַפט צו פעלד און וואַלד האָט ער געירשנט פון זיינע עלטער־זיידעס, דאָרפישע יידן, פּויערים אין זשופּאַנעס מיט רויטע פּנימער, מיט בייטשן אין די הענט,

וועלכע האָבן אויפגעשטעלט אַ יידיש דאָרף אַרום פלינסק (פּלאָנסק) מיט יידישע אַקערער, פּאַסטעכער און וואַלד־העקער.

ער האָט אַלס קינד, זייענדיק אַלט זעקס יאָר, ליב געהאַט אַרויסצוגיין פאַר טאָג אין פעלד און מיט זיינע הענטלעך זיך איינגעגראָבן אין באָדן. דערציילט ער אַן עפּיזאָד פון יענער צייט, ווען ער איז איין מאָל פלוצלונג שלאָף געוואָרן און די מאַמע האָט אים געבראַכט צום דאָקטער.

— עפן נאָר אויף דיינע הענטלעך, האָט דער דאָקטער אַ זאָג געטאָן צו אים, ווייז נאָר, וואָס דו באַהאַלטסט אויס.

ער האָט געעפנט און זיי זענען פול געווען מיט שוואַרצער ערד.

— „קאָביעטאָ”, האָט דער דאָקטער זיך געוואָנדן צו דער מאַמען, דיין זון וועט נישט נאָר בלייבן לעבן, נאָר ר׳וועט זיכער אויסהאַלטן אַ סך שטורעמס אין זיין לעבן. זעסט נישט ווי ער קלאַמערט זיך אין אונדזער ערד?...

דער דאָקטער איז גערעכט געווען. ער איז געבליבן לעבן דורך די שטורעמס פון אונדזער צייט, און ווען דער קריגשטורעם האָט אים פאַרוואָרפן אין אַ העק, אין דעם ווייטן רוסישן דאָרף טענגשיי, האָט אים אויך דאָרטן אַ צי געטאָן דער געוויין פון אַ שעפּסעלע, דער ריח פון זשיוויצע האָט פאַרשמעקט זיינע נאָז־לעכער און די בערדיקע פויערים מיט אויסגעהונגערטע מאָגנס זענען געווען גוט צו אים. ער האָט צוזאַמען מיט זיי געטרוימט פון הייסע קאַרטאָפל מיט זויערמילך און פאַרשטאָפּט דעם מאָגן מיט פּלעווע און קלייען־ברויט.

פון טענגשיי ביז דעם פאַרלאָזטן אַראַבישן דאָרף כפר נטוש איז אַ גרויסער מהלך און נישט בלויז געאָגראַפיש... און דאָס בשותפותדיקע צווישן דיביידע דערפער אין זיין ביימס לעבן איז אויך געווען זיין נאָענטקייט מיט דער נאַטור. מיט טיפער פרייד האָט זיין העלד מנחם טעפער (אַן אויטאָביאָגראַפישע מאַסקע) זיך דערנענטערט צום בוים און בלימל, וועלכע האָבן אים מקבל־פּנים געווען... דער מחבר דערציילט („פאַרשנייטע פליגען”) ווי טעפער האָט בעתן קריג געאַרבעט אין רוסלאַנד מיט די פויערים אין פעלד און אין וואַלד זיך דערנענטערט צו דער נאַטור־דאָרפישקייט און ליב באַקומען די פלאַכן ביי דער וואָלגע.

אין כפר נטוש איז וואָלף סאָכאַטשינער צוגעפאַלן צום שטיקל ערד אַרום זיין שטוב. דער באָדן האָט אים גערופן, געווינט פאַר אים און געמאָנט זיין שווייס. דאָס שטומע געוויין האָט אַ צי געטאָן ביים האַרצן.

מיטביידע נאָזלעכער האָט ער געאָטעמט מיטן ריח פון פעלד און בוים. עס איז אים נאָענט געוואָרן יעדעס בלימל און גרעזל און ער האָט אָנגעהויבן זען לעבן אין די וויסטענישן נאָך איידער זיי האָבן אָנגעהויבן באַפעלקערט צו ווערן. ער האָט געזוכט צו פאַרקניפּן איבערגעריסענע פעדים. מנחם טעפּער האָט זיינע היימישע געשטאַלטן, די יידן פון סאָכאַטשין, געפּרוּווט אויפלעבן מיט זיין פענדזל, שאַפן דעם קשר פונעם נעכטן מיטן היינט.

מענדל מאַן האָט אין זיינע ישראל-דערציילונגען באַלויכטן דעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון די נייע עולים צו שלאָגן וואָרצלען אינעם נייעם באָדן. עס זענען דאָך אָנגעקומען יידן פון פאַרשידענע מקומות, קולטורן און דרכים. ספרדישע און אשכנזישע יידן מיט קעגנזייטיקע פאָרארטיילן, מיט פאַרדאַכט און אומצוטרוי („מען האָט נישט געטרויט קיינעם, ווייל מען האָט זיך אַליין נישט געטרויט") האָבן געדאַרפט לעבן בשכנות. אויך די אשכנזים אין זייערע פאַרשידענע פּסיכישע קאָנטראַסטן האָט דער גורל צוזאַמענגעפּירט אונטער איין דאָך. די יחוסדיקע טאָכטער פון זווילער וואַלד-סוחר סלאָווע מיט קוניען דעם פיזישן קריפּל. זייער צוזאַמענלעבן — אַ צופעליקס, פאַרטראָגן פון שטורעם...

דער מחבר דרינגט אַריין מיט פּסיכאָלאָגישער פאַרשטענדעניש אין די איבערלעבונגען, שטימונגען, אין געמיט-צושטאַנד פון זיינע העלדן. אַ טייל פון זיי זענען ווי אָפּגעבראָכענע צווערג-קוסטעס „וואָס דער ווינט קייקלט זיי ביז זיי ווערן פאַרפּלאָנטערט אין דערנער". אָט האָבן זיך באַגעגנט און פאַרקניפּט אין די דייטשע לאַגערן גיזעלאַ פון אונגאַרן און פּאַוועל פון פּוילן, אַן אינוואַליד פון דער מלחמה, פיזיש און פּסיכיש.

גיזעלאַ, אַ יונגע אויפגייענדיקע בלום, רייסט זיך צו זון און ליכט, און דער קאָנפליקט, דער ריס איז אומפאַרמיידלעך... אין דער שטימונגספולער דערציילונג („אין אַ שטיינהאַקעריי") זענען פאַראַן פיינע לירישע פּאַסאַזשן, וועלכע רופן זיך איבער מיט פּלאַסטישע נאַטור-געמעלן. מענדל מאַן האָט אַ שאַרף אויג, ער זעט די לעבעדיקע שפּורן אין פעלדז, שטיינערנע אָפּדרוקן פון צווייגלעך, בלומען, טריט, שלאַנגען און קיזלשטיינער. דער קלאַנג פון די געשלייפטע שטיינדעלעך אויפן ברוק רופן אַרויס ווייטע זכרונות פון גרעבליע-שטיינער ביים וואַסער-מיל, פון אַ געפּליעסק ביי די שלוזן ערגעץ אין אַ שטעטעלע ביי מאַזאָוויע, און אַ קליין יינגעלע קוקט זיך צו און זאַפּט איין אין זיך די שטילקייט פון אָרום.

די דערינערונגען ציִען זיך ביז אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד בעתן קריג מיט אויפגעריסענע שטיינערנע הייזער און פּאַלנדיקע ווענט פון מויערן. די קלאַנגען פון קלאַוויר האָבן אַלישן אַריבערגעטראָגן אין אַ היימישן דאָרף מיט אַ באָרוועסן פּאַסטעך ביי אַ שטראָמיק טייכל. דער ריח פון דער לאַנקע אין דער אַלטער היים פּאַרלויפט אים כסדר אין כפר נטוש. נאָך שטאַרקער ווערט דער ריח מיטן באַווייזן זיך אין דאָרף, אין דער נייער ווירטשאַפט, די ערשטע עופות און בהמות. דער הענערקריי און דער געפּלעסק פון אַפּמעלק האָט אין זיינע אויערן אָפּגעקלונגען מיטן היי־מישן ניגון.

די דעסקריפּציע פון אַן עולהס פּאַרלוירנקייט אין זיינע ערשטע טריט ביז ער ווערט אויסגעגרינט — האָט מאַן געגעבן אין אַ ריי דערציילונגען. דער טאָג־טעגלעכער געראַנגל פאַר קיום, נאָך יאָרן קאַצעט און אויסגע־וואָרצלטקייט, ווערט דורכן מחבר אַרויסגעבראַכט נישט נאָר פון אַן ערנסטן אַספּעקט, נאָר טייל מאָל אויך אין גראָטעסק, ווי די שילדערונג פון דעם צענדליק עולים, וועלכע פּאַרכאַפּן פּלעצער אויף קראָמען אין דעם פּאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן דאָרף. „עפּעס האָט זיך אָפּגערופן אינעם בלוט פון אַט די מענטשן — זיי האָבן געפּרוּווט טאָן, וואָס טאַטעס און זיידעס האָבן געטאָן". אָבער ביסלעכווייז — נאָך אַ פּאָר וואָכן שטיין אַן פּדיון אין די האַלב ליידיקע קראָמען — האָט מען זיך אויסגעטשוכעט פון חלום, און מיט דעם איז פון דער הלבשה אויף פּאַרשוווּנדן די קראָכמאַ־ליעטע העמדער מיט די סיגנעטן אויף די פינגער. יעדער איינער האָט מיט זיינע מיטלען און אופן געפּרוּווט אָפּגעפינען אין זיך און אַרום זיך זיין היימישע וועלט.

דער מחבר האָט נישט פאַרזען אויך די טיפּן, וועלכע ווילן אויך אין ישראל לעבן אויף דער „אַרישער זייט". (אגב, אַ גאַנץ געלונגענע באַ־צייכענונג פאַר די „פּאַן זיגמונדס", וועלכע רייסן זיך אינעם ישוב צוריק צו זייער „אַרישער זייט"...). אַלס קעגנגעוויכט שטעלט דער מחבר אַוועק זייערע פּרויען, וועלכע באַנעמען בעסער ווי זייערע מענער דעם פּראָצעס פון אַקלימאַטיזאַציע און איבערגעשטאַלטיקונג. (מען קען געבן אַ סך פּאַר־קערטע ביישפּילן — י. ק.). גראָד האָט יוסטינע, וואָס האָט אין די ערשטע פּאַרצווייפלטע טעג און אין די שאַקאַל־וואָיענדיקע נעכט איר יולעקן געמאַטערט: — וווהין האָסטו מיך געבראַכט ? אין דער ווילדעניש ? — זיך שנעלער צוגעפּאַסט צו די נייע לעבנס־באַדינגונגען. מיט אַלע כוחות

באַמיט זי זיך צו אַנטלויפן פון איר פאַרפּוילישטן נעכטן און אַריינוואַקסן אין נייעם באַדן, בעת איר מאַן בלייבט אַן אויסגעוואָרצלטער, לעבנדיק אויך אין ישראל אויף דער „אַרישער זייט".

אין מענדל מאַנס ישראל־דערציילונגען זענען די טיפן געשילדערט אין אַ שייכות מיט דער לאַנדשאַפט. ער מאָלט די נאַטור אין אַלע אירע שטימונגען, וואָס זענען אַזוי אייגנטימלעך בעת איר טוישן קאָליר און פאַרעם. מיר שפּירן בולט די עלעגיע ביים ראַנד פון מדבר מיט זיינע דאָרנקוסטעס, זאַמדהאָבער און פלעכטגראָזן. מיר מאַכן דורך אַ שטורעמדיקן צאָרן פון דער אַרומיקער לאַנדשאַפט און אָטעמען אין „יענער רויִקייט, וואָס נעמט אַרום די צווייגן נאָך אַ שטורעם". די מענטשן, געקומענע פון מלחמה און לאַגער, לעבן אויף ס׳ניי איבער זייערע קאָשמאַרן. אין די קראַנקהאַפטע זעונגען פלעכט זיך דער נעכטן אַריין אין היינט. אין זייערע האַלוצינאַציעס באַווייזט זיך די יסורימדיקע פּיין פון יענער צייט.

עס וועט לאַנג נעמען ביז זיי וועלן צוריק באַקומען זייער גלייכגעוויכט און די שלווה, צו וועלכער זיי שטרעבן. אָבער ווי האָט געשריבן פּאַסטערנאַק אין „ד״ר זשיוואַגאָ": „אַפילו טראַגעדיע איז אַן עדות פון דער פרייד פון עקזיסטענץ". די אויפגאַבע פון אַ קינסטלעריש ווערק איז טאַקע, אַפילו ביים שילדערן און מעדיטירן טויט, צו שאַפן דערביי לעבן. מענדל מאַן גלויבט אין לעבן. אין זיינע דערציילונגען שפּירט מען דעם דאַזיקן גלויבן פון באַיאָונג. ער וואָלט גאַרנישט געקענט וויי‏טער לעבן אין אַ וועלט פון דיסאילוזיע. אין דער פאַרוואָלקנטער חושך־נאַכט, אויב דער מענטש פאַרלירט די וויזיע צו זען איבערן קאָפּ אַן אויסגעשטערנטן הימל, פאַרלירט ער אויך דעם באַדן אונטער זיינע פיס. מענדל מאַנס העלדן שפּירן דאָס מיט אַלע זייערע אברים, און דעריבער ראַנגלען זיי זיך אַזוי שטאַרק צו שטיין מיט ביידע פיס אויפן נייעם באַדן.

דער דיכטער האָט אין די מלחמה־יאָרן אַ סך זיך אָנגעזען און דורכגעלעבט. אין זיין נע־ונד־וועג פון דער ווייסל ביז אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל ערגעץ אין אַזיע, און שפּעטער אויף דעם פראָנטפייער פון מאָסקווע ביז בערלין, איז ער געוועזן אַן עדות פון דעם, וואָס ער פרעגט אין זיינע מלחמה־שילדערונגען: „מענטש, וואָס וועט פון דיר ווערן אויפן פראָנט: אַ לייב אָדער אַ היענע? עס דרימלען אין דיר ביידע חיות — וועלכע וועט נעמען די אויבערהאַנט?... דער דיכטער האָט געלעכצט נאָך מענטשלעכקייט, וואָס זאָל גובר זיין די חיה, ער האָט געזוכט אַן אויסדרוק, אַ

קינסטלערישן אויסמעסט אין דעם געראַנגל צווישן פאַרצווייפלונג און גלויבן, געפּרווט אַריינדרינגען און אויפנעמען דאָס ליכט און שאָטן פון די העלדן, וועלכע ער שילדערט. עס האָט אים — ווי יעדן איינעם פון אונדז — געפּייניקט די עקבערנדיקע פראַגע: ווי אַזוי ווערט פון אַ מענטש, און פון גאַנץ באַדייטנדיקע טיילן פון ציוויליזירטע פעלקער — איבער נאַכט מערדער ?...

פון דער גרויסער גאַלעריע געשטאַלטן, תמימותדיקע, האַרציקע פאַלקסמענטשן, וועלכע ער צייכנט אין זיינע דערציילונגען, טיילן זיך אויס די שטילע העלדן מיט זייערע גרעסערע ליידן און קליינע פריידן, וואָס זיי טראָגן אויס מיט אויסדויער און ווירדע. אייניקע פון זיי זענען געשיל־דערט אין פאַרשידענע דימענסיעס מיט בילדערישער עשירות. זייער עמאָ־ציאָנעלן און אינטעלעקטועלן געמעל האָט דער דיכטער אַרומגענומען מיט אַ פּייזאַזש־ראַם פון דער ישראל־נאַטור.

אין דער גאַלעריע געפינען זיך אויך אומסימפּאַטישע טיפּן, מענטשן מיט מאַסקעס, געוויסנלאָזע קאַריעריסטן, וואָס שטופּן זיך אַדורך מיט זייערע עלנבויגנס און מיטן ציניש שמייכל דורך אַלע טירן...

אָט איז גאַבוש — ער איז אומעטום אויבנאָן. אין די לאַגערן און אין ישוב רודערט ער אַרום אין די קאָמיטעטן אָן שום מאָראַלישע סקרופּולן און אָנשטענדיקייט. ער האָט אַ געשליפן צינגל און האַלט אומעטום רעדעס, אָן אחריות פאַר זיין וואָרט און אָן בושה פאַר די צוהערער. ער רעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, וועגן וואָס רעדט ער נישט ?

— גאַבוש רעדט וועגן גליל, וועגן כנרת, וועגן די יידישע ליידן אין דער וועלט. אַלץ איז ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רייד. זיי קומען נישט פון דער טיפעניש, זיי ליגן אויבן אויף. הויך קלינגעוודיקע ווערטער זיינע רייד, שיין און לייכט ווי די פּלעווע פון זאַמדהאָבער — קוקסט אָן דעם געוויקס — אַלץ ווי ס׳דאַרף צו זיין, נאָר אַ געניט אויג דערקענט גלייך, אַז ס׳איז נישט מער ווי פּלעווע.

זיין אייגענע פרוי, טאַמאַראַ, וואָס קען אים פון אַלע זייטן, וואַרפט דעם אמת אים אין פּנים אַריין, זי לייכט אים דורך פון קאָפּ ביז די פיס און זאָגט אים, אַז זיין שיינריידעריי זענען נאָר ווערטער פאַר יענעם, אָבער נישט פאַר זיך. „...דו ביסט אַ מענטש אָן אַ אייגן פּנים! — שרייט זי אויס צו אים, טראָגסט אויף זיך אַ פרעמדע מאַסקע — דיין פּנים, דיין לעבן, דיין רעדן, ווערטער אָן דעקונג״.

אַט די גאַבושעס באַגעגענען מיר אומעטום, קיין איין ישוב איז נישט פריי פון זיי...

מענדל מאַן טויכט פון צייט צו צייט אַראָפּ צו בילדלעך און זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן. ער זוכט אין זיי זיינע וואָרצלען, די אויספאָרמי־רונג פון זיין כאַראַקטער.

ער דערציילט פון אַ פאַל ביים יידישן מילנער פון זיין שטעטל, ווען אַ קליין שייגעצל איז דערטרונקען געוואָרן ביי דער וואַסערמיל און די פויערים זענען געקומען צו לויפן צום מילנער ער זאָל עפענען די זאַס־טאַוועס פון זיין מיל און אַרויסלאָזן דאָס וואַסער, ווייל זיי קענען נישט געפינען דאָס קינד.

דעם מילנערס זין האָבן אַריינגעטענהט מיט די פויערים, אַז ס׳איז אַ טרוקן יאָר, די מיל האָט קוים וואַסער צו אַרבעטן און דאָס שייגעצל איז שוין סיי ווי טויט, אָבער די אַלע רייד האָבן נישט געהאָלפן און ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי קלעפּ.

דער מילנער, וועלכער האָט, אַפּנים, די גאַנצע צייט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, וואָס דאָ צו טאָן, האָט מיט אַן איבערמענטשלעכן כוח אָפּ־געשטופּט זיינע זין, געעפנט די זאַסטאַוועס מיט אַ געשריי צו זיינע זין: „אַ מענטש דאַרף מען זיין!״

אין די שווערסטע צייטן פון זיין לעבן האָט זיך מענדל מאַן דערמאָנט אין דעם מילנערס אויסגעשריי, ווי דאָס וואָלט געווען אויך אַן אָנזאָג פאַר אים, אַז אין אַלע באַדינגונגען — אַ מענטש זאָלסטו זיין! אָט די פּסיכישע לעגיטימאַציע האָט מאַן געזוכט ביי פאַרשידנאַרטיקע טיפן פון זיינע ווערק.

ביי די יידישע העלדן זיינע האָט ער געפּרוווט אָפּגראָבן זייער ירושה פון דער אַלטער היים און דעם אָנוווקס דורך דער ברוטאַלער צייט...

דאָס אַלטע מיטן נייעם אויף דער „אויפגעוואַכטער ערד״ האָט דער דיכטער געזען אויך אין די צווייביימער — דעם טאָפּאָל און די פּאַלמע — דער סימבאָל פון דער אַלטער און נייער היים, וואָס ער האָט געזען ביים ראַנד פון אַ פּרדס און זייערע וואָרצלען האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן. מאַן האָט די פאַראייניקונג געזוכט אין אינדיווידועלן און סאָציאַלן לעבן, ווי אויך אין די נאַטור־ און מענטש־געמעלן. ער איז אַ ייד אַ בעל־מאַמין און גלויבט אין כי־טוב. ער זעט ווי „איין גרויסער הימל שפּרייט זיך איבער גאָטס וועלט — אַ הימל פול מיט רחמים צום מענטש״.

וועגן לייב ראָכמאַנס

„מיט בלינדע טריט איבער דער ערד"

אָן ערך צוויי צענדליק יאָר איז אַדורך זינט לייב ראָכמאַן האָט פאַר־עפנטלעכט זיין ערשטן בוך „אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן". עס איז געווען אַ געראָטענער ערשטלינג, וועלכער האָט דעם יונגן מחבר אַרויסגערוקט אויף אַ בכבודיקן אָרט אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

נאָך אַ לאַנגן איבעררייס האָט ראָכמאַן איצט אַרויסגעגעבן זיין צווייטן בוך „מיט בלינדע טריט איבער דער ערד" (פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב). טעמאַטיש איז עס פּונקט ווי זיין ערשטער — וועגן דריטן חורבן — אָבער וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשיד אין דער באַהאַנדלונג! אין ערשטן — אַ רעאַליסטיש־אימפּרעסיאָניסטישע שילדערונג פון דעם מחברס איבערלעבונגען אין היטלעריסטישן גיהנום, זייענדיק אַליין דער קרבן און דער עדות פון דעם קאַטאַקליזם. עס האָט אויפגעשווידערט דעם לייענער דעם מחברס טאָג־טעגלעכער געראַנגל מיטן טויט, זייענדיק אין זיינע אָרעמס ביזן טאָג פון דער באַפרייונג. דורך געשטאַלטיקן די טויטלעכע סכנות פון אַ יחיד, האָט זיך אַנטפּלעקט די טראַגעדיע פון דער לאַנגער פינצטערער נאַכט בעת אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

אין צווייטן בוך איז שוין געשטאַלטיקט די גרויסע קאַטאַסטראָפע — רעטראָספּעקטיוו, שוין אויף צו מאָרגנס נאָכן אויפהייבן זיך פון בלוטיקן פאַרהאַנג, ווען עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער פולער פאַרנעם פון גרויסן יידישן חורבן. ראָכמאַן האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן אַרויסצושפּיגלען פון זיך דעם קאָשמאַר נישט נאָר פון דער אומגעבראַכטער יידישער וועלט — נאָר אויך דעם אויפצומאָרגנס פון די, וואָס זענען געווען „אין טאָל", ווען זיי האָבן זיך אַדורכגעגליטשט דעם טויט צווישן די פינגער און זענען פון אַלע גריבער אַרויסגעקומען נאָך דער נאַכט צו באַגעגענען דעם נייעם פרימאָרגן.

אין קעגנזאַץ פון דעם רעאַליסטישן אופן אין דער באַהאַנדלונג פון חורבן אין זיין ערשטן בוך, האָט ראַכמאַן אין זיין איצטיקן בוך אַרומגענומען אָט דעם קאָשמאַר מיט סימבאָליש־פאַנטאַסטישע בילדער, אין וועלכע די אויסערלעכע רעאַליטעט ווערט צונויפגעפלאָכטן מיט האַלוצינאַציעס און מוראַדיקע וויזיעס, וועלכע קנוילן צוזאַמען טויטע און לעבעדיקע. דער מחבר פירט דעם לייענער אויף אַן עקסקורסיע צו סקעלעטן און קאַטאַקאָמבעס און ברענגט צוזאַמען תקופות און דורות מיטן בית־דין של מעלה דורכצופירן דעם משפט־צדק. ער פירט אונדז צו אַ מין פאַנטאַמימע־משפט פון די ספרים, אַלטע און מאָדערנע, יידישע און נישט־יידישע און מעדיטירט איבער זיי מיט אייגענע איינטייטשונגען.

די קרוב 600 זייטן פון בוך זענען מלא וגדוש מיט קנוילן פון פנימער און זייערע גורלות, באַגלייט מיט פיבערדיקע וויזיעס און סימבאָלישע אַסאָציאַציעס. עס איז גאַנץ קענטיק די השפעה פון קאַפקאַן אַפילו אין דעם מאַניר צו באַצייכענען אַ נאָמען מיט אַן איניציאַל — ש., וועלכער איז צוזאַמען מיט לייבלען די ליטעראַרישע מאַסקע פון מחבר. הינטער זיי שטייט ראַכמאַן מיט אַ שפּיגל און באַקומט נישט סתם אַ רעפלעקס פון אייגענע איבערלעבונגען, נאָר פון דעם גאַנצן קאָשמאַר אין אונדזער צייט, ווען דער גאַנצער סדר העולם איז איבערגעקערט געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ. אין דעם גרויסן כאַאָס זענען צעמישט געוואָרן די וועלט־יוצרות, אַלץ זעט אויס צו זיין אין אַ פאַרקערטן שפּיגל „דער הימל אונטן, די ערד — אויבן... מענטשן און בעלי־חיים — — — הייזער, און אַלץ אין זיי הענגען איבערגעדרייט אין דער לופט".

ראַכמאַן האָט זיך פאַרמאָסטן אָט דעם קאָסמישן כאַאָס אַריינפאַנגען אין זיין בוך און עס האָט זיך באַקומען אַ שווערער ספר, וואָס פאָדערט שטאַרקע באַקאַנטשאַפט ביים לייענער. עס איז שווער צו גלייבן, אַז זיינע ביידע ווערק שטאַמען פון איין טאַטן, אַזוי ווייט זענען זיי איינער פון אַנדערן אין זייער ליטעראַרישן מעטאָד. גיי איך דאָ נישט דורכפירן קיין פאַרגלייך צווישן ביידע ווערק, אין וועלכן פון זיי ער האָט מער מצליח געווען. זיין גרעסטענער בכור איז געבוירן געוואָרן פון אַ באַשיידענעם פרווו, בעת ביים צווייטן האָט ראַכמאַן געפרוווט שאַפן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַ ניצוץ פון דאַנטען, פון דאָסטאָיעווסקין און פון פראַנץ קאַפקאַ, פאַרפלאָכטן מיט דזשעימס דזשאָיס מאָדערניסטישער פּראָזע אין אַ יידישלעכן ערשטמאָליקן נוסח.

נאָך אַזאַ לאַנגן „נדר צו שווייגן", האָט ראַכמאַן געזוכט אַרויסצוברענגען אַ ווערק, וואָס זאָל זיין אוניקאַל אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור. צי איז עס אָבער אים קינסטלעריש געלונגען? דאָס איז שוין אַן ענין פון חלוקי־דעות אויף וויפל ער האָט מצליח געווען; דער סכום פון ליכט און שאָטן אין זיין ווערק, און וועלכעס עס וועגט איבער.

וואָס שייך די שאָטנס, קען מען אָנווייזן אויף שעטנז־פעדעם, פאַרבלאָנדזשעטע אין געוועב: אולטראַ־מאָדערניסטישע מאַנעריזמען, ווייניק אַכט געלייגט אויף עקאָנאָמיע, צו פיל באַרעדעוודיקייט אין אַ ריי ערטער, און אַ צו־פאַרנעפלטע נישט־דאָיִקייט ביים סובלימירן דעם כאַאָס, דעם קאָשמאַר פון דער פינצטערער נאַכט. אין בוך ווערן די שורות געיאָגט, ווי עפּעס דורך אַ פיבערדיקן אימפּעט ביים שרייבן, „ווי ביי אַ פּלעמל צו פאַרברענען זיין נשמה". באַמערקט דער מחבר וועגן דעם טאָפּל־בילד פון לייבלען — ש. „ער האָט געוווסט, שרייבן מוז מען מיט סכנת נפשות. מיט איינשטעלן דאָס לעבן; זיין אין דער סכנה פון פאַלן אין איין רגע. דאָס ווערק מוז פאַרלענדן זיין שעפער".

אין די צען קאַפּיטלען פון בוך האָבן די קליינע שאָטנזייטן נישט געקענט פאַרשטעלן די קרעפטיקע בילדער און שילדערונגען פון די אָפּגרונטן און זייערע קרבנות, פון די אַלע, וועלכע ראַכמאַן טראָגט אין זיך פון קאַפּערניק־לאַגער אין נאָוואָ־מינסק איבער אַלע וואָגלוועגן. דאָס אַלץ וואָס ער האָט געזען און דערשפּירט אין זיך (און אַרום זיך) „אין טאָל", אין די גריבער, און שפּעטער מיט די פּליטים, האָט ער פאַרפיקסירט אין בילדער און וויזיעס, סובלימירט און אַרויסגעשפּיגלט פון זיך די נאָך־אוישוויץ וועלט אין איר ערדישן צומאַרגנס. דעם מיסטעריעזן וויכוח צווישן די לעבעדיקע און די טויטע, די האַלוצינאַציעס פון די, וואָס גאַרן נאָך דער באַיאָונג פון לעבן, אָבער דאָס לעבן וויל זיי מער נישט אַריינעמען, ווייל יענע פון טאָל ציִען זיי צוריק...

אָט דער געראַנגל צו פאַרשטעלן דעם וועג די שאָטנס זיי זאָלן ביי די געבליבענע נישט צונעמען דעם כוח ווייטער צו לעבן — איז איינע פון די הויפּטמאָטיוון אין בוך. נאָך דער נאַכט האָבן די אַנטרונענע פּלוצעם דערזען, אַז די וועלט איז נישט אונטערגעגאַנגען, דאָס לעבן רופט: המשך! די אַרומגעשוונדענע זאָלן צוריק אויפשטעלן משפחות. „די זיידעס האָבן אין מיר געזעדט: אונדזער וועג איז גיין ווייטער; גיין דורך דיר, אַזוי ביזן סוף. דו קאָנסט נישט פאַרהאַלטן אונדזער גאַנג".

די געקומענע פון טאַל אַטעמען מיט דער לופט פון די אומגעבראַכטע, זייענדיק געפאַנגען פון יענע אַפּגרונטן, און גלייכצייטיק מיט דער לופט פון דער לעבעדיקער וועלט. זיי ציִען אַרויס פון זיך זעונג נאָך זעונג פון אייגענעם נעכטן און עס יאָגן זיי נאָך דערמאָנונגען און געשרייען, ווידער־קלאַנגען און פרעגונגען, וואָס בלייבן אָן ענטפער.

צוריק צו דער פרייער וועלט, פון די טאָלן געקומען אין שטאָט, קיין לאָדזש, ווו מען זוכט אַ חשבון מיט די שכנים, מיט גאָט און מיט זיך אַליין. וואָס טוט מען מיט די געכאַפּטע תלינים? צי וועט דער קרבן דורך נקמה־אַקטן זיך נישט אונטערגעבן דעם רוצח? די ספּעציפישע שילדע־רונגען און פּרטימדיקע בילדער נעמען אָן אַ טיפערן אָטעם, זיי וויברירן מיט יידישן צער פון תחית־המתים־אויפגעשטאַנענע יידן. דער מחבר שפּיגלט אָפּ זייער אינערלעך־דראַמאַטישן גאַנג צום פאַרטאָג, באַגלייט מיט פּחדים און רעוואַלט. מיט שפּירן די מענטשלעכע פאַרלוירנקייט ביים אָנהייבן אויף ס׳ניי דעם אויפשפּראָץ פון אַ נייעם דור יידן. ער שילדערט די מיטגעבראַכטע קראַנקייט פון טאָל, דעם ליידיקן חלל אין דער מיט פון זייערע לעבנס „ די יאָרן פון פאַרן חלל און פון נאָכן חלל — קאָנען זיך נישט צוזאַמענהעפטן. עס בלייבט אַ לאָך אין דער צייט״.

✶

לאָדזש, לאָזאַן, אַמסטערדאַם, אַפּענבאַך, לעיזען, רוים — אָט די קאַפּיטלען פון ראַכמאַנס בוך פאַרפלעכטן דעם געוואַגל פון גיהנום־אַנטרו־נענע מיט גרויל־הזיונות פון סקעלעטן און וואַמפּירן, מאַקאַברישער גראַ־טעסק פון עולם־התוהו און סורועאַליזם — שטעט, דורות פון אַ מין רע־אַליסטישער נישט־דאַזיקייט, באַפּעלקערט מיט אַלעגאָרישע שאַטנס, וועלכע האָבן זיך צוגעשטעלט צום וועלט־משפּט אין אַמסטערדאַם. דער מחבר האָט פאַרן פמליה געבראַכט זיינע בני־עיר, די לעצטע פאַרברענטע עדה פון קאַפּערניק־לאַגער. עס טויכן אויף געשטאַלטן, זייערע גורלס אין די קאַטאַקליזם־טעג אויף אַ באַגעגעניש מיט אַלטע תקופות און פאַסירונגען. אין דעם געדראַנג און געדיכטעניש לויפן דורך דורות מיט טענות און וויכוחים פון די פאַרשידענע צדדים — דעם מחבר בתוכם — פאַרן בית־דין של מעלה.

לעיזען, שפּיטאָל־וועראַנדעס, צווישן זוניקע שטיינבערג, — מיט פּליטים. ראַכמאַן ווייזט באַזונדערע פּנימער: די רבנישע טאָכטער, די האַלענדערין, דער מישלינג, „אַהער האָט מען אַרויפגעבראַכט די אַרויס־געפאַלענע פון די גראַנגלען אונטן". עס קומען נישט נאָר די געיאָגטע, נאָר אויך די יעגער, ווי דער שפּילצייג־סוחר (ווען „דאָס שפּיל אונטן איז פאַרענדיקט"). נישט די אויסערלעכע געשטאַלטיקונג פון די העלדן, נאָר די אינערלעכע פסיכישע תהומים פון דעם גרויל־כאַאָס, וואָס זענען אויך אין לעיזען געבליבן אין חורבן. „יעדער איינער פון זיי איז נישט בלויז אַליין, נאָר אַ שבט, אַ משפּחה, אַ נצר פון אַ שטאַם, וואָס נאָך אַזאַ איינער איז נישט פאַרבליבן".

איז נישט מעגלעך זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אָדער יענעם טיפּ, אַריינגעוועבט אין דער קאַנווע, אויף די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון פון די האַנדלונגען אינעם גאַנג פון די געשעענישן, וואָס פאַרקערפּערן אַלע די־מענסיעס אין דער עקסקורסיע „מיט בלינדע טריט איבער דער ערד". די פאַרשידענע געשטאַלטן, בלאָנדזשענדיקע יחידים זענען דאָך פאַרבונדן צווישן זיך דורך אַ שנור, וואָס וויקלט אַרום זייערע „בלינדע טריט" איבער אַלע וואַגלענישן. דאָס איראַציאָנעלע, דער מאַסקאַראַדן־באַל און די פאַרשטעלטע, דער טאַנץ פון געבליבענע קליידער „וואָס בענקען נאָך לייב אין זיך", די מאַקאַברישע דערמאָנונגען, געזען דורך אַט דער גע־שפּענסט־פּריזמע באַלייכטן דעם הינטער־באַוווסטזיין פון די אַנטרונענע, הינטער וועלכע עס שטייט דער מחבר.

ביים לייענען די שילדערונגען אין ראַכמאַנס בוך קומען אויף פאַר־גלייכונגען מיט קאַפקאַס „משפּט". יוסף ק. זעט די וועלט, ווי זי האָט זיך געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ. דאָס ראַציאָנעלע איז פאַרשוווּנדן פון אונדזער לעבן אין אַ וועלט אַ פאַרלאָזענער פון גאָט, און טויט קען אַרויסשפּרינגען פּלוצעם. אויב קאַפקאַ האָט נאָר געקענט וויזיאָנירן דעם קאָשמאַר פון דער היטלעריסטישער תקופה, האָט אים ש. דורכגעלעבט מיט אַ טויטלעכער דערפאַרונג, וואָס לאָזט אים נישט אָפּ. אים פּייניקט דער געדאַנק, אַז אַ וועלט, וואָס זוכט צו פאַרגעסן דעם נעכטן, אים אָפּשליסן פון היינט, קען נישט האָבן קיין קיום. זי איז נישט בכוח אָפּצורייניקן פון זיך דאָס שלעכטס.

אַט דער „כ'טו דערמאָנען" געהערט דאָך צו די עיקר־ווערטן פונעם בוך. ראַכמאַנען איז געלונגען אַרויסצוברענגען בילדער, וואָס ווירקן מיט

אַ סוגעסטיוון כוח. ער האָט באַלעבט די אַטמאָספער, מיר זאָלן זי אַריינ־אָטעמען אין זיך. ער האָט דורך סימבאָליש־פאַנטאַסטישע וויזיעס דעם אַלטן און נאָענטן עבר באַהאַפטן מיט אונדזער אייגענעם לעבן. מיר זענען ענג געקניפּט און פאַרבונדן מיט די פאַרגאַנגענע דורות, און אוודאי קען פאַר אונדז נישט זיין טויט דאָס, וואָס האָט אַקערשט פּאַסירט מיט אונ־דזער פאָלק „אין טאָל"...

דער מחבר האָט אָבער אויף זיין „אלה אזכרה" אַנגעהאַנגען אַ צו שווערע משא, דעריבער זיינע שטרויכלונגען ביים גיין מיט „די בלינדע טריט". איך האָב אויבן דערמאָנט, ווי ראַכמאַן האָט זיך פאַרמאָסטן אַרויס־צוקומען מיט אַ בוך פון ערשטמאַליקער אַנטפּלעקונג ביי אַ טעמע, וואָס האָט שוין אַ רייכע ליטעראַטור. ער וואָלט מער מצליח געווען אין זיין עקספּערימענטאַלן אויפטו, ווען ער וואָלט נישט איגנאָרירט דעם אַלטן קלוגן אָנזאָג: „תפסתה מרובה", די ש"י עולמות פון גיהנום, וואָס ראַכמאַן האָט אַריינגענומען אין זיין ווערק, וואָלטן מסתמא געקענט קלעקן פאַר עטלעכע גרויסע מייסטער אין דער וועלט־ליטעראַטור. נישט קיין וווּנדער, אַז די קאָנסטרוקציע, האָט נישט באַוויזן גוט צוזאַמענוואַקסן, אַזוי ווי לייבלס רוקנביין. דאָס באַציט זיך אויף צו אַזעלכע געשפּענסטער־חתונות, ווי דער מאַקאַברישער פילם פון יענער־וועלט, און בכלל אין דער נישט־דאַיקייט און פאַרהוילנקייט פון אונדזער רעאַלער געשילדערטער וועלט.

אָבער טראָץ דעם אַלעם קענטיקט זיך, אַז ראַכמאַן איז אַ טאַלאַנטיר־טער פּראָזאַיקער. עס קען אַרויסברענגען קרעפטיקע, באַצווינגענדיקע בילדער, באַלעבן זיי מיט שטימונג, מיט אַטמאָספער, וואָס קאָמוניקירט זיך צום לייענער. און ער געהערט צו אונדזערע געוויסנהאַפטיקסטע שרייבער, צו די מאַמינים, וואָס זוכן אַ שליסל צום יידישן גאַנג איבער דער וועלט, אַריינצופּאַסן אין אים די געשיכטע, וואָס איז פאַרגעקומען און קומט פאַר פאַר זיינע אויגן אין די איצטיקע גורלדיקע טעג. זיין בוך איז אַ ווערט־פולער צושטייער צו דער אַנטפּלעקונג פון די נשמה־פּלאָנטערס נאָך די טאָלן.

אברהם זאַקס „געווען אַ יידיש פוילן"

אברהם זאַק איז איינער פון אונדזערע פּראָדוקטיווסטע שרייבערס אין עטלעכע ליטעראַרישע זשאַנערן. זינט עס איז דערשינען זיין ערשטער בוך לידער „אַקאָרדן" (1918), האָט ער באַוויזן במשך פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט אַריינצושטעלן אין אונדזער ספרים־אַלמער אַ 25 ביכער, וואָס זאָגן עדות אויף אַ שרייבער מיט אַ סך דורכלעבונגען, מחשבות און חזיונות, אַרויסגעבראַכט מיט אַ לירישן אויפהעל און אויפקוועל אין פיל פון זיינע ווערק.

זיין „געווען אַ יידיש פוילן" איז אַן אויפזאַמלונג פון זכרונות און אימפּרעסיעס, באַגלייט מיט אַ כוללדיקן געשיכטלעכן איבערבליק פון עטלעכע צענדליק דורות יידיש לעבן און שאַפן אין פוילן. געגעבן אין ראשי־פּרקים פון פאַרשידענע צייטן ביז אונדזערע טעג (פון חורבן און נאָכן חורבן). בלתי ספק, אַז דער מחבר האָט זיך נישט פאַרנומען אויפצו־שטעלן אַ געשיכטלעכן בנין, נאָר געבן בלויז זיינע קאָנטורן, און בעיקר צונויפזאַמלען ציגל פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער. די קאָלעקטיווע דורכלעבונגען פון דער יידישער שארית הפליטה אין פוילן, די דערמאָנונגען און אימפּרעסיעס פון אַן עמפּינדלעכן יידישן דיכטער — אַן עד־ראיה — וואָס האָט מיטגעלעבט, מיטגעווייטיקט מיט די אַלע געשעענישן אין נאָך־מלחמהדיקן פוילן — וועלן זיין אַ צו־שטייער פאַר דעם יידישן געשיכטע־שרייבער פון דעם לעצטן קאַפּיטל „יידיש פוילן".

אין זיינע דערמאָנונגען האָט אברהם זאַק אַרויסגעוויזן די שיינע מידה פון אַרויסהייבן קאָלעגן שרייבערס אין פאָדערגרונט, און שרייבן וועגן זיי מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט, אין געשפּרעך מיט קאָלעגן זיך נישט שטעלן אין צענטער, און, בכלל, איז קענטיק אין די דערמאָנונגען פון דער צוזאַמענאַרבעט מיט חברים אין יענעם פּעריאָד, אַ באַציִונג פון האַר־ציקער פריינדשאַפט, פון אויסמיידן דעם עגאָצענטריזם — אַ נסיון, וואָס אַ סך שרייבערס קענען אים נישט ביישטיין...

*

אַ דריטל פונעם בוך האָט דער מחבר אָפּגעגעבן פאַר דריי גרעסערע אַרבעטן („געווען אַ יידיש פוילן", „מיט צוואַנציק יאָר צוריק" און „אויף די חורבות פון פוילן"), וואָס זענען טעמאַטיש געקניפּט און געבונדן און פאַרקייטלט צו געמישטע זשאַנערן. די פאַקטן זענען גוט באַקאַנט דעם לייענער אויך פון אַנדערע ווערק. אָבער די פּערזענלעכע אימפּרעסיעס און די אינדיווידועלע פאַרב ביים צייכענען, באַלעבן די דערמאָנונגען.

די געשילדערטע עפּיזאָדן פון די לעבנגעבליבענע פּוילישע יידן נאָכן צוריקקומען אין זייער חרובער היים אין 1946—1947, דער אינטענסיוו־שעפערישער פּרווו אָנצוהייבן אויף ס'ניי אַ יידישן ישוב מיט לאָדזש אַלס יידישער צענטער און זאַמלפּונקט, איז באַשריבן געוואָרן דורך אַ ריי שריי־בערס (אין אונדזער פּובליציסטיק, עסייאיסטיק און דיכטונג). אברהם זאַק האָט זיך מסתמא אָפּגעגעבן וועגן דעם אַ חשבון און דעריבער זיך באַ־מיט צוצוגעבן אַן אינדיווידועלן קאָלאָריט דורך פּערזענלעכע אימפּרע־סיעס פון דער ליטעראַריש־קולטורעלער טעטיקייט, ווען אין לאָדזש האָבן זיך אויפגעזאַמלט העכער 30 טויזנט יידן. ער גיט איבער אין קורצע שטריכן די טעטיקייט פון ניי־געגרינדעטן יידישן ליטעראַטן־פאַראיין און זיין טעטיקייט אין יענע יאָרן, אַ רשימה פון די שרייבערס פון יענער צייט אין פוילן און די צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זענען דאַן אַרויס.

רעטראָספּעקטיוו געזען, מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, די גרויסע אַקאַדעמיע דעם 19טן אַפּריל, 1948, ביים אָפּצייכענען דעם 5טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און די אָפּדעקונג פון דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ, ווען פּוילישע מיניסטאָרן האָבן נישט נאָר גלאָריפי־צירט די יידישע געטאָ־אויפשטענדלער, נאָר אויך שאַרף קריטיקירט די מלוכות, וואָס שטעלן זיך קעגן דער שאַפונג פון אַ יידישער מדינה אין פּאַלעסטינע — צו דערמאָנען דאָס היינט אין אַנבליק פון דער וואַקכאַנאַ־ליע קעגן ישראל און קעגן יידן אין איצטיקן קלימאַט פון פוילן — וואַרפט דאָס נישט נאָר אַ פּראָזשעקטאָריש ליכט אויף „געווען אַ יידיש פוילן", נאָר אויך אויף דעם אָפּגרונט, צו וועלכן דער קאָמוניזם האָט זיך אַראָפּגע־קייקלט...

וועגן דעם פיזישן און מאָראַלישן טעראָר אין „פּאָלקספּוילן" קעגן דעם שארית־הפליטה פון פּוילישן יידנטום, די וואָגט פון שנאה, וואָס זיי האָבן

אַנגעטראָפן מצד די פּאַליאַקן, איז געגוג צו דערמאָנען דעם קיעלצער פּאָגראָם און די האַלטונג פון די מאַכט־אָרגאַנען... אברהם זאַק אילוסט־רירט נאָר מיט אַ קליינעם, אָבער כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. ווען ער מיט יאַנאָסאָוויטשן זענען אָפּגעפאָרן פון פּוילן, האָבן די קאַלעגן שרייבערס מורא געהאַט צו קומען צום וואָקזאַל זיי באַגלייטן, אַזוי שטאַרק איז געווען די שרעק פאַר דער או. בע. און פאַר די משגיחים פון דער „יעוו־סעקציע״ אין פּוילן. ער פאַרצייכנט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט דעם נאָמען פון איין מענטש, וואָס איז געקומען אַ פאַרסאָפּעטער צו לויפן, צו באַווייזן זיך געזעגענען מיט זיי. דאָס איז געווען ד״ר שלמה הערשענהאָרן, אַ באַוווסטער בונדישער טוער פון „בונד״ אין לובלין פאַרן קריג, און איצט אַ מיטגליד פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר „זיי״... — היתכן? איר האָט גאָר קיין מורא נישט געהאַט פאַר אַן עין הרע? — האָבן אים די שרייבערס געפרעגט.

— וואָס הייסט? — ענטפערט ער, — צוויי יידישע שרייבערס פאָרן אַוועק און איך וועל נישט קומען זיך געזעגענען מיט זיי?

*

אין זיינע דעריגערונגען האָט אברהם זאַק נישט אָנגענומען די פּאָזע פון די זכרונות־דערציילער, וואָס געדענקען יעדעס וואָרט פון אַמאָליקע שמועסן מיט יאָרן שפּעטער. ס׳רוב זענען אַזעלכע זכרונות ליטעראַריש־„פיקסירטע״ און אָפּגעקליבענע מיט אַ באַשטימטער כוונה און באַטאָנונג. שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ביי די בעסטע כוונות קען מען זיך נישט סומך זיין אויף דער פּינקטלעכקייט פון זכרון צו געדענקען גענוי נישט נאָר דעם אינהאַלט און מיין, נאָר אויך דעם ווערטערלעכן אויסדרוק.

האָט טאַקע דעריבער דער מחבר אַריינגענומען אין דעם בוך צוויי אַרטיקלען („אויף די חורבות פון פּוילן״ און „יידישע שרייבערס אין לאָדזש״), וואָס זענען ווי אויטענטישע דאָקומענטן פון יענער צייט, גע־שריבן געוואָרן אין די יאָרן 1947—1948, און שפּיגלען אָפּ די שטימונגען און אילוזיעס דעמאָלט אין פּוילן. דער מחבר דערציילט דאָרט פון אַ פייערלעכן חנוכת־הבית אין אויפגעלעבטן יידישן ישוב. אין אַ ריי ער־טער באַטאָנט ער מיט וואַרעמע ווערטער די גרויסע הילף, וואָס דער „דזשאָינט״ און די ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע האָבן גע־

שיקט פאַר דעם ווידעראויפבוי פון יידיש לעבן אין פוילן. כאַטש קליין און איינגעשרומפּן, אָבער מיטן באַוווסטזיין פון „לא אמות — כי אחיה״.

אונדז איז גוט באַוווסט דער טראַגישער המשך פון דעם קאַפּיטל אונטערן נאָמען „יציאת פוילן״ און מיר קענען דאָ שטעלן אַ פּונקט. עס ווונדערט נאָר, וואָס אַברהם זאַק שרייבט וועגן רחל קאָרן, יוסף רוביג־שטיין, נחום באָמזע, משה גראָסמאַן, וועלכע זענען די ערשטע אַוועק קיין שוועדן, אַז „לויט אונדזער איצטיקער אָפּשאַצונג איז זייער אינטויִציע געווען שוין אַ צו היפּער־היפּערדיקע״ (ז׳ 85). האָט דאָך די דערפאַרונג געוויזן פּונקט דאָס פאַרקערטע. זיי האָבן דאָך באַלד פאַרויסגעזען, נאָך אין די „גוטע צייטן״ וואָס פאַראַ יידישן לעבן מען קען דערוואַרטן אין אַ קאָמוניסטישן „פאָלקספּוילן״. קען מען זיי פאַרוואַרפן (אין 1968!) אין „אפשר שוין איבערגעטריבענער באַרעכנקייט״? (דאָרט).

✶

אין דער עסיי „ארייבבליק אין דער חורבן־ליטעראַטור״ דערמאָנט דער מחבר אַ ריי פּראָזע־ווערק און געטאָ־דערציילונגען פון דער חורבן־טעמאַטיק און די קלאַגלידער און פּאָעמעס פון יידישן חורבן פון באַ־וווסטע יידישע פּאָעטן מיט ציטאַטן פון זייערע ווערק. עס איז נישט קיין פאַרטיפטע און גרויס־פאַרנעמיקע אָפּהאַנדלונג, נאָר טאַקע בלויז אַן „אַריינבליק״ אין דער גיהנום־גאַס פון דער יידישער חורבן־ליטעראַטור.

אַ גרעסערע אַרבעט איז זיין אָפּהאַנדלונג „אַ ליטעראַטור אין קייטן״, וואָס איז גלייכצייטיק אַ דערמאָנונג און מאָנונג. עס איז שוין אַ סך גע־שריבן געוואָרן אויף דער טעמע אין פאַרשידענע זשאַנערן פון אונדזער ליטעראַטור. די טראַגעדיע פון די יידיש־סאָוויעטישע שרייבערס און דער גייסטיקער גענאָסיד פון רוסישן יידנטום אין אַלע מאַניפעסטירונגען מוז כסדר דערמאָנט ווערן מיט דער גאַנצער קראַפט פון געשריבענעם (און גערעדטן) וואָרט. דאָס האָט אויך אין זינען געהאַט אַברהם זאַק, ווען ער האָט אין זיין לעצטן בוך באַרירט אָט דעם טראַגישן פּראָבלעם. ער דער־מאָנט די אילוזיעס פון די, וואָס זענען אַוועק אין ראַטן־פאַרבאַנד „די איינ־ציקע האָפענונג פאַרן אויפבלי פון דער יידישער קולטור״ (משה קולבאַק).

*

ווי געזאָגט, האָט דאָ דער מחבר אין זיין לענגערער עסיי בלויז באַרירט דעם טראַגישן קאַפּיטל, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די ווערק און אין דעם גורל פון זייערע שעפער מיטן שווידערלעכן עפּילאָג. נאָכן אילוסטרירן מיט אייניקע ציטאַטן פון זייערע הלל גדולס פאַר סטאַלינען און פון אַרונטעררייסן אַלץ פון דער יידישער שעפערישקייט אין „צעפוילטן מערב״, ווערט אָבער אונטערגעשטראָכן די אנוסימדיקייט פון זייער לעבן און שאַפן, באַזונדערס, ווען מען האָט זיך מיט אייגענע אויגן אויפן אָרט איבערצייגט אין זייערע באַדינגונגען. ער שרייבט: „עס זענען עדות די יידישע שרייבער־פּליטים פון פּוילן, וועלכע זענען בעת די מלחמה־יאָרן געווען אין מאָסקווע, אַז מיטן הארץ און נשמה זענען די סאָוויעטיש־יידישע שרייבערס תמיד געווען פאַרבונדן מיטן יידישן שרייבער־כלל אין דער וועלט — — — אין רוסלאַנד, האָבן מיר, די שרייבער־פּליטים, גוט דערקענט די סיטואַציע און גוט פאַרשטאַנען...״ (ז׳ 134).

אַ שאָד, וואָס זאַק ברענגט נישט אַרויס אין דער עסיי עפּעס פון די פּערזענלעכע שמועסן מיט די יידיש־סאָוויעטישע שרייבערס אין יענער צייט, וואָס זאָל זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר זייערע שטימונגען און געפילן. עס וואָלט צוגעגעבן אַן אינדיווידועלן טאָן און קלאָר צו די ציטירונגען פון זייערע ווערק, ווי צו די הנחות און אויספירן.

*

די אָקופּאַציע פון וואַרשעווער „מאָמענט״, געהערט אויך צום קאַפּיטל דערינערונגען פון מחבר. ער איז געווען אַ לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג און ער שילדערט ווי אַזוי זי איז אין 1938 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טריבונע פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי. בשעתו איז עס געווען אַ געשעעניש, וואָס האָט אויפגערודערט נישט נאָר די רעדאַקציע־מיטגלידער פון „מאָמענט״ און געהאַט ברייטע אָפּקלאַנגען.

אַ שטימונגספולע, פיינע אַרבעט איז דער עסיי „אַ פאַרגעסער״. עס איז אַן עסיי־קדיש נאָך איינעם פון אונדזערע שרייבערישע שיינגייס־טער צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פּוילן, ב. קאַרלינער. אַברהם זאַק האָט אין „מאָמענט״ ממשיך געווען די אַרבעט פון ב. קאַרלינער, ווי דער

רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער זייט אין דער פּרייטיקדיקער צייטונג. מיט אַ סך פּיעטעט, ליבשאַפט און פאַרערונג שילדערט ער אין דינע שטריכן די געשטאַלט פון אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט. אין דער עסיי שטעלט ער זיך אַ־יך אָפּ אויף נאָך צוויי קאָלעגן פון דער וואַרשעווער שרייבער־משפחה, דער נאָוועליסט דוד קאַסעל און דער הומאָריסט יוסף טונקל, וועלכע זענען צוזאַמען מיטן עסייִסט ב. קאַרליניוס געווען אַ מין ליטעראַרישע „טראַיקע״.

אין אַלגעמיין גענומען איז דאָס בוך „געווען אַ יידיש פּוילן״ אַ זאַמלונג פון עסייען און אַרטיקלען, געשריבן דורכן מחבר אין פאַרשידענע מאָמענטן, אַפּצושפּיגלען דאָס וואָס פון געשעענישן אין יידישן לעבן, ווי אויך געלעגנהייט־אַרטיקלען וועגן אַ ריי באַוווסטע יידישע שרייבער (גלאַטשטיין, גלאַנץ־לעיעלעס, אַפּאַטאָשו, הירשביין א״אַ). ער האָט אין די צוויי טאָמען אַרייַנגענומען זיינע פאַרצייכענישן פון אַ באַזוך אין ישראל מיט רעפלעקסן פון אַ ריי מסיבות און צוזאַמענטרעפן מיט קאָלעגן־שרייבערס. די איינדרוקן לייענען זיך גוט און און דאָ און דאָרט געפינט מען אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם אָדער אַנדערן שרייבער (לדוגמא, וועגן אליעזר פּינעס).

אַ סך אַסאָציאַציעס רופט אַרויס דער מאמר „עס דערמאָנט זיך״. די באַמערקונגען וועגן די מירסקיס און זייער ראָל אין „פאָלקספּוילן״, דער טראַגישער עפּיזאָד מיטן קאָמוניסטישן זשורנאַליסט אהרן וואהל און נאָך אַנדערע פאַרגלייכונגען, וואָס ער האָט פאַרצייכנט, גיבן גענוג שטאָף פאַר אַ שטיקל חשבון הנפש, וואָס אַ יידישער קאָמוניסט וואָלט געדאַרפט מאַכן...

פאַראַן נאָך אַנדערע עסייען אין בוך, וועלכע דער מחבר האָט אָנגעשריבן צו פאַרשידענע באַערונגס־אָוונטן לכבוד אים. זיי זענען אינטערעסאַנט און אַקטועל.

יוסף אַקרוטניס „אָרעם גליק"
און „אַ הויז אויף אַלטשטאָט"

יוסף אַקרוטני געהערט צו די קרעפטיקע פּראָזאַיִקערס אין אונדזער ליטעראַטור. זיין פּראָזע איז קערנדיקע און פּליסיקע, מלא וגדוש מיט איבערראַשנדיקע פאַרגלייכונגען איבער די זייטלעך פון בוך.

אין זיינע ווערק (אַ צענדליק שוין) קענטיקט זיך די קינסטלערישע שפּירעוודיקייט, וואָס דרינגט אַדורך אונטער דער הויט פון מענטשן, פון זאַכן און פּאַסירונגען, אַזאַ, וואָס לאָזט נישט דורך די דינסטע ניואַנסן און שפּירונגען פון נשמה־בילדער, וואָס באַוועלטיקן דעם מענטש אין זיינע ראַנגלענישן מיטן גורל און מיט זיך אַליין.

אין זיין לעצטן בוך, וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ, האָט אַקרוטני אַריינגענומען צוויי באַזונדערע ווערק, וואָס זענען אין תוך איינס. „אָרעם גליק" און „אַ הויז אויף אַלטשטאָט" — זענען טעמאַטיש אויף אַ בשות־פּותדיקער טעריטאָריע. דער שטח נעמט אַרום אַ שטיק יידיש לעבן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות מיט די ראַנגלענישן צווישן ליכט און יאוש, פאַרלוירנקייט און האָפענונג.

זיכער ווייסן מיר, אַז אָרעמקייט איז נישט קיין נייע טעמאַטיק. פון מענדעלען אָן האָט זיך דער דלות פון אונדזער נעבטיק לעבן ברייט צעלייגט אויף די בלעטער פון דער יידישער ליטעראַטור. איז טאַקע אַקרוטני נישט געגאַנגען אויפדעקן פאַר אונדז אַן אומבאַקאַנט געביט, אַקערשט, ניי פון דער נאָדל אַראָפּ. אויפן באַדן פון דער גוט באַקאַנטער, היימישער אָרעמקייט האָט ער געזוכט אָרעם גליק, געזוכט צו באַלייכטן די אַזיסן פון לירישן רעאַליזם אין די הויקערדיקע הייזלעך פון די עלנטע.

מיט גאַנץ געדיכטע פאַרבן האָט אַקרוטני געמאָלן די אומברחמנות־דיקע נויט מיט אירע אויסגענאַגטע און צעקנייטשטע מענטשן, די שווער אַנגעלאָדענע, שטיקנדיקע אַטמאָספער אין די קאַלעמוטנע טונקלקייטן פון די דאַכשטובן. די קריגערייען, געשרייען און יעלות, וואָס האָבן אויפגע־

פלאַצט „ווי פון אומגעריכטע בראַנדן אויפן לייב". די ערשטע שורות זיינע פון „אַרעם גליק" הייבן זיך אָן מיט דעם בילד:

„ווי אַ טשאַד איז ביטערניש שטענדיק געשטאַנען אין שטוב. פון אַלע זייטן האָבן אויף דער דאָזיקער שטוב זיך אַראָפּגעלאָזט דאגות, קרענ־קענישן. ס'איז געווען ווי אַ להכעיס־שפּיל פונעם שלים־שלימזל, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף דעם הויזגעזינד. די צרות האָבן געריסן־געפּייפט ווי אַ צוגווינט. מ'קען, לא־עלינו, משוגע ווערן! אַז קיין איין טאָג איז נישט באַשערט אַ ביסל מנוחה"!...

אין דער־אַ אַטמאָספער, אויפן באָדן פון דער אומברחמנותדיקער נויט, האָט דער מחבר געצייכנט די באַזונדערע געשטאַלטן פון די האָפּמאַנס, די קאָנפליקטן מיט זייער עמאָציאָנעלער אינטענסיווקייט לויט יעדן איינעמס אינדיווידועלער רעאַקציע. דעם אויבן־אָן אין די ביטערנישן און קריגערייען פאַרנעמט די מאַמע, שיינדל, מיט אירע תרעומות צום מאַן און זין. איר אויפגעשרויפטער מענה־לשון צוליבן זונס פאַרליבן זיך אין אַן אָרעם מיידל פילט אויס דעם גרעסטן טייל פון דער דערציילונג. אַק־רוטני באַנוצט זיך מיט דער פאַרביקייט פון עכטן פויליש־יידישן לשון דורכן מויל פון זיינע העלדן. דאָס וואָרט וואַקסט אַרויס פון פּסיכישן צושטאַנד, עכט, אמתדיק פון געמיט און פון אימפּולסן, לויט דער פיינער כאַראַקטע־ריזאַציע פון יעדן באַזונדערן טיפּ אין דעם סוזשעט. מיין איינדרוק איז אָבער, אַז דער מענה־לשון פון דער יידענע האָט זיך צו פיל צעלייגט איבער „אָרעם גליק". דער ענגלענדער האָט אַ פיין ווערטל, אַז מען מוז נישט אויפעסן אַ גאַנצן שעפּס צו פילן דעם טעם פון שעפּסן־פלייש... איין „טשאָפּ" איז אויך גענוג...

אַקרוטני איז בטבע אַ שטילער דערציילער מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן, און זיין שטילער טאָן קאָרבט זיך איין אין געמיט מיט זיין פאַרב און קלאַנג און אָפּקלאַנג. איך האָב דעריבער אין דעם העכערן טאָן פון די יעלות און צעצויגענע קריגערייען געשפּירט אַ שטערונג אין דער פלוי־סיקער דערציילערישקייט. די אַקציע אין דלותדיקן משפּחה־לעבן ליידט צוליב דעם צו לאַנגן מענה־לשון אין דער כאַראַקטעריזאַציע און אין נאַראַטיוו.

דערפאַר באַקומט אָבער דער לייענער אַ גרויסע קאָמפּענסאַציע אין די פריער־דערמאָנטע איבעררעאַשנדיקע גלייכווערטלעך, וואָס פאַרמאָגן אַזאַ פּלאַסטישע פאַרביקייט און זעבען ווי אַ ליטעראַרישע נאַשוואַרג גוט צו

פאַרזוכן. איך וועל פון זיי דאָ נאָר עפּעס טועם זיין, ווייל כ'וועל נאָר ציטירן אייניקע מוסטערן:

„אירע אויגן האָבן זיך צעליאַרעמט מיט אומרויִקע פייערלעך"... „איז די יידענע אַרויס שוין מיט אַ יעלה, וואָס האָט אָפּגעגעבן מיט געכליפּ"... „אַז די שלעכטיקייט גייט אַרום אַ גראָבהויטיקע, אַ פאַרשייטע!"... „ווי אַ פאַרעקשנטער פערד איז דער דלות, — — ער'ט זיך געשטעלט דווקא אין דער טיפער בלאָטע און רירט נישט פון אָרט, כאָטש צעביילט אים די פעל ביז בלוט"... „לאַנג איז די שטוב געגאַנגען אויף רעדלעך: דער יונג, די כלה, אַזאַ געשריי קען דער ליבשאַפט צו אַן אומבאַוווסט, אָרעם מיידל. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דאָס דחקות האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל..."

און אַ ביסל זיסוואַרג פון אַ „הויז אויף אַלשטאַט":

„רחלע, וואָס כאָטש זי איז אַ צווייטע ביי אים, איז זי נישט אַזאַ, ווי די אַלע צווייטע ווייבער: פאַלש און כיטרע"... „אַ קרענק — האָט ער געטענהט — קומט נישט מיט אַ מאָל. דאָס בויט זיך ווי אַ הויז. עס הייבט זיך אָן פון טיפן פונדאַמענט און ענדיקט זיך מיטן דאַך. ס'איז אָך און ווי, אויב ס'האַלט שוין ביים „דאַך"... „איז די שמחה געווען... נאָר עפּעס אַ צוגעוואָרעמטע..." ...„די היפּשלעך יינגערע פרוי (האָט) זיך געטראָגן איבער די גרויסע צימערן, ווי אַ פּאַווע, וואָס געדענקט רק איר שיי־נעם עק..."

אַקרוטני האָט אַ מאַלעריש אויג פאַר נשמה־פייזאַזשן פון די פשוטע יידן פון פאָלק. זיין רוימאַטעריאַל איז די שוואַרצערד פון באַלוטער וועג־בערס, פון פרומען יידישן מענטש מיט זיין מאַגנענדיקן מאָגן ביי די מאַ־שינען און אַ שעמעוודיקע טרער אין אויג... ער איז אַ גוטער זעער פון די קליינע לעבנס הינטער מאַגער־באַלויכטענע פענצטער, פון פאַרוואָלקנטע מענטשן אונטער דאַכשטובן און זיפצנדיקע הייזקעס. זיינע פאַרשוינען זענען נישט קיין מאַריאָנעטן, נאָר לעבעדיקע, עלנטע מענטשן, טרויעריקע אין זייער אַליינקייט. אַפילו ווען זיי זענען אין חברותא מיט אַנדערע. ער קען געבן אין אַ צוויי שורות אַזאַ שאַרפע צייכענונג: „די גראָבע מאַשע מיטן גרויסן, פעטן קאָפּ, וואָס איז ווי ביי אַ חזיר, אָן אַ האַלדז, צוגעוואַקסן צו די אַקסלען".

זיין בליק איז צוגעשמידט צו די אָפּגעשיילטע שטובן, צום ראָג גאַס, „וואָס ביי איר צופוסנס האָט זיך געוואַלגערט די פינצטערע קעלער־שטוב".

דאָרטן זוכט ער דאָס אָרעמע גליק פון די פּשוטע מענטשן, אי די פרומע, די טראַדיציאָנעלע יידן, וואָס האָבן אומעטום מיטגענומען מיט זיך דעם רבונו־של־עולם (משה־יאַנקל אין „אַ הויז אויף אַלטשטאָט״) — דאָס זענען האַרציקע, אָפענע מענטשן, זיי רעדן „אָן הינטערשיפּעלעך״ און זענען באַהאָפטן מיט גאָט, „מיט דעם ליבן גאָט, וואָס גייט אַרום אין דער אַלטעגלעכקייט פון פּשוטן מענטש״; אי די נישט פרומע, אָבער טייערע איבערגעגעבענע מענטשן, אַליין עלנטע, צייען זיי צו אַנדערע אַזעלכע עלנטע, און זיי קענען אַזוי געטריי און הייס ליבן...

אָקרוטני געהערט נישט צו די, וואָס זוכן פאַרראָמאַנטיזירן די אָרעמקייט פון אונדזער יידישן נעכטן אין פּוילן. אין „אָרעם גליק״ זענען דאָ גלענצנדיקע געמעלן מיט דעם חותם פון אינטעלעקטועלער ערלעכקייט, וואָס שפּיגלען אָפּ שטייגעריש קאָבצאַנסק של מטה. די שילדערונגען אָטע־מען מיט דער אַטמאָספער פון דער יידישער אָרעמקייט אין די דרייסיקער יאָרן. אָט איז אַ געמעל זיינער פון פאַר־פּסח־האַנדל:

„...אַלע מאָל ביי סוף־ווינטער און סוף־זומער רופט צו זיך די שול־גאַס די בכבודיקע קבצנים... וואָס זשע מער זאָל באַגערן דער אָרעמאַן? איינלעשן ס׳פלאַם־פייער. גיט מען זיך ס׳פּנים צום וואַשן און מ׳שטעלט זיך האַנדלען אין גאַס צוגלייך מיט סטראַגאַניאַזשעס און פּזשעקופּקעס. ווער פון די דערשלאָגענע הענדלערס עס סדרט זיך אויס אויף דער ערד, האַרט ביים געלעכערטן טראָטואַר, מיט געבלימלטן פאַיאַנס־געפעס, מיט ליימענע גלאַזורירטע טעפּ... אַן אַנדערער באַווייזט זיך מיט גלאַנציקע געשטופּלטע ריבאייזנס, בלעכענע קאָכלעפל, שעפּלעפל... מער געניטע הענדלערקעס, געוויקלטע אין ברייטע וואַטניקעס, אַנגעזעצטע אין פלאַ־קענע זאַקן אין ריזיק גרויסע שטרויענע שיך — — אַרום זיי טורעמען זיך אויף טישן... געטריקנטע אויבסטן, שימל־גערינצלטע פלוימען...״

דער מחבר באַלעבט די אַטמאָספער מיט אַלע ביי־קולות פון ערב־פּסחדיקן מאַרקטומל, וואָס האָט אַנגעקלאַפּט אין די אביונישע פענצטער צו פאַרטרייבן אויף אַ ווייל די טריבע פאַרוואָלקנקייט פון זייערע שויבן. דאָ און דאָרט נוצט ער אויס זיין באַליבטן יידיש־פּוילישן דיאַלעקט, וואָס פּליסט מיטן ריטעם פון אַ קוואַליקער, זאַפטיקער פּראָזע. ער איז אַ בן־בית אין אָט די גאַסן און שטובן, וועלכע ער זעט פון אינעווייניק, די מענטשן, ווי אַזוי זיי רעדן, טוען, פירן זיך אויף אין קאָנפליקט מיט זיך אַליין און מיט אַנדערע. עס איז דאָ אין בוך דראַמע, שטילע און הויך־

יעלהדיקע קאָנפליקטן פון איינעם מיטן צווייטן אין און מחוץ דער אייגע־נער משפחה, מיט דער סברה, „ס'איז גלייכער איין מאָל אַ שאַרפן שניט, איידער אָפטע שטעך".

„אַרעם גליק" פאַרמאָגט אויף זוניק־לירישע אינדזועלעך אין דער האַר־ציק־פּשוטער און שטילער ליבע, וואָס דער מחבר צייכנט אין אַזעלכע דינגע שטריכן. עס איז אַ ליבע, וואָס גייט אויף די שפּיצפינגער, אויף שטילע געסלעך, און טוליעט איין עלנטקייט צו אַ צווייטער, כדי צוזאַמען זיך שיצן פון באַדראָענדיקן אַרום. אַקרוטני האָט פּסיכאָלאָגיש דורכגעלויכטן די פּאַסיווּיטעט פון פּשוטע מענטשן, די פאַרשידענע צושטאַנדן פון זייערע לעבנס־דערפאַרונגען און זיי פילן זיך הילפלאָז קעגן זיי, ווי קעגן אַ נאַטור־סטיכיע. דאָס איינציקע, וואָס זיי גאַרן, איז — אויסצוהאַלטן ביז עס וועט אַריבער דער שטורעם, „צום גורל קען מע זיך — ווייזט אויס — נישט טשעפּען. ס'איז אַ פּעקל, וואָס מ'מוז שלעפּן און האַלטן ס'פּיסק — האָט מאיר געטענהט מיט זיך און געבויגן ס'געניק".

אַנטלויפט שלמה־יונה האָפמאַן פון זיין „טאַטע־מאַמישער קוויטשנ־דיקער היים" צו זוכן אַן אַזיס ביי זיין שרהלען. „ביידע זענען זיי גליק־לעך מיט איינאַנדער, נאָר פאַרחושכט אין זייער באַזונדערטקייט". דאָס איז נישט קיין „עסקייפּ"־ליטעראַטור, וואָס האָט נישט צו טאָן מיטן רעאַלן לעבן, נאָר אמתדיקע בילדער, פּסיכאָלאָגיש־באַגלויבטע פון עלנטע, וואָס חלומען פון זייער אַרעם גליק. אַקרוטני האָט דעם חלום געלאָזט גיין אין זאַקן, די שטילקייט זאָל זיך אויסטיילן פון ליאַרעמדיקן אַרום מיט זיינע קולות און געשרייען. עס איז אַ שטילער אָפּקלייב פון נישט־העלדישער דערהויבנקייט, וואָס באַוועלטיקט דעם קליינעם מענטש, ווען ער שפּירט, אַז ער איז אויסגעשטעלט אויף זיך אַליין.

דער מחבר האָט די כאַראַקטעריזאַציע און רעפלעקס־אָבסערוואַציע פון די צוויי יונגע מענטשן אפשר צו פיל סענטימענטאַליזירט, אָבער אויס־געהיט פון אַ טרערן־מעלאָדראַמאַטישער ריכטונג. זייער וועג צום אָרעמען גליק איז דורך אַ געפערלעכער מינעפעלד, דורך פייערן פון פאַרדראָסן און האָפן. די שילדערונגען פון דער אָרעמאַנסקער צונויפגעשטוקעוועטער חופּה אין דער לעצטער שעה פון אַ ווינטערדיקן ערב־שבת; די צייכע־נונגען און געמעלן פון שטייגערישע בילדער און טיפן אין פּאַביאַניץ, לענטשיץ, טראָגן דעם זיגל פון אַקרוטניס עשירותדיקער פּראָזע, וואָס קען

איבערשאַפֿן אַ וועלט אין ווערטער, וואָס זאָל קענען שטיין אויף די איי־גענע פיס אָן אונטערגעשפּאַרטע קוליסן.

*

דעם ראָמאַן „אַ הויז אויף אַלטשטאָט", האָט אַקרוטני געשריבן אין לאָדזש אין 1937. איצט (ווי עס גיט אָן דער אַריינפֿיר), האָט דער מחבר עס אַרויסגעגעבן אין אַ ניי־באַאַרבעטער ווערסיע. איך האָב נישט די פֿאַר־מלחמהדיקע אויסגאַבע צו קענען פֿאַרגלייכן מיט דער ניי־באַאַרבעטער, און די אַלע ענדערונגען, וועלכע ער האָט אַריינגעבראַכט אין דעם ראָמאַן. וואָלט דער מחבר נישט געמאַכט אָט די שינויים, וואָלט געווען אַ מעג־לעכקייט צו מעסטן די קינסטלערישע אַנטוויקלונג זיינע במשך פֿון די עטלעכע צענדליק יאָר.

דיביידע ווערק, אונטער די צוויי טאָוולען, וואָס האָבן אַזוי פֿיל בשותּפֿותדיקע באַרירפּונקטן פֿון געמיט, אַטמאָספֿער, טיפּאַזש און טעמאַ־טיק, טראָגן איצט דעם חותם פֿון אַ רייפֿן פּראָזאַיקער, וואָס קען גוט די טעכניק פֿון באַלאַנסירן צווישן נאַראַטיוו און דיאַלאָג, אַרויסהייבן עט־לעכע כאַראַקטערן און זייערע אַקטיוויטעטן אויף טעגלעכע מאַטיוון, דורכגעלויכטן פֿון אינעווייניק. דער הויפּטמאָטיוו אין דעם ראָמאַן איז: **אָרעמקייט און דורכפֿאַלן.**

בילדער פֿון דלותדיקן משפּחה־לעבן, עלנטקייט, פֿאַרצווייפֿלונג, אָנ־געהויכטער טרויער, שטייגערישע שילדערונגען, נשמה־ראַנגלענישן, טראַ־גיק, דראַמאַטישע קאָנפֿליקטן, גוט־דערקענטע דערפֿאַרונגען פֿון מענטש־לעכע לעבנס, קרעפֿטיק געצייכנטע. מען האָט דעם איינדרוק, אַז ערגעץ הינטערן בלאַט וועט מען זען דאָס פּנים פֿון אַ באַקאַנטן. מיר זעען דעם כרך (לאָדזש), וואָס איז גרייט דעם מענטש איינצושלינגען. מיר שפּירן די איבלדיקע ריחות פֿון אַלטקייט און שימל אין די דירות, ווו „מייז זענען אויף אייביקער קהלשער קעסט". דער מחבר האָט מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן בילדער פֿון אַלטשטאָט, פֿון בירשענק, קלייטן, סקלאַדעס, פֿון אַ גאַלעריע פֿאַרשוינען: פֿון די „סאָליעס", דער אַפּטייקער, דער „פּולזשידעק" פּאַן הענריק, ביז די קעלער־יידן, ווי פּנחס דער שטריק־מאַכער מיט זיין צעקודלט בערדל, ענלעך צו די קאָנאַפּליעס, פֿון וועלכע ער מאַכט שטריק. אָט ווי דער מחבר שילדערט זיין באָרד: „פֿון דער

פאַרבלאָזער באַרד רייסן זיך דורך גראָע פעדעם, וואָס שרייען אַרויס פון דער אַרעמער האַריקייט, אַקוראַט די כשרע יידישע גראָע האָר־פּאַסמעס וואָלטן זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון דער עלנטער באַרד ווי שעטנז".

להיפּוך צו דער צניעותדיקער ליבע אין „אַרעם גליק", איז אין „אַ הויז אין אַלטשטאָט" געשילדערט די סעקסועלע אויפוואַכונג פון וועלוולען און זיין ליבע מיט דער מומען רחלע, וואָס האָט דעם יונגן בחורל אין גאַנצן פאַרשלונגען מיט איר ווייבערישער טעכניק.

אַקרוטני האָט אין דער קאַנווע אויך אַריינגעוועבט פעדעם פון סעקס־פערווערסיע (מאַשע און איר מאַן) און האָמאָסעקסואַליזם פון דעם טומטום משה־יאַנקל, אָט די טעמאַטיק פאַרנעמט דאָך הייַנט אַ הויפּטאָרט אין די „בעסטסעלערס", און ביי אַקרוטנין קענטיקט זיך, אַז ער האָט נאָר פאַר־בייגייענדיק זיך פאַרטשעפּעט אין דעם...

מיך וווּנדערט, וואָס דער מחבר, לייגנדיק אַזוי פיל אַכט אויף דעם לשון פון זיינע געשטאַלטן, גוט צוגעפּאַסט צו דער כאַראַקטעריזאַציע, האָט אַריינגעלייגט אין מויל פון רחלען צו אינטעליגענטע רייד. עס איז נישט נאַטירלעך, זי זאָל רעדן מיט אַזאַ לשון וועגן די פאַרשידענע בלוטן צווישן מאַשען מיט איר מאַן. לויט איר מענטאַליטעט און אינטעליגענץ, איז זי צו באַוווסטזיניק...

אין אַלגעמיין, קען מען זאָגן, אַז אַקרוטניס פּראָזע פאַרמאָגט גרויסע מעלות מיט קליינע חסרונות. זיין שאַפן איז נישט סתם אַ יש מאַין. זיין טעמאַטיק, זיין רווישטאָף, איז די מענטשלעכע נאַטור, דער יחיד, זיינע האַנדלונגען, רעגונגען, באַווירקט פון דעם אַרום און פון זיין כאַראַקטער. דעריבער פאַרנעמט אין זיין שאַפן אַזאַ גרויס אָרט דער פּסיכאָלאָגיזם. זיינע געשטאַלטן און בילדער זענען אַ לעבעדיקער טייל פון אונדזער אַלעמענס נעכטן. ער איז אַ שרייבער מיט דיסציפּלין און געצוימטקייט, אָבער אַ פאַרליבטער איבער די אויערן אין יידיש־פּוילישן דיאַלעקט, וואָס ער עקספּלואַטירט, צייטנווייז צו פיל. און פונקט ווי עס ראַנגלען זיך אין זיין שאַפן די געשטאַלטן מיט זיך גופא (און מיט אַנדערע) — אַזוי ראַנג־לען זיך אויך פאַרשידענע ווערטן אין זיין קינסטלערישער פּראָזע.

ל. חיין־שמעוניס „באַזאַלט"

„באַזאַלט" איז דאָס זעקסטע בוך פון ל. חיין־שמעוני און ווי אין זיינע פריערדיקע ווערק איז די טעמאַטיק אַ ישׂראלדיקע.

אין די אַכט דערציילונגען פונעם בוך גיבן זיך שלום־עליכם דאָס אַלטע און דאָס נייע פון ישׂראלדיקן שטייגער־לעבן. דאָס דורות־איינגעפונדעוועטע פון דעם פּייזאַזש אין צפת — די שטאָט פון תורה, קבלה, זוהר, קלויזן און ישיבות, די שטאָט פון מקובלים און פּרושים, וואָס האָבן פאַרצערט זייער לייב און לעבן מיט תעניתים צוליב משיח־בענקענישן און גמטריות־אויסטייטשונגען, און די קלויזניקעס, וואָס דערקוויקן זייער האַרץ מיט איבערדערציילן צום וויפלסטן מאָל די פּלאי־פּלאים פון די צדיקים — באַגעגענען זיך אויף אַ געמיינזאַמען באָדן מיט דער נייער ישׂראל־ווירקלעכקייט, די פּלמ"ח־העלדן, די חלוצים, די „ציעניסטן" און „יענע חברה", וואָס איז מחלל שבת...

שמעוני צייכנט מיט געדיכטע פאַרבן דאָס אויסערלעכע און דאָס אינערלעכע פונעם צפתער פּייזאַזש. אין זיינע שילדערונגען און כאַראַקטעריזאַציע איז פאַראַן טיפקייט און פאַרביקער קלאָרקייט. מיר שפּירן דעם ריטעם פון דורות, וואָס זינגט אַרויס פון צפת: „במשך פון דורות האָט זיך צפת געבויט מיט אירע קרומע גאַסן און געסלעך, צעשניטענע אין שטעגן מיט טרעפּ, באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף, ביז דער הויך פון מצודה. איין געסל האָט זיך געדראַפּעט איבער דער צווייטער, איין הויז האָט געקלעטערט אַ צווייט הויז אויפן קאַרק, ביז עס האָט זיך אויסגעפורעמט אַ ישוב מיט געדיכטע צעלן".

פאַראַן ווערק מיט פּאָרטרעטן, אין וועלכע מען דערקענט נישט קיין פּנימער, פּשוט, זיי זענען דאָרט נישטאָ! ביי שמעונין זענען די פּנימער בולט געצייכנט, זיי בלייבן איינגעקריצט אין זכרון, אַפילו ווען די פּרטים פון דער פאַבולע זענען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. ר' אַלטער סופר, ר' זרחל דער פאַסטער, שייעלע דער בעקער, דער „פּעלאַך" דאַוד, רבקה און אַנדערע פון אשכנזיש גזע, ווי די פון תימן (מאָרי דוד יחיא, חנה),

זענען אַדורכגעלויכטן פון אינעווייניק, דער מחבר דערציילט פון מענטשן, וועלכע ער האָט קענען געלערנט אין זייערע מעשים, מחשבות און געפילן. ער האָט אין זיינע שילדערונגען קאָנקרעטיזירט די קלענסטע פּרטים, וועלכ־דיק דערמיט אָנדייטן די ווערטן פון קליינע זאַכן. פּרטים פון גייען, פון רעדן נעמען אָן אַ טיפערן זין אין סוזשעט און אין טיפּאַזש. דער מחבר האָט עס אַרויסגעבראַכטביים צייכענען די וווּנדערלעכע פּאָלקסמענטשן מיט זייער האַרציקייט און אויסטערלישקייט. ער האָט עס געטאָן מיט אַן איי־דעלן פּאָעטישן געפיל און ליבשאַפט.

קורצע דערציילונגען צוליב דער באַגרענעצטקייט אין דער גרויס, מוזן זיין געפּאַסט און קאָנצענטרירט אַרום אַן אַקס, וועלכע באַוועגט די פּאַסירונגען און כאַראַקטעריזאַציע אין אַ קאָנדענסירטער פאָרעם און סינ־טעטיזירט זיי אין אַ באַשטימטער גאַנצקייט. ביים שילדערן פאַקטן פון אַ פאַרלאָפענער ווירקלעכקייט מוז דער שרייבער תמיד געדענקען, אַז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט האָט קיין פאַקט נישט קיין אמת אין זיך, אויב ער איז נישט אַריינגעפּאַסט אין דעם ריכטיקן קאָנטעקסט, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אַ בנין, וווּ יעדער ציגל האָט זיך זיין אָרט.

אין דער דערציילונג „ר' זרחל דער פּאַסטעך" מיט דער שילדערונג פון די קלויזניקעס ווי זיי גייען בעטן אויף רעגן, פּאַסט זיך זייער גוט אַריין די איבערדערציילונג פון חוני המעגלס סגולות מיט די אַלע אַקסע־סואַרן און געשיכטלעכע נעמען פון יענער צייט. אָבער דאָס אַריינפלעכטן די געשיכטע פון דעם פּרינץ דוד הראובני און שלמה מולכו איז דאָ קינסט־לעך צוגעטשעפּעט אין דעם גאַנג פון דער פאַבולע און די דערציילונג ווערט דערמיט סתם צעצויגן. דער מחבר האָט אין דעם פאַל נישט אָפּגע־היט דעם אויבנדערמאָנטן געבאָט פון קינסטלערישער פּראָזע פון „אָרגאַ־נישער אַרויסוואַקסונג". אָבער דאָס איז אין שמעוניס דערציילונגען פון די אויסנאַם־פאַלן אין זיינע שלמותדיקע צייכענונגען.

ל. שמעוני פאַרמאָגט די מעלות פון אַ גוטן, קרעפטיקן דערציילער און מאָלער. אַפילו אין פּראָפיל־שטריכן פון אַ געשטאַלט גיט ער אַריין לעבן אין דער כאַראַקטעריזאַציע. ער איז אויך מצליח אין געבן אַ כמור־פּאָעטישע באַהאַנדלונג אין זיינע נאַטור־פּייזאַזשן, ווי אין דער לאַנדשאַפט פון דער מענטשלעכער נשמה. אַפילו ווען ער שילדערט ליידן — אין זיינע דערציילונגען זענען פאַראַן אַ סך ליידן — פיזישע, מאָראַלישע, גייסטיקע — ווערן זיי ביי אים סובלימירט. מיר ווייסן, אַז ליידן רופן

אַרויס ביי מענטשן רעאַקציעס אויף אַ פאַרשידנסטן אופן. ביי איינעם — טרערן; ביי אַ צווייטן — צאָרן, פּראָטעסט; ביי אַ דריטן גאָר — בענקשאַפט, דערהויבונג און לייטערונג, און אַ ביי אַ דיכטער ווערט פון דעם — פּאָעזיע.

✶

איינע פון זיינע דערציילונגען, וואָס טראָגט אויף דעם נאָמען פון בוך — „באַזאַלט" — שילדערט די באַהאַנדלונג פון די יידישע געפאַנגענע אין די אַראַבישע טורמעס בעת דער יידיש־אַראַבישער מלחמה אין 1948. דער מחבר צייכנט די אַראַבער, באַזונדערס דעם טורמע־נאַטשאַלניק, אַבו ראַשיד, אין שטאַרקע פאַרבן. נאַטירלעך האָט ער אין די ראָמען פון אַ קורצער דערציילונג געקענט בלויז עפּיזאָדיש שילדערן די טיפן און נישט אַנטוויקלען זיי אין עטלעכע דימענסיעס. אָבער די הויפּט־העלדין, רבקה, איז דורכן מחבר געצייכנט נישט בלויז אויף דעם הינטער־גרונט פון די קריגס־געשעענישן מיט זייערע באַגלייט־דערשיינונגען, נאָר אויך אויפן פאָן פון אַ שטיק געשיכטע פונעם אויפבוי, אַנטוויקלונג און געראַנגל פאַר קיום אין דער פּיאָנערישער עפּאָכע פון לאַנד. אָט די זעלבע טעמאַטיק איז אויך דאָ ביי אים אין דער דערציילונג „גאָר אין דער הויך", נאָר אין אַן אַנדער אויסמעסטונג און באַהאַנדלונג. אין „באַזאַלט" שטייען די יידן און די אַראַבער אין קריגצושטאַנד כמעט די גאַנצע צייט, בעת דעם אויפבוי פונעם ישוב. ווען אין לאַנד איז געווען רויִק, איז רבקהס מאַן, חיים, דערהרגעט געוואָרן צוזאַמען מיטן זון. זיי זענען באַהאַגלט געוואָרן מיט פייער פון אַ באַנדע אַראַבישע אַנפאַלער באַהאַלטן הינטער באַזאַלט־פעלזן.

אין „גאָר אין דער הויך" איז נישטאָ די קריגס־אַטמאָספער אין די יידיש־אַראַבישע באַציִונגען מיט די באַנדיטישע אַנפאַלן אויף די יידישע קאָלאָניעס, אָבער מען שפּירט דעם לעבעדיקן אָטעם פון פּסוק: „אין ארץ ישראל נקנית אלא על ידי יסורים".

דאָוד, אָדער דוד, געהערט צום פּיאָנערישן דור אין ישראל, רוסישע יידן, געקומען קיין יפו קויפן באָדן אויף קאָלאָניזאַציע. די ראשונים האָבן פון קיינעם נישט געבעטן און נישט באַקומען די מינדסטע הילף. זיי האָבן אַלץ געשאַפן אַליין: „ווער ווייסט היינט וויפל

יסורים ס׳האָט דאָ געקאָסט אַ יעדער בוים, יעדער שפּראָץ און פלאַנץ, יעדער פּיצל אויסגעריסן פאַראַקערט פעלד ? וואָס וויסן די היינטיקע קאָלאָניסטן דעם טעם פון „זיעת אפּיים ?״.

דער מחבר האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַרויסגעבראַכט טענות, פאַרדרוסן און קאָנפליקטן צווישן דאָס אַלטע און נייע אין ישראל. די אַלטע יידישע קאָלאָניסטן מיט פאַרהאַרעוועטע פּנימער און קנייטשן, וואָס דערציילן פון שווערע און ביטערע יאָרן, ווען זיי קוקן זיך צו, ווי אַזוי מען זאָרגט פאַר די נייע עולים... אַפילו די היציקע קלויזניקעס טראָגן אַ ביטער האַרץ. — „די נייע עולים קומט די גאַנצע וועלט, ס׳קומט זיי אַלץ, דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. זיי פאַרצערן אַלע צדקות און תרומות, קהל שוייגט, היתכן ?״

קאָנפליקטן צווישן „אַלטע״ און „נייע״ פאַרנעמען נישט קיין צענטראַלן אָרט אין דעם בוך. דער מחבר האָט מער געזוכט צו געשטאַלטיקן דאָס שטייגערדיקע, איינגעוואָרצלטע דורך לאַנגע דורות, דעם שטאַמבוים פונעם ישוב און די נייע פּרוכטן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף דעם בוים. ער האָט אַרויסגעבראַכט די שטילע טענער און הויכע מאַנונגען פון פּסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן אינעם מענטש גופא. אָט איז נחום אַבראַמסאָן, דער געוועזענער חלוץ און „הגנה״־מענטש. ערשט ביים סוף פון זיין לעבן איז ער אַוועק אין אַ קיבוץ, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ חלוץ. זיין לעבן האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייט פון זיינע שטרעבונגען און חלומות. ער לעבט אין שטאָט, הגם ער האַלט נאָר אין איין דערמאָנען, אַז דאָס איז נאָר ווי אַ פּרוזדור צום קיבוץ (דערפאַר רופט מען אים „נחמקע קיבוצניק״). זיין ווייב, כאַנטשע, האָט טענות צו אים פאַר זיין הסכמה דער זון זאָל גיין אין קיבוץ. — „דער שגעון לאָזט דיך נישט אָפּ, נחומקע, דער קיבוץ־שמיבוץ ליגט דיר אין בלוט. אַזאַ גוטער קאָפּ ווי נאָטי, קען ווערן אַן אינזשיניער, אַ דאָקטער, און דו לאָזט אים ווערן אַ פּאַסטעך, אַ מיסט־ראַמער״...

אין „די היילן פון אליהו הנביא״ האָט שמעוני געפּרווט געשטאַלטיקן דעם תימנער ייד אין זיין געבוירן־לאַנד און אין זיין איבערפלאַנצונג אויפן ישראל־באָדן. אויך דאָ קומט צום אויסדרוק דער קאָנפליקט צווישן וועלטן אין זייער קאָנפראָנטאַציע. דער מחבר, ווי אַן אשכנזישער ייד, קוקט אַריין פון דרויסן אין דעם שטייגער־לעבן פון דער מזרח־עדה און אין איר באַהאַנדלען די פרוי. אַוודאי איז ער אין יענער מחנה נישט קיין בן־בית, ווי ער איז אין דער פרומער און פרייער יידיש־אשכנזישער וועלט,

אין וועלכער ער אַליין איז אויסגעוואַקסן און זיך שעפּעריש אויסגעלעבט כל ימיו. זיין שאַרף אויג האָט נאָר אויפגעכאַפּט, פון אויסערלעכער אָבּ־סערוואַציע, די מענטאַליטעט און התנהגות פון דער מזרח־עדה.

דער מחבר האָט געוואָלט אָפּשפּיגלען די חבלי־לידה פון די, וואָס ווערן אָנגעשטעקט מיט די נייע לעבנס־פאָרמען אין ישראל, די פּסיכישע טראַנספאָרמאַציע, וואָס זיי דאַרפן דורכמאַכן צו פאַראייגענען אַ וועלט־לעכן נוסח, אַפילו אין רעליגיעזן שטייגער־לעבן. באַזונדערס שווער מוז עס אָנקומען דער פרוי, וואָס קומט פון יענע לענדער, וועלכע ער שילדערט אין דער אויבנדערמאָנטער דערציילונג: „זי, חנה, איז געבוירן געוואָרן און געלעבט אין צנעה, אין אַ יידיש ווינקל, סוף וועלט, ווו צווישן גלויבן און אַבערגלויבן איז נישט געווען קיין גרענעץ. דאָרטן האָט מען דורות נאָך דורות געלעבט מיט ניסים, מיט סגולות, מיט אָפּשפּרעכעריי וכדומה...״

שמעוני האָט נאָר געגעבן אַן אָפּשיין פון אַ שווערן פּראָצעס ביי די תימנער עולים, וואָס בילדן דעם פאַרפּאָסטן פון דער מזרח־עדה אין ישראל. דאַקעגן שפּירן מיר, אַז דער מחבר איז „ביי זיך״ אין דער היים, ביים שילדערן די אַכשנזישע יידן מכל המינים.

אַ קינסטלערישער צוזאָג

עליע שעכטמאַנס „ערעוו" (ערב)

דער נאָמען עליע שעכטמאַן איז אונדז באַוווסט, ווי איינער פון די קרעפטיקסטע יידיש־סאָוויעטישע פראָזאַיקער צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דעם אויבנאָן דאָן האָבן פאַרנומען דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, איציק קיפּניס, עזרא פינינבערג, נח לוריע און אַנדערע, צווישן וועלכע עס איז צוגערעכנט געוואָרן אויך עליע שעכטמאַן.

זיין ראָמאַן „ערעוו", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מאָסקווע דורכן פאַרלאַג „סאָוויעטסקי פּיסאַטעל", איז פאַר מיר געווען אַן אַנגענעמע איבערראַשונג.

מיט „ערעוו" האָט שעכטמאַן געוואָלט שילדערן דאָס יידישע שטייגער־לעבן ערב דעם רעוואָלוציאָנערן יאָר, 1905. אָבער די איינציקע רעוואָלוציאָנערע העלדין אין דעם ראָמאַן, כיירוס, איז בעלעטריסטיש געבליבן מחוץ, אַבסטראַקט. דער מחבר דערציילט עפּעס וועגן איר, אָבער מיר זעען זי נישט. דאַקעגן זעען מיר לעבעדיק דאָס טראַדיציאָנעלע יידישע לעבן, אין דאָרף און אין שטאָט, פון יענער צייט, מיט איבערצייגעוודיקער בילדערישקייט און אייגנאַרטיקייט. דער שטייגער, די זיטן, די מנהגים זענען געשילדערט מיט אַזאַ פּלאַסטישער מאָלערישקייט, מיט כאַראַקטער־געשטאַלטיקונג, מיט פּשטות פון פאָלקס־נוסח, דורך וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך די לעבעדיקע אַלטע היים, וואָס וואַרעמט נאָך דעם דיכטערס האַרץ.

„שבת און יום־טוב לויכטן פון אַלע אָרומיקע פענצטער און וואַרעמען זיין האַרץ: די בענטשליכט, די הבדלות און חנוכה־לעמפּעלעך. מען הערט ווי יידן מאַכן קידוש, זינגען זמירות, זענען מלווה־מלכה; פּורים זינגען זיי שושנת־יעקב און שמחת־תורה טאַנצן זיי אויף דער גאַס; עס קומען צו אים אין שטוב אַריין פאַרפּלאָמטע, פריילעך־צעהיצטע פּראָסטע יידן, שלעפּן פון אויוון אַרויס די קוגלען, פון די שאַפעס די בוטלען היימיש־געשטעלטע וויינשל־ און ווייַנטרויבן־ווייַנען".

שעכטמאַן שילדערט די אַלטע שטייגערישע היים, נישט ווי אַ דרויסנ־דיקער, נאָר ווי אַן אינעווייניקסטער מענטש. ער טראָגט זיך פון סאָוויע־טישן לעבן דיכטעריש אַריבער צו איר צו צאָלן אַ קינסטלערישן חוב, אַריינצונעמען זיינע נאָסטאַלגישע דערינערונגען אין דערציילערישן געוועב, וואָס איז טיף יידישלעך אין דער מיליע, אין די יידישלעכע פאָלקסטימ־לעכע רייד, אין דער מעלאָדישער אידיאָמאַטישקייט, אין פאַרגלייכונגען און אימאַזשן, וועלכע זענען באַהויכט מיט אַזאַ ראַפינירטער פשטות.

דער מחבר האָט אַריינגענומען אין דעם ראָמאַן דעם יידישלעכן פאָלק־לאָר, וועלכער איז איינגעטונקען אין מיסטיק און אין אַלעגאָריע, צייטנ־ווייז רופט ער זיך איבער מיט פּרצעס פאָלקסטימלעכע געשיכטעס און מען שפּירט, ווי אין יעדן שעפערישן ווערק פון אַ קינסטלער, די סובלימירונג פון טאָג־טרוימען. אַנונגען, פאַרלאַנגען, וועלכע זענען צוליב געוויסע סיבות אונטערדריקט געוואָרן, האָבן געזוכט אַ תיקון דורך אַ פאָלקלאָר־פילטער.

„ערעוו" האָט אַ פּרוכטבאַרן יידישן באָדן אונטער די פיס און נערט זיך מיט עכטע יידישן זאַפטן פון אַן איינגעוואָרצלטן פון דורות קאָלעק־טיוון לעבנס־נוסח. מיר שפּירן, אַז דער מחבר און זיינע פּערסאָנאַזשן וואַקסן אַרויס פון דעם באָדן און ציִען פון אים יניקה. נישטאָ אין דעם ווערק קיין שמץ פון קאַריקאַטור־שטריכן, וואָס מיר פלעגן אַזוי אָפט טרעפן אין דער יידיש־סאָוויעטישער פּראָזע ביים שילדערן דעם אַלטן יידישן שטייגער־לעבן. דניאל, ווען ער רעדט וועגן מאָלן זיין טאַטן און ער זעט פאַר די אויגן אָט דעם הויכן ייד מיט דער לאַנגער שוואַרצער באָרד, זאָגט צו פריינד עקיבא:

„נישט פאַר מיינע כוחות. ער איז פאַר מיר צו ערנסט און טייער, איך זאָל אויף דעם וואָגן... ניין, עקיבא, נישט פאַר מיינע כוחות, מיין טאַטע... דאָ דאַרף מען מאָלן נישט דעם טאַטן, נאָר אַ גאַנצן דור..."

און ווען ער קוקט אויף דעם טאַטנס איינגעבויגענער פּלייצע, זעט ער נישט קיין פיזישן פעלער. „...ניין, דער רוקן איז ביי אים איינגעבויגן, ווייל ער ריכט זיך תמיד אויף אַן אומגעריכטן קלאַפּ... האַלט דעם קאָפּ פאַרנייגט צום אונטערגעהויבענעם אַקסל, דעם האַריקן אויער אַנגע־שטעלט, די אויגן פאַרמאַכט, ווייל ער הערט זיך תמיד צו: „דאָס אומ־גליק גייט נאָך נישט?" נאָר אויפן פּנים ליגט ביים טאַטן יענע עקשנות־דיקע מינע, וואָס זאָגט: „אומזיסט די טרחה, מיך ברעכט מען נישט".

*

א דראַמאַטישע געשיכטע עקזיסטירט נישט אויב זי טרעפט נישט דעם לייענער מיט אַ שטאַרקן שטויס. אַט דעם אַנגעוווּמענעם כּלל האָב איך געהאַט אויפן געדאַנק ביים לייענען די דראַמאַטישע אינצידענטן אין שעכטמאַנס ראָמאַן. דער גאַנצער סוזשעט פאַרמאָגט אַ סך דראַמאַטיזם, וואָס הייבט זיך אָן פון די ערשטע זייטלעך אין בוך, אָבער דאָס זענען נאָר אַקצענטן, וועלכע העלפן בולטער אָבסערווירן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, אי אין בנעימותדיקן צושטאַנד, אי בעת פּסיכישע קורצשלוסן, ווען עס שפּריצן אַרויס פונקען.

אין „ערעוו" קומען אויך פאָר שטאַרקע אויפרייסן, און איינער פון זיי איז דער זעלבסטמאָרד פון דעם בעל־תשובה, אבנר, ר' נתן לאַנדעס ייִנגסטער זון. ער איז נישט פון די הויפּט־פּערסאָנאַזשן אין ראָמאַן. ער באַווייזט זיך ווי אַ מעטעאָר און פאַרשווינדט מיט זיין צעטרייסלטער, אומרויִקער נשמה, וואָס האָט געזוכט אַ תּיקון און נישט געפונען. קען מען אַזאַ טיפּ צוגעבן סימבאָלישע דימענסיעס און אַוועקשטעלן אינעם צענטער פון ווערק. עליע שעכטמאַן האָט דאָס נישט געטאָן. דאַקעגן, האָט ער דעם זעלבסטמאָרד אויסגענוצט אין דעם נאַראַטיוו, ווי אַ שטויס צו אַ גאָט־לעסטערנדיקער סצענקע פון זיין פאָטער, ר' נתן לאַנדע. די דאָזיקע סצענקע איז אַ נישט־נאַטירלעכע, און במילא, נישט איבערצייגנדיק.

צי קענען מיר גלויבן, אַז אַזאַ צדיק, ווי דער געוועזענער דיין, ר' נתן, אַט דער גאָטספאַרכטיקער ייִד, וואָס גייט אַרום אויף דער וועלט אין ווייסע זאָקן, זאָל ביים טויט פון זיין זון נישט זאָגן: „ברוך דיין אמת" — נאָר ווערן אַ מומר להכעיס און שרייען: „ס'איז נישט געווען און ס'נישטאָ קיין גאָט! איך, נתן־בער בן אסתר, זאָג עס אייך בקול רם", „זאָל מען מיר... ברענגען חזיר... וועל איך, אָט דאָ פאַר אייערע אויגן..."

שעכטמאַן ווייזט אונדז נישט, אַז ר' נתן זאָל פאַרמאָגן כאָטש אַ ניצוץ פון ר' מענדעלע קאָצקערס בונטאַרישער נשמה, ער איז כאַראַקטעריזירט ווי אַ טייערער, האַרציקער, בניעמותדיקער ייִד, יומם ולילה אַריינגעטאָן אין מצוות און מעשים טובים. ער שרייבט אַ ספר „קדושת השכינה". — ווי קומט צו אָט דעם גאָטספאַרכטיקן צדיק אַזאַ גאָט־לעסטערונג?... אַ סך מער איבערצייגנדיק איז די פאָלגנדע שילדערונג: „אין די ווינטערנעכט ביי די וויכערדיקע שנייפאַלן האָט ער (ר' נתן)

בפועל־ממש געפילט די שכינה אין די חסידישע טיש־ניגונים, אין דעם דביקות־ניגון — השתפכות הנפש; געזען ווי די אנשי־סגולה טאַנצן, און אַרום דעם ראָד ציט זיך אַ פֿייערדיקער שנור. מיט יעדן ריקודל ווערט אַ פֿייערדיקער מלאך געבוירן, מ׳קומט צו עלית נשמה... דער שורש פֿון יעדער ברכה געפֿינט זיך אין טאַנצן".

שעכטמאַן האָט אין דער געשטאַלט פֿאַרקערפּערט דעם חסיד און בעל מקובל. דאָס איז אים בעלעטריסטיש געלונגען. איך שפּיר, אַז ער האָט אַזאַ וואַרעמקייט ביים שילדערן דעם אַלטן דור מיט זיין פּאַטאָס. ווי זכריה, וואָס גלויבט און וואַרט יעדע רגע אויף דער ישועה, אויף אַ נס מן השמים: „זייער אַ טשיקאַווער שבט די באַיאַרס — זאָגט עקיבא פֿאַר־טראַכט — זיי האָבן פֿיינט יאוש, זיי זענען ווילדע עקשנים, גרויסע אָפּטימיסטן".

— אַ־ה־אַ — יצחק שאָקלט צו מיטן קאָפּ — וואָס אמת איז אמת. מיר גלייבן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה... טאַמער, חלילה טוט זיך אין דיר אַ וואַקל דער גלויבן — אויס, פֿאַרפֿאַלן — ביסטו אַ לע־בעדיקער מת. דעמאָלט זענען אַלע דיינע פּיינען און יסורים נאַרישע, ווילדע, — ס׳איז אין זיי קיין זין נישטאָ..."

עקיבא איז געשילדערט אין אַ זייער סימפּאַטישער ליכט, ווען ער פּרוווט העלפֿן איוועז און כיירוסן רעאַליזירן זייער האַרץ־פֿאַרלאַנג. ער פֿאַרמאָגט אָבער אַ חוזק־טאָן פֿאַר די טראַדיציאָנעלע יידישע פּירונגען. שעכטמאַן שטעלט אַרויס אַנטקעגן אים זיין חבר דניאל, וועלכער קוקט מיט ליבשאַפֿט אויף דער שבתדיק־אויסגעפּוצטער מאַמען. ער זעט ווי אירע אויגן זענען פֿול מיט גליק, אויסגעלייטערט געוואָרן דורך דער מלכה־שבת. און אַזוי אויך דער טאַטע זיינער, ווען ער איז מקבל שבת, וויפֿל גלויבן אין אָט דעם קול!... ער גיט צו פֿאַרשטיין עקיבאַן, אַז מען טאָר נישט אָוועקמאַכן דער מאַמעס „תחינה" מיט דער האַנט, ווייל דורך איר ווערט איר גרינגער אויפֿן האַרצן... ווען עקיבא פּרוווט לצנות מאַכן פֿון יצחק באַיאַרס „לכו נרננה", ענטפֿערט ער אים: „טרייב נישט, עקיבא, קיין לצנות. איך קען נישט לעבן אָן קיין שבת. איין טאָג אין דער וואָך מוז איך האָבן אַ נשמה יתירה... דו האָסט שוין ביי מיר געגנוג צוגענומען... לאָז מיר כאָטש איבער דאָס שטיקל שבת".

דער קאַמף צווישן אַלטן און יונגן דור מאַניפֿעסטירט זיך אין פֿאַר־שידענע מאָמענטן פֿון ראָמאַן. דער יונגער דור בענקט און רייסט זיך צו

אַ נייעם לעבן. איוועז געלינגט עס נישט און אויך אבנר געפינט דאָס נישט. „ער האָט עפּעס געזוכט אין דער וועלט", זאָגט איווע וועגן אים... אָבער די מומע, ליבע, איז גערעכט. „אַז איידער מען לאָזט זיך גיין זוכן, דאַרף מען פריִער וויסן אַליין וואָס מען וויל געפינען". די רעוואָלוציאָנערקע ביירוס האָט שוין יאָ געוווּסט נאָך וואָס זי לויפט אין דער וועלט. האָט זי עס יאָ געפונען? דער מחבר ענטפערט נישט אויף דעם. ער דערציילט דאָך וועגן דעם „ערעוו", ווען מען האָט נאָך אַזוי תמימותדיק געגלויבט, ווי יצחק באַיאַר זאָגט: „אין אַ נייעם באַרג־סיני, מיט נייע לוחות, נייע משיחים און משה רבינוס". ער זעט אָבער „צו פיל נביאים האָבן זיך באַוויזן, יעדער איינער איז אַ משיח... שבתי צביניקעס".

מיר שפּירן דאָ צווישן די שורות, אַז עליע שעכטמאַן האָט אַ סך וועגן דעם צו זאָגן, אָבער ער האָט מורא פאַרן וואָרט: „לאָמיר בעסער שווייגן. מיט דיר אין איינעם קאָן איך רעדן שווייגנדיקערהייט, זאָגט דניאל צו עקיבאָן, האָבן מיט וועמען צו שווייגן איז בעסער ווי האָבן מיט וועמען צו רעדן".

שעכטמאַן דערלויבט זיך יאָ צו רעדן דורך יענע העלדן, וועלכע געהערן, נאַראַטיוו, צום ערב 1905. אָבער מיר שפּירן מיט אונדזערע חושים, אַז אַפילו דער פּריסטאַוו רעדט נישט בלויז וועגן צאַרישן רוסלאַנד, ווען ער זאָגט: „די שרעק גייט פון דאָרטן, פון אויבן... פון דער הייך... דאָרטן זענען זיי נאָך מער דערשראָקן... איינער האָט מורא פאַרן אַנדערן". און דניאל באַמערקט: „זיי גיבן גוט אַכטונג, אַז דער פּחד זאָל נישט אַרויס פון די הייזער... וואָס מערער פּחד פון אונטן, אַלץ זיכערער איז מען אויבן!... מיט איבערגעשראָקענע מענטשן קען מען אַלץ מאַכן". אויף אַן אַנדער אָרט גיט דניאל צו: „זיי מעגן דאָך אַלץ... זיי זענען דאָך די פאַרשטייער פון געזעץ... ער, דניאל, האָט דאָך קיין שום רעכט נישט. זיי, די מערדער, האָבן געזעצלעכע תלינים, געזעצלעכע תפיסות, פאַרשיקונגס־ערטער".

אין דער ראָם פאַסט זיך אַריין יצחק באַיאַרס בילד פון דעם יידישן מצב אין רוסלאַנד: „מיר זיצן ביי די טייכן פון בבל און מיר דאַרפן נאָך אַלע טעג זאָגן „מה טובו אהליך יעקב"... די שרעק פון די איבערלעבונגען אין עבר האָט געבראַכט דעם פּחד פאַרן עתיד. די צוקונפט, זאָגט דער מחבר דורך אַ העלד, „איז אַ שוואַרצער וואַלד, פול אויף שריט און טריט מיט געפאַרן".

דניאל רעדט קלאָר וועגן די געפאַרן: „מ׳האָט אױעקגערױבט ביים מענטשן דאָס סאַמע טייערסטע, דאָס סאַמע הייליקסטע — פרייהייט און ליכט... אָן דעם לעשט זיך דער ווילן, דער מוט, דער גלויבן, עקיבא־חבר, אַ דימענט קאָן שײנען און פינקלען נאָר אויף דער זון... אויף זומפּן וואַקסן נישט קיין רויזן...״

דאָס בילד רעדט פאַר זיך! שעכטמאַן האָט געזען די דעגראַדאַציע פון מענטש, און פון דעם ייִדישן מענטש בפרט, אין אַ סך אַ שפּעטערדיקער דאַטע ווי ערב 1905... און אוודאי ווייס ער, אַז די נאָרמאַלע אַנטװיקלונג פון מענטשלעכן יחיד איז ענג פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן קיבוץ, מיט זיין קולטור און גייסטיקער וועלט. ער פאַראורטיילט — צווישן די שורות — קולטור־שמד און מיט בייסיקער סאַטירע שרייבט ער וועגן די, וואָס אַנטלויפן פון פאָלק צו אַ רייכערן טיש, „זוכן דאָרט אַ פעטן ביין״. ער רעדט וועגן אָפּגעסמאַליעטע נשמות, וואָס האָבן געגלויבט, אַז מען דאַרף אַוועק ווהין ווער ס׳קען. אָבער „דער עבר וועט סיי ווי פון אונדז אין ערגעץ נישט אַוועקגיין״.

*

שעכטמאַן באַשרייבט די טראַגיק, ראָמאַנטיק און דינאַמיק פון אַ דור. די העלדן זענען כסדר אונטערוועגנס, אין דעם ערב פון אַנקומענדיקע געשעענישן. אייניקע פון זיי ווערן אויפגעריסן מיט אַ שטאַרקן קראַך און מיר פילן זיך דאָן ווי ביים הערן דעם פינאַל פון וואַגנערס מוזיק ביי אַ פולן אָרקעסטער. די אַטמאָספער ווערט אָנגעגליט ביז צו אַ קלימאַקס פון עקספּלאָזיע. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז דעם מחבר געלינגט אַריינצוציען דעם לייענער אַנטיילצונעמען אין דעם, וואָס קומט פאָר. מען זעט פאַר זיך די לעבעדיקע מענטשן און בילדער. מען הערט זיי נישט נאָר דורך דעם קלאַנג פון וואָרט, נאָר אַפילו דורך אויסגעשוויגנקייט.

שעכטמאַן מאָלט זײנע כאַראַקטערן אין פאַרשידענע סיטואַציעס מיט פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג. ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אין פּראָזע איז דאָך דער עיקר דער מענטש. דאָס מיינט נישט, אַז די פאַבולע האָט נישט קיין באַדייטונג. אין גוטער קינסטלערישער פּראָזע דאַרף דאָס דערציילערישע און די כאַראַקטעריזאַציע זיין צונויפגעוואַקסן ווי אַ סיאַמער צווילינג. שעכטמאַן האָט ביים געשטאַלטיקן די אינדיווידואַליטעט פון זיינע

פערסאָנאַזשן געלונגען פאַרבינדן טיפּאַזש מיט געשעעניש און מאָטיוון. דער סוזשעט אַנטוויקלט זיך מיט אַ טעמפּאָ פון גוטער פּראָזע, לירישע פּאַסאַזשן קאָמוניקירן זיך צום לייענער מיט שפּירעוודיקער עמפּינדלעכ־קייט. פאַראַן אויך גאַנץ געלונגענע נאַטור־באַשרייבונגען, ס'רוב אין ערב־צושטאַנד („ערעוו ווינטערדיקן וואַלד", „ערעוו אַ פאַרפרוירענעם וואַסער" און אַפילו „ערעוו איידימל־בערדל").

אויך אַלטע מעבל גיבן אַ בילד פון דורות, וועלכע האָבן מיט זיי געלעבט. שעכטמאַן שאַפט אַ ריי בילדער פון יידישע שטובן, וועלכע האָבן זיך אים איינגעקריצט אין זכרון. באַזונדער בולט איז געשילדערט די יידישע שטוב פון דאָרפישן גביר גבריאל באַיאַר מיט דער „סאָליע" ווו די גרויסע משפחה פלעגט זיך צוזאַמענקלויבן אין פייערלעכע אָדער יום־טובדיקע טעג.

שעכטמאַן האָט אין ראָמאַן געגעבן אַן עכאָ פון שלום־לעכמס חוה־קאַפּיטל פון „טוביה דער מילכיקער". כיירוס, די יונגע רעוואָלוציאָנערקע, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר היים קיין פּעטערבורג, האָט זיך צוליב ווין־רעכט געשמדט. לעבט יצחק באַיאַר איבער די טראַגעדיע און, ווי טוביה, באַמיט ער זיך אָפּצוטרייסלען פון זיין טאָכטער, וועמענס נאָמען עס טאָר נישט דערמאָנט ווערן אין שטוב. ער ראַנגלט זיך מיט זיינע פאָטערלעכע געפילן און דער מחבר חזרט איבער דעם „כרחם אב על בנים", וואָס מיר געדענקען פון טביהן, אָבער באַלד ברענגט ער אַרויס צאַרנדיקע רייד, וואָס פאַר אַ זינד זי איז באַגאַנגען: „מיט וואָס, פרעג איך דיך, איז דער גאָט פון אונדזערע עלטערן איר נישט געפאַלן געוואָרן? נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַ גאָט פון געפּאַלענעם פאָלק?... דאָס קען מען, ליבע, נישט פאַרגעסן און נישט מוחל זיין. אין אַזאַ שווערער צייט, אין אַזאַ עת־צרה אַנטלויפן פון פאָלק".

ווען דער „סלעדאָוואַטעל" זאָגט צום פאָטער, אַז זיין טאָכטער איז פון אים ווייט נישט אַוועק, פרעגט ער זיך: „וווּהין־זשע איז זי אַוועק? ווו־זשע איז זי? נישט דאָ און נישט דאָרט?"

עס איז פאַר מיר בלתי ספק, אַז שעכטמאַן באַהאַנדלט דאָ נישט בלויז רעליגיעזע, נאָר אויך קולטור־אַפּטריניקייט. אויף אַן אַנדער אַרט, רעדנ־דיק וועגן דער באַציונג צום יידישן לשון, ווען מען זאָגט צו דניאלן „איר רעדט בלויז זשאַרגאָן? — דו הערסט, עקיבא, פריינד, מיר רעדן מיט דיר, ווי יענע געוויסע לייט פון דער אונטערוועלט אויף גנבה־לשון, אויף

זשאַרגאָן...״ אָט די שורות האָבן אָנדײַט און זײ אַסאָציִרן זיך מיט דער באַשרײַבונג פון דניאלס קבורה מיט זײַן אויפגעהויבענער האַנט, װעלכע מ׳האָט בשום אופן נישט געקענט אויסגלײַכן, װען מען האָט אים כמעט אַ האַלב־זיצנדיקן אַרײַנגעלייגט אין קבר אַרײַן און איװע האָט געטראַכט: „דניאל װיל נישט גײן אין קבר. מ׳לײגט אים אַהין מיט געװאַלד אַרײַן״.

דאָס בילד פאַרמאָגט מער װי אײן דימענסיע. עס האָט סימבאָליק און רמז אויף דעם מצב פון יידישן לעבן, פון דער יידישער קולטור אין עליע שעכטמאַנס סביבה... אויב אין „ערעװ״ האָט דער מחבר נישט גע־דאַרפט זיך צוימען דורך אַן אינערלעכער צענזור, װעט ער אָבער אין די װײַטערדיקע טײלן, װען ער װעט דאַרפן שילדערן דאָס רוסישע יידנ־טום אין ראַטן־פאַרבאַנד, שטײן פאַר אַ גרויסן נסיון. די קומענדיקע בענדער װעלן דאַרפן באַװײַזן, צי דער מחבר איז נישט געשטרויכלט געװאָרן מיט זײַן קינסטלערישן צוזאָג.

אין זכות פון לויטערן וואָרט

אברהם ליס, אין זכות פון וואָרט, עסייען און שמועסן.
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, תשכ״ט — 1969

אברהם ליס געהערט צו די פיינע עסייִסטן פון דער יידישער שרייבער־משפחה אין ישראל. ער איז אויסגעבונדן, ווי אַן אייגענער, אַ בן־בית, אין די חדרים פון דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור, וועלכע ער זוכט מסביר צו זיין בכתב און בעל־פה.

איצט זענען דערשינען אין בוך־פאָרעם („אין זכות פון וואָרט״), זיינע עסייען און שמועסן, וואָס ער האָט אָפּגעקליבן און אַריינגענומען צווישן צוויי טאָוולען. די אַרבעטן האָבן אין זיך וואַרעמקייט, אינטימקייט און שלאָגן אָן אַ לירישן טאָן לגבי די באַהאַנדלטע שרייבער, דיכטער און דערציילער. עס איז בולט־קענטיק זיין ליבע און צוגעבונדנקייט צו די שאַפונגען אין אונדזערע צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, צו די קינסטלערישע ווערק, וואָס האָבן געשלאָגן געזונטע וואָרצלען אין דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור.

זיין ערשטע ליבע איז עד־היום מיט דער יידישער וואָרטשאַפונג און קולטור. עדות זענען די אַלע יאָרן פון זיינע לייסטונגען פאַר דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין ישראל, די אַלע אָנשטרענגונגען און געראַנגלען אַרויסצוגעבן און פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך און דאָס שעפערישע יידישוואָרט אין ישראל. אין זיין עסיי „יידיש אין ישראל״, פאָדערט ער מיט רעכט: „און לאָמיר נישט פאַרגעסן די גרופּע פון יידישע שרייבערס און טוערס, וואָס האָבן במשך אַלע ביטערע יאָרן אויפגעהאַלטן דעם פלעמל יידיש, דעם פונק פון יידיש. אַ דאַנק זיי איז יידיש היינט אין ישראל דאָס וואָס זי איז. און זיכער איז נאָך דאָ אַ סך צו טאָן — הן בנוגע דעם, אַזוי צו זאָגן, סטאַטוס פאַר יידיש, הן אין אַקטיווער טאַט, אין שעפערישן שטח. אין דעם דאַרף אונדז העלפן די יידישע וועלט״.

ער דערציילט, ביי דער געלעגנהייט, אין קורצע שטריכן, אז נישט נאָר ביז דער מלחמה האָט די קליינע גרופּע יידישע שרייבער געהאַט אויסצושטיין קאַלטס און וואַרעמס פון „גדוד מגיני השפה", נאָר אַפילו נאָך אין אָנהייב פון די מלחמה־יאָרן האָבן די שונאים פון יידיש נישט געהאַט קיין אַנדערע דאגות, ווי שיקן צו אים דראָונגס־בריוו פאַר אַרויס־געבן אַ יידיש־ליטעראַרישע אויסגאַבע, „בלעטער" (ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע).

מיט גרויס צופרידנקייט ווייזט ליס אָן אויף דער גרויסער פּאָזיטי־ווער ענדערונג, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען אין לאַנד לטובת מאַמע־לשון, און ער גיט ביי דעם מיט צער צו אַזאַ כאַראַקטע־ריסטיק: „דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, האָבן יידישע קולטור־טוער אַרויס־געוויזן אַ סך מער ווילן און גרייטקייט פאַר יידישער טוונג, און אַפילו מיט מער אידעאַלישקייט און התלהבות, ווי מיר האָבן עס היינט".

קען איך דאָ נישט אַריינגיין אין די אַלע סיבות, וואָס עס זענען דערצו גורם. אין די 16 זייטן פון דעם עסיי (דער גרעסטער אין בוך), האָט דער מחבר אַרויסגעבראַכט זיינע מיינונגען און באַטראַכטונגען, גוט אויסגעקלאַרטע אין דעם אַנאַליז פון יידיש אין ישראל. עס איז אַ גוטע און גרינטלעכע אַרבעט, געשריבן פון אַן אינעווייניקסטן אין דעם גע־ראַנגל פאַר יידיש־לשון אין ישראל.

ס׳רוב פון די עסייען און שמועסן אינעם בוך זענען קורץ און בינדיק. צימצום פון וואָרט איז תמיד אַ גרויסע מעלה אין שרייבן, עס דאַרף נאָר זיין דער „מועט המחזיק את המרובה", און דאָס קענטיקט זיך אויס אין די עסייען. באַזונדערס אין די, וווּ ער זוכט אַרויסצושיילן דאָס טיפּישע פון אַ בוך, אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פון טיפּאַזש און פּייזאַזש, וואָס האָט זיך איינגעקאַרבט אין זיין געמיט און מחשבה.

ליס פּרווט אַריינדרינגען אין דער אינטימער, יחידישער וועלט פון דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט. ער נעמט אויף דעם אומרו און גייס־טיקן צאַפּל, די קלאַנגען און פאַרבן פון פּאָעטישן געפילס־אויסברוך, די סענסיטיווע שפּירונגען און איידעלן פּליסטער פון דיכטערישן געמיט.

ליס האָט אַ געניט אויג און אויער פאַר דער צעפּליגלטער וואָרט־שאַפונג, וואָס איז באַהאַפטן מיט דעם בליץ פון וואָרטבילד. אַט באַווייזט ער דורך אַ פּיר שורות פון חנה סענעשס אַ ליד דאָס בליצאַרטיקע פון דיכטערישער זוכעניש:

אין קריג, אין שריפה, אין צעכוואַליעטן פלאַם.
צווישן בלוט־צעשטורעמטן ים,
ציגנד איך מיין לאַמטערן דעם קליינעם,
צו זוכן אַ מענטש — כאָטש איינעם.

אַזוי האָט געזונגען די העלדישע יידישע פּאַראַשוטיסטין אין איר לעבנס־אַנגעצילטקייט בעת יענע טראַגישע מלחמה־יאָרן. דער אומרו און צאַפּל פון דער יחידישער נשמה האָט באַקומען אַ דיכטערישע דערפילונג אין די לירישע שורות.

ליס ווייסט אויסגעצייכנט, אַז יעדע דיכטערישע פּערזענלעכקייט, אָדער ליטעראַרישע קאָמפּאָזיציע טראָגט אין זיך די געזעצן, לויט וועלכע זי דאַרף געשאַצט און קריטיקירט ווערן. ווען דער קריטיקער אַנטדעקט דעם ציל, דעם ענדגילטיקן איינדרוק, דאַן דאַרף ער משפּטן די ווערטן און אָפּשאַצן די טעכניק. נישט איין מאָל ווערט מען נתפּעל, ווען אַ קריטיקער פּאָדערט פון אַ מיטלמעסיק ווערק הויכע ווערטן, אַרויפלייגנדיק אַ צו שווערע מאָסע אויף אַ שוואַך וועזן.

אין די פאַרשידנאַרטיקע עסייען האָט ליס געזוכט די וואָג און מאָס, לויט וועלכע זיי דאַרפן געשאַצט ווערן. ער האָט געזוכט די שעפערישע פאַנטאַזיע, אַן וועלכער עס איז בכלל אויסגעשלאָסן גייסטיקע עמפּינדונגען פון וועלכער עס איז טיפקייט. זעט ער ביים דיכטער נתן אַלטערמאַן אַ בליציקן, צעפליגלטן זאָג — אַ דעפיניציע וועגן דעם אָרט און ווערט פון ליד — וואָס איז תוך און נשמה, כאַפּט ער עס אַרויס ווי אַן אבן־טוב און גיט עס ווי אַ מאָטאָ צו אַלטערמאַנס שאַפונגען:

ווייל ליד איז נישט קיין קנעכט; און ווייל איז דעם,
וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם יאָך פון עצות און געבאָטן,
ווי געשפּאַן און צוים ביינאַנד;
דאָך איז זיין פרייהייט אויך די פרייהייט פונעם בליץ,
וואָס פרעסט צוזאַמען און צעשפּאַנט.

אין די איבער דריי הונדערט זייטן פון דעם בוך האָט א. ליס אַרומגענומען אַ פופציק שרייבער, דיכטער, דערציילער און עסייאיסטן. ער שטעלט זיך אָפּ אויף די שטייגער־געמעלן פון די אַלטע היימען, פּוילן,

ליטע, רומעניע, און אויף די שטייגער־שילדערונגען פון די נייע היימען, אין צפון־אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע און אַנדערע יידישע ישובים. ליס האָט, מסתמא, פּלאַנמעסיק געזוכט אָפּצושפּיגלען אינעם בוך אַ פראַגמענט פון דער יידיש־שעפערישער וועלט־מאַפּע איבער אַלע קאָנ־טינענטן, ווו יידיש וואָרט האָט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן. אוודאי ווייסט ער גוט, אַז פיל פון די וואָרטשעפער, וועלכע ער באַהאַנדלט, זענען שוין געוואָרן באַלויכטן פון אַלע זייטן, און מען קען שוין וועגן זיי, דוכט זיך, גאָר נישט מחדש זיין, — וועגן י. ל. פרץ און מאַני־לייב, א. סוצקעווער און אברהם רייזען, און וועגן נאָך אַנדערע דיכטער און פּראַזאַיקער, וואָס ער האָט אַריינגענומען אין זיין בוך — וועגן זיי איז אַ היפּש ביסל שוין געשריבן געוואָרן. דאָך ברענגען די באַטראַכטונגען פון ליסן אַ דערמאָנונג און מאָנונג. ער באַהויכט זיי מיט זיין וואַרעמען לשון און פרישט זיי אָפּ פאַרן לייענער. דאָ און דאָרט גיט ער צו זיינע אייגענע שטימונגען און מחשבות, און אָט דער עפּעס איז אַ פיינער צו־שטייער אין די אָפּהאַנדלונגען.

זיינע שמועסן און עסייען וועגן די העברעיִשע שרייבער אין ישראל זענען פאַרן יידישן לייענער מער אינפאָרמאַטיוו, ווייל אַפילו די, וואָס זענען שוין איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש, זענען נאָך גאַנץ ווייניק באַקאַנט דעם ברייטערן לייענער־עולם. דורך באַלייכטן די דערציילונגען, בילדער און שטייגער־געמעלן פון דער ארץ־ישראל־טעמאַטיק אין דער אַלטער, ווי אין דער נייער יידישער פּראָזע, זעט דער יידיש־לייענער דעם חלום און דעם געראַנגל פונעם פּיאָנערישן לעבן, די ליבשאַפט צום לאַנד באַגלייט מיט אומרויִקע ספקות. אָט די אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע ראַנגלענישן קענטיקן זיך אַרויס בולטער פאַרן לייענער אין די יידישע תפוצות.

✶

איך האַלט פאַר נויטיק זיך אַ ביסל געגויער אָפּצושטעלן אויף מינאָרן טאָן פון אברהם ליסן בנוגע דעם זשאַנער פון עסייִסטיק און קריטיק אין דער ליטעראַטור. אמת, מיר הערן כסדר פונעם יידישן שרייבער דעם קהלתדיקן טאָן: למי אני עמל? ליס טיילט אָבער אויס דעם ראָמאַן, דערציילונג און ליד, וואָס ווערט נאָך געלייענט, פון עסייִסטיק. ער

שרייבט וועגן מ. גראָס־צימערמאַנס לעצטן עסייען־בוך אַזוי: „עסייען וועגן ליטעראַטור זענען ביים לייענער — בפרט אין אונדזער הייַנטיקער צייַט — עפּעס נישט קיין אַנלאָקנדיקער ענין" נאָך דער פעסטשטעלונג פרעגט ער זיך אַליין: „טאָ פאַר וועמען זשע שרייבט דער עסייִסט, דער קריטיקער ?"

ווייסן מיר גאַנץ גוט, אַז אַט די פראַגע ווערט געשטעלט אויך פון ראַמאַניסט, דערציילער און דיכטער. און מיר מאַכן זיך נישט קיין אילוזיס, אַז דער מצב וועט היינט־מאָרגן ווערן בעסער. מיר שרייבן פאַר די יידישע לייענער, וואָס אינטערעסירן זיך יאָ מיטן יידיש־שעפערישן וואָרט, און זענען די אַפּנעמער — קויפער און לייענער — פונעם יידישן בוך. עס איז אָבער נישט ריכטיק אַנצורופן סתם לייענער, וואָס מיינט אַרונטערצונעמען אַלע אונטער איין כל־הנערימדיקן טלית (— און דאָס באַטאַנען אויך די נישט־יידישע שרייבער פון אַלע לשונות). די לייענער־וועלט איז אַ פאַרשידנאַרטיקע. עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין בעסערע זאַך צו טאָן, בלעטערן זיי דערווייל אַ בוך... נאָך דעם איז עס פאַר זיי ווי אַן אויסגעברענטע שוועבעלע — קיין שפּור נישט געבליבן, נישט אין געמיט און נישט אין באַוווסטזיין.

מען טאָר אָבער נישט אַרויסלאָזן פון אויג דעם בעסערן לייענער. אים גייען שוין יאָ אָן די פּראָבלעמען פון קונסט און גייסט. ער זוכט שוין יאָ די שייכותן צווישן ליטעראַטור און לעבן, און ער וויל מען זאָל אים אויסקלאָרן, ער זאָל קענען הנאה האָבן מיט דעם פולן מויל. זיין אויג איז אפשר אַ ביסל באַגרענעצט און דערזעט נישט די פולע גאַמע פאַרבן פון די פּייזאַזשן. צו זיין אויער דערגייען אויך נישט אַלע קלאַנגען פון דער מעלאָדיע. עס זענען דאָך דאָ אַזוי פיל נישט מוזיקאַלישע צוהערער פון אַ קאָנצערט, וואָס כאַפּן נאָר איין טאָן פון אַ סימפאָניע און לאָזן דורך אַלע איבעריקע קלאַנגען און ניואַנסן, וואָס דער סימפאָנישער אָרקעסטער האָט פאַר זיי אויסגעשפּילט. דער מוזיק־קריטיקער האָט דאָ אַ ראָל, און זיין ערשטער געבאָט איז — הערן, פּונקט ווי דער ערשטער געבאָט ביי אַ בילד איז — זען.

דער קריטיקער און עסייִסט לערנען דעם לייענער־עולם — ביידע געבאָטן. און ווי דער שטייגער, לייכט ער אַדורך די ווערק, וואָס זענען שוין געלייענט געוואָרן. ער טוט דאָ און דאָרט אונטערשטרייכן, וואָס

ס'איז פריִער דורכן לייענער דורכגעלאָזט געוואָרן, און סטימולירט, מען זאָל נאָך אַ מאָל אַריינקוקן אין ווערק.

*

ווייל איך דאָ פאַרענדיקן מיט יהויכין סטוטשעווסקיס בוך „הכליזמרים״, אויף וועלכן ליס שטעלט זיך אָפּ. סטוטשעווסקי באַהאַנדלט אין זיין ווערק די וויכטיקע ראָל פון אונדזערע יידישע קלעזמאָרים אין פאָלקסלעבן און די קלעזמער־קונסט פון די עלטסטע צייטן דורך אַלע תקופות פון אונדזער געשיכטע, און אין אַלע וועלט־טיילן, ווו ס'איז נאָר געווען אַ מאָל אַ יידישער ישוב. אין זייער שפּילן און מוזיק האָט זיך דאָך אָפּגעשפּיגלט דער יידישער געמיט פון דער צייט און סביבה. דער מחבר דערציילט וועגן די קלעזמאָרים אין געטאָ־לעבן, זייענדיק שוין אַליין סקעלעטן אָנ־געטאָן אין שמאַטעס, פלעגן זיי נאָך מיט ברען משמח זיין אַ חתונה אין געטאָ.

ליס שטעלט זיך אָפּ אויף דער טראַגישער געשיכטע פון ר׳ יצחק קלעזמער, וואָס סטוטשעווסקי שילדערט זיין אומקום אין דער מוזיק־קאָמאַנדע פון אוישוויץ. ער איז געפאַלן לעבן זיין פּויק, ווען ער האָט נישט געקענט פריילעך מאַכן די רוצחישע אויספירער פון היטלערס „גאַז־קאָמפּאַניע״.

איז אפשר נישט גלייך מסיים צו זיין מיט דעם טראַגישן, ווען מען רעדט וועגן יידישע קלעזמערס, וואָס זענען אין זייער נויט אויך געווען „פריילעכע לונג־און־לעבערס״. וועל איך דעריבער ציטירן, ווי אַזוי דער דיכטער נפתלי גראָס האָט באַזונגען אונדזער קלעזמער־וועלט, דעם הוליע־קבצן פון יאָסל קלעזמער, און ליס גיט עס טאַקע ווי אַ מאָטאָ:

ווייל די גוטע זענען שטענדיק פריילעך,
אָן ליד איז דאָס לעבן נישט גאַנץ,
און פריילעכע האָבן ליב דעם פידל,
און פריילעכע האָבן ליב דעם טאַנץ.

אויסטראַליאַנאַ

פנחס גאָלדהאַר —
דער פּיאָנער פון יידיש־קינסטלערישן וואָרט
אין אויסטראַליע

אין גיכן וועט ווערן הונדערט יאָר זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער יידישער עמיגראַציע־שטראָם פון מזרח־אייראָפּע אין דער נייער וועלט. דער הויפּטשטראָם, ווי באַוווסט, איז געפלאָסן קיין צפון־אַמעריקע, ווו ער האָט דערגרייכט אַ מיליאָניקן ציפער. צו אַנדערע מעבר־לים־לענדער איז דער שטראָם געווען, פאַרהעלטנישמעסיק, אַן אַן ערך אַ קלע־נערער, און קיין אויסטראַליע האָבן דערגרייכט נאָר טראָפּנס פונעם גרויסן, יידישן עמיגראַציע־שטראָם.

דאָס איז נויטיק אונטערצושטרייכן ביים אָפּשאַצן פּנחס גאָלדהאַרס דערציילונגען פונעם יידיש־עמיגראַנטישן לעבן אין אויסטראַליע, דער גוואַלדיקער קאָנטראַסט פון ניו־יאָרק ביז מעלבורן, ווו פאַראיינזאַמטע יידן, אַרויסגעריסענע פון יידיש־פּוילישן קאָכעדיקן לעבן אין אַלע זייערע פאַר־מען, האָבן זיך אויפן פינפטן קאָנטינענט דערשפּירט עפּעס ווי פאַרוואָגלטע אויף אַ ווייטן ווייניק־באַוווינטן אינדזל, וואָס איז זיך געלעגן איזאָלירט, ווייט פון דער גרויסער וועלט, בפרט פון דער יידישער.

ווען גאָלדהאַר שילדערט זיין העלד, בענדזשאַמין, אַז — „ער האָט נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן די ליידיקע אָוונטן און זיך אַרומגעדרייט איבער די פינצטערע חדרים פון שטילן, פּוסטן הויז, לאַנגווייליק אַריינגעזיפּצט אין זיך...״ — איז דאָס נישט קיין יחידישער אויסנאַם, נאָר דאָס אַלגעמיינע בילד פון פּוסטן, יידישן לעבן, אין וועלכן עס האָט אַריינגעזיפּצט דער ניי־געקומענער ייד פון אייראָפּע. דזשאָו בענדזשאַמין (פון דער דערציי־לונג „אַלטע פריינד״) איז שוין ביי גאָלדהאַרן אַ לעבעדיקער מת, ער צאַנקט שוין לעבעדיקערהייט, און אַזוי אויך זיין פריינד, אייזיק גרין. זייערע לעבנס זענען געוואָרן שרעקלעך פאַרזשאַווערט און פאַרגליווערט אין מידקייט און גלייכגילטיקייט צו אַלץ אַרום זיי.

זיכער זענען אָט די פּאַרשוינען, וועלכע גאָלדהאַר מאָלט אין אַ צו־שטאַנד פון מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער צעפאַלונג, נישט טיפּיש אַפילו פאַר דעם יאַהודישן עלעמענט, וואָס האָט ביי אַלע זיינע שאָטן־שטריכן דאָך עפּעס געבויט — ספּעציעל אויפן פילאַנטראָפּישן געביט — אַ שטיקל פונדאַמענט געלייגט פאַר אַ יידישן ישוב לויט זיינע באַגרענעצטע השגות. אָבער פונקט ווי מענדעלע האָט געוואָלט מיט זיינע שטאַרקסטע סאַטירישע פאַרבן אָפּמאָלן זיינע קאַבצאַנסק־געשטאַלטן, אָנצושטעלן אַ יופּיטער־ליכט אויף דער „יידישער טאַרבע", אַזוי האָט אויך גאָלדהאַר מיט די בענדזשאַ־מינס און גרינס געוואָלט אַלאַרמירן און וואָרענען פאַר די געפאַרן, וואָס דראָען דעם יונגן ישוב. ווי דער מחבר וואָלט זיך אַליין געפרעגט אין זיינע יאוש־שטימונגען — „צי דערוואַרט אונדז נישט אַלע צו ווערן גאַנגרענירט דאָהי? ווערן אויסגעטריקנט פון אַלע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע זאַפטן, ווי עס איז געשען מיט דזשאָו בענדזשאַמין?"

✶

נישט נאָר אויסגעוואָרצלטקייט און ווערן אָפּגעריסן פון די לעבעדיקע קוואַלן איז געווען דער הויפּטפּלאָג פאַרן פּוילישן ייד אין אויסטראַליע. אויך נישט די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין זיין נייער היים — נאָר זיין איינזאַמקייט, די אַליינקייט, שטייענדיק אויף די ליידיקע „סאַבאַרבען"־גאַסן פון מעלבורן, וווּ מען האָט שעהען־לאַנג נישט געזען פאַר זיך קיין לעבעדיקן נפש, שוין אָפּגערעדט פון טרעפן זיך מיט אַ יידן! האָבן זיך טאַקע די יידישע אימיגראַנטן געטוליעט איינער צום צווייטן, ביים קומען צו גאַסט, ביים דאַווענען, און די וועלטלעך־קולטו־רעלע — אין דער „קדימה"־ביבליאָטעק.

אין אַמעריקע האָבן זיך אַריבערגעטראָגן גאַנצע יידישע שטעטלעך. „אַנשי קוזמין" האָבן זיך געטראָפן אין שאָפּ, אין דער לאַנדסמאַנשאַפט, ווו מען האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און בחברותא, ביי אַ פּריילעכס, געקענט פאַרגעסן אויף אַ ווייל אין דעם „הא לחמא עניא". דאָס איז נישט געווען בנימצא אין אויסטראַליע, אין דעם סובטראָפּישן קאָנטינענט האָט דער ייד געדאַרפט זוכן מיט ליכט אַ ביסל וואַרעמקייט פאַר דער נשמה. די אויסגעוואָרצלטע אַליינקייט האָט אַריינגעוויינט אין אים ביי טאָג און ביי נאַכט, און דאָס איז בעלעטריסטיש געקומען צום אויסדרוק אין די

דערציילונגען פון גאָלדהאַר, פון דעם יידיש־ליטעראַרישן פּיאָנער, וועלכער האָט אין זיינע שאַפונגען באַגלייט די ערשטע, וואַקלדיקע טריט פון דער יידישער אימיגראַנטן־מאַסע אין אויסטראַליע.

✶

פּנחס גאָלדהאַר איז געקומען קיין אויסטראַליע אין 1928, מיט אַ שטיקל סטאַזש פון ליטעראַרישע אַרבעטן — יוגנטלעכע פּרוּוון — אין לאָדזש. ער האָט געהאַט שטודירט זשורנאַליסטיק אין דער וואַרשעווער „ווּשעכניצע" און מיטגעאַרבעט אַ געוויסע צייט אין דעם טעגלעכן „לאָדזשער טאַגעבלאַט". דאָס זענען געווען זיינע ערשטע טריט אין דער שרייבערישער וועלט, באַזונדערס אין זיינע לידער און פּאָעמעס, אין וועלכע עס הערט זיך דער עכאָ פון יענער צעשטורעמטער צייט, די דעמאָלטיקע מאָדערניסטישע עקספּערימענטן אין גייסט פון דער „כאַליאַסטרע". מיר דערמאָנען זיך ווי עס האָט אויסגעזען אין יענער צייט אין יידיש־ליטעראַרישן ווינקל אין פּוילן, ווו פון נייעם ליטעראַרישן באַרג־סיני האָבן פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש, אורי צבי גרינבערג און משה בראָדערזאָן געבליצט און געדונערט מיט זייערע נייע לוחות־הברית.

דאָס אַלץ האָט גאָלדהאַר געלאָזט הינטער זיך ביים באַזעצן זיך אין אויסטראַליע. נישט נאָר האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט פון זיינע געקינצלטע לידער און חטאת־נעורים־פּאָעמעס, — די אויסטראַלישע ווירקלעכקייט האָט זיך נישט געלאָזט באַטראַכטן דורך די ראָזע, פּאָעטישע ברילן, וועלכע ער האָט געקראָגן אין פּוילן, נאָר ער איז אויך פאַרשטומט געוואָרן — אַלנפאַלס בעלעטריסטיש — כמעט דעם ערשטן צענדליק יאָר אויף דער נייער ערד.

אין 1937 האָט גאָלדהאַר אין ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך אָפּגעדרוקט זיין ערשטע דערציילונג „דער פּיאָנער", וואָס גיט אונדז אַ שליסל צו זיין טיפן פּעסימיזם, זיין אומרו און צאַפּל ביים שילדערן דעם האַרטנעקיקן באַדן און די ראַנגלענישן פאַר קיום.

סעם ראַטמאַן — דער הויפּטהעלד — איז אַ פּיאָנער פון אַ נחלה, אַ פאַרם אין אַ פאַרוואָרפענער ווילדערניש, צווישן ליידיקע שאָף־פעלדער. ער מאַכט דורך אויף זיין נחלה ביטערע, שווערע צייטן און ברעכט זיך נישט איין, ווייל ער פילט אויף זיינע פּלייצעס די האַנט פון דער געשיכטע.

ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ מיסיע צו שאַפן אַ יידישן „סעטלמענט" — פּראָדוקטיוויזירן אויפן לאַנד דעם יידישן לופטמענטש, אַ מין קימבערלײ־פּראָיעקט אין מיניאַטור.

די שכנים — אירלענדער, כינעזער — באַטראַכטן אים מיט פּאַר־חידושטע בליקן: וואָס וויל אָט דער שטאָטישער ייד, וואָס פֿאַר אַ נאַרישע פֿאַנטאַזיע האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, צו שאַפן אין דער ווילדערניש אַ ישוב פֿון יידישע פֿאַרמערס? מיט רעכט פֿרעגט אים דער שכן, אַ׳ברייען, — „וואָס גייען אייך אָן אַזוי שטאַרק די יידן?... זיי טוען ווי זיי פֿאַרשטייען. וועמענס „ביזנעס" איז עס?"

דעם אירלענדער, אַ׳ברייען, איז זיכער שווער צו פֿאַרשטיין דעם פּיאָנערישן אימפּעט פֿון אַ סעם ראָטמאַן. ער קען די פּראַקטישקייט פֿון דעם שטאָטישן ייד און און קוקט דעריבער מיט חשד אויף דער בטלנישקייט פֿון די, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט מיסיעס צו פֿאַרזאָרגן דעם כלל. ער זאָגט עס אָפֿן צו סעם ראָטמאַן:

— מאָדנע מענטשן זייט איר, יידן! אומרויִקע, שטענדיק פֿאַרזאָרגטע, ערנסטע. פֿאַר וואָס נעמט איר נישט דאָס לעבן פּשוט, אַזוי ווי עס איז? צו וואָס פֿאַרלאַנגען פֿון זאַכן מער ווי זיי קענען געבן? אָט איר אַליין: איר זענט געוואָרן אַ פֿאַרמער, דאָס איז אַלרייט, זייט אַ פֿאַרמער. איר מאַכט אָבער פֿון אייערע פֿאַר אָקער לאַנד אַ גאַנצע פּאָליטיק. און דאָס ערגסטע, וואָס די פּאָליטיק איז ביי אייך דער עיקר, און די פֿאַרם גופא צוזאַמען מיט אייער גאַנצער אַרבעט — נאָר אַ נעבן־זאַך.

די איינציקע, וואָס וויל אים פֿאַרשטיין, איז דזשין, די טאָכטער פֿון אַ׳ברייען, אָבער ביי איר רעדט די לאָגיק פֿון הארץ, אירע געפֿילן פֿאַר סעמען גיבן אַ באַזונדער חשיבות זיין פּלאַן צו ווערן אַ ריכטיקער אויסטראַ־לישער פּיאָנער.

גאָלדהאַר האָט אין דער דערציילונג אָנגערירט ביים וואָרצל דעם פּראָבלעם פֿון געמישטע חתונות. סעם ראָטמאַן ראַנגלט זיך מיט אַלע כוחות נישט צו פֿאַרבינדן זיך מיט דזשינען. ער און זי געהערן צו צוויי פֿאַרשי־דענע וועלטן, וואָס דאַרפֿן לעבן בשכנות, אָבער נישט אין איין הויזגעזינד: „וואָס טוט זיך מיט מיר, צו אַלדע רוחות! אַ פּיאָנער בין איך מ׳שטיינס געזאָגט, וויל בויען אַ יידישן „סעטלמענט" און שפּיל גאָר ליבעס מיט אַן איירישער שיקסע". מיט זיין גאַנצער לאָגישער קראַפֿט באַנעמט ער, אַז אַ יידישער פֿאַרמער מוז זיין מיט אַ יידיש הויזגעזינד. ער מוז באַקעמפֿן

זיינע געפילן צו דזשינען, פונקט ווי ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו קעמפן מיט דערווילדער אויסטראַלישער סטיכיע.

סעם ראַטמאַן פאַרשפילט דעם קאַמף. ער איז גרייט געווען אויף די גרעסטע קרבנות, געליטן און זיך געפייניקט אַן איינזאַמער אויף אַ פאַרם, וואָס איז ס׳רוב געשטאַנען אונטערן וואַסער. ער איז גרייט געווען מקריב צו זיין זיינע הייסע געפילן פאַר דזשינען („צי דען האָט ער זיך פאַרקליבן דאָ אַהער אין דעם וויסטן עק, כדי צו כאַפּן אַ שיקסל?״) — און חתונה האָבן מיט דער יידישער ראָזע, אויפשטעלן אַ יידישן פאַרם און אַ יידישן דור — מיט דעם געדאַנק קומט ער צו דער זעלמאַן־פאַמיליע. אָבער דאָרטן קומט זיין אַנטוישונג. ראָזע זעלמאַן שטויסט אים אָפּ פון זיך מיט זיין משוגעת פון אַ יידישן „סעטלמענט״ און דער מיסטער זעלמאַן פרייט זיך מיט זיין גליק אַריבערצופאָרן אין שטאָט אַריין. אַ קלייניקייט, ער האָט באַקומען אַ פאָסטן אַלס שמש אין דער יאַהודישער שול, „אנשי צדק״, אין מעלבורן! אָט די יידן, וועלכע ראַטמאַן האָט געטרוימט צו פּראָדוקטיווי־זירן, מאַכן זיי פאַר פאַרמערס, זענען מקנא דאָס „גליק״, וואָס ס׳האָט געטראָפן דעם אַלטן זעלמאַן. — „אַ גלייכעניש — די פאַרם און די שטאָט! — האָט מיט אַן אַפּאָטראָפּסיש קול זיך אָפּגערופן מיסטער זעל־מאַן. — טויזנט מאָל להבדיל דאַרף מען זאָגן...״

סעם גייט אַוועק פון די זעלמאַנס אַן אָפּגעבריטער. אָפּגעשמיסן נישט נאָר פון ראָזען, נאָר פון דעם גאַנצן געזינדל יידן, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט בויען אַ יידישן ישוב.

סעם ראַטמאַן פאַרקערפּערט גלויבן, אידעאַליזם, אויפבוי פונעם יידישן שרייבער און קולטור־בויער. סעם רייסט זיך צו אַ שעפעריש יידיש לעבן מיט וואָרצלען אין באָדן, אָבער ער האָט נישט מיט וועמען צו גיין צום טיש... זיין געראַנגל איז אַ פאַרשפּילטער — דאָס איז גאָלדהאַרס אויספיר. סעם קומט צוריק צו דזשינען. „זיי זענען געשטאַנען האַרט איינער ביים צווייטן, און זייערע שאָטנס האָבן זיך געשוואַרצט אין דער טונקלקייט״.

אָט די טונקלקייט האָט דער מחבר געזען, ווען ער האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער נייער יידישערווירקלעכקייט. ער האָט פּעסימיסטיש געקוקט אויף די פּערספּעקטיוון פון אַ שעפעריש יידישן לעבן אויף דעם אויסטראַלישן קאָנטינענט, אָבער נישט גערופן צו פּאַסיוויטעט, נאָר בלייבן אויף די פּאָזיציעס ביזן סוף, אפילו ווען מען האַלט שוין ביי — — —

אַקאָרשט האָט זיך אָנגעהויבן אויספּיקן אַ ישוב, און שוין איז זיין שקיעה. „דער לעצטער מנין" איז איינע פון פּנחס גאָלדהאַרס קרעפּטיקסטע „דערציילונגען פון אויסטראַליע". עס איז די שילדערונג פון אַ גאָלד־שטעטל אין אויסטראַליע, ווו צוגלייך מיט אַנדערע גאָלדזוכערס זענען אויך געקומען יידן פון אַלע עקן וועלט. אַט די יידן האָבן אין זייער ישוב — וואָטלהילל, אַ מקום קדוש אויפגעשטעלט, אַראָפּגעבראַכט אַ ראַביי פון לאָנדאָן, ראַביי קאָהען.

גאָלדהאַר מאָלט אין שטאַרקע פאַרבן דעם פּייזאַזש און די אַוואַנטור־ריסטישע עלעמענטן, וואָס זענען געקומען נאָך די גאָלדגליקן אין וואָטלהילל. ער שילדערט די נסיעה אַהין, ווען קיין באַן איז נאָך נישט געגאַנגען און די רייזע האָט געמוזט געמאַכט ווערן אין פּאָסטוואַגאָן. ביים לייענען איז אויפן געדאַנק געקומען דער פאַרגלייך פון י. י. טרונקס „פּוילן", ווו דער מחבר מאָלט אַ נסיעה פון די וואָרקער חסידים צום רבין מיט משקה אין דער חסידישער חברותא. אָבער לאָמיר דאָ ציטירן נאָר עטלעכע זאַצן פון גאָלדהאַרס שילדערונג: „דער וואָגן איז געווען גע־פּאַקט. צוזאַמען מיטן ראַביי איז געפאָרן אַ חברה גאָלדזוכערס. זיי זענען געזעסן צוויאָכמערטע און דערשוויצטע, אין צעקנעפּלטע העמדער מיט פאַרשאַרצטע אַרבל. דער וואָגן איז געווען פול מיט זייער טומל. זיי האָבן געלאַכט, איבערגעשריגן איינער דעם צווייטן, געהאַלטן אין איין רויכערן און טרינקען ביר פון אַן איינציק גלעזל אין גאַנצן פאַרקלעפּט פון שווייס און בירשוים...

— פאַר אייער גליק אין וואָטלהילל!

— נאָט אייך אָט דאָס פאַר וואָטלהילל! — האָט ביטולדיק אויסגע־שפּיגן אַן עלטערער מאַן מיט אַ פאַר שיטערע, געלע וואָנצעס, וואָס האָבן אים אַראָפּגעטריפט איבערן מויל. — מיך פרעגט! — האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער ברוסט. — איך בין אַ גאָלד־גרעבער נישט פון היינט, אַדורכגעמאַכט די באַלאַראַטער צייטן. שוין איין מאָל געווען צייטן!... מען האָט געשאַרט דאָס גאָלד און געלעבט, אַ רוח זאָל עס נעמען!... אַראָפּגעקומען אַ פאַרשוינטע פון די גרויסע טעאַטערס, שוין איין מאָל אַ נקבה, זאָג איך אייך!... אַז זי האָט אָנגעהויבן טאַנצן און זינגען אירע לידלעך... איז דער עולם געשפּרונגען פון דער הויט. מען האָט איר אויס־

געטאָן די טאַנץ־שיכלעך און זיי אָנגעשיט מיט גאָלד, זי זאָל טאַנצן אַ גאַקעטע, כע, כע! און זי האָט עס געטאָן, די ממזורטע, נאָר מיט רעוואָל־ווערן אין ביידע הענט, מען זאָל זיך צו איר נישט צוכאַפּן...

— אַן אַלטער, און דערציילט אַזעלכע געשיכטעס! — האָט זיך פאַר־קרימט דער זומער־באַשפּרענקלטער פּאַרשוין. — איר וואָלט זיך געדאַרפט שעמען פאַרן געטלעכן מאַן דאָ! — האָט ער אָנגעוויזן אויף. ראַביי קאָהען, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַריינגעקוועטשט אין אַ טונקל ווינ־קעלע, פאַרטאָן אין אַ ספר.

דער עולם האָט אויסגעפּלאַצט מיט אַ רוי געלעכטער. דער אַלטער האָט מיט איין אויג כיטרע פאַרקוועטשט, אַ קוק געטאָן אויפן ראַביי און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַז גאָטס לייט פאָרן שוין קיין וואַטלהילל, איז אַלרייט! אין באַ־לאַראַט האָט מען זיי פאַר מיינע צייטן נישט געזען, ניין!...

ראַביי קאָהען האָט זיך טיפער אַריינגעקוועטשט אין זיין ווינקעלע און מיטן ספר פאַרשטעלט דאָס פּנים ווי מיט אַ מחיצה".

דאָס איז אַ פּלאַסטיש בילד פון די גאָלד־זוכענישן אין אויסטראַליע, פון דעם הפקר־עלעמענט, יידן בתוכם (וועלכע דער מחבר האָט אויסגעע־מיטן אויף דעם שטעל צו אינדיווידואַליזירן), און אַ ראַביי, וואָס פאָרט צו באַדינען די קהילה־קדושה אין וואַטלהילל.

דאָס גאָלד פון שטעטל איז ביסלעכוויין אויסגערונען און דער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן גליק אין אַנדערע מקומות. וואַטלהילל איז געבליבן אָן אַ יידישן מנין. שאַפט דער ראַביי אַ געדונגענעם מנין, מיט פּענסיע פאַר קומען דאַווענען, אַראָפּברענגענדיק עטלעכע יידן פון אַ מושב־זקנים אין סידנעי. האָט דער געדונגענער מנין פאַרשטרייקט, געפאָ־דערט אַ הוספה, און טאַקע נישט געוואָלט זיך מער שטעלן צום „דזשאָב"...

געבליבן איז דער לעצטער בעל־תפילה, אָבער שוין אָן אַ לעבעדיקן מנין... — מיט וואָס זענען מיר אַנדערש ווי מתים? אונדזער לעבן, מ'שטיינס געזאָגט הייסט אויך געלעבט?... — זאָגט זעליק הירש פון דעם געדונגענעם מנין. שטייט דער ראַביי קאָהען און דאַוונט אין אַ ליידיקער שול, וואָס איז געבליבן פאַריתומט, אָבער ער טרעט נישט אָפּ פון זיין פּאָזיציע אַפילו ווען ער איז דער לעצטער, ווי עס טוט אַ שיפסקאַפּיטאַן בעת אַ שיפבראָך...

דאָס איז גאָלדהאַרס קרעדאָ פאַרן יידישן שרייבער, פאַרקערפּערט אין ראַבּיי קאַהען. מען קען אָפּפרעגן דעם אומקינסטלערישן סוף פון „לעצטן מנין". ווען ראַבּיי קאַהען טוט זיך אָן דעם קיטל, צינדט אָן אין שול אַלע לאָמפּן, ווי אין אַ יום־טוב, און שטעלט זיך אַוועק דאַוונען ביים עמוד אין דער ליידיקער שול. דאָס קלינגט מעלאָדראַמאַטיש. אָבער די פּוענטע פון דער דערציילונג איז דאָך דאָס איינשטעלן זיך פאַר הייליקע פּרינציפּן, מיט עקשנות זיך קלאַמערן פאַר אַ פּאָזיציע פון יידישקייט און נישט לאָזן זיך ברעכן צוליב דער גלייכגילטיקייט פון אַ געדונגענעם מנין אויפצוהאַלטן דעם יידישן קיום.

גאָלדהאַרס פּעסימיזם איז זייער פאַרשטענדלעך, ווען מיר נעמען אין אַכט די בלוטאַרעמקייט פונעם היגן יידישן ישוב אין זיין צייט. דער פּלי־סיקער צושטאַנד פון נייעם יידישן לעבן, זיין פּנימלאָזיקייט, דאָס פעלן פון לייענער, פון אַ שרייבערישער סביבה, בכלל פון אַ יידיש־שעפערישן קלי־מאַט — אַלץ צוזאַמען האָט שרעקלעך דערדריקט דעם מחבר־פּיאָנער, פּנחס גאָלדהאַר. דאָס, וואָס ס׳האָט עקזיסטירט, האָט אים נישט געגעבן קיין גרויסע האָפענונגען. בעת ער האָט געשריבן זיינע „דערציילונגען פון אויסטראַליע" — פאַרן קריג — האָט ער נישט געזען פאַרן ישוב קיין אויפגאַנג דורך אַ צופלוס פון פרישן בלוט, נאָר דעם גאַנג צו אַ בלינדער וואַנט. אונטערגאַנג דורך צעפאַל, ווי ביי די בענדזשאַמינס, גלייכגילטי־קייט צום נאַציאָנאַלן קיום, ווי ביי דעם געדונגענעם מנין, אָדער ביי די יידן פון דעם יידישן „סעטלמענט". אויב דאָס קומט פאַר ביים אַלטן דור, וואָס איז געקומען מיט טראַדיציעס פון דער אַלטער היים, טאָ וואָס קען מען שוין דערוואַרטן פון דעם נייעם יידישן דור?

„דער ברית"

דזשעק סילווער האָט ענדלעך געפּועלט ביי זיין קריסטלעכער פרוי, קעטלין, מל צו זיין זייער קינד. איז ער אין זיבעטן הימל און לויפט אַרום צו באַזאָרגן עס זאָל זיין אַ ברית מיט אַלע פּיטשעווקעס. גאָלדהאַר שיל־דערט מיט הומאָר ווי אַזוי דזשעק, דער ייִד, לעבט דורך דאָס יידישן פון זיין קינד, זיינע קאָמפּלעקסן ביים גרויסן זיך אין „ליין", אַז זי, „די קריס־

טין מיינע" דערגייט מיר די יאָרן... זי וויל דווקא אַ ברית, ס'זאָל זיין מיטן גאַנצן קנאַק... וואָס זאָגט איר נישט דערצו?"

אָבער נישט פון דער הומאָריסטישער זייט באַהאַנדלט דער מחבר דעם טראַגישן פּראָבלעם פון געמישטע חתונות. ער האָט אין דער קורצער דערציילונג — עטלעכע זייטלעך — באַהויכט מיט טיפער סימבאָליק דעם גייסטיקן קלימאַט פאַרן יידישן קינד אין די נייע ישובים. עס איז דאָ אַ דראַמאַטישער מאָמענט אין טאָג פון ברית, ווען קעטלין לעבט איבער די געשעעניש מיט איר קינד, ווי מען וואָלט אים געבראַכט פאַר אַ קרבן צו אַן אומבאַקאַנטן גאָט... — „פּלוצלונג האָט זיך צו איר דערטראָגן דאָס קול פון רעוורענד, וועלכער האָט פייערלעך, מיט אַ צעצויגענעם ניגון, אַרויסגעזונגען עפּעס אומפאַרשטענדלעכע, סודותדיקע ווערטער, און באַלד דערנאָך האָט זיך געהערט אַ פאַרקייכט, אָפּגעהאַקט געוויין. זי איז געוואָרן אויפגעציטערט. מען טוט דאָרט ווי איר קינד!..." ביים סוף, ווען זי האָט צוריק באַקומען דאָס קינד, האָט זי מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אים איבערגעצלמט... דאָס איז די פּוענטע, דער סוף פּסוק, וואָס זאָגט אונדז מער וועגן נאַציאָנאַלן גורל פון קומענדיקן דור, ווי צענדליקער אַרטיקלען.

איינמאָליקע יידישונג: אַ ברית, אַ בר־מצווה, טיי־לעפּעלעך „סאָנדיי"־סקול־דזשודאַיזם, און דאַן אַ גאַנץ לעבן אין אַ נישט־יידישער, פרעמדער וועלט, סימבאָליזירט אין איבערצלמען, וואָס דאָס קינד זויגט איין אין זיך מיט דער מוטערס מילך... דאָס פּנים פון דעם נייעם יידישן דור אויף אימיגראַציע, פון געמישטע עלטערן, אָדער אַפילו פון יידישע טאַטע־מאַמע, כּאַטערט דעם יידישן דערציער, שרייבער און קולטור־טוער. ווען גאָלד־האַר האָט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געשריבן זיינע דערציילונגען, איז נאָך דאַן אין אויסטראַליע נישט געווען קיין איין יידישע טאָגשול און נישט קיין יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל שאַפן אַ יידישע סביבה. איז דעריבער לגמרי נישט קיין ווּנדער דער פּעסימיזם, וואָס איז ווי אַ שאָטן פון האָפענונגסלאָזיקייט נאָכגעגאַנגען דעם יידישן שרייבער.

ווען גאָלדהאַר שילדערט דעם עמיגראַנטישן ייד, זיינע אַנגסטן אויף דער נייער ערד, טוט ער עס נישט ווי אַ זייטיקער אָבסערוואַטאָר, נאָר פון זיין אייגענער איבערלעבונג. די צעטומלעניש פּנים אל פּנים מיט אַ נייעם לעבנס־שטייגער, די פרעמדקייט, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַזאַ אימה, גע־שראָקן מיט אומפאַרשטענדלעכקייט און אויסגעוואָרצלטקייט. און נאָך איי־דער אָט דער ייד האָט דערשפּירט אַ שטיקל טעם אין נייעם לעבן, האָט

ער זיך פלוצעם אויך דאָ באַגעגנט מיט אַן אומגעבעטענעם גאַסט — דעם מלאך־המות...

„אַ לוויה״

דאָס איז איינע פון גאָלדהאַרס שטאַרקסטע דערציילונגען, אין וועלכער עס באַקומט אַ קינסטלערישן אויסדרוק די קאָלעקטיווע צעטומלטקייט און שרעק, וואָס נעמט אַן אַ מיסטעריעזן כאַראַקטער פון דער אויסטערלישער אומהיימלעכקייט ביי דער קבורה. אין דער אַלטער היים האָט דער טויט נישט צעשטערט די פסיכישע גלייכגעוויכט פון קאָלעקטיוו. דער „דור הולך ודור בא״ איז געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך און נאַטירלעך פאַרן קיבוץ, און פאַרן יחיד. אָבער דאָ, אויף דער נייער ערד, האָט דער טויט פון אַן עמיגראַנט זיך אַסאָציִירט מיט דער ווייטער, ווילדער פרעמדקייט, מיט דער ביטערער אַנטוישונג פון דעם לעבן, וואָס מ׳האָט דאָ מ׳שטיינס געזאָגט געטראָפן אין דער גאָלדענער מדינה:

— „די גאָלדענע גליקן דאָ... כדאי געווען אַהער צו קומען! — האָבן פאַרזאָרגטע אויגן שטילערהייט געשושקעט צווישן זיך״. דער טויט האָט אָנגענומען קאָשמאַר־פּראָפּאָרציעס.

דער ראש המדברים פון דער צעטומלטער מאַסע איז משה האַקער. ער דריקט אויס די אַלגעמיינע אומצופרידנקייט פון עמיגראַנטישן עולם, די בונטאַרישע שטימונג קעגן אַ רב מיט אַ פאַרדרייטן קאָלנער, וואָס זעט אויס ווי אַ גלח און די עגלה מיט אַ גוישן קוטשער: „אַ מדינה!... אַ גוי זאָל גאָר פירן אַ יידישע לוויה!...״

דאָס אַרויפקומען אויפן בית־עולם, ווו דער יידישער טייל איז בשכנות מיטן קריסטלעכן און צלמים, הייליקע פיגורן טורעמען איבער קברים, נישט ווייט פון די יידישע — האָט אַרויסגערופן אַ קאַלטן שוידער איבערן לייב ביים טראַדיציאָנעלן יידן. דאָס פריִערדיקע מורמלען איז איבערגאַנגען צו העכערע קולות: — „ווו האָט מען אונדז פאַרפירט? ס׳איז דאָך אַ צמענטאַזש!״ — „נישט געדאַכט זאָל זי ווערן די קאַנטרי! — האָט פייוול אויסגעשפּיגן מיט כעס״.

דער מחבר האָט אין דער דערציילונג אַרויסגעבראַכט דעם צוזאַמענשטויס צווישן דער יאַהודישער פּני און דער עמיגראַנטישער מאַסע, די

„גרינע", וועלכע עס געפעלט נישט די קאַנטרי („זאָלן זיי פאָרן צוריק אַהיים, בלויז טראָבל האָט מען פון זיי. ווער דאַרף זיי דאָ!"). קען מען ספקן צי דער בית־עולם איז דער פּאַסיקער אָרט פאַר אַזאַ מין דיאַלאָג, אָבער דער מחבר האָט פּסיכאָלאָגיש און דראַמאַטיש צוגעפירט צו דעם אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענשטויס. דער טיפערער זין פון דעם בילד איז אָבער אין פאַרפלעכטן די שרעק פאַרן נייעם, פרעמדן לעבן מיט דעם פּחד פאַרן טויט אויף אַט דער פרעמדער, אומהיימלעכער ערד. — „אַ מאָדנע ערד דאָ... גאָר אַנדערש ווי אין דער היים...", זאָגט משה האַקער, ווען ער האָט אויפגעהויבן אַ שטיקל ערד ביים פרישן קבר, און עס באַטראַכט מיט אַ שטילן קרעכץ... אַט די פרעמדקייט האָט גאָלדהאַר בעלעטריסטיש דורכגעלויכטן פון אינעווייניק.

ריסן און קאָנפליקטן צווישן אַלטע און נייע אימיגראַנטן, צווישן משפּחה־מיטגלידער, תושבים און „גרינע", אַראָפּגעבראַכטע עלטערן צו קינדער, די שפּיכת־דם פון ר' שלמה זלמן ביים גיין צו די קינדער נאָך „ווידזשעס" („אויף דער עלטער") — די מאָטיוון, הגם נישט קיין נייע, באַקומען אַן אייגנאַרטיקן חותם אין גאָלדהאַרס דערציילונגען. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָלדהאַרן, וואָס ער האָט אין זיינע „דערציילונגען פון אויסטראַליע" אויסגעמיטן די אַלטע היים. צי האָט ער, פּונקט, ווי אַנדערע יידישע שרייבער, נישט געשפּירט די נאָסטאַלגיע צו זיין קינדהיים און יוגנט, דאָרטן? זיכער יאָ! זאָגט ער דאָך דורך איינעם פון זיינע העלדן, אַז „די אמתע היים איז וווּ מען ווערט געבוירן". ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר זיין שרייבערישער שליחות צו געשטאַלטיקן דאָס נייע הויז פונעם ישוב אויפן אויסטראַלישן באָדן. און דאָס האָט ער באַוויזן מיט טאַלאַנט און קינסטלערישער אחריות. ער איז בעל־פּה און בכתב נישט געווען צו באַרעדעוודיק. און די גרויסע מעלה פון צמצום אין וואָרט־בילד — לייכט אַרויס פון זיין שאַפן. אין געציילטע ווערטער כאַראַקטעריזירט ער אַ העלד, וואָס גייט אַראָפּ אַ לעבעדיקער פון די בלעטער. נישט נאָר יידישע טיפּן, אויך די אויסטראַלישע שכנים לייכט ער דורך פון אינעווייניק אין קאָרגע שורות. אַלס אילוסטראַציע — דער אירלענדער, אָ'ברייען. דורך עטלעכע שטריכן באַווייזט ער זיך פאַר אונדז אין זיין פולער גרויס. און ער איז נישט דער איינציקער אין דעם זין.

בעת דער מלחמה און חורבן־יאָרן, האָט גאָלדהאַר אַרויסגעבראַכט זיין אינערלעכן קשר מיט דעם פאַרשניטענעם פאָלק נישט בלויז דורך פּובלי־

ציסטישע אַרטיקלען (גאָלדהאַר האָט פאַרמאָגט אַ פיינע זשורנאַליסטישע פעדער, אַ קעמפערישע, מיט וועלכער ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיינע יידישע קולטור־איבערצייגונגען, געווען אויך אַ גלענצנדיקער טעאַטער־רעצענזענט), און אויך בעלעטריסטיש אויסגעגראָבן פון זיין זכרון דערינערונגען און בילדער פון די קינדער־יאָרן („מכירת־יוסף"). געשריבן און געשטאַלטיקט די שרעק און דעם שאָטן פון האָקנקרייץ, וואָס באַווייזט זיך אין אויסטראַליע ביי די אַנטלאָפענע פון גיהנום. („דער רעסטאָראַטאָר מאַנדעל").

עטלעכע יאָר פאַר זיין פריצייטיקן טויט האָט זיך גאָלדהאַר פאַרמאָסטן אויף אַ גרויסן ראָמאַן פון יידישן לעבן אין אויסטראַליע און אויף איבערזעצונגען פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. פון ביידע פאַרמעסטונגען האָט ער בלויז באַוויזן פראַגמענטן צו רעאַליזירן. אויף אַ קערנדיקן יידיש האָט ער איבערגעזעצט אייניקע פערל פון די אויסטראַלישע קלאַסיקער מיט אַן אַריינפיר וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. די פראַגמענטן פון זיין ראָמאַן זענען געשילדערט אויפן פאָן פון אַ פראָווינץ־שטאָט מיט איין איינציקער יידישער פאַמיליע. עס גייען דורך פאַר אונדז אייניקע טיפּן נישט־יידן, ווי אַ ראַם פאַרן בילד פון יידישער פּראָבלעמאַטיק און נאַציאָנאַלן קיום. אומרו פאַר אַ טאָכטער זי זאָל נישט חתונה האָבן מיט אַ גוי, אַן אונטערוועלטניק, „דזשינדזשער" — האָט געדאַרפט אין ראָמאַן פאַרטיפט און אויסגעברייטערט ווערן דורך טיפּאַזש און סוזשעט.

זינט גאָלדהאַרס טויט (1947) האָט דער היגער יידישער ישוב דורכגעמאַכט אַ גרויסן קפיצת־הדרך. די צענדליקער טויזנטער יידישע פּליטים, וואָס זענען געוואָרן תושבים אין דעם ישוב, האָבן אַריינגעבראַכט אַ בלוט־טראַנספוזיע אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן. דער היגער ישוב זעט אין אַלע הינזיכטן אויס אַ סך אַנדערש, ווי אין גאָלדהאַרס צייטן. דאָס גיט נאָך נישט קיין גרונט פאַר אַ קאַזיאָנעם אָפּטימיזם. מיר האַלטן נאָך זייער ווייט פון זיין צופרידן מיט דעם מצב, בפרט, מיט דעם פּרצוף פונעם יונגן דור (טראָץ אַלע טאָג־ און צוגאָב־שולן...). פאַר דער יידישער קולטור אין אויסטראַליע וועט אָבער פּנחס גאָלדהאַר פאַרבלייבן דער פּיאָנער און גרונטלייגער פון יידיש־שעפערישן וואָרט.

י. ראַפּאָפּאָרט — דער קריטיקער און עסייאיסט

(אימפּרעסיעס פון זיינע תנ"ך-אימפּראָוויזאַציעס")

יהושע ראַפּאָפּאָרט איז קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט אָרגאַניש פאַר־בונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור. צווישן ביידע וועלט-מלחמות האָט ער אויפן געביט פון ליטעראַטור־קריטיק און עסייאיסטיק פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער („אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעישער ליטעראַ־טור"; „צווישן יאָ! און ניין!"), וואָס האָבן געהאַט אַן אָפּרוף אין אונדזער ליטעראַריש וועלטל. ער האָט געשריבן רעצענזיעס און אָפּהאַנדלונגען אין פאַרשידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס מיט שאַרפע אַקצענטירטע מיינונגען, באַגלייט מיט עמאָציאָנעלן און געדאַנקלעכן ברען.

דער מלחמה־שטורעם האָט אים פאַרטראָגן קיין שאַנכיי, ווו ער איז אויך געווען ליטעראַריש אַקטיוו. ער האָט געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט אין די שווערסטע לעבנס-באַדינגונגען. עטלעכע יאָר נאָכן קריג איז ער אָנגעקומען קיין אויסטראַליע, ווו ער איז אַ תושב די לעצטע פאַר צענדליק יאָר (דעריבער שרייב איך וועגן אים אין דער אָפּטיילונג אויסטראַליאַנאַ, הגם זיין ליטעראַרישע שעפערישקייט איז טע־מאַטיש נישט פאַרבונדן מיט אויסטראַליע).

ראַפּאָפּאָרט געהערט צו די פּראָדוקטיווע שרייבערס. ער האָט דורך די יאָרן פון זיין וווינען אין מעלבורן אַרויסגעגעבן אַ ריי ווערק (געדרוקט דאָ אין לאַנד און אין אויסלאַנד). זיינע רעצענזיעס און עסייען זענען געדרוקט געוואָרן כמעט אין אַלע אויסגאַבעס פון אונדזער ליטעראַרישער וועלט, און זיי פלעגן אַרויסרופן אָפּקלאַנגען און טענות — גערעכטע און נישט גערעכטע — אַפילו מצד שרייבערס, אָנגעזעענע און באַוווסטע, מיט אַ פּאָזיציע אין אונדזער ליטעראַטור. עס געהערט נישט צו מיין טעמע אַריינצוגיין אין דעם עצם פון די אַלע אויסזעצונגען קעגן ראַפּאָפּאָרטס אַ געוויסן צוגאַנג צו שרייבערס און ווערק. מיך אינטערעסירט דאָ אַרויס־צוברענגען זיינע וואָגיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון קריטיק און עסייאיסטיק און בעיקר זיך אָפּשטעלן אויף זיין קרוינווערק — תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס.

אין זיין ליטעראַטור־קריטיק קענטיקט זיך גאַר שטאַרק זיין עמפינד־לעך אויג און אויער פאַר קונסט, זיין כוח צו אינטערפרעטירן די דינסטע ניואַנסן פון אַ ווערק. עס איז גוט באַוווסט זיין ערודיציע אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס העלפט אים אַנצווייזן אויף השפעות פון איין שרייבער אויפן צווייטן, אָדער אויפדעקן די שטריכן, וואָס האָבן זיך פון קינסטלערס אונטערבאַוווסטזיין אַריינגעשמוגלט אין זיין שאַפן, און בכלל די שייכותן צווישן קונסט און לעבן, מיט די אידעען און פראָבלעמען פון דער צייט — אָדער פון אַ פריערדיקער תקופה. מען קען נישט מסכים זיין מיט זיינע מיינונגען און אויסזעצונגען קעגן דעם אָדער אַנדערן שרייבער און מיט געוויסע מעטאָדן פון זיין קריטיק, און דאָך אַנערקענען דעם כוח פון זיין וואָרט, אין וועלכן עס איז דאָ אַזאַ ברען, וואָס לאָזט נישט בלייבן גלייכגילטיק. אין ראַפּאָפּאָרטס אַן אָפּהאַנדלונג איז דאָ אַ סך הייס בלוט און טעמפּעראַמענט, מיט וועלכן ער זוכט זיך דורכצושלאָגן אַ וועג פאַר זיינע מיינונגען. ער גיט אַריין אין זיי אַן אַנשטעקנדיקע קראַפט, וואָס באַ־צווינגט דעם לייענער (איך רעד, נאַטירלעך, וועגן מיינונגען אַרום ליטע־ראַטור־פראָבלעמען און נישט וועגן פערזענלעכער פּאָלעמיק...)

אין זיינע ראַנדעוווען מיט די תנ"ך־העלדן ברענגט ראַפּאָפּאָרט אַרויס די ווירקונג פון דעם עטיש־גייסטיקן פרינציפּ אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט פון אַלטערטום ביזן פּוילישן ייד באַוויזן די העלדישקייט פון גייסט איבער דער מאַטעריע. ביי אַלע פעלקער ווערט אין עפּאָס פאַרהער־לעכט די פויסט, די שטאַרקע מוסקולן פון דעם גיבור. אינעם יידישן עפּאָס איז עס פונקט דער היפוך: שמשון הגיבורס שטאַרקייט שטעקט נישט אין זיין פויסט און מוסקולן, נאָר אין זיין נזירות צו גאָט. און דוד טרעט אַרויס קעגן גליתן נישט מיט דער שווערד און שפּיז, נאָר מיט גאָטס וואָרט („און איך קום צו דיר אין נאָמען פון יהוה").

דער גייסטיקער פרינציפּ, וואָס איז פאַרוועבט אין יידישן פאָלקס־גייסט, האָט געדאַרפט זיין דער עמוד האש פאַר אַלע פעלקער. דאָס איז טאַקע געלעגן אויף דער ליניע פון די נביאים מיט זייער שטאַרקער עטי־שער שפּירבאַרקייט, וואָס איז געקומען אין קאָנפליקט מיט דער רעאַלער ווירקלעכקייט. דער נביא האָט געפירט די מאָראַלישע חשבונות פון זיין אייגענעם פאָלק און פון דער מענטשהייט. ער האָט אויפגעהויבן זיין שטים קעגן דעם באַרבאַריזם און די שאַנדטאָטן פון די אייגענע און קעגן די באַגאַנגענע נבלות פון די פרעמדע. די הויכע עטישע אידעען און די גע־

רעכטיקייטס־געפילן פון די נביאים זענען אַרויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון באַרבאַריזם אין אַלטערטום.

מיט אַ ריי ביישפּילן ווייזט אָן ראַפּאַפּאָרט אויף דער טיפער מענטשן־קענטעניש פון נביא, וואָס האָט גוט געקענט די מענטשלעכע פּסיכיק און געוווּסט, אַז דאָס חיהשע אינעם מענטש שרעקט זיך ווייניק אָפּ פאַר די צען געבאָטן, דעריבער געזוכט צו צוימען די אינסטינקטן. ווי אַ גוּ־טער פּסיכאָלאָג, האָט דער נביא איינגעזען, ווי ווייניק עס ווירקט דאָס וואָרט, אפילו דאָס פּייערדיקע וואָרט, אויב עס גייט נישט אַריין טיף אין בלוט. ווי אַ באַגאַבטער דיכטער, האָט ער געזוכט דאָס בילדערישע וואָרט, וואָס זאָל רעדן צום האַרץ, אָנצינדן אַ פלעמל אין דער נשמה פונעם צוהע־רער דורך אַ מעטאַפאָר, אימאַזש און בילדלעכן ביישפּיל.

דערציילט אונדז דער תנ״ך, ווי אַזוי דער נביא איז גערודפט געוואָרן, און נישט איין מאָל האָט ער געמוזט אַנטלויפן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן. אָבער די שפּאָט־רייד פון המון אויפן מאַרק, די נויט און תפיסות, האָבן נישט געבראָכן זיין גייסט. ער האָט ווייטער מיט דעם פלאַם פון זיין האַרצן גערעדט צום המון, צום פאָלק און צו דער וועלט, געצוווּנגען, מ׳זאָל אים אויסהערן — און די וועלט האָט אים געהערט! און ראַפּאַפּאָרט דערמאָנט אונדז, אַז דאָס וואָרט פון מיכה המרשתי און פון זיינע חברים נביאים, איז אָן פּובליסיטי, ראַדיאָ, פּרעסע און טעלעוויזיע, דערגאַנגען צו דער וועלט, צו אַלע פעלקער „ווייל דורך די מיכה המרשתיס האָט אַרויסגעשריגן דער מענטש, זיין בענקשאַפט נאָך גערעכטיקייט". וואַקסט פון די שורות אין די תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס אַרויס די פולע געשטאַלט פונעם נביא, נישט ווי אַ מלאך פון הימל, „אָבער מיט אַ נשמה, אין וועלכער עס האָט געלעבט דער הימל". מיט גרויס־דיכטערישע וויזיעס פון זיין פלאַמיק האַרץ האָט ער גלייכצייטיק געזען פאַר זיך אַ פּראַקטיש־דער־ציִערישן ציל, אויפצושטעלן עטיש־גייסטיקע דאַמבעס, קעגנצווווירקן די דעמאָנישע שטראָמען, און ווי ווייט מעגלעך נייטראַליזירן די אינסטינקטיווע אימפּולסן.

ווי באַוווּסט, האָט דער תנ״ך היסטאָריש זיך אַנטוויקלט דורך איבער 1000 יאָר. זיינע מחברים האָבן דעם גאַנצן אָנוווּקס פון געשעענישן און מעשים דורך דער צייט, בפרט אויפן געביט פון קולטור און מאָראַל, אויפ־געזאַמלט אין דעם ספר הספרים. די גרויסקייט פון תנ״ך באַשטייט אויך, צווישן אַנדערן, אין דעם, וואָס ער האָט גאָר נישט פאַרדעקט, נישט די

גרויזאַמקייטן און נישט די בלוט־פאַרגיסונגען. ער דערציילט פון די שאַנדטאַטן אין יענע פרימיטיווע באַרבאַרישע צייטן; פון אַ מעשה שכם און אַ מעשה גבעה. ער שילדערט ערדישע, לעבעדיקע מענטשן אין זייער טיפער געפאַלנקייט, אָבער אויך די מאָמענטן פון דערהויבנקייט. אין תנ״ך איז געשטאַלטיקט די גייסטיקע לעגיטימאַציע נישט נאָר פון אַ פאָלק, נאָר פון דער גאַנצער מענטשהייט. ער ווייזט דעם יחוס־בריוו פונעם מענטש, פון מין מענטש בכלל, אָן פייגנבלעטלעך. ער פאַרדעקט גאָרנישט פון די „הויכע פענצטער" און ווייזט דור המלכס פאַלן (מעשה בת־שבע) און די דערהויבנקייט פון אַ פראָסטן פאָלקס־מענטש — אוריה החתי.

די גרויסקייט פון תנ״ך שטעקט אויך אין די בעלעטריסטישע און פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן. אַלע זשאַנרען פון גייסטיקן שאַפן זענען אַריין אין תנ״ך. עס פאַרמאָגט גרויסדיכטונג און וואָרטקונסט פון אַ הויכער מדרגה. דאָס קאַפּיטל „רות" — אַ פראַגמענט פון אַ גרויס־פאַרמאַסטענעם ראָמאַן פון פשוטן מענטש מיט זיין ערדישקייט. אַזעלכע דיכטערישע, קלאַסישע ווערק, ווי יונה, אסתר, אָדער די גרויסע דיכטונג פון וועלט־שמערץ, ווי איוב און קהלת; דאָן, די אַלע שאַפונגען (געשטאַלטיקט אין אַזאַ קינסטלערישער קנאַפּוואָרטיקייט) פון פאַסירונגען און געשעענישן, פאַרוועבט אין לעגענדע און סימבאָליק: די דערציילונג פון אדם און חוה, די טיפע סימבאָליק אין דער מעשה מיטן שלאַנג, אין דעם אַרויס־טרייבן פון גן־עדן, די קין־געשיכטע, די דערציילונג פון יוסף און זיינע ברידער (וואָס האָט אינספּירירט טאָמאַס מאַנען), די סימבאָליק פון יעקבס חלום (וואָס האָט אינספּירירט ריכאַרד בער האָפמאַנען), די סימבאָליק פון נבוכדנצרס חלום, דניאלס באַשייד און נבוכדנצרס סוף, וואָס היינריך היינע האָט אַזוי סאַרקאַסטיש אויסגענוצט אין זיינס אַ שריפט („נעמט אַ ביישפּיל פון דעם קעניג, וואָס האָט געמיינט, אַז ער איז גאָט און צום סוף געמוזט אַרומקריכן ווי אַ חיה").

י. ראַפּאַפּאָרט שטעלט זיך אָפּ אין זיינע תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס אויף די אַלע גייסטיקע און גרויס־דיכטערישע אויסשטראַלונגען פון דעם ספר־הספרים, דורכצוּלויכטן די גרויסקייט און אויך באַגרינדן זיין טעזע (אין די אָפּהאַנדלונגען זיינע אַרום דער יידישער ליטעראַטור), אַז דער שטאַר־קער פּסיכישער דרוק ביים יחיד (און קאָלעקטיוו) באַקומט דורך דעם ליטעראַרישן שאַפן אַ מין ווענטילאַציע, אַ דורכברוך און עפענונג, צו פאַרלייכטערן דעם דרוק, די פּסיכישע שפּאַנונג זאָל נישט צופירן צו אַ

קאַטאַסטראָפאַלן אויפּרייס. ער זעט אין תנ״ך די שפּאַנונג, דעם קאָנ־פליקט, צווישן פאָלקס־גוף און זיין ערדיש לעבן, מיט דער נשמה יתירה פון זעלבן פאָלק. אויך די נאַציאָנאַלע סכנה, וואָס האָט געהאַנגען איבערן קיום פון פאָלק.

פירט ער דורך אַ פּאַראַלעל צווישן ישעיהוס אוניווערסאַליזם און דעם נאַציאָנאַלן אַקצענט ביים נביא יואל, און קומט צום פאַרשטענדלעכן אויס־פיר, אַז צוליבן קיום פון פאָלק (און דער תנ״ך מיט אַלע שפּעטערדיקע שאַפונגען זענען דאָך דורכגעדרונגען מיטן פּראָבלעם פון פאָלקס־קיום, מיטן געראַנגל פאַר זיין פיזישער און גייסטיקער עקזיסטענץ), בעת עס דראָט אַזאַ נאַציאָנאַלע געפאַר, מוז (צוליב דער פאַרטיידיקונג פון פאָלק), דאָס אוניווערסאַלע צייטווייליק אָפּטרעטן, געבן פּריאָריטעט דעם נאַציאָ־נאַלן. אַזוי איז געווען אַ מאָל, און אַזוי איז עס היינט.

זוכט ראַפּאָפּאָרט דורך זיינע תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס צו לעגיטימירן אונדזערע היינטיקע פאַרהעלטענישן און פּראָבלעמען, ווייזן ווי אַזוי די מענטשלעכע נאַטור האָט זיך ווייניק געענדערט. ער גיט אַנדייטונגען פון דער תנ״ך־שילדערונג פון שאול המלך מיט זיין מאַטעריעלער גיריקייט, וואָס איז געשטאַנען העכער פאַר זיין מאָראַלישן אימפּולס און דערפאַר האָט ער פאַרלוירן אַ מלוכה. ער האָט רחמנות געהאַט אויף עמלקן און פאַרגעסן, וואָס עמלק רעפּרעזענטירט... „אַזוי זעען אויס די ווייכהאַרציקע, באַמערקט סאַרקאַסטיש ראַפּאָפּאָרט: געוואָרפן אַ שפּיז אויף דודן, נישט געשוינט דעם כהן, געוואָלט אים הרגענען. אָבער עטלעכע פעטע רינדער ברענגען רחמנות אויף עמלקן״...

רעדנדיק וועגן פרייהייט און דיקטאַטור, זאָגט ראַפּאָפּאָרט, אַז אין אַטען און אין ירושלים, האָט דער דיכטער און נביא געהאַט די פרייהייט צו זאָגן, וואָס ער טראַכט און פילט, דעריבער האָט די קונסט אין אַטען און די נבואה אין ירושלים זיך אַנטוויקלט צו דער העכסטער הויך. אַט די דערמאָנונג פירט אונדז צום מצב פון דער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט די אַלע באַגלייט־פּראָצעסן. דערציילט אונדז דער תנ״ך, ווי נתן הנביא איז אַרויסגעטראָטן קעגן קעניג דוד און אים געבייטשט פאַר דער מעשה בת־שבע. דערמאָנען מיר זיך אין סטאַלינס צייטן מיט זיינע הויפּפּאָעטן און די אַלע חונפים און עס בעט זיך אַ פּאַראַלעל...

דער פאַלשער נביא שרייבט אָבער אונטערן דרוק פון אויסערלעכן און אינערלעכן צענזאָר. געלט, כבוד דיקטירט זיין וואָרט. ער זאָגט תמיד,

וואָס די מאַכטיקע האָבן געוואָלט ער זאָל זאָגן. ער טוט עס מיט אַ ציני־שער אויסרעכענונג — אַ גוטן פּרייז פאַר זיין זאָג און וואָרט. אָבער וואָס איז דער סוף זיינער? ביים לעבן באַקומט ער טאַקע געלט און כבוד, אָבער ווען ער איז געשטאָרבן, איז ער אָפּגעשטאָרבן אין גאַנצן.

*

צו דער גרויסקייט פון תנ״ך געהערט אויך, וואָס ער האָט אונדז געלערנט דעם כוח פון אידעען אין דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע. די נביאיש־עטישע אידעען זענען דאָך געוואָרן אַ לייכטטורעם פאַר אַלע פרייהייטס־באַוועגונגען, פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט, פאַר אַ בעסערער וועלט. ראַפּאַפּאָרט באַהאַנדלט זייער ברייט אין זיינע תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס די עטיש־גייסטיקע אידעען, די דערשיינונג פון נבואה ביי יידן, ווי דער גרעסטער פענאָמען אין דער יידישער און וועלט־גע־שיכטע. ער באַהאַנדלט אויך די פאָלקלאָר־עלעמענטן אין תנ״ך, אין וועל־כע עס ווערט אָפּגעשפּיגלט די נשמה פון פאָלק: זיינע גלויבונגען, בענק־שאַפטן, טרוימען און אַלע אַנדערע ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, וואָס באַלייכטן פון אינעווייניק די פאָלקס־נשמה. עס איז דאָך אַ באַוווס־טער כלל, אַז מיטאָלאָגיע, פעלקער־מיטאָס איז אויך געשיכטע, אַ שפּיגל פון דער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט. שטעלט זיך ראַפּאַ־פּאָרט אָפּ אויף דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, ווי זי האָט אויסגעצויבערט אין איר דמיון די ביבלישע געשטאַלטן פון דוד המלך אָדער פון אליהו הנביא.

דער מחבר פון די תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס האָט זיך אין דעם ווערק דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה פון דיכטערישער עסייִסטיק, וואָס באַלייכט און וואַרעמט דעם געמיט.

ער האָט דאָס געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע אַרויסגעבראַכט מיט אַן אינערלעכן פלאַם און מיט אַ פּאַטאָס, וואָס רייסט מיט דעם לייענער און שטעקט אים אָן מיט זיין ברען.

הערץ בערגנער און זיין שאַפן

זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָט הערץ בערגנער געשטעלט אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אין מיטן די דרייסיקער יאָרן איז ער אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין ערשטלינג „שטובן און גאַסן״ (נאַוועלן, וואַרשע, 1935). זיין קינסטלערישע אַנטוויקלונג איז אָבער פאַרבונדן מיט אויסטראַליע, ווו ער האָט געלעבט און געשאַפן אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר פון זיין לעבן רייפערע דערציילונגען, בילדער און געשטאַלטן — אַ לעבעדיקן טייל פון אונדזער אַלעמענס נעכטן און היינט.

בערגנער האָט זיך באַלד געשטעלט מיטן פּנים צום יידיש־אימיגראַנטישן לעבן אין אויסטראַליע, צו די ראַנגלענישן פונעם יונגן יידישן ישוב צו שלאָגן וואָרצלען אין דעם האַרטנעקיקן באָדן פאַר יידיש לעבן און שאַפן, ווי צו די יחידישע דראַמעס פון נייעם אימיגראַנט מיט איבערגעריסענע וואָרצלען אונטער פרעמדע הימלען. ווי זיין פאָרגייער און פּיאָנער פון יידיש־קינסטלערישן וואָרט אין אויסטראַליע, פּנחס גאָלדהאַר — האָט אויך הערץ בערגנער מיט אַ שאַרף אויג זיך צוגעקוקט און מיטגעוויייטיקט מיט די יסורים פון אימיגראַנטישן לעבן ביים אויפשטעלן דאָס נייע הויז אין אויסטראַליע.

„דאָס נייע הויז״ (מעלבורן, 1941) איז בערגנערס ערשט אויסטראַליש בוך מיט טיפּאַזש און פּייזאַזש געפלאַנצט אויפן היגן באָדן. ביים אויפשטעלן אַ נייעם בנין ווערן אויך באַנוצט אַלטע ציגל, האָט אויך בערגנער אין דאָס נייע הויז איינגעמויערט אַ סך ציגל פון דער אַלטער היים. מיר טרעפן זיי אין פיל דערציילונגען פונעם בוך, בפרט, אין „באַנקראָט״, „דער שידוך״, ווו די טעמאַטיק איז פון יידיש־פּוילישן לעבן נאָך ערב דעם חורבן. אויך אין די אַנדערע דערציילונגען (פון „דאָס נייע הויז״), וואָס שילדערן די ערשטע אומזיכערע טריט פון אימיגראַנטישן לעבן אין אויסטראַליע, שטייט אין הינטערגרונט די אַלטע היים מיט אירע פּראָבלעמען, דער עקאָנאָמישער קריזיס, די יורדישקייט פון די חסידיש־נגידישע

הייזער און פון יחוס־שטאַם, וואָס בערגעלסאָן האָט געשטאַלטיקט אין „ארום וואָקזאַל" און „נאָך אַלעמען".

אין בערגנערס דערציילונגען פּרוּוון שוין די קינדער פון די יורדישע עלטערן צו ראַטעווען זיך (און די משפּחות) דורך אויסוואַנדערן אין אויס־טראַליע, ווו עס וואַרטן אויף זיי די „גאָלדענע גליקן". אָט די אילוזיעס און די שפּעטערדיקע אַנטוישונגען האָבן דערפירט צו שטילע יחידישע דראַמעס, און ביי אַ טייל משפּחות — צו הויך־יעלותדיקע ריסן. שפּירט יוסף זיידל, אַז ער האָט נישט געדאַרפט פון זיך אַ תל מאַכן און אַנט־לויפן („שיפס־ברידער") און יהודית האָט שטאַרקע תרעומות צו איר מאַן יצחק „וואָס ער האָט זי געבראַכט אין דער גאָלדענער מדינה" („אַליין"). גייען אַרום די „באַאַרדערס" אין זייערע ליידיקע צימערן און מאַכן זיך נישט הערן דאָס געוויין פון דער מיסעס סעגאַל, וואָס גיסט זיך צונויף מיט זייערע אייגענע ביטערנישן אין די גרויזאַמע שטובן און גאַסן („מיסטער סעגאַלס ווייב קומט צו פאָרן"). קומט אַ נייע שיף מיט עמיגראַנטן, לויפט מען צום פּאָרט זיי אָפּוואַרטן, אויפכאַפּן באַקאַנטע היי־מישע קולות, אין וועלכע מען טראָגט אַריין די אייגענע בענקשאַפט („דאָס נייע הויז").

נאָך שטאַרקער פּרעסט די איינזאַמקייט און אַליינקייט די יידן, וואָס זענען אַוועק צו זוכן פּרנסה אין אַ וויטן שטעטל, ערגעץ אין אַ העק, ווו ס'איז נישטאָ אויסצורעדן צו וועמען אַ וואָרט, און ווען מען קלאַפּט שוין צונויף אַ מנין, מוז ער דאַוונען אין אַ טאַנצזאַל און „די יידן אין טליתים האָבן זיך פאַרלוירן אַרומגעדרייט אויף דער גליטשיקער פּאָדלאָגע פון טאַנצזאַל" („די שול אין סאַניביי").

✶

אין יאָר 1947 האָט בערגנער פאַרעפנטלעכט זיין צווייטן (אויסטראַ־לישן) בוך, דעם ראָמאַן „צווישן הימל און וואַסער". עס איז אַ קליין בוך (173 זייטן), אָבער אַ גרויס קינסטלעריש ווערק מיט אויסגעפּורעמטע, בע־לעטריסטיש־קרעפטיקע געשטאַלטן, זעונגען, בילדער, געצייכנט מיט אַ זיכערער האַנט פון אַ רייפן פּראָזאַיקער.

דער סוזשעט איז פאַרנאַפּלט צו דער גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, ווען עס האָבן איבער די אָקעאַנען געוואַנדערט שיפן מיט יידישע

פּליטים, וועלכע קיין לאַנד האָט דעמאָלט נישט געוואָלט צולאָזן צו אירע ברעגעס. אויפֿן הינטערגרונט פֿון דער אויטענטישער טראַגישער עקספּלאָזיע פֿון דער שיף מיט די יידישע אומגעבראַכטע פּליטים אין די כוואַליעס פֿון ים („פּאַטריאַ"), האָט ברערגנער קאָנסטרויִרט (אויף דעם קליינעם שיף־שטח) אַ שטיק יידיש לעבן מיט זיין פֿאַלקסטימלעכקייט און פּאַנאָראַמע — אַ פֿאַרביקע, פֿולבלוטיקע לעבעדיקע יידישע וועלט מיט געשטאַלט־פֿאַרטיפֿונג און בילדער, וואָס פֿלאַטערן אין אַ לעבעדיקער אַטמאָספֿער צווישן האָפֿענונג און טראַגישע שפּירונגען.

די אויפֿפֿירונג פֿון די פֿאַרצווייפֿלטע אין פֿאַרשידענע מאָמענטן פֿון ביטערנישן און קאָנפֿליקטן, די קליינע דראַמעס אויף דער קבר־שיף מיט זייערע אינערלעכע שפּאַנונגען און קעגנזייטיקע באַציונגען; די נישט אויסגעלעבטע גאַרונגען ביים ראַנד פֿון אָפּגרונט ווערן אַרומגעוועבט מיט סימבאָליק פֿון יחידישן און נאַציאָנאַלן גורל, געשילדערט אויף אַ רעאַליסטישן הינטערגרונט. אין דעם ווערק האָט ברערגנער אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן חוש פֿאַר אַטמאָספֿער און געמיט־פֿאַרב. יעדן יחיד געוויזן מיט זיין אייגן פּנים אויך אין זיין סילועטישקייט און רעפֿלעקס־אָבסערוואַציע. דער מחבר האָט בליציק דורכגעלויכטן די טונקלקייטן פֿון מענטש, וואָס איז פֿאַרגראָבן אין דער נשמה, נאָר רייסט זיך אַרויס אין מאָמענטן פֿון שווערע נסיונות; און דאָס פֿאַרבאָרגענע ליכט פֿון מענטש און מענטשלעכקייט, וואָס באַשיינט די געשטאַלט אין זיינע ראַנגלענישן צווישן האָפֿענונג און יאוש.

אין דעם ווערק האָט זיך ברערגנער דערהויבן צו אַ קינסטלערישער הויך — דער זעניט פֿון זיין שאַפֿן, וואָס טראָגט דעם זיגל פֿון אַ רייפֿן, קרעפֿטיקן פּראָזאַיִקער. ווען אין זעלבן יאָר איז דאָס בוך דערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, האָט די אויסטראַלישע קריטיק עס אויפֿגענומען מיט אַ סך לויב און באַשאָנקען דעם מחבר מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל „פֿאַר דעם בעסטן אויסטראַלישן בוך פֿון דעם יאָר".

*

נאָכן קריג, ווען עס האָט זיך אויפֿגעעפֿנט דער בלוטיקער פֿאַרהאַנג פֿון יידישן חורבן, האָט ברערגנער געזוכט צו שטעלן אַ מאָנומענט דעם פּוילישן יידנטום, מיט דער וואַרעמקייט פֿון אַ פּוילישן ייד, וואָס לעבט

אין אויסטראַליע. אין 1950 איז דערשינען זיין ראָמאַן „אַ שטאָט אין פוילן", וואָס איז עטלעכע יאָר שפּעטער אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין עברית („עיר בפולין", תל־אביב, 1954).

דער מחבר האָט אין דעם ווערק געפּורעמט די פרייד און צער פון אַ שטיק יידיש־נעכטיק לעבן אין דער אַלטער היים: די ברוויזנדיקע אידע־אָלאָגישע שטרייטן, פּראָבלעמען, אויף דער יידישער גאַס צווישןביידע וועלט־מלחמות; באַשרייבונגען פון שטייגער־פּייזאַזש אינעם יידישן שטעטל, געשילדערט אין אַ ליריש־אינדיווידועלן טאָן. בערגנער האָט גוט געקענט פון אינעווייניק די מיליע און די טיפן, וועלכע ער האָט גע־שטאַלטיקט גרויספאַרנעמיק, מיט אַ טיפערן אויסדרוק פון דעם אינער־לעכן לעבן פונעם יחיד.

דער סוזשעט באַוועגט זיך אַרום דער אַקס פון ר' לייבוש מיט זיינע צוועלף זין („די צוועלף שבטים") מיט זייערע משפחות און פּעריפּעריעס. אָבער אין תוך געגומען איז דער ראָמאַן אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבנס־ריטעם און נשמה־צאַפּל אויף דער יידישער גאַס ביי די טייכן ווייסל, ביעמאַן, ווילי‍ע און אַנדערע פונקטן פון אונדזער נעכטיק יידיש לעבן און געראַנגל. בערגנער שילדערט זיינע פּאַרשוינען מיט אַ דינעם הומאָר, דאָ און דאָרט — אַ דינער הויך פון עראָטיזם און דיסטילירטע צניעות. דער קאַמף צווישן דורות און צווישן די פּאָליטישע שאַטירונגען איז דאָ געזען רעטראָספּעקטיוו, אויף צו מאָרגנס, נאָכן חורבן. ווי דער שטייגער, מעקט צייט אָפּ די שאַרפקייטן פון די אַמאָליקע ביטערנישן, אַרומרייסע־נישן. פּאַרקערט, בערגנער זוכט אַרויסצווייזן אַ געפיל פון ליבשאַפט צו אַלע יידן, צו אַלע ריכטונגען און שיטות פון יידיש־פּוילישן לעבן. ער זוכט דעם עטישן צובונד און די הומאַניזאַציע אינעם אַלטן יידישן לעבן, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו די נייע דורות (צו די ברוכס, עטלס, סרולס) מיט די נייע אידעאַלן.

בערגנערס דערציילערישער נוסח איז אַ באַריכותדיקער, אַ פּאַמע־לעכדיק־שטילער, ווי דער פלוס פון אַ שטילן וואַסער. אין דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען הייבט ער אַרויס עפּיזאָדן מיט דראַמאַטישע אַקצענטן, וואָס רופן אַרויס שפּאַנונג. אָבער דער תוך איז צו פּאַרפיקסירן דאָס פּאַרגאַנגענע און צו זוכן אַ בריק פון יענעם עבר צו אונדזער היינט (אין די אימיגראַנ־טישע לענדער), צו די פּראָבלעמען, וואָס אַטעמען מיט יידישער גורל־דיקייט.

אין 1955 האָט בערגנער פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג דערציילונגען א״נ „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס״ (מעלבורן, פאַרלאַג „יידישע נייעס״), די טעמאַטיק פון די צען נאָוועלן איז פאַרשידנאַרטיק און דאָך איינהייטלעך אין די נאַציאָנאַל-פּסיכישע טענדענצן פון יידישער פּראָבּלעמאַטיק אין די נייע ישובים. דער געראַנגל פאַר יידיש לשון, עס זאָל נישט פאַרשניטן ווערן פון די נייע דורות, פּייניקט דעם יידישן שרייבער, וואָס איז וואָך צו דעם גאַנצן אַרום, צו דער פאַרשטומטקייט, וואָס שרייט צו די הימלען. טענהט דער יידישער פאַלקסמענטש, וואָלף, צו זיינע טעכטער: „וואָס איז טיש מיאוסער ווי „טעיבל״ ?... דער געראַנגל פאַר דער חשיבות פון יידיש לשון רייסט זיך אַריין אין די געזאַנגען אויף די „עט האָום״-פּאַרטיעס, ווו די ענגלישע און יידישע ניגונים שטויסן זיך צוזאַמען „עס האָט זיך געדאַכט, אַז סיי די ווערטער, סיי די ניגונים האָבן זיך פאַרמאָסטן אין אַ געראַנגל, אין אַ קאַמף״ („אַ טאַטע פון טעכטער״).

נעבן דעם פּראָבלעם פון געמישטע חתונות, וואָס גראָבט אויס אַ תהום צווישן מיסטער אייזיקס און זיין טאָכטער איוו, זיין צער, ווען ער ראַנגלט זיך עס זאָל נישט אונטערגיין זיין יידישע היים און די קולטור פון יידישע דורות (די דערציילונג „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס״), שילדערט אויך בערגנער די טראַגעדיע פונעם יידישן קינסטלער, שרייבער, אַקטיאָר, זיין איינזאַמקייט און פאַרביטערטקייט, די גלייכגילטיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכקייט צו זיין עלנטקייט („אַ יידישער אַקטיאָר״).

דער צענטראַלער מאָטיוו פון בערגנערס שאַפן (אין אויסטראַליע) איז פאַרבונדן מיט די יידישע איבערגעפלאַנצטע מענטשן אויף אַ נייעם באָדן, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייערע יחידישע דראַמעס, ווי מיט דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרמעסט צו שאַפן אַ סטאַבילן, יידישן ישוב. אָט די דראַמעס האָבן באַקומען זייער בעלעטריסטישן אויסדרוק אויך אין זיינע צוויי לעצטע ווערק „ליכט און שאָטן״ און „ווו דער אמת שטייט איין״.

אין ראָמאַן „ליכט און שאָטן״ (מעלבורן, 1960) שילדערט בערגנער די משפּחה זעלינג — צו ערשט אין אַ פאַרוואָרפן אויסטראַליש שטעטל, ראַזמאַר, די אָפּגעריסנקייט פון אַ יידישן ישוב („ווו האָסטו מיך פאַרשלעפּט הערש ?...״) און די אויסגעוועפטע היים-יידישקייט. ווי אַזוי די קינדער וואַקסן אויס אין אַזאַ סביבה, איז גוט באַוווסט. דער מחבר צייכנט אָנ-

רעגנדיקע בילדער פון אַ וואָרהאַפּטיקער, רעאַליסטישער אַטמאָספער מיט די אינערלעכע שפּאַנונגען פון די משפּחה־גלידער, קאָנפליקטן, ביטערנישן — פאַרגאַנצטע בילדער פון פּאַסירונגען, צו וועלכע די נאַטור־סטיכיעס ווערן אַ מיטשותף.

דער מחבר טראָגט די אַקציע אַריבער קיין מעלבורן צו האָבן אַ ברייטערע קאַנווע פאַר דער זעלינג־משפּחה אויפן פאָן פונעם געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן יידישן לעבן אין מעלבורן. אין דער קאַנווע איז אַריינגעוועבט דער יידישער חינוך פאַרן יונגן דור און די קולטור־אַרבעט פאַר די עלטערע, די ציוניסטישע יוגנט און די „הכשרה" מיטן אויסבליק עולה צו זיין, און אַ גאַלעריע יידישן מענטשן, טיפן און בייטיפּן. דער מחבר באַלעבט די פאַרשידענע סביבות מיט זייערע טוונגען און רייד, ער צייכנט קאַנטראַסטן און נסיונות, פּסיכישע קורצשלוסן און נשמהדיקן אומרו ביי די פון דער יוגנט, וואָס זוכן זייערע וואָרצלען.

בערגנער מיט זיין נטיה צו פּעסימיזם און שוואַרצזעעריי האָט אין זיין שאַפן נישט געלאָזט זיך באַוועלטיקן פון יאוש און שאָטן־זייטן, נאָר געזוכט די ליכטשטראַלן אינעם היימישן יידישן לעבן. באַגלייך מיט זיינע צייכענונגען פון די פּנימלאָזע יידן מיט זייער לעכערלעכקייט און גראָבהויטיקייט פון די „אויסגעגרינטע" און אויפגעקומענע „אַלרייטניקעס", האָט ער אַרויסגעהויבן די דערהויבנקייט פון פּשוטע פאָלקסמענטשן מיט זייער יידיש האַרץ און געוויסן. זיי טיילן זיך אויס פון דעם ליאַרעמדיקן אַרום מיט זייערע מעשים־טובים און מיט דער פרייד פון דערוואַכטער יידישקייט.

ווען איין זון פון דער זעלינג־פאַמיליע האָט חתונה מיט אַ נישט־יידיש מיידל (לעזלי מיט דזשין), באַפליגלט דער מחבר דעם ייִנגערן זון מיט זיין יידישן אומרו און העלפט אים „זיך אויספּלאָנטערן פון די אַלע שטימען, וואָס האָבן אין אים גערופן". ער זוכט פאַר אים אַ יידישן קיום אין אַוועקפאָרן קיין ישראל. ווען די שיף האָט גענומען אַפּשווימען פון ברעג און „מאָרי האָט זיך געוואָלט דערמאָנען די אַלע פּנימער, וואָס ער האָט ערשט ביים פּאָרט געזען, האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעשיילט דאָס פּנים פון זיידן, וואָס האָט נישט געקענט קומען צום פּאָרט" („ליכט און שאָטן", ז' 452).

דאָס איז געווען בערגנערס חלום צו באַהעפטן דעם אייניקל מיטן זיידן, צו שפּירן „דעם זיידנס פינגער, וואָס קלאַמערן זיך אין זיין האַנט",

נאָר דעמאָלט וועלן זיינע יידישע וואָרצלען, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו וועלקן, צוריק באַקומען יניקה...

✶

אין זיין לעצטן בוך דערציילונגען („ווו דער אמת שטייט איין״, מעל־בורן, 1966), האָט בערגנער דורכגעלויכטן, אין פאַרשידענע דימענסיעס, אַ בילד פון יידיש לעבן מיט זיינע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן. עס איז דאָ אין דעם בוך אַ סך אומעט, וואָס פליסט אַרויס פון די שאַטנס פון אונדזער היגן יידישן לעבן, אָבער אויך פרייד, וואָס רייסט זיך אַדורך די שאַטנס. ביי דער זייט פון טרויער, עלנט, אומעט אין אונדזער צערודער־טער וועלט, האָט דער מחבר אויך געגעבן שילדערונגען פון טיפן און סיטואַציעס, אין וועלכע דאָס גוטע נעמט די אויבערהאַנט איבער דאָס שלעכטע.

בערגנער גיט מיט אַ סך שאַרזש און סאַטירע דעם שטייגער־פּייזאַזש פון די היינטיקע קינדער, פאַר וועלכע די עלטערן האָבן זיך מקריב געווען צו מאַכן זיי פאַר דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און וואָס פאַרא שכר זיי באַקו־מען דערפאַר („שיין זעט אויס אַ פייער אין דער נאַכט״, „דער טאַטע שטאַרבט נישט״, „די בלעכערנע פּושקע״ און אַנדערע דערציילונגען). אין זיין לעצטן ווערק, ווי אין זיינע פריערדיקע, האָט דער מחבר באַהאַנדלט אַ שלל מיט יידישע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט, אַרויסגעבראַכט דעם יחיד און די סביבה פון אויסטראַליש־יידיש לעבן און געגעבן אַ בעלעט־ריסטישן ענטפער אויף די שאלות: „ווי אַזוי ?״ און „פאַר וואָס ?״ און איבערגעלאָזט פאַרן לייענער: — „וואָס ווייטער ?...״

✶

אַ וואָרט וועגן בערגנערס סטיל: זיין יידיש לשון איז אַ קערנדיקס, אַ זאַפטיקס מיט טרעפלעכע גלייכווערטלעך פון עכטן יידישן אידיאָם. בטבע אַ שטאַרק באַרעדעוודיקער, האָט ער געדאַרפט מלחמה האַלטן מיט זיך אין שפּראַך־דיסציפּלין און אין צימצום פון וואָרט און פּרט. טייל מאָל האָט די נטיה פון צו פיל דערערעדן און איבערלאָדן מיט אַן אומבאַדייטנדיקן פּרט גובר געווען, אָבער בכלל האָט ער זיך באַמיט צו זיין געפּרעסט אין וואָרט און שטעלן באַצייטנס אַ פּונקט (אָדער דריי פּינטעלעך).

די אויסטראַלישע ליטעראַטור —
איר אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג

עס איז אַ באַקאַנטע אַקסיאָמע: ווילסטו אַ לאַנד און אַ פֿאָלק דערקענען, מוזסטו אַריינקוקן אין דער געשיכטע און ליטעראַטור פֿונעם לאַנד. לגבי אויסטראַליע, איז עס פֿיל לייכטער — אַ שפּרונג נאָר דורך צוויי הונדערט יאָר! דעם 20סטן אַפּריל 1770 האָט דער ערשטער אייראָפּעער, דזשעימס קוק, דערגרייכט דעם מזרח־ברעג פֿון אויסטראַלישן קאָנטינענט, און דזשאָזעף בענקס האָט געשיקט קיין ענגלאַנד אַ גינסטיקן באַריכט וועגן דעם נייעם לאַנד פֿאַר אַ ישוב. אָבער די רעגירנדיקע קרייזן אין ענגלאַנד האָבן אויסטראַליע נישט באַטראַכט, ווי אַ וויזיע פֿון אייראָפּעישער ציוויליזאַציע אויפֿן ייִנגסטן קאָנטינענט, נאָר ווי אַ מקום־מקלט פֿאַר דער גרויסער צאָל „פֿאַרברעכער" ביי זיך אין לאַנד.

ווי באַוווּסט האָבן די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, נאָכן באַפֿרייען זיך פֿון ענגלאַנד, זיך אָפּגעזאָגט אַריינצולאָזן די פֿאַרשיקטע „פֿאַרברעכער" ביי זיך אין לאַנד. די אַנטדעקונג פֿון אויסטראַלישן קאָנטינענט איז דעמאָלט געווען אַ מתּנה פֿון גאָט — פֿאַר אַ נייער פֿאַרשיקונגס־קאָלאָניע, מיט נאָך אַ גרויסער מעלה — וואָס עס ליגט אַזוי ווייט פֿון די ענגלישע ברעגעס, און דער וועג צוריק פֿאַר די קאָטאָרזשניקעס וועט נישט זיין לייכט...

ווען קאַפּיטאַן פֿיליפּ, דער פֿאָטער פֿון דער נייער פֿאַרשיקונגס־קאָלאָניע, איז אָנגעקומען קיין ניו סאַוט וויילס (1789) מיט דעם ערשטן פֿלאָט פֿון אַ טויזנט נפֿשות, זענען דריי פֿערטל פֿון זיי געווען פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם אָפּפֿאַל פֿון דער ענגלישער געזעלשאַפֿט, און קיינער אין דער וועלט האָט נישט געקענט חלומען אַפֿילו, אַז מיט די פֿאַרשיקטע הייבט זיך אָן דער בראשית פֿון אַ ניי פֿאָלק מיט אַן אייגענער אידענטיטעט. די פֿאַרשיקונגס־קאָלאָניע האָט אויסגעזען צו זיין אומפּרוכטבאַר, לאַנגע מאָ־

נאָטן ים־רייזע פון ענגלאַנד, ווי עפּעס אַ פאַרוואָרפן קינד, אָן באַשפּייזונג, אָן ליבשאַפט, זיכערקייט פון מאַמעשע הענט און פאַמיליע־קרייז.

עס געהער נישט צו דער טעמע, ווי אַזוי דער קאַטאָרזשניקעס־ישוב האָט זיך דערהאַלטן ביים לעבן דורך קצבה פון דער שטיפמאַמע (ענגלאַנד) און אַ ביסל דורך פּיצוכט און לאַנדווירטשאַפט. די פאַרשיקטע האָבן צוזאַמען מיט די פרייע באַאַמטע (זייערע באַגלייטער און שומרים) געשאַפן די ערשטע גייסטיקע סביבה אויפן נייעם קאָנטינענט.

די אויסטראַלישע פּראָזע ציט איר יחוס־בריוו פון אַ פאַרשיקטן „פאַרברעכער" קיין טאַסמאַניע, הענרי סאַווערי, און פון זיינע צוויי ווערק וועגן דעמאָלטדיקן קאַטאָרגע־סיסטעם. אין זיין „קווינטוס סערווינטאַס", שילדערט ער, אויפן סמך פון אייגענע איבערלעבונגען די אַכזריות פון דער אַדמיניסטראַציע, די שווידערלעכע באַהאַנדלונג פון די פאַרמשפּטע אויף צוואַנגאַרבעט, דאָס ברוטאַלע איזדיעקעווען זיך איבער מענטשן, וואָס זענען, לרוב, פאַרשיקט געוואָרן צוליב די קלענסטע פאַרברעכנס (לדוגמא, פאַר גנבענען אַ הון אַפילו).

✶

וועגן די שטראָף־קאָלאָניעס זענען פאַראַן ווערק פון פיל שרייבער, וואָס זענען געווען די עדות (און קרבנות) פון דעם סיסטעם, און פון זייטיקע אָבסערוואַטאָרן, וואָס האָבן געלעבט אויף דער פריי דעמאָלט אין אויסטראַליע. איך וועל דערמאָנען דעם זשורנאַליסט פּרייס וואָרונג (וויליאַם אַסלעי), ער האָט גרינטלעך נאָכגעפאָרשט דעם דעמאָלטדיקן טורמע־סיסטעם פון די אויסטראַלישע קאָלאָניעס און זייער אויסווירקונג אויף די פאַרשיקטע, אָנגעגעבן אויטענטישע נעמען און געשעענישן, וועלכע ער האָט בעלעטריסטיש באַאַרבעט אין קורצע דערציילונגען. אויב דער ליטעראַרישער ווערט פון די דעמאָלטדיקע ווערק איז אומבאַדייטנדיק, פאַרמאָגן זיי אָבער אַ גרויסן געשיכטלעכן ווערט, ווייל עס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיי אַ שטיק פון דעם אויסטראַלישן בראשית אינעם געבורט פון אַ פאָלק.

דער גרעסטער אויסטראַלישער ראָמאַניסט פון יענער עפּאָכע איז מאַרקוס קלאַרק (1846—1881). זיין ראָמאַן „די צייט פון זיין נאַטירלעכן לעבן", איז דאָס בעסטע ווערק פון יענער צייט, וואָס פאַרמאָגט אַ קרעפּ־

טיקן אויסדרוק. כדאי צו באַמערקן, אַז בשעת ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ווערק וועגן דעם שוידערלעכן גורל פון די פאַרשיקטע, האָט שוין דער אויסטראַלישער קאַטאָרגע־סיסטעם געהערט צו געשיכטע. אָבער דער טענאָר פון זיין שטורמישן פּראָטעסט קעגן די באַגאַנגענע גרוילטאָטן, האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ ברייטן אָפּקלאַנג נישט נאָר אין דער ליטע־ראַרישער וועלט, נאָר אויך אין די ענגלישע רעגירונגס־קרייזן. די לעבע־דיקע בעלעטריסטישע בילדער און שילדערונגען (הגם באַגלייט מיט היכּע מעלאָדראַמאַטישע אַקצענטן), האָבן דאָס ווערק אַרויסגעהויבן אויף דער מזרח־וואַנט און ס׳ווערט געהאַלטן פאַר אַ קלאַסיש בוך פונעם קאָלאָניאַלן פּעריאָד.

ווי באַקאַנט, איז ענגלאַנד צוליב די שטורמישע פּראָטעסטן פון פאַר־שידענע קרייזן אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, געצוווּנגען געוואָרן אָפּצו־שטעלן די טראַנספּאָרטן פון קאַטאָרזשניקעס קיין אויסטראַליע. אָבער גראָד דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער ווענדפּונקט אין דער אויסטראַלישער געשיכטע אַ דאַנק די פּלוצעמדיקע גאָלד־אַנטדעקונגען אין לאַנד. פון אַלע וועלט־טיילן איז מען געקומען זוכן דעם גאָלד־אוצר. עס איז געווען אַ פרייע אימיגראַציע, וואָס האָט במשך פון אַ גאָר קורצער צייט פאַרגרע־סערט די באַפעלקערונג — דרייפאַכיק. די קאָלאָניעס האָבן דורך דעם אָנגעלויף פון אַלע פעלקער באַקומען אַן אַנדער פּנים. די פרײַערדיקע, באַגרענעצטע געזעלשאַפט, געבויט אויפן יסוד פון קאַטאָרגע־ווירטשאַפט, האָט אַ דאַנק די נייע אימיגראַנטן פון אייראָפּע, בעיקר די אירלענדער, דורכגעמאַכט אַ גרויסע ראַדיקאַלע טראַנספאָרמאַציע מיט דעם שטאַרקן פונדאַמענט פאַר דעמאָקראַטיע.

די גרויסע ענדערונגען אין דער ווירטשאַפט און דער איבערגאַנג פון אַ שטראָף־קאָלאָניע צו אַ פרייער געזעלשאַפט מיט אייגענע פּאָליטישע אינסטיטוציעס, האָבן ביז די אַכציקער יאָרן נישט באַווירקט די שרייבער אין אויסטראַליע צו שאַפן אַן אויסטראַלישע ליטעראַטור מיט אַן אייגן פּנים. די שרייבער זענען דאָך געווען אימיגראַנטן, ס׳רוב פון ענגלאַנד, וואָס איז ביי זיי ווייטער פאַרבליבן די היים. זיי זענען איצט געווען איבער צען טויזנט מייל ווייט פון איר, האָבן זיי דעריבער מיט די שטאַרקסטע נאָס־טאַלגיע־טענער געזונגען וועגן דער שיינער, ווייטער היים... אין די קאָ־לאָניעס האָבן זיי געטראָפן ווילדלאַנד מיט אויסטערלישע חיות און

געוויקסן, אָן אומגעצוימטע נאַטור־סטיכיע מיט גרויסע פּאַרפּלייצונגען און אַ סובטראָפּישן קלימאַט.

אויב דער ערשטער שעפערישער שפּראָץ אין אויסטראַליע איז געקו־מען פון קאַטאָרזשניקעס, באַגלייט מיט באַוואָפנטע זעלנער, איז געווען נאַטירלעך נישט צו געפינען אין זייערע ווערק קיין צו גרויסע ליבשאַפט צו דער מאַמע, וואָס האָט זיי פאַרטריבן... אָבער די שפּעטערדיקע שריי־בערס זענען שוין געקומען פון אייגענעם פרייען ווילן, און דאָך האָבן זיי באַטראַכט דאָס נייע לאַנד פאַר גלות אין אַ פּרימיטיוון ישוב, און זיך אַליין — פאַר גלות־פּאָעטן, וואָס שטיקן זיך, קענען נישט אָטעמען מיט דער אויסטראַלישער לופט. דאָס זענען געווען אויסגעוואַרצלטע פּאָעטן, פאַר וועלכע דער נאַטירלעכער צענטער איז געווען די לאָנדאָנער קאָפּע. דורך איר פּריזמע האָבן זיי געקוקט אויף דער וועלט, לעבנדיק אין „גלות" מיט אומעט, בענקשאַפט צו דער אַלטער היים.

דער לייב פון דער „גלות־גרופּע" איז געווען דער פּאָעט אַדאַם לינדזעי גאָרדאָן. ער, צוזאַמען מיט זיינע קאָלעגן (הענרי קענדעל, אַדאַ קעמברידזש — אָנצורופן נאָר אַ פּאָר), האָבן זיך אָפּגעזאָגט אין זייער שאַפן אויפצונעמען און געשטאַלטיקן די גרעניצלאָזן פון דער פיזישער און גייסטיקער סביבה אויפן יינגסטן קאָנטינענט. זייערע העלדן, כאָטש זיי וווינען אין אויסטראַליע און געהערן צום מיטלשטאַנד, האָבן דעם זעלבן באַנעם פון ווערטן און זאַכן פון זייער קלאַס אין ענגלאַנד, און עס קומט אויס, ווי זיי וואָלטן גאָר זיך נישט אָנגעטראָפן מיט דער נייער, רויער, אומבאַקאַנטער וועלט מיט איר סצענע און מצב.

אָט די „גלות"־שרייבער זענען כסדר געזעסן אויף זייערע וואַליזעס מיטן פּנים צו דער היים — אַ דערשיינונג, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט מיט אימיגראַנטן־שרייבערס — יידישע און נישט־יידישע — אין פאַרשי־דענע לענדער פון דער נייער וועלט. ביישפּילן צו ברענגען איז איבעריק, זיי זענען גוט באַוווּסט. דאָך וועל איך דערמאָנען אַ פאַל מיט דעם אַמע־ריקאַנער ראָמאַניסט פ. קופּער, וואָס האָט זייער גוט געקענט און פאַרמאָגט דעם כוח צו געשטאַלטיקן אין זיינע ראָמאַנען די פּיאָנערישע עפּאָכע אין אַמעריקע. האָט ער אָבער געגלויבט, אַז ראָמאַנען געהערט נאָר צו דער מיליע פון דער „הויכער געזעלשאַפט", און זי איז, נאַטירלעך, דאָ נאָר אין לאָנדאָן.. ערשט ווען מען האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַנ־דערע זענען מער באַקאַנט מיט די פּרינצן און פּרינצעסינס אין די לאָנדאָ־

נער סאַלאָנען (ער האָט זיי קיין מאָל נישט געזען), און ער זאָל בעסער שרייבן פון אייגענער דערפאַרונג, און אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט די עצה געפאָלגט, האָט ער באַקומען זיין ביסעלע אייביקייט אין באַשרייבן די ראָמאַנטישע געראַנגלען צווישן די אינדיאַנער און ווייסע אין עכטע ביל־דער פון זייער לעבן. און דאָס איז אַ מעשה מיט אַ מוסר־השכל...

*

עס זענען פאַראַן זשורנאַלן, וואָס האָבן אין דער וועלט געמאַכט גע־שיכטע. אין אויסטראַליע האָט עס געטאָן דער „בולעטין". דער זשורנאַל האָט געלייגט דעם יסוד פאַר אַן אויסטראַלישער ליטעראַטור מיט דעם ספּעציפישן קלימאַט פון לאַנד און מיט דעם באַוווסטזיין פון נאַציאָנאַלע אידעען, וואָס ציִען יניקה פון דער אייגנאַרטיקער געשיכטע און אַנטוויק־לונג פונעם לאַנד. מיט דעם זשורנאַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דעם גייסטיקן קלימאַט פונעם לאַנד און פאָלק. ער האָט אַנטדעקט אַ פאָלק אין אויסטראַליע מיט אַן אייגענעם פּנים און געפאָדערט, אַז די אויסטראַלישע ליטעראַטור זאָל אויפהערן צו זיין אַן אָפּצווייג פון דער ענגלישער.

דער רעדאַקטאָר פון „בולעטין", י. פּ. אַרטשיבאַלד, האָט דעם זשור־נאַל פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלן אָרגאַן און אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו אַנטדעקן שרייבערס. ער האָט פאַרבעטן די לייענערס צו זיין אויך די שרייבערס און רעפלעקטירן זייער אידיאַם, ווי דעם תוך פון זייער לעבנס־שטייגער. ער האָט געמוטיקט די, וואָס האָבן געהאַט עפּעס צו זאָגן און אַרויסגעוויזן אַ קינסטלערישן פונק אין אָפּשפּיגלען די מעשים און מחשבות פון די פּאָלקישע מענטשן, פון פייזאַזש און פאָלקלאָר, און אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס די אַנאָנימע באַלאַדעס, וואָס האָבן אויס־געדריקט צבורדיקע, ערנסטע איבערלעבענישן, אָדער הומאָריסטישע אינ־צידענטן פון טאָגטעגלעכן לעבן אין לאַנד, אָדער אין „בוש" ביים יחיד.

די באַלאַדעס פון די אַנאָנימע מחברים האָבן דראַמאַטיזירט די סאָ־ציאַלע געשיכטע פון דעם קאָנטינענט. ס'רוב, קאָמפּאָנירט און געזונגען דורך די קאָטאָרזשניקעס גופא. הגם אין זיי איז דאָ ווייניק עסטעטישע ווערטן, וואַרפן זיי אָבער אַ ליכט אויף די גרויל־איבערלעבונגען אין די טורמעס. פון אַנדערע הערט זיך די שטים פון ישובניק אין הינטערלאַנד.

דאָס פאָלקסליד און די באַלאַדע זענען געווען אָפט באַזירט אויף אַ געוויסער געשעעניש: אַ „בוש״־פייער, אַ פאַרפלייצונג אָדער טריקעניש.

די פאָלקלאָר־שאַפונגען זענען שפּעטער דורכגעגאַנגען אַ קינסטלערישן פילטער דורך צוויי גרויסע מייסטער פון דער באַלאַדע און קורצער דערציילונג אין אויסטראַליע: פּעטערסאָן (באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים „באַנדזשאַ״) און הענרי לאָוסאָן (וועגן אים זע ווייטער די באַזונדערע מאָנאָגראַפיע). פּעטערסאָנס באַרימטע באַלאַדעבוך „דער מאַן פון סנאָוי ריווער״, האָט געהאַט די גרעסטע צירקולאַציע (און איינפלוס) אין לאַנד. זיין ליד „וואַלצינג מאַטילדאַ״, האָט זיך אַריינגעזונגען אין פאָלק, ווי אַ נאַציאָנאַלער הימען און ווערט געזונגען מיט גרויס באַגייסטערונג בציבור.

פּעטערסאָנס באַלאַדעס און לאָוסאָנס דערציילונגען זענען געווען די ערשטע פּרוכטן פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, דער ערשטער אָנזאָג פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט. נישט וויכטיק איז, וואָס ס׳רוב פון אָט די באַלאַדעס און פאָעמעס געהערט מער צו קולטור־געשיכטע, ווי צו פּאָעזיע. זיי פאַרמאָגן אַ היפּשע סענטימענטאַלקייט, געמישט מיט אַ קאָפּעטשקע מעלאַנכאָליע. עס גייט נאָך עד היום אַן אַ וויכוח וועגן די פּאָעטישע ווערטן פון די „בוש״־באַלאַדיסטן. זיכער איז, אַז זייער באַדייטונג ליגט בעיקר אין דעם, וואָס זיי, (די באַלאַדיסטן) האָבן אַנטדעקט דעם קאָנטינענט אין דער ליטעראַטור. זיי האָבן געפילט און געטראַכט, ווי אויסטראַליער. לאָוסאָן האָט אַרויסגעהויבן אויסטראַליע, די הײם, ווי אַ נייער מאָטיוו פאַר ליד און דערציילונג. ער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף די האַרבקייטן פון בוש־לעבן, אַקצענטירט דעם סאָציאַלן אומיושר, פון וועלכן ער האָט אַליין שטאַרק געליטן, געשאַפן מייסטערהאַפטע טיפּן פון הינטערלאַנד, פון בוש און שטעטל, וואָס האָבן געלאָזן טיפע וואָרצלען אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור.

היינט־צו־טאָג, ווען דער ראַשיקער פּראָצעס פון אורבאַניזאַציע האָט דעם בוש־העלד אין גאַנצן אָוועקגעשטעלט אין שאָטן, זענען אָבער פאַרבליבן בירושה פון לאָוסאָנס שאַפן די הומאַנישע און פאָלקישע עלעמענטן, וואָס זענען געוואָרן די ריכטליניע פאַר דורות שפּעטערדיקע אויסטראַלישע שרייבערס, וואָס האָבן פאַרטיפט די לאָוסאָנישע טראַדיציע.

א. ב. פּעטערסאָן מיט זיין אַקאַדעמישער בילדונג און אַ באַקוועם, דערפאָלגרייך לעבן, האָט אויסטראַליע געזען אַנדערש ווי לאָוסאָן און דעריבער באַזונגען דאָס זוניקע לאַנד מיט אידילישע בילדער און ווי יעסענין,

האָט ער אויך באַדויערט, וואָס די אייזנבאַן־ציוויליזאַציע פאַרשוואַרצט די ערד. אין זיינע באַלאַדעס זענען דאָ הערלעכע שורות פון לירישער שיינקייט. אין די פּאָעמעס ווייזט ער אַרויס אַ שטאַרקן זין פאַר דער דראַמע פון מענטשלעכע עמאָציעס און אַ סובטעלן אויסדרוק ביים שיל־דערן די פיזישע סביבה. דאָרט ווו לאָוסאָן האָט געזען דעם פּי־טרייבער אויפן שטויביקן וועג, האָט פּעטערסאָן געזען דעם פּאַסטאָראַלן רייטער אין גאַלאָפּ אויף זיין פערדל. ער האָט די בוש־איינוווינער באַזונגען, ווי די פריילעכסטע און פיינסטע מענטשן, דערציילט פון זיי הומאָריסטישע און סאַטירישע עפּיזאָדן. אויך וועגן טייכן, לאַנדשאַפטן און פערד, האָט ער אַ סך געזונגען, ווייל דער אויסטראַלישער מענטש האָט אַזוי שטאַרק ליב פערד (און האָט אַ גרויסן חג־הסוסים אין מעלבורן), דערפאַר איז דער פּאָעט געוואָרן אַזוי פּאָפּולער ביים פאָלק (וואָס האָט אַזוי ווייניק אינטערעס פאַר פּאָעזיע). די לידער און באַלאַדעס מיט דעם ספּעציפישן אויסטראַלישן אידיאָם וועגן לאַנד, מענטשן, זאַכן, זענען געוואָרן נאָענט צום האַרצן. דאָס פאָלק האַלט זיי טייער מיט דעם סענטימענט, ווי פאָטאָ־גראַפיעס פון אַ פאַמיליע־אַלבום. דאָס באַציט זיך בכלל צו די בוש־באַ־לאַדיסטן, ווי אַ גרופּע (פון וועלכע א. ל. גאָרדאָן איז געווען דער פאַרויסגייער).

אוודאי איז נייטיק צו געדענקען די צייט, ווען די ווערק זענען געשאַפן געוואָרן ביים אָפּשאַצן זיי אין אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע. ווייסן מיר דאָך, אַז זאַכן, וואָס האָבן נאָך נעכטן געקלונגען זיין פון גרויסער וויכטיקייט, זענען היינט פון קליינער באַדייטונג. פּונקט, ווי די וויכטיקסטע פון היינט קענען מאָרגן זיין ווערטלאָז. אָבער אין דעם שטראָם פון ליטעראַטור גייען אַריין בלייבנדיקע ווערטן פון נעכטיקן און היינטיקן שאַפן, און מיר באַהאַנדלען דאָך דאָ בעיקר די דויערנדיקע ווערק, וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף דער אויספורעמונג און אַנטוויקלונג פון דער אויס־טראַלישער ליטעראַטור.

צו די קערנדיקע ווערק פון יענעם פּעריאָד געהערט דזשאָזעף פוירפיס בוך „אַזוי איז דאָס לעבן", געשריבן אין אַ ראָמאַן־פאָרעם. עס איז ווייט נישט קיין שלימותדיק ווערק, צוליב די אומנויטיקע דיגרעסיעס וועגן סאָציאָלאָגיע און מעטאַפיזיק, אָבער ביי די אַלע שאָטן־זייטן איז דאָס אַן אוניקום־בוך, וואָס גיט אַ מייסטערהאַפטן אויסדרוק דעם נאַציאָנאַלן עגאָ און אימאַזש פון דער עפּאָכע. אין פּשוטן נאַראַטיוו פון די נאָמאַדישע

כאַראַקטערן שפּיגלט זיך אָפּ דאָס הומאַנישע און פילאָזאָפישע פונעם אויסטראַליִשן עמך־מענטש, זיינע לעבנס־דערפאַרונגען בעת אַ קריטישן פּעריאָד אין דער אויסטראַלישער געשיכטע. דער מחבר (ער שרייבט אונטערן פסעוודאָנים טאָם קאָלינס) פּאַרמאָגט אַ שאַרף אויג פאַר בילד און פאַרב, און טיפער דורכדרינגונג פון מענטשלעכער אויפפירונג. די קאַפּיטלען מיט די געשפּרעכן פון זיינע „בוש״־טיפּן, זענען דראַמאַטיש און הומאַריסטיש, אָנגעפּיקעוועט מיט שאַרפער סאַטירע קעגן סנאָביזם און אומגלייכקייט, אימפּאַרטירטע פון ענגלאַנד. ער לויבט די מעלות־טובות פונעם אויסטראַלישן פאָלקסמענטש, וואָס נעמט נישט אַראָפּ דאָס היטל פאַר געלט און קלאַס. ער שילדערט מיט טאַלאַנט דעם אָנגעלויף אין לאַנד בעת דעם גאָלד־געיעג און די ביטערע אַנטוישונגען פון די, וואָס האָבן נישט מצליח געווען ביי גאָלד און זיך אָנגעהויבן יאָגן נאָך לאַנדבאַזיץ. אינטערעסאַנט איז ווי דער אויסטראַלישער שרייבער, שילדערנדיק די סאָציאַלע סטרוקטור אויפן לאַנד, פאַרגלייכט זי צו דער באַלעבאַטישקייט אין... בית־המקדש:

„אין דער געזעלשאַפט פון דער פּאַסטאַראַלער סטרוקטור איז דאָ אַ רעפּראָדוקציע פון דער בית־המקדש־ווירטשאַפט, לויט דעם אַלטן יידישן ריטואַל. דעם פּאַרוואַלטערס הויז — איז דער קדשי־קדשים, וווּ קיינער, אַ חוץ אים, דעם כהן־גדול, טאָר נישט אַריינקומען. די באַראַקן זענען נאָר פאַר די כוהנים, די געצעלטן באַדינען די פּראָסטע מתפּללים, די ליידיקע שייערן — פאַר די גויים. אין בית־המקדש איז נישט געווען שטרענגער, ווי אין אַזאַ פּאַסטאַראַלן גוט״.

דער ערשטער לייענער פון פּוירפּיס ווערק — דער קריטיקער א. ג. סטיפענס, האָט מיט זיין ענטוזיאַסטישער אָפּשאַצונג באַרימט געמאַכט דעם מחבר. ער האָט אָנגעוויזן אויף פעלערן, אָבער אַרויסגעהויבן די געראַניקטע פּראָזע און פיינעם אויסטראַלישן אידיאָם. בכלל האָט דער דערמאָנטער סטיפענס אַ היסטאָרישן פאַרדינסט פאַר דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, זייענדיק אין „בולעטין״ דער טויפפאָטער פון אַ ריי ווערטפולע ווערק פון יענער צייט. ער איז געווען אַן עסטעט און געלייגט אַ כך אַכט אויף ניואַנסן פון פאָרעם און סטיל. זייענדיק אַליין געניגט צום לירישן אימפּולס, האָט ער דאָך געלייגט דעם אַקצענט אויף קלאָרקייט און פּרעציזקייט. זיינער אַ מיטצייטלער האָט וועגן אים אַזוי באַמערקט:
„ער האָט געהאַט אַ פאַראורטייל קעגן די, וואָס רעדן אויך נאָך דעם,

ווען זייער מוח האָט שוין לאַנג אויפגעהערט אַרבעטן, נישט זאָגנדיק אַ גוטן טאָג שנעל ביי דער טיר..."

ווי דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „בולעטין" האָט ער פיל בייגעשטייערט צום דערשיינען פון לאָוסאָנס, פּעטערסאָנס, פורפיס און אַנדערע קינסטלערישע שאַפונגען. זיין שאַרף אויג פאַר דאָס אָריגינעלע און אינדיווידועלע אין דעם שרייבערס טאַלאַנט, איז קענטיק אין די אָפּשאַצונגען. ער האָט אויך משפּיע געווען עס זאָלן זיך אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור באַגעגענען די צוויי שטראָמען: דער שטראָם, וואָס האָט געזוכט אינספּיראַציע פון דער אייראָפּעיִשער טראַדיציע זאָל זיך צונויפגיסן מיט דעם, וואָס האָט געצויגן יניקה פון דעם נאַטירלעכן, פאָלקישן, נאַציאָנאַל־הומאַניסטישן עלעמענט אין אויסטראַלישן שטייגער. ביידע שטראָמען האָבן זיך ערגעץ־ווו באַגעגנט און זיך געגעבן שלום.

די אינטעלעקטועלע סביבה אין אויסטראַליע, ווי די פּאָליטישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, זענען אַרויסגעוואַקסן פון די ענגלישע. די גאַנצע אורבאַניזאַציע, די הייזער, די קליידונג, האָבן קאָפּירט ענגלאַנד, בעת די פיזישע סביבה פון דעם לאַנד איז געווען אין אַ שאַרפן קאָנטראַסט צו דער ענגלישער. עס האָט גענומען אַן ערך הונדערט יאָר, ביז דאָס לאַנד האָט אַרויסגעגעבן די דערמאָנטע שרייבערס פון די ניינציקער יאָרן, וואָס האָבן אין דעם אימפּאָרטירטן ענגלישן לשון אַריינגעזונגען נייע ריטמען, נייע לידער פון די אויסטראַלישע לאַנדשאַפטן. אָט די נייע טענער האָבן באַקומען אַ באַשטימטע נאַציאָנאַלע עקספּרעסיע און כאַראַקטעריסטיק.

די נייע טענער האָבן זיך אויסגעדריקט אויך אין דעם, וואָס צום ערשטן מאָל אין יאָרהונדערטער, האָט דער אַרבעטסמענטש, ווי אַ זעלבשטענדיקער שיכט און אוידיטאָריע — דורכגעריסן די באַריערע אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ליטעראַטור, נישט זוכנדיק קיין מיטלייד און סימפּאַטיע ביים מיטלקלאַס פאַר די באַוווינער פון קעלערס און סלאַמס.

להיפּוך צו דיקענס אָדער האַרדי אין ענגלאַנד, האָבן די אויסטראַלישע שרייבער, ווי לאָוסאָן, פורפי, זיך געוואַנדן צו אַנדערע אָדרעסן אין זייער שאַפן. זייערע קאָנסומענטן זענען געווען נישט פון מיטלקלאַס, נאָר פון די פּאָלקישע שיכטן, וואָס האָבן פאַרקערפּערט דעם דעמאָקראַטישן גייסט פון לאַנד אין דעם פּעריאָד.

*

פרויען־שרייבערינס פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין דער אויסטראַ־לישער ליטעראַטור. זיי זענען געווען די קעמפּערינס פאַר פאַרגעשריטענע סאָציאַלע אידעען און פרויען־עמאַנציפּאַציע. די ערשטע אויסטראַלישע ראָמאַניסטן, קעטרין העלען ספּענסי, האָט אין איר ראָמאַן „קלאַראַ מאָ־ריסאָן", אַרומגענומען סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען און זי פאַרנעמט אַן אָרט אין דער אויסטראַלישער געשיכטע. אין 19טן י"ה זענען געווען פיל אַנדערע ראָמאַניסטינס (קעמפּבעל פּרעיד, דזשעסי קעטערין — פּסעוודאָ־נים: טאַסמאַ, אַדאַ קעמברידזש), אָבער אויסגעטיילט האָט זיך מיילס פרענקלין — אַ באַוווסטע שרייבערין, וואָס האָט שוין געהערט צו אַ נייער גענעראַציע און איז געווען דער סימבאָל פון דער עמאַנציפּירטער פרוי מיט אַן אייגענער עקספּרעסיע.

איר בוך „מיין ברילאַנטענע קאַריערע", איז געווען אַ ליטעראַריש געשעעניש אין יענער צייט. דעמאָלט, ווען דאָס וואָרט סעקס איז געווען טאַבו, וואָס האָט נישט געטאָרט אַפילו געשעפּטשעט ווערן דורך אַ יונג מיידל, איז געקומען אַ שרייבערין מיט „סודות פון חדר", אַנטפּלעקנדיק די פרוסטראַציעס פון אַ יונג מיידל, אירע עראָטישע געפילן און פאַר־לאַנגען. עס וואָלט צו פיל אָרט פאַרנומען צו דערציילן, וואָס די מחברין איז אויסגעשטאַנען, זינט איר בוך איז דערשינען. מ'איז איר דערגאַנגען די יאָרן, ביז זי איז אַוועק אין אויסלאַנד און דאָרטן אָנגעהויבן שרייבן אונטער אַ פּסעוודאָנים.

באַרימט איז די שרייבערין הענרי ה. ריטשאַרדסאָן (אונטער דעם מע־נערישן פּסעוודאָנים האָט געשריבן די פרוי עטל פלאָרענץ לינדזעי). איר טרילאָגיע „די מזלות פון ריטשאַרד מאַהאָני", האָט דורכגעלויכטן מיט אַ שטאַרקן פּראָזשעקטאָר די קאָנפליקטן צווישן ענגלישן און אויסטראַלישן שטייגער־לעבן: אין דער ראָם פון אַן אויסטראַלישער פּראָווינצשטאָט אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, גיט זי אַ היסטאָריש בילד פון גאָלדראַש אין לאַנד, פון די, וואָס זענען געלאָפן זוכן מזל און נישט געטראָפן. אירע שילדערונגען באַקומען אַן אוניווערסאַלע אימפּרעסיע פון דעם אומרו און פון דער נאָסטאַלגיע, וואָס טראָגט דעם הויפּטהעלד (ריטשאַרד מאַהאָני) הין און צוריק איבער ימים, נישט געפינענדיק קיין רו און באַפרידיקונג אין זיין לעבן.

די טרילאָגיע פאַרמאָגט גלענצנדיקע כאַראַקטעריזאַציעס נישט נאָר פון די הויפּט־פּערסאָנאַזשן, נאָר אויך פון די מינאָרע געשטאַלטן. די שיל־דערונג פון דעם דאָקטער (אגב, איז דאָס איר אייגענער פאָטער), וואָס איז געקומען אין לאַנד זוכן די גאָלדגליקן. זיינע פרוסטרירונגען ביים אָוועקוואַרפן און צוריקנעמען די מעדיצינישע פּראַקטיק. זיין עקסצענט־רישקייט און פּסיכישע אומגאַראַמאַלקייט — איז מייסטערהאַפט געצייכנט. עס ווערט באַטראַכט פאַר אַ קלאַסיש ווערק, הגם די קריטיק וואַרפט פאַר, אַז ס׳איז צו לאַנג און מיט צופיל דעטאַלן (זיי פאַרנעמען אָבער שפּעטער אַ געהעריקן אָרט אין דער קאָנסטרוקציע).

ווען כ׳האָב פאַרענדיקט לייענען די טרילאָגיע, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן דער פאַקט, וואָס אין מיטן ראָמאַן הייבן אָן ראַשיק פאַר־שווינדן די העלדן, זיי ווערן אַלע מאָל ווינציקער אויף דער סצענע, און ביים סוף איז דער הינטערגרונט נאָר אַ קליין דערפל, אַ הויז, — שפּע־טער נאָר אַ צימער, אַ בעט און אַ מענטש מיט זיינע צוויי לעצטע ווער־טער: „טייערע ווייב". דאָס איז דער לעצטער צאַנק און פלעמל פון דער טיפסטער פינצטערניש, אין וועלכער דער דאָקטער מאַהאָני פאַרענדיקט זיין לעבן, ווי אַ וואַנזיניקער, לעבעדיקער מת פון זיין לאַנגער אַרטעריאַ־סקלעראָזע־וועגעטירונג. עס איז אַ גרויס ווערק — אין כמות און אין איכות — און באַזירט אויף אויטענטישע איבערלעבונגען.

קריסטינאַ סטיד טיילט זיך אויך אויס פון דער גרופּע ראָמאַניסטינס אין דעם פעריאָד מיט איר סאָפיסטיצירטן, סובטעלן סטיל ביים שילדערן מענטשלעכע אויפפירונג. אין איר שאַפן האָט זי געגעבן אָן אינדיווידועלע אינטערפּרעטאַציע דעם אויסטראַלישן טעמפּעראַמענט, די מאַנירן, שטי־מונגען און עמאָציעס פון אויסטראַלישן פאָלקסמענטש. אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד ברענגט די שרייבערין רות פּאַרק, וואָס זי אַליין האָט בייגעוווינט אין אויסטראַלישן הינטערלאַנד: אַ יונגערמאַן איז אַריינגעקומען באַרגן אַ האַמער, אַ ביסל שפּעטער האָט ער אים צוריקגעבראַכט, געדאַנקט, און זיך נישט געמאַכט וויסן, אַז מיט דעם האַמער האָט ער צעהאַקט זיין מיידלס קאָפּ... רות פּאַרק האָט נישט געקענט באַגרייפן די געוויסנהאַפטיקייט פון מערדער אָפּצוברענגען אַ געבאָרגטן האַמער. איר מאַן (דער שרייבער, ד׳אַרקי נילאַנד), קענענדיק בעסער די מענטאַליטעט פון אויסטראַליער, האָט איר אויפגעקלערט, אַז ווען ער וואָלט נישט אָפּגעבראַכט דאָס גע־באָרגטע, וואָלט ער זיך געפילט, ווי אַ גנב...

די דיכטערין מערי גילמאָר, אַ סאָציאַליסטישע קעמפערין פון איר פריסטער יוגנט, איז געוואָרן די נישט אָפיציעלע פּאָעטין־לאָורעאַטין אין אויסטראַליע. זי איז געווען איינע פון די פּראָדוקטיווסטע שרייבערינס אין לאַנד און געשריבן אַ סך לידער אויף סאָציאַלע מאָטיוון. אירע בעסטע פערזן האָט זי אָפּגעגעבן דעם אַבאָרידזשין־לאַר, די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, אומפאַרהייראַטע מאַמעס, יונגע זעלנער אויפן שלאַכטפעלד. פאַר די אַלע האָט זי אין אירע לידער אַריינגעגעבן די וואַרעמקייט פון אַ פרויס האַרץ. אין איר פּראָזע, ווי אין איר פּאָעזיע (אַ צענדליק לידערביכער), איז זי אָבער געווען נישט גענוג אָפּקלייבעריש. דעריבער זענען אירע ווערק פון פאַרשידענע קוואַליטעטן. פּאָעטיש איז זי אַמבעסטן אין קורצע שורות, צווישן וועלכע עס לייכטן אַרויס שיינע פּאָעטישע פּערל.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דיכטערין איז איר ליד „טעסטאַמענט" ווו זי זאָגט: „מיינע ביינער לאָז איך פאַר דער ערד, / פאַר מיינע פריינד — מיין נאָמען / צו באַגראָבן אָדער צו היטן, אויב זיי ווילן... / ווען כ׳וועל שוין ליגן טויט אין שוואַרצן ליילעך, אויב ס׳וועט דאַן אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ געדענקען מיך, וועלן די וועלף וואַרטן אומזיסט!" (אין אַ פרייער איבערזעצונג — י. ק.).

ווען מ׳רעדט וועגן דער אויסטראַלישער דיכטונג, שווימען אַרויס אַ ריי נעמען, וואָס האָבן אין זייער פּאָעטישער דיקציע אַ קלענערע אָדער גרעסערע עקספּרעסיע.

בכלל האָט די אויסטראַלישע פּאָעזיע אַ לענגערע געשיכטע פון אַנטוויקלונג ווי די פּראָזע. עס איז באַקאַנט דער פאַקט, וואָס אין דער פּיאָנערישער עפּאָכע, ווען דאָס שטייגער־לעבן איז אין אַ פּליסיקן צושטאַנד, קען דאָס ליד און די קורצע דערציילונג לייכטער עס אויפנעמען, ווי דער ראָמאַניסט. דאָס קענטיקט זיך אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, ווו ס׳האָט גענומען זייער לאַנג צו באַקרעפטיקן די ליטעראַרישע טראַדיציע פון אייראָפּע מיט די ספּעציפישע כאַראַקטער־שטריכן פון אויסטראַליע. עס איז אָנגעקומען זייער שווער צו פאַרוואָרצלען זיך אין דעם באָדן, אין דער פיזישער סביבה, מיט אַ ספּעציפישער וויזיע פון אַן אייגענער פלאַנץ — אויסטראַליאַנאַ.

ווער ס׳האָט די נייע האָפענונגען פונעם קאָנטינענט באַהויכט מיט אַ מין נאַציאָנאַלער מיסטיק (דער פּאָעט בערנאַרד אָ׳דאָוד) ביים זוכן אַן אייגענעם סטיל און אידיאָם. אַנדערע זענען געקומען (אין די שפּעטער־

דיקע יאָרן) מיט אַ שטאַרקער רעאַקציע קעגן אויסטראַליאַניזם אין דער פּאָעזיע און פּראָזע, אַנווייזנדיק, אַז אויסטראַליע איז אויסגעוואַקסן פון אַ קאָלאָניאַלן איזאָלירטן פּראָווינץ־ווינקל צו אַ קאָסמאָפּאָליטישן סטאַטוס. דער דאָזיקער וויכוח גייט נאָך אַן עד היום אין פאַרשידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס.

*

דער פּראָבלעם פון די אַבאָרידזשינס, די מאַסנווייזע פאַרניכטונג פון די שוואַרצע בעתן „ציוויליזירן" דעם קאָנטינענט, פאַרנעמט אַ באַדייטנדיקן אָרט אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. אַ ריי שרייבער פאַרנעמען זיך מיט דער טעמאַטיק און דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פון די „נייטיווס". פון דער פּלעיאַדע שרייבער, וועל איך דאָ נאָר דערמאָנען עטלעכע, ווי קעטערין פּריטשאַרד, מערי גילמאָר, קסאַוויער הערבערט און עלאָנאָר דאַרק.

אין איר ראָמאַן „דאָס צייטלאָזע לאַנד", האָט עלאָנאָר דאַרק געגעבן אַ גלענצנדיקע כאַראַקטעריזאַציע דעם אַריינקום פון ווייסן מענטש אין אויסטראַליע און זיין צוזאַמענשטויס מיט די אַבאָרידזשינס. מיט היסטאָרי־שער גענויקייט פאָלגט די מחברין נאָך די באַהאַנדלונג (ריכטיקער: די אויסראָטונג) פון די נייטיווס, וואָס זי שילדערט פון צוויי באַזונדערע קוקווינקלען: ווי אַזוי עס זעט עס דער ווייסער אַריינדרינגלער, און דער צד שכנגד — דער שוואַרצער תושב אויפן קאָנטינענט. אין אירע ווייטערדיקע ווערק („שטורעם פון צייט", „קיינע באַריערן"), איז פאַראַן אַ געשיכטע, אַ פּסיכאָלאָגישע אַריינדרינגונג אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דער אַבאָרידזשין־קולטור און שטייגער. דאָס שולדגעפיל און די אויפוועקונג פון נאַציאָנאַלן געוויסן (וואָס קלאַפּט זיך על חטא אויף די היסטאָרישע זינד), האָט אַפילו אַרויסגערופן אַ טענדענץ ביי אַ גרופּע שרייבערס צו ציִען אינספּיראַציע פון דער פּרימיטיווער אַבאָרידזשין־קולטור.

קסאַוויער הערבערט באַהאַנדלט אין זיין בוך „קאַפּריקאָרניאַ", דעם טראַגישן פּראָבלעם פון די מישלינגען אין נאָרטערן־אויסטראַליע, וווּ ער האָט יאָרן לאַנג געוווינט.

אין זיין ערשטן באַנד שילדערט ער די באַאַמטע און ווייסע ישובניקעס אין זייערע באַציִונגען מיט די אַבאָרידזשינס. עס איז אַ שאַרפער,

צאַרנדיקער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער פּאָליטיק מיט די שענדלעכע עוולות פון ווייסן צום שוואַרצן. דערביי האָט דער מחבר זיך באַנוצט מיט אַלעגאָריע און שאַרפזין אין זיינע לעבעדיקע צייכענונגען פון געוואַלדטאַטן, קראַנקייטן, שיכרות. עס איז אויך דאָ אַ היפּשע דאָזע בורלעסק אין דעם בוך.

אין צווייטן טייל פאַרנעמט דער מישלינג־פּראָבלעם דעם הויפּטאָרט. דער מחבר האָט אַרויסגעבראַכט אין דער פולער שאַרפקייט אַלע באַגלייט־דערשיינונגען פון דעם פּראָבלעם און ער ווייזט אַרויס גרויס באַהאַוונט־קייט אין דעם געביט. גלייכצייטיק איז ער זייער אינפאָרמאַטיוו — און ער דערציילט מיט אויטאָריטעט — וועגן דער רעליגיע, קונסט און איב־טעליגענץ ביי זיי. זיינע ווערק האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די רעגירונגס־קרייזן, ווי אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטן, מיט מער ענערגיע זיך נעמען זוכן אַ לייזונג פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פון די אַבאָרידזשיניס (און געמישטע) אין אויסטראַליע.

✶

פון די ניינציקער יאָרן ביז דעם מאָדערנעם שאַפן, האָט די אויס־טראַלישע ליטעראַטור, ווי דאָס גאַנצע לאַנד, דורכגעמאַכט אַ גרויסע טראַנספאָרמאַציע פון פאַרשידענע אומוואַנדלונגען און קעגנזעצלעכע טענ־דענצן. עס איז דורכגעגאַנגען קאָסמאָפּאָליטישע ווינטן מיט אַנאַציאָנאַלע טענדענצן, און פאַרקערט, אָן אומקער צום נעאָ־אויסטראַלישן נאַציאָנאַ־ליזם, ווי אַ המשך פון לאָוסאָנס פעריאָד: וואַנס פּאַלמער, קעטערין פּריי־טשאַרד, דייוויסאָן, ווילמאָט און אַנדערע, האָבן אין טעמאַטיק און סטיל, אפשר גאַנץ ווייניק געבאָרגט ביי לאָוסאָנען, און דאָך געבליבן געטריי זיין דרך פון „אויסטראַליאַנאַ״.

וואַנס פּאַלמער פאַרמאָגט נישט לאָוסאָנס שאַרפע פּרעציזקייט אין נאַראַציע. ער מיידט אויס געשעענישן און שטעלט דעם טראָפּ אויף כאַ־ראַקטעריזאַציע פון יחידישע געשטאַלטן, וואָס קומען ביי אים אַרויס מער אינדיווידואַליזירט און ווייניקער טיפּיש. אין זיינע ראָמאַנען „מענטשן זענען מענטשלעך״, „גאָלקאָנד״, „די פאַמיליע סווין״ זענען פאַראַן פּסיכאָלאָגישע סובטעלקייטן פון פּשוטע, אָבער אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן. ער קען גוט זייער אופן פון רעדן אין פאַרשידענע געמיט־

צושטאַנדן, און ער שילדערט עס מיט אַלע אונטערטענער. ער האָט געוויסע דערציילונגען (לדוגמא, „דינגאָ"), וואָס גייען נאָך דעם לייענער לאַנג נאָכן אָוועקלייגן דאָס בוך.

עלען מאַרשאַל האָט אין זיין טעמאַטיק מענטשן און בעלי־חיים, מיט וועלכע ער פילט זיך פאַמיליאַר און אינטים. ער איז אויף דער זייט פון די הילפסלאָזע, טייל מאָל, אַ ביסל צו סענטימענטאַל, אָדער צאַרנדיק קעגן אַ באַגאַנגענער עוולה, אָבער אין זיינע בעסערע דערציילונגען האַלט ער איין די געהעריקע אָביעקטיווקייט, וואָס פאָדערט זיך פון אַ קינסטלער. עלען מאַרשעל ווייזט אַרויס אַן אויסערגעוויינלעך אויג פאַר פּרטים, אויפֿצוכאַפּן יעדן קנייטש און באַוועגונג. אין זיינע דערציילונגען איז פאַראַן פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע שוואַכקייטן. זיין סטיל פאַרמאָגט וואַרעמקייט און אינטימקייט, די וואַרעמקייט פון מענטש צו מענטש.

בכלל גייט די אויסטראַלישע ליטעראַטור אין דער ריכטונג פון אינדיווידואַליסטישער אינזיך־פאַרטיפונג, אויפצודעקן די מענטאַליטעט, די אינעווייניקסטע מחשבה פון דור. קעטערין פּריטשאַרד און אַנדערע האָבן אַרויסגעבראַכט שאַרפע אַקצענטן פון סאָציאַלן געוויסן, און פּעטריק ווהייט האָט נאָך צוגעגעבן אַ שאַרף געפיל פאַר די גייסטיקע מיסטעריעס, פאַר דעם ספּעקטאַקל פון לעבן, און פון מענטשלעכע קאָמפּלעקסן, דורך אַ נייעם אופן פון זען, הערן און שפּירן דאָס לעבן פון אונדזער צייט. — מיט דעם אַלעם איז פול די היינטיקע אויסטראַלישע ליטעראַטור.

אייניקע פון די שרייבערס — מאָריס וועסט, עלען מורהערדט, פּעטריק ווהייט — האָבן דערגרייכט אַ הויכע רעפּוטאַציע אין דער וועלט. אַ טוץ אַנדערע שרייבערס, אָדער מער, האָבן באַוויזן צו שאַפן זיך אַ נאָמען אויך מחוץ אויסטראַליע, אפשר מער ווי ביי זיך אין דער היים... צי עס וועט פון דעם קאָנטינענט אַרויסקומען דאָס גרויסע מייסטערווערק, וועט ערשט די צוקונפט ווייזן, אָבער אין דער וועלט איז פאַראַן היינט אַ גאָר גרויסער נאָכפרעג אויף אויסטראַלישע ווערק, הגם עס איז שווער צו זאָגן, צי עס איז צוליב דער אויסטראַלישער טעמאַטיק, אָדער גאָר צוליב דעם געבורט פון שרייבער.

דער אינטערעס צו דעם לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן בעת דעם צווייטן וועלטקריג. די אַמעריקאַנער זעלנער, וואָס זענען אין גרויסע צאָלן געקומען דעמאָלט אין דעם לאַנד, האָבן געזוכט צו פאַרגלייכן זייער לאַנד און אַנטוויקלונג מיטן אויסטראַלישן קאָנטינענט, און אויך קענען געלערנט

די אונטערשידן צווישן דיביידע. עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, וואָס עס האָט געזאָגט אַן אַמעריקאַנער בנוגע דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון ביידע לענדער און פעלקער: „צו די ברעגעס פון ביידע קאָנטינענטן זענען געקומען אויסגעוואָרצלטע מענטשן. זיי האָבן אויפן וועג פאַרלוירן די רייכע ירושה פון זייערע אבות אין די אַלטע היימען. זיי האָבן געטרוימט צו שאַפן אַ מער יושרדיקע געזעלשאַפט אין דער נייער וועלט, ווי די, וואָס זיי האָבן געלאָזן מעבר לים. אָבער דאָס ערשטע, וואָס זיי האָבן געטאָן, איז געווען צו פאַרניכטן די אַלטע תושבים־שבטים, וואָס האָבן דאָרטן געוווינט פון דור דורות". דעם טרעפלעכן פאַרגלייך האָט ער פאַרענדיקט מיט מאַרק טוועינס זאָג, אַז די פּילגרים־פאַטערס, ווען זיי האָבן געלאַנדעט אויף דער אַמעריקאַנער ערד, זענען צו ערשט געפאַלן אויף די קני, דאַן זענען זיי געפאַלן אויף די אינדיאַנער...

עס זענען פאַראַן גרויסע אונטערשידן אין דער מענטאַליטעט פון ביידע פעלקער און אין דער געשיכטע פון זייער אַנטוויקלונג. אין צפון־אַמעריקע האָט זיך צוליב אַ ריי סיבות אַנגענומען דער פּרינציפּ פון אינ־דיווידואַליזם, אין אויסטראַליע — פון קאָאָפּעראַציע. צו ערשט ביי די קאָטאַרזשניקעס, שפּעטער ביי די בוש־ און לאַנד־אַרבעטער מיט זייער חברישקייט, וואָרעמקייט און פריינדשאַפט. דאָס איז נישט בלויז גע־שיכטע. ווען די אויסטראַלישע זעלנער זענען נאָכן קריג צוריקגעקומען פון די פאַרשידענע פראָנטן, האָבן זיי נאָך שטאַרקער דערשפּירט, וואָס עס בינדט זיי מיט דעם לאַנד פון זייער שורש.

דזשאָן קלירעי האָט אין זיין דערציילונג „אַהיימגעקומען" טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אָט די שפּירונג מיט די ווערטער: „דאָס וואָס מיר גע־פעלט אין אויסטראַליע, דער פאַרנעם פון הימל — עס איז די וועלט אונטער דיר און איבער דיר... און ערד איז נאָר דאָרטן, ווו דיינע צוויי פיס זענען פאַרפלאַנצט".

אָט דאָס געפיל פון „בעלאַנגינג" מאַניפעסטירט זיך אין די שאַפונגען פון דער אויסטראַלישער שרייבערשאַפט. צי דער שרייבער וווינט יאָ, אָדער נישט אין לאַנד — אין זיין ליד און דערציילונג, אין זיין פּאָעמע און ראָמאַן איז דאָ די עקספּרעסיע פון דעם פיזישן און גייסטיקן קלימאַט פון דער אויסטראַלישער מיליע. אויך פון די מעבר לים־השפעות — בפרט פון דער ענגלישער טראַדיציע, וואָס ווירקן גאָר שטאַרק אין אויסטראַליע. שטאַרק ווירקן אויך לעצטנס די אַמעריקאַנער איינפלוסן, און אין די אויסטראַלישע

קולטור־קרייזן רעדט מען סאַטיריש וועגן דער סכנה פון דער אימפּאָר־טירטער „קאָקאַ־קאָלאַ־קולטור". זוכט מען וועגן און מיטלען נישט צו פאַרלירן דעם אייגענעם געבורט־צייכן אין דעם כאַאָס... ביים מיטלקלאַס און ביי אַ טייל פון די אינטעלעקטועלע וואַרפט מען נאָך כסדר אַ זייטיקן בליק צו ענגלאַנד. עפּעס איז מען נישט זיכער מיטן ביסל אייגנס, צי דאַרף מען עס גרינגשעצן, אָדער שטאָלץ זיין מיט דעם. אין געוויסע סנאָבישע קרייזן איז פאַראַן אַ ביטול־באַציִונג צו די אויסטראַלישע שאַ־פונגען. עס איז דער גוט באַקאַנטער אינפעריאָריטי־קאָמפּלעקס מיט הכנעדיק אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר אַלץ, וואָס קומט פון דער פרעמד — בפרט פון ענגלאַנד — מיט אַ בליק וואָס פרעגט: „וואָס וועט דער קולטור־רעלער ענגלענדער זאָגן?" עס דאַכט זיך אים כסדר, אַז די אייגענע פּראָדוקטן זענען ערגער פון די אימפּאָרטירטע. אָט דער קאָמפּלעקס דער־פירט צו קליינגעלט, אָדער בכלל צו פאַרזען, די וואָגיקע ווערק פון אַ מאַריס וועסט, ראַנדאָלף סטאָו, העל פּאָרטער, דזשודיט ווהייט, דאָגלעס סטיוּאַרט, — אָנצורופן נאָר עטלעכע נעמען — וועמענס אָריגינעלע שאַ־פונגען, קוואַליטעטן און רייפקייט פון עקספּרעסיע, וואָלט זיי אַרויסגע־הויבן אויבן־אָן אין יעדער ליטעראַטור.

*

אין דעם עסיי האָב איך אַנאַליזירט די אויסטראַלישע ליטעראַטור, איר אַנטשטייונג, אַנטוויקלונג, און דאָס „פּאַקן און מאָזלען", וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אויף דעם לאַנגן וועג — דער וועג צו זיך. ביים שרייבן האָב איך געהאַט פאַרן אויג די אַנאַלאָגיעס מיט אונדזער יידישער ליטע־ראַטור, וואָס דער יידישער לייענער וועט מאַכן פאַר זיך אַליין. אין זייער ביידנס גורל, ביי דער גרויסער אַנדערשקייט פון זייערע וועגן — גע־אָגראַפיש, געשיכטלעך און גייסטיקער קולטור — האָבן זיי דאָך עפּעס געמיינזאַמס אין זייער אויסוואַקסן און אַנטוויקלונג, ווי נאַציאָנאַלע לי־טעראַטורן מיט גרויסע אוניווערסאַלע און הומאַניסטישע ווערטן, וואָס שפּרייזן אַריבער נאַציאָנאַלע גרענעצן. אַנשטאָט איזאָלאַציע דורך אָפּגע־שלאָסענע ווענט, האָבן ויי געבויט בריקן צו דער וועלט, צום מענטש. זייערע שעפערישע שטראָמען — טראָגן אַלע באַריערן — באַרייכערן די וועלט־ליטעראַטור.

פעטריק ווהייט

איינער פון די וואָגיקסטע שרייבער היינט צו טאָג אין אויסטראַליע, איז פּעטריק ווהייט. הגם אַ געבוירענער אין ענגלאַנד (1915) און טיילווייז דאָרטן דערצויגן געוואָרן, געהערט ער צו דער אויסטראַלישער ליטע־ראַטור און נישט צוליב זיין וווינאָרט, נאָר צוליב דער טעמאַטיק פון זיינע ראָמאַנען, געשריבן אין אַ פּראָזע פון גרויסער שיינקייט און אויסטראַליש. פאַר אים איז דער פינפטער קאָנטינענט נישט עפּעס פאַרבונדן מיט אים דורך אַ צופאַל (וואָס דער גורל האָט אים דאָרט פאַרטראָגן), נאָר באַדיי־טונג פון לאָקאַלער פאַרב אינעם אוניווערסאַלן אויפדעקן מענטשלעכע האַנדלונגען און אומלאָגישע אויפפירונג־מאָטיוון. זיינע כאַראַקטערן זענען לרוב קאָמפּלעקס־טיפּן. וועלכע לעבן אין אַ שאַרפערער אינערלעכער וועלט, דאָרטן ווו געוויינלעכע בשר־ודמס גרייכן נישט.

פּעטריק ווהייט פּרוווט אין זיין שאַפן צו אוניווערסאַליזירן די אויס־טראַליער געשיכטע און לאָקאַלע לאַנדשאַפט דורך אַ פאַרטיפטער פּסיכאָ־לאָגישער פאַרשטענדעניש פאַר דער ספּעציפישקייט פונעם אויסטראַלישן מענטש. זיין עמפינדלעך אויג פאַרן פּרט פון דער מיליע און פאַרן זשעסט פון דער פּערזענלעכקייט אין עקסצענטרישער אויפפירונג — דרינגט אַדורך און רעפלעקטירט דעם אינערלעכן גוראַנגל פון יחיד צו אַנטדעקן, באַשטעטיקן און אָפּהיטן זיין פּערזענלעכע אידענטיפיקאַציע קעגן די אַלע פיינטלעכע כוחות, וואָס באַדראָען, אָדער שיינען עס צו טאָן.

אין זיין „דער מומעם געשיכטע" — אַ שילדערונג פון אַ מיטליעריקער בתולה, טעאָדאָראַ גודמאַן, וואָס האָט אָוועקגעגעבן אירע בעסטע יאָרן נאָכצוקוקן איר מוטער. ערשט נאָך דער מוטערס טויט הייבט זי אָן פאַר־זענלעך צו לעבן און צו זען די וועלט (דורך אַ רייזע קיין אויסלאַנד). עס אַנטפּלעקט זיך ביי איר די מערקווירדיקע אייגנשאַפט דורכצולייכטן די פאַרבאָרגנסטע מחשבות פון אירע שכנים־געסט. זי הייבט אָן אַריינצודרינ־גען אונטער דעם אויבערפלאַך פון זאַכן און זי זעט האַלוצינאַציעס, וואָס זי נעמט אָן פאַר ווירקלעכקייט. זי ווערט אַ געענדערטע פּערזענלעכקייט,

אין גאַנצן אַריינגעצויגן אין איר אינערלעכער וועלט מיט שילדערן זאַכן, געשעענישן אַזוי ווי זי זעט זיי. זי ווערט אַריינגעגעבן אויף אָבסערוואַציע אין אַ משוגעים־הויז, ווו זי גיט פּולשטענדיק אויף דעם שׂכל־הישר צו געפינען גליק אין דער נייער רעאַליטעט.

די פּסיכישע טראַנספאָרמאַציע פון אַ מענטשן גייט אַראָפּ ווי לעבע־דיק פון די בלעטער פון דעם בוך. טייל מאָל איז דעם לייענער שווער נאָכצופאָלגן דעם מחבר׳ס מיין, ווען ער רעדט וועגן דעם העלדס נישט־נאָרמאַלקייט און לייגט אַריין אין איר מויל אַזעלכע ווערטער: „נאַר שטולן און טישן זענען נאָרמאַל״! אָבער זי אַליין פילט, אַז זי איז נאַר אַנדערש. זי האָט נאָר אָפּגעוואָרפן די ווערטן פון דער געזעלשאַפט, און דאָס איז דאָך אין הסכם מיט דעם מחבר׳ס אַ קריטישער באַמערקונג וועגן דער אויסטראַלישער מענטאַליטעט; די מורא פון יעדן איינעם, ער זאָל חלילה נישט זיין קיין נאָן־קאָנפאָרמיסט... אַ מאָטיוו, וואָס ווערט אַזוי אָפט באַהאַנדלט אין טעאַטער, אין דער ליטעראַטור און אין קונסט.

אויך אין זיינע אַנדערע ווערק: „וואָסס״, „דער בוים פון מענטש״, און „ריידערס אָף דער טשאַרלאָט״, האָבן מיר אַ המשך פון דעם ריינעם גייסטיקן, וואָס זעט אויס אַ ביסל נישט נאָרמאַל און נאַריש און איז אין תוך די פּסיכאָגראַפיע פון אינדיווידועלער אידענטיפיקאַציע. „די עקזאַל־טאַציע פון דורכשניט, שרייבט וווהייט, האָט מיך אַממיינסטן געפייניקט״. ער זעט אין דעם דאָס בייז פון גייסטיקער וועגעטירונג, וואָס פילט אָן זיין צאָרן מיט אַ שטאַרקן מאָראַלישן עלעמענט, אַרויסווייזנדיק אומגייטראַל־קייט צו די קעגנזעצלעכע פּאָליוסן פון גוטס און שלעכטס.

אין „וואָסס״ (האָט דער מחבר אַליין דערקלערט), האָט ער געוואָלט ווייזן, אַז דער אויסטראַלישער ראָמאַן איז נישט קיין רעזולטאַט פון זשור־נאַליסטישן רעאַליזם. ער האָט געוואָלט, ווי ער זאָגט, פאַרקערפּערן אין דעם ווערק די טעקסטור פון מוזיק, סענסואַליטעט פון פאַרב — דאָס אַלץ אַרויסברענגען דורך טעמאַטיק און כאַראַקטעריזאַציע. אָבער ווען איז וויניק. די ערשטע זייטלעך גיבן ווייט נישט קיין גרויסן חשק ווייטער צו לייענען. אמת, אין די ווייטערדיקע זייטלעך ווערט דער לייענער שטאַרק קאָמפּעגסירט, אָבער דאָך איז עס ווייט פון דעם, וואָס דער מחבר האָט געוואָלט אַרויסברענגען, דער נאַראַטיוו זעט אויס צו זיין אַ שעטנז פון עסייִיסטיק און קליינע שילדערונגען פון אַ נאַטוראַליסטישן כאַראַקטער. אָבער וווהייט זוכט אין תוך נישט אַזוי רעאַליטעט ווי דראַמאַטיזם. לאָז

דווקא די גרויסע קאָנפליקטן פון אַ דראַמע, ווי דעם שטילן אינערלעכן געראַנגל פון מענטש מיט זיך אַליין — מיט גאָט, און די סאָציאַלע און פּסיכישע שפּאַנונגען אויף דער קאַנווע פון ספּעציפישע געשעענישן, ווי ער קען אַמבעסטן דורכלייכטן זיינע אויסטראַלישע העלדן.

אין „דער בוים פון מענטש" (אַ נאָמען גענומען פון האָוסמענס אַ פּערז) איז דאָ די געשיכטע פון די פּאַרקערס, מאַן און ווייב — פּיאָנערן פון אַ שטיק אויסטראַליש בתולה־לאַנד. דער מחבר ברענגט אַרויס אין דעם ווערק דעם עלעמענט פון אַלצייטלעכקייט אין שילדערן אַ מין אַלע־גאָריע פון אַ מענטשלעך לעבן מיט אַלערליי צרות, אומגליקן און די קאַרגע פרייד, וואָס רינט אויס צווישן די פינגער. ער מאָלט לעבן און טויט (די שילדערונג פון גאַנצע איז שטאַרק און רירנדיק), ער זוכט צו סוגעסטירן אַלע אַספּעקטן פון פּשוטע מאַן און פרוי, אַפּצוגראָבן דאָס דער־הויבענע אין דעם פּשוטן, פּאַרקניפּן דאָס טאָגטעגלעכע מיט קאָסמישע אימפּליקאַציעס, דאָס אינערלעכע מיטן אויסערלעכן לעבן.

דער מחבר באַהאַנדלט אַ באַשטימטן פּעריאָד פון דער אויסטראַלישער געשיכטע, דעם פּיאָנערישן, ער נעמט פּאַרמערס, וואָס זענען דאָך פון זעלבן טייג געקנאָטן, ווי דער אוניווערסאַלער פּויער אומעטום, ביי וועמען אַ וואָרט אַ רענדל. די זעלבע, און דאָך אַנדערש. די הויפּטהעלדן סטען און עמי, באַוועגן זיך צווישן קאָנקרעטן און מיסטעריעזן, צווישן פּאָעזיע און פּראָזע פון לעבן, וואָס מאַכט זייער עקזיסטענץ נישט נאָר דער־טרעגלעך, נאָר גיט אויך אַן עלעמענט פון זיכערקייט אין דער געזעלשאַפט. עס איז דאָ אין דעם ראָמאַן קענטעניש פון דער מענטשלעכער נשמה אין אַ גלאַנצפולן סטיל. די כאַראַקטערן — לעבעדיקע, איבערצייגנדיקע, צו דעם אויך גלענצנדיקע שילדערונגען פון דער לאַנדשאַפט, פון דער סביבה און מענטשן, וואָס גרינדן אַ נייעם ישוב.

וויטס טעכניק איז אַ געמיש פון דירעקטן נאַראַטיוו און פּאָעטישן אימפּרעסיאָניזם. דער מחבר געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון מאָדער־ניסטישע, אימפּרעסיאָניסטישע ראָמאַניסטן. אָבער קונסט באַדייט אָפּקלייב, די סעלעקציע צווישן פּאַרבייגייענדיקן און דויערנדיקן, און אין דעם ראָ־מאַן זענען אַריין צו פיל קלייניקייטן אָן באַדייטונג און אָן לעבן. לאָמיר דאָ באַטאָנען, אַז דער מחבר שאַפט נישט סתם רעאַליסטישע ראָמאַנען און אַפילו אין די ערטער, ווו ער גיט אָן עקספּרעסיע פון רעאַליטעט, נעמט עס אויך אַרום דאָס, וואָס מענטשן גלויבן צו זיין רעאַל אין זייער זיין, דאָס

מיינט אויך זייער זעלישער צושטאַנד און סימבאָליזם, וואָס קומט ביי אים אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין די „רייטער".

אין דעם ווערק זענען פאַראַן פיר פּאַראַלעלע געשיכטעס און יעדערע פון זיי איז אַ טעמע פון אַ באַזונדער ווערק. דער מחבר פירט צונויף אויף דער קאַנווע פיר באַזונדערע טיפּן, וועלכע ער פאַרקניפּט אין זיין נאַראַטיוו. מיר טרעפן מיס העיר, אַ פרוי, וואָס לעבט צווישן צוויי וועלטן, (ווי טעאָדאָראַ גודמאַן אין „דער מומעס געשיכטע"). דעם אַבאָרידזשין־מאָלער, אלף דובאָ, די וועשין. מרס גאָדבאָלד און דעם יידישן פּליט, הימלפּאַרב; סימבאָליש פאַר די אַלע געשטאַלטן איז זייער קאַפּאַציטעט צו דערזען דאָס טיפע, וואָס באַוועגט זיך אונטער דעם אויבערפלאַך פון לעבן. עס פאַראייניקט זיי אויך, טראָץ די מחיצות פון ראַסע, געבורט, דערציִונג און לעבנס־דערפאַרונג — דער מאָטיוו פון ווערן איזאָלירט, אָפּגעוואָרפן דורך מענטשן און סביבות, די דערנידערונגען, וואָס זיי שטייען אויס און די טיפע שרעק פאַרן לעבן. אין דער קעגנזייטיקער וויזיע (הגם פאַר יעדן איינעם אַנדערש), איז דאָך פאַראַן אַ קנופּפּונקט פאַר אַלע פיר, וועלכע טרעפן זיך אויף אַ גרענעץ־פּונקט פון דער אויסטראַלישער סביבה.

אַמווייניקסטן איבערצייגנדיק איז אויסגעקומען דער אַבאָרידזשין־מאָלער, דובאָ, און אַמשטאַרקסטן — דער יידישער העלד, דער געוועזענער דייטשישער פּראָפעסאָר, וואָס איז על פּי נס נישט פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע און איז ווי אַ פּליט אָנגעקומען קיין אויסטראַליע. אין דער פולער צייכענונג פון דעם יידישן העלד און זיין טראַגישע לעבנס־געשיכטע ברענגט דער מחבר אַרויס אַ ברייטע גאַמע ענטפערס אויף פראַגן: — „ווער ביסטו ?" (— ראַסע, פאָלק, אָפּשטאַם, סאָציאַלער סטאַטוס). און דער ענטפער אויף די פראַגעס רופט אַרויס אַנדערע: „פאַר וואָס ביסטו ?" און „וואָס ווילסטו ?" פּעטריק ווהייט מאָלט אין בעלעטריסטישע פאַרבן די ענטפערס אויף די אַלע פראַגעס. און דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס דער פרעמדער פאַר אים טיפּ, דער ייד וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד, פון אַ ווייטער געאָגראַפישער און נאָך ווייטערער גייסטיקער לאַנדשאַפט, איז ביים אויסטראַלישן שרייבער אַרויסגעקומען דער קינסטלעריש־איבערצייגנדיקסטער אין דעם ווערק. מיטן גאַנצן ווען פאַרקערפּערט ער זיין טיפע אמונה און איבערצייגונג, אַז „גייסטיקער גלויבן איז אַן אַקטיווע מאַכט, וואָס וועט באַפעלקערן די וועלט נאָך יעדן פּרווו פון מענטשן אַקטיוו צו פאַרניכטן זי".

בעת די אַנדערע העלדן געהערן צום עבר (אַ ווייטערן אָדער אַ נעגטערן), געהערט הימלפאַרב צו היינטיקער אידענטיפיצירונג. ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס דעם יאָך פון אינדיווידועלער ווי פון זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים ווי אַ מין אינטויִטיווער התגלות אין דער מענטשלעכער נשמה. אין זיין פּאָרטרעט איז פאַראַן אַ פּאַרטיפטער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, וואָס איז מיט קינסטלערישע פעדעם אַריינגעניייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער טעמע, אָנהייבנדיק פון הימלפאַרבס דערשיינען אויפן האָריזאָנט ביז זיין פאַרשווינדן, ווען ער ווערט אין דעם אויסטראַלישן דאָרף געקרייציקט דורך אַ גרופּע שיכורים.

דער מחבר באַנוצט זיך מיט סאַטירע ווי אַן אינסטרומענט צו צייכענען די בייזוויליקע פּליאַטקעס, וואָס קורסירן צווישן די קירכע־מתפּללים. ער ברענגט אַרויס אין שאַרפע גראָטעסק־שטריכן אַ ייד אַן אַלרייטניק, וואָס וויל פאַרדעקן זיין יידישן אָפּשטאַם. דער מחבר קאָנפראָנטירט די ווירדיקע האַלטונג פון הימלפאַרבן קעגן דער אומווירדיקער פון זיין יידישן אַרבעטס־געבער, דעם זעלבסט־פאַרלייקענער, וועמענס פרוסטראַציעס דערפירן אים צו משוגעת און זעלבסטמאָרד, בעת הימלפאַרב האָט אַפילו אין זיינע טראַגישסטע איבערלעבונגען אין די מלחמה־יאָרן נישט אונטערגעגעבן זיך פאַרצווייפלונג.

פּעטריק ווהייט איז אַ פּראָזאיִקער מיט פאַרנעם און סטיל. צייטנווייז גלאַנצט ער מיט אַ פינקלדיקן דיאַלאָג און סובטעלער באַהאַנדלונג פון טיפּאַזש.

זיין בליק איז טיף, שאַרף, דורכדרינגענדיק און קיל באַטראַכט. ער פאַרמאָגט דעם זעלבסטבאַוווּסטזיין פון אַ שרייבער, וואָס פאַרמעסט זיך צו שאַפן דעם גרויסן אויסטראַלישן ראָמאַן. ער האָט זיך מיט הצלחה פאַרמאָסטן אויף דעם גרויסן לייוונט פון „דער בוים פון מענטש״, ווו ער מאָלט די פּיאָנערישע פאַזע, און אין די „רייטער״ — די הומאַנישע פּראָבלעמען אין געביטן, וואָס זענען שוין אַריבער דעם פּיאָנערישן גבול. זיין טיפערע אינטערפּרעטאַציע פון מענטשלעכע ווערטן אין אונדזער צייט, זיין דורכלייכטן טיפערע פּסיכישע פּראָצעסן האָט אים פאַרשאַפט אַ גרויסע רעפּוטאַציע נישט נאָר אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, נאָר אויך מחוץ דעם קאָנטינענט.

הענרי לאָוסאָן — דער אויסטראַלישער טשעכאָוו

די אויסטראַלישע ליטעראַטור איז נאָך עד היום ווייניק באַקאַנט דער וועלט. אמת, נאָך דעם צווייטן וועלטקריג איז דער אינטערעס געשטיגן און אין אויסלענדישע אַנטאָלאָגיעס ווערן אַריינגענומען אויסטראַלישע דערציילונגען און לידער. אייניקע ווערק פון אויסטראַלישע שרייבערס זענען באַרימט געוואָרן נישט נאָר אין די ענגליש־רעדנדיקע לענדער.

אָבער טראָץ דעם דערפאָלג פון עטלעכע גרויסע קינסטלערס אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ליטעראַרישער אַרענע, זענען נאָך אַלץ פאַראַן מיינונגען, אַז די ווערק פון אויסטראַלישע שרייבערס דאַרפן באַטראַכט ווערן. ווי אַן אָפּצווייג פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

אָט דער צוגאַנג איז נאַטירלעך אַן אַנאַכראָניזם פון די קאָלאָניאַלע צייטן אין פאַריקן יאָרהונדערט, ווען ענגלאַנד איז געווען די היים פאַר דער „עליטע" אין דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ביז אַרום 1890 איז די טעמאַטיק פון אויסטראַלישן שאַפן געווען דורכויס אַ קאָלאָניאַל־באַפאַרבטע. די שרייבערס זענען געווען ענגלישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן אויף אויסטראַליע געקוקט דורך ענגלישע ברילן. און די לייענערס זענען דאָך אויך געווען אָפּשטאַמיקע פון דער „היים", ווי זיי פלעגן באַצייכענען ענגלאַנד אין זייערע ווערק.

ווען מיר לייענען די ראָמאַנען פון הענרי קינגסלעי, פון מאַרקוס קלאַרק און פון די אַלע אַנדערע ראָמאַניסטן אין אויסטראַליע פון דער קאָלאָניאַלער תקופה, שפּירן מיר די היימבענקשאַפט און דעם טרוים צו קענען צוריקפאָרן קיין ענגלאַנד. זאָגט דאָך דער העלד פון הענרי קינגסלעי, סעם באַקלעי: „וואָס פאַראַ געזעלשאַפט קען אָט די קליינע קאָלאָניע (אויסטראַליע) מיר געבן, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס שטייט אָפן אַפילו פאַר אַ פערטקלאַסיקן „דזשענטלמאַן" אין ענגלאַנד?"

די זעלבע דערשיינונג איז אויך אין דער אויסטראַלישער פּאָעזיע.

אגב, כאָטש צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים האָט זיך די פּאָעזיע פריִער אַנטוויקלט, ווי די פּראָזע (דאָס איז כמעט געשען אין יעדן לאַנד פון ווערן), זענען אָבער אין די ערשטע הונדערט יאָר פון דער אויסטראַלישער קאָלאָניע אויפגעקומען נאָר מינאָרע פּאָעטן. בלויז יחידים האָבן אַרויס־געוויזן אַ געוויסן אויסדרוק פון אינדיווידואַליטעט (לדוגמא, טשאַרלס טאָמפּסאָן, הענרי קענדל, אַדאַם לינדזעי גאָרדאָן), זייער פּאָעזיע, געשריבן אין אויסטראַליע, איז אָבער נישט געווען קיין אָנהייב פון אויסטראַליאַנאַ, נאָר דער המשך פון ענגלאַנד.

דער זייער פּאָפּולערער דיכטער (בשעתו) איז אַדאַם לינדזעי גאָרדאָן (1833—1870), וועמענס ביוסט עס שטייט אין וועסטמינסטער איז באַ־טיטלט „אויסטראַלישער פּאָעט", אָבער ווען מען לייענט זיינע לידער, קען מען צו מאָל נישט וויסן, אַז ער איז אַפילו געווען אין אויסטראַליע (ווו ער איז געקומען יונגערהייט). ער איז ביזן טויט פאַרבליבן אַן ענגלענדער, נישט איינגעבירגערט אין דער אויסטראַלישער סביבה. זיינע פּאָעמעס זענען אַ מין בראַוואַדאָ־אַוואַנטוריזם, וואָס האָט פאַרדעקט זיין אינערלעכע מעלאַנכאָליע (ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן).

אויך ביי פיל אַנדערע איינגעוואַנדערטע דיכטער זענען די פּאָעטישע וואָרצלען אויסגעטריקנט געוואָרן אויפן אויסטראַלישן באָדן. נישט קיין וווּנדער, וואָס דער מעבר לים איז פאַרבליבן דאָס אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע היימלאַנד.

*

ביים סוף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט איז אַנטשטאַנען אַ ליטעראַרי־שער רעוואָלט פון דעם יונגן דור שרייבערס, געבוירענע שוין אין אויס־טראַליע. זיי האָבן אָנגעהויבן דעם קאַפּיטל אויסטראַליאַנאַ, געשריבן וועגן זייער אייגן לאַנד פון פערזענלעכער דערפאַרונג און איבערלעבונג. די הי־געבוירענע הייבן אָן דאָמינירן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, וואָס ווערט אויס גלות־טעמע, מער נישט קיין עכאָ פון ענגלאַנד מיט די נאָסטאַלגישע באַגלייט־קלאַנגען. זיי שאַפן און שרייבן פאַר אויסטראַליער, און נישט פאַר לייענער, וואָס לעבן נאָך אַלץ מיט דער אַלטער היים.

אָט דער רעוואָלט איז מיט זיין שפּיץ געווענדעט קעגן דער אייראָ־פּעישער ליטעראַרישער טראַדיציע, וואָס די עליטע האָט פאַרטראָגן אין איר שאַפן. דער זאַמלפּונקט פון דער בונטאַרישער שרייבער־גרופּע ווערט

דער ניי־געגרינדעטער זשורנאַל „בולעטין" (1880). דער רעדאַקטאָר, י. פ. אַרטשיבאַלד האָט אין דעם זשורנאַל באַלד אָוועקגעשטעלט אויס־טראַליע, ווי די היים, און פאַרבעטן טאַלאַנטירטע יונגע מענטשן צו שרייבן אין דעם זשורנאַל. עס האָבן זיך אָפּגערופן באַגאַבטע שרייבערס מיט אַן אייגענעם שעפערישן אידיאַם און מיט אַן אָריגינעלן אויסדרוק פונעם אויסטראַלישן פּייזאַזש, פון פיזישן און אינטעלעקטועלן קלימאַט, און אינספּירירט פון זייער סביבה. האָבן זיי גערעדט מיט אַן אייגן קול וועגן דער וואָר און וויזיע פונעם יונגן קאָנטינענט, געשטאַלטיקט די ראַנגלע־נישן און האָפענונגען פון דעם נייעם דור אויפן היגן באָדן.

פון דער פּלעיאַדע יונגע שרייבערס האָבן זיך אַרויסגערוקט אויבן אָן צוויי טאַלאַנטן אין באַלאַדע און אין דער קורצער דערציילונג. אינעם ערשטן זשאַנער האָט אַרויסגעגלאַנצט א. ב. פּעטערסאָן („באַנדזשאָ"), אין צווייטן — הענרי לאָוסאָן. זיי ביידע האָבן געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג אויף דער פאָרמירונג פון אַ נאַציאָנאַלער אויסטראַלישער לי־טעראַטור.

דאָס תוכיקע אין זייער שאַפן איז טאַלאַנטפול איינגעוועבט אין דער אויסטראַלישער מיליע, וואָס האָט זיי אינספּירירט מיט דעם ספּעציפישן אידיאַם פון דער סביבה און לעבנסשטייגער. זיי האָבן געשריבן נישט ווי מענטשן מן הצד, נאָר ווי אינעווייניקסטע, וואָס לעבן מיטן פאָלק, מיטן אַרבעטסמענטש און זיין „סלענג". דאָס האָט געלייגט דעם זיגל אויף אַ נייעם פאָלקסגעבורט, געשטיצט אויף דעמאָקראַטישקייט, אָן די „קלאַסן" פון ענגלאַנד.

וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן דאָ אויף דעם גרונטלייגער פון דער קינסטלערישער אויסטראַלישער באַלאַדע, א. ב. פּעטערסאָן (וועגן אים שרייב איך אויף אַן אַנדער אָרט), נאָר אויף דעם שעפערישן לעבן פון הענרי לאָוסאָן, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר דעם אויסטראַלישן טשעכאָוו. די צוויי קינסטלערס, פּעטערסאָן און לאָוסאָן, האָבן אַ הויכע רעפּוטאַציע אין לאַנד, און דער שטויב פון דער צייט האָט דאָס בעסטע פון זייער שאַפן ביז היינט נישט אויפגעגעסן. זיי זענען געוועזן די ראשי המדברים פון „יונג־אויסטראַליע" און אַרויסגעבראַכט דאָס ספּעציפיש־אויסטראַלישע פּו־נעם היגן פאָלקסמענטש און פון דער היגער לאַנדשאַפט; זיי האָבן אָנגע־צייכנט די ריכטליניעס פאַר אַן אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, וואָס איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך שפּעטערדיקע דורות שרייבערס.

אָבער קודם כל איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן אין קורצע שורות אויף דעם רוישטאָף.

*

איבער די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דעם פינפטן קאָנטינענט, ביי די קעמפּ־פייערן, אָדער אין די געצעלטן פון די וואַלשערערס, אין אַלע ערטער פון „בוש" ווו מען האָט זיך געטראָפן, זענען געזונגען געוואָרן באַלאַדעס פון אַנאָנימע מחברים וועגן לעבן, מורא, האָפענונג. דאָס איז געווען אַ ליטעראַטור בעל־פּה אין אַ ספּעציפישן אידיאָם, פאַרוועבט אין לעגענדעס און פאַנטאַזיעס אַרום געשעענישן ביי די בערג און טייכן פון פּוסטן קאָנטינענט. אין די געזונגענע לידער און אין די דערציילונגען בעל־פּה איז פאַרקערפּערט געווען אַ טיפער הומאַניסטישער עלעמענט מיט אַ שטאַרקן אַקצענט אויף חברישקייט, גערעכטיקייט, ברידערלעכקייט.

דאָס פאָלק איז געווען יונג, געזונט, געהאַרטעוועט אין געראַנגל מיט דער רויער סטיכיע פון די ענדלאָזע גרויסע שטחים אויסטראַלישער קרקע־בתולה און ווילדן בוש. אין די באַדינגונגען פונעם ווילדן הינטערלאַנד איז איינער דעם צווייטן געוואָרן אַ ברודער אין גורל און אַן אח לצרה. דער בוש־מענטש, דער וואַלשערער און לאַנדאַרבעטער האָט אין פעטערסאָנען און אין לאָוסאָנען געפונען זייער אידענטיפיקאַציע, דעם פּאַספּאָרט פון דער סאָציאַלער און געאָגראַפישער סביבה.

לאָוסאָן האָט מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט דורכגעלויכטן פון אינעווייניק דעם אויסטראַלישן מענטש. ער האָט אים געזען אין די בירשענקען („פּאָבס") ערגעץ־ווו אין אַ פאַרוואָפּענעם העק און געקענט די פּשוטסטע זאַך פון לעבן אַנלאָדן מיט באַדייטונג און מיט דער אוממיטלבאַרקייט פון זיינע געדאַנקען און געפילן. אין אַ האַלב טוץ ווערטער האָט ער געקענט געשטאַלטיקן זיינע פאַרשוינען: טרעמפּס, פיטרייבער, שעפסן־שערער, בוש־וואַנדערער. יעדן פון זיי האָט ער געפורעמט דורך אַ פּשוטן אומשול־דיקן דיאַלאָג אין אַ מין הומאַריסטישן רעאַליזם. זיין הויפּט־כוח איז געוועןביים פורעמען אַן אינטימען שמועס אין טאָג־טעגלעכן אידיאָם, צו מאָל אַ ביסל סענטימענטאַל, אַ קאַפּעטשקע מיט חוזק, אָבער מיט ליבשאַפט און אויפריכטיקייט, און בעיקר מיט אַ פרישקייט און וויזועלקייט, מען זאָל עס קענען זען ברייטער, טיפער, ווי פריער.

שוין זיין ערשטע דערציילונג „זיין פּאַטערס חבר", האָט באַוויזן זיין קינסטלערישע שפּירעוודיקייט, אַבסערוויר־קראַפט און פעיִקייט צו קאָמוניקירן די וויזיע פונעם אויסטראַלישן פּאַלקסמענטש. ער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונעם פּראָפעסאָר פון סידנעער אוניווערסיטעט, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך דעם מחבר פון אַ פּאָעמע וועגן שיפסברוך געדרוקט אין „בולעטין". ווי דערשטוינט איז ער געווען, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך אַ ייִנגל — און שוין מיט אַזאַ דיכטערישער קראַפט!

באַוווסט זענען די דערציילונגען זיינע, וואָס האָבן עד היום נישט פאַרלוירן זייער פרישקייט. צו זיי געהערט אַזאַ דערציילונג, ווי „דעם פּיטרייבערס ווייב" — אַנצורופן איינע פון זיינע שאַפונגען, וווּ ער האָט דערגרייכט מייסטערשאַפט אין דער געשאַפענער אַטמאָספער, אין דער אַנגעלאָדענער שטימונג און אין דער פּלאַסטישער שילדערונג פון אַ פרויס איינזאַמקייט אין די מרחקים פון אויסטראַלישן הינטערלאַנד, די טויטסכנות, וואָס זי לעבט דורך (צוליב אַ גיפטיקער שלאַנג). זיין דרך־ארץ פאַרן אמת האָט אים פאַרהיט פון אַ פאַלשן קלאַנג צוליב אַן עפעקט. זיין וואָרט־עקאָנאָמיע און פּרעציזקייט פון געמעל גייט אין דער טיף מיט נאַטירלעכער פּשטות און שטילן פּאַטאָס. טייל מאָל שניידט זיך דורך אַ זייטיקע באַמערקונג מיט אַ בליץ. „אַ מאַן האָט נישט ליב אַ פרוי, באַמערקט דזשעק, ווייל זי איז שיין, קלוג, באַגאַבט, באַחנט, אָדער ענלעכס. נאָר צוליב דעם אופן ווי זי קראַצט זיך ביים אויער..."

אין לאָוסאָנס דערציילונגען באַגעגנט מען זיינע אויטענטישע שטריכן. נישט ווייניק פון זיינע פאַרשוינען פון די „סלאַמס" אין שטאָט, אָדער פון „בוש" אין הינטערלאַנד, זענען לעבנס־דורכגעפאַלענע מענטשן, רעזיגנירטע, וואָס זוכן זייער יאוש צו פאַרגיסן מיט שיכרות. אין די פּאָרטרעטן און שילדערונגען איז דאָ דעם מחברס אייגענער דורכפאַל אין לעבן. קוקן זיינע העלדן אויף צוריק צום נעכטן, אויף די דורכגעלאָזטע שאַנסן מיט פאַרוווּרפן צו זיך אַליין, ווי דער באַעוולטער פון גורל, וואָס טראָגט זיך תמיד אַרום מיטן געדאַנק: „וואָס ער האָט אַלץ געקאָנט ווערן, ווען נישט..." — — —

געאָגראַפיש פאַרנעמט דער שטח פון לאָוסאָנס געשילדערטער סביבה אַ גרויסן פּלאַץ. די סביבה גופא איז אָבער באַגרענעצט און נעמט אַרום דעם נידעריקסטן שיכט פון דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט, דעם נידע־

ריקסטן אויפן סאָציאַלן לייטער, די אומפּריווילעגירטע. אין דעם שיכט האָט ער געזען חברישקייט, לאָיאַליטעט — די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונעם אויסטראַלישן פאָלקסמענטש; צו אים האָט ער זיך אַדרעסירט און פון זיין לעבן האָט ער גענומען דעם רוימאַטעריאַל פאַר זיינע ווערק.

לאָוסאָן און זיינע קאָלעגן פון דער „בולעטין"-גרופּע האָבן געבראַכט צום אויסדרוק אין זייערע שאַפונגען דעם פערמענט פונעם יונגן אויסטראַ־לישן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין פּראָצעס פון ווערן. זיי האָבן געשריבן מיט אַן אָנשטעקנדיקן ענטוזיאַזם פאַר אַ לייענער, וואָס לעבט אין אַ קאָנטינענט אין אַ פליסיקן צושטאַנד. דאָס אַרויסברענגען די אויסטראַלישע סצענע אויף אַ שעפערישער קאָנווע איז געווען דער היפּוך פון די פריערדיקע גלות־שרייבער, וואָס האָבן ליטעראַריש געלעבט אויף ענגלישע קעסט. די נייע שול האָט זיך אין יענעם פּעריאָד צונויפגעטראָפן מיט אַ מעכטיקן דראַנג צו בויען אַ נייע געזעלשאַפט אויף דעם קאָנטי־נענט, אַ בעסערע ווי די אין דער אַלטער וועלט.

אָט דער אידעאַליזם מיט זיינע פּאָטענציעלע אימפּולסן האָט באַקומען אַ קינסטלערישן זיגל אין לאָוסאָנס דערציילונגען (אין פּערז איז זיין אויסדרוק געווען אַ סך שוואַכער, בעסער — אין דער סאַטירישער באַלאַ־דע), ווו ער האָט דערגרייכט טיפקייט דורך קינסטלערישער פּשטות. אין זיין פּראָזע געפינט איר אַ גאַנצע וועלט, אמת, נישט קיין רחבותדיק־גרויסע, אָבער אַ יסודותדיקע און סאָלידע, וואָס שטייט אויף אַ געזונטן, נאַטיר־לעכן באָדן. מענטש און נאַטור האָבן דאָ אַ באַשותּפותדיקן עלעמענט פון אַ נייעם בראשית. די ווילדע נאַטור־סטיכיע, וואָס האָט אויף די ערשטע אימיגראַנטן אָנגעוואָרפן אַזאַ אימה, האָט אויפגעהערט שרעקן דעם הי־געבוירענעם, וואָס איז אויסגעוואַקסן און זיך פאַרהאַרטעוועט אין געראַנגל מיט די ווילדע נאַטור־כּוחות. זיי זענען נישט קיין העלדן, עס איז נאָר העלדישקייט פונעם גראָען מענטש אין זיין האַרטנעקיקן קאַמף פאַרן לעבן.

ביים לייענען לאָוסאָנס דערציילונגען איז מיר אָפט געקומען אויפן געדאַנק אונדזער ליבער אברהם רייזען. ביי זיי ביידע פינקלען דאָך אַרויס טיפּע מענטשלעכע ווערטן פון די אַנאָנימע, שטילע העלדן, מענטשלעכ־קייט ווערט רעאַליזירט אין קליינע זאַכן, וואָס מאַכן גרויס. לייענסט לאָו־סאָנען און שפּירסט די אוניווערסאַלקייט פון אונדזער אייגענער יידישער ליטעראַטור. די זעלבע הומאַנישע וואַרעמקייט און פּשטות פונעם פאָלקס־

מענטש. די לויטערע תמימותדיקייט און לייכטע איראָניע איבער דעם לעבנסגאַנג מיט די דורכגעלאָזטע מעגלעכקייטן. איך וואָלט געקענט ברענגען אַ ריי אַנאַלאָגיעס פון די צוויי שרייבערס און אָנווייזן אויף דאָס בשותפותדיקע צום מין מענטש: די קלעפּ פון גורל, די קליינע צוגעטיילטע פרייד און די גרויסע פּאַרציע פּיין און טרויער.

אין זיין דערציילונג „דזשאַי ווילסאָנס חתנשאַפט" איז דאָ אַזאַ לאַוסאַנישער דיאַלאָג:

— מערי, פּאַר וואָס ווילסטו מיך נישט קושן, האָסטו מיך נישט ליב?

— דערפּאַר — האָט זי געזאָגט, — ווייל איך טראַכט, אַז אַ מיידל קושט אַ מאַן נאָר ווען זי גייט ווערן זיין ווייב... — דאַן האָב איך זיך דערמאָנט, אַז כ'האָב דאָך פאַרגעסן צו פּראָפּאָנירן...

— מערי, — האָב איך געזאָגט — וואָלסטו געוואָלט חתונה האָבן מיט מיר?...

לאַוסאָן שילדערט ווייטער אַ שמועס מיט מעריס אַפּוטרופּוס, אַ געוויסער מר. בלעיק. זיי רעדן זייטיק, נישט באַרירנדיק דירעקט דעם עצם ענין, ביז בלעיק זעט איין, אַז מעריס חתן (וואָס אַרבעט ביי אים), האָט נישט די דרייסטקייט צו רעדן וועגן זיין חתנשאַפט. כדי צו פאַרלייכטערן אים די עובדה, גיט ער אים כלאחר יד אַזאַ פרעג:

— נו, דזשאַי, האָט בלעיק געזאָגט, וואָס איז עס? ווילסט אַן אַנדער „דזשאָב"?

— ניין, האָב איך געזאָגט, עס איז נישט דאָס.

— נו, וואָס איז דאָס, דזשאַי?

— איך — נו, עס איז אַ פאַקט, איך וויל די קליינע מערי...

מר. בלעיק האָט פאַרצויגן די ליולקע אַ לאַנגע צייט. איך האָב געמיינט, אַז ער זאָגט עפּעס.

— וואָס האָט איר געזאָגט, באָס?

— גאָרנישט, דזשאַי, — האָט ער געענטפערט — איך האָב געוואָלט זאָגן אַ סך, אָבער צו וואָס... מיין טאַטע האָט אַ סך גערעדט איידער ער האָט חתונה געהאַט?

דזשאַי האָט געוואַרט אַ לענגערע צייט דער באָס זאָל ווייטער רעדן.

— נו, באָס — האָב איך זיך אָפּגערופן — וואָס איז מכוח מערין?

— אַה! כ׳מיין, אַז ס׳איז אין אָרדענונג, דזשאַי, זיי מיר מוחל. איך האָב געטראַכט פון יענער צייט, ווען איך בין געווען אַ חתן פאַר מרס. בלעיק...״

איך האָב נאָר ציטירט דעם סוף פון נאַראַטיוו, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ טיפּן עכאָ פון בלעיקס אייגענעם לעבן, אַן עכאָ מיט אַ מין מיסטע־ריעזן באַריר פון דערמאָנאָשאַפט. ביים לייענען האָט זיך עפּעס אַסאָציִירט פון אונדזערע קינדער־יאָרן, ווען מיר האָבן אַריינגעוואָרפן אַ שטיין אין טייך און געקוקט אויף די אַנטשטאַנענע רינגען ביז זיי פלעגן פאַרשווינדן. לאָוסאָן פאַרמאָגט דעם דערציילערישן כוח אַרויסצורופן אין געמיט עכאָס פון פאַרשווונדענע יאָרן מיט זייערע טרוימען און פאַרלאַנגען. אָט דער עכאָ איז אַ מאָל ביי אים סענטימענטאַל (אין זיינע שוואַכערע דערציילונ־גען), אַ מאָל איראָניש באַהויכט מיט אַ לייכטן הומאָר, אָבער קיין מאָל נישט ציניש; גיכער טראַגיש, הומאַניזירט.

אין זיינע בעסערע דערציילונגען איז דער נאַראַטיוו דיסקרעט אָרקעַ־זשירט. עס איז אַ מין אויסטויש צווישן נאַראַטאָר און לייענער, באַהויכט מיט פּערספּעקטיוו אַרום דער אומזיכערקייט פון מענטשלעכן גליק. אויף וויפל עס איז אים געווען מעגלעך, האָט ער אויסגעמיטן דעם עפעקט פון אַ פאַרדרייטן אויסלאָז ביים סוף פון אַ דערציילונג, ווי אין אָ. הענריס דערציילונגען, און אויך דעם קאָנווענציאָנעלן סוף, דעם טיפּישן, ביי אַ ריי שרייבערס. דערפאַר געפינט איר ביי אים אַן עכאָ מיט אַ פאַרוויכטן און פאַררונדיקטן טאָן, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט באַדייטונג און נישט דערזאָגטקייט. נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: לייכטער הומאָר און סאַטירע איז קיין מאָל נישט געווען ווייט פון אים. ער האָט עס געקענט אַפילו אויסדריקן אין אַ נאָמען פון אַ דערציילונג (לדוגמא, אַ קעפּל: „דער יוניאָן באַגראָבט זיינע טויטע״).

✶

איך האָב אין מיין קעפל באַצייכנט לאָוסאָנען, ווי דער אויסטראַלי־שער טשעכאָוו, זיכער נישט אין זיינען פון טאַלאַנט, נאָר אין זייער בשות־פותדיקן זשאַנער און מעטאָד פון באַהאַנדלען און אופן פון אַנטוויקלען אַ דערציילונג. אָבער אויך אין דעם זענען פאַראַן צווישן זיי געוויסע אונטער־שידן, וואָס טיילן זיי פאַנאַנדער. דאָס, וואָס בינדט זיי, איז טעמאַטיק און

פאַרעם און דער דינער הומאָר, וואָס איז געווען אַזוי אייגןביידע קינסט־לער. איך וואָלט געקאָנט עס אילוסטרירן מיט ביישפּילן פון זייערע דער־ציילונגען, טייל מאָל אַפילו אין דעם אָנהייב. אָט, למשל, הייבט טשעכאָוו אָן אַ דערציילונג בזה הלשון: „דער אויפזעער האָט צו מיר געזאָגט: „איך האַלט דיך נאָר צוליב דיין בכבודיקן טאַטן. דיך אַליין וואָלט איך שוין לאַנג געשיקט פליִען". איך האָב אים געענטפערט: „לויבסט מיך צו פיל זאָגנדיק, אַז איך בין בכוח צו פליִען".

עפּעס ענלעכס קען מען געפינען אויך אין לאָוסאָנס אופן פון דער־ציילן, אין אַ לייכטן אומשולדיקן דיאַלאָג פון זיינע טיפּן, איבערהויפּט מע־נער־שמועסן. קומט מען צו די פּרויען־געשטאַלטן, וואַקסן גלייך אויס גרויסע אונטערשידן. לאָוסאָנס ווייבער־טיפּן פאַרמאָגן נישט די ווירקלעכקייט און דעם שאַרם פון טשעכאָווס פּערסאָנאַזשן. זיי זענען מער באַגרענעצט אין זייער לעבנס־באַנעם, פאַרמאָגן ווייניקער אינדיווידואַליטעט. לאָוסאָ־נען האָט אויך געפעלט טשעכאָווס חוש פאַר טיפער דראַמאַטישער אַנט־וויקלונג. ער האָט נישט באַוויזן אַרומצורינגלען זיינע דערציילונגען און העלדן מיט אַן אייגענער אַטמאָספער ביים כאַראַקטעריזירן זייערע פּסיכישע אייגנשאַפטן.

ביי אַלע אונטערשידן אָבער איז דאָך פאַראַן אַ שטאַרקע פּסיכישע קרובהשאַפט צווישן טשעכאָווס רוסישע, דאָרפישע טיפּן און לאָוסאָנס אויסטראַלישע פאַלקסמענטשן. ביידע קינסטלער האָבן אַרויסגעשפּיגלט פון אינעווייניק דאָס לעבן פון זייערע פעלקער און לענדער, וואָס זענען געאָ־גראַפיש אַזוי ווייט פון זיך, און אַזוי אויך אין זייער אַנטוויקלונג.

מערקווירדיק איז דאָ נישט נאָר דער קאָנטראַסט פון זייערע לענדער און מענטשן, נאָר אויך דער לעבנסוועג פון די צוויי קינסטלערס. וועל איך דאָ נישט דערמאָנען שטריכן פון טשעכאָווס לעבן און שאַפן (דעם בעסערן יידישן לייענער זענען זיי באַקאַנט), נאָר גלייך איבערגיין צו די וויכטיקסטע שטריכן פון לאָוסאָנס ביאָגראַפיע, אָט די, וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף זיין שאַפן.

✶

פון זיין פאָטער — אַ נאָרוועגישער אימיגראַנט — האָט הענרי לאָו־סאָן געירשנט אַ פּסיכישע אומבאַלאַנסירטקייט, וואָס האָט באַווירקט זיין

אויספירונג ביז זיין טויט. פון זיין מוטער — אַ פרוי מיט ראַדיקאַלע אָנ־שויונגען — האָט ער געירשנט זיינע צאַרטע געפילן, זיין שטרעבן צו סאָציאַלן יושר. אין זיין כאַראַקטער, ווי אין זיין שאַפן, איז בולט דאָס מוטערלעכע, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין פאַרשידענע פאָרמען.

ער איז געווען אַ קינד פון אַ צעבראָכענער היים, און איינזאַמער פלעגט ער וואַנדערן איבער פאַרוואָרלאָזטע פעלדער, ווו ער פלעגט אַרומגיין מיט קי.

אין זיין דערציילונג „אַ קינד אין דער פינצטער און אַ פרעמדער טאַטע" זענען פאַראַן אַ סך אויטאָביאָגראַפישע שטריכן אין דער שילדע־רונג פון דער אַטמאָספער אין זיין היים, די קריגערייען צווישן טאַטע־מאַמע. די דעפּרעסיע־שטימונג האָט גאָר שטאַרק געווירקט אויפן סענ־סיטיוון ייִנגל און דערפירט צו פאַטאַלע רעזולטאַטן. ער האָט זיין גאַנץ לעבן נישט געקענט זיך באַפרייען פון שווערע דערדריקנדיקע שטימונגען, וואָס האָבן אים דערפירט צו ווערן אַן אַלקאָהאָליקער. אַלס צוגאָב איז ער נאָך קינדווייז געוואָרן טויב און פון דעם שטאַרק געליטן. דער מום האָט אַ סך צושטייער געגעבן צו זיין מעלאַנכאָליע. פון דער צווייטער זייט האָט דאָס, נאַטירלעך, גורם געווען צו אַ פאַרשטאַרקטער סענסיוויטעט פון זיינע אַנדערע חושים. אַלץ וואָס איז נישט דערגאַנגען צו זיין אויער, האָט ער מיט עמפינדלעכקייט אָבסערווירט און אַריינגעדרונגען דערין מיט זיין זעקסטן חוש.

זיין שרייבערישער אָנהייב איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון זיין מוטער — זיין ערשטע לייענערין, וואָס האָט געגלויבט און דערשפירט דעם זונס טאַלאַנט. זי האָט אַליין אַרויסגעגעבן זיין ערשטלינג „קורצע דער־ציילונגען אין פּראָזע און אין פּערזן" — אַ בוך, וואָס האָט אים באַלד געמאַכט אַ נאָמען. אין געראָטענעם ערשטלינג קענטיקט זיך שוין זיין שאַרפע אָבסערוויר־קראַפט, סענסיטיוויטעט, אָפּקלייב און אַקצענטירונג פון כאַראַקטעריסטישע פּרטים און דירעקטקייט פונעם נאַראַטיוו. די אַלע וואַלאָרן האָבן זיך שפּעטער שטאַרקער פאַנאַנדערגעבליט אין זיינע בע־סערע דערציילונגען.

*

אויסטראַליע האָט נישט קיין געשיכטע מיט טראַדיציעס. עס האָט געפעלט אַ מיטאָס, וואָס זאָל שפּייזן די פאָלקס־פאַנטאַזיע (צוליב מאַנגל

אין עפּעס בעסערס, איז דער „בושרענדזשער" נעד קעלי אין די שפּעטערדיקע יאָרן געקרוינט געוואָרן אַלס מיטאָס — דאָס איז אָבער אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך), איז געקומען לאָוסאָן און געשאַפֿן אַ מיטאָס מיט אַן אויסטראַלישן „פּאַטענט" — חברישקייט און פֿריינדשאַפֿט, וואָס ער האָט אַדורכגעלויכטן אַרום זיינע טיפּן פֿון הינטערלאַנד. ער איז דערפֿאַר געוואָרן נאָך מער באַליבט ביים פֿאָלק, וואָס האָט דערשפּירט אין אים אַן אייגענעם. אויך ער אַליין איז דאָך געווען איינער פֿון די האַלב־הונגעריקע און שטאָלצע מענטשן, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ מייסטערשאַפֿט פֿאַרפּיקסירט, און זיך אַליין אידענטיפֿיצירט גאָר נאָענט מיט זייערע עמאָציעס און גוראַנגלען.

האָבן זיינע שאַפֿונגען באַקומען אַ סך לויבגעזאַנגען, אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג איבערן קאָנטינענט. אָבער פֿון דעם אַלעם האָט ער זיין מאָגן נישט געקענט אָנפֿילן, און דאָס אַפֿילו אין זיינע בעסטע יאָרן.

זיין פֿאַמיליע־לעבן, ווי ביי זיינע עלטערן, האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן, ווען ער האָט דערגרייכט קינסטלערישע רייפֿקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין ירידה — קינסטלעריש, גייסטיק — און ער איז אַראָפּ צו לעבן פֿון קצבה... ער האָט אָנגעהויבן „באַרגן" אויף רעכטס און לינקס, מיט ווערדע, נישט געבעטן, נאָר געפֿאָדערט און אויך נישט, חלילה, באַריסן. צוויי שילינג איז געווען די גרעסטע „הלוואה" זיינע.

*

עס איז אַ טראַגיש בילד פֿון אַ גרויסן אויסטראַלישן קינסטלער, אַ וועגווייזער פֿאַר שפּעטערדיקע דורות שרייבערס, וואָס האָבן גענומען זיינע טיפּן און דערציילונגען פֿאַר מוסטערן, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געלערנט. עס איז פֿאַרבליבן אַ פֿלעק אויף דעם געוויסן פֿון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור דער אופֿן, ווי אַזוי מען האָט באַהאַנדלט איינעם פֿון אירע טאַלאַנטירטסטע זין. לאָוסאָן, וואָס האָט אַזוי פֿיל געגעבן צו דער גרויסקייט פֿון דער אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, איז אין 1910 איינגעזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה צוליב חובֿות. די, וואָס האָבן אים דעמאָלט געזען, שילדערן ווי שרעקלעך ער האָט אויסגעזען בעתן אַרעסט. זיינע אויגן האָבן דערציילט פֿון פּיין און פֿאַרצווייפֿלונג. היינט געפֿינט זיך זיין בילד אויף די אויסטראַלישע צען דאָלאַר־באַנקנאָטן...